ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל

ד. בן-גוריון

אונזער שליחות

ISBN:0-657-12754-X
01-426

תרצ"ד 1934
ווארשע

This book
once owned by a South African reader
has been presented
for future use to the
National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12754

UNZER SHLIHES

David Ben-Gurion

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Martin & Doris Greenberg
In memory of Jonas Landau

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

SALMAN AVIN
CAPE TOWN
NO.........

ליגע פאַרן ארבעטנדן ארץ-ישראל

לאַקין

ד. בן-גוריון

אונזער שליחות

(פאַרווירקלעכונג
פונם ציוניזם און
אויפגאבן פון דער
ארבעטערשאַפט)

ווארשע • • • 1934

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט אַ קורצער צייט צוריק אין העברעיש אין פאַרלאַג „דבר“ אין תל-אביב אונטערן נאָמען „ממעמד לעם“.

דעם ערשטן טייל פונם בוך האָבן מיר איבערגעדרוקט פון די אָריגינאַל-אַרטיקלען פון ח׳ ד. בן-גוריון, וועלכע זענען זיינער צייט דערשינען. די טיילן צוויי, דריי, פיר און פינף, אחוץ דעם קאַפּיטל י׳ אין פערטן טייל און די קאַפּיטלען ו׳ און ח׳ אין פינפטן טייל, האָט איבערגעזעצט פון דער העברעישער אויסגאַבע ח׳ ד. ב. מ א ל ק י ן.

Printed in Poland

D. BEN GURION:
UNZER SZLICHUT

Wydawca: Liga Pomocy Pracującym w Palestynie. Warszawa, Orla 11 m. 7

Składano: „Hadar“, W-wa Mławska 4

Druk. „Grafja“, Warszawa, Nowolipki 7

אינהאלט:

ערשטער טייל:

מיטן פנים צו דער צוקונפט (1915—1918)

		זייט
א.	וואָס ווילן מיר אין ארץ-ישראל?	11
ב.	ווער וועט אונז דאָס לאַנד געבן?	19
ג.	דריי אויפפאַסונגען	21
ד.	די בריטישע דעקלאַראַציע	29
ה.	פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם און די אַרבעטערשאַפט	31
ו.	כלפּי פנים	35
ז.	דאָס לאַנד אָן אַ פאָלק	38
ח.	די אויפבויאונג פון לאַנד.	41
ט.	די יידישע אַרבעטער און ארץ-ישראל	45
י.	קאָנגרעס, ציוניזם און די יידישע אַרבעטערשאַפט	49
יא.	יידישע און נישט-יידישע אינטערעסן אין ארץ-ישראל	53
יב.	ציוניסטישע קאַפּיטאַלן קעגן קאַפּיטאַליסטישן ציוניזם	58
יג.	קאַפּיטאַל און אַרבעט פאַר ארץ-ישראל	62
יד.	די געפאַר פון קאַפּיטאַליזם.	64
טו.	נאַציאָנאַלע אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע	68
טז.	נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן און יידישע אַרבעט	74

צווייטער טייל:

חברת-העובדים (1926—1921)

זייט

א. די ווירטשאַפטלעכע ראָל פון דער הסתדרות 81
ב. עקאָנאָמישע פאַרייניקונג 86
ג. דער פאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד (קפא״י) און די הסתדרות . . 91
ד. אין אונזער אייגענעם רשות 96
ה. די חברת-העובדים 101
ו. „ניר“ 108
ז. ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און פּראָלעטאַרישער קאַפּיטאַל . . . 112

דריטער טייל:

אונזער אייניקייט (1932—1921)

א. צו דער גרינדונגס-קאָנפערענץ פון דער הסתדרות 117
ב. אָרגאַניזאַציע פונם קלאַס אָדער אַ פעדעראַציע פון פּאַרטייען . 121
ג. די פּאַרטיי און די הסתדרות 127
ד. די הסתדרות און די פרייע פּראָפעסיעס 137
ה. די הסתדרות און די פּאַרטיי נאָך דער פאַרייניקונג 145
ו. חלוציזם אויף איינאָרדנונג 163

פערטער טייל:

אונזער קאַמף (1933—1925)

א. די העצע קעגן דער הסתדרות און די רעזולטאַטן 175
ב. דער ארץ-ישראל-אויפבוי און די אַרבעטער 178
ג. די זינד פון דער רעגירונג 180
ד. אַרבעטס-אָפּמאַכן און שטרייק-פאָנד 182
ה. דער אַנטשעדיקונגס-געזעץ 185
ו. דער געזעץ וועגן אַרבעטער-יוגנט-שוץ 190

ז. אונזער קאמף אין די קאָלאָניעס 192
ח. די צענטראַלע פראגע 197
ט. אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט 210
י. יידישע ארבעט און ארגון-משותף 219
יא. אונזער שיטה 227

פינפטער טייל:

אַרבעטער-קלאַס און פאָלק (1925—1933)

א. די נאַציאָנאַלע מיסיע פונם אַרבעטער-קלאַס 243
ב. אויפן וועג צו אַ פאָלקס-באַוועגונג 246
ג. צוויי קלאַסן 249
ד. אונזער שליחות אינם פאָלק 253
ה. זאַך-אָפּבייט 263
ו. דער ערשטער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל 270
ז. פאַרטייען אין ציוניזם און די אַרבעטער-באַוועגונג 283
ח. דער קריזיס אין ציוניזם און די אַרבעטער-באַוועגונג . . . 291
ט. דער אַרבעטער אין ציוניזם 327
י. אויספירן 346

ערשטער טייל:

מיטן פנים צו דער צוקונפט

(1918 — 1915)

* * *

די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט קיין אָפּצווייג פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זי איז נישט קיין אָפּבילד פון איר, — די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ נייע ווענדונג אין דער געשיכטע פון אַרבעט ביי יידן, אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער איז אַנדערש פונם יידישן אַרבעטער אין גלות מיט זיין היסטאָרישן אָפּשטאַם, מיט זיין עקאָנאָמישער סטרוקטור, מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס, מיט זיין נאַציאָנאַלער מיסיע. איז אַנדערש אויך זיין וועג און ניי.

* * *

דורותדיקע פּיין פון אַ צעוויטיקט, היימלאָז פאָלק, אויף וועלכן עס האָט אַ שיין געטאָן דאָס ליכט פון רעוואָלוציע און ווידערגעבורט, האָט געברענגט קיין ארץ־ישראל אַ דרייסטע און אויפטועריש יוגנט, אַ מוטיקע און פאַרעקשנטע, אַ בונטאַרישע און שאַפנדיקע יוגנט, וועלכע האָט אַריינגע־שטעקט די פאָן פון אַרבעט אין ערד פון אור־וויסטעניש. אַזוי איז אַנט־שטאַנען דער ארץ־ישראלדיקער יידישער אַרבעטער — אַ פּראָדוקט און שעפער פון היימלאַנד.

נישט נאָך אַ צווייג, נאָר אַ נייער שטאַם איז אויסגעוואַקסן ביים יידישן פאָלק אין זיין לאַנד — דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס.

די וואָרצלען פון אָט דעם יונגען שטאַם ציען זייער יניקה נישט פון די אַנטוישונגס־קוועלן פונם גלותדיקן יידישן אַרבעטס־געטאָ, נאָר פון געזונ־טע קוואַלן, וואָס האָבן זיך געעפנט אין אויפוואַכנדיקן היימלאַנד. פון זיי שעפּט ער וואוקס־ און שאַפונגס־כוחות, וועלכע עס פאַרמאָגט נישט דער יידישער אַרבעטער אין דער פרעמד.

נישט דאָס אוממעכטיקע בונטעווען זיך און דער פּרוכטלאָזער ברוגז פון אַ באַעוולהטן שטיף־זון, מיט וועלכע ס'איז פול געווען דער חלל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות, האָבן אַרויסגערופן אונזער באַ־וועגונג. גרויספאַרנעמיקע דעראָבערונגס־אַספּיראַציעס פון מלוכה־בויער און פאָלקס־באַפרייער, — זיי האָבן געשאַפן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג.

די, וועלכע האָבן דערקלערט אַ בונט קעגן דער פּיינלעך־נעבעכדיקער עקזיסטענץ פון אַ פון אַרבעס־אָפּגעוואוינטן און פון ערד־אָפּגעריסן פאָלק, זענען געוואָרן דעראָבערער פון אַ לאַנד, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם רידל און אין דער צווייטער — די ביקס.

אָנשטאָט די פון דער פרעמד־געבאָרגטע פאָרמען, מיט וועלכע ס'האָט זיך באַנוצט דער יידישער אַרבעטער אין גלות — ווייל דאָס באָדנלאָזע פאָלק

האָט קיין אייגענעם וואַרשטאַט נישט פאַרמאָגט — האָט דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער פון זיין נייער ווירקלעכקייט אויסגעשמידט זעלבסטשטענדיקע געדאַנק- און טאַט-פאָרמען. אין דעם אויפלעבנדיקן היימלאַנד האָט דער אַרבעטס-האַמער זיין אייגענע קאָוואַדלע געפונען.

* * *

אָט די באַוועגונג אונזערע האָט נאָך נישט איר אויסשעפנדיקן, טעאָרע-טישן אויסדרוק. איר לעבנס-תורה איז נאָך נישט פאָרמולירט אין פעסטע געזעצן און אין אַ גרינטלעכער, אומפּאַסנדיקער שיטה. די שאַפונג און דער קאַמף פון דער יידישער אַרבעט קומען פאַר ביי די שווערסטע און גלייכ-צייטיק פרוכטבאַרסטע באַדינגונגען שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט און האַלטן נאָך פונדעסטוועגן ביים אָנהויב. ס'איז נאָך דעריבער נישט געווען קיין מעגלעכקייט פאַר אַ קלאָרער, טעאָרעטישער באַגרינדונג.

די תורה פון ארץ-ישראלדיקן יידישן אַרבעטער, אויף וויפיל זי איז פאַראַן, איז זי געשאַפן געוואָרן קאַפּיטלעכווייז. מערסטנס איז זי אַנטשטאַנען בעל-פה, — אין דער טאַט, אינם ברען פון דער שלאַכט.

יעדערער, וואָס וויל דערקענען און פאַרשטיין דעם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער, מוז קומען צום ברוכשטול, וואו זיין טאַט ווערט געבוירן, צו דער קאַמף-פּאָזיציע, אויף וועלכער ער געפינט זיך. — און אויך דאָ וועט ער נישט געפינען קיין פאַרענדיקטע און אָפּגעשלאָסענע זאַכן.

* * *

די קאַפּיטלען, וואָס קומען אין דער פאָרליגנדיקער זאַמלונג און זענען געווידמעט די פראַגן פונם קלאַסן-וועג און נאַציאָנאַלער מיסיע פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, זענען אויך נאָר געקליבענע אַרטיקלען און רייד, וועלכע זענען — במשך אַכצן יאָר, פון תרע"ה ביז תרצ"ג — געשריבן און גערעדט געוואָרן דורך איינעם פון די, וואָס שטייען אין דער באַוועגונג. זיי זענען אַנטשטאַנען ביי דער אַרבעט, נישט אין זינען האָבנדיק אויסצושעפּן און צו רעזומירן די באַהאַנדלטע פראַגן, און נישט פרואוונדיק זיי אויפצוקלערן גרינטלעך און סיסטעמאַטיש.

דער ערשטער טייל איז געשריבן געוואָרן אין חוץ-לארץ, אין די שווערע צייטן פון דער וועלט-מלחמה, ווען דער אונטערגעשריבענער איז אַלס „מלוכה-פאַררעטער" „אויף אייביק" אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ארץ-ישראל דורך דזשעמאַל-פּאַשאַ, דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער טערקישער אַרמיי אין ארץ-ישראל, ביים אָנהויב מלחמה.

די איבעריקע טיילן זענען ארץ-ישראלדיקע, אַ חוץ עטלעכע נאָטיצן און פאָרטראַגן, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן, בעת איך האָב זיך אין שליחות פון דער באַוועגונג געפונען אין חוץ-לארץ.

ב. ג.

וואַרשע, ח' סיון תרצ"ג.

א. די ווירטשאַפטלעכע ראָל פון דער הסתדרות

1. פ א ר ש ל א ג

א) די ראָל פון דער הסתדרות איז — צו אָרגאַניזירן און אָנצופירן מיט דער אַרבעט, פּראָדוקציע און פאַרזאָרגונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין שטאָט און דאָרף, אינם אויסשליסלעכן און אַלגעמיינעם רשות פון דער הסתדרות.

ב) די אַרבעטס-דיסציפּלין פון דער הסתדרות פאַרפליכטעט אַלע אירע מיטגלידער בנוגע אָרט, ספּעציאַליטעט און אָרדנונג פון דער אַרבעט.

ג) אַלע ווירטשאַפטן פון די דאָרפישע קבוצות און פון די שטאָטישע פּראָדוציר-און פאַרבדויכס-קאָאָפּעראַטיוועז, גייען איבער מיט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין פולשטענדיקן רשות פון דער הסתדרות העובדים הכללית (אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע). די גערעטעניש און אויסאַרבעטונגען פון די אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין שטאָט און דאָרף — זענען דאָס אייגנטום פון דער הסתדרות.

ד) די הסתדרות איז די איסשליסלעכע אונטערנעמערין פון אַלע עפנטלעכע און פּריוואַטע אַרבעטן אין לאַנד. אַלע אַרבעטער ביי דער רעגירונג, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן און ביי פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן — זענען אָנגעשטעלט דורך דער הסתדרות, און זייער אַרבעטסלוין קומט אַריין אין דער הסתדרות-קאַסע.

ה) אַלע באַדערפענישן פון די אַרבעטער, באַשפּייזונג, קליידונג, וואוינונג, קולטור, מעדיצין, קינדער-דערציונג א. ד. גל. — ווערן באַזאָרגט דורך דער הסתדרות און אויף איר חשבון.

ו) ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די ווירטשאַפטן איז די הסתדרות אויסן קודם-כל צו דערמעגלעכן די פאַרזאָרגונג פון די חברים מיט די מיטלען פון דער קאָלעקטיווער פּראָדוקציע פון דער אַרבעטערשאַפט גופא.

ז) ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט און איר אָנפירונג באַטייליקן זיך אומעטום: 1) פאַך-ספּעציאַליסטן, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער הסתדרות; 2) פאָרשטייער פון דער הסתדרות; 3) פאָרשטייער פון די אָרטיקע אַרבעטער

די קומענדיקע פרידנס־קאָנפערענץ דאַרף אָנער־קענען דאָס רעכט פון דעם יידישן פאָלק צו שאַפן פאַר זיך אַ היים אין ארץ־ישראל. דאָס איז די צענטראַלע פראַגע, וועלכע שטייט אינם מיטלפונקט פון אונזער לעבן. דאָס איז די גרויסע היס־טאָרישע אויפגאַבע, וואָס דער מאָמענט לייגט אויף אונז אַרויף. די שטרעבונג וועלכע איז אַזוי פיל מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די ציוניסטישע קאָנ־גרעסן, די שטרעבונג פאַר וועלכער עס אַרבייטן שוין זייט דרייסיק יאָר אונזערע פאָלקס־פּיאָנערן, די בויער פון ישוב – די שטרעבונג דאַרף איצט נאָך דער מלחמה באַשטעטיקט און אָנערקענט ווערן פונם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

אַרום דעם ציל דאַרפן זיך פאַראייניקן אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע כחות, וועלכע ווילן באַנייען דעם היימאַטס־לעבן פון דער יידישער נאַציע. אַלץ איינס צו זיי האָבן עס אָנערקענט פון פריער, אָדער זיי זענען דערצו ערשט נישט לאַנג געקומען, אַ דאַנק דער וועלט־קאַטאַסטראָפע.

אין וואָס באַשטייט אונזער שטרעבונג אין ארץ־ישראל, און וואָס פאַרלאַנגען מיר איצט אין דעם מאָמענט אין א"י?

קודם כל דאַרפן מיר אונטערשיידן פאָלגנדעס: אונזער שטרעבונג אין א"י איז אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן מיט אַמאָל, אין איין מאָמענט, ווי גרויס, אַנטשידן און גינסטיק דער מאָמענט זאָל נישט זיין. די פאַרווירק־לעכונג פון אונזערע האָפנונגען איז מעגלעך נאָר אין משך פון אַ מער־ווייניקער דויערנדן פּראָצעס. מיר שטרעבן צו קאָנצענטרירן זיך, איינוואָרצ־לען און באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, אַזוי ווי יעדער אַנדער פאָלק איז קאָנצענטרירט, איינגעוואָרצלט און פאַרבינדן מיט זיין לאַנד, ווי פּאָליאַקען אין פּוילן, בולגאַרן אין בולגאַריען. מיר ווילן מאַכן פּאַלעסטינע פאַר אַ יידיש לאַנד, און דעם יידישן פאָלק – פּאַלעסטיניש. מיר שטרעבן צו פאַר־פלאַנצן דאָס פאָלק אין זיין לאַנד, און אומקערן דאָס לאַנד דעם פאָלק. דאָס פאַראייניקן פון פאָלק און לאַנד, דאָס שאַפן פון אַ היימאַטס־לעבן – דאָס איז די נשמה, דער אינערלעכער אינהאַלט, דער גרונט־קערנדיל פון אונזער שטרעבונג.

עראָבערן אַ לאַנד מיט אַ אַזאַ צוועק קאָן מען נישט בלויז דורך פּאָליטישע רעכט און דיפּלאָמאַטישע גאַראַנטיעס, נאָר דורך אַ דויערנדער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, דורך איינדרינגען און איינוואָרצלען זיך אין באָדן, אין אַרבעט, אין ווירטשאַפט, דורך פאַרמערונג פון מאַטעריעלן און גייסטיקן קאַפּיטאַל, פאַרברייטערונג פון עקאָנאָמישע און קולטורעלע גיטער, פאַרפעס־טיקונג אין אַלע צווייגן פון אַרבעט און פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג ביז מען זאָל בילדן אַן איבערוויגנדע מערהייט אין לאַנד. עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז אַזאַ לאַנד־דעראָבערונג, נישט צוליב מאַכט און עקספּלואַטאַציע, נאָר וועגן איינזידלונג און קאָלאָניזאַציע איז, בעיקר, נישט קיין יורידישע

אָדער פּאָליטישע פראַגע, נאָר אַ עקאָנאָמיש-קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָבלעם. פּאָליטישע רעכט און יורידישע גאַראַנטיעס וועלן מיר באַקומען אַלס אַ רעזולטאַט, אַ פאָלגע פון דעם ממשותדיקן רעאַלן כּיבוש; די רעכט זענען נישט קיין תּנאי קודם למעשה, יעדנפאַלס נישט קיין תּנאי בני גד ובני ראובן, נישט קיין נויטווענדיקע פאָרבאַדינגונג. די דאָזיקע אָנשויאונג איז געלעגן אין יסוד פון אונזער ישוב-אַרבעט ביז איצטער. צו דער גרונדלאַגע איז צוגעקומען די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך די וואַקלונגען און וואַנדלונגען פון דער טשאַרטער־פּאָליטישער תּקופה, וועלכע האָט געוואָלט דוחק זיין דעם קץ און ס'איז איר נישט געלונגען.

איז דען אָבער נישט געקומען איצט דער מאָמענט צו רעווידירן אונזער טאַקטיק פון אָנהויב אָן ?

עס האָט געשלאָגן די וועלט-שעה אין דער פעלקער-געשיכטע און אין אונזערער. אומגעהויערע אומוועלצונגען געשען פאַר אונזערע אויגן. אָנגענומענע ווערטן בייטן זיך, פאַרהייליקטע לוחות ווערן פּסול, נייע אמתן ווערן אַנטדעקט, נייע באַציאונגען ווערן געשאַפן, עס זענען מטושטש די גרענעצן צווישן חלום און לעבן, פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט זענען משמש בערבוביא. צי איז דען נישט געקומען דער מאָמענט, אומצודרייען די סיסטעם און צוקומען צו אונזער ציל מיט שנעלערע וועגן, מיט מער רעוואָלוציאָנערע מיטלען? איצט איז דאָך די שעה פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, און דאָס וואָס אין געוויינלעכע צייטן איז אוממעגלעך, איז אין דעם מאָמענט יאָ מעגלעך. צי קאָן מען נישט, אַלזאָ, באַקומען ארץ-ישראל מיט אַמאָל?

אַודאי איז געקומען אַזאַ צייט, אַז מיר דאַרפן נאָכקוקן און רעווידירן אונזערע וועגן און אונזערע מעשים. נאָר מענטשן מיט פאַרגליווערטע געפילן און אומבאַוועגלעכע געדאַנקען, וועלכע זענען בלינד צו זען די צייכנס פון דער צייט, וועלן נישט וואַגן צו זוכן נייע וועגן. מיר האָבן איצט רעכט צו פּרובירן דוחק זיין דעם קץ און האָפן אויף אַ קפיצת-הדרך.

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען עס זענען פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן פאַנטאַזיע און לעבן, איז לייכט אָפּצורייסן זיך אינגאַנצן פון דעם באָדן פון דער ווירקלעכקייט, פאַרלירן דעם רעאַלן צוזאַמענבונד מיט דער לעבעדיקער וועלט און פאַרשלעפּט ווערן דורכן שטראָם פון דער פאַנטאַזיע אין יענע מקומות, פון וועלכע עס איז נישטאָ קיין צוריקוועג. דעריבער מוזן מיר אין דעם מאָמענט, בשעת מיר קומען זוכן נייע וועגן, געפינען אַ געוויסן זיכערן אָנהאַלטס-פּונקט, אויף וועלכע מיר זאָלן זיך קאָנען אָנשפּאַרן מיט ביידע פיס, ווי אויף אַ רעאַלער באַזע, בכדי מיר זאָלן צו ווייט נישט פאַרקריכן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט.

אַזאַ שטיצפּונקט דאַרף און קאָן זיין דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל. ביי אַלע הכנות און נייע פּלענער אין דעם מאָמענט צוליב דער צוקונפט, טאָרן מיר אפילו אויף איין רגע נישט פאַרגעסן אָן דער עקזיס-

טענץ און אָן דער פאַרטיידיקונג פון אונזער ישוב אין ארץ-ישראל. די נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס, וועלכע מיר האָבן געשאַפן און ערוואָרבן פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר אין א״י זענען פאַר אונז טייער, נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען אונזער נאַציאָנאַלער אייגנטום, אונזער א י י נ צ י ק ע ר אייגנטום, וואָס מיר פאַרמאָגן אויפן גאַנצן ערד-קוגל, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי זענען די באַזע און דער גרונט פאַר אונזער גאַנצער אויפלעבונגס-אַרבעט אין דער צוקונפט. וואָרום פאַר אונז, די אַלטע טרוימער-קעמפער פאַר דער אויפשטעלונג פון אונזער היים אין ארץ-ישראל — פאַר אונז איז יעדנפאַלס קלאָר: אויב קיין נס וועט איצט נישט געשען, אויב מיר וועלן זיך דורך קפיצת-הדרך נישט דערנענטערן צום ענד, — וועלן מיר דאָך נישט צוריקטרעטן, און די פאָן פון האַנט וועלן מיר נישט אַוועקלייגן, נאָר מיט דעם נאַטירלעכן, אויסגעטראָטענעם וועג זעצן מיר פאָרט אונזער בויענדע אַרבעט.

דעריבער איז יעדע טאַקטיק, וועלכע שטעלט אין געפאַר די עקזיס-טענץ פון יידישן ישוב — אַפּריאָרי פסול.

מיר קאָנען נישט פון איצט אָן באַשטימען די טאַקטיק פאַר דער צייט פון דער קומענדיקער פרידנס-קאָנפערענץ. דאָס איז אָפּהענגיק פון די רעזולטאַטן פון דער מלחמה און פון דער פּאָליטישער סיטואַציע, ווי זי וועט צו יענעם מאָמענט געשטאַלטעט ווערן. אָבער מיר קענען און מוזן איצט קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, וואָס דאַרפן מיר, און וואָס זענען אונ-זערע אומבאַדינגטע פאָדערונגען, — בכדי דאָס זאָל דינען אַלס גרונט פאַר אונזער צוקונפטיקער טאַקטיק.

אונזער ווייטסטע באַשטרעבונג קאָנען מיר אין דעם מאָמענט נישט דערגרייכן, מחמת אונזער שטרעבונג קאָן, לויט איר נאַטור, נישט פאַר-ווירקלעכט ווערן אין איין מאָמענט; אָבער מיר קאָנען און דעריבער מוזן מיר באַקומען אין דעם מאָמענט די נוי-טיקע גאַראַנטיעס, וועלכע זאָלן אונז פאַרזיכערן די פאַרווירקלעכונג פון אונזער שטרעבונג אין דער צוקונפט.

דאָס איז די היסטאָרישער אויפגאַבע פון אונזער פאָלק אין גלות, און דאָס איז אויך די היסטאָרישע באַדערפעניש פון דעם ישוב אין ארץ-ישראל. אין דעם מאָמענט פון דעם וועלט-קריזיס, פון דעם קריזיס אין טערקיי און דעם קריזיס אין א״י, מוזן מיר פאַרזיכערן די פרייהייט פון עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פונם ישוב, און פרייהייט פון אַרבעט אין דער ריכטונג צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם ישוב, ביז עס וועט דערגרייכט ווערן אונזער ענד-ציל. און זאָל זיין דער סוף פון דער מלחמה, ווי ער זאָל נישט זיין, זאָלן זיין די בעלי-בתים פון דער לאַגע ווער זיי זאָלן נישט זיין, זאָל אין דער טערקיי בלייבן דער „סטאַטוס קוואָ“, אָדער זאָל ער זיך אומבייטן, אַלץ איינס; מיר דאַרפן אַז די אַל-וועלטלעכע פרידנס-קאָנפערענץ זאָל אָנערקענען אונזער רעכט. דאָס רעכט

פון דער יידישער נאַציע, שאַפן זיך אַ היים אין ארץ-ישראל, און אויף דעם יסוד פון דער אָנערקענונג זאָל זי אונז גאַראַנטירן די רעכט, וועלכע זענען נויטיק, כדי מיר זאָלן די היים קאָנען שאַפן.

די רעכט זענען פאָלגנדע:

1) דאָס רעכט פון פרייער יידישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל.

2) דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אלס שטאַאַטס-בירגער אין די לאַנדס-פאַרוואַלטונג אויף פראָפּאָרציאָנעלע יסודות.

3) דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר דעם ישוב אין ארץ-ישראל (זעלבסט-פאַרוואַלטונג פון די קאָלאָניעס, פון די שטאָטישע קהלות, פון שולן).

שטיצנדיק זיך אויף וועלכן יסוד, אָבער, קאָנען מיר פאַרלאַנגען די דאָזיקע רעכט און גאַראַנטיעס?

צי שטייען נישט די רעכט אין אַ ווידערשפּרוך צו די אינטערעסן פון דער מלוכה און פון די איינוואוינער פון לאַנד?

א״י געהערט צו טערקיי, און דער פאַקט באַשטימט די פּאָזיציע און די באַציאונג פונם יידישן ישוב אין ארץ-ישראל. דער פּרינציפּ פון אָטאָ-מאַנישער גאַנצקייט און אינטעגריטעט איז געווען תמיד איינער פון די גרונט-זיילן פון אונזער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט.

אין דער צייט פון קריזיס איז דער יידישער ישוב געבליבן לאָיאַל און טריי דער טערקיי ווי שטענדיק. דאָס אָטאָמאַנישע יידנטום, אַריינגענו-מען דאָס פּאַלעסטינער יידנטום, דערפילט אין דעם דאָזיקן שווערן מאָמענט חען טערקיי פירט מלחמה אויף לעבן און טויט, זיין בירגערלעכן חוב אנטקעגן דער מלוכה. אָבער טערקיי איז אַ נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה, און טערקיי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָ-נאַלער זעלבסטבאַשטימונג און האָט אַלע פעלקער געגעבן אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דער כאַראַקטער פונם ישוב אין א״י איז געווען און וועט תמיד זיין אַ אידיש-נאַציאָנאַלער. אַלע אונזערע אַנשטאַלטן, אַר-בעטן און שאַפונגען אין א״י זענען געשטעמפּלט מיט אַ חתימה פון אונזער נאַציאָנאַלן איך, אָנהויבנדיק פון דער אַגראַרער חירטשאַפט און אויסלאָזנ-דיק מיט דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. יעדע יידישע קאָלאָניע איז אייגנטלעך אַ „מיניאַטור" פון אַ יידישער אויטאָנאָמער היימאַטלעכער געזעלשאַפט, און אויף זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער וועט דער ישוב נישט מוותר זיין פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט. אפילו אין די ערגסטע און שווערסטע מאָמענטן וועט ער נישט אויפלעזן און נישט נאָכגעבן זיין „איך" און זיין נאַציאָ-נאַלן וועזן, ווי ער האָט עס גראָד איצט אין דעם קריזיס פּאַקטיש דער-חיזן. אָבער דער נאַציאָנאַלער שטעמפּל איז נישט סותר די מלוכה-אינטע-רעסן. פון פּאָליטיש-שטאַאַטלעכן שטאַנדפּונקט איז דער יידישער ישוב אַן אויטאָמאַניש-בירגערלעכער קבוץ, אַן אינטעגראַלער אָרגאַנישער טייל פון טערקיי, וועלכער טראָגט אויף זיך די פליכטן און באַזיצט די רעכט פונקט

ווי אלע איבעריקע עלעמענטן און גרופעס פון דער באפעלקערונג פון דער מדינה.

ארץ-ישראל געהערט דער טערקיי, אָבער די טערקן זענען בלויז די הערשער איבער דעם לאַנד. אין א״י איז נישט פאַראַן קיין ישוב פון טערקישע אַקערבויער, סוחרים אָדער בעלי-מלאכות. די איינציקע טערקן אין לאַנד זענען די באַאַמטע און זעלנער. אין אונזערע קאָלאָניזאַציע-שטרעבונגען האָבן מיר נישט קיין שום עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכן מגע ומשא מיט דער טערקישער נ אַ צ י ע. מיר האָבן באַציאונגען בלויז מיט דער טערקישער ר ע ג י ר ו נ ג.

די מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון א״י זענען די אַראַבער. אויסער די הונדערט-טויזנט יידן וואוינען אין לאַנד ביי אַ האַלבן מיליאָן אַראַבער-מוסולמענער און הונדערט טויזנט קריסטן. אין אונזער אַרבעט און שטרעבונגען קומען מיר קודם כל אין אַ באַציאונג מיט די אַראַבער. איז די אַראַבישע באַפעלקערונג און איר עקזיסטענץ אין א״י נישט קיין סתירה פאַר אונזער אַרבעט און פאַר דער מעגלעכקייט פון אונזער אַרבעט?

אין ארץ-ישראל לעבן ביז אַ זעקס הונדערט טויזנט אַראַבער. דאָס איז אַ פאַקט. אָבער צו דער צייט פון צווייטן בית-המקדש האָבן דאָ געלעבט ביי אַ פיר מיליאָן מאַן. צי דען קאָן דאָס לאַנד נישט אויפהאַלטן אויך איצט נאָך אַ 3—4 מיליאָן מענטשן? געוויס יאָ, אָן ספק. א ר ץ - י ש ר א ל א י ז א י צ ט ה ע ל פ ט אַ פ אַ ר װ י ס ט ל אַ נ ד, א ו ן ד י אַ ר אַ ב ע ר ז ע נ ע ן אַ ן א ו מ - פ ע א י ק ע ר ע ל ע מ ע נ ט א ו י פ צ ו ל ע ב ן א ו ן א ו י פ צ ו ש ט ע ל ן ד אָ ס ל אַ נ ד פ ו ן א י ר ע ר ו א י נ ע ן. אין דעם איצטיקן מאָמענט ווערט באַאַרבעט נאָר אַ קליינער טייל פון דעם באָדן — פון צען ביז פופצן פראָצענט. אָבער אויך דער באַאַרבעטער טייל גיט נישט אַרויס פּראָדוקטן לויט זיין קראַפט, וואָרום דער אַראַבער איז נישט פעאיק צו אַ פאָלקאָמענער אַרבעט, כדי אַרויסצוציען די מעגלעכע נוצן. די אַראַבישע אַרבעטס-מעטאָדע איז אַן אַלטע, פּרימיטיווע, װעלכע זויגט אויס און רואינירט דעם באָדן און ברענגט אַריין דעם אייגנטימער ניט מער ווי טרוקן ברויט. ס׳רוב באָדן איז אין א״י בור (נישט עאַקע׳רט) און נישט באַאַרבעט, ווי למשל כמעט אַלע לענדערייען אין די גבערג די זאַמדן, אַ גרויסע טייל פון די טאָלן, ווי צום ביישפּיל דער ירדן-טאָל (עמק הירדן) און די חולה, וועלכע זענען זייט הונדערטער יאָרן פאַרלאָזן, פאַרפלייצט מיט וואַסער און פאַרפעסטעט מיט זומפּן. דאָס לאַנד וואַרט נאָר אויף אַ קולטורעלן, פלייסיקן מענטשן-מאַטעריאַל און גייסטיק רייכן פאָלק, וועלכעס זאָל קומען באַוואָפנט מיט דעם געווער פון מאָדערנער טעכניק און וויסנשאַפט, זאָל זיך דאָ באַזעצן, און אויסנוצן דאָס נאַטירלעכן רייכטום און אייגנשאַפטן פון באָדן און געבענטשטן קלימאַט, באַוואַסערן דעם טרוקענעם באָדן, באַפרוכפּערן די וויסטע בערג, פאַרבעסערן און באַרייכערן די אויסגעמאָגערטע ערד, באַפרוכטן די זאַמדן

אויסטרוקענען די זומפן, — און דאָס וויסטע לאַנד וועט זיך אומוואַנדלען אין אַ גן־עדן.

די פופציק יידישע קאָלאָניעס און די גרויסע קולטור אַרבעט, וועלכע יידן האָבן פאַרווענדעט די לעצטע דרייסיק יאָר אין ארץ־ישראל זאָגן עדות, אַז דאָס יידישע פאָלק איז פעאיק אויסצופירן די הויכע אויפגאַבע. דער יידישער ישוב אין א״י אויסער דעם, וואָס ער איז פון דעם יידישן שטאַנדפונקט אַן אָריגינעלע נאַציאָנאַלע שאַפונג, איז ער פונם אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט אַ **ווערטפולע מענטשלעך־קולטורעל** **ווערק**, אַ ווערק פון ציוויליזאַציע, מיט וועלכן מיר מעגן זיך איבערנעמען. יידן האָבן איינגעבראַכט אין ארץ־ישראל בעסערע אַרבעטס־געצייג באַרייכערט דאָס לאַנד מיט נייע אַגראַר קולטורן, פאַרבעסערט אין געזונט געמאַכט דעם קלימאַט, פאַרפולקאָמט די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין די שטעט, באַשאַפן אַן אַנטוויקלטע אַגראַרע ווירטשאַפט, געבויט מוסטערהאַפטע שטאָטישע שכונות (פערטלען), דורכגעזעצט וועגן אין לאַנד, אויפגעשטעלט מאָדערנע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, פאַרפילפאַכט דאָס רייכטום און די הכנסות פון לאַנד, געהעכערט די אַרבעט־שכירות און געשאַפן נייע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען. דאָ האָבן מיר פאַר זיך **דאָס אויפבויען** **פון אַ לאַנד**, אין פולן באַדייטונג פון ערהאַבענעם וואָרט. מיר בויען און רופן אַרויס צום ווידערלעבן דאָס לאַנד — און **דאָס איז די** **מענטשלעך־מאָראַלישע באַזע פון** **אונזער שטרעבן און אַרבעט אין ארץ־** **ישראל**.

אונזער ציל שטייט נישט אין קעגנזאַץ צום אַראַבישן ישוב אין לאַנד; אונזער צוועק איז נישט אַרויסצושטויסן די אַראַבער, פאַרטרייבן זיי פון באָדן אין ירשנען זייער פּלאַץ. די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך געשטעלט אַ העכערע, מער קולטורעלע, מער מענטשלעכע אויפגאַבע: די אויפגאַבע איז — אויפלעבן דאָס לאַנד, רעאַליזירן אירע גרויסע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן, **פאַרברייטערן אירע עקאָנאָמישע** **גרענעצן** דורך דער שאַפונג פון אַ העכער־ענטוויקלטער און רייכערער קולטור. דורך אַ מער פּראָגרעסיוו־קולטורעלן באַטריב, — און דאָס לאַנד וועט בעניגענען אי פאַר דעם קליינעם ישוב, וועלכן זי אַנטהאַלט אין זיך איצט, אי פאַר נאָך נייע מיליאָנען איינוואוינער. די יידישע קאָלאָניזאַציע קומט נישט כדי צו רואינירן די לאַגע פונם אַראַבישן ישוב; פאַרקערט, זי וועט אים אויסלייזן פון זיין עקאָנאָמישן דחקות, זי וועט אים דערהויבן פון זיין געזעלשאַפטלעכער דערנידערונג און וועט אים ראַטעווען פון גייסטיקער און מאָראַלישער ענטאַרטונג. אונזער ווידעראויפלעבונג אין א״י וועט קומען דורך דער אויפלעבונג פון א״י — און דאָס מיינט אויך די אויפלעבונג פון אַראַבער, וואָס וואוינען אין איר.

אויף ווי ווייט דערדערזיקער געדאַנק האָט אַן אָנהאַלטספונקט אין דער א״י־ווירקלעכקייט, דאָס וועט אונז באַווייזן איין קליינער לעבעדיקער

ביישפיל — די קאָלאָניע פתח-תקוה, די מוטער פון די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל.

די קאָלאָניע, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון אומגעפער דריי טויזנט העקטאַר איז פריער געווען אַ קליין אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען מלעבס, וואָס האָט דערנערט בדוחק ביי אַ צוואָנציק אָרימע אַראַבישע פאַמיליעס. דער באָדן פון דאָרף איז געווען באַדעקט מיט זומפּן, און איר לופט האָט פאַרשפּרייט דעם געלן פיבער, וועלכער האָט געמאַכט פאַרוויסטונגען צווישן די איינוואוינער. קומען די יידן און באַזעצן זיך אין דעם אָרט. אין די זומפּן האָט מען פאַרפלאַנצט אייקאַליפּטוסן — אַ סאָרט אויסטראַליער בוים, וועלכן יידן האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד און די אַראַבער רופן אים צוליב דעם „שגר-אל-יהוד“, ד. ה. דער יידישער בוים. אָנשטאָט דער פּרימיטיווער אַרבעט, וועלכע מאַכט חרוב דעם באָדן און ברענגט הונגער פאַר דעם בויער, האָבן זיי איינגעפירט אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט מיט קינסטלעכע באַוואַסערונג, פאַרפלאַנצט „באַיאַרעס“ מיט מאַראַנצן, לימענעס, כרמים מיט טרויבן, אָליוון, מאַנדלן, און איצטער לעבט אין דער קאָלאָניע אַ ישוב פון פינף טויזנט מענטשן, און דריי טויזנט אַרבעטער, מייסטנס אַראַבער, געפינען יעדן טאָג אַרבעט אין פתח-תקוה. דער יערליכער אָפּצאָל פון דער קאָלאָניע בלויז פאַר דער רעגירונג דערגרייכט ביז אַכציק טויזנט פראַנק, אויסער דעם האָט די קאָלאָניע אַן אינערלעכן בודזשעט פאַר דער זעלבסט-פאַרוואַלטונג (דער ועד פון דער קאָלאָניע). גאַנצע אַראַבישע דערפער געפינען זייער פרנסה אין פתח-תקוה.

אויף אַ שטח, וועלכער האָט פריער ערנערט בלויז צוואָנציק פאַמיליעס האָבן די יידן געשאַפן אַן עקאָנאָמישע מעגלעכקייט פאַר צוויי טויזנט פאַמיליעס. אָנשטאָט אַן אָרעמער, נידריקער און פּרימיטיווער קולטור האָבן זיי געשאַפן אַ הויכע, רייכע און פּראָגרעסיווע קולטור. און אָט אַזאַ איבערקערעניש שטרעבט די יידישע קאָלאָניזאַציע צו שאַפן איי דעם גאַנצן לאַנד.

ארץ-ישראל, ווי די גאַנצע וועלט, שטייט אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה. און דאָס יידישע פאָלק, וואָס זוכט זיין נאַציאָנאַלן תיקון אין זיין היסטאָרישער היימאַט, מוז איצטער פאָדערן זיינע רעכט. מיר פאַרלאַנגען נישט מען זאָל אונז איצטער געבן דאָס לאַנד — קיין לאַנד באַקומט מען נישט, נאָר מען דעראָבערט. מיר ווילן דעראָבערן דאָס לאַנד, דערמיט וואָס מיר וועלן עס אויפבויען. דעם פונדאַמענט האָבן מיר שוין אויפגעלייגט. און

וואָס מיר פאַרלאַנגען און פאָדערן איז, אַז די קומענדע פרידנס-קאָנפערענץ זאָל אָנערקענען אונזער רעכט אויפצובויבן דאָס לאַנד און איינאָרדנען דאָרט פאַר זיך אַ היימאַט. אַלס רעזולטאַט פון דער אָנערקענונג זאָל עס אונז געגעבן ווערן די רעכטלעכע גאַראַנטיעס און די ווירקונגס-פרייהייט, וועלכע זענען נויטיק, כדי מיר זאָלן קענען פאַרענדיקן די געביידע, וואָס מיר האָבן אָנגעפאַנגען בויען.

דאָס איז איצטער אונזער לעבנס-בעדערפעניש און איז איצטער אונזער היסטאָרישע אויפגאַבע.

ניו-יאָרק, יולי 1915 („די קעמפער-שטימע" נר. 25).

ב. ווער וועט אונז דאָס לאַנד געבן?

ווי אַזוי וועלן מיר קריגן ארץ-ישראל און וואָס דאַרפן מיר טון בכדי מיר זאָלן עס קריגן?

זאָלן זיך פאַראייניקן די קרעפטן פון פאָלק, די פאַרשידענע פּאַרטייען, זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקומען און באַשליסן צו פאָדערן א"י, און נאָך דער מלחמה, ווען ס'וועלן זיך צונויפקומען די פאַרטרעטער פון אַלע מלוכות צו באַשטימען דעם גורל פון לענדער און מדינות זאָלן אויך קומען די שליחים פון יידישן פאָלק און פאָדערן אַ באַפרידיקונג פאַר די גרעסטע נאַציאָנאַלע קריוודע פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן געגן יידישן פאָלק. און פאַר אונזערע גרויסע אייביקע שמערצן און אַלס לעזונג פאַר די פאַרשאָלטענע „יידן-פראַגע", וואָס באַאומרואיקט אויך די אומות-העולם, וועלן מיר פאָדערן אונזער חלק אין ארץ-ישראל. די פרידנס-קאָנפערענץ וועט אויפנעמען אונזער גרעסטע פאָדערונג, און דאָס וועט פאַרשריבן און געחתמעט ווערן אין די אינטער-נאַציאָנאַלע טראַקטאַטן, און ארץ-ישראל ווערט אונזער.

בכן, האָבן מיר נאָר צו פאָדערן דאָס לאַנד — דאָס איבריקע וועלט זיך שוין נישט אין אונז, נאָר אין דער פרידנס-קאָנפערענץ און די פּאָ-ליטישע אומשטענדן נאָכן קריג.

לאָמיר אָננעמען, אַז די לאַגע וועט זיין גינסטיק פאַר אונז און די רעגירונגען וועלן אונז נאָכגעבן אונזער גערעכטע פאָדערונג.

וועט דען דורכדעם אַליין ווערן א"י אונזער לאַנד?

פאַרשידן זענען די וועגן פון איינגעמען אַ לאַנד. מ'קאָן איינגעמען אַ לאַנד מיט דער קראַפט פון געווער, אָדער דורך פאַרשידענע פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע קונצן. מ'קאָן אויך איינעמען אַ לאַנד מיט דער קראַפט פון קאַפּיטאַל, אָבער דידאָזיקע דעראָבערונגען האָבן נאָר איין ציל: מאַכט צוליב געוועלטיקן און עקספּלואַטאַציע. די ענגלענדער האָבן, למשל, איינ-גענומען אינדיען און געוועלטיקן דאָרט מיט דער קראַפט פון מיליטער, און אויף אַזאַ אופן נוצן זיי אויס פאַר זיך די אַלטגעזעסענע באַפעלקערונג

פונם לאַנד. ענגלאַנד און די איבריקע מלוכות האָבן איינגענומען פאַרשיידענע לענדער אין אַפריקע און אַזיע אום צו האָבן מערק וואו אויסצוברענגען זייערע פּראָדוקטן.

מיר דאַרפן נישט א״י אום צו געוועלטיקן אויף די אַראַבער, וואָס וואוינען דאָרט, און צו עקספּלואַטירן זיי. אויך זוכן מיר נישט קיין מערק וואו אויסצוברענגען די פּראָדוקטן פון די יידישע פּראָדוצירער אין גלות. מיר זוכן אין ארץ־ישראל אַ ה י י ם, מיר ווילן פאַריכטן דעם פעלער פון גלות און באַהעפטן זיך צו די קוואַלן פון שאַפן און לעבן פון אַ פאָלק — פון דער ערד, און באַנייען אונזער היימאַטס־לעבן.

אַ ה י י ם ווערט נישט געגעבן און גענומען במתנה. אַ היים ווערט נישט דעראָבערט דורך פּאָליטישע כתבים און רעכט, און אויך נישט דורך געלט און גוואַלד. אַ היים ווערט אויפגעבויט און באַשאַפן. אַן אייגן לאַנד — דאָס איז די היסטאָרישע שאַפונג און קאָלעקטיווער ווערק פון אַ פאָלק, אַ פּראָדוקט פון זיין מאַטעריעלער, גייסטיקער און מאָראַלער אַרבעט אין משך פון דורות.

אויב אַ פאָלק האָט דאָס רעכט צו זאָגן: דאָס איז מיין לאַנד, מיין היים — איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט עס אַליין, מיט אייגענע כוחות, געשאַפן. די ערד איז גאָטס געשאַנק. דער מענטש שאַפט נישט עפּעס פון גאָרנישט, אַ יש מאַין. אַלץ וואָס עס דינט דעם מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור, דער מענטש באַאַרבעט דאָס נאָר מיט דער קראַפט פון האַנט און מוח און פּאַסט עס צו צו זיינע באַדערפעניש. די באַאַרבעטונג און צופּאַסונג פון אַ לאַנד פאַר די באַדערפעניש פון אַ פאָלק, ווי למשל, די ערד־אַרבעט, באַוואַסערונג, וועגן, פאַרקער־מיטלען א. אַ. וו. — דאָס איז די באַשאַפונג פון אַ פאָטערלאַנד.

דער יסוד פון רעכט אויף אַ לאַנד, ווי אויף יעדער זאַך, איז נישט אין דעם פּאָליטישן און יורידישן אייגנטום — נאָר אין דער אַרבעט. די אמתע בעלי־הבתים פון אַ לאַנד זענען אירע באַאַרבעטער. ארץ־ישראל וועט זיין אונזער, נישט ווען דער טערק אָדער ענגלענדער אָדער די פרידנסקאָנפערענצן וועלן עס באַווילִיקן, נאָר ווען מיר וועלן עס אויפבויען. אַ רעיעלע,ווירקלעכע און היסטאָרישע רעכט אויף אונזער לאַנד וועלן מיר באַקומען נישט פון אַנדערע — נאָר פון אונזער אייגענער אַרבעט.

אַ לאַנד ווערט אויפגעבויט נאָר דורך פּיאָנערן. די מאַסן־עמיגראַציע שטעלט זיך נישט קיין אידעאַלע צילן, זי פליסט אַהין וואו ס'איז פאַר איר גינסטיקער און באַקוועמער. דאָס צוגרייטן פון אַ לאַנד און דאָס שאַפן פון באַדינגונגען — איז די אויפגאַבע פון פּיאָנערן — פּיאָנערן פון אַרבעט, קאַפּיטאַל און וויסנשאַפט, פּיאָנערן, וואָס זענען פעיק צו פאַרבינדן זייער פּריוואַט לעבן מיט זייער אידעאַלע שטרעבונגען. דאָס אויסקוקן אויפן „סטיכ׳ישן פּראָצעס״ איז נישט מער ווי אַ היפּאָקריטישער אויסרייד און

אַ פֿאָלשער אָנשטעל פֿון דער אַפּאַטיע און אָפּגעלאָזנקייט. דאָס לעבן איז נישט בלויז קיין שפּיל פֿון בלינדע כּוחות. דאָס באַוואוסטזיניקע און ווייט־זיכטיקע אַריינמישן זיך פֿון אַקטיוון, שעפֿערישן ווילן איז איינער פֿון די פֿונדאַמענטאַלסטע, טרייבנדע כּוחות פֿון סטיכישן פּראָצעס.

קיין פֿאָלק ווערט נישט באַפֿרייט פֿון זיך אַליין, בפֿרט אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד. די היסטאָריע פֿון דער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע באַווייזט, ווי גרויס און שווער איז געווען די אויפֿגאַבע פֿון די ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס זענען געקומען זוכן אַ נייע היים אין דער נייער וועלט. וויפֿיל צרות און יסורים זענען זיי אויסגעשטאַנען, וויפֿיל שווערע מלחמות מיט דער ווילדער נאַטור און ווילדן ישוב האָבן זיי דורכגעמאַכט, וויפֿיל קרבנות האָבן זיי מקריב געווען ביז ס'איז זיי געלונגען צוצוגרייטן דאָס לאַנד פֿאַר אַ גרויסע מאַסן־קאָלאָניזאַציע. ווען נישט יענע ערשטע פּיאָנערן, מיט זייער אייזן־פֿעסטן ווילן און מיט זייער געוואַלטיקער איבערגעגעבנקייט און אומדער־מידלעכער אַרבעט, וואָלטן מיר איצטער נישט געהאַט דאָס רייכע און בליענדע אַמעריקע, דער גרעסטער מקלט פֿאַר דער אַלוועלטלעכער עמיגראַציע.

נישט דורך געלט און נישט דורך רעכט און נישט פֿון דער פֿרידנס־קאָנפֿערענץ וועלן מיר באַקומען אונזער לאַנד. דער יידישער אַרבעטער, וואָס וועט קומען איינוואָרצלען זיך אין לאַנד, אויפֿלעבן און לעבן דאָרט — ער וועט אונז דאָס לאַנד געבן. ארץ־ישראל וועט זיין אונזער, ווען מיר וועלן אירע אַרבעטער זיין.

די ווירקלעכע דערלייזונג פֿון א״י — דאָס איז די גרויסע היסטאָ־רישע אויפֿגאַבע פֿון די פּיאָנערן, די בויער־אויסלייזער פֿון יידישן לאַנד.

נ״י־יאָרק, סעפּטעמבער 1915 („די קעמפּער־שטימע״ נר. 27).

ג. דריי אויפֿפֿאַסונגען

(אַ רעפֿעראַט געהאַלטן אויף דער קאָנפֿערענץ ביי די פּועלי־ציון אין אַמעריקע, סעפּטעמבער 1915).

דער גרויסער פֿאָלקס־צער און די גרויסע נאַציאָנאַלע האָפֿנונגען פֿון איצטיקן מאָמענט האָבן דעם א״י־פּראָבלעם אַוועקגעשטעלט אין צענטער פֿון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַמעריקע. די וועלט־מלחמה, וואָס האָט דערוועקט איינע פֿון די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּראַגן — די מ ז ר ח ־ פּ ר אַ ג ע, האָט גלייכצייטיק אויך אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן ווייטערדיקן פּאָליטישן גורל פֿון א״י. אומדערוואַרטעט האָבן זיך פֿאַר דער יידישער צוקונפֿט אין אונזער לאַנד אַנטפּלעקט די ווייט־גייענדסטע מעגלעכקייטן צו דערזעלבער צייט האָט די וועלט־מלחמה מיט אַ פּיינפֿולער שאַרפֿקייט אויפֿגעדעקט דעם היסטאָרישן באַנקראָט פֿון גלות — דעם היסטאָרישן באַנקראָט פֿון אַן אומבעהאָלפֿן גלות־פֿאָלק, וואָס האָט נישט

קיין אייגענע נאַציאָנאַלע אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון אין די לענדער, פאַר וועלכע ער קעמפט, ליידט און ווערט רואינירט.

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, וואָס האָט געמוזט דערפון פאָלגן, דער חשבון-הנפש פון די פאָלקס-מאַסן, די גראַנדיעזע פּאָליטישע געשעענישן און ערוואַרטעטע טעריטאָריאַלע ענדערונגען — האָבן רעוואָלוציאָניזירט דעם פאָלקס-באַוואוסטזיין און צוגעפירט צו די איינציק מעגלעכע לעזונג — צו ארץ-ישראל.

די א״י פאָדערונגען זענען געוואָרן אַלגעמיין-נאַציאָנאַל. אַלע שיכטן, פּאַרטייען און קלאַסן פון אַמעריקאַנער יידנטום האָבן דעם א״י-פּונקט איינגעשלאָסן אין דעם פּראָגראַם פאַר דער געמיינזאַמע אַרויסטרעטונג פון יידישן פאָלק אין איצטיקן מאָמענט.

און מיר, די טרעגער פון היסטאָרישן אידעאַל פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אונזער אייגן לאַנד — האָבן זיך איצטער פאַראייניקט מיט פאַרשידענע גרופּן און פּאַרטייען פאַר אַ בשותפותדיקער טעטיקייט. עס איז אָבער אויך איצטער נישט אָפּגעווישט געוואָרן די פּרינציפּיעלע גרענעצן, וואָס טיילן פונאַנדער די פאַרשידענע ריכטונגען און אויפפאַסונגען פון דעם יידישן פּראָבלעם און איר לעזונג, און ווען אונז קומט אויס צוליב פּראַקטישע מאָטיוון און מאָמענטאַלע געמיינזאַמע אינטערעסן צו פאַראייניגן זיך מיט דער אָדער יענער ריכטונג, טאָרן מיר נישט מטשטש זיין די קלאָרקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון אונזער אויפפאַסונג, וואָס גייט זיך פונאַנדער פון די איבעריקע אין די פּונקטן, וואָס זענען נוגע דער אומפאַנג פון די א״י פאָדערונגען, זייער פּראַקטישע און פּרינציפּיעלע באַדייטונג און וויכטיקייט אין זייער היסטאָרישן זין, כאַראַקטער און אָבזיכט.

מיר גייען איצטער האַנט ביי האַנט מיט צוויי קערפּערשאַפטן: די נאַציאָנאַלע אַרבעטער-קאָנווענשאָן פון איין זייט און דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער בלאָק פון דער צווייטער זייט*). מיט די ערשטע — צוליב די

*) אויגוסט 1915 איז אין ניו-יאָרק גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ („קאָנווענשאָן") פון אַלע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, צו באַשליסן די פראַגע פון אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס און פון די פּאָליטישע פאָדערונגען וואָס די אַרבעטערשאַפט וועט אַרויסשטעלן אויף דעם קאָנגרעס. דער „פאָרווערטס" און די אָפיציעלע פירער פון די געווערקשאַפטן און „אַרבעטער רינג" זענען געווען קעגן א״י און קעגן אַ יידישן קאָנגרעס, אונטערן דרוק פון די מאַסן איז די פועלי-ציון און זייערע פאַרבונדעטע (זשיטלאָווסקיס נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע קרייזן) געלונגען דורכזעצן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום קאָנגרעס. בנוגע א״י איז אָנגענומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס-פאָרשלאָג, צו פאָדערן די אָפּשאַפונג פון „באַגרענעצונגען פאַר יידישע עמיגראַציע און דערווערבן אייגנטום אין פּאַלעסטינע" און „באַשאַפן אַזוינע שטאַטלעך אָנערקענטע און אינטערנאַציאָנאַל גאַראַנטירטע רעכטלעכע אינסטיטוציעס וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג און אומגעשטערטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק" אין פּאַלעסטינע און אַנדערע לענדער.

קאָנקרעטע א"י-פאָדערונגען, מיט די צווייטע צוליב דעם לאָזונג פון אַ היים.
אָבער סיי אין די איינצלנע קאָנקרעטע פאָדערונגען, סיי אין פּרינציפּיעלן
לאָזונג פון אַ היים זענען מיר נישט אינגאַנצן איינשטימיק מיט די פאַר־
שידענע עלעמענטן, וואָס שטעלן צוזאַמען די ביידע קערפּערשאַפטן, און מיר
דאַרפן זיך אָפּגרענעצן פון צוויי קעגנזעצלעכע אַנטאָגאָניסטישע שטרעמונגען —
וואָס האָבן אָבער אין יסוד אַ גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט — וועלכן מ'קאָן
קורץ באַצייכענען, איינע אַלס אַ גלותיסטיש-רעכטלערישע
און די צווייטע אַלס מאָמענטאַנע יידן-שטאַט-
לערישע. די ערשטע באַטראַכט די יידן-פראַגע בלויז ווי אַ פּראָבלעם
פון רעכטלאָזיקייט, און די לעזונג זעט זי אין די אָפּשאַפונג פון אַלערליי
רעכטס-באַגרענצונגען, און דערביי מאַכט זי נישט קיין פּרינציפּיעלן אונ־
טערשיד צווישן די פאָדערונגען אין א"י און די פאָדערונגען אין די גלות-
לענדער. די צווייטע שטרעמונג אָנערקענט יאָ די נויטווענדיקייט פון אַ היים,
אָבער זי פאַרשטייט די היים בלויז אין פאָרם פון אַ זעלבסטשטענדיקער
מלוכה, וואָס נאָר איצטער, אין אַ צייט פון וועלט-מלחמה איז
מעגלעך דורכצופירן, און ווען נישט איצטער — איז שוין קיינמאָל נישט.
די גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט פון די ביידע ריכטונגען באַשטייט אין דעם,
וואָס ביידע באַטראַכטן די לעזונג פון דער יידן-פראַגע בלויז ווי
אַ מאָמענטאַנעם אויסערלעכן פּאָלי-
טישן אַקט פון דערגרייכן רעכט —
רעכט פון בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע גלייכהייט, ווי די ערשטע, אָדער
רעכט אויף אַ יידישע מלוכה ווי די צווייטע. די פאַרענטפערונג פון דער
יידן-פראַגע איז געענצלעך אָפּהענגיק פון פרעמדן, גוטן אָדער שלעכטן, ווילן.
דער כאַראַקטער און היסטאָרישער אָבזיכט
פון אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין א"י זענען פאַרשידן פון די-
זעלבע פאָדערונגען אין גלות-לענדער. די אָפּשאַפונג פון תחום-המושב,
פון פּראָצענט-נאָרמע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג אין
גלות — באַצוועקט די רעכטלעכע עמאַנציפּאַציע
פון די אָרטיקע יידן.

די אָפּשאַפונג פון די באַגרענצונגען פאַר פרייער יידישער עמיגראַציע
און קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל — מיינט אומגעשטערטע פרייהייט פאַרן
גאַנצן יידנטום אויפצובויען און אַנטוויקלען דעם יידישן ישוב אין א"י. —
ד. ה. די אויפבויאונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים. נאַציאָנאַלע
זעלבסט-באַשטימונג אין גלות און אין ארץ-ישראל זענען פאָרמעל איינע און
דיזעלבע זאַך. דער קאָנקרעטער אינהאַלט אָבער פון די נאַציאָנאַלע רעכט,
די מעגלעכקייט פון זייער פאַרווירקלעכונג, זייער היסטאָרישע באַדייטונג
איז גאַנץ פאַרשידן ביי די געגעבענע לעבנס-באַדינגונגען פון די יידן אין
רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע א. אַ. וו. און אין ארץ-ישראל. די נאַציאָנאַלע
רעכט שאַפן נישט יש מאין דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט און כאַראַקטער
פון פאָלקס-לעבן. זיי סאַנקציאָנירן נאָר בלויז דאָס, וואָס עקזיסטירט שוין

און שאַפֿן אַפּ די קינסטלעכע פֿאָרמעל-עפֿנטלעכע שטערונגען פֿון דעם, וואָס האַלט זיך אין שאַפֿן; מיר קאָנען נישט אין גלות אַנטוויקלען אַ נאָר-מאַלע אַלזייטיקע נאַציאָנאַלע קולטור — נישט ווייל מיר זענען נאַציאָנאַל רעכטלאָז — נאָר ווייל מיר זענען אָפּהענגיק, סיי מאַטעריעל סיי גייסטיק, פֿון דער פרעמדער סביבה, וואָס צווינגט אַרויף, באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסזיניק, איר קולטור און איר נאַציאָנאַלע לעבנס-פֿאָרם. אַפילו די טייל רעכט (נאַצ.) וואָס מיר האָבן שוין אין פֿאַרשידענע לענדער (ווי אין רוסיש-פוילן אויף אייגענע שולן, חדרים און אויטאָנאָמע קהלה א. ד. ג.) פֿאַרווירקלעכן מיר אויך נישט אין לעבן. צו שטאַרק און צוציענד איז די פרעמדע קולטור און צו שוואַך און אָפּהענגיק איז אונזער נאַציאָנאַל-קאָלעקטיווער ווילן, אַז מיר זאָלן קאָנען ביישטיין און באַקעמפֿן דעם אומאויפהערלעכן דרוק פֿון דער פרעמדער סביבה. מיר מוזן אָבער אויך אין גלות קעמפֿן פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט און זעלבסט-באַשטימונג, ווייל מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז מיר זאָלן זיין אין וואַסער ס'איז פּרט ווייניקער באַ-רעכטיקט ווי אַנדערע בירגער. מיר דאַרפֿן אויסקעמפֿן די געזעצלעכע מעגלעכקייט פֿאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג — אָבער פֿון ר ע כ ט אויף נאַציאָנאַלע זעלבסט-באַשטימונג ביז איר פֿאַרווירקלעכונג אין לעבן איז זייער אַ ווייטער מהלך, וועלכן מיר קאָנען אין גלות נישט דורכמאַכן.

גאָר אַן אַנדערן זין האָט די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט אין ארץ-ישראל. דאָרט האָבן מיר שוין געשאַפֿן דעם פּאָזיטיוון א י נ ה א ל ט פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַשטימונג און דאָרט האָבן מיר אומבאַרענצטע אָ ב י ע ק ט י ו ו ע מעגלעכקייטן פֿאַר אַ נאָרמאַלע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג.

דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל אונטערשיידט זיך וועזנטלעך פֿון יידישן לעבן אין די גלות-לענדער דערמיט, וואָס ער איז עקאָנאָמיש. סיי אַלס פּראָדוצענט סיי אַלס קאָנסומענט, אומאָפּהענגיק פֿון דער אַרומיקער וועלט, און בויט זיך מיט אייגענע כוחות; ער באַרגט נישט פֿאַר זיינע שולן פרעמדע שפּראַכן, נאָר ענטוויקלט און שאַפֿט די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך. איינגעוואָרצלט אין באָדן, פֿאַרבונדן מיט טויזנטער פֿעדים מיטן לאַנד אַנטוויקלט זיך דאָס יידישקייט דאָרט נאַטירלעך, אָן די אייביקע טראַגישע סתירות פֿון מענטש און ייד.

אָרגאַניזירט אויטאָנאָם אין זיין אינערלעכן לעבן, וואָס באַזירט אויף אַ זעלבסטשטענדיקן עקאָנאָמישן פֿונדאַמענט, האָט דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל געשאַפֿן דעם רעאַלן תּוך פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַשטימונג: די יידישע ישובים אין שטעט און דערפֿער מיט זייערע אינערלעכע זעלבסט-פֿאַרוואַלטונגען, די יידישע שולן — עלעמענטאַרע, מיטעלע און אין דער נאָנטער צוקונפֿט אויך העכערע — די איינציקע פֿאָלקאָמענע יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט, — די העברעאישע שפּראַך. מיט דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט ווילן מיר, אַז די אינסטיטוטן זאָלן אָפֿיציעל אַנערקענט און רעכטלעך גאַראַנטירט ווערן.

דאָס רעכט אויף אומגעשטערטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, מיינט דאָ

נישט בלויז אַ פאָרמעלע רעכטלעכע עמאַנציפּאַציע ווי אין גלות, נאָר ס׳מיינט טאַקע אַן עפנטלעכע גאַראַנטיע פאַר דער ווייטערער ענטוויקלונג פון יידישן ישוב אין א״י, זיין פאַרשטאַרקערונג און פאַרגרעסערונג. אומגעשטערטע נאַצ. אַנטוויקלונג אין א״י הייסט — די גאַראַנטירטע פרייהייט צו בויען נייע יידישע קאָלאָניעס, צו גרינדן נייע יידישע שטאָטישע קוואַרטאַלן, פאַרברייטערן די יידישע שולן-נעץ, די אָפיציעלע אָנערקענונג פון דער העברעאישער שפּראַך א. אַ. וו. אין די לעצטע צען יאָר איז אין א״י געשאַפן געוואָרן 21 נייע דאָרפישע ישובים אין יהודה און גליל, וואָס זענען דורכאויס געבויט אויף יידישער אַרבעט, ס׳זענען אויסגעבויט געוואָרן 3 ריין-יידישע שטאָטישע קוואַרטאַלן אין ירושלים, יפו און חיפה. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ גאַנצע ריי פון העברעאישע גן-ילדימס, עלעמענטאַרע און 4 מיטעלע-שולן (אין ירושלים, יפו און חיפה), ליי-קאָאָפּעראַטיוון אין אַלע קאָלאָניעס, ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ העברעאישע פעריאָדישע פרעסע (פראָלעטאַרישע, פעדאַגאָגישע און אַגראַרע) א. אַ. וו. עפנטלעך און געזעצלעך דערמעגלעכן די ווייטערע טעטיקייט אין דער ריכטונג — דאָס איז דער זין פון אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין ארץ-ישראל. זייער היסטאָרישע אבזיכט איז די שאַפונג פון אַ יידישער היים אין אונזער לאַנד. און גלות אָבער איז די אבזיכט פון די נאַצ. פאָדערונגען רעכטלעכע עמאַנציפּאַציע.

אַ צווייטע ריכטונג, מיט וועלכע מיר גייען זיך פונאַנדער איז די מאָמענטאַנע יידן-שטאַטלער. זייער אויפפאַסונג קאָן מען אין קורצן אַזוי פאָרמולירן: „מיר דאַרפן איצטער אין א״י פאָדערן איין-און-איינציקע זאַך — אַ יידישע מלוכה, נישט מער און נישט ווייניקער. ביז איצטער, פאַר דער וועלט-מלחמה, איז דאָס געווען אוממעגלעך. א״י האָט געהאַט אַ בעל-הבית. מיר האָבן נישט געהאַט ביי וועמען צו פאָדערן, איצטער אָבער איז דאָס לאַנד אינטערנאַציאָנאַל-פּאָליטיש הפקר. די קומענדע פרידנס-קאָנפערענץ דאַרף באַשטימען איר גורל. זאָלן מיר פאָרשלאָגן אונזערע תביעות. אפשר וועלן דאָס די מלוכות באַוויליקן. מיר טאָרן נישט פאַרלירן דעם מעגלעכן פּאָליטישן שאַנס — ווי, איצטער אָדער קיינמאָל נישט"*).

אין פלוג פאַלט די קאָנקרעטע פאָדערונג פון יידן-שטאַטלער צוזאַמען מיט אונזער פּראָגראַם. מיר ווילן דאָך אויך אַן עפנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ-ישראל. אינדערהאמתן אָבער גייען מיר זיך פונאַנדער סיי אין די פאָרויסזעצונגען, סיי אין אונזער ענד-ציל, סיי אין דער טאַקטיק בנוגע דעם איצטיקן מאָמענט.

די יידן-שטאַטלערישע אויפפאַסונג באַזירט אויף אַ דרייפאַכן טעות. קודם אין די פאָרויסזעצונג וועגן דער מעגלעכקייט צו באַקומען א״י. די

*) אַזוי אומגעפער האָט זשיטלאָווסקי דעמאָלט פאָרמולירט זיין שטעלונג.

מעגלעכקייט צו דערווערבן א״י פאַרן יידישן פאָלק איז אין יסוד אַן עקאָנאָמישע און נישט קיין פּאָליטישע, אַ היסטאָרישע און נישט קיין מאָמענטאַנע. נישט ווייל א״י האָט נישט קיין פּאָליטישן בעל-הבית (אויך איצטער געהערט א״י צו טערקיי, עס איז מעגלעך געוויס אַן ענדערונג — ווען אַן אנדערע מלוכה זאָל דאָס לאַנד אָקופּירן, דאַן וועט אָנשטאָט טערקיי זיין אַן אַנדערע מלוכה: ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך), נאָר ווייל א״י האָט נישט קיין עקאָנאָמישן בעל-הבית, אָדער ריכטיקער, קיין עקאָנאָמישע בעל-הבתישקייט — דעריבער איז מעגלעך, אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן יידיש. די האַלבע וויסטקייט פון א״י און איר אָפּגעשטאַנענקייט אין דער געגנוואַרט און די רייכע עקאָנאָמישע צוקונפט, וואָס ערוואַרט דאָס לאַנד – אין דעם ליגט די מעגלעכקייט צו שאַפן דאָרט אַ יידישע היים. די איצטיקע איינוואוינער פון לאַנד זענען נישט אומשטאַנד צו פאַרווירקלעכן די געוואַלדיק גרויסע עקאָנאָמישע פּאָטענצן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין א״י. זיי זענען צו ווייניק אין צאָל, צו אָרים מאַטעריעל און אָפּגעשטאַנען קולטורעל, אום צו זיין פעאיק אַנטוויקלען דאָס לאַנד און צו ברענגען עס צו יענער הויכער מדרגה פון רייכטום און פּראָדוקטיוויטעט — צו וועלכן דאָס לאַנד איז באַרופן לויט זיינע גינסטיקע, געאָגראַפישע, פיזיש-קלימאַטישע און נאַטירלעכע אייגנשאַפטן.

ארץ-ישראל וועט אויפגעבויט ווערן נאָר דורך אַ פלייסיקן, קולטורעל און מאַטעריעל רייכן עלעמענט, וואָס וועט אַהין קומען פונדרויסן, געטריבן דורך אַ גרויסע היסטאָרישע נויט צו שאַפן פאַר זיך אַ נייע היים, און באַוואָפנט מיט דעם געוועהר פון מאָדערנער טעכניק און וויסנשאַפט וועט ער קומען אַהין און וועט דאָס פאַרוויסטע, רואינירטע לאַנד פאַרוואַנדלען אין אַ הויך אַנטוויקלטן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן צענטר — אַזוי ווי ס׳האָבן געטון די ענגלישע עמיגראַנטן אין צפון-אַמעריקע די האָלענדער אין דרום-אַפריקע און ס׳האָבן אָ נ ג ע ה ו י ב ן ט ו ן די יידן טאַקע אין ארץ-ישראל אַליין.

די מעגלעכקייט, אַלזאָ, אין א״י איז נישט קיין מאָמענטאַנע. זי איז געווען פאַר דער מלחמה, און זי וועט בלייבן אויך נאָך דער מלחמה — ווי די מלחמה זאָל נישט פאַרענדיקן.

ווייטער, — דאָס וואָס מיר ווילן בעיקר איז נישט אַזוי אַ יידנשטאַט ווי אַ יידיש לאַנד. נישט די פּאָליטישע הערשאַפט איבערן לאַנד זיכן מיר; אונזער ציל איז נאַציאָנאַלע טעריטאָריאַליזירונג. מיר ווילן עקאָנאָמיש, קולטורעל, געזעלשאַפטלעך איינוואָרצלען זיך אין לאַנד. געוויס אַ יידיש לאַנד שליסט נישט אויס אַ פּאָליטיש-זעלבסטשטענדיקע היים. די צוויי באַגריפן זענען פאַרשידן, אָבער זיי זענען נישט סותר איינע די צווייטע. און ווען מיר פאַרבייטן נישט אונזער פאָרמול פון „עפנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים״ אויף די פאָרמול פון אַ „יידישע מלוכה״ איז דאָס צוליב דעם דריטן און דעם וויכטיקסטן פונקט, אין וועלכן מיר גייען זיך פאַנאַנדער. דאָס איז דער פונקט פון „איצט אָדער קיינמאָל נישט״.

„אַ יידישע מלוכה איז מעגלעך צו פאָדערן נאָר איצט. ווערט דאָס

איצט נישט פאַרווירקלעכט – וועט דאָס שוין קיינמאָל נישט אויסגעפירט ווערן". דאָס הייסט אָבער קודם-כל, אַז די טעריטאָריאַלע לעזונג פון דער יידן-פראַגע איז בלויז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראָבלעם. זי איז אָפּהענגיק בלויז פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. מיר דענקען אָבער, אַז די יידן-פראַגע דאַרף פריער פאַר אַלעס געלעזט ווערן דורך אייגענע נאַציאָנאַלע קרעפטן, ד. ה. אַז ס'איז הויפּטזעכלעך אַ יידיש-נאַציאָנאַלע פראַגע, און אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע. קודם-כל איז דאָס אָפּהענגיק פון אונז אַליין. די אמתע, ממשותדיקע רעכט אויפן לאַנד וועלן מיר באַקומען נישט פון דרויסן, פון פרידנס-קאָנגרעס, אָדער פון אַן איינצלנע מלוכה, נאָר פון אונזער אייגענער אַרבעט, פון די שעפפערישע יידישע אַרבעט, וואָס וועט דאָס לאַנד אויפבויען. דאָס יידישע פאָלק אַליין וועט זיין היים שאַפן. מיר וועלן דאָס לאַנד דעראָבערן דורך אַרבעט, קאַפּיטאַל, צוויליזאַציע און קולטור.

דער איצטיקער מאָמענט איז נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. די פראַגע פון א״י איז נישט קיין פראַגע פון מאָמענטאַנער געלעגנהייט און פּאָליטישן שאַנס. פאַר דרייסיק יאָר האָבן מיר דאָרט אונזער אַרבעט אָנגעהויבן און מיר וועלן אונזער אַרבעט ווייטער פאָרטזעצן, אומאָפּהענגיק פון דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. מיר וועלן זיך אויף איין מאָמענט אַפילו נישט אָפּזאָגן פון אונזערע האָפנונגען און שטרעבונגען אין ארץ-ישראל. אונזער נויט אויף אַן אייגן לאַנד, אויף אַ היים איז אַ היסטאָרישע, און די פאַרווירקלעכונג פון דער היים איז אויך אַן היסטאָרישער אויפלעבונגס-פּראָצעס, וואָס קאָן אין איין מאָמענט, ווי גרויס און וויכטיק דער מאָמענט זאָל נישט זיין, נישט רעאַליזירט ווערן. דורך אַ דויערנדע שווערע אַרבעט אין לאַנד גופא וועלן מיר דאָס לאַנד דערווערבן.

דאָס וואָס ס'איז יאָ מעגלעך אין איצטיקן מאָמענט – דאָס איז די עפנטלעכע אָנערקענונג פון אונזער רעכט, די רעכט פון יידישן פאָלק, צו שאַפן פאַר זיך אַ היים אין ארץ-ישראל. מיר קאָנען אין איצטיקן מאָמענט, ביי געוויסע גינסטיקע באַדינגונגען, באַקומען די רעכטלעכע גאַראַנטיע וואָס זאָלן אונז פאַרזיכערן די פאַרווירקלעכונג פון אונזערע שטרעבונגען אין דער נאָענטער צוקונפט.

וואָס מיינט אָבער אָנערקענען אונזער רעכט אויף שאַפן פאַר זיך אַן היים אין א״י?

דאָס הייסט ס'זאָלן שטאַטלעך אָנערקענט און רעכטלעך גאַראַנטירט ווערן אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס וועלן דערמעגלעכן אַ ברייטע יידישע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע און אַ פרייע אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין א״י.

מ'קאָן איצט נישט גענוי באַשטימען דעם קאָנקרעטן אינהאַלט און קאָמפּעטענץ פון אַזעלכע אינסטיטוציעס. מיר ווייסן נאָך נישט מיט וועמען

מיר וועלן דאַרפן פאַרהאַנדלען. מ'רעדט וועגן פרידנס-קאָנגרעס. ווער וועט אָבער זיין דער בעל-דעה דאָרט און צו וועט גאָר אַזאַ קאָנגרעס גערופן ווערן?

די פאַרטרעטער פון יידישן פאָלק, וואָס מיר וועלן באַרעכטיקן צו רעדן אין אונזער נאָמען, וועלן זיך דאַרפן אָריענטירן אין די געגעבענע פּאָליטישע סיטואַציע און באַשטימען געווי דעם אינהאַלט פון אונזערע פאַרלאַנגען און אונזער טאַקטיק.

מיר קאָנען נאָר אין אַלגעמיין אָנצייכענען די הויפּט-ליניען פון זייערע פאַרהאַנדלונגען.

ס'איז קלאָר, אַז אַזעלכע אינסטיטוציעס אָדער אינסטיטוציע דאַרפן אַנטהאַלטן געוויסע עקאָנאָמישע קאָנצעסיעס מיט באַשטימטע רעכטלעכע גאַראַנטיעס אויף אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע-אַרבעט און נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, ד. ה. אַ גאַראַנטיע אויף אַ פרייער נאַציאָנאַלער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יידן אין ארץ-ישראל און אַ רעכטלעכע גאַראַנטיע פאַר דער ווייטערדיקער אויפבויאונג פון לאַנד, ווי צום ביישפּיל אַ טשאַרטער אָדער אַנדערע קאָנצעסיעס אויף קאָלאָניזאַציע.

דאָס איז נישט נאָר די מעגלעכקייט נאָר אויך די נויט פון איצטיקן מאָמענט. מיר שטייען פאַר אַ געוואַלטיקער יידישער אויסוואַנדערונג פון די מלחמה-לענדער. אַ גרויסע טייל פון די צוקונפטיקע עמיגראַציע וועט גיין נאָך ארץ-ישראל. איז אָבער אין א"י פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר אַ מאַסן-עמיגראַציע? אויף דעם קאָן מען ענטפערן יאָ און ניין. ביים איצטיקן צושטאַנד — ניין. דאָס לאַנד איז צו ווייניק אַנטוויקלט. ס'זענען אָבער פאַרבאָרגן אין א"י גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועלכע מ'דאַרף מוציא מן הכוח אל הפועל זיין, כדי צו שאַפן אַן אַרבעטס-פּלאַץ פאַר צענדליקער און הונדערטער טויזנטער עמיגראַנטן. אַ גאַנצע רייע פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע און קאָלאָניזאַציע-אונטערנעמונגען שטייען אויפן טאָג-אָרדנונג אין א"י. דער אויפבוי פון נייע באַן-ליניעס צווישן די א"י-פּאָרטן און די אַנדערע צענטרען, די איינריכטונג פון וואַסער-לייטונג, באַלייכטונג, עלעקטרישע פאַרקער-מיטלען, טעלעפאָנען א. ד. גל. אין ירושלים און יפו, די אויפבויאונג פון פּאָרטן אין יפו און חיפה, די איינריכטונג פון די הייל-קוואַלן אין טבריה (די חמי-טבריה), די גרינדונג פון אַ יידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, די עקספּלואַטאַציע פון די זאַלצן, אַספאַלט און אַנדערע מינעראַלן אין ים-המלח, די עקספּלואַטאַציע פון ירדן-וואַסער-פאַל צוליב באַוואַסערונג און עלעקטרישע קראַפט, די קאָלאָניזירונג פון די רעגירונגס-באָדנס אין חולה, עמק-הירדן א. אַז. וו.

דאָס פאָדערט אָבער נישט בלויז רעזאָלוציעס און קאָנגרעסן, נאָר גרויסע געלט-מיטלען, אָרגאַניזאַציע-קרעפטן; און דאָ ליגט דער שווער-פּונקט פון דער גאַנצער פראַגע. וועלן מיר זיך באַגנוגענען בלויז מיט פּאָליטישע פאָדערונגען — ס'איז אַלץ איינס וואָס פאַר אַ פאָדערונגען — איז אונזער אַרבעט

אַ ברכה לבטלה. מיר מוזן קומען מיט אָרגאַניזאַטאָרישע, טעכנישע און פינאַנציעלע מיטלען.

די נאַציאָנאַלע פאָלקס-אַקציע פאַר פּאָליטישע פאָדערונגען דאַרף דער-גענצט און באַקרעפטיקט ווערן דורך אַ גרויסע עקאָנאָמישע פאָלקס-אַקציע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף. דאָס יידישע פאָלק דאַרף שאַפן די נויטיקע מיטלען פאַר דער אויפבויאונג פון א"י. מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צום גרויסן מאָמענט, צו דעם היסטאָרישן יום-הדין פון נאָך דער מלחמה נישט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך עקאָנאָמיש. אַ גרויסע פּאָליטישע פאָלקס-אַקציע פאַר אונזער רעכט אין א"י צוזאַמען מיט אַן עקאָנאָמישע פאָלקס-אַקציע פאַר דער באַלדיקער אַרבעט אין א"י נאָך דער מלחמה. ווילן מיר אויסקעמפן פרייהייט פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, מוזן מיר גלייכצייטיק שאַפן מיטלען, וואָס זאָלן די עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע דערמעגלעכן.

קיין לאַנד באַקומט מען נישט דורך קאָנגרעסן, קיין לאַנד פאַלט נישט אַריין במתנה — אַן אייגן לאַנד מוז מען אַליין שאַפן, אויסבויען. די אויפ-בויאונג פון לאַנד, די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין אַן אייגענער היים — איז די אַרבעט פון פאָלק אַליין.

ניו-יאָרק, א' טבת תרע"ו („קעמפער" שט מע" נר. 28).

ד. די בריטישע דעקלעראַציע

דאָס גרויסע וואונדער איז געשען. די גרעסטע וועלט-מאַכט וועמענס אַרמע דערגענטערט זיך צו די טויערן פון ירושלים, האָט זיך אָפיציעל דער-קלערט פאַר „די עטאַבלירונג אין ארץ ישראל פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק". עס עפנט זיך פון דאָס ניי די יידישע געשיכטע, די גע-שיכטע פון יידישן פאָלק אַלס אַ זעלבסט, עס באַנייט זיך נאָך נאָך אַן אונטערברעכונג פון אַכצן הונדערט יאָר די געשיכטע פון יידן אַלס אַ פּאָליטישע נאַציע.

פון נאָך אונזער לעצטער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע – די נידערלאַגע פון בר-כוכבא – האָבן מיר געהאַט געשיכטעס פון יידישע פאַרפאָלגונגען און רעכטלאָזיקייט, אינקוויזיציעס און פּאָגראָמען. מיר האָבן געהאַט געשיכטעס פון יידישע מסירות-נפש און קדוש-השם, פון יידישע לומדים און גדולים. מיר האָבן אָבער שוין מער נישט געהאַט קיין יידישע געשיכטע — ווייל אַ פאָלקס-געשיכטע איז נאָר דאָס וואָס אַ פאָלק אַלס אַ גאַנצעס, אַלס אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישע איינהייט באַשאַפט און מאַכט-דורך, און נישט דאָס וואָס געשעט צו איינצלנע אינדיווידואומס און גרופּן, וואָס שטאַמען פון איין פאָלק. און אַלס אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישע איינהייט האָבן מיר שוין אַכטצן הונדערט יאָר נישט עקזיסטירט.

אָן אַן אייגענער היים וענען מיר זיך צעפאַלן אין פּאָרמלאָזע ברעק

לעך און פּיצלעך, ווי שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער כּלי, וואָס קאָן שוין מער נישט פאַראייניקט און גאַנץ ווערן.

אָבער מיט אַ צעבראָכענער כלי איז אַ וואונדער געשען — מיר זענען ווידער אַ פאָלק געוואָרן. און דאָס וואונדער האָט געמוזט געשען — ווייל מיר האָבן אין דעם געגלויבט. מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו וועלן זיין צוריק אַ פאָלק, מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין אונזער נאַציאָנאַלן תחית המתים.

עס האָבן געוויס נישט געפעלט צווישן אונז קיין נאַציאָנאַלע דעזערטירער און פאַררעטער. מיט פאַרשוועכטע נשמות און אומריינע הערצער, פאַרזונקען אין שמוץ פון גלות און פאַרדאָרבן פון קנעכטישן לעבן, האָבן פיל אָפּגעמעקט פון זיך דעם צלם־האומה און פאַרלייקנט און פאַרלוימדעט די נאַציאָנאַלע האָפענונגען און שטרעבונגען. די גרויסע מערהייט אָבער פון פאָלק איז געבליבן געטריי צו זיך און צו זיין צוקונפט. וואָרים אין די טיפסטע טיפענישן פון פאָלקס־נשמה איז פאַרזיגלט געוואָרן די ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט נאָך זיין נאַציאָנאַלער היים, און איבער דעם לאַנגן, דאָרנדיקן גלות־וועג האָט אָפּגעקלונגען אין זיין האַרץ די פייערלעכע שבועה פון די ערשטע גולים: „זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!“

און דורך פייער און בלוט האָט דאָס פאָלק געטראָגן און אָפּגעהיט אין פאַרלויף פון אַכטצן הונדערט יאָר זיין גלויבן אין נאַציאָנאַלער דערליזונג און ווידערגעבורט, זיין גלויבן אין צוריקקער נאָך דער אייגענער היים.

און דער גלויבן האָט אונז נישט אָפּגענאַרט. נאָך 35 יאָר פון פּיאָנערן־אַרבעט, וואָס האָט פּראַקטיש דערוויזן די פעיקייט פון יידן אויפצובויען צוריק זייער חרובע אַלטע היים, נאָך 20 יאָר פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט פאַר דער וועלט די יידישע שטרעבונגען נאָך אַן אייגענער היים — האָט די גרעסטע וועלט־מאַכט אָפיציעל פּראָקלאַמירט די יידישע נאַציע און האָט זיך פאַרפליכטעט צו העלפן פאַרווירקלעכן די עטאַבלירונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

נישט קיין חסד האָט ענגלאַנד איצט געטאָן מיטן יידישן פאָלק — ניין! זי האָט געטאָן אַ פיל גרעסערע און ווירדיקערע זאַך: זי האָט דערפילט אַ פליכט פון היסטאָרישער גערעכטיקייט.

אַ גרויסן חוב איז אונז שולדיק די ציוויליזירטע מענטשהייט — גרויס ווי די טויזנט יעריקע קריוודע אָן־אַ־גלייכן, מיט וועלכער אַלע פעלקער האָבן געקריוודעט דאָס מאַרטירער־פאָלק. אַ חוב וואָס האָט נישט געקאָנט אויסגעצאָלט ווערן בלויז מיט גלייכבאַרעכטיקונג פון איינצלנע אינדיווידיואומס אָדער גרופּן פון פאָלק — נאָר מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פון פאָלק אַלס גאַנצעס, מיט דער גלייכשטעלונג פון דער יידישער נאַציע אויף איין און

דער זעלבער מדרגה מיט אַלע אנדערע זעלבסטשטענדיקע נאַציעס, און דעם חוב האָט די ערשטע דערפילט ענגלאַנד — זי האָט געטאָן גערעכטיקייט צום יידישן פאָלק, און אין דעם באַשטייט די באַדייטונג פון דעם אַקט פאַר אונז יידן.

ענגלאַנד האָט אונז דאָס לאַנד נישט אומגעקערט. איצט, אין מאָמענט פון גרויסער פרייד און נצחון דאַרף דאָס באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט ווערן. ע נ ג ל אַ נ ד ק אָ ן א ו נ ז ד אָ ס ל אַ נ ד נ י ש ט ג ע ב ן. נישט ווייל זי האָט דאָס נישט, אָדער ווייל זי האָט דאָס נאָך נישט. ווען זי זאָל שוין אפילו האָבן דעראָבערט דאָס גאַנצע לאַנד, פון דן ביז באר־שבע, וועט דאָס נאָך נישט ווערן א ו נ ז ע ר ס דורך דער בלויזער הסכמה פון ענגלאַנד, ווען אפילו אַלע אַנדערע מלוכות זאָלן דערצו צושטימען. אַן א יי ג ן לאַנד מ ו ז פ ו ן פ אָ ל ק א ו י ס ג ע ו ו יי ט י ק ט ו ו ע ר ן, מיט אייגענער מי און אַרבעט, שוויס און בלוט באַשאַפן און אויפגעבויט ווערן.

ענגלאַנד האָט אונז נישט אומגעקערט אונזער היים — דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז פיל־ייכט וויכטיקער: זי האָט אונז אומגעקערט אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָליטישע נאַציע און האָט אָנערקענט אונזער רעכט אויף אַן אייגענער היים אין ארץ־ישראל. דאָס פאָלק אַליין, די ניי־געבוירענע פאָליטישע נאַציע, וועט איצט פאַרוואַנדלען דאָס רעכט אין אַ לעבעדיקן פאַקט, וועט אַליין מיט זיינע אייגענע כחות און אוצרות, גייסטיקע און מאַטעריעלע, אויפבויען זיין נאַציאָנאַלע היים און דערפירן זיין נאַציאָנאַלע דערלעזונג ביזן ענדלעכן היסטאָרישן זיג.

ניו־יאָרק, 16 נאָוועמבער 1917 („דער יידישער קעמפער“ נר. 39).

ה. די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און די אַרבעטערשאַפט

מיר האָבן געהאַט אַ וואונדערלעכן קפיצת־הדרך, אַ לאַנגן שווערן וועג, וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט דורכצומאַכן אין צענדליקער יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט און צאָלרייכע קרבנות — האָבן מיר איצט ווי דורך אַ גליקלעכן נס, איבערגעשפרונגען מיט איין מאָל, און מיר שטייען שוין אויף דער ש וו ע ל פון אונזער פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל. דער באַוואוסט־זיין מוז טיף אַריינדרינגען אין אונזער נשמה.

אַ גרויסע שעה פאָדערט אַ גרויסן גייסט, אַ שעפערישן אייזערנעם ווילן, אַ טיפן, ווייטזיכטיקן פאַרשטאַנד, אַ ברייטן שוואונג, אומדערשראָקענעם מוט און אַ שטאַרקע אומענדלעכע באַגייסטערונג און ליבשאַפט צו דער זאַך.

מיט א נייער און גרויסער מאָס וועלן מיר איצט מעסטן אונזערע שריט — מיט דער מאָס פון דער גאולה.

די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — און די פולשטענדיקע פאַרווירקלעכונג — איז געוואָרן די אויפגאַבע פון היינטיקן טאָג. אין דעם באַשטייט די גרויסע פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם איצטיקן מאָמענט.

מיט איין שמיר פון פען האָט דאָס יידישע פאָלק צוריק באַקומען זיין לאַנד. ד. ה. די רעכט אויף זיין לאַנד. און דער ציוניזם איז איצט באַרופן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע רעכט תיכּף ומיד

עס מוז איצט באַלד אומגעקערט ווערן א פאָלק צום לאַנד, איצט ווען דאָס לאַנד איז אומגעקערט געוואָרן צום פאָלק. די געשיכט וועט איצט נישט וואַרטן. דאָס מוז געשען וואָס שנעלער.

אַ נישט-יידיש ארץ-ישראל האָט אַכטצן הונדערט יאָר געקאָנט בלייבן אָן דעם יידישן פאָלק. אַ יידיש ארץ-ישראל טאָר קיין אַכטצן יאָר נישט זיין אָן יידן. פאַר די קומענדע 10—20 יאָר מוז געשאַפן ווערן אַ יידישע מערהייט אין ארץ-ישראל. דאָס איז דער תמצית פון דער נייער היסטאָרישער סיטואַציע.

און אין דעם ליכט פון דער דאָזיקער נייער סיטואַציע מוזן מיר איצט איבערוועגן און איבערמעסטן אונזער ווילן און אָפּערוויליקייט, איבערטראַכטן און איבערקלערן אונזערע אַני-מאמינס און פּרינציפּן, אויסרעכענען און אויסמאַרקירן אונזערע שריט, אויסאַרבעטן און דורכפירן אונזערע פּלענער און אונטערנעמונגען.

די ערשטע זאַך וואָס די נייע סיטואַציע פאָדערט פון אונז — איז קאָנצענטראַציע, קאָנצענטראַציע פון ווילן, פון געפיל, פון געדאַנק, פון האנדלונג און אַקציע. אַלעס מוז קאָנצענטריט ווערן אַרום איין איינציקן פונקט — ארץ-ישראל. קיין זייטיקע אויפגאַבן, ווי וויכטיק און נויטיק זיי זאָלן נישט זיין אַן און פאַר זיך, טאָרן פאַרן ציונים איצט נישט עקזיסטירן. יעדע זאַך, וואָס איז נישט געצילט דירעקט צו ארץ-ישראל — איז אויסער אָרדנונג. דער לאָזונג פון ציוניזם אין דעם איצטיקן מאָמענט מוז זיין: אַלץ פאַר ארץ-ישראל, קיין זאַך פאַר עפּעס אַנדערש.

די צווייטע זאַך וואָס די איצטיקע סיטואַציע פאָדערט איז — עכטקייט. אַלץ וואָס מיר דענקן, פילן און ווילן מוז זיין איצט עכט, אמתדיק, וואָרום איצט ווערט געשאַפן די עכטע היסטאָריע. אין אַנדערע געוויינלעכע צייטן קאָן מען דאַכט זיך אָפּנאַרן די געשיכטע מיט אָנשטעל, איצט קאָן מען אפילו זיך אַליין אויך נישט אָפּנאַרן מיט פוסטע ווערטער און פּלאַטאָנישע פּאַרלאַנגען. דער טיפער, אומבּרחמנותדיקער אמת פון דער געשיכטע האָט איצט גענומען אויפן

פאַרהער מענטשן און פעלקער. עס ווערט אונטערגעפירט אַ היסטאָרישער באַלאַנס פון דער מענטשהייט און עס ווערט פאַרזיגלט דער סך-הכל פון די נאַציאָנאַלע חשבונות. וועמעס רעכנונג פון קראַפט און ווילן הינקט אונטער — וועט זיך איצט נישט קאָנען מער אַרויסדרייען פון אַן היסטאָרישן באַנקראָט. און עכט און קאָנצענטרירט מוזן איצט זיין אונזערע האַנדלונגען און אונטערנעמונגען.

וואָס מיינט דאָס פּראַקטיש פאַר אונז, פועלי ציון?

דאָס מיינט, אַז מיר מוזן איצט קאָנצענטרירן אַלע אונזערע קרעפטן אַרום איין-און איינציקער זאַך — אַרום דעם עכטן ציוניזם, און דער עכטער ציוניזם איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם.

אונזער היסטאָרישע אויפגאַבע און פליכט אין איצטיקן מאָמענט איז: אַוועקגעבן אַלע קרעפטן פאַר דעם אויסשליסלעכן ציל פון מאָביליזירן די יידישע אַרבעטערשאַפט פאַר ארץ-ישראל, נאָך ארץ-ישראל און אין ארץ-ישראל.

דער ציוניזם אין אַן אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ארץ-ישראל איז דאָס לאַנד פון גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע יידן, אָן אונטערשיד פון קלאַסן, אָרעם און רייך, וועלן זיך מוזן באַטייליקן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל: דער שוין עקזיסטירנדער יידישער ישוב, וואָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער איצטיקער פּאָליטישער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — איז געשאַפן געוואָרן דורך די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט פון די פאַרשידנסטע שיכטן פון יידישן פאָלק — אַרבעטער און בעלי-בתים, קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער. אין קיין אַנדערער אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער זאַך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די לעצטע 35 יאָר האָבן זיך אַזוי נישט באַטייליקט אַלערליי עלעמענטן פון אונזער פאָלק — ווי אין דעם יונגען ישוב פון ארץ-ישראל. סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן און רעאַקציאָנערע אָרטאָדאָקסן, אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, פועלי-ציון און ראָטשילד, ישיבה בחורים און סטודענטן — אַלע האָבן אַ חלק אין דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער היים, וואָס איז שוין געלייגט געוואָרן אין אונזער לאַנד.

אויך דער איצטיקער זיג פון ציוניזם איז צו פאַרדאַנקן דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט פון פּראָלעטאַרישן און בירגערלעכן ציוניזם, וואָס וועלן דאַרפן אויך ווייטער קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט פאַר די אַלגעמיינע, אַל-נאַציאָנאַלע צילן און אויפגאַבן. וואָרים אַלע קלאַסן פון יידישן פאָלק זענען פאַראינטערעסירט אין אונזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג אין אַן אייגן לאַנד.

טראָץ דעם — ריכטיקער טאַקע איבער דעם, זענען פאַראַן צווייערליי

ציוניזמען: אַ בירגערלעכער און פּראָלעטאַרישער. ווייל טאַקע אַלע קלאַסן האָבן אַן אינטערעס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — לייגט יעדער פון זיי אַרויף זיין קלאַסן-שטעמפּל אויף דער באַוועגונג און באַצוועקט אין דעם אַלגעמיינעם אידעאַל אויך אייגענע קלאַסן-אינטערעסן. יעדער קלאַס פאַרשטייט אויף זיין אייגענעם שטייגער די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און לייגט דאָס הויפּט-געוויכט אויף די יעניקע זייטן פון דער אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער אַרבעט וועלכע שטייען אַמנאָנטסטן צו זיינע באַזונ-דערע קלאַסן-נויטן און שטרעבונגען.

און נאָך אַ זאַך.

נישט יעדער קלאַס האָט איין און די זעלבע ראָלע אין דער רעאַליזירונג פון ציוניסטישן אידעאַל. צום ביישפּיל, פאַר דער אויפבויאונג פון ארץ-ישראל זענען נויטיק קאַפּיטאַלן — גרויסע, אומגעהויערע גרויסע קאַפּיטאַלן. מיר מעגן דערוואַרטן, אַז די יידישע גרויס-בורזשואַזיע וועט זיך אין איצטיקן מאָמענט אָפּרופן אויף דער היסטאָרישער נויט פון איצ-טיקן מאָמענט און שאַפן די גרויסע מיטלען וואָס זענען נויטיק פאַר דער אויפבויאונג פון ארץ-ישראל. מיר קאָנען זיך אָבער זייער גוט פאָרשטעלן — אַמווייניקסטן אין טעאָריע, הגם דאָס איז נישט אינגאַנצן אוממעגלעך אויך אין דער פּראַקטיק — אַז אַ פּרעמדע מאַכט, לאָמיר זאָגן ענגלאַנד, זאָל אויסלייען דעם יידישן פאָלק די נויטיקע מיליאָנען פאַר דער באַשאַפונג פון אַ יידישער היים. מען קאָן זיך אָבער נישט פאָרשטעלן, אַז ענגלאַנד וועט אונז אויסלייען אירע אַרבעטער אויפצובויען די היים, ווייל ווען אַזאַ זאַך זאָל פאָרקומען, וועט ארץ-ישראל שוין קיינמאָל נישט ווערן אַ יידיש לאַנד. עס בלייבט דאַן ענגליש, ווען אַפילו אַ יידי-שער קיסר זאָל הערשן אין ארץ-ישראל.

ארץ-ישראל וועט אָבער ווערן אַ יידיש לאַנד, אויב יידישע אַרבעטער וועלן זי אויפבויען, אַפילו ווען אַן ענגלישער קיסר וועט איבער איר הערשן.

די יידישע אַרבעטנדע מאַסן מוזן זיין דער רוקן-ביין פון דער ניי-געשאַפענער יידישער געזעלשאַפט. אָן זיי קאָן דער בנין קיין קיום נישט האָבן — ער קאָן גאָר לכתחילה נישט געשאַפן ווערן.

און פאַר אונז, פועלי-ציון, מוז איצט שטיין נאָר איין-און איינציקע אַרבעט: אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער באַלדיקער אויפבויאונג פון דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל. וואָרים די עכטע, אמתע נאַציאָנאַלע היים וועט זיין נאָר די, וואָס וועט באַשאַפן ווערן דורך דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פאַר דער יידישער אַרבע-טערשאַפט.

דאָס מוז איצט זיין דער לייטנדער פּרינציפּ פון אונזער טעטיקייט.

ניו-יאָרק, 30 סעפּטעמבער, 1917 („דער יידישער קעמפער", נר. 41)

ו. כלפי פנים

וואו ליגט איצט דער שווער-פּונקט פון אונזער אַרבעט?

די פראַגע האָט איצט נישט בלויז אַ טעאָרעטישן אינטערעס, נאָר אַ טיפע, פּראַקטיש-היסטאָרישע באַדייטונג. די אַרבעט, וואָס דאַרף שנעל און באַלד דורכגעפירט ווערן, איז אַזוי גרויס, דרינגנד און פאַראַנטוואָרטונגס-פול, אַז מיר מוזן גלייך פון אָנפאַנג קלאָר מאַכן וואָס איז דאָס וויכטיקע און וואָס איז דאָס וויכטיקסטע; אין איצטיקן ערנסטן מאָמענט טאָרן מיר נישט טאָן די זייער וויכטיקע זאַך, כל-זמן מיר האָבן נאָך נישט אָפּגעטאָן די מער וויכטיקע — וואָרום איצט מוזן אַלע קרעפטן געווידמעט ווערן און קאָנצענטרירט ווערן אַרום דעם סאַמע וויכטיקסטן. דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז אַזוי געוואַלדיק גרויס, פאָדערט אַזאַ אָנגעשטרענגטע אינטענסיווע, געוואַגטע און שנעלע טעטיקייט — אַז מיר טאָרן איצט נישט מפקיר זיין קיין איין טראָפּן פון ענערגיע, קיין איין אַטאָם פון אונזער ווילן פאַר דעם, וואָס איז פיליכט אַן און פאַר זיך זייער וויכטיק. אָבער עס איז נישט אַזוי וויכטיק ווי דער עיקר, און דער עיקר מוז איצט קודם כל דערגרייכט ווערן. וואָס איז דער עיקר?

ביז איצט האָט דער ציוניזם געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, פון וועלכער עס איז אָפּגעהאָנגען דער ענדלעכער דערפאָלג פון דעם נאַציאָנאַל אידעאַל: ווערן פון אַ יידישן טרוים אַ אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם און אַלס אַזעלכע געלעזט ווערן פּאָליטיש, די אויפגאַבע איז איצט כמעט דערפילט געוואָרן.

די חובבי ציון האָבן פאַרוואַנדלט דעם נאַציאָנאַלן חלום אין אַ נאַציאָנאַלע בענקשאַפט, און הערצל האָט די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט דערהויבן צו אַ נאַציאָנאַלער זאַך און פּאָליטישער באַוועגונג. דער גרעסטער פון אַלע יידישע פירער האָט קלאָר ווי אַ גאון געזען דעם ריכטיקן וועג: אַהערקשטעלן די יידישע פראַגע אויף דעם טאָג-אָרדנונג פון דער וועלט-פּאָליטיק און לעזן אונזער אינערלעכע נאַציאָנאַל-היסטאָרישע נויט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן. אָבער ווי משה פאַרן איבערגיין דעם ירדן איז פריצייטיק געשטאָרבן דער גרויסער פירער און ס'איז אים נישט באַשערט געווען צו זען זיין לעבנס-אידעע פאַרווירקלעכט. ס'זענען אויף אייביק פאַרמאַכט געוואָרן די אויגן, וואָס האָבן די ערשטע דערזען אין פולן ליכט דעם ריכטיקן וועג. דעם וועג פון רעטונג, ווירדע, באַפרייאונג און תחית-המתים. עס איז אָבער געקומען די צייט — און די וועלט-געשיכטע אַליין האָט דורכגעפירט דאָס וואָס אַ גע-ניוס האָט געוואָלט דורכפירן און האָט נישט דערלעבט.

די גרויסע אַלמענטשלעכע דערשיטערונג אין ערד-ציטערניש, וואָס די וועלט-מלחמה האָט אַרויסגערופן, האָבן פאַר דעם באַוואוסטזיין פון די פעלקער קלאָר און שאַרף אַרויסגעבראַכט אַלע זייערע פאַרבאָרגענע און פאַרבאָרגנסטע וואונדן און נויטן און אַרויפגעצוואונגען זיי אויף דעם טאָג-אָרדענונג פון דעם גרויסן היסטאָרישן יום-הדין, צו וועלכן די מענטשהייט דערנענטערט זיך שנעל דורך בלוט און פייער: אַ יום-הדין, צו וועלכן עס וועלן קומען אַלע ליידנדע און באַעולטע – נישט איינצלנע מענטשן, נאָר פעלקער און נאַציעס, די שטאַרקע און גרויסע אַזוי גוט ווי די שוואַכע און קליינע, וואָרום ליידנד און באַעולט זענען איצט אַלע פעלקער, די רייכע און מעכטיקע אַזוי גוט ווי די אָרעמע און הילפלאָזע, – און וועלן אייסגלייכן צווישן זיך זייערע היסטאָרישע חשבונות און נאַציאָנאַלע טענות און תביעות. און טאָן דאַרפן זיי דאָס איצט אויף דעם איינציקן מעגלעכן וועג, וואָס איז איצט נאָך געבליבן פאַר דער בלוטנדער מענטשהייט: אויפן יסוד פון גערעכטיקייט און אמת און גלייכהייט און ליבע און גענצייטיקער אַכטונג. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער גרעסטער פון אַלע וועלט-קאַטאַסטראָפעס און טראַגעדיעס. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ און קאָן נישט זיין. און פריער אָדער שפּעטער — און עס שיינט גיכער פריער איידער שפּעטער — וועט דאָס די גאַנצע וועלט מוזן איינזען, און אַ נייע וועלט-אָרדנונג פון פעלקער-גלייכהייט און אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט וועט אויפגעבויט ווערן אויף די שרעקלעכע חורבות פון דער פאַרגאַנגנהייט און וועט אויסלייזן די ימים אומשולדיק בלוט — אויב בלוט און אַזוי פיל בלוט — קאָן אויסגעלייזט ווערן...

און אין דעם גרויסן מאָמענט וועט פאַרזיגלט ווערן דער גורל פון פעלקער. די פעלקער, וואָס לעבן, ווילן לעבן און קאָנען לעבן, — וועלן באַנייט אַרויסגיין פון דעם טראַגישסטן פון אַלע היסטאָרישע קריזיסן און מיט אַ נייעם גייסט, וואָס איז געשמידט געוואָרן אין דעם שרעקלעכן וועלט-אומגליק, וועלן זיי שאַפן די נייע צוקונפט, וואָס שטראַלט שוין דורך די רויכנדיקע בערג און טאָלן פון דער פעלקער שלאַכט. און אין יענעם גרויסן מאָמענט וועט אויך פאַרזיגלט ווערן דער גורל פון דעם רעטזעלהאַפטן אייביקן וואַנדערער, וועלכן די וועלט — און פיללייכט ער אַליין, האָט נישט געקאָנט באַגרייפן און משיג זיין: צי איז דאָס אַ שאָטן פון דער געשטאָרבענער פאַרגאַנגנהייט אָדער אַ פאַרבאָגענער, אומרואיקער בן-מלך, פאַרוואָגלט פון זיין פאָטערלעכן קעניגרייך, וואָס טראָגט טיף אין זיין האַרץ זיין גרויסע קעניגלעכע תביעה און שטאָלצע האָפענונג...

און דער גרויסער ערד-ציטערניש האָט מיט אַמאָל אַ בליץ געטאָן — און די גאַנצע מענטשהייט האָט מיט די אויגן פון גרויסן געשיכטלעכן

געוויסן דערזען דעם באַהאַלטענעם יחוס-צייכן פון דעם אייביקן וואַנדערער — די אָפּשפּיגלונג פון דער גרויסער היסטאָרישער קרוין וואָס דער בן-מלך צווישן די פעלקער האָט באַהאַלטן און אָפּגעהיט אין זיינע גרויסע און טראַגישע וואַנדערונגען — און אַ מעכטיקע שטימע, ווי אַ דונער פון הימל, האָט אינמיטן פון דער גרויסער וועלט-ציטערניש אויסגערופן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַר דער צוקונפטיקער געשיכטע:

דאָס איז נישט קיין שאָטן פון דער געשטאָרבענער פאַרגאַנגנהייט — דאָס איז דער וואונדערלעכער בן-מלך צווישן די פעלקער וואָס איז געוועזן באַרויבט פון זיין קעניגרייך און פון זיין פאָטערלעכער ירושה. עס איז געקומען די צייט אומצוקערן די ירושה און די מלוכה צו דעם אמתן יורש — צו דעם לעבעדיקן בן-מלך!

הויך האָט די שטימע אָפּגעקלינגען — און מיט בלוט ווערט זי פאַר-שריבן אויף די לוחות פון דער געשיכטע, וואָרום מיט בלוט און טרערן ווערט איצט געשריבן די מענטשלעכע געשיכטע. און דער היסטאָרישער פּסק-דין, וואָס איז איינמאָל אַזוי פאַרשריבן געוואָרן קאָן שוין מער נישט אָפּגעמעקט ווערן, וואָס עס זאָל ווייטער נישט פאָרקומען און ווי דער וועלט-קריזיס זאָל זיך נישט פאַרענדיקן.

עס זענען נאָך נישט צוזאַמענגעקומען די בעלי-דינים און עס זיצן נאָכנישט די שופטים, און די פנקסים פון די מלוכות זענען נאָך דערווייל פאַרמאַכט און דער זיגל פון דער געשיכטע איז נאָך נישט אָרויפגעלייגט — עס איז אָבער שוין אויסגעשטרעקט געוואָרן די האַנט און דער „מנא מנא תקל ופרסין" פון דער יידישער גאולה איז שוין אויסגעקריצט אויף דער וואַנט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט; — דערווייל האָט נאָך איין האַנט, די גרעסטע און שטאַרקסטע און מעכטיקסטע האַנט צוגעלייגט איר חתימה, אָבער עס איז שוין מער קיין ספק נישטאָ: ווען עס וועלן נאָר געשריבן ווערן די נייע תנאים פון פעלקער-בונד וועלן אויך די אַנדערע צולייגן זייער חתימה, און די פאַרלוירענע נחלה פון דעם יידישן בן-מלך וועט אים אומגעקערט ווערן, מיט דעם הסכם פון אַלע פעלקער, וואָרום איצט וועלן אַלע פעלקער-אבדות אומגעקערט ווערן און אַלע נאַציאָנאַלע עוולות גוט געמאַכט ווערן, ווייל טויזנטער און מיליאָנען האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט, ווייל טויזנטער און מיליאָנען האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס — און בלוט און לעבנס פון טויזנטער און מיליאָנען קאָן נישט און טאָר נישט אומזיסט און אָן אויסלייזונג געאָפּפערט ווערן...

אונזער נאַציאָנאַלע האָפענונג איז איצט פּאָ ל י ט י ש פאַרזיכערט. באַלד וועט זי אַנטגילטיק און פאָרמעל גאַראַנטירט ווערן פון אַלעמען. דאָס וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו טאָן פאַר דער אַנטגילטיקער פאָרמעלער פאַרזיכערונג איז נאָך זייער וויכטיק, אָבער עס איז נישט דער עיקר. די הויפּט־זאַך איז דער ריכּ־טונג, ד ע ר ע י ק ר פ ו ן צ י ו נ י ז ם כּ ל פּ י ח ו ץ, איז שוין דורכגעפירט געוואָרן: דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם פון יידישן פאָלק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעזונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע, דער פּראָבלעם פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל איז שוין אָנערקענט געוואָרן אויף דער באַלדיקער טאָג־אָרדנונג פון דער וועלט־פּאָליטיק און קאָן שוין מער נישט אַראָפּגיין, ביז זי וועט אַנטגילטיק געלעזט ווערן צום גונסטן פון יידישן פאָלק און אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון היסטאָרישער גערעכטיקייט.

פאַרן ציוניזם איז איצט געבליבן דעריבער די צווייטע הויפּט־אויפ־גאַבע — און די מער וויכטיקערע און פיל ערנסטערע און שווערערע: אָוועקשטעלן די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אויף דער טאָג־אָרדנונג פון יעדן איינצלנעם ייד; פאַרבינדן די באַשאַפונג פון דער נייער יידישער היים מיטן פערזענלעכן לעבן פון די גרויסע יידישע מאַסן.

ד ע ר ע י ק ר אַ ר ב ע ט א י צ ט א י ז כּ ל פּ י פּ נ י ם, אינערלעך אין יידישן פאָלק. אַלס וואָס מיר האָבן און פאַר־מאָגן, גייסטיק און מאַטעריעל, מוז איצט אַוועקגעגעבן ווערן פאַר דער גרויסער, שווערער און דרינגנדער אַרבעט פון מ אָ ב י ל י ז י ר ן דאָס יידישע פאָלק פאַר ארץ־ישראל, נאָך ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל.

ניו־יאָרק, 7 דעצעמבער, 1917 („דער יידישער קעמפער״, נר. 42).

ז. דאָס לאַנד און אַ פאָלק

דער שווער־פּונקט פון דער גרויסער אויפגאַבע פון איצטיקן מאָמענט ליגט אין דער דרינגנדער נויטווענדיקייט פאַרצובריייטן און אָרגאַניזירן און מאָביליזירן דאָס פאָלק פאַרן לאַנד. די אַרבעט אין פאָלק, דורכן פאָלק און פון פאָלק פאַר דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — דאָס איז דער צווינגנדער באַפעל פון דער גרויסער שעה.

מיר דאַרפן קודם־כל איבערנעמען פּ אַ ק ט י ש אונזער לאַנד־און ווערן מ אָ ר אַ ל י ש, פּאָליטיש, רעכטלעך־עקאָנאָמיש און קול־טורעל איר ה ו י פּ ט ־ ב אַ ז י צ ע ר. הגם איר א יי נ צ י ק ע ר אויסשליסלעכער באַזיצער קאָנען מיר נישט און ווילן נישט און ווען נישט ווערן. מיר קאָנען אָבער און ווילן און מ ו ז ן ווערן איר ה ו י פּ ט ־ אָבזיצער — ווייל דאָס איז די פונדאַמענטאַלע פאָרבאַדינגונג פון אַ נ אָ צ י אָ נ אַ ל ע ר היים.

דאָס יידישע פאָלק האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זיין האָפנונג און

רעכט אויף זיין היסטאָרישע פאָטערלאַנד. דאָס איז אָן ספק איינער פון די הויפט-פאַקטאָרן, וואָס האָבן דערמעגלעכט די פּאָליטישע פאַרווירקלעכונגען פון ציוניזם. אַ יידישע היים אין א״י איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך דער בריטישער רעגירונג אויף דעם טאָג-אָרדנונג פון דער וועלט-פּאָליטיק נישט נאָר ווייל ענגלאַנד האָט איינגעזען, אַז די יידן נויטיקן זיך אין אַ טעריטאָריע און שטרעבן צו האָבן אַ לאַנד, נאָר ווייל זי האָט געוואוסט, אַז דאָס יידישע פאָלק וויל צוריק דאָס לאַנד, וועלכעס ער האָט, טראָץ דעם צוויי-טויזנט-יעריקן גלות, נישט אויפגעהערט צו בעטראַכטן אַלס זיין לאַנד. ישראל און ארץ-ישראל זענען געוואָרן אומצוטיילבאַר אין בעוואוסטזיין, געוויסן, אינסטינקט און ווילן פון יידישן פאָלק: און אַזוי זענען זיי אויך געווען פאַרבונדן און פאַראייניקט אין היסטאָרישן געוויסן פון די פעלקער, און עס איז דער זיג פון דעם היסטאָרישן געוויסן, און נישט די טעאָרעטישע אָנערקענונג און באַרעכטיקונג פון דער מעכאַנישער, קינסטלעכער, דיאַלעקטישער קאָנצעפּציע פון אַבסטראַקטן, באָדנלאָזן און אומפרוכטבאַרע טעריטאָריאַליזם, וואָס האָט געבראַכט צו דער לעזונג פון דעם יידישן פּראָבלעם דורך אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים אין אַן אייגן לאַנד.

אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט צוריק דערוואָרבן דאָס רעכט אויף זיין אייגן לאַנד, נישט בלויז צוליב זיינע היסטאָרישע רעכט, האָפנונגען און תביעות, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב דעם וואונדערבאַרן היסטאָרישן צופאַל, וואָס ארץ-ישראל איז פון נאָכן יידישן חורבן ביז היינט געבליבן אָן באַזיצער אין היסטאָריש-מאָראַלישן זין פון וואָרט. פּונקט ווי די יידן האָבן אַלס פאָלק זיך נישט דערוואָרבן אויסער ארץ-ישראל קיין אַנדער נאַציאָנאַלע היים, אַזוי איז אויך ארץ-ישראל נישט געוואָרן פאַר די גאַנצע אַכטצנהונדערט יאָר פון יידישן גלות די נאַציאָנאַלע היים פון אירגענד, וועלכן עס איז פאָלק. קיין איין נאַציע. קיין איין מלוכה, אויסער די יידישע, האָט זיך נישט אידענטיפיצירט מיט ארץ-ישראל.

רוים און ביצאַנץ האָבן געהאַלטן א״י נאָך דעם אינטערגאַנג פון דער יידישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט גאַנצע 500 יאָר (פון 136 ביז 636, רעכענענדיק פון דעם פאַל פון שמעון בר-כוכבא, דעם לעצטן זעלבסטשטענדיקן הערשער פון דער יידישער מלוכה. און נישט פון חורבן בית-שני, מיט וועלכן עס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט דער קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט), אָבער נישט די רוימער און נישט די ביזאַנטער האָבן נישט געמאַכט א״י פאַר זייער היים, פאַר זיי איז פּאַלעסטינע געווען נישט מער ווי אַ קאָלאָניאַלער באַזיץ.

אַ פּאָליטיש אייגנטום, וואָס מען געווינט און פאַרלירט, וואָס ווערט אָבער קיינמאָל נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון נאַציאָנאַלן קיום, מיט וועלכן אַ פאָלק ווערט געבוירן און אָן וועלכן עס גייט אונטער. דאָס לאַנד האָט אַפילו נישט איבער גענומען די הערשנדע רוימישע און גריכישע שפּראַכן, און ביז דער נייער הערשאַפט פון איסלאַם האָט די באַפעלקערונג אין א״י, וואָס איז באַשטאַנען מיינסטנס פון יידן און יידישע קריסטן (ד. ה. יידן, וואָס האָבן צוליב די רדיפות און אויך מחמת איבערצייגונג אָנגע-נומען דעם נייעם גלויבן), גערעדט אַראַמיש און געוויסערמאַסן אויך העברעאיש — די צוויי פאַרוואַנדטע יידישע פאָלקס-שפּראַך און יידישע נאַציאָנאַל-שפּראַך.

די אַראַביש-מיצרישע הערשאַפט אין א״י, וואָס האָט מיט פיל אונטער-ברעכונגען, געדוירט בערך 880 (פון 637 ביז 1517, דערווּנטער זענען אויך אויך איינגערעכנט די עפּאָכן פון די נוסעי-הצלב, 1099—1291) האָט איבער-געלאָזט אויפן לאַנד פיל טיפערע און דויערנדע סימנים. נאָך עד-היום הערשן די שפּראַך און רעליגיע פון מוסלימישן-אַראַביען אין לאַנד פון די יידישע נביאים. די אַראַבער אַלס נאַציע אָבער האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרבונדן אָרגאַניש מיט דעם איינגענומענעם לאַנד, הגם זיי האָבן אַרויס-געצוואונגען אויף דער אונטערגעוואָרפענער באַפעלקערונג זייער קולטור — שפּראַך און רעליגיע. דאָס וויגעלע פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַליטעט איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אין דער גרויסער וויסטע פון אַראַבישן האַלב-אינזל, און די צאָלרייכע אַראַביש-שפּרעכנדע פעלקער פון מערב-אַזיע און צפון-אַפריקע האָבן צווישן זיך אַזוי פיל נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ש י כ ו ת ווי די איינוואוינער פון שפּאַניען מיט די שפּאַניש-שפּרעכנדע מעקסיקאַנער אָדער אַרגענטינער.

אין ארץ-ישראל גופא זענען די אַראַבער — ד. ה. די אמתע אַראַבער, נאָך ביז היינט געבליבן מיינסטנס אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער אָרטיקער פּאַלעסטינישער באַפעלקערונג און עד-היום האָבן זיי, מיט ווייניק אויסנאַמען, נאָך נישט געביטן זייער נאָמאַדישן-לעבן אויף מער ציוויליזירטע, זעסהאַפטע לעבנס-פאָרמען, אין דעם מויל פון דער פּאַלעסטינער איינוואוי-נערשאַפט איז דאָס וואָרט „אַראַב״ אידענטיש מיטן באַגריף וואַנדערער, נאָמאַד אָדער בעדואינער. דער אמת-פּאַלעסטינישער ישוב, די באַפעלקערונג, וואָס אַקערט דעם פּאַלעסטינישן באָדן און זעט די פּאַלעסטינישע פעלדער, די אַזויגערופענע „פלאַחין״ (פעלאַכן, ד. ה. אַקערבויער), באַטראַכט דעם „אַראַב״ — די בעדואינער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם ריין-אַראַבישן עלעמענט אין לאַנד נאָך עד-היום אַלס פיינט און פרעמדע. די פעלאַכין, האָבן אַ ווערטל: „ערב ג׳רב מאַ בנקרב״ (אַראַב דזשאַראַב מאַ בינקראַראַב) — ד. ה. דער אַראַבער איז קרעציק, דערנענטערט זיך צו אים. די שנאה צו די אַראַביש-בעדואינישע באַפעלקערונג שטאַמט פון זייערע שטענדיקע רוי-בערייען און אונטערדריקונגען, פון וועלכע דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב אין א״י האָט אַלעמאָל געליטן. און דעריבער זאָגט דער פעלאַך: „אויב אַ

בעדואינער וויסט דעם טויער פון דיין הויף – בייט זי איבער
נאָך ווייניקער פאַר די אַראַבער-בעדואינער האָבן די ט ע ר ק ן
אירגענד, וועלכע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע שיכות מיט ארץ-ישראל. פונקט
פירהונדערט יאָר געוועלטיקן די אָטאָמאַנישע-טערקן איבער אונזער לאַנד
(1517–1917). קוים אָבער ווערט פאַרניכטעט די פּ אָ ל י ט י ש ע
הערשאַפט פון די אָטאָמאַנען — בלייבט נישט איבער דער מינדסטער צייכן
פון טערקיי אין א"י. פון די עטלעכע-און-צוואַנציק נאַציאָנאַל-רעליגיעז
גרופן און שטאַמען, פון וועלכע די ארץ-ישראלדיקע באַפעלקערונג איז
איצטער צוזאַמענגעשטעלט – איז די טערקישע די קלענסטע און ק ו ל ז
ט ו ר ע ל א ו ן ע ק אָ נ אָ מ י ש ד י א ו מ ב אַ-
ד יי ט נ ד ס ט ע. פון אַלע שבעים לשונות, וואָס מ'קאָן הערן אין
די גאַסן פון ירושלים – איז טערקיש – אָפיציעל די הערשנדע שפּראַך —
דאָס לשון, וואָס מ'הערט אַמווייניקסטן. אַ חוץ אַ קליינע צאָל פון העכערע
באַאַמטע, ציווילע און מיליטערישע, איז אין ארץ-ישראל נישטאָ קיין
טערקישע איינוואוינער, און טערקיש ווערט דעריבער – אויסער אין די
אָפיציעלע אַנשטאַלטן – ווייניקער באַנוצט אין לאַנד ווי אירגענט וועלכע
עס איז אייראָפּעאישע שפּראַך, שוין נישט רעדנדיק פון אַראַביש און
העברעאיש און אַנדערע יידישע דיאַלעקטן.

טערקיי האָט מיט א"י נישט מער ווי אַ מיליטעריש-פיסקאַלע באַציאונג –
ד. ה. זי נעמט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג סאָלדאַטן און שטייערן
און איר גאַנצער אָנהאַלט אין לאַנד איז נישט מער ווי אַ מיליטערישער.
קוים ווערט דאָס טערקישע מיליטער, ריכטיקער די מיליטערישע-באַאַמטע,
(ווייל דאָס מיליטער גופא באַשטייט אויך נישט אינגאַנצן פון טערקן)
אַרויסגעטריבן פון לאַנד – ווערט גרינדלעך און
שפורלאָז פאַרניכטעט דער איינציקער
סימן פון טערקישן באַזיץ אין לאַנד.

און די ערשטע גרויסע אויפגאַבע פון יידישן פאָלק אין איצטיקן
מאָממענט איז: צו פאַרווירקלעכן און באַפעסטיקן דעם יידישן באַזיץ אין
אָנהאַלט אין ארץ ישראל.

ניו-יאָרק, 14 דעצעמבער, 1917 („דער יידישער קעמפער" נר. 43).

ח. די אויפבויאונג פון לאַנד

די ענגלישע רעגירונג מיט דער הסכמה פון אירע פאַרבינדעטע און
מיט דער מאָראַלישער צושטימונג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטש-
הייט האָט עפנטלעכט אָנערקענט און פּראָקלאַמירט די רעכט פון יידישן
פאָלק אויף ארץ-ישראל אַלס זיין נאַציאָנאַלע היים. דער נאָכפאָלגנדער זיג-
רייכער מאַרש פון די בריטישע אַרמייען אין יהודה האָט געשאַפן די פּראַק-
טישע מעגלעכקייט פאַר דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון דעם רעכט.

ירושלים — דאָס האַרץ פון ארץ-ישראל — איז באַפרייט — און דאָס מאָל אַנטגילטיק באַפרייט. די פאַרטריבענע טערקן וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן צו געוועלטיקן דורך זייער שווערד אין „די שטאָט פון פרידן”. דער דאָזיקער אָנזאָג איז געקומען פון יענער שטאָט, וואָס האָט מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק דערטרונקען די אידישע זעלבסטשטענדיקייט אין בלוט פון אירע פאַרטיידיקער צווישן די חורבות פון ירושלים. רוים האָט באַפוילן אַלע קאַטאָליקן צו פייערן דעם זיג פון ירושלים — אַ באַוויז, אַז דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן צוגעשטימט און אָנגענומען דעם היסטאָרישן פסק-דין. און אָן דייטשלאַנד און עסטרייך וועלן די טערקן אַפילו נישט וואַגן מער צו קעמפן קעגן זיעם בריטישן לייב, וואָס היט דעם אַריינגאַנג פון דער אייביקער שטאָט, און דער גורל פון ירושלים איז דער גורל פון גאַנץ ארץ-ישראל.

איצט איז שוין מער קיין ספק נישטאָ — די אַכצן הונדערט יעריקע מחיצה צווישן לאַנד און פאָלק איז צעפאַלן, און ברייט, ווי נאָך אַ הייסבאַגערטן גאַסט, האָבן זיך געעפנט די טויערן פון דער אַלטער היים פאַר איר אייניקן, ריכטיקן היסטאָרישן יורש, ער זאָל קומען איבערנעמען זיין אַלטע, אַלטע ירושה. — איבערנעמען און באַנייען — דאָס איז די צווייטע גרויסע אויפגאַבע פון יידישן פאָלק אין איצטיקן מאָמענט.

זכות-אבות האָט געהאָלפן, אַז די פעלקער זאָלן אָנערקענען אונזער לאַנד, אָבער נאָר איין אייגענער זכות וועט אונז ביישטיין, אַז די רעכט זאָל אין היסטאָרישן פאַקט פאַרוואַנדלט ווערן — דער זכות פון אונזער אַרבעט און קרבנות פאַר דער אויפבויאונג און באַנייאונג פון אונזער אַלטער, חרובער היים. אין דער נויט פון א״י אויפגעבויט און באַנייט צו ווערן ליגט די מעגלעכקייט און גאַראַנטיע, אַז אונזער נאַציאָנאַלע האָפנונג זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

דאָס וויג-לאַנד פון יידישן פאָלק, דאָס לאַנד פון זון און בלומען, פון שטענדיק גרינע ביימער און פאַרבנרייכע פעלדער, וואו די בערג טריפן מיט זאַפט פון פרוכטן און די טאָלן זענען אָנגעלאָדנט מיט תבואה, דאָס וואונדערלעכסטע לאַנד פון ערד-קוגל, וואָס פאַרייניקט אין זיך אַלע נאַטור-קאָנטראַסטן און די פאַרשידנאַרטיקסטע נאַטור-געשטאַלטן, וואו פאַלמעס און סאָסנעס וואַקסן צוזאַמען, וואו אין איין עק ירדן הערשט אַ סוף-טראָפּישער קלימאַט, און אין אַנדערן עק – אַ סוף-אַלפּישער, וואו מען זעט אין דעם שטענדיק הייסן ירדן-טאָל די שטענדיק ווייסע שניי-פעלדער פון חרמון און דאָס אויג כאַפּט אין איין בליק אַלע צווישנדיקע מדרגות פון די קלימאַטישע עקסטרעמען: די זאַמדן און פאַלמען פון ברעג ים, די ווייץ-פעלדער פון עמק-יזרעאל, די דעמבעס און סיקאָמאַרן פון גליל, די סאָסנעס און שנייאיקע שפּיצן פון לבנון. דאָס לאַנד וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין פילפאַכער גלידערונג פון דער אויבערפלעכע, וואָס פאַרייניקט

אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם שטח ביז 1200 פוס אונטער דעם ים-
שפּיגל אַראָפּהענגנדיקע טיפע עבענעס און איבער די וואָלקנס אַרויפשטייגנ-
דיקע בערג, וואָס דערהויבן זיך ביז 10.000—9 פוס איבערן ים-שפּיגל, און
פאַרמאָגט דעריבער די סאַמע רייכסטע פלאָרע, רייכער ווי עוגיץ וועלכעס
אַנדער לאַנד פון דעם זעלבן שטח, נישט ווייניקער פאַר דער אויסערגעוויינ-
לעכער נאַטור-רייכער קאַליפאָרניע, וואָס איז כמעט צוואַנציק מאָל אַזוי גרויס
ווי ארץ-ישראל, דאָס לאַנד, וועמענס פאַררעטערישער אָבער ליבנדער געשיכטס-
שרייבער האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק באַשריבן מיט רעכט אַלס „די
אַמביציע פון דער נאַטור, וואָס זוכט ווי אין אַ וועט-שטרייט צו פאַרייניקן
אין איין פּונקט די קעגנזאַצן און צווינגט די געוויקסן, וואָס זענען פון
נאַטור פיינטלעך צווישן זיך זאָלן לעבן האַרמאָניש צוזאַמען – און די יאָרעס
צייטן שיינען צו קעמפן איינע מיט דער צווייטער פאַר דער ממשלה אין
לאַנד" — דאָס לאַנד, וואָס איז פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרן צו זיין
דער וואונדער-גאָרטן פון דער וועלט — איז פון נאָכן יידישן חורבן געבליבן
פאַרוויסט און רואינירט, צעשטערט און פאַרוועלקט, וואַלדלאָז און בוימלאָז
מיט פעלז-נאַקעטע בערג און זומפּ-פאַרפעסטעטע טאָלן, פאַרלאָזן פון געטריי-
פלייסיקע איבערגעגעבענע הענט פון אייגענע קינדער און פאַר-
נאַכלעסיקט און שוצלאָז אונטער אַ באַרבאַרישער און פרעמדער הער-
שאַפט. „דערנער און צאַללאָזע מענגען באַדעקן די שיינע טאָלן, די
גערטנער און פרוכט-וועלדער זענען פאַרשוואונדן, דער וואַלד-צירונג איז
פאַרניכטעט, די בערג-אָפּהענג זענען נאַקעט און לעבנסלאָז. אַנטבלויזט פון
זייער פרוכט-ערד, דאָס לאַנד איז באַדעקט מיט חורבות".

אויפריכטן און אויפבויען, אויפפרישן און באַנייען אונזער צוריק
ערוואָרבענעם פאָטערלאַנד, פאַרהיילן מיט קינדערשער ליבע און מוטערלעכער
איבערגעגעבנקייט און טרייהייט אירע וואונדן, אויפשטעלן די טויזנט-יעריקע
רואינעס, צוריק אומקערן איר אַמאָליקן גלאַנץ און פּראַכט, אַרויסצויבערן
פון איר שויס אירע באַהאַלטענע אוצרות און נאַטירלעכע רייכטימער —
דאָס איז איצט אונזער גרויסער היסטאָרישער ערנ-
פליכט אַזוי גוט ווי אונזער נאַציאָנאַלע נויט און צוגלייכער צייט די
נויט פון די טויזנטער און צענדליק טויזנטער דאָרטיקע יינוואוי-
נער, וואָס שמאַכטן איצט אין אָרעמקייט, עלנד, אומוויסנקייט און געפאַלנ-
קייט, פון וועלכע זיי זענען אַליין נישט אומשטאַנד זיך צו העלפן.

עס איז איצט שוין זיכער – דער נאָענטער פרידנס-טריבונאַל פון
אַלע פעלקער וועט גוטהייסן און באַשטעטיקן דעם גרויסן אַקט פון היסטאָ-
רישער השבת-האבדה, וואָס די ענגלישע מלוכה האָט פּראָקלאַמירט בנוגע
דעם יידישן פאָלק. פעלקער-רעכטלעך וועט א"י אָנערקענט און פּראָקלאַמירט
ווערן אַלס אונזער נאַציאָנאַלע היים. אָנערקענט און פּראָ-
קלאַמירט – אָבער נישט מער. דאָס איז פאַר אונז זער וויכטיק,
אומגעהויער וויכטיק, אָבער בלויז אַלס פאָרבאַדינג – צו דערמעגלעכן אונ-
זער אייגענע באַשאַפונג און אויפבויאונג פון אונזער היים. די עפנט-

לעכע אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון אונזער רעכט אויף ארץ-ישראל מיינט אייגנטלעך נאָר די אָנערקענונג פון אונזער רעכט אויפצובויען דאָס לאַנד. און אויפבויען אונזער היים מוזן מיר נישט בלויז דורך אונזערע אייגענע מאַטעריעלע מיטלען — נאָר דורך אונזער אַרבעט, דורך אייגענע אַרבעט, דורך אייגענע מי און פּאַצע, שווייס און מאַרך. דאָס איז דער עיקר אויף וועלכן עס דאַרף געבויט ווערן אונזער צוקונפט. וועלן מיר נאָר די בעלי-בתים זיין, און אַנדערע, פרעמדע וועלן פאַר אונז האָרעווען, וועלן מיר דאָס לאַנד קויפן און אַנדערע דאָס לאַנד באַאַרבעטן, וועלן מיר נאָר געוועלטיקן און אַנדערע וועלן אונז באַדינען, וועלן מיר געבן נאָר געלט, און אַנדערע מוסקולן — וועט נישט נאָר בטל ומבוטל ווערן די פעלקער-רעכטלעכע אָנערקענונג פון אונזער רעכט אויף א״י, — נאָר עס ווערט אויך אונטערגעשריבן דערמיט אונזער נאַציאָנאַלער טויט-אורטייל אין א״י. די אויפבויאונג פון אונזער היים דורך פרעמדע, נישט-יידישע אַרבעט וועט זיין טויזנט מאָל ערגער פאַרן יידישן פאָלק, ווי דער חורבן פון אונזער לאַנד דורך פרעמדע, נישט-יידישע הענט. ווען אונזער פאָטערלאַנד איז צעשטערט געוואָרן דורכן שונא, האָבן מיר נאָך געהאַט אַ האָפענונג ווען עס איז צוריק אויפבויען די חורבות. וואָרום אונזערס איז דאָס לאַנד — כל-זמן ס'ליגט רואינירט. וועט אָבער דאָס לאַנד דורך פרעמדע אויפגעבויט ווערן — גייט דאָס אויף אייביק אַרויס פון אונזער רשות. עס ווערן אָפּגעמעקט און אָפּגעווישט אונזער היסטאָרישע רעכט און מיר ווערן פאַרפרעמדט אין אונזער אייגן לאַנד — ווען אפילו פּאָליטיש און פינאַנציעל זענען מיר דאָרט די הערשער. וואָרום די געשיכטע, וואָס איז שטאַרקער פאַר אַלע פעלקער-רעכטלעכע אָפּמאַכן אָנערקענט נאָר איין רעכט — די רעכט פון אַרבעט. און נאָר דורך דער רעכט פון אַרבעט וועלן מיר ווערן די ווירקלעכע באַזיצער און אייגנטימער פון אונזער לאַנד.

נישט די גרויס-מאַכט און נישט די קאַפּיטאַליסטן — נאָר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זענען אימשטאַנד צו מאַכן ארץ-ישראל פאַר אַ יידיש לאַנד. אין זייערע הענט, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, ליגט די צוקונפט פון יידישן היימלאַנד. וואָרום נאָר די אַרבעט, אונזער אייגענע אַרבעט און מי אין דער אויפבויאונג פון לאַנד וועט אונז באַפעסטיקן און פאַרזיכערן די אמתע, היסטאָרישע אומאָנטפרעמדבאַרע רעכט אויף אונזער נאַציאָנאַלער היים.

ניו-יאָרק, 21 דעצעמבער, 1917 („דער יידישער קעמפער" נר. 44).

ט. די יידישע אַרבעט־ און א״י

ארץ־ישראל וועט ווערן אַ יידיש לאַנד, ווען עס וועט דורך יידישע אַרבעט אויפגעבויט ווערן. דאָס מוז זיין קלאָר פאַר יעדן ציוניסט, צו וועלכן פליגל ער זאָל נישט באַלאַנגען. יידישע אַרבעט איז דער „תּנאי בּני גד וּבני ראובן" אָדער ווי די גוים זאָגן „קאָנדיציאָ סינע קווא נאָן" פון דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. דער בּירגערלעכער אַזוי גוט ווי דער פּראָלעטאַרישער ציוניסט, יעדער איינער, וואָס וויל האָבּן אין ארץ־ישראל אַ יידישע היים, מוז דאָס אָנערקענען. אַ ציוניסט, וואָס אָנערקענט נישט דעם פּרינציפּ איז בּבחינת אַ פרומער ייד, וואָס איז כּופר בּעיקר, ווייל דאָס איז דער עלעמענטאַרער און פונדאַמענטאַלער עיקר אָן וועלכן דער ציוניזם האָט נישט קיין קיום. די אויפבויאונג פון ארץ־ישראל נישט דורך יידישע אַרבעט וואָלט געווען אַ פולשטענדיקער בּאַנקראָט און אַן אייביקער חורבן פון אונזער צווייטויזנט־יעריקער האָפנונג. אויף דער פראַגע: ווער זאָל דאָס לאַנד אויפבויען? — קאָן דער ציוניזם געבּן נאָר איין תּשובה: די יידישע מאַסע, די יידישע אַרבּעטערשאַפט.

בּיז אַהער קאָנען קיין מיינונג־פאַרשידנהייטן נישט זיין. אַזעלכע ציוניסטן, ווי אחד־העם, וואָס דענקן אַז יידישע אַרבעט אין ארץ־ישראל איז לאו־דוקא, אַז ס׳איז גענוג מיר זאָלן האָבּן אַ לאַנד פון „בּועזים" — בּכבודיקע בּעלי־בּתּים, וואָס לעבּן פון פרעמדע פּראַצע און וואָס פּאַסן אויף דער אַרבעט פון אַראַבּער, נעגערן, כינעזער און זאָרגן דערבּיי פאַרן נאַצ. גייסט, פאַרן „רוח־היהדות" — פאַרשטייען פּשוט נישט דעם עלעמענטאַרן זין פון וואָרט נאַציאָנאַל און בּאַגרייפן נישט דעם אלף־בּית פון דער געשיכטע, אַז אַ לאַנד בּאַלאַנגט צו די און נאָר צו די, וואָס בּאַאַרבּעטן עס.

דער ציוניזם, פאַר וועלכן עס האָבּן זיך איצט אויף אַ וואונדערלעכן אופן געעפנט אַ זעלכע בּרייטע פּערספּעקטיוון פון אַרבעט, דער ציוניזם, וואָס טרעט איצט צו, צו דער בּאַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון זיין היסטאָרישער אויפגאַבּע — דאַרף זיך איצט אַלוּאָ ווענדן צו די יידישע אַרבּעטנדע מאַסן מיט דעם גרויסן אָנזאָג און פאָדערונג אויפצובּויען די יידישע היים אין ארץ־ישראל.

עס איז זיכער: די יידישע אַרבעטערשאַפט וועט זיך אָפּפערווילּיק און אַרבעטסלוסטיק אָפּרופן אויף דער גרויסער היסטאָרישער אויפפאָדערונג. פול מיט גלויבּן אין דער ליכטיקער יידישער צוקונפט, איבּערגעגעבּן און געטריי צו זיין פאָלק און זיין אַלט־נייער היים, שטאָלץ מיטן הייליקן אָנדענק צו די ערשטע אַרבּעטער־פּיאָנערן, וואָס האָבּן זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער גרויסער נאַציאָנאַלער האָפנונג אין יידישן לאַנד, שטאַרק און מוטיק אין בּאַוואוסטזיין פון זיין גרויסער היסטאָרישער מיסיע און זיינע שעפּפערישע כּחות, וועט זיך דער יידישער אַרבּעטער אָפּרופן מיטן גאַנצן פייער פון זיין אידעאַליסטישער נשמה, אויפן צויבּעררוף פון שיקזאַלס

שמידנדן מאָמענט — צו גרינדן מיט זיין מי און פראַצע, מאַרך און שווייס אַן אייגענע, זעלבסטשטענדיקע היים פאַר זיין פאָלק און פאַר זיך אין זיין היסטאָרישן פאַטערלאַנד.

און דאַן שטעלט זיך אַוועק אין דער גאַנצער טיף און ברייט די פראַגע: ווי אַזוי זאָלן די יידישע אַרבעטער דאָס לאַנד בויען? וואָרום עס איז קלאָר: נישט בלינדערהייט, גלייכגילטיק, ווי פאַרדונגענע, וואָס פאַרקויפן זייער כח צו פרעמדע און זאָרגן נישט ווי אַזוי און צוליב וואָס די אַרבעט ווערט געטאָן — נאָר ווי אייגענע, ווי היימישע מיט אַ טיפן אינטערעס צו דער זאַך, מיט אַן אייגענער איניציאַטיווע און אַן אייגענער פראָגראַם וועלן די יידישע אַרבעטער זיך נעמען פאַר דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט אין ארץ-ישראל, און וועלן דאָרט ווערן אַן אייגענע אַרבעטער היים אויפבויען פאַר זייער אייגענער צוקונפט און אייגענע אידעאַלן.

דאָ הויבט זיך אָן דער ציוניסטישער פרשת-דרכים, דאָ צעשיידן זיך די וועגן פון די צוויי פליגלען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער בירגערלעכער און דער סאָציאַליסטישער. דער אונטערשיד צווישן די צוויי פליגלען באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס איינער וויל האָבן בלויז ציוניזם און דער צווייטער וויל נאָך סאָציאַליזם אויך — נאָר קודם-כל אין דעם, וואָס דער ציוניזם גופא איז נישט איינס און דאָס זעלבע ביי זיי ביידע. אין דער געמיינשאַפטלעכער פאָרם ליגט יעדער אריין אַ באַזונדערן אינהאַלט. די פראַגע איז נישט, צי זאָל מען איינפירן סאָציאַליזם אין ארץ-ישראל נ אָ ך ד ע ם ווי די יידישע היים וועט שוין זיין געשאַפן — נאָר א ו י ף ו ו ע ל כ ע ס אָ צ י אַ ל ע יסודות זאָל די היים גע-ש אַ פ ן ו ו ע ר ן. עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן דעם ענדציל נאָר אויך וועגן דעם אָנהויב. דער סאָציאַליסטישע ציוניזם האָט אַן אייגענעם פראָגראַם נישט בלויז פאַר דעם אחרית-הימים, ווען דער ציוניזם וועט שוין זיין פאַרווירקלעכט און דאָס יידישע פאָלק אין ארץ-ישראל, זיצנדיק אין אַן אייגענער היים, וועט צוגלייך מיט די איבעריקע זעלבסטשטענדיקע ציוויליזירטע פעלקער איינפירן אין זיין לאַנד אַ נייע אָרדנונג פון סאָציאַלע גלייכהייט און גערעכטיקייט. וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלטן די בירגערלעכע ציוניזטן פיליכט מיט רעכט געקאָנט טענהן. „למאי, זיך שוין צו-טיילן און צעשפּאַלטן, לאָמיר צום ערשט מיט פאַראייניקטע קרעפטן פאַר-ווירקלעכן דעם ציוניזם און אויפבויען די היים, און דאַן ווען מיר וועלן שוין זיין מיט פעלקער גלייך, ווען מיר וועלן שוין האָבן געקומען אל המנוחה ואל הנחלה, ווען מיר וועלן שוין האָבן פאַרענטפערט אונזער גע-מיינזאַמע נאַציאָנאַלע נויט — וועט איר אָ נ ה ו י ב ן זאָרגן פאַר די באַזונדערע סאָציאַלע נויטן פון יידישן פראָלעטאַריאַט און איר וועט אָ נ-ה ו י ב ן פירן אַ קאַמף קעגן דער הערשנדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און די בירגערלעכע קלאַסן אין א"י — ביז דאַן אָבער דאַרפט איר צ ו-

גלייך און צוזאַמען מיט אונז אַרבעטן פאַר דער אַלגעמיינער רעאַליזירונג פון ציוניזם. וואָרום סיי ווי, לויט אייער אייגענעם פּראָגראַם קומט דאָך ציוניזם צוערשט, און סאָציאַליזם ערשט דערנאָך. טאָ נאָך וואָס כאַפּן די פיש פאַר די נעץ? למאַי שפּילן זיך אין צוויי באַזונדערע פאַרטייען ווען מיר האָבן דערווייל נאָר איין איינציקע אויפגאַבע?"

אָט די און ענלעכע טענות, וואָס די בירגערלעכע ציוניסטן וואָלטן געקאָנט טענהן – און וועלן אָן ספק נישט פאַרמיידן אַרויסצושטעלן קעגן פּראָלעטאַרישן פליגל אין ציוניזם, פאַרלירן זייער גאַנצן אָנהאַלט, ווען מען באַגרייפט, אַז דער הויפּט-אונטערשיד, וואָס טיילט אָפּ די סאָציאַליסטישע ציוניסטן פון די בירגערלעכע איז נישט נאָר דער סאָציאַליסטישער ענדציל פון אַ יידישער היים — אויף דעם וואָלטן פיל פון די בירגערלעכע ציוניסטן איינשטימען, וואָרים עס פאַרפליכטעט דערווייל צו גאָר נישט – נאָר די וועגן און מעטאָדן ווי אַזוי אויפצובויען די יידישע היים. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט זיין אייגענעם פּראָגראַם צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. עס האַנדלט זיך קודם-כל וועגן דעם, צי זאָל ארץ-ישראל אויפגעבויט ווערן אויף דעם זעלבן אופן ווי אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אָדער אויף נייע סאָציאַלע יסודות, מער געזונטע און דויערהאַפטע, מער ראַציאָנאַלע און ציילמעסיקע, מער פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע, ד. ה. אויף עכט-יידישע און עכט-מענטשלעכע יסודות, ווי עס פּאַסט פאַר דער הערלעכער נביאישער טראַדיציע פון ארץ-ישראל, פאַר דעם שעפערישן געניוס פון יידישן פאָלק, פאַר דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער צייט, ווען די יידישע היים ווערט ווידער געשאַפן, מער פאַר אַלץ אָבער ווי עס פאָדערט דער פּראָגרעסיוו-סאָציאַליסטישער גייסט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

אויפבויענדיק ארץ-ישראל וועט די יידישע אַרבעטערשאַפט אַרויפלייגן איר סאָציאַלן שטעמפּל אויפן לאַנד. די יידישע אַרבעטערשאַפט איז צו באַוווסטזיניק, צו אידעאַליסטיש, צו זעלבסטשטענדיק צו זיין בלויז אַ בלינדער וועקצייג אין די הענט פון יידישן – און זאָל דאָס אַפילו זיין אַ ציוניסטישן-קאַפּיטאַליזם, אַפילו אין דער אויפבויאונג פון אַן אייגן לאַנד. ניין, נישט אַפילו – וואָרום דוקא אין דער אויפבויאונג פון אַן אייגן לאַנד, פון אַן אייביקן נאַציאָנאַלן בנין, וועט די יידישע אַרבעטערשאַפט, אָן וועלכער דער בנין קאָן נישט צושטאַנד קומען, אַרויסווייזן אין פולן מאָס איר זעלבסטשטענדיקע איניציאַטיווע און פאַרווירקלעכן פון אָנהויב אָן די גרויסע אידעאַלן, וואָס זענען איר אָנגעזאָגט געוואָרן און איבערגעגאַנגען בירושה פון די יידישע נביאים און פאַר וועלכע זי האָט געקעמפט טראַגיש און האָפנונגסלאָז אין פרעמדע לענדער.

אַ נייער סאָציאַלער פונדאַמענט פאַר דער יידישער היים אין ארץ-

ישראל איז נישט בלויז אַ מאָראַליש-סענטימענטאַלע באַדערפעניש פון יידישן אידעאַליזם און יידישן סאָציאַליזם — דאָס איז אַ היסטאָרישע נויטוועגדי- קייט און אומפאַרמיידלעכע פאָרבאַדינג, אָן וועלכן דער ציוניזם קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

ארץ-ישראל קאָן אָן צווייפל אויפגעבויט ווערן אויפן זעלבן קאַפּיטאַ- ליסטישן יסוד ווי אַלע אַנדערע לענדער, אָבער דאַן וועט דאָס נישט זיין קיין יידיש א״י – וואָרום עס וועט דאַן פעלן דער עיקר: די יידישע אַרבעט. דורך יידישע אַרבעט מוז ארץ- ישראל געבויט ווערן אויף אַ נייעם באַזיס – וואָס זאָל דינען קודם-כל די אינטערעסן פון דער אַרבעט.

אַ ריין קאַפּיטאַליסטיש ארץ-ישראל וואָלט נישט נאָר אַרויסגערופן די אַלגעמיינע אַרבעטער-פראַגע – נאָר אַ גאָר באַזונדערע, געפערלעכע פראַגע פון יידישן קאַפּיטאַל און פרעמדער אַרבעט, וואָס וואָלט ענדלעך געבראַכט צום אונטער- גאַנג נישט בלויז פון קאַפּיטאַליזם אין דער יידישער היים, נאָר צום חורבן פון דער יידישער היים זעלבסט, ד. ה. צום חורבן און אונטערגאַנג פון דעם יידישקייט פון דער היים. די היים וואָלט געבליבן, נאָר זי וואָלט אויפגעהערט צו זיין יידיש.

אַ ריין-קאַפּיטאַליסטיש א״י וואָלט אוממעגלעך געמאַכט דעם איבערגאַנג פון ארץ ישראלדיקן באָדן אין יידישע הענט, נישט אין יידישע קעשענעס, נאָר אויסדריקלעך אין הענט. יידישע קאַפּיטאַלן וועלן לייכט קאָנען דער- ווערבן פיר פינפטל פון באָדן אין א״י, וואָס ווערט איצט נישט באַאַרבעט און באַלאַנגט צו פריוואַטע גוט-באַזיצער. אַ פּריוואַט קאַפּיטאַליסטישער באָדן וועט אָבער קיינמאָל נישט ווערן אמת יידישער באָדן, ווען אַפּילו די קאַפּי- טאַלן וואָס קויפן אָפּ דעם באָדן זאָלן באַלאַנגן צו עכט-יידישע און אַפּילו ציוניסטישע בעלי-בתים.

די אויפבויאונג פון ארץ ישראל אויף ריין-קאַפּיטאַליסטישע יסודות וועט נישט פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם – וואָרום אין אַ ריין-קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָ- ניזאַציע וועט נישט די אַרבעט און נישט דער באָדן באַלאַנגען צו יידישע הענט. און אָן יידישן באָדן און אָן יידישער אַרבעט איז דער ציוניזם אַן היסטאָרישער באַנקראָט און אַ פּראַקטישע אוממעגלעכקייט.

עס איז דעריבער פריער פאַר אַלץ אין די אינטערעסן פון ציוניזם זעלבסט צו געפינען אַ נייעם באַזיס פאַר דעם גרויסן נאַציאָנאַלן בנין, וואָס ער גייט איצט אויפבויען. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט שוין דעם באַזיס טעאָרעטיש אָנגעצייכנט, די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל האָבן שוין די אָנפאַנגען פון דעם באַזיס פּראַקטיש פאַרברייטעט און דורכגעפירט. די טעאָריע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און די פּראַקטיק פון דער

אַרבעטער-ווירקלעכקייט אין ארץ-ישראל זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין די פאָלגנדע צוויי פונקטן: **נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן און אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון.** **דאָס זענען די צוויי גרונט-פּרינציפּן וואָס דער סאָציאַליסטישער פליגל איז באַרופן צו דיקטירן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער גרויסער וויכטיקער פראַגע פון איצטיקן מאָמענט: ווי אַזוי אויפצובויען דאָס לאַנד.**

ניו-יאָרק, 4 יאַנואַר 1918 („דער יידישער קעמפער" נר. 1).

י. קאָנגרעס, ציוניזם און די יידישע אַרבעטער

די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט איצטער אַ הייליקע פליכט און אַ גרויסע פריווילעגיע — אויפצובויען די יידישע היים אין ארץ-ישראל אויף נייע, מאָדערנע, דויערהאַפטע און געזונטע סאָציאַלע יסודות: נאַציאָנאַלע אייגנטום און קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט. נישט אַלע יידישע אַרבעטער וועלן זיך דירעקט און אוממיטלבאַר באַטייליגן אין דער נאַציאָנאַלער שאַפונג — די אויפבויאונג פון יידישן לאַנד איז די היסטאָרישע מיסיע פון די אַרבעטער אין ארץ-ישראל.

אום אָבער צו באַשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל, צו באַוואָפענען זיי מיט די נויטיקע מיטלען פאַר זייער נאַציאָנאַלער שאַפונג און פאַר זייער סאָציאַלער זעלבסטשטענדיקייט — דאַרף צום ערשט דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער אַוועקשטעלן זיך אין דער שפּיץ פון יענער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט די היסטאָרישע אויפגאַבע צו באַשאַפן אַן עפנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן יידישן פאָלק אין א"י, ד. ה. די ציוניסטישע באַוועגונג.

פון דער באַטייליקונג, ווירקונג און איינפלוס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג הענגט אָפּ דער כאַראַקטער און דער פאָלג און צוקונפט פון דער יידישער היים אין ארץ-ישראל.

דריי זאַכן זענען נויטיק פאַר דער אויפבויאונג פון יידישן לאַנד: שטאַטלעכע רעכט, קאַפּיטאַל און יידישע אַרבעט.

די שטאַטלעך-אָנערקענטע און אינטערנאַציאָנאַל-גאַראַנטירטע רעכט פון יידישן פאָלק אויף זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד, און די עפנטלעך-רעכטלעכע קאָנסטיטואירונג פון אַ יידישער קערפּערשאַפט אינטערעסירט מיט

אַלע נויטיקע רעכט, גאַראַנטיען און קאָנצעסיעס פאַר דער דורכפירונג פון די גראַנדיעזע פאָלקס־ווירטשאַפט, אינדוסטריע, פאַרקער און קולטור מיטן צוועק צו שאַפן אין א״י אַ זעלבסטרעגירנדע יידישע מערהייט — איז אַ נויטווענדיקע פאָרבאַדינגונג פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון ארץ־ישראל אין אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים. די רעכט — וואָס ווערן אָפט באַצייכנט מיטן נאָמען טשאַרטער — ווערן געגעבן צו די יעניקע יידן, וואָס זענען אָרגאַני־זירט פאַרן צוועק צו באַשאַפן אַ יידישע היים אין א״י, ד. ה. צו דער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטן.

דידאָזיקע רעכט באַלאַנגען צום יידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצעס, און אַלע יידן און יידישע גרופּן, וואָס רעכנען זיך נאָר פאַר אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק און ווילן אַן אייגענע היים פאַרן יידישן פאָלק אין א״י — זענען שותפים צו דידאָזיקע רעכט. היסטאָריש איז דאָס פאָלק אַליין דער טרעגער פון די רעכט, אָבער דאָס יידישע פאָלק אַלס אַ גאַנץ איז נאָך דערווייל נישט קיין שטאַטלעך־קאָנסטיטואירטע קערפּערשאַפט, און דאָס אומאָרגאַניזירטע פאָלק קאָן נישט ווערן דער יורידישער טרעגער אָדער סוביעקט פון די שטאַטלעכע רעכט. און דער איינציקער אינסטיטוט, וואָס איז פאָרלויפיק רעכטספעאיק און קאָמפּעטענט צו פאַרהאַנדלען וועגן אַ יידישער היים און דערהאַלטן דעם נויטיקן טשאַרטער — איז דער אַלוועלט־ליך ציוניסטישער קאָנגרעס און די קערפּערשאַפטן, וואָס זענען פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך. קיין אַנדער קערפּערשאַפט איז פאָר־לויפיק נישטאָ און קאָן פאָרלויפיג נישט זיין.

בלויז צוויי אינסטיטוטן וואָלטן געקאָנט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון ציוניסטישן קאָנגרעס: איינער פון זיי איז דער נאַטירלעכער יורש פון ציוניזם, ער דאַרף אָבער נישט, ווי אַנדערע יורשים, וואַרטן ביזן טויט פון זיין ירושה־לאָזער, ווייל דער ציוניזם איז אייגנטלעך נאָר זיין אַפּטרופּוס און האַלט די ירושה ביז דער יורש וואַקסט אויס — דאָס איז דאָס יידנטום אין ארץ־ישראל. מיט דער אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מערהייט אין א״י ענדיקט זיך אייגנטלעך די אויפגאַבע פון ציוניזם. דאָס זעלבשטענדיקע יידישע פאָלק אין א״י צוזאַמען מיט די גלייכבערעכטיקטע נישט־יידישע פעלקערשאַפטן פון לאַנד — ווערן די איינציקע און פולשטענדיקע בעלי־בתים פון זייער היים. ביז דאַן אָבער קאָן דאָס יידנטום אין א״י, דער איצטיקער יידישער ישוב אַליין, נישט ווערן דער אויסשליסלעכער טרעגער פון די יידישע רעכט אויפן לאַנד, ווארום דערמיט אונטערשיידן זיך די רעכט, וואָס מיר באַקומען אין א״י פון די רעכט וואָס מיר פאָדערן אין אַנדערע לענדער: נישט די יידן, וואָס זיצן שוין אין א״י ווערן גלייכבערעכטיקט אַלס בירגער אָדער אַלס נאַציאָנאַלע מינאָ־ריטעטס־גרופּע — נאָר די יידישע נאַציע אַלס אַ גאַנצע. אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס ווילן אַליין זיך באַזעצן אין א״י אָדער ווילן מיטהעלפן אַנדערע יידן באַזעצן אין א״י און דאַדורך שאַפן דאָרט אַ נאַציאָנאַל־יידישע היים — ווערן באַרעכטיקט און אָנערקענט

אַלס אַ נאַציע-שאַפנדע און שטאַט-בילדנדע איינהייט. דאָס יידנטום אין ארץ-ישראל איז דאָס ערשטע קערנדל פון דער צוקונפטיקער נאַציאָנאַל-טעריטאָריעל זעלבסט-שטענדיקער יידישער געזעלשאַפט, און אַלס אַזעלכע וועט זי פון אָנהויב פאַרנעמען אַ באַזונדער פּריווילעגירטער שטעלע. אָבער נישט פון איצטיקן ארץ-ישראלדיקן ישוב אַליין וועט אויסוואַקסן די יידישע היים. און די יידן פון א"י קאָנען דעריבער נאָכנישט מאָנאָפּאָליזירן די רעכט פון טשאַרטער, כּל-זמן די רעכט פון טשאַרטער זענען גענצלעך אָדער לכל' הפּחות אין דעם גרעסטן טייל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

פאַרלויפיק, ביז ארץ-ישראל וועט פולשטענדיק באַפרייט ווערן פון אויסווערטיקער אַפּוטרופּסות — קאָן נאָר זיין איין אינסטיטוט, וואָס איז פעאיק צו קאָנקורירן מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאָס איז אַן אַלגעמיין יידישער קאָנגרעס. ארץ-ישראל ווערט געגעבן צו אַלע יידן, און אַלע יידן דאַרפן זיך באַטייליקן אין דער באַשאַפונג פון דער היים. צום גאַנצן פאָלק וועט דאָס לאַנד באַלאַנגען און פון גאַנצן פאָלק אויפגעבויט ווערן — און עס איז נאַטירלעך און עלעמענטאַר, אַז די רעכט אויפן לאַנד זאָלן געגעבן ווערן אַ קערפּערשאַפט, וואָס פאַרטרעט דאָס גאַנצע פאָלק. אום אָבער אַן אַלגעמיינער קאָנגרעס זאָל זיין רעכטפעאיק און קאָמפּעטענט אויפצונעמען דעם טשאַרטער — דאַרף דאָס זיין אַ פּערמאַנענטער אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס, וואָס רעפּרעזענטירט פאַקטיש אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, און וואָס האָט זיך לכתּחילה געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע אָדער פאַר איינע פון זיינע אויפגאַבן די באַשאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין א"י. בלויז אַזאַ קאָנגרעס קאָן באַטראַכט ווערן אַלס די איינציק-אויטאָריזירטע און לעגיטימע קערפּערשאַפט אויפצונעמען אין נאָמען פון דער יידישער נאַציע די שטאַטלעכע רעכט אויף אַן אייגענער היים, און נאָר אַזאַ קאָנגרעס איז פעאיק און קאָמפּעטענט צו פאַרוואַלטן און דורכפירן די אויפבויאונג פון לאַנד. אַזאַ קאָנגרעס איז אָבער נישטאָ און קאָן אַזוי שנעל נישט אַנטשטיין.

אפילו ווען עס זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַן אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס וועט ער נישט קאָנען איבערנעמען דעם טשאַרטער פון יידישן פאָלק אויף א"י, כּל-זמן ער וועט נישט דערפילן די צוויי נויטווענדיקע תּנאים:

1) ער ווערט לכתּחילה פאַררופן אויף אַ פּלאַטפאָרם, וואָס אַנטהאַלט קלאָר און דייטלעך דעם פונקט פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י.

קיין קאָנגרעס, וואָס שטעלט נישט אַוועק שטאָלץ און חירדיק אויף זיין טאָג-אָרדנונג די פראַגע וועגן דער אויפבויאונג פון יידישן לאַנד — האָט נישט קיין רעכט צו פאַרהאַנדלען מער, נישט בלויז אין נאָמען פאָלק, נאָר אין וועמענס נאָמען עס זאָל נישט זיין — וועגן א"י. די רעכט פון יידישן פאָלק אויף זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד זענען שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן, און דאָס איז אַ כּלל-גדול אין דער געשיכטע — מעלין בקודש ואין מורידין.

2) ער מוז זיין פערמאַנענט. די איצטיקע אויפגאַבע איז נישט אויס-ווירקן די יידישע רעכט — נאָר פאַרווירקלעכן זיי; דאָס קאָן מאָמענטאַל נישט דורכגעפירט ווערן. די קערפּערשאַפט, וואָס נעמט איבער די רעכט אויף א״י — נעמט איבער אַ גרויסע היסטאָרישע אחריות און אַ גרויסע היסטאָרישע אַרבעט, וואָס קאָן נישט אין אַ יאָר פאַרענדיקט ווערן.

און ביז דער פּערמאַנענטער אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס מיטן צוועק אויפצובויען דאָס יידישע לאַנד וועט פאַרופן ווערן — אויב ער וועט אמאָל זיין פאַרופן — קאָן די אַרבעט נישט וואַרטן. די, וואָס האָבן ביז איצטער געטון די אַרבעט וואָלטן באַגאַנגען אַ נאַציאָנאַלן פאַרברעכן ווען דוקא איצטער, ווען זייער זאַך האָט געזיגט און דער ציל איז געוואָרן פיל, פיל נעענטער — זאָלן זיך מיטאַמאָל אָפּשטעלן און וואַרטן ביז די לינקע אָדער רעכטע גלות-שקלאַפן און פאָלקס-פיינט וועלן אַרויסגעבן אַ הכשר אויף דער יידישער נאַציע און דער נאַציאָנאַלער האָפנונג און וועלן מתיר זיין אָפּצוהאַלטן אַן אַלוועלטלעכן, פּערמאַנענטען און נאַציאָנאַל-קאָנסטרוקטיוון קאָנגרעס.

די ענגלישע רעגירונג, מיט דעם הסכם פון אירע פאַרבינדעטע האָט שוין אָנערקענט און פּראָקלאַמירט די רעכט פון יידישן פאָלק אויף אַ נאַציאָנאַלער היים אין א״י. ביי דעם קומענדיקן פרידנס-קאָנגרעס וועט די פּראָקלאַמירונג באַשטעטיקט און גוטגעהייסן ווערן דורך אַלע אַנדערע פעלקער. די איינציקע עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציע, וועס איז פּאָרלויפיק באַרעכטיקט און קאָמפּעטענט צו ווערן די טרעגערין פון דער רעכט — איז די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיטן אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין דער שפּיץ. כל-זמן די יידישע היים געפינט זיך אין צושטאַנד פון ווערן — איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס דער העכסטער אָרגאַן, וואָס פּאַרוואַלטעט און קאָנטראָלירט די גאַנצע אַרבעט, וואָס באַצוועקט די אויפבויאונג פון יידישן לאַנד, אַמווייניקסטן אַזוי לאַנג, ווי אַן אַלגעמיין-יידישער קאָנגרעס מיט דעם אויבן-אָנגעצייכנטן כאַראַקטער — וואָס איז אייגנטלעך, נאָר אַן אויסברייטונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס—נעמט נישט איבער די אַרבעט.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס ווערט איצטער פּאַקטיש דאָס, וואָס ער האָט ביז איצטער געשטרעבט צו זיין, און ער איז נישט געווען — דער פאָרבערייטונגס-פּאַרלאַמענט פון דער צוקונפטיקער יידישער היים אין ארץ-ישראל. אין אים בארוט די שטאַטלעכע מאַכט פון פאָלק אויף וויפל דאָס האָט צו טון מיט דער יידישער אויפבויאונג פון א״י. דערמיט באַקומט די באַטייליקונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גאָר אַ נייע היסטאָרישע באַדייטונג: דורך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס וועלן די יידישע אַרבעטער אויסאיבן זייער פּאָליטישן איינפלוס און קאָנטראָל אויף דער פאַרוואַלטונג פון א״י און וועלן ווירקן אין זייער גייסט אויף דער אויפבויאונג פון לאַנד.

דורך איר קראַפט און מאַכט אין ציוניסטישן קאָנגרעס וועט די יידישע אַרבעטערשאַפט צווינגען די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו בויען די יידישע היים אויף די סאָציאַלע יסודות, וואָס נאָר זיי אַליין קאָנען פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון יידישן לאַנד, און דורך איר איינפלוס אין קאָנגרעס וועט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין הוץ לארץ מיטהעלפן דעם אוממיטלבאַרן קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י פאַר דער סאָציאַליזירונג — וואָס איז אייגנטלעך דאָסזעלבע וואָס נאַציאָנאַליזירונג — פון די אָרטיקע לעבנס־פאָרמען, און וועט באַפעסטיקן די פּאָזיציע פון יידישע אַרבעטער אַלס קלאַס אין אייגענעם לאַנד.

דער ציוניזם איז געוואָרן די רעכטלעכע אַגענטור פון יידישן פאָלק פאַר דער באַשאַפונג פון דער יידישער היים. די באַהערשונג פון דעם רעכטלעכן אַפּאַראַט דורך די יידישע אַרבעטער וועט פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער פון יידישן לאַנד.

ניו־יאָרק, 11 יאַנואַר 1918 („דער יידישער קעמפער" נר. 2)

יא. יידישע און נישט־יידישע אינטערעסן אין א״י

דער יידן־שטאַט קאָן איבער נאַכט נישט געגרינדעט ווערן — אַפילו ווען ער ווערט שוין פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פּראָקלאַמירט און גאַראַנטירט. ביז זיין פּאַקטישער פאַרווירקלעכונג אָבער בלייבט ער נישט בלויז אַ פיקציע, אַ פּעלקער־רעכטלעכע באַשטימונג, וואָס עקזיסטירט נאָר אויפן פּאַפּיר. די יידישע שטאַאַטס־רעכט באַזירן אויף אַ לעבעדיקן, אָרגאַניזירטן כח. אַלע יידן, וואָס דריקן אויס אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם זייער ווילן נאָך אַ יידישער היים אין א״י, זענען די פּאַקטישע טרעגער און באַגרינדער פון צוקונפטיקן שטאַאַט. דער יידישער ווילן נאָך אַ יידן־שטאַאַט אין א״י איז פאַרקערפּערט און רעפּרעזענטירט אין ציוניזם. ד ע ר צ י ו נ י ז ם א י ז ד ע ר י י ד ן ־ ש ט אַ אַ ט א י ן פּ אָ ט ע נ ץ. די אויפגאַבע פון ציוניזם איז די דאָזיקע פּאָטענץ צו רעאַליזירן, מוציא מן הכח אל הפועל זיין די יידישע מלוכה.

מיט דער עפנטלעך־רעכטלעכער אָנערקענונג און פאַרזיכערונג פון דער יידישער תביעה אויף אַן אייגענער היים אין א״י ווערט דער אָרגאַניזירטער ציוניזם דער טרעגער פון די יידישע שטאַאַטלעכע רעכט, און ביז דער אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מערהייט אין דער זעלבסטשטענדיקער ארץ־ישראל ווערט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אינוועסטירט מיט דער געזעצגעבנדער מאַכט פון יידישן פאָלק פאַר דער אויפבויאונג פון דער נאַציאָנאַלער היים. פון די סאָציאַלע שיכטן און קלאַסן, וואָס באַהערשן דעם ציוניזם, איז אָפּהענגיק דער כאַראַקטער און אינהאַלט, אויסזען און אָרדנונג פון דער נייגעשאַפענער יידישער מלוכה.

איידער מיר באַטראַכטן ווי אַזוי דער ציוניזם קאָן זיין שטאַאַט-ביל-דנדע אויפגאַבע דורכפירן און וואָס פאַר אַ ראָל עס דאַרפן שפּילן דער קאַפּיטאַל און די אַרבעט, וועלן מיר זיך אין קורצן אָפּשטעלן אויף די נישט-יידישע אינטערעסן, וואָס דאַרפן גענומען ווערן אין אַכט, איידער דער ציוניזם טרעט נאָך צו צו זיין אַרבעט.

מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג פון די יידישע רעכט אויף אַן אייגענע מלוכה אין א״י און מיט דער אינוועסטירונג פון ציוניזם מיט דער נויטיקער שטאַטלעכער מאַכט די דאָזיקע רעכט צו פאַרווירקלעכן — ווערט דער ציוניזם (אָדער אַן אַנדערע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק, ווי אַן אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס, מיט דעם זעלבן ציל) נאָך אַלץ נישט סוּאַווערען אין א״י. אַ חוץ יידן האָבן אַנדערע פעלקער, מלוכות, געמיינדעס און גרופּן זייערע אינטערעסן און רעכט אין און אויף א״י, וואָס זענען שוין אָנערקענט געוואָרן אָדער פאָדערן אָנערקענונג.

א״י איז נישט קיין וויסט לאַנד. אין די גרענעצן, וואָס קאָנען פון היסטאָרישן, פּאָליטישן, עטנאָגראַפישן און ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט באַטראַכט ווערן אַלס די גרענעצן פון אַ יידישן ארץ-ישראל און שליסן איין אַ שטח פון בערך 55.000 — 60.000 קוואַדראַט-קילאָמעטער, לעבט אַ באַפעלקערונג פון עטוואָס מער ווי אַ מיליאָן נפשות. בלויז מערב-א״י אַנט-האַלט אַרום דריי-פערטל מיליאָן נפשות, צווישן זיי הונדערט טויזנט יידן. זיי קאָנען פון זייערע רעכט נישט באַרויבט ווערן אונטער קיין שום אומ-שטענדן. נאָר אַזעלכע „טרוימער פון געטאָ״, ווי ישראל זאַנגוויל, קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז מ׳זאָל געבן א״י צו יידן מיטן רעכט אַרויסצופירן פון דאָרט די נישט-יידישע באַפעלקערונג. קיין מלוכה וועט צו אַזאַ זאַך נישט צו-שטימען. ווען מען זאָל זיך אַפילו פאָרשטעלן, אַז אַזאַ רעכט וועט יאָ געגעבן ווערן, — וועלן די יידן נישט טאָרן און נישט קאָנען אַזאַ זאַך דורכפירן. ס׳איז אומטעגלעך און עס איז נישט צוועקמעסיק צו פאַרדרענגען די איצטיקע איינוואוינערשאַפט פון לאַנד. נישט אויף דעם איז געבויט דער ציוניזם. וואָלט דער ציוניזם געשטרעבט צו פאַרנעמען אין א״י דעם פּלאַץ פון די איצטיקע איינוואויגער פון לאַנד — וואָלט ער געווען אַן אוטאָפּיע, אַ שעדלעכע רעאַקציאָנערע און געפערלעכע אוטאָפּיע. וואָס דער ציוניזם וויל און וואָס דער ציוניזם קאָן דערגרייכן איז נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס איז שוין פאַרנומען אין א״י — נאָר דעם פּלאַץ, וואָס די איצטיקע איינוואוינער פון א״י האָבן נישט פאַרנומען און זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרנעמען.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם באָדן באַדייט דאָס איבער 90 פּראָצענט פון אַלגעמיי-נעם שטח פון לאַנד. לויט די אָנגאַבן פון טערקישן לאַנדווירטשאַפט-מיני-סטעריום אַנטהאַלט ירושלימער סאַנדזשאַק 23.144.580 דונאַם, פון דעם ווערן באַנוצט נאָר 1.223.188 דונאַם, ד. ה. 5,28 פּראָצ. דער בירותער ווילאַיעט פאַרנעמט 31.141.300 דונאַם. פון וועלכע עס ווערן לאַנדווירטשאַפטלעך באַ-נוצט נאָר 3.236.808 דונאַם, ד. ה. 9,76 פּראָצענט. דמשקער ווילאַיעטאַנט-

האַלט 108.660.000 דונאַם, באַנוצט ווערן נאָר 3.777.434 דונאַם, ד. ה. נישט מער ווי 3,47 פּראָצענט. לויט דעם אויסרעכענונג פון דייטשן ספּעציאַליסט פון אינטערנאַציאָנאַלער סטאַטיסטיק, פּראָפ. קאַרל באַלאָד, זענען בלויז די פלאַכע און גלייכע טיילן פון א״י, וועלכע מען קאָן קינסטלעך באַוואַסערן, אימשטאַנד צו דערנערן מיט זייערע פּראָדוקטן אַ באַפעלקערונג פון 6.000.000 נאַטירלעך ביי אַן אינטענסיווער ווירטשאַפט און מאָדערנער איריגאַציע-סיסטעם. עס איז נישט וויכטיק, אויב די אַלע ציפערן זענען אַבסאָלוט ריכטיק און פּינקטלעך — די פּינקטלעכקייט פון די טערקישע אָנגאַבן קאָן יעדנפאַלס נישט גאַראַנטירט ווערן, — זיי ווייזן אָבער אָן דעם מינדסטן צווייפל, אַז אין א״י איז נאָך פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ פיל גרעסערער באַפעלקערונג ווי זי האָט איצט און ס׳איז דאָ גענוג פרייער, אומבאַאַרבעטער באָדן פאַר אַ גרויסער מאַסן-קאָלאָניזאַציע — און אָט דעם פרייען פּלאַץ, וואָס כמעט קיינער האָט ביז איצט נישט אויסגענוצט פון נאָך דעם יידישן חורבן, פאַרלאַנגט דאָס יידישע פאָלק אויף אויפצובויען דערויף אַן אייגענע היים פאַר זיך. אויפן גרונט פון אָט דעם פרייען קולטורעל נישט אָקופּירטן פּלאַץ, וואָס נויטיקט זיך אין אַ נייעם, קולטורעלן, בויענדן עלעמענט, שטיצט דאָס יידישע פאָלק זיין נאַציאָנאַלע תביעה און גלויבט, אַז די פעלקער וועלן אים זיין פאָדערונג אָנערקענען, ווייל דאָס, וואָס יידן פאָדערן און פאַרלאַנגען איז אייגנטלעך נישט מער ווי די עלעמענטאַרע רעכט אויף אַרבעט אָנגעווענדט אויף אַ גאַנץ פאָלק.

מיר מוזן אָבער דערביי געדענקען, אַז די זעלבע רעכט האָבן אויך די איינוואוינער, וואָס זיצן שוין אין לאַנד, און זייערע רעכט טאָרן נישט פאַרלעצט ווערן. סיי די פּרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אינטערנאַציאָנאַלער גלייכהייט און ברידערשאַפט, פאַר וועלכע דאָס יידנטום האָט געקעמפט דריי טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד, סיי די אינטערעסן פון יידישן פאָלק אין אַלע אַנדערע לענדער און באַזונדערס די אינטערעסן פון דעם אויפלעבנדן יידנטום אין א״י פאַרלאַנגען קאַטעגאָריש און אומבאַדינגט, אַז די רעכט און אינטערעסן פון דער נישט-יידישער איינוואוינערשאַפט פון א״י זאָלן שטרענג געאַכטעט און אָפּגעהיט ווערן.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג דאַרף פאַרזיכערט ווערן אַ מעגלעכקייט פון אומגעשטערטער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און באַזיץ פון די לענדערייען, וואָס ווערן דורך איר באַאַרבעט. קיין באָדן טאָר נישט אָפּגענומען ווערן אָן גענוגנדער און פולער קאָמפּענסאַציע צו זייערע פּריערדיקע באַזיצער. ביים קויפן לאַנד פון גרויס-גרונט-אייגנטימער אָדער ביים איבערנעמען רעגירונגס-באָדן, דאַרפן גענומען ווערן אין אַכט די אינטערעסן פון די פּאַכטער, וואָס אַרבעטן אויף דעם באָדן מער אָדער ווייניקער צייט, און עס דאַרף זיי געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן זייער אַרבעט אויף לייכטע און גינסטיקע באַדינגונגען, אום זיי זאָלן באַפרייט ווערן פון דער עקספּלואַטאַציע- און רויב-סיסטעם, וואָס די עפענדים, די יורשים פון די אַראַבישע און טערקישע דעראָבערער, האָבן איינגעפירט

אין לאַנד, אין האָבן דערמיט געבראַכט צו דער פאַראָרימונג פון לאַנד און פאַרשקלאַפונג פון דער לאַנד-באַפעלקערונג.

די פאַרשידענע נאַציאָנאַל-רעליגיעזע גרופּן, פון וועלכע די איינוואוינערשאַפט אין א"י איז צוזאַמענגעשטעלט, דאַרף גאַראַנטירט ווערן פול-שטענדיקע אינערלעכע אויטאָנאָמיע אין אַלע קולטורעלע, אַדמיניסטראַטיווע און געזעלשאַפטלעך-ווירטשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן. די רעליגיעז-נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די קריסטלעכע געמיינדעס דאַרף פאַרשפרייט ווערן אויך אויף די מוסולמענישע און האַלב-מוסולמענישע פעלקערשאַפטן און שטאַמען, וואָס זענען ביז-איצט — אַמווייניקסטן פאָרמעל — געוועזן באַרויבט דורך דער טערקישער אַדמיניסטראַציע-סיסטעם פון אייגענער זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ.

אַ חוץ די איינוואוינער פון לאַנד האָבן אויך פיל מלוכות זייערע ספּעציפישע קולטורעלע און רעליגיעזע אינטערעסן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלסטן און אוניווערסאַלסטן לאַנד פון ערד-קוגל. א"י איז דאָס הייליקע לאַנד פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט. דאָס יידישע פאָלק האָט דאָס לאַנד געהייליקט מיט זיין מאָראַל-רעליגיעזן געניוס און דאָס יידישע היסטאָרישע פאָטערלאַנד איז געוואָרן דאָס געבורטס-לאַנד פון די גרעסטע וועלט-רעליגיעס. ווערנדיק צוריק די נאַציאָנאַלע היים פון יידישן פאָלק וועט א"י דאָך שטענדיק זיין דער צענטער פון אַלע גלויבנס, און נישט נאָך רוים — נאָר נאָך ירושלים וועלן קומען אַלע פעלקער זוכן אַ תיקון צו אייביקן מיסטעריעזן שטרעבן און רעליגיעזער בענקעניש פון מענטשלעכן גייסט.

אין א"י געפינען זיך די הייליקע ערטער פון יידנטום, איסלאַם און קריסטנטום. די קריסטלעכע הייליקטימער וועלן געשטעלט ווערן אונטער דער השגחה פון פאָרשטייער און פאַרטרעטער פון אַלע פאַרינטערעסירטע רעליגיעס; די הייליקטימער פון איסלאַם וועלן ווי ביז איצט בלייבן אין רשות פון וואַקוף. עס וועט פאַר יעדן גלויבן גאַראַנטירט ווערן די פרייהייט פון געטויסן, די אומגעשטערטע פרייהייט פון פּילגרימאַזש און אויטאָנאָמע רעליגיעזע פאַרוואַלטונג.

דער גרונט-פּרינציפּ, וואָס וועט רעגולירן די פּילפאַכע אינטערעסן און חזקות פון די פאַרשידענע געמיינדעס און מלוכות, וועט זיין די אָפּטיילונג פון דעם שטאַט פון דער קירכע. אַ דאַנק איר אייגנאַרטיקן רעליגיעזן כאַראַקטער וועט ארץ-ישראל זיך מער ווי אַלע אַנדערע לענדער נויטיקן אין אַ ראַדיקאַלער און שטרענגער סעקולאַריזאַציע פון שטאַט. די יידישע מלוכה אין ארץ-ישראל וועט מוזן זיין אַ ריין-וועלטלעכע אָן דעם מינדסטן צומיש פון רעליגיע. דאָס וועט ווערן דיקטירט נישט נאָר פון די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פּרינציפּן, אויף וועלכע דאָס יידישע לעבן וועט געבויט ווערן אין דער אַלט-נייער היים — נאָר אויך פון דער דרינגנדער נויטווענדיקייט צו באַפרידיקן די אינטערעסן פון נישט-יידישע געמיינדעס, וואָס עקזיסטירן אין א"י. דערמיט וועלן אויסגעמיטן ווערן אַלע רעליגיעזע סכסוכים און

רייבונגען. קיין רעליגיעזע וועט נישט הערשן איבער דער צווייטער, און קיין איין רעליגיעזע געמיינדע וועט נישט האָבן דעם פאָרצוג איבער דער אַנדערער. דער שטאַט וועט זיין אַבסאָלוט נייטראַל צו אַלע רעליגיעס— ער וועט אַלעמען גלייך באַשיצן און אַלעמען גלייך באַגרענעצן.

פון דער אַנדערער זייט וועט דער שטאַט אויך זיין באַגרענעצט געוויסערמאַסן אין זיין סואווערענער מאַכט אין די רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן. די היילִיקע ערטער און די אויטאָנאָמע רעכט פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן רעגולירט און גאַראַנטירט ווערן, און דאַדורך וועלן זיי אַרויסגענומען ווערן פון דער קאָמפּעטענץ פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג.

אַ חוץ דער אָרטיקער נישט-יידישער באַפעלקערונג און די פרעמדע מלוכות איז נאָך פאַראַן אַן עלעמענט, וועמענס רעכט און אינטערעסן דאַרפן באַשיצט און גאַראַנטירט ווערן, אומאָפּהענגיק פון די שטאַטלעכע רעכט, ייאָס ווערן געשאָנקן דעם יידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצן — דאָס איז דאָס יידנטום אין א״י. צוגלייך מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן, שטאַמען, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּן, פון וועלכע די א״ידיקע איינוואוינערשאַפט איז צוזאַמענגעשטעלט — וועט אויך דער יידישער ישוב אין א״י האָבן זיין לאָקאַלע אויטאָנאָמיע אין אַלע קולטורעלע, פּאָליטישע, אדמיניסטראַטיווע, געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן, אין וועלכע ער וועט זיין פריי און אָפּהענגיק פון דער אויסווערטיקער אַריינמישונג און אפּטרופּסות פון ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס וועט זיין אינוועסטירט מיט די שטאַט-בילדנדע רעכט פון יידישן פאָלק אויף א״י. די אינטערעסן אָבער פון די יידן אין א״י און די יידן פאַר און נאָך א״י זענען אַזוי ענג פאַרבונדן, אַז עס קאָן נישט זיין גאָר קיין פראַגע וועגן מעגלעכע קאָנפליקטן און אַנטאַגאָניזמען, וואָס זאָלן פאָדערן אַ ספּעציעלע אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונג.

מיר האָבן אַלזאָ צוויי הויפּט-גרופּן, וועמענס רעכט וועלן אָן צווייפל אויסגעטיילט ווערן אין אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן רעגולירט ווערן: די רעכט פון די נישט-יידישע איינוואוינער פון א״י און די רעכט פון די נישט-יידישע רעליגיעס און די מלוכות און אינסטיטוציעס, וואָס פאַרטרעטן און באַשיצן די פאַרשידענע רעליגיעזע אַנשטאַלטן און פעלצער אין לאַנד. דאָס וועט זיין דער נישט-יידישער געביט, אויף וועלכן עס וועט זיך נישט פאַרשפּרייטן די קאָמפּעטענץ און שטאַט-בילדנדע מאַכט פון יידישן פאָלק ביי דער אויפבויאונג פון א״י.

אַנאַליזירנדיק די יידישע און נישט-יידישע רעכט און אינטערעסן אין א״י, זעט מען אַ כאַראַקטעריסטישן אונטערשיד צווישן די ערשטע און די לעצטע. די נישט-יידישע אינטערעסן זענען קאָנסערוואַטיווע, די יידישע – רעפאָרמירענדע, בויענדע, שאַפנדע. די נישט-יידישע אינטערעסן באַשטייען פון שוין פאַראַנענע גיטער, מאַטעריעלע אָדער גייסטיקע, וואָס

נויטיקן זיך אין עפנטלעך-רעכטלעכע גאראַנטיעס פאַר זייער אומבאַרירלעכ-קייט און באַשיצונג.

די יידישע אינטערעסן, וואָס אַנטהאַלטן אויך צאָלרייכע עקזיסטירנדע גיטער, באַשטייען אָבער הויפטזאַכלעך אין די היסטאָרישע פּאָטענצן פון א״י, אין ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע מעגלעכקייטן פון דעם האַלב-פּאַרוויסטן אָבער נאַטור-רייכן לאַנד, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז באַרופן צו רעאַליזירן און פאַרווירקלעכן מיט דער הילף פון מאַטעריעלע און גייסטיקע מיטלען, מיט דער הילף פון יידישע קאַפּיטאַלן און יידישע אַרבעט.

נישט די רעכט אויף דער פאַרגאַנגענהייט — נאָר אויף דער צוקונפט, נישט אָפּהיטן די היסטאָרישע ירושה — נאָר שאַפן נייע נאַציאָנאַלע גיטער, — דאָס איז דער תּמצית פון דער יידישער תּביעה אויף אַן אייגענער היים אין א״י. נישט אָפּנעמען וואָס אַנדערע האַלטן — נאָר אויפבויען דאָס וואָס איז חרוב און אַנטפּלעקן די באַהאַלטענע, אומאויסגענוצטע אוצרות פון לאַנד — דאָס איז די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון די יידישע רעכט און אינטערעסן אין א״י.

ניו-יאָרק, 25 יאַנואַר 1918 („דער יידישער קעמפער״ נר. 4)

יב. ציוניסטישע קאַפּיטאַלן קעגן קאַפּיטאַליסטישן ציוניזם

פאַר דער דורכפירונג פון זיין גרויסער אויפגאַבע — די אויפבויאונג פון ארץ-ישראל — נויטיקט זיך דער ציוניזם קודם-כל אין גרויסע קאַפּיטאַלן.

כּל-זמן דער ציוניזם איז געווען נאָר אַ שטרעבונג און די קאָלאָני-זאַציע-מעגלעכקייטן און א ר ץ - י ש ר א ל געוועזן אָפּהענגיק פון דעם ווילקיר פון דער טערקישער אַדמיניסטראַציע—האָט געמוזט די ציוניסטישע אַרבעט אין א״י זיין אויסגעוויזן אויסשליסלעך אויף נאַציאָנאַלע נדבות און אידעאַליסטישן פּריוואַט-קאַפּיטאַל. ביידע קוואַלן זענען לויט זייער מהות זייער באַשרענקט און קאָנען זיך אונטער די בעסטע אומשטענדן נישט אויסוואַקסן צו אַזאַ הויך, אַז זיי זאָלן ווירקלעך ווערן פעאיק דורכצופירן די ריזיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַ יידישע מאַסן-אימיגראַציע און מאַסן-קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל. פון די צען מיליאָן דאָלאַר, וואָס דער קאָלאָניאַל-באַנק האָט גע-דאַרפט אָנזאַמלען אין צוויי מיליאָן שערס, האָט ער ביז איצטער נאָכנישט צו-נויפגעקליבן אַפילו אַ צענטל. דער נאַציאָנאַל-פאָנד, וואָס האָט זיך אַוועקגע-שטעלט אַזאַ גראַנדיעזן ציל — גאולת-הארץ, די אויסלייזונג פון באָדן אין ארץ-ישראל, וואָס פאָדערט הונדערטער מיליאָן פראַנק — האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ מאַקסימאַלע איינקונפט פון אַ מיליאָן פראַנק אַ יאָר, —

א סומע, פאַר וועלכע מ׳קאָן נישט קויפן דורכשניטלעך מער ווי 25—40 טויזנט דונאַם. דער צופלוס פון פּריוואַטע יידישע קאַפּיטאַלן איז אויך נישט געווען פיל גרעסער. צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַלן, וואָס באַראָן ראָטשילד האָט אַריינגעלייגט אין ארץ־ישראל האָט דער ישוב זיך געקאָנט פאַרגרעסערן יעדעס יאָר העכטנס מיט צוויי־דריי קאָלאָניעס און אַ פאָרהונ־דערט שטאָט־איינוואוינער. עס איז אַ גרויסע פראַגע אויב ביי אַזאַ פּאַמע־לעכן טעמפּ וואָלט ווען עס איז געקאָנט אַנטשטיין אין ארץ־ישראל אַ י י ד י ש ע מ ע ר ה ײ ט.

די נייע אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע האָט געעפנט פאַרן ציוניזם ברייטע האָריזאָנטן און האָט דעם ציוניסטישן ענד־ציל פון דעם נעפּלהאַפטן ווייטן צוקונפט צוריקגעפירט צו די נעכסטע 20—30 יאָרן. דער ציוניזם איז איצטער באַרופן צו שאַפן אין אַ יאָר דאָס, וואָס ער האָט פריער נישט געקאָנט באַווייזן אין אַ האַלבן יובל. ער דאַרף איצטער ב ו י ע ן נ י ש ט ק אָ ל אָ נ י ע ס נ אָ ר א ל אַ נ ד, ער דאַרף קאָלאָ־ניזירן נישט פאַמיליעס נאָר אַ פ אָ ל ק, און נישט לעתיד־לבוא נאָר היינט און מאָרגן, ד אַ ר ו י ף ז ע נ ע ן נ ו י ט י ק מ י ל י אָ נ ע ן א ו ן מ י ל י אָ נ ע ן. באַקומענדיק די גאַראַנטירטע רעכט אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס אַ יידישע היים — און רעכט מיינט אויך פליכט — מוז דער ציוניזם איצטער נישט פאַרצענפאַכן נאָר פאַרהונדערטפאַכן און פאַרטויזנטפאַכן זיינע מאַטעריעלע און פינאַנציעלע מיטלן.

דער אויסקויף פון פּריוואַטע הענט געוויס באָדן פאַר אַ גרויסע מאַסן־קאָלאָניזאַציע, די פאַרבאַרייטונג פון דידאָזיקע לענדערייען, — וואָס געפינען זיך איצטער אין זייער אַ פאַרלאָזענעם צושטאַנד ווי אויך די גאָר פאַרוויסטע שטרעקעס, וואָס באַלאַנגען איצטער צו קיינעם נישט און ווערן לויטן טערקישן געזעץ באַצייכנט מיטן נאָמען „מות״ (מעוואַט), ד. ה. טויטע באָדנס, אָן אייגנטימער און אָן באַזיצער, – פאַר אַ מאָדערנער, ראַציאָנעלער ווירטשאַפט, די דורכפירונג פון די נויטיקע אַמעלאָראַציאָנס־פּראָצעסן, ווי באַוואַסערונג און דריינאַזש פון זומפּיקע פלעצער, די אָנלאַגע פון טעראַסן אין די בערג, אָן וועלכע ס׳איז אוממעגלעך צו באַטרייבן דאָרט אַ לאַנדווירטשאַפט, די איינפלאַנצונג פון וועלדער אין זאַמדיקע און שטייניקע געגנטן, וואָס טויגן זיך נישט פאַר פעלד־קולטור, די אָנלאַגע פון שאָסעען און שטראָסן אין די אַלע געגנטן וואו איצטער ווערן באַנוצט נאָר לאַסטירן פאַרן טראַנספּאָרט און פאַרקער, – און פאַרבעסערונג פון די עקזיסטירנדע פאַרקער־וועגן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אויפן טערקישן, ד. ה. אומנוצבאַרן שטייגער, די איינריכטונג פון פּאָרטן אין יפו, חיפה, עזה, עקבה, די אויפבויאונג פון נייע אייזנבאַנען, וואָס זאָלן פאַרבינדן אַלע וויכטיקע האַנדלס־צענטרן פון לאַנד, ספּעציעל ביי דער לענג פון ים־התיכון פון צידון ביז עזה, און פאַראייניקן מערב־ארץ־ישראל מיטן עבר־הירדן און דרום מיט צפון און דעם ים־התיכון מיטן גאָלף פון

עקבה, די רעסטאווירירונג פון די אַלטע איריגאַציע-סיסטעם און וואַסער לייטונגען, פון וועלכע עס זענען פאַרבליבן נאָך צאָלרייכע רעשטן אין עבר-הירדן, יהודה און גליל, און דערמעגלעכן דורך די נייע באַוואַסערונגס-אָנלאַגן די אינטענסיווע באַווירטשאַפטונג פון די פרוכטבאַרע טאָלן אין חורן, גלעד, פלשת, שרון, יזרעאל און עמק-הירדן, די עקספּלואַטאַציע פון די טייכן און וואַסערפאַלן צוליב עלעקטרישע קראַפט-באַזאָרגונג פאַר לאַנד-ווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די איינריכטונג פון טעלעפאָנען-פאַרבינדונג און עלעקטרישע-טראַמווייען און באַלייכטונג אין די גרעסערע שטעט, ווי ירושלים, יפו עזה, שכם, חיפה, סאַלט, א. ד. ג., די גרינדונג פון שיפס-פאַרביגדונגען אין די אינערלעכע וואַסערן פון לאַנד ווי ים-כנרת און ים-המלח, באַזונדערס אָבער די באַשאַפונג פון אַ יידישן האַנדל-פלאָט אין מיטלענדישן-מער, וואָס זאָל אָפּעּרירן פון די הויפּטבאַזיסן אין יפו און חיפה. די פּלאַנמעסיקע עקספּלואַטאַציע פון די נאַטירלעכע וואַרעם-בעדער, איינריכטונג פון די מאָדערנע הייל-רעסאָרטן אין טבריה, גדרה און זערקא-מעין, יריחו, א. אַ. וו. — די און נאָך פיל אַנדערע ריזיקע אונטערנעמונגען, וואָס קאָנען דאָ נישט אויסגערעכנט ווערן, זענען די נויטיקע אַרבעטן, וואָס דאַרפן אַזוי שנעל, ווי מעגלעך דורכגעפירט צו ווערן אום ארץ-ישראל זאָל ווירקלעך אויפגעבויט ווערן און אַ היים פאַר צענטליקער און הונדערטער-טויזנטער יידישע איינוואַנדערער זאָל אין אַ קורצע צייט באַשאַפען ווערן.

עס איז איבריק צו צוגעבן, אַז די אַלע אונטערנעמונגען פאַרלאַנגען אומגעהייערע אוצרות און ריזיקע קאַפּיטאַלן. קאָן דער ציוניזם איצטער אַזעלכע ריזיקע קאַפּיטאַלן שאַפן? און ווי אַזוי זאָלן די קאַפּיטאַלן געשאַפן און פאַרוואַלטעט ווערן?

כל-זמן דער ציוניזם איז געווען נישט מער ווי אַ פּאַרטיי-פּראָגראַם און זיין אויספירבאַרקייט איז געווען צווייפלהאַפט — און ווי פיל האָבן געדענקט אוממעגלעך — האָבן זיך געקאָנט געפינען נאָר זייער ווייניק בעלנים, וואָס זאָלן אָנפאַרטרויען זייערע קאַפּיטאַלן אויף ריזיקאַלישע קאָלאָניזאַציע-אונטערנעמונגען אין ארץ-ישראל, וואָס האָבן נישט געקענט ליפערן קיין פעסטע און רעאַלע גאַראַנטיע, נישט בלויז פאַר דיווידענטס נאָר אפילו נישט פאַרן קרן. דער איינצלנער קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט אַריינגעלייגט שווערע מיליאָנען אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע — דער פּאַריזער באַראָן ראָטשילד, האָט דאָס נישט געטון אַלס קאַפּיטאַליסט נאָר אַלס פילאַנטראָפּ, אָדער נאַציאָנאַליסט-אידעאַליסט, וואָס זוכט דערביי נישט קיין פּראָפיטן פאַר זיך; דאָס איז נישט געווען קיין פינאַנציעלע אינוועסטמענט — נאָר אַ געשענק. אַזעלכע נאַציאָנאַליסטן-פילאַנטראָפּן זענען זייער ווייניק, באַזונדערס ביי יידן. ראָטשילד איז געווען אַן אויסנאַם, און פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר פון זיין אַרבעט האָט זיך נישט געפונען קיין איין יידישער מיליאָנער, וואָס זאָל אים נאָכטון. נאָכמער, נישט נאָר האָט די יידישע גרויסבורזשואַזיע נישט מיטגעהאָלפן דעם יידישן ישוב אין ארץ-ישראל, נאָר

זי איז אַלעמאָל געווען דער ביטערסטער און פאַרביסנסטער פיינט פון ציוניזם, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר די שעדלעכסטע מסירות און פאַררעטערישע האַנדלונגען, וואו זי האָט נאָר געקאָנט שאַדן און קאָמפּראָמיטירן די יידישע פרייהייטס-באַוועגונג. אין דעם זין איז זי געווען נאָכמער „ראַדיקאַל" ווי די פּראָפעסיאָנעלע שונאי־ציון פון לינקס, די רוסישע בונדיסטן און זייערע אַמעריקאַנער חברים.

מיט דער אָפיציעלער אָנערקענונג פון ציוניזם מצד די מאַכטן האָט זיך די לאַגע געענדערט. ווען אַן אַרטור באַלפור ערקלערט זיך און די גאַנצע ענגלישע רעגירונג פאַרן ציוניזם — קאָנען שוין מער די לוסיען וואָלפס און די שיפס נישט אָפּפּסקענען מסוריש, אַז ציוניזם מיינט אומטרייהייט צו די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע שטאַטס-אינטערעסן. פאַרקערט, אַלס כשרע פּאַטריאָטן זענען די מה־יפית־יידן געצוואונגען צו ערקלערן זיך אין ליבע צו ציון, נאָכדעם ווי ציון האָט שוין געקראָגן דעם הכשר פון פריץ. און אינדעראמתן איז זייער איצטיקע ליבע-ערקלערונג פאַר ציון פיל מער אויפריכטיקער, ווי זייערע פריערדיקע אינסינואַציעס און אַרויסטרעטונגען קעגן ציון. וואָרים נאָכאַלעם האָט פון זיי דאַמאָלס נאָר אַרויסגערעדט דער שקלאַפישער פּחד „למה יאמרו הגוים", אָבער איצטער, אַז די גוים אַליין זאָגן, אַז מ׳מעג — איז ביי דידאָזיקע יידן פשוט אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן.

דער הויפּט-פּונקט אָבער ליגט נישט אין די ניי-געוואונענע סימפּאַטיעס מצד די יידישע קאַפּיטאַליסטן צום ציוניזם. אַפילו נאָך איצטער קאָן דער ציוניזם זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויף דער גוטהערציקייט און נאַציאָנאַלער פילאַנטראָפּיע פון די ציוניסטישע מיליאָנערן. מען דאַרף באמת גאָרנישט אונטערשעצן די אויסזיכטן, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר די פאַרשידענע ציוניסטישע פאָנדן, אַדאַנק דער נייער סיטואַציע. נישט בלויז די מיליאָנערן — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט זיך איצטער ברייטער און פרייגיביקער אָפּרופן אויף די אויפפאָדערונגען פון ציוניזם און עס וועלן געשאַפן ווערן איצטער אַזעלכע גראַנדיעזע סומען, וואָס מ׳האָט ביז איצטער גאָרנישט געקאָנט חלומען. די איינקונפטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון פרייע בייטרעגע וועלן איצטער מער ווי פריער פאַרצענפאַכט ווערן. אָבער בלויז פון נדבות, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין, וועט דאָס לאַנד נישט אויפגעבויט ווערן- די גאָר-גרויסע קאַפּיטאַלן — און איצטער זענען נויטיק אומגעהויער-גרויסע קאַפּיטאַלן — קאָנען קומען נאָר אויף געשעפטסמעסיקן אופן, זוכנדיק רוחים און פּראָפּיטן. און אויך די קאַפּיטאַלן וועלן איצטער קומען. מיט דער לעזונג פון דעם פּאָליטישן פּראָבלעם פון ציוניזם — די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג פון די יידישע רעכט אין א"י — ווערט שוין פּאָטענציעל געלעזט אויך די פּראַגע וועגן דעם נויטיקן קאַפּיטאַל פאַר דער אויפבויאונג פון לאַנד. ווערנדיק אַ שטאַטס-מאַכט ווערט דער ציוניזם אויטאָמאַטיש קרעדיט-פעאיק און קאַ-

פ י ט אַ ל - ק ר ע פ ט י ק. ער דאַרף שוין מער נישט אָנקומען ב ל ו י ז צו חסדים און אידעאַליזם. האָבנדיק די מאַכט צו עקספּלואַטירן אומבאַנוצטע רייכטימער, באַנוצנדיק די פאַרוואַלטונגס-קראַפט איבער אַ גאַנר לאַנד מיט געוואַלדיקע עקאָנאָמישע פּאָטענצן — באַקומט דער ציוניזם אַ פעסטן און זיכערן באַזיץ פאַר אינטערנאַציאָנאַלן קרעדיט און קאָן ווי יעדער רעגירונג אָדער שטאָט-פאַרוואַלטונג מאַכן גרויסע הלוואות דורכצופירן די פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און באַטראַכטן אַלערליי ווירטשאַפטן, אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעהע, וואָרים די הלוואות ווערן דאַן גאַראַנטירט מיט די רייכטימער און פּראָדוקטן פון לאַנד, וואָס געפינען זיך אונטער דער קאָנטראָל פון דער ציוניסטישער פאַרוואַלטונג

יג. קאַפּיטאַל און אַרבעט פאַר א״י

אין דעם מאָמענט, וואָס דער ציוניזם דערגרייכט די אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטירטע רעכט אויף אַ יידישע היים אין ארץ-ישראל — באַקומט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין איר האַנט דעם שליסל צו די נויטיקע קאַפּיטאַלן פאַר דער אויפבויאונג פון לאַנד. די צוויי באַדינגונגען, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די צוציאונג פון קאַפּיטאַל — זיכערהייט און פּראָפיט — ווערן דאַן גאַראַנטירט אין אַ פולער מאָס. די ערשטע — דורכדעם נייעם פּאָליטישן רעזשים, וואָס ווערט עטאַבלירט אין ארץ-ישראל; די צווייטע — דורך די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון לאַנד, וואָס מוזן ביי אַזאַ רעזשים רעאַליזירט ווערן. דער צופלוס פון גרויסע מאַסן נייע קאָלאָניסטן, די עסקפּלואַטאַציע פון די ביז אַהער אומבאַנוצטע נאַטור-רייכטימער פון לאַנד, די גרויסע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, עפענען פאַרן קאַפּיטאַל אַ ברייט און פּראָפיט-רייך פעלד פון טעטיקייט.

דער איצטיקער איבערגאַנג פון ציוניזם, די טראַנספאָרמירונג פון אַ ריין אינערלעך-יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַ אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע מאַכט, וואָס באַהערשט אין דער אָדער יענער פאָרם, אין דער אָדער יענער מאָס אַ באַשטימטע טעריטאָריע, איז נאָר אַ פאָרבאַדינג פון אַ צווייטן נאָכמער וויכטיקן איבערגאַנג פון אַ פּאָלישער אָרגאַניזאַציע אין אַ גרויסער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישער קראַפט, וואָס בויט-אויף אַ לאַנד און שאַפט אַ נייע פאָלקס-ווירטשאַפט און רעגולירט אַ גרויכע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע פון יידישע פאָלקס-מאַסן פון אַלע וועלט-טיילן אין ארץ-ישראל.

דער ציוניזם האָט איצטער שוין נישט בלויז אַ מעגלעכקייט נאָר אויך אַ פליכט ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך ביי די איצטיקע שווערע באַדינגונגען פון אַ וועלט-אין מלחמה-פלאַמען, צו צוטרעטן צו דער אויפבויאונג און באַזעצונג פון ארץ-ישראל דורך יידן. עס קאָן נישט זיין קיין בעסער מיטל צו דערמעגלעכן די גוטהייסונג פון דער ענגלישער דעקלעראַציע מצד אַלע

פאַראינטערעסירטע צדדים, ווי דערוויזן דעם קומענדיקן פּרידנס-קאָנגרעס דורך פּאַקטן און טאַטן, וואָס דער ציוניזם איז פעאיק צו טון און וואָס ער האָט אויפגעטון אין ארץ-ישראל. די מאָביליזאַציע פון אַלע מעגלעכע רעסורסן פאַר אַ באַלדיקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין ארץ-ישראל איז צו גלייכער צייט די ווירקזאַמסטע און קרעפטיקסטע אַגי-טאַציע פאַר די פאָדערונגען פון פּאָליטישן ציוניזם. קיין זאַך גילט נישט אין דער וועלט-פּאָליטיק ווי „אָפּגעטוענע מעשים", ווי געשעענע פאַקטן.

דער שלום קאָן מעגלעך קומען זייער שנעל, ער קאָן זיך אָבער נאָך פאַרשלעפּן ווער ווייסט ווי לאַנג. די רעאַלע-אַרבעט, דער מאַסשטאַב פון פאָר בּרייטונגען, די סומע פון מיטלען, וואָס דער ציוניזם וועט באַשאַפן און אויפטון אין דער צווישנצייט פון דער ענגלישער דעקלעראַציע ביז דעם אָפּשלוס פון וועלט-סכסוך קאָן האָבן אַ געוואַלדיקן, אויב נישט אַן אַנטשיידנדן איינפלוס, אויף דעם אַנטגילטיקן באַשלוס פון אינטערנאַציאָנאַל אין דער פראַגע פון ארץ-ישראל.

וואָס פריער, וואָס שנעלער, וואָס בּרייטער, וואָס אומפּאַסנדער די קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט פון ציוניזם ווערט דורכגעפירט אין ארץ-ישראל, אַלץ באַגרינדעטער און שטאַרקער און זיכערער ווערט די יידישע פאָדערונג אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פרידנס-קאָנגרעס.

די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע פון ציוניזם — די באַשאַפונג פון די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען פאַר דער אויסבויאונג פון ארץ-ישראל און די פאַרבּרייטונג פון לאַנד פאַר דער אויפנאַמע פון אַ גרויסער מאַסן-איינ-וואַנדערונג — קאָן און דאַרף דעריבער נישט אָפּגעלייגט ווערן אינגאַנצן ביז דער ענדע פון דער מלחמה און דער פולשטענדיקער אויסגלייכונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים מיט דער פראַגע פון ארץ-ישראל בתוכם. ווי ווייט מעגלעך דאַרף די אַרבעט דורכגעפירט ווערן אין אַ בּרייטערן מאַסשטאַב נאָך איידער די ענגלישע דעקלעראַציע וועט גוטגעהייסן ווערן פון צווייטן צד.

אין וואָס דער ציוניזם נויטיקט זיך אַלזאָ שוין איצט, און וואָס ער וועט זיך נאָך פיל מער נויטיקן נאָכן וועלט-שלום זענען קאַפּיטאַלן און מענטשן פאַר דער דירעקטער אַרבעט אין א"י.

דער ציוניזם קאָן איצט באַקומען די נויטיקע קאַפּיטאַלן, נישט בלויז פון פאָנדן, געזאַמלט אַלס נאַציאָנאַלן בּיישטייער פון פאָלק, נאָר אויך הויפּט-זעכלעך אויף אַ ריין געשעפטמעסיקן, קאָמערציעלן אופן. און עס קאָן דאָך נישט זיין קיין צווייפל, אַז מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל קאָן דער ציוניזם שאַפן אין ארץ-ישראל אַ בּרייטן אַרבעטס-מאַרק.

די גרויסע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס שטייען פאָר דעם ציוניזם אין ארץ-ישראל, וועלן אַרויסרופן אַ גרויסן איינוואַנדערונגס-שטראָם פון אַרבעטער.

די נייע פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַרן ציוניזם, האָבן אויך געענדערט די אַרבעטס-אויסזיכטן צום גוטן. די אַרבעט אין ארץ-ישראל, וועט שוין איצט נישט זיין אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף דעם אָפּפּערווילִיקן,

באַגייסטערטן, אידעאַליסטישן פּיאָנער, נאָר וועט אַפּעלירן צום געוויינלעכן, דורכשניטלעכן אַרבעטער, וואָס זוכט קודם כל גוטע אַרבעטס־באַדינגונגען און אַ מעגלעכקייט „צו מאַכן אַ לעבן" פון דער אַרבעט. די גראַנדיעזע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דער אויפבוי פון באַנען, שאָסעען, פּאָרטן, עלעקטרישע טראַמווייען, א. ז. וו. וועלן באַלד פאָדערן צענדליקע טויזנטער אַרבעטס־הענט, און מיט דער גראַדועלער אַנט־וויקלונג פון לאַנד וועט די פאָדערונג פון אַרבעט ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. אַז דער פאַרלאַנג פון אַרבעט וועט אַרויסרופן אַ גרויסן אָנבאָט פון אַרבעט — קאָן קיין ספק נישט זיין. ווער וועט די אַרבעט ליפערן?

אז די אַרבעט דאַרף זיין אַ יידישע — וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. דאָס איז דער עיקר העיקרים פון גאַנצן ציוניזם. אין דעם קאָן קיין איין ציוניסט נישט האָבן דעם מינדעסטן צווייפל. די פראַגע איז נאָר צו וועט די אַרבעט זיין אַ יידישע. איז פאַרהאַן אַ געפאַר, אַז אַפילו ביי אַ ציוניסטישע פאַרוואַלטונג אין ארץ־ישראל און ביי יידישע קאַפּיטאַלן, וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין דער אויפבויאונג פון לאַנד — זאָל פונדעסטוועגן באַנוצט ווערן פרעמדע, נישט יידישע אַרבעט?

וועט ביי אַ יידישער פאַרוואַלטונג און יידישן קאַפּיטאַל אויך זיין אין ארץ ישראל אַ יידישער אַרבעטער?

ניו־יאָרק, 22 פעברואַר, 1918 („דער יידישער קעמפער" נר. 8).

יד. די געפאַר פון קאַפּיטאַליזם

אין גלות וועט זיך קוים געפינען איין ציוניסט — מעג ער זיין לויט זיינע סאָציאַלע איבערצייגונגען דער עקסטרעמסטער רעאַקציאָנער און ביטערסטער פיינט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און סאָציאַליזם — וואָס זאָל אין דער טעאָריע נישט איינשטימען, אַז די יידישע אַרבעט דאַרף זיין דער באַזיס פון גאַנצן נאַציאָנאַלן בנין, וואָס דאָס יידישע פאָלק שטרעבט אויפצובויען אין א"י. נאָכמער, די מערסטע ציוניסטן זענען וויליק צו מאַכן די ברייטסטע פאַרשפּרעכונגען מכוח דער אידעאַלער גע־שטאַלטונג פון דער צוקונפטיקער יידישער היים. אין דער פאַנטאַזיע מאָלט יעדער ציוניסטישער אַגיטאַטאָר דאָס נייע א"י אַלס אַ לאַנד פון פרייהייט און גערעכטיקייט, אַ גן־עדן התחתון, וואו עס הערשן די אידעאַלן פון די נביאים און עס ווערן פאַרווירקלעכט די בעסטע שטרעבונגען פון דער מאָ־דערנער מענטשהייט. עס ווערן דערביי ציטירט פאַסנדע פסוקים פון תנ"ך און מאמרי חז"ל און עס ווערן באַטאָנט די סאָציאַלע געזעצן פון אַלטן יידנטום און דער הומאַניטאַרער גייסט פון יידישע רעכט, און שוואַרץ אויף ווייס ווערט דערוויזן, אַז לויטן רוח־היהדות, וואָס וועט זעלבסטפאַרשטענדלעך געוועלטיקן אין דער יידישער מלוכה, וועלן דאָרט קיינמאָל נישט פאָר־קומען די אַלע סאָציאַלע איבלען און אומגערעכטיקייטן, וואָס מיר זעען צווישן די

אומות־העולם. דערפון איז נאַטירלעך געדרונגען, אַז עס איז גאָרנישט נויטיק צו באַשאַפן אין ציוניזם אַ באַזונדערע אַרבעטער אָדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די באַזונדערע אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער אויפבויאונג פון א״י און וואָס זאָל אָפּהיטן דעם דעמאָקראַטישן און סאָציאַל־פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון דער ניי־געשאַפענער יידישער געזעלשאַפט· וואָרים נאָכוואָס בלויע ציצית אין אַ טלית, שכּלו תּכלת.

גייען מיר אָבער איבער פון דער א י ד ע אָ ל אָ ג י ע אי ן ג ל ו ת צו דער פּ ר אַ ק ט י ק א י ן א ר ץ ־ י ש ר א ל זעען מיר גאָר אַן אַנדער בילד. אין אַלע עלטערע יידישע קאָלאָניעס, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין נאָמען פון ציוניסטישן אידעאַל און דורך ציוניסטישע אידעאַליסטן, אָבער זענען געבויט געוואָרן אויף אַ ריין־קאַפּיטאַליסטישן יסוד, געפינען מיר די זעלבע עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, וואָס הערשט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אַ גרויסע צאָל געדונגענע אַרבעטער האָרעוון פאַר אַ קליינע צאָל בעלי־בתּים, און מעגן די אַרבעטער ווי לאַנג פאַרגיסן זייער שוויס אין דער אויפבויאונג פון דער קאָלאָניע, מעגן זייערע חברים־וועכטער אויך פאַרגיסן זייער בלוט אין דער אָפּהיטונג פון דעם האָב און גוטס פון די קאָלאָניסטן – ווערן זיי אַלץ גערעכנט אַלס פרעמדע און האָבן נישט קיין דעה צו זאָגן אין דפר פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע, וואָס זיי באַרייכערן מיט זייער פראַצע און באַשיצן מיט זייער לעבן.

מאַנכע קאָלאָניסטן היטן נאָך אָפּ דעם אַלט־יידישן מנהג פון תּרומות און מעשרות, און אין די ווייַנקעלערס פון ראשון־לציון, זכרון־יעקב און אַנדערע איז מען שטאַרק נזהר אין הלכות יין־נסך, און משגיחים ווערן אָנגעשטעלט אַכטונג צו געבן אויפן כּשרות פון וויין און אתרוגים ס׳זאָל זיין על־פּי דין ודת, וואָרים אַנדערש קאָן עס שאַטן צום עסק. עס איז אָבער נאָך אַיין קאָלאָניסט נישט איינגעפאַלן נאָכצוקוקן אויב די באַציאונג צווישן די בעלי־בתּים און די אַרבעטער זענען אין איינקלאַנג מיט די אידעאַלן פון הושע, עמוס, ישעיה און ירמיה...

סאָציאַלע אומגלייכהייט און עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט זענען נישט די איינציקע איבלען פון די יידישע קאָלאָניעס אין א״י, וואָס וועלן אַנטוישן דער לייכטגלויביקן אָנהענגער פון ציוניסטישן אידעאַליזם. די ווירקלעכקייט אין א״י האָט אויפגעדעקט נאָך אַ גרעסערן איבל, וואָס שטעלט אין געפאַר די גאַנצע צוקונפט פון יידישן ישוב: דאָס איז די פּ ר ע מ ־ ד ע נ י ש ט ־ י י ד י ש ע אַ ר ב ע ט. אין אַלע קאָלאָניעס, וואָס זענען געבויט אויף ריין־קאַפּיטאַליסטישע, פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע יסודות איז די גרעסטע צאָל אַרבעטער נישט קיין יידישע. פון די דריי טויזנט אַרבעטער אין פּתח־תּקוה — אין דער גרעסטער יידישער קאָלאָניע — איז קוים אַדריטל יידן, און אין די אַנדערע יידישע קאָלאָניעס איז דער פּראָצענט פון יידישער אַרבעטער פיל קלענער.

די אורזאַכע פון דער דערשיינונג איז אַלגעמיין-באַקאַנט: דער נידעריקער קולטור-צושטאַנד פון דעם אָרטיקן, נישט-יידישן, אַגראַרן-אַרבעטער, וואָס האָט זייער קליינע באַדערפעענישן און קאָן פאַרקויפן זיין אַרבעט פ י ל ב י ל י ק ע ר א ו ן א ו י ף ע ר ג ע ר ע ב א ַ ד י נ ג ו נ ג ע ן אַלס דער קולטורעלער, אָרגאַניזירטער, באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבעטער. דער פּריוואַטער קאָלאָניסט קימערט זיך זייער ווייניק, נישט נאָר וועגן דער סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכהייט, נאָר אַפילו וועגן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כאַראַקטער און צוקונפט פון ישוב – אויב דאָס איז נאָר קעגן זיינע אייגענע געלט-חשבונות און אינטערעסן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס פיל קאָלאָניסטן האָבן זיך אַרויפגעאָרבעט בלויז אין זכות פון נאַציאָנאַלן אידעאַל. עס מאַכט אויך נישט אויס וואָס מאַנכע קאָלאָניסטן זענען באַאַמטע און פאָרשטעער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און וואָס די מערסטע פון זיי זענען לכתחילה געקומען אין א״י נור צוליב דעם ציוניסטישן אידעאַל – דער אידעאַל איז זיך טאַקע אידעאַל — אָבער צו דער קעשענע קומט עס נישט. קיינער לייקנט נישט, אַז פון נאַציאָנאַלן-שטאַנד-פונקט איז די יידישע אַרבעט אַ נויטווענדיקייט, אָבער פון שטאַנדפונקט פון פּריוואַטן-אינטערעס לוינט זיך בעסער – אָדער דאַכט זיך, אַז ס׳לוינט זיך בעסער — דער ביליקער פעלאַכישער אַרבעטער. אין אַ פּריוואַטער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט מוז דער פּריוואַטער אינטערעס גובר זיין. און אין די כרמים און פרדסים פון פיל הייסע ציוניסטן האָבן נישט די יידישע אַרבעטער קיין דריסת-הרגל.

אזוי זעען מיר, איז אויסגעוואַקסן אַ ישוב פון יידישע פּריצים און נישט-יידישע אַרבעטער, וואו עס ווערט אָנגעווענדעט די מיאוסטע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע און עס הערשן די אומנאָרמאַלסטע באַציאונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דער ביליקער, קולטורלאָזער, אומבאַוואוסטזיניקער און אומאָרגאַניזירטער אַראַבישער אַרבעטער איז אומפעאיק אַרויסצושטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד צו זיין בעל-הבית, און דער לעצטער געוויינט זיך צו באַהאַנדלן זיין געדונגענעם אַרבעטער ווי אַ שקלאַף. א ז א ישוב איז אַ געפאַר פאַר דער יידישער צוקונפט אין א״י — און אַ שאַנדע פאַרן יידישן פאַלק איבעראַל. מ׳דאַרף אָבער נישט באַשולדיקן דעם בייזן ווילן פון די קאָלאָניסטן. די מערסטע פון זיי זענען געקומען אין לאַנד מיט די שענסטע אידעאַלן און די בעסטע כונות און האָבן פיל געליטן, אַליין שווער געהאָרוועט און געפּראַצעוועט און אַ סך, אַ סך מקריב געווען ביז זיי האָבן פאַרוואַנדלט די פריערדיקע זומפּיקע פעלעצער, זאַמדיקע מדבריות, שטיינערדיקע בערג אין בליענדע, פּרוכטבאַרע, רייכע אָאַזיסן. די ס י ס ט ע ם אָבער, אויף וועלכע זיי האָבן געבויט דעם ישוב — די ריין-קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם — האָט געבראַכט, נישט קוקנדיק אויף זייער גוטע, אידעאַלע אַבזיכטן אומגעווינטשטע און טרויעריקע רעזולטאַטן – סיי פון נאַציאָנאַלן סיי פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט.

די געפאַר, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם ביזאיצטיקן ישוב

ווערט בײַ דער נײַער סיטואַציע פּילפּאַך פֿאַרגרעסערט. אונטער די פּריערדיקע פּאָליטישע און רעכטלעכע פֿאַרהעלטנישן פֿון א"י איז די גרינדונג פֿון יעדער נײַער קאָלאָניע געווען פֿאַרבונדן מיט געוואַלטיקע שוועריקייטן. מחמת דער פֿאַרפּלאָנטערטער אַגראַרער געזעצגעבונג פֿון טערקיי און ספּעציעל דורכדעם פֿאַרבאָט פֿאַר יידן צו דערווערבן באָדן איז יעדע קניה אָנגעקומען כקריעת ים-סוף: די שווערע שטײַער-לאַסט, די ווילקיר פֿון די באַאַמטע און די אַלגעמיינע אומזיכערהייט פֿון האָב און גוטס האָבן מיט אַ דרײַפֿאַכער משא געדריקט דעם אָרטיקן לאַנדווירט. די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניזאַציע האָט זיך דעריבער געמוזט באַשרענקן מיט ריין-אידעאַליסטישע עלעמענטן. זעלטן ווען אַ ייד האָט לכתחילה אַרײַנגעלייגט זײַן געלט אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכן באַטריב אויסשליסלעך צוליב פּראָפֿיט. די גאַנצע קאָלאָניזאַציע האָט דעריבער געטראָגן אַ מער-ווייניקער אידעאַליסטישן כאַראַקטער. נישט קוקנדיק דערויף האָט די פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט, וואָס איז דאָ אַנטשטאַנען, געשאַפֿן אַזאַ געפֿערלעכע אַרבעטער-פּראַגע, וואָס גראָבט גענצלעך אונטער דעם נאַציאָנאַלן יסוד פֿון יידישן יישוב. אַפֿילו בײַ די אידעאַליסטישע פּיאָנערן האָבן זייערע נאַציאָנאַלע מאָטיוון נישט געקאָנט קאָנטראָלירן זייערע פּריוואַטע אינטערעסן.

אונטער אַ פֿרײַערן און גינסטיקערן רעזשים עפֿנט זיך דאָס לאַנד פֿאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע. קניות וועלן לײַכט און שנעל געמאַכט ווערן, די רענט פֿון באָדן וועט זיך שטאַרק אויפֿהויבן, לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַטריב וועט זײַן אַ גוטער און זיכערער אינוועסטמענט. וועט דער קאַפּיטאַליזם אונטער די נײַע אומשטענדן האָבן אַ פֿרײַע האַנט ביים קויפֿן און באַווירטשאַפֿטן באָדן ווי ביזאַהער — וועט זיך אָנהויבן אַ פֿיבערהאַפֿטע שפּעקולאַציע פֿון באָדן, די לאַנד-פּרײַזן וועלן אויף אַ קינסטלעכן אופֿן געהעכערט ווערן און די בעסטע לענדערייען וועלן אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון קאַפּיטאַליסטן און שפּעקולאַנטן, וואָס וועלן מאַכן יד-אחת מיט עפֿענדיס — די איצטיקע גרויסע לאַנדבאַזיצער, ווי ס'איז נישט איינמאָל פֿאָרגעקומען אין דער געשיכטע פֿון ישוב, ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרעסערע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע. די יידישע לאַנד-אייגנטימער וועלן נאַטירלעך נישט באַאַרבעטן אַליין זייער באָדן, נאָר וועלן באַטרײַבן זייער ווירטשאַפֿט דורך געדונגענע אַרבעטער, און בײַ דער עקזיסטענץ פֿון אַן אָרימער און אומקולטורעלער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג אין לאַנד גופא און אין די נאַכבאַר-לענדער, וואָס האָט זייער קליינע באַדערפֿענישן און באַנוגנט זיך מיט אַ נישטיקן לוין — וועט די געדונגענע אַרבעט זײַן כמעט דורכאויס נישט קיין יידישע. בלויז די אויספֿאַסערס און די מער-פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער וועלן אין בעסטן פֿאַל זײַן יידישע, ווי עס איז דער פֿאַל איצטער אין די גרעסערע פּלאַנטאַציע-קאָלאָניעס.

וואָס מער יידישע קאַפּיטאַלן וועלן אַרײַנגעלייגט ווערן אין באָדן אַלץ גרעסער און שטאַרקער וועט ווערן דער נישט-יידישער אַרבעטער-עלעמענט,

און ווען א״י גופא וועט נישט סטייען גענוג העגט פאַר דעם וואַקסנדן יידישן אַגראַר-קאַפּיטאַליזם – וועלן די יידישע בּוּעזים בּרענגען מיצרישע פעלאַכן, ווי עס פלעגט אָפטמאָל טון די יק״א אַדמיניסטראַציע פאַר דריינאַזש אַרבּעטן, אָדער גאָר אַפריקאַנישע נעגערן. אַזאַ האַנדלונג שטימט נישט מיט דער ציוניסטישער ט ע אָ ר י ע אין גלות. זי איז אָבער אין פולן איינקלאַנג מיט דער פּ ר אַ ק ט י ק פון די ציוניסטן אין א״י – אויף וויפיל עס האָט צו טון מיט איינצלנע ציוניסטן, וואָס באַטרייבן אַליין פּרי-וואַטע ווירטשאַפט אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות. ווען דער בּאָדן פון א״י וועט געהערן צו אינדיווידועלע אייגנטימער — און זאָל זיין, אַז די אַלע אייגנטימער וועלן זיין דורכאויס ציוניסטן – וועלן זיי דאָך אין דער צוקונפט נישט האַנדלען אַנדערש ווי ס׳האָבּן ביז איצטער געהאַנדלט מיט-גלידער פון ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיקעט און הויכע בּאַאַמטע פון ציוניס-טישע אינסטיטוטן אין א״י, וואָס האָבּן בּאָדן אין א״י און בּאַאַרבּעטן עס מיט נישט-יידישע אַרבּעטער.

דער קאַפּיטאַליסטישער, בּירגערלעכער ציוניזם האָט נישט קיין גאַראַנטיע און בּאַוואָרנונג קעגן דער געפאַר, וואָס דראָט די צוקונפט פון דער יידישער אַגראַרער קאָלאָניזאַציע אין א״י. ווי די געשיכטע פון ישוב אין א״י האָט דערוויזן קאָן מען זיך אַויף די נאַציאָנאַלע אָפּזיכטן און אידעאַליסטישע מאָטיוון פון בּעלי-בּתישע ציוניסטן ווייניק פאַרלאָזן. פון די רעאַלע מאַכט-פאַקטאָרן און סאָציאַל-עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס וועלן קאָנטראָלירן דעם אויפבּוי פון א״י, העגנט אָפּ דער כאַראַקטער פון דער צוקונפטיקער יידישער היים, און נאָר די אָרגאַניזירטע קראַפט פון דער יידישער אַרבּעטערשאַפט אינערהאַלב דעם ציוניזם קאָן דורכפירן דעם איינציק-נאַציאָנאַל פּראָגרעסיוון פּראָגראַם פון קאָלאָניזאַציע, וואו דער ציוניזם זאָל נישט אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון יידישן קאַפּיטאַל, נאָר פאַרקערט, דער קאַפּיטאַל זאָל דינען די אמתע צילן פון ציוניזם – די בּאַשאַפונג פון אַ פרייער, דעמאָקראַטישער יידישער אַרבּעטער-היים אין א״י. דער וועג פון אַזאַ קאָלאָניזאַציע איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן פון דער יידישער אַרבּע-טערשאַפט אין א״י, און טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די יונגע אַרבּעטער-קאָלאַניעס. וואָס זענען פאַר די לעצטע 10 יאָר געשאַפן געוואָרן אין א״י.

נ״ו-יאָרק, 15 מערץ, 1918 („דער יידישער קעמפער״, נר. 11).

טו. נאַציאָנאַלע אַרבּעטער קאָלאָניזאַציע

די דערפאַרונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל האָט נישט נאָר אויפגעדעקט די פעלערן און געפאַרן פון דער ריין קאַפּיטאַלי-סטישער לאַנדווירטשאַפט — נאָר האָט אויך אָנגעוויזן אַ נייעם וועג פאַר

אן ארבעטער-קאָלאָניזאַציע וואָס איז געבויט אויף פּראָגרע-סיווע, געזונטע, האַלב-סאָציאַליסטישע יסודות, אין וועלכע עס ליגט די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון ישוב.

מיט אַ יאָר 10—12 צוריק הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין א"י, און די מייסטע קאָלאָניעס, וואָס ווערן פון דאַן אָן געגרינדעט, שטיצן זיך הויפּטזעכלעך אויף דער יידישער אַרבעט. די נייע עפּאָכע ווערט כאַראַקטעריזירט מיטן אַרויסטריט פון צוויי נייע פאַקטאָרן: סאָציאַליסטיש געזאָנענע יידישע אַרבעטערשאַפט און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל.

אין די יאָרן 1905—1906 האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּיאָנערן באַוועגונג נאָך א"י. פון אַלע עקן פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָבן זיך יידישע יונגעלייט — אַרבעטער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע, ישיבה בחורים, עקסטערנעס, גימנאַזיסטן און סטודענטן אַוועקגעלאָזט נאָך ארץ ישראל מיטן ציל צו באַשאַפן און אויפבויען די יידישע היים דורך יידישע אַרבעט. די שטרעבונג פון די פּיאָנערן איז נישט געווען, ווי ביי די ערשטע „עולים" — צו ווערן בעלי-נחלאות און גוט-באַזיצער אין לאַנד פון די אבות, נאָר צו שאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ יידישן אַרבעטנדן, אומאָפּהענגיקן ישוב. די נייע פּיאָנערן זענען געקומען נאָך א"י „לעבדה ולשמרה" — אנטוויקלען דעם ישוב דורך יידישער אַרבעט און אָפּהיטן אַלץ וואָס ווערט געשאַפן דורך יידישער, קראַפט.

צום ערשט זענען די נייע פּיאָנערן אַוועק אַרבעטן אין די אַלטע קאָלאָניעס אַלס איינפאַכע לוין-אַרבעטער. אין די קאָלאָניעס פון יהודה וואו עס זענען פאַראַן מער פּלאַנטאַציעס — גערטנער פון אָראַנזשן, מאַנדלען, ווייַנטרויבן, אָליוון, לימאָנען, אתרוגים א. דגל. — און די אַרבעט איז מייסטנס אַ סעזאָן-אַרבעט, האָבן די אַרבעטער זיך פאַרדונגען דאָס רוב אַלס טאָג-אַרבעטער. אין גליל, וואו די קאָלאָניסטן באַשעפטיקן זיך מיט פלחה (אַקערבוי), האָבן זיי געאַרבעט מייסטנס אַלס מאָנאַטלעכע און יער-לעכע אַרבעטער. די אַרבעט איז אָפטמאָל געווען זייער שווער, דער לוין נישט קיין הויכער (1½—2 פראַנק אַ טאָג), וואָס האָט קוים געקלעקט אויף די נויטיקסטע לעבנסבאַדערפעניש, אַרבעט האָט זיך נישט אַלע מאָל גע-פונען, די קאָנקורענץ פון ביליקן אומקולטורעלן פלאַחישן אַרבעטער האָט זייער פיל געשטערט, די באַציונגען פון די אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס זענען יאָרנלאַנג געוווינט געווען צו לנעכטישער אונטערגעוואָרפנקייט פון אַראַביש אַרבעטער, זענען נישט אַלעמאָל געווען פריינדלעך צו די יידישע אַרבעטער,ן וואָס האָבן זיך געהאַלטן מיט שטאָלץ און ווירדע אנטקעגן זייערע אַרבעט-געבער. דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער, דאָס סאָציאַליסטישע באַוואוסט-זיין, דער רעליגיעזער פרייהייטס-גייסט, דער איינגעשפּאַרטער נאַציאָנאַלער-ווילן פון די יידישע אַרבעטער האָבן גאָר נישט געשמעקט פיל פון ד. קאָלאָניסטן, אין וועלכע עס האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט דער יוגנט-אידעאַל פון די ערשטע פּיאָנערן. עס זענען אַ סך מאָל אַנטשטאַנען קאָנ

פליקטן צווישן די אַרבעטער און די קאָלאָניסטן, נישט גערעדט אויפן גרונט פון עקאָנאָמישע אינטערעסן. ד. ה. פאַר העכערע שכירות אָדער בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען, נאָר הויפּטזעכלעך אויפן קולטורעלן און געזעלשאַפט-לעכן באָדן.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן אומצופרידנהייט אָדער ריכטיקער אַ גע־פיל פון אומבאַפרידיקונג צווישן די נייע פּיאָנערן. זיי האָבן דערזעען, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיקער וועג. אַלץ מער און מער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די לוין-אַרבעט ביי פרעמדע קאָלאָניסטן, וואו דער אַרבע־טער איז אונטערגעוואָרפן אַ פרעמדן ווילן און איז אָפּהענגיק פון צופאַל און איז נישט זיכער מיטן מאָרגן קאָן נישט זיין דאָס ענדציל, דער לעבנס-אידעאַל. און די פּיאָנערן-באַוועגונג אין א״י האָט אָנגענומען אַ נייעם כאַראַקטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו בילדן זעלבשטענדיקע אומאָפּהענ־גיקע, ווי ווייט מעגלעך קאָאָפּעראַטיווע און קאָמוניסטישע אַרבעטער-גרופּן אין פאַרשידענע פאָרמען: קאָאָפּעראַטיווע אַרטעלן, אָקופּאַציע-גרופּן, אַרבעטער-דערפער א. ד. גל. צוהילף די אַרבעטער זענען געקומען די חובבי-ציון, דער נאַציאָנאַל-פאָנד פון די ציוניסטן און דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד פון די פּועלי-ציון. מיט דער הילף פון די דערמאָנטע פאָנדן, וואָס האָבן געגעבן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס הלוואות אויף לענ־גערע און קורצערע טערמינען — הלוואות אויף באָדן, הייזער, ברונעמס, געצייג, פּראָוויאַנט א. ד. גל. — האָבן זיך אָרגאַניזירט אַרבעטער-„קבוצות" ד. ה. אַרטעלן און קאָאָפּעראַטיוון, אין פאַרשידענע פאָרמען און מיט פאַרשידענע אויפגאַבן.

די עלעמענטאַרסטע פאָרם איז געווען די „קבוצה-קבלנית" — אונטער־נעמונגס-גרופּע; דאָס איז אַ גרופּע אַרבעטער וואָס נעמט אונטער ביי פּריוואַטע קאָלאָניסטן אָדער גאַנצע געזעלשאַפטן גרעסערע אַרבעט אין „גאוואלא" — ד. ה. אויפן שטיק. אַנשטאָט צו פאַרדינגען זיך אויפן טאָג צום קאָלאָניסט און צו אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון משגיח פאַר אַ פרייז, וואָס אַ טאָג-אַרבעטער באַקומט און אין די שעהן, וואָס ער מוז אַרבעטן — נעמט די „קבוצה" איבער אויף איר אייגענער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט די גאַנצע אַרבעט פון פּרדס אָדער כרם פאַר אַ גאַנץ יאָר אָדער אַ באַשטימטן סעזאָן, און צעטיילט די אַרבעט צווישן אירע מיטגלי־דער. די אַרבעטער זענען דאַן פריי צו אַרבעטן ווען און ווי אַזוי זיי אַליין פאַרלאַנגען, אויף דער אייגענער איניציאַטיווע און אונטער דער קאָלעקטיווער אויפזיכט פון דער גאַנצער גרופּע אָדער פון ועד, וואָס די קבוצה קלויבט אויס. דער פאַרדינסט איז געוויינלעך אַ סך גרעסער ווי דער געהאַלט פון טאָג-אַרבעטער, ווייל ערשטנס איז די אַרבעט אונטער אַזאַ פאָרם פיל אינטענסיווער, און צווייטנס, בלייבט ביי דער „קבוצה" דער געהאַלט, וואָס דער קאָלאָניסט דאַרף ביי אינדיווידועלער אַרבעט צאָלן אַ באַזונדערן אויפזער, וואָס גיט אַכטונג אויף דער אַרבעט. דערביי פילן זיך די אַרבעטער אַ סך פרייער, אומאָפּהענגיקער, און די אַרבעט איז מער

אַ זיכערע, אַ שטענדיקע. אַזעלכע „קבוצות קבלנית״ עקזיסטירן נישט בלויז אין די קאָלאָניעס, נאָר אויך אין די שטעט, באַזונדערס דאָרט, וואו מען האַלט אין בויען נייע שטאָט-קוואַרטאַלן, ווי צום ביישפּיל אין יפו, חיפה. אַזעלכע אַרטעלן נעמען איבער די ניוועלירונג (אויסגלייכן) פון די זאַמדן, די דורכלייגונג פון גאַסן און שאָסעען, בויען הייזער א. ז. וו. די אַרטעלן האָבן זייערע אייגענע אַרבעטס-געצייג, וואָס דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאַנד ליידט זיי אויס דערויף.

שוין די פאָרם פון קאָלעקטיווע אַרבעטס-אונטערנעמונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג, אין פאַרגלייך מיט דער איינפאַכער מעטאָדע פון אינדיווידועלער לוין-אַרבעט. עס איז אָבער נאָך דאָ נישט געענדערט דער פּרינציפּ פון געדונגענער אַרבעט אין פּריוואַטער ווירטשאַפט.

גאָר אַנדערש איז דער צווייטער טיפּ פון אַרבעטער ישובים — די אַזוי גערופענע „מושבי-הפועלים״, ד. ה. אַרבעטער-דערפלעך. דאָס זענען זידלונגען וואָס ווערן געגרינדעט נעבן גרויסע קאָלאָניעס, ווי פּתח-תקוה, ראשון לציון, חדרה א. ד. גל., וועלכע געברויכן אַ גרויסע צאָל לוין-אַרבעטער. די דערפלעך זענען אַנטשטאַנען מיט דער הילף פון די חובבי-ציון. די כונה פון די ערשטע איניציאַטאָרן פון די דאָזיקע „מושבי-הפועלים״ איז געווען, אַז די מיטגלידער פון „מושב״ זאָלן זיך הויפּטזעכלעך באַשעפטיקן אַלס לוין-אַרבעטער ביי די קאָלאָניסטן פון דער דערביי-איקער קאָלאָניע, און אַלס ביישטייער צו זייער אַרבעטס-געהאַלט זאָלן זיי זיך באַשעפטיקן ביי זיך אין דער היים, אין זייער פרייער צייט, מיט הויז-ווירטשאַפט: מילך, גרינס, פרוכטן. מיט דעם ציל האָבן די חובבי ציון געקויפט שטיקלעך באָדן נעבן די גרעסערע קאָלאָניעס. און מיט דער הילף פון „הסתדרות הפועלים החקלאים״ (לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע) האָבן זיי אויסגעקליבן אַ גרופּע דערפאַרענע און טיכטיקע אַרבעטער, געגעבן זיי דעם נויטיקן קרעדיט אויף הייזער און ברונעמס און 10—20 דונאַם ערד אויף לאַנגיעריקע אויסצאָלונגען. די ווירטשאַפט אין אַזאַ דערפל איז נישט קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אינדיווידועל. יעדער אַרבעטער איז אַליין אַ בעל-הבית איבער זיין קליינע ווירטשאַפט. מיטגלידער ווערן אָבער אריינגענומען נאָר מיטן הסכם פון דער גאַנצער גרופּע. און דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די חובות פון יעדן איינעם.

דער ערשטער „מושב הפועלים״ האָט זיך געגרינדעט נעבן פּתח-תקוה, מיטן נאָמען עין-גנים. מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער „מושב״ האָט גאָר אַן אַנדער באַדייטונג ווי די גרינדער האָבן זיך לכתחלה פאָרגשטעלט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַן ענערגישע, טיכטיקע אַרבעטער-פאַמיליע קאָן מאַכן אַ לעבן פון די 15—20 דונאַם אייגן לאַנד, גאָר נישט אָנקומנדיק צו אַרבעט ביי פרעמדע בעלי-בתים. די נאָענטקייט פון דער גרויסער קאָלאָניע, וואָס האָט לויט דעם אורשפּרינגלעכן פּלאַן געזאָלט דינען אַלס אַרבעטס-מאַרק פאַר די מיטגלידער פון מושב,

האָט זיך אַרייסגעשטעלט אַלס גוט געצאָלטער מאַרק פאַר די פּראָדוקטן פון די אַרבעטער־דערפלעך. אָנשטאָט צו ברענגען אין פּתח־תקוה זייערע מוסקולן צו פאַרקויפן ברענגען די איינוואוינער פון עין־גנים אהין זייערע קאַרטאָפל, אוגערקעס, אייער, מילך, הינער און אַנד. פּראָדוקטן פון זייער ווירטשאַפט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָן אַן אַרבעטער־פאַמיליע מאַכן אַ לעבן — ביי אינטענסיווע און טיכטיקע אַרבעט — פון איר אייגענער קליינער ווירטשאַפט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דער מאַטעריעלער דערפאָלג פון עין־גנים אַרויסגעוויזן אַ סך גרעסער ווי מ׳האָט פריער דערוואַרטעט. און עס האָבן זיך שפּעטער געגרינדעט נאָך אַזעלכע דערפלעך נעבן חדרה, ראשון לציון, כפר סבא, און ווען נישט דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, וואָלטן זיך אַזעלכע „מושבי־פועלים" געגרינדעט נאָך אין פיל ערטער.

די טענדענץ פון די „מושבי־הפועלים" איז אויסצובילדן קליינע, זעלבסטשטענדיקע פּאַרמערס, וואָס אַרבעטן מיט זייערע אייגענע כוחות און אַמאָל באַנוצן זיי — הגם זער זעלטן — געדונגענע אַרבעט. די הויפּט־מעלה פון די דערפלעך באַשטייט אין דעם, ווײַס דאָ ווערט דער פּרינציפּ פון יידישער אַרבעט שטרענג דורכגעפירט. קודם־כל דערפאַר וואָס די בעלי־בתים זענען אַליין אויך די אַרבעטער, און ווען מ׳דאַרף אַמאָל אָנקומען צו פרעמדער אַרבעט ווערט אָפּגעהיט דער פּונקט פון דער אינערלעכער קאָנסטיטוציע פון מושב וואָס לויטעט, אַז יעדע אַרבעט מוז דורכגעפירט ווערן מיט יידישע הענט.

הגם דער מאַטעריעלער דערפאָלג פון עין־גנים איז געווען מער־ווייניקער צופרידנשטעלנד האָט זיך די אַרעבטערשאַפט אין ארץ־ישראל נישט באַפרידיקט מיט דעמדאָזיקן פּלאַן. דאָס סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום און אינווידועלע ווירטשאַפט אין די ביזאיצקיקע מושב־הפועלים האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קריטיק אין דער אַרטיקער אַרבעטער־פּרעסע און אין די צוזאַמענ־פאָרן פון די „הסתדרות הפועלים החקלאים"· דער הויפּט־פעלער פון די מושבי־הפועלים באַשטייט אין דעם׳ וואָס דער באָדן ווערט אַ־בערגעגעבן אין פּריוואַט׳אייגנטום צו די מיטגלידער פון דעם דערפל. ביי אַזאַ סיסטעם איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז אין „מושב־הפועלים" זאָל זיך אַנטוויקלען דיזעלבע באָדן־שפּעקולאַציע און דערזעלבער מסחר־גייסט ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניעס. ווען דער „מושב" הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען, ווערט דער באָדן, נאַרטירלעך, טייערער און עס קאָנען זיך שפּעטער געפינען רייכע בעלנים, ביי וועלכע דער פּרינציפּ פון יידישע אַרבעט שפּילט נישט קיין גרויסע ראָלע, וואָס זאָלן אויסקויפן די נחלאות פון איינציקע אַרבעטער־צאָלנדיק דערביי גוטע פּרייזן. דער „מושב" קאָן אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריין־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג ווי די איבריקע קאָלאָניעס און מיט דער צייט ווערט דער אַרבעטער כאַראַקטער אינגאַנצן אָפּגעמעקט. די דייכע באַזיצער באַנוצן זיך שוין דורכאויס מיט געדונגענער אַרבעט און שלינגען מיט דער צייט איין די קלענערע באַזיצער, וואָס אַרבעטן אַליין.

בײַ אַזאַ סיסטעם איז שוין מער נישטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז די אַרבעט וועט בלײַבן אין ייִדישע הענט — ווײַל דער רײַכערער קאָלאָניסט וועט שוין נישט באַשטײַן דווקא אויף ייִדישע אַרבעט, אויב ער קאָן קריגן ביליקערע הענט. עס לײַדט אַלזאָ דערפֿון סײַ דער סאָציאַלער, סײַ דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פֿון ישוב. אַ בײַשפּיל פֿון אַזאַ מעטאַמאָרפֿאָזע זעען מיר אין דער קאָלאָניע וואדי־חנין (נס־ציונה, געגרינדעט אין (1883), וואָס איז אויך לכתחילה געווען אַן אַרבעטער־קאָלאָניע, אָבער שײדט זיך שוין איצטער מיט גאָרנישט אָפּ פֿון די צוויי שכנותדיקע, רײן־קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניעס — ראשון־לציון און רחובות.

די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל איז שטופּנווײַז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אויב דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פֿון ישוב זאָל זײַן געזיכערט, מוז ער געבויט ווערן אויף נײַע סאָציאַלע יסודות. די פּרינציפּן, וואָס די ייִדישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט, זענען אין קורצן פֿאָלגנדע: נאַציאָנאַל־אײגנטום, ייִדישע אַרבעט, קעגנזײַטיקע אחריות און ווי ווײַט מעגלעך, קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט. דער בעל־הבית פֿון באָדן דאַרף זײַן דער כּלל, דאָס ייִדישע פֿאָלק, און נישט דער יחיד. דער באָדן טאָר קײנמאָל נישט פֿאַרקויפֿט ווערן אין פּריוואַט־אײגנטום, נאָר פֿאַרפּאַכטעט ווערן צו די אַרבעטער־קבוצות אונטער דער סאָלידאַרישער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײט פֿון אַלע אַרבעטער־מיטגלידער. די אַרענדע איז אַן אײביקע און גײט איבער בירושה, אָבער קײנער האָט נישט דאָס רעכט צו פֿאַרקויפֿן זײַן טײל און צו פּראָפֿיטירן פֿון דער פּאַרטײַערונג פֿון באָדן, וואָס שטאַמט אויסשליסלעך פֿון זײַן אַרבעט. ווען אײנער מוז צוליב אירגנט װעלכע סיבה פֿאַרלאָזן זײַן פּלאַץ, ווערט זײַן חלק איבערגעגעבן צו אַן אַנדערן אַרבעטער, וואָס ווערט אַרײַנגענומען מיטן הסכּם פֿון גאַנצן דאָרף. באָדן־שפּעקולאַציע ווערט אויף אַזאַ אופֿן אוממעגלעך, ווײַל דער באָדן איז דאָס אײגנטום פֿון פֿאָלק און ווערט נישט פֿאַרקויפֿט. דער אַרבעטער־כאַראַקטער פֿון דאָרף ווערט גאַראַנטירט דערמיט, וואָס נאָר אַרבעטער קאָנען זיך דאָ באַזעצן, און זײער פּלאַץ קאָן אונטער קײן אומשטענדן נישט פֿאַרקאַפֿט ווערן פֿון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, וואָס לעבן נאָר פֿון דער אײנקונפֿט פֿון זײערע קאַפּיטאַלן, ד. ה. פֿון פֿרעמדער פּראַצע.

מיט דער הילף פֿון ייִדישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד זענען די דאָזיקע פּרינציפּן געוויסערמאַסן דערפֿאָלגרײַך פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם פֿולקאָמסטן טיפּ פֿון אַרבעטער־קבוצות, וואָס האָבן זיך פֿאַר די לעצטע צען יאָר געגרינדעט אין ארץ־ישראל.

ניו־יאָרק, 22 מערץ, 1918 („דער ייִדישער קעמפֿער“ נר. 12).

טז. נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן און יידישע אַרבעט

אין דער צייט, וואָס די נייע איינגעוואַנדערטע יידישע אַרבעטער אין א"י האָבן אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר נייע פּרינציפּן אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע און האָבן דורך פאַרשידענע פאַרזוכן געפּרואווט פאַרווירקלעכן דידאָזיקע פּרינציפּן מצד דער יידישער אַרבעט, איז אין ארץ-ישראל אַנט-שטאַנען אַ נייער קאָלאָניזאַציע-פאַקטאָר, וואָס האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר דידאָזיקע פּרינציפּן מצד דעם קאַפּיטאַל — דאָס איז דער יידישער נאַציאָנאַל-פאָנד.

דער נאַציאָנאַל-פאָנד, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויפן פינפטן ציוניס-טישן קאָנגרעס אין 1901, האָט, ווי באַוואוסט, געשטעלט זיך דעם צוועק צו דערווערבן באָדן אין ארץ-ישראל אַלס דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון יידישן פאָלק. דער נאַצ.-פאָנד איז אַלזאָ געבויט אויפן פּרינ-ציפּ פון נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן. פאַר די קנאַפּע 10 יאָר פון זיין פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ-ישראל האָט דער נאַציאָנאַל-פאָנד נישט זייער פיל דערגרייכט פאַר זיין דירעקטן צוועק. דער שטח באָדן, וואָס אים איז געלונגען צו דערווערבן און צו דערהאַלטן אַלס נאַצי-יאָנאַלעס אייגנטום איז אינגאַנצן 17 טויזנט דונאַם (בערך 4.000 אַקער), אַן אומבאַדייטנדיקע סומע אין פאַרגלייך מיטן שטח יידישן באָדן, וואָס ווערט געהאַלטן אין פּריוואַטן אייגנטום (אַרום 500.000 דונאַם). ביי דער באַגרענצונג פון זיינע מאַטעריעלע מיטלען און ביי די אַלגעמיינע שוועריקייטן פון דעם טערקישן רעזשים האָט דער אויפטו פון נאַצ.-פאָנד אויפן געביט פון לאַנד-דערווערב אין אַזאַ קורצער צייט נישט געקאָנט זיין קיין גרעסערער. די ביז איצטיקע באַדייטונג פון נאַצ.-פאָנד אין ארץ-ישראל ליגט אָבער נישט אַזוי אין זיין כמות ווי אין זיין איכות, נישט אין שטח פון אויסגעקויפטן באָדן, ווי אין די נייע מעטאָדן און וועגן, וואָס ער האָט אָנגעוויזן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל, און מער פאַר אַלץ אין זיין ווירקונג אויף דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער אַרבעט — די באַפעסטיקונג פון דער יידישער אַרבעט אין ישוב. קיין אַנדערע קאָלאָניזאַציע-אַנשטאַלט אָדער חברה האָט נישט אַזוי פיל געטון פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער יידישער אַר-בעטער פּאָזיציע (דאָ רעדט זיך נאַטירלעך בלויז וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט) אין ארץ-ישראל, — ווי דער נאַציאָנאַל פאָנד. אין דער הינזיכט האָט דער פאָנד מיט זיינע טויזנטער פראַנקען מער אויפגעטון ווי ראָטשילד און יק"א מיט זייערע מיליאָנען, שוין נישט רעדנדיק וועגן ריין פּריוואַטע, אינדיווידועלע קאָלאָניסטן. מען מוז אָבער גלייך צוגעבן, אַז די אַרבעט פון נאַצ.-פאָנד איז געוועזן אַזוי פּרוכטבאַר, נאָר אַ דאַנק דעם דירעקטן קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל און דער פּאָליטישער שטיצע, וואָס זיי האָבן אין זייער קאַמף באַקומען פון די פּועלי-ציון און זייערע פאַר-שטעער אין ציוניסטישן קאָנגרעס.

אין דער פראַקטיק פון נאַצ.-פאָנד אין ארץ-ישראל איז ווידעראַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן דער שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלטער כלל, אַז די בעסטע פרינציפּן, געזעצן און כללים האָבן נאָר דאַן אַ ממשות, ווען עס איז פאַראַן אַ רעאַלע קראַפט, וואָס שטייט אויף דער וואַך און טוט אַכטונג, אַז די גוטע פרינציפּן, געזעצן און כללים זאָלן אין לעבן דורכגעפירט ווערן. און דער פּראַקטישער דערפאָלג פון נאַצ.-פאָנד האָט מער צו פאַרדאַנקען די אַקציע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל ווי זיין געשריבענע קאָנסטיטוציע און די טעאָרעטישע פרינציפּן, אויף וועלכע ער איז געבויט געוואָרן.

עס איז נישט דער ציל פון דעם אַרטיקל צו געבן אַן אַלגעמיינעם איבערזיכט איבער דער טעטיקייט פון נאַצ.-פאָנד אין ארץ-ישראל — איבער דעם זענען פאַראַן ספּעציעלע בראָשורן, וואָס דער לעזער קאָן זיי לייכט געפינען — נאָר אונטערצושטרייכן איין מאָמענט פון זיין אַרבעט — דעם מאָמענט פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן.

אין אָנהויב איז אויך דער נאַצ.-פאָנד געגאַנגען אויפן אַלטן וועג פון פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע, אין די אייגענע פערמעס, וואָס זענען דורך אים געגרינדעט געוואָרן האָבן די אַרבעטער געאַרבעט אונטער די באַדינגונגען פון געוועהנלעכער לוין-אַרבעט, אונטער דער אויפזיכט פון אַ „פקיד" — אַן אַדמיניסטראַטאָר. עס איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן די נאַציאָנאַלע פערמעס און די פּאַרם, צום ביישפּיל, פון יק"א אין סעדזשערא. דאָ, אַזוי גוט ווי דאָרט, זענען די אַרבעטער פּשוטע „שכירים" — לוין-אַרבעטער — וואָס האָבן גאָרנישט צו זאָגן איבער דער פאַרוואַלטונג פון דער ווירטשאַפט, און האָבן אויסער זייער טעגלעכער אָדער מאָנאַטלעכער שכירות קיין טייל אין דער הכנסה. אַזוי איז געווען אין די פאַרמס אין יהודה — בן-שמן און חולדה — אַזוי איז אויך געווען די ערשטע צייט אין דער גלילער פאַרם כנרת. ווען אין דער לעצטער פאַרם איז נאָך דעם ערשטן יאָר אַרבעט פאָרגעקומען אַ גרויסער דעפיציט, אָנשטאָט דעם דערוואַרטעטן פּראָפיט, וואָס דער אַדמיניסטראַטאָר ב. האָט מיט זיכערהייט פאַרשפּראָכן דעם דירעקטאָריום פון נאַצ.-פאָנד בשעת ער האָט איבערגענומען די לייטונג פון פאַרם און אויסגעאַרבעט איר בודזשעט, — און מ'האָט אָנגעהויבן צו זוכן די אורזאַכע, האָט דער אַדמיניסטראַטאָר נאַטירלעך אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די אַרבעטער. „יידישע אַרבעטער קאָסטן טייער, קאָנען נישט די פעלד-אַרבעט", א. ד. גל. וואָלט ער נאָר דערלויבט געוואָרן צו אַרבעטן מיט די מער געניטע און מער ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, וואָלט די בעל-הביתישקייט זיכער אַריינגעבראַכט דעם ריוח, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן". — אַזוי האָט געטענהט דער אַדמיניסטראַטאָר. די אַרבעטער ווידער האָבן באַשולדיקט די מיספאַרוואַלטונג פון אומפעאיקן „פקיד". וואָלט דאָס געווען אַ פּריוואַטע ווירטשאַפט וואָלט מען ווי דער שטייגער אַוועקגעשיקט די יידישע אַרבעטער אָדער אַ טייל פון זיי און געפּרוּאווט אַרבעטן „מיט די ביליקע אַראַבישע

אַרבעטער". אויפן באָדן פון נאַצ.-פאָנד, וואָס איז געקויפט פאַר פאָלקס-געלטער מיט נאַציאָנאַלע צוועקן האָט מען אַזאַ זאַך נישט געקאָנט טון. דער פאָרשטעער פון נאַצ.-פאַנד אין ארץ-ישראל, דר. א. רופין, האָט זיך דאַן געשטעלט אויף אַ נייעם וועג. ער האָט צעטיילט דעם באָדן פון כנרת אויף צווייען. איין טייל, וואָס ליגט אין מערב-זייט פון ירדן, האָט ער איבער-געלאָזט ווי פריער אין די הענט פון אַדמיניסטראַטאָר אָנצופירן די אַרבעט ווי פריער. די צווייטע טייל, אין עבר-הירדן (דער באָדן פון „אום ג'וני"), האָט ער אַוועקגעגעבן צו אַ גרופּע אַרבעטער זיי זאָלן עס באַאַרבעטן אַליין, אונטער זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פאַרוואַלטונג נישט האָבנדיק איבער זיך קיין אויפזיכט און השגחה. עס איז אַוועק דאָס צווייטע יאָר, און אין דעם טייל, וואָס איז געשטאַנען אונטערן „פּקיד" איז ווייטער געווען אַ דעפיציט, און אין דער צווייטער טייל, וואו די אַרבעטער אַליין זענען געווען די בעלי-בתים, איז נישט געווען קיין פאַרלוסט נאָר באַלד דאָס ערשטע יאָר געווען אַ ריוח פון עטלעכע טויזנט פראַנק. די פראַגע איז געלעזט געוואָרן. עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר אַן אַרבעטער-גרופּע קאָן זעלבסטשטענדיק פאַרוואַלטן דיווירטשאַפט, וואָס זי באַאַרבעט, נאָר אויך אַז זי קאָן עס טון פיל בעסער און עקאָנאָמישער ווי אונטער דער פאַרוואַלטונג פון אַדמיניסטראַטאָר. די באַדינגונגען, אונטער וועלכע די גרופּע האָט געאַרבעט זענען געווען פאָלגנדע: יעדער אַרבעטער באַקומט פופציק פראַנק אַ חודש געהאַלט. דער נאַצ.-פאָנד שטעלט צו אַחוץ דעם באָדן און וואוינונגען אויך דעם גאַנצן נויטיקן אינווענטאַר, טויטן און לעבעדיקן, זריעה, א. אַ. וו. נאָכן „גורן" (שייער), ד. ה. נאָכן דרעשען, ווען מ'ווייסט שוין גענוי די הכנסה, רעכנט מען אַראָפּ אַלע אויסגאַבן פון דער ווירטשאַפט, דערונטער אויך די שכירות פון די אַרבעטער צוזאַמען מיט די אַמאָרטיזאַציע פון אינווענטאַר און אַ קליינעם פראָצענט פון קאַפּיטאַל, און דער ריוח וואָס בלייבט דאַן איבער ווערט גלייכערהייט צעטיילט צווישן דער אַרבעטער-גרופּע און נאַציאָנאַל-פאָנד. באַלד דאָס ערשטע יאָר האָבן די אַרבעטער אַלזאָ באַקומען אַחוץ זייער מאָנאַטלעכע שכירות אויך אַ טייל אין ריוח.

דער גייסטיקער דערפאָלג פון דער גרופּע איז געווען אָבער נאָך פיל גרעסער און וויכטיקער פון מאַטעריעלן. די אָפּשאַפונג פון אַדמיניסטראַטאָר האָט נישט נאָר אַראָפּגענומען אַן איבעריקע אומנוציקע הוצאה, נאָר האָט הויפּזעכלעך געווירקט גינסטיק אויף דער איניציאַטיווע, גייסט און אינטערע-סיווטעט פון דער אַרבעט. נישט האָבנדיק איבער זיך קיין משגיח האָבן זיך די אַרבעטער געפילט שוין נישט מער ווי בלינדע געווערקצייג אין אַ פרעמדער האַנט, נאָר ווי זעלבסטשטענדיקע, שאַפנדע לעבעדיקע מענטשן, מיט אַן אייגענעם ווילן און אַן אייגענעם אינטערעס אין דער אַרבעט. די אַרבעט איז אַזוי אַרום געוואָרן פיל אינטענסיווער, פּראָדוקטיווער, הגם — אָדער ריכטיקער — ווייל עס איז נישט געווען קיין אויסערלעכע קאָנטראָל. די אַרבעטער האָבן געפילט די טאָפּלטע אַחריות, וואָס ליגט אויף יעדן פון

זיי, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. דער עפּיל פון אומאָפּהענגיקייט האָט פיל פאַרשטאַרקט די מונטערקייט אין אַרבעטס-לוסט, און אין קיין אָרט איז די אַרבעט נישט געטון געוואָרן אַזוי גרינדלעך, געוויסנהאַפט, און מיט ליבשאַפט ווי אין דער פרייער אַרבעטער-גרופּע. דער דערפאָלג פון דער ערשטער גרופּע האָט נאַטירלעך געפירט צו דער באַשאַפונג פון ענלעכע גרופּעס אין אַנדערע ערטער, — בן-שמן, תל-עדס, חטין, כרכור, א. ד. ג. און איבעראַל זענען די גרופּעס געווען מער-ווייניקער דערפאָלגרייך.

אין מאַנכע ערטער זענען אַזעלכע גרופּעס געגרינדעט געוואָרן, כדי צו דערמעגלעכן דעם איבערגאַנג פון נייעם געקויפטן באָדן אין יידישע הענט. לויט דעם טערקישן שטייער-סיסטעם טאָר קיין באָדן נישט בלייבן אומבאַאַרבעט אַ לענגערע צייט (איבער דריי יאָר), אַ נישט — גייט ער אַריבער צו דער רעגירונג. ווען מ׳קויפט אַ ניי שטיק לאַנד מוז מען אַלזאָ דעם באָדן גלייך באַאַרבעטן. פריער פלעגט מען אַזאַ באָרן לאָזן פאַר אַ געוויסער צייט אין אַראַבישע הענט — ביי אַראַבישע פּעכטער. דאָס האָט אָבער געפירט צו אומאויפהערלעכע סכסוכים און פּראָצעסן, וואָרים די אַראַבער האָבן שוין מער נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון באָדן. מ׳האָט אַלזאָ איינגעזען, אַז יעדע קניה דאַרף גלייך באַזעצט ווערן דורך יידן. און אין מאַנכע לענדערייען, וואָס זענען געקויפט געוואָרן פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען האָט מען לכתחילה געדאַרפט אָנקומען צו אַן אַרבעטער-גרופּע, וואָס זאָל די ערשטע צייט איבערנעמען דעם באָדן, באַאַרבעטן איהם און אָפּהיטן. די גרופּן האָבן דעריבער גערופן זיך „קבוצות-כבוש" — אָקופּאַציע-גרופּן. דורך אַזעלכע קבוצות, צום ביישפּיל, איז איבערגענומען געוואָרן דער באָדן אין מרחביה, כפר-אוריה, כרכור. שפּעטער אָבער, ווען דער באָדן איז אַריבער-געגאַנגען אין די הענט פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, האָבן די קבוצות פאַר-לאָזן זייער פּלאַץ, און אין די נייע קאָלאָניעס האָט זיך איינגעשטעלט דעם פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וואו מ׳האָט נישט-זעלטן שוין ווייטער באַנוצט נישט-יידישע אַרבעט.

אַלס שטענדיקע אינסטיטוציע האָט די פרייע אַרבעטער-גרופּע געקאָנט בלייבן נאָר דאָרט, וואו דער באָדן איז נישט איבערגעגאַנגען אין רשות פון פּריוואַטן-אייגנטימער, נאָר געבליבן דאָס אייגנטום פון כלל.

און ווען מיר דענקען איצטער וועגן אַ יידישע אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל — און נאָר אַן אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע האָט פאַר אונז אַ באַדייטונג, סיי פון נאַציאָנאַלן, סיי פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט — דאַרפן מיר קודם-כל זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן, וואָס מיר ווילן דער-ווערבן אין ארץ-ישראל.

ניו-יאָרק, 5 אפּריל 1918 („דער יידישער קעמפער" נר. 14).

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12754

UNZER SHLIHES

David Ben-Gurion

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Martin & Doris Greenberg
In memory of Jonas Landau*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

צווייטער טייל:

חברת העובדים

(די אַרבעטס־געזעלשאַפט)

(1926 — 1921)

א. וואָס ווילן מיר אין ארץ־ישראל?

די יידישע פראַגע האָט זיך נאָך קיינמאָל מיט אַזאַ שאַרפקייט, ביטער־קייט און טראַגיזם נישט אַוועקגעשטעלט ווי אין דער צייט פון דער איצטיקער וועלט-קאַטאַסטראָפע. דער טיפער, ביזן תהום-דרינגנדער אומגליק פון אַ פאָלק, וואָס איז הילפלאָז, אָפּגעריסן פון אַלע לעבנס-קוועלן, אָן אַ שום אַחיזה אין באָדן, אָן אַ ממשותדיקן באַזיס און אָן אויסזיכטן, ענטפּלעקט זיך איצטער אין זיין גאַנצער שוידערלעכער נאַקעטקייט. און נישט נאָר אין דעם באַשטייט דער אומגליק, וואָס דריי פערטל פונם פאָלק ווערן חרוב און רואינירט פון זייערע לעבנס-פּאָזיציעס, וואָס אַכט מיליאָן גייען אויס אין בלוט, — די גאַנצע וועלט ווערט **איצטער** געמשפּט מיט שווערד און מיט פייער. **אונזער** פּאַטאַלער אומגליק איז — אַז מיר ווערן רואינירט און דערטרונקען אין בלוט — אָן אַ טעם, אָן אַ ציל, אָן אַן אויסזיכט.

„עס איז נישטאָ קיין טעם צו אונזער טויט, ווי ס'איז נישטאָ קיין טעם צו אונזער לעבן"... אונזערע יסורים זענען אומזיסטע, אונזער צער איז זינלאָז און פּרוכטלאָז, און אונזער פאַרגאָסן בלוט וועט נישט באַצאָלט און אויסגעלייזט ווערן...

עס איז שוין איצט נישט מעגלעך מער צו פאַרשווייגן און צו איגנאָ־רירן דאָס יידישע פּראָבלעם. גלייך נאָך דער מלחמה, ווען אַ פעלקער-טרי־בונאַל וועט זיך צוזאַמענקומען צו באַשטימען דעם גורל פון לענדער און נאַציאָנען, מוז דאָס יידישע פאָלק אַוועקשטעלן זיין אייגענע פּראָבלעם אין איר גאַנצן היסטאָרישן אומפאַנג.

צי קען דען נאָך זיין וועלכער ס'איז ספק ווי אַזוי די פראַגע דאַרף געלעזט ווערן?

אין בלוט און פייער פון דער שרעקלעכער מלחמה ווערט אויסגע־שמידט, אויסגעלייטערט אַ גרויסער און הייליקער וועלט-רעכט, — דאָס רעכט פון יעדעס פאָלק צו לעבן פריי אין זיין אייגן לאַנד. און גאַנצע פעלקער, ווי איין מענטש, זענען זיך מוסר-נפש פאַר דאָס דאָזיקע רעכט. דען דער קאַמף אום דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אין אייגן לאַנד איז די נשמה פון די איצטיקע וועלט-געשעענישן.

ווי איינפאַך און פאַרשטענדלעך איז עס דעריבער, אַז די לייזונג פון דער פראַגע — פון אַ נאַציאָן אָן אַ לאַנד, דאַרף און מוז זיין, די גרינדונג פון אַ היים פאַר דעם פאָלק אין זיין אייגענעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד.

ח) ביז די לאַגע אין דער אַרבעט און אין דערווירטשאַפט וועט דערמעגלעכן אַ פולשטענדיקע אויסגלייכונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער אין גאַנצן לאַנד, שטעלט פעסט די הסתדרות פון צייט צו צייט אַ מינימום און אַ מאַקסימום פון די אַרבעט־פרייזן לויט די פאַרהעלטענישן פון אָרט און צייט.

ט) די הסתדרות באַנוצט זיך אויך מיט דער הילף פון פאַך־ספּעציאַליסטן, וואָס זענען נישט קיין הסתדרות־מיטגלידער, און זיי באַקומען געהאַלט לויט די מאַרק־פרייזן. גלייכצייטיק זאָרגט די הסתדרות דערפאַר, אַז אירע מיטגלידער זאָלן ווערן געניט אין אַלע אַרבעטס־צווייגן און זי גיט אַ מעג־לעכקייט די פעיקערע זיך פאַכלעך צו ספּעציאַליזירן.

י) ביז די הסתדרות וועט איבערנעמען די דערמאָנטע ראָל, ווערט געבילדעט אַ דיסציפּלינירטע אַרבעטס־אַרמיי, וואָס אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט דער אַרבעט, פּראָדוקציע און פאַרזאָרגונג פון אירע מיטגלידער אויף די אויווּנדערמאָנטע יסודות.

יא) „אחדות העבודה" מאָביליזירט תיכּף אַלע אירע חברים פאַר דער דאָזיקער אַרבעטס־אַרמיי. אַלע חברים פון „אחדות העבודה" זענען מחויב אָן קיין שום ווידערשטאַנד זיך אונטערצואַרפן די פאַראָרדנונגען פון דער אָנפירונג פון דער אַרבעטס־אַרמיי בנוגע אָרט, ספּעציאַליטעט און אָרדנונג פון דער אַרבעט.

2. באַמערקונגען צום פאָרשלאַג

די אַרבעט און ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס איז איצט אָנגענומען ביי דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד — די זעלבסטשטענדיקע קאָאָפּעראַטיווע ווירט־שאַפטן (דאָרפישע קבוצות, שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, „המשביר") פון איין זייט, און די פּריוואַטע אַרבעט פון לוינאַרבעטער און אונטערנעמער פון דער אַנדערער זייט — איז אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פונם אַרבעטנ־דיקן קלאַס און נישט צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון דער עליה און קאָלאָניזאַציע.

די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען מערסטענס געגרינדעט געוואָרן דורכן קפּא"י (פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד), זענען פאַקטיש פּריוואַטע אונטערנעמונגען פון שותּפישע גרופּעס, וואָס עקספּלואַטירן די געזעלשאַפט, און ממילא אויך די אַרבעטער, נישט ווייניקער, ווי יעדע אַנדערע קאַפּי־טאַליסטישע אונטערנעמונג. די בעלי־בתּישאַפט פון קפּא"י איבערן פאַר־מעגן פונם קאָאָפּעראַטיוו איז נישט מער, ווי אַ יורידישע פיקציע, אָן קיין שום ממשותדיקן אינהאַלט. די מיטלען פון דער אַרבעטערשאַפט (קפּא"י), וואָס זענען באַשטימט פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, זענען אינוועסטירט אין אַ פּריוואַט געשעפט פון אַ גרופּע שותּפים, וועלכע זענען נישט אָפּהענגיק פונם קלאַס. די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער באַנוצן זיך מיטן אַרבעטער־פאַרמעגן אויסשליסלעך פאַר זייער אייגענעם, פּערזענלעכן נוצן. די

עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פונם קאָאָפּעראַטיוו פאַרבעסערט נישט און דער־הויבט נישט אויף דעם צושטאַנד פונם אַרבעטער־קלאַס, נאָר, פאַרקערט, ברענגט אים נאָך שאָדן: דער זעלבשטענדיקער קאָאָפּעראַטיוו ציט אַרויס פונם אַרבעטער־קלאַס די בעסטע פאַכלייט און אַרבעטער־אָנפירער, און ער פאַרוואַנדלט זיי אין אָנגעהעריקע צו אַ פּריווילעגירטן קלאַס, וואָס געפינט זיך אין אַלע זיינע אינטערעסן און שטרעבונגען מחוץ דעם אַרבעטער־קלאַס, און די אַרבעטערשאַפט פאַרלירט אַזוי אַרום שאַפונגס־און אַרבעטס־קרעפטן, אין וועלכע ער נויטיקט זיך פאַר זיין באַפרייונג און אומאָפּהענגיקייט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות. די חברים פון דער קבוצה פילן זיך, אמת, אַלס אָרגאַנישער טייל פון דער אַרבעטער־שאַפט און זיי טראָגן דעם יאָך פון דער הסתדרות נישט ווייניקער פון די איבעריקע לאַנדווירשאַפטלעכע אַרבעטער, אָבער דאָס דאָזיקע געפיל פליסט נישט אַרויס פון די פאַקטן פון דער ווירטשאַפט און עס וואָרצלט נישט אין דער עקאָנאָמישער נאַטור פון דער קבוצה. די קבוצה־ווירטשאַפטן נוצן נישט פאַרן וואויל פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און פאַר דער פאַרזי־כערונג פון איר עקזיסטענץ דורך דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, וואָס געפינט זיך אין זייער רשות, נאָר זיי זענען דאָס פּריוואַט-אייגנטום פון די קבוצה-מיטגלידער. די עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן דער קבוצה־ווירטשאַפט און דעם אַרבעטער-קלאַס שיידן זיך מיט גאָרנישט אונטער פון די באַציאונגען אין יעדער אַנדערער קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט-ווירטשאַפט. און די חברים פון דער קבוצה זענען עלול, געצוואונגען דורך דער נאַטור פון אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט, אַרויסצוגיין און זיך אָפּצושיידן פונם אַרבע־טער-קלאַס.

דער פּרינציפּ פון דער באָדן-נאַציאָנאַליזאַציע, וואָס מיר זעען אין אים דעם יסוד פאַר דער שאַפונג פון אַ פרייער אַרבעטס־געזעלשאַפט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּוסטער פראַזע, וואָס האָט נישט קיין שום אינהאַלט ביי דער עקזיסטירנדיקער קבוצות-סיסטעם. בעת די גאַנצע ווירטשאַפט איז אַ פּריוואַט-אייגנטום פון אַ יחיד אָדער פון אַ גרופּע יחידים, איז דאָס נאַציאָ־נאַלע באָדן־אייגנטום נישט מער ווי אַ יורידישע פיקציע. דער באָדן איז אַן אָרגאַנישער און אומצעשיידבאַרער טייל פון דער ווירטשאַפט, און ס'קען נישט געמאָלט זיין קיין באָדן-נאַציאָנאַליזאַציע אָן אַ נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט.

די אַלע שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלען זיך די קבוצות — די פראַגע פון דער פאַמיליע, לוין־אַרבעט, דעפיציטן א. אַ. וו. — קענען נישט געפינען קיין לעזונג אין דער איינצלנער קבוצה, וועלכע פירט איר אַרבעט מחוץ אַן אַלגעמיינעם, פאַרצווייגטן-סיסטעם פון אַרבעטס-ווירט־שאַפט, וואָס זאָל אין זיך פאַרייניקן די לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, דערנערונג און פאַרזאָרגונג פונם גאַנצן אַרבעטנדיקן ישוב.

אויך דער „המשביר" איז אין תוך נישט מער ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע פאַרזאָרגונס-געזעלשאַפט. די קעגנזאַצן צווישן די קבוצות-מיטגלידער אַלס

פאַרקויפער פון זייערע פּריוואַטע פּראָדוקטן און צווישן די שטאָטישע קאָנסומענטן, ווי אויך דער קעגנזאַץ צווישן די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פאַרקויפן זייער אויסאַרבעטונג און צווישן דער גאַנצער קאָנסומירנדיקער געזעלשאַפט – ווערן נישט אויסגעגליכט דורכן „המשביר“. ער איז נישט מער ווי אַ האַנדלס-פאַרמיטלער אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות צווישן די פאַרקויפער, וואָס שטרעבן צו העכערן דעם פּרייז אויף זייערע פּראָדוקטן און צווישן די קונים-קאָנסומענטן.

די אונטערנעמונגען פון עפנטלעכע אַרבעטן – איינע פון די חיכ-טיקסטע אַרבעטס-צווייגן אין לאַנד איצט און אין דער צוקונפט, – אויך זיי ליידן פון דער אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין דער עקאָנאָמיק פונם אַרבעטנדיקן ישוב. זייענדיק אָפּגעריסן פון דער לאַנדווירטשאַפט, טרעפן זיי זיך אָן אין שוועריקייטן ביים איינאָרדנען די פאַרזאָרגונג פון זייערע חברים און זיי ברעכן זיך אונטער דער טייערקייט פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי קויפן אויפן מאַרק. זיי זענען נישט פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַטאָ-רישער טעטיקייט און האָבן נישט קיין האָפנונגען זיך צו קאָלאָניזירן און זיך פאַרפעסטיקן אויפן באָדן.

ערגער פון אַלע איז די דער גורל פון די לוין-אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטן. ביי דער אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין דער אַרבעט, אָרדנט זיך נישט איין דער אַרבעטער ביי אַן אַרבעט, וואָס ער אַנטשפּרעכט איר און זי אים. נאָר זיין גאַנצע אַרבעט איז אָפּהענגיק פון צופאַל און בלינדער געלעגנהייט. דער אַרבעטער ווערט עקספּלואַטירט אויף יעדן טריט און שריט נישט נאָר דורכן אַרבעטס-געבער, נאָר אויך דורכן אייגנטימער פון האָטעל, רעסטאָראַן, קראָם, דורכן בעל-הבית פון דער דירה א. אַ. וו. ער איז אויסגעשטעלט אויף ליידן פון דער צו-פעליקייט אין דער אַרבעט, פון אַרבעטלאָזיקייט און קרענק.

די מאַסע נייע אַרבעטער האָט נישט קיין הילף פון חברים, דערציער און אָנפירער אין דער אַרבעט, ווייל ביים אַנאַרכישן אַרבעט-און ווירטשאַפט-סיסטעם באַמיען זיך די דערפאַרענע, פעאיקע און ספּעציאַליזירטע אַרבעטער אַרויסצודרייען פון אַ געמיינזאַמע אַרבעט מיט די פריש-געקומענע. און זיי אָרגאַניזירן זיך זעלבסטשטענדיק אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות, קאָאָפּע-ראַטיוון, אונטערנעמערישע קאָלעקטיוון, נישט רעכנענדיק זיך מיט די באַ-דערפענישן פון די נייע עולים.

די הסתדרות, די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטנדיקע, אין איר איצטיקער פאָרם איז נישט מער ווי אַ קערפּערשאַפט פון פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער רעפּרעזענטאַנץ פון דער אַרבעטערשאַפט. נישט גע-קוקט אויף דער פאָרמעלער רעזאָלוציע, אַז די הסתדרות פירט דווקא די עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט און גראָד נישט איר פּאָליטישע אַרבעט, האָט נישט דיזאָיקע הסתדרות קיין שום עקאָנאָמיש-קאָלאָניזאַטאָרישע ראָל. נאָר בלויז אַן אַדמיניסטראַטיווע. די הסתדרות פירט נישט די עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פון

דער אַרבעטערשאַפט, ווי עס איז פאָרמולירט אין אירע סטאַטוטן, נאָר אויס־שליסלעך די פאַרמיטלונג פון דער טעטיקייט: אונטערהאַנדלונגען מיטן ועד־הצירים, מיט דער רעגירונג, מיט אַנדערע אַנשטאַלטן, אַריינמישן זיך אין סכסוכים וכדומה.

די דירעקטע קאָלאָניזאַטאָרישע און עקאָנאָמישע טעטיקייט געפינט זיך מחוץ דעם רשות פון דער הסתדרות. אין דערדאָזיקער טעטיקייט, אויפן עקאָנאָמישן און אַרבעטס-געביט פונם אַרבעטנדיקן ישוב, הערשט אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע, און אַ רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אַנאַרכיע זענען די אַלע קענגזאַצן און סתירות, די פעלערן און צרות, די פאַרנאַכלעסיקונגען און דורכפאַלן אינם אַרבעטס-לעבן און אין די אַרבעטס-ווירטשאַפטן.

צו דערדאָזיקער אַנאַרכיע דאַרף איצט געמאַכט ווערן אַ סוף. מיר שטייען פאַר אַ גרויסער עליה און א פאַרברייטערטע קאָלאָניזאַציע. אָן זיי איז נישטאָ קיין יסוד פאַר אונזער עקזיסטענץ און קיין האָפנונג פאַר אונזער צוקונפט. און אַ פאָרבאַדינג פאַר אַ גרויסער עליה און קאָלאָניזאַציע פון אַרבעטנדיקע איז דאָס פאַריכטן דעם פונדאַמענט, וואָס אויף אים ווערט זיך אויפבויען די עקאָנאָמיק פונם אַרבעטנדיקן ישוב אין לאַנד.

אָנשטאָט אַנאַרכיע — אָרדנונג און דיסציפלין, אָנשטאָט צעשפליטערונג און קעגנזאַצן – אייניקייט און קעגנזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָנשטאָט דער פאַרפעסטיקונג פון איינצלנע טיילן אויפן חשבון פון כלל און צו זיין שאָדן — די פאַרפעסטיקונג פונם גאַנצן אַרבעטנדיקן קלאָס מיט געמיינזאַמע כוחות. אָנשטאָט פריוואַטע ווירטשאַפטן און קאַפיטאַליסטישע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן צווישן די אַרבעטנדיקע גופא – אַן אַלגעמיינע אַרבעט-ווירטשאַפט, וואָס געהערט דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, אַן אַרבעט-ווירטשאַפט, וואָס איר גרונט-ציל איז דאָס פאַרזאָרגן די באַדערפנישן פונם אַרבעטנדיקן ישוב מיט די מיטלען פון זיין אייגענער אויסאַרבעטונג.

און דאָס איז די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע פון דער הסתדרות. זי דאַרף זיין נישט קיין רעפרעזענטאַנץ-קערפערשאַפט אויף אונטערהאַנדלונגען כלפי-חוץ און כלפי-פנים, נאָר אַ פאַרבאַנד פון אַרבעטנדיקע, וואָס זענען אָרגאַניזירט און פאַראייניקט אין זייער אַרבעט און אין זייער עקאָנאָמישן לעבן; אַ פאַרבאַנד, וואָס אין זיין רשות גייען אַריבער אַלע דאָרפישע ווירטשאַפן און שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס צו אים געהערט דאָס אָרגאַניזירן און אָנפירן אַלע עפנטלעכע און פריוואַטע אַרבעטן אין לאַנד, און וואָס אויף אים ליגט אויך די פליכט צו פאַרזאָרגן דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן ישוב

תל-אביב, ו׳ אלול תרפ״א (קונטרס צ״ב).

ב. עקאָנאָמישע פאַריייניקונג

באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק האָט די אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד פון אירע ערשטע טריט אָן זיך געשטעלט אויפן וועג פון קלאַסן-זעלבסטשטענדיקער שאַפונג. א יסערלעכע און אינערלעכע פאַקטאָרן האָבן אונז געשטויסן צו שאַפן אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט, אין פון יאָר צו יאָר פאַרשטאַרקט זיך ביי אונז די שטרעבונג צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, די לאַנדווירטשאַפט און די אינדוסטריע אינם רשות און אויף דער אַחריות פון די אַרבעטער, און עס ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, וואָס געפינען זיך ביי דער אַרבעטערשאַפט אין די הענט. געטריבן פון אַ קלאָרן באַוואוסטזיין אָדער פון אַ געזונטן אינסטינקט, האָט דער יידישער אַרבעטער אין לאַנד פאַרשטאַנען און דער-פילט, אַז דאָס ריכטיקסטע מיטל צו דערגרייכן דעם ציל איז דאָס פאַר-ווירקלעכן אַ טייל פונם ציל זעלבסט. אויפן וועג צום פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם — דאָס שאַפן די אַרבעטס-געזעלשאַפט פונם יידישן פאָלק אין ארץ-ישראל — האָט דער יידישער אַרבעטער געשאַפן די קערנדלעך און קעמערלעך פון דערדאַזיקער אַרבעטס-געזעלשאַפט.

אָבער אויב מיר זאָלן אָפּשאַצן אונזערע אויפטועך לויטן מאָסשטאַב פון סאָציאַליסטישן ציוניזם — און אַן אַנדער מאָסשטאַב איז אוממעגלעך אין אונזער טעטיקייט — און מיר זאָלן זיך אַ פרעג טון, אין וואָס פאַר אַ מאָס דערנענטערן אונז דידאָזיקע אַלע אויפטועך אונזערע צו דער שאַפונג פון דער אַרבעטעטס-געזעלשאַפט פונם יידישן פאָלק אין לאַנד, — וועלן מיר איינזען, אַז אָן גרונטלעכע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען אינם געבוי פון די ווירטשאַפטן און אין זייערע קעגנזייטיקע פאַרהעלטנישן, וועט אונזעם אַרבעט נישט דערפילן איר היסטאָרישע מיסיע.

וואָס איז דער עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכער תכלית פון אונזער גאַנצער אַרבעט אין לאַנד? די אויסברייטערונג פון די עליה-מעגלעכקייטן, עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט און געזעלשאַפט-לעכע פאַרהעלטנישן אָן אויסנוצונג און עקספּלואַטאַציע. ביי דער איצטיקער לאַגע דערפילן נישט אונזערע ווירטשאַפטן, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, קיין איינעם פון אָט די דריי וואונטשן.

דער סיסטעם פון אָפּגעזונדערטע, זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפטן, וועלכע געפינען זיך אין רשות פון דעם קליינעם קאָלעקטיוו, וואָס אין יעדער איינצלנער ווירטשאַפט, פאַרמאָגט אין זיך אַלע חסרונות פון דער פּריוואַטער קליינער ווירטשאַפט אָן די מעלות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ריין-אינדיווידואַליסטישער ווירטשאַפט, און ער האָט נישט קיין איינע פון די מעלות פון דער גרויסער ווירטשאַפט. די קליינע קאָלעקטיווע ווירטשאַפט קאָן נישט ביישטיין די קאָנקורענץ פון די ווירטשאַפטן פונם עקספּלואַטירנדיקן

קאַפּיטאַל, און אויב עס זאָל איר על-פּי-נס דאָס יאָ געלונגען – וועט זי זיך אָפּשליסן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט פון אַ גרופּע שותּפים. דער אָפּגעזונדערטער קאָלעקטיוו, וואָס געוועלטיקט איבער זיין ווירטשאַפט, וועט אין זיין אַרבעט נישט זאָרגן פאַר די באַדערפענישן פון דער עליה. אָנשטאָט זאָרגן פאַרן פאַרברייטערן די אויפנאַם-פעאיקייט פון דער ווירטשאַפט, וועט ער זיך אינגאַנצן אַריינטון אין דער פאַרפעסטיקונג פון זיין אייגענער לאַגע אויפן חשבון פון די געזעלשאַפטלעכע מיטלען. די פאַרשידענע ווירטשאַפט-צווייגן, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע, וואָס זענען אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן, וועלן זיך נישט פאַרפעסטיקן און פאַרשטאַרקן דורך קעגנזייטיקער הילף און אונטערשטיצונג. נאָר פאַרקערט, זיי וועלן שטרעבן זיך אויפצובויען איינער אויפן חשבון פון צווייטן (אַ בולטערביישפּיל: דער משרד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן און די דאָרפישע ווירטשאַפטן). און דאָס לעצטע און סאַמע ערגסטע: די ווירטשאַפטן פון די אָפּגעזונדערטע, זעלבסטשטענדיקע קאָלעקטיוון האָבן געשאַפן אַ תּהום צווישן די לוין-אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט קיין שום געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע באַציאונג און צוזאַמענהאַנג מיט די אַרבעטער-ווירטשאַפטן, און צווישן די אַרבעטער-גרופּעס, וואָס באַזיצן אייגענע ווירטשאַפטן. דער אַרבעטנדיקער קלאַס וועט צעטיילט ווערן אויף צוויי קלאַסן: אויף אַ קלאַס פון לוינאַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט, און אויף אַ „באַלעבאַטישן" אַרבעטנדיקן קלאַס, וואָס איין קליינער שפּרונג טיילט אים אָפּ פון יענעם „באַלעבאַטישן" קלאַס, וועלכער לעבט פון עקספּלואַטאַציע. אָן אַ קעגנזייטיקער השפּעה צווישן דער זעלבסטשטענדיקער שאַפונג פונם אַרבעטער-קלאַס און צווישן זיין קלאַסנקאַמף, אָן דעם שטאַרקן עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכן ענגען בונד צווישן די לוינאַרבעטער און די, וואָס אַרבעטן אין זייערע אייגענע ווירטשאַפטן – דראָט אַ סכּנה פון צעשפּליטערונג און פאַרניכטונג פאַר אונזער גאַנצער פּראָלעטאַרישער טעטיקייט אין לאַנד און פאַר אונזער גאַנצער נאַציאָנאַלער אַרבעט.

אויך אין אונזער געזעלשאַפטלעכער און אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט זענען מיר מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען צעריסן און צעשניטן אויף פאַריינען און פאַריינדלעך, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק אין האָט געפירט זיין טעטיקייט אויף אייגענער אַחריות. אָבער די אַרבעטערשאַפט אין לאַנד האָט פאַרשטאַנען און אָנערקענט, אַז אָן אַן אַלגעמיינער אינסטאַנץ פונם גאַנצן אַרבעטנדיקן קלאַס, וועלכע זאָל צונויפנעמען די אַלע באַזונדערע קערפּערשאַפטן – וועט אונזער אַרבעט נישט געלונגען. און עס איז געשאַפן געוואָרן „אַחדות העבודה" און דערנאָך די „הסתּדרות העובדים הכּללית". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע פאַראייניקונג דאַרפן מיר פאַרפולקאָמענען מיט אַן עקאָנאָמישער פאַראייניקונג.

מיר דאַרפן שאַפן די חברת-העובדים (אַרבעטס-געזעלשאַפט), וועלכע זאָל פאַראייניקן אַלע אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין שטאָט און אין דאָרף אין

אין פראָדוציר און קאָנסום-קאָאָפּעראַציע, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַ זעלבסט-שטענדיקע עקאָנאָמיק פונם גאַנצן אַרבעטנדיקן-קלאַס.

צו דעמדאָזיקן צוועק זאָל זיך די הסתדרות קאָנסטיטואירן אַלס „אַרבעטס-געזעלשאַפט פאַר קאָלאָניזאַציע, אינדוסטריע, אַרבעט-אונטערנעמונגען און פאַרזאָרגונג" („חברת עובדים להתיישבות, חרושת, עבודות קבלניות והספקה"), און זי זאָל זיך אַלס אַזעלכע יורידיש לעגאַליזירן אין הסכם מיט די געזעצן פון לאַנד.

דידאָזיקע געזעלשאַפט איז נישט קיין אַקציען-געזעלשאַפט (קאַפּיטאַל-פאַראייניקונג) נאָר אַן אַרבעטער-פאַרבאַנד (פערזאָנען-פאַראייניקונג) און זי בויט זיך נישט אויפן יסוד פון אַקציעס נאָר אויפן יסוד פון חברים-באַשטייערונגען, וועלכע ווערן אַן אייביק אייגנטום פון דער געזעלשאַפט. די גרויס פון דער באַשטייערונג ווערט פעסטגעשטעלט אויף אַ מינימאַלער סומע, כדי יעדער אַרבעטער זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין דער געזעלשאַפט.

יעדער חבר פון דער הסתדרות איז פאַרפליכטעט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. די אָנפירונג פון דער געזעלשאַפט ווערט געוויילט אויף איר אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר, וועלכער איז גלייכצייטיק דער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר פון הסתדרות, אַזוי אַז דער ועד-הפועל פון דער הסתדרות איז פאַקטיש די אָנפירונג פון דער חברת-העובדים.

די געזעלשאַפט קאָנצענטרירט אין אירע הענט דאָס אָרגאַניזירן די פאַרזאָרגונג פון אַלע אירע מיטגלידער, און צו דעמדאָזיקן צוועק אָרגאַניזירט זי זיי אומעטום אין קאָנסום-פאַראיינען אַלס פיליעס פון דער געזעלשאַפט. דער „המשביר" ווערט אָרגאַניזירט אַלס פאַרבאַנד פון די קאָנסום-פאַראיינען, און ער ווערט אָנגעפירט דורך דער פאַרזאָרגונס-אָפּטיילונג ביי דער חברת-העובדים.

די צענטראַליזירטע פאַרזאָרגונג פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט דינט אַלס פעסטע און זיכערע באַזע פאַר דער זעלבסט-פּראָדוקציע פון דער געזעלשאַפט. אויף ווי ווייט די באַדינגונגען אין לאַנד קענען עס דערלויבן, באַמיט זיך די געזעלשאַפט צו אָרגאַניזירן די פאַרזאָרגונג פון אירע מיטגלידער מיט דער אייגענער אויסאַרבעטונג פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, אָנהויבנדיקביים צושטעלן די שפּייז און אַפּראָוויזאַציע-אַרטיקלען פון אירע דאָרפישע ווירטשאַפטן און ענדיקנדיק מיטן בויען הייזער פאַר אירע מיטגלידער דורך דער בוי-אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט פירט זעלבסטשטענדיק אָן מיט דער קאָלאָניזירונג פון אירע מיטגלידער אין שטאָט און אין דאָרף. די געזעלשאַפט נעמט איבער אין אייביקע אַרענדע באָדן פון קרן-קימת, כדי צו קאָלאָניזירן אירע מיטגלידער און זי שאַפט זעלבסטשטענדיק אַ „קאָלאָניזאַציע-פאָנד" („קרן להתיישבות"), פאַר בויען הייזער און דערוועריבן לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אַרבעטס-מכשירים און פאַרשידנערליי אַרבעטס-מאַטעריאַלן.

דער פאָנד באַקומט פון די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן (ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, יק"א א. אַ.) לאַנגטערמיניקע הלוואות (אויף 99 אָדער 49 יאָר;

אין אַ פעסטגעשטעלט פּראָפּאָרציאָנעלע נאָרמע לויט די סומען, וואָס די געזעלשאַפט אַליין טראָגט אַריין אין פאָנד פון אירע אינערלעכע הכנסות אָדער אינערלעכע הלוואות פון צווישן אירע מיטגלידער (למשל אויף יעדע הונדערט פונט פון דער געזעלשאַפט טויזנט פונט הלוואה). אַ חוצדעם לאָזט די געזעלשאַפט אַרויס פאַרפליכטונגס-פּאַפּירן (אָבליגאַציעס) אויף ראַטעס, אויף צוואָנציק צו פינפאונצוואָנציק יאָר, מיט היפּאָטעק-פאַרזיכערונג אויף די הייזער פון דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט קאָלאָניזירט אירע מיטגלידער לויט דער שטופע פון זייער אַרבעטס-צוגרייטקייט במשך אַ פעסטגעשטעלטער צייט אין הסכם מיט אירע סטאַטוטן. די קאָלאָניזירונג איז אַ שטאָטישע און אַ דאָרפישע. אין אַלע גרויסע שטאָטישע אַרבעטס-צענטרען דערווערבט די געזעלשאַפט באָדן אויף צו גרינדן אַרבעטער-קוואַרטאַלן ביי דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, וועלכע זאָלן צושטעלן דער אַרבעטערשאַפט לעבנסמיטלען (גרינסן, מילך, אייער, פלייש) קליידונג, באַשיכונג א. אַ. וו. אויך די אויסערשטאָטישע קאָלאָניזירונג דאַרף נישט געבויט ווערן אויסשליסלעך אויף דער לאַנדווירטשאַפט, ווי עס פירט זיך אין דער איצטיקער נישט-ראַציאָנעלער און נישט-ציוניסטישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע (נישט-ציוניסטישע, ווייל זי פאַרמאָגט נישט קיין גרויסע אויפנאַם-פעאיקייט פאַר אַ נייער עליה), נאָר אויף אַ פילפאַכיקער אַגראַרישער און אינדוסטריעלער ווירטשאַפט, מיט דער טענדענץ אויף זעלבסטבאַזאָרגונג פונם מאַקסימום באַדערפענישן פון די קאָלאָניסטן און אַ פּראָדוקציע-רעשט פאַרן אינערלעכן (פון דער געזעלשאַפט) און אויסערלעכן מאַרק.

די געזעלשאַפט קאָלאָניזירט נישט קיין מיטגליד, וואָס האָט נישט אויסגעפילט דעם אַרבעטס-סטאַזש, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער הסתדרות. דאָסדאָזיקע געזעץ שטעלט פעסט די מינימאַלע צייט, וואָס יעדער נייער מיטגליד (עולה) דאַרף אַרבעטן ביי די רעזערוו-אַרבעטן פון דעם הסתדרות און דערנאָך ביי די אַרבעטן פון דער אָפּטיילונג פאַר אונטערנעמערישע אַרבעטן ביי דער געזעלשאַפט אָדער ביי פּריוואַטער אַרבעט לויט די הסתדרות-באַדינגונגען.

אין אַלע ווירטשאַפטן פון דער געזעלשאַפט ווערט פעסטגעשטעלט אַ מינימאַלער און מאַקסימאַלער געהאַלט, לויט די באַדינגונגען פון יעדן אָרט באַזונדער און אַנטשפּרעכנדיק, אין אַ געוויסער מאָס, צו די מאַרק-פּרייזן; דער רעשט פון די הכנסות גייט אַוועק אויפן קאָלאָניזיר-פאָנד פון דער געזעלשאַפט אויף צו פאַרברייטערן די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן. אָפּהענגיק פון דער באַדערפעניש און פונם נוצן נעמט אַראָפּ די געזעלשאַפט געוויסע פּראָצענטער פונם הכנסה-רעשט פון אַ ווירטשאַפט און זי צעטיילט זיי צווישן די באַשעפטיקטע אין דערדאָזיקער ווירטשאַפט.

די פאַרדינסטן פונם פאַרבאַנד פון די קאָנסום-פאַריינען („המשביר") ווערן טיילווייז אומגעקערט די קאָנסומענטן לויט דער נאָרמע פון זייערע קניות, טיילווייז ווערן זיי פאַרוועגדט אויף די קולטור-אַנשטאַלטן פון

דער הסתדרות, און דאָס איבערקע גייט אויפן קאָלאָניזיר-פאָנד פון דער חברת-העובדים.

די טעכנישע ביוראָען פאַר לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע ביי דער געזעלשאַפט גיבן אַכטונג צוזאַמען מיט די פאָרשטעער פון די פאַך-פאַריינען פון דער הסתדרות אויף דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט אין די ווירטשאַפטן פון דער געזעלשאַפט און אין אירע אונטערנעמערישע אַרבעטן. אַלע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פון דער חברת-העובדים מיט אירע פאַרשידענע אָפּטיילונגען ווערן דורכגעפירט דורכן „בנק הפועלים". אין אים קאָנצענטרירט זיך אויך די בוכפירונג פון אַלע אַנשטאַלטן פון די געזעלשאַפטן. די באַנק אָרגאַניזירט אויך דעם אינערלעכן קרעדיט פון די מיטגלידער פון דער חברת-העובדים דורכן אַרויסלאָזן געלט-פּאַפּירן פון דער געזעלשאַפט אויף סומען, וועלכע זענען באַגרענעצט לויטן אומזאַץ-קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון די פאַרשידענע אַנשטאַלט ןפון דער געזעלשאַפט.

* * *

די פריערדיקע באַמערקונגען זענען נישט אויסן פעסטצושטעלן קיין געזעצן פאַרן בוי פון דער חברת-העובדים. אַזעלכע שאַפונגען בילדן זיך נישט אויס לויט לכתחילה באַשטימטע פּלענער. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און קאַפּריז, און עס גיט זיך נישט אונטער דער אַבסטראַקטער לאָגיק און דעם אָנגענומענעם שאַבלאָן. אין די אַלגעמיינע שטריכן, וואָס איך האָב אָנגעצייכנט, האָב איך געוואָלט בלויז אויפקלערן און אַביסל רעאַליזירן דעם געדאַנק פון דער חברת-העובדים, וואָס זעט מיר אויס נויטווענדיק און אַקטועל אין איצטיקן מאָמענט. מען קען ענדערן דעם אָדער יענעם שטריך, מען קען צוגעבן און אַראָפּנעמען דאָ און דאָרט, נישט צעטרייסלענדיק און נישט צעשטערנדיק דעם בנין אין אַלגעמיין.

אַן אומבאַדינגטע תּנאי פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אונזער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט און פאַר דעם דערפאָלג פון אונזער טעטיקייט איז לויט מיין מיינונג: די צענטראַליזירטע פאַרזאָרגונג פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, אַלס ווינקלשטיין, אויף וועלכן מיר וועלן אויפבויען אונזער זעלבסט-פּראָדוקציע; די פאַרייניקונג פון אַלע אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין שטאָט און אין דאָרף אין איינסטאַנץ אונטער דער אָנפירונג פון דער הסתדרות; וועלכע דאַרף לעגאַליזירט ווערן אַלס חברת-עובדים; און דאָס

אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן ד י װ י ר ט ש אַ פ ט ס - אַ ר ב ע ט ן
א י ן ד ע ר ר י כ ט ו נ ג פ ו ן אַ ז ע ל ב ס ט -
ש ט ע נ ד י ק ע ר ע ק אָ נ אָ מ י ק.

תל-אביב, י״ז כסלו תרצ״ג (קונטרס ק״ח).

ג. דער פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד (קפא״י) און די הסתדרות

מיטן גרינדן דעם קפא״י (פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד) האָבן פּועלי-ציון געשאַפן דעם ערשטן יסוד פאַר דער קלאַסנזעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פונם יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל און אין חוץ-לארץ, ביים פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. דאָס איז געווען דער ערשטער אויפטו, אין וועלכן עס האָט זיך רעאַליזירט און סימבאָליזירט דער באַזונדערער וועג פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם. דער קפא״י איז געשאַפן געוואָרן נישט צוליב נעגאַציע און פאַרלייקענונג פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער טעטיקייט און נישט צוליבן אומווילן זיך צו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אַרבעט, נאָר צוליב דעם נישט באַגנוגענען זיך מיט די אַלגעמיינע אַנשטאַלטן און צוליב דעם באַוואוסטזיין, אַז אָן זעלבסטשטענדיקע מיטלען וואָס געפינען זיך אין זייער רשות, וועלן די אַרבעטער נישט דעראָבערן קיין פרייע, אומאָפּהענגיקע פּאָזיציע אינם אויפבוי פון לאַנד.

די אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד איז דאַן געווען ביים סאַמע אָנהויב. אין דער לאַנדווירטשאַפט זענען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן די ערשטע צוויי שריט פון פּראָלעטאַרישער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט: פריער דורך אַן אַרבעטער-קבוצה אין דער יק״א-פערמע אין סעדזשערא („קאָלעקטיוו״) און דערנאָך דורך אַן אַנדער קבוצה אין דער קרן-קימת-פערמע אין כנרת אויפן באָדן פון אום-דזשוני (דגניה). די דאָזיקע צוויי אָנהויבן האָבן דאַן נישט ארויסגערופן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אין לאַנד, אויך נישט צווישן די אַרבעטער. און די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד איז נאָך געווען ווייט פון יעטוועדן געדאַנק וועגן אַן עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכער זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פונם אַרבעטער-קלאַס. די צענטראַלע פראַגע, וואָס איז דאַן געווען אין דער לופט פון דער אַרבעטער-וועלט, איז געווען די פראַגע פון פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אַלס לוין-אַרבעטער אין די קאָלאָניעס.

דער ציל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פאַרן קפא״י ביי זיין גרינדונג, איז געווען צוצוהעלפן דער עליה פון אַרבעטער און זייער פאַרפעסטיקונג אין לאַנד. די ארץ-ישראלדיקע פּועלי-ציון האָבן פעסטגעשטעלט נאָך אַ כלל, אַז די אויפגאַבע פונם קפא״י איז אויסשליסלעך צו העלפן און אונטערשטיצן די זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט פון די יידישע אַרבעטער אין

לאַנד, און אז ער דאַרף נישט טאָן פאַר די אַרבעטער אין לאַנד נאָר דורך די אַרבעטער אין לאַנד (פון די רעזאָלוציעס פון דער פועלי-ציון-באַראַטונג אין א״י, סוכות תרע״א).

די גרינדער פון קפּא״י האָבן נישט געהאַט קיין פון פאָרויס פעסטגע-שטעלטן אַרבעטס-פּלאַן לויט אַ באַשטימטער שיטה און טעאָריע. די לעבנס-באַדערפעניש און די אַרבעטס-פאָדערונגען — זיי האָבן עס פאַמעלעך און שטופנווייז באַשטימט דעם אינהאַלט פון דער קפּא״י-טעטיקייט. מיר זעען — אויב מיר וועלן נישט רעכענען די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע — אַז דער קפּא״י איז געווען דער אָנהויבער כמעט אין אַלע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטס-צווייגן פונם יידישן אַרבעטער אין לאַנד און אַז ער האָט געדינט אַלס יסוד פאַר די אַלע אויפטוען, אויף וועלכע עס באַזירט איצט די הסתדרות אין איר עקאָנאָמישער טעטיקייט.

דער קפּא״י האָט דער ערשטער אָרגאַניזירט די סיסטעמאַטישע אַרבעטס-אינפאָרמאַציע און האָט געגרינדעט אַרבעטער-אינפאָרמאַציע-ביוראָען אין אַלע צענטרען פונם יידישן ישוב, אין די שטעט און אין די קאָלאָניעס; דער קפּא״י האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ געוויסע ענדערונג אינם אויסגעפונען אַרבעט פאַר די אַרבעט-זוכנדיקע און אין דער פאַרמיטלונג צווישן די אַרבעטער און אַרבעטס-געבער.

דער קפּא״י האָט מיט זיינע מיטלען פאַרפעסטיקט די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די אַרבעטער (קיכן, ליי-קאַסעס) און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע זענען דעמאָלט נאָך געווען אין די וויקעלעך.

דער קפּא״י האָט אָרגאַניזירט די ערשטע אונטערנעמערישע קבוצות פאַר בוי און עפנטלעכע אַרבעטן (אין תל-אביב, ירושלים, חיפה א. נ.), ער האָט געדינט אַלס ביוראָ פאַר עפנטלעכע אַרבעטן אַ יאָר צען איידער עס איז געשאַפן געוואָרן דער משרד ביי דער הסתדרות. דער קפּא״י האָט אויך פאַרשאַפט דעם ערשטן קרעדיט פאַר די קבוצות אין מזומן און אין דער פאָרם פון גאַראַנטיעס, און ער האָט אויך, אין אַ געוויסן זין, דער-פילט די פונקציעס פון בנק-הפועלים.

כאָטש דער מאַנגל אין מיטלען האָט אים אָפּגעהאַלטן פון באַטייליקן זיך אין אַ ברייטערער מאָס אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער עס פונדעסטוועגן געטאָן דורך געבן הילף די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות אויף פאַרשידענע וועגן. דער קפּא״י האָט דורך זיין איניציאַטיוו און מיט זיין פינאַנציעלער הילף געלייגט דעם יסוד פאַר דער שאַפונג פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער-ישוב אין גליל-העליון (מחניים, אילת-השחר און כפר-גלעדי), דאָרט וואו עס האָט זיך פריער נישט געהאַט באַ-וויזן קיין פוס פון אַ יידישן אַרבעטער. ער האָט זיך באַטייליקט אינם שאַפן די שכונת-באָראָכאָוו.

די קרוין-שאַפונג פון דער קפּא״י-טעטיקייט איז געווען דאָס גרינדן די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען עד היום די וויכטיקסטע אין לאַנד („כּרמל״, „עמל״, „תועלת״ א. אַ.), און דער לעצטער, לויט דער צ״ס,

און ערשטער, לויטן ווערט, אויפטו איז געווען — די געציַיג־קאָמפּאַניע, וואָס די פּועלי־ציון האָבן אין נאָמען פון קפּא״י אָרגאַניזירט אין אַמעריקע.

די אָפּשוואַכונג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין די לעצטע יאָרן (די שפּאַלטונג אויף דער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ, דאָס דעגענערירן פון דער באַוועגונג אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער און דער דורכפאַל פון דער פּאַרטיי אין אַמעריקע, אין צוזאַמענהאַנג מיטן נישט געלונגענעם פּרוּוו אַרויסצוגעבן „די צייט״) האָט חרוב געמאַכט די קוואַלן פונם קפּא״י און האָט געשטעלט אין אַ געפאַר איר גאַנצע טעטיקייט אין משך פון דעם יאָר. ס׳איז שוין אַ יאָר צוויי, אַז דער קפּא״י ווייזט נישט אַרויס קיין שום סימנים פון נייער טעטיקייט און איניציאַטיוו, און ער איז אַפילו נישט בכוח אָפּצוהיטן דאָס ביז איצט געשאַפענע.

דערווייל האָט זיך די לאַגע ביי דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל ראַדיקאַל געענדערט. עס איז געשאַפן געוואָרן „אחדות העבודה״ און דער־נאָך די הסתדרות הכללית און די זעלבסטשטענדיקע עקאָנאָמישע טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד האָט זיך פאַרברייטערט און פאַרצווייגט אין אַזאַ מאָס, וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק וואָלט נאָך קיינער נישט געחלומט דערפון. עס איז געשאַפן געוואָרן די בנק הפועלים. עס האָט זיך געגרינדעט דער משרד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן. עס האָט זיך אָרגאַניזירט די קופּת־חולים מיט טויזנטער מיטגלידער, עס איז געוואַקסן און פאַרפעס־טיקט געוואָרן דער „המשביר״. די צאָל אַרבעטער האָט דערגרייכט ביז 15 טויזנט מאַן. די הסתדרות איז געוואָרן דער הויפּט־כוח אין יידישן ישוב אין לאַנד און דער דעצידירנדיקער כוח, וואָס האָט די העגעמאָניע אין דער אַרבעטערשאַפט. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די פּאַן־אָרגאַניזאַציעס, די קאָאָפּעראַטיוון אין שטאָט און די קבוצות אין דאָרף, די אַרבעטער־אינ־סטיטוציעס און זייערע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע שאַפונגען, — אָט דאָס אַלץ איז אַריין אין רשות פון דער הסתדרות, זיי זענען איצט אַן אָרגאַנישער טייל אירער. דער אַרבעט־פּאַרנעם פון דער הסתדרית שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון אַלע איבעריקע אינסטיטוציעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער זעלבער אַרבעט, ווערלכע ווערט געמאַכט דורך דער הסתדרות.

עס דערוועקט זיך די פראַגע: צי איז פאַראַן אַן אמתע און פּראָדוק־טיווע באַדערפעניש פאַר דער עקזיסטענץ פון די קאָלאָניזאַציע־און אַרבעט־אָפּטיילונגען ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאַנד? נאָר אויב זיי עקזיסטירן נאָך און וועלן נאָך אַ געוויסע צייט עקזיסטירן אָן אַן אמת־דיקער ציוניסטישער באַדערפעניש, בלויז כדי צו באַפרידיקן די אַמביציע פונם בורזשואַזן ציוניזם, קען מען אָבער זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אויך אַ אינסטיטוציע, וואָס עקזיסטירט אין נאָמען פון אַרבעטער־קלאַס און איז באַשטימט אויסשליסלעך אויף צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פונם אַרבע־

טער-קלאַס, צו פאַרפעסטיקן זיין שאַפונגס-קראַפט און צו פאַרברייטערן די מעגלעכקייטן פון זיין זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט, — אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער קפא״י, זאָל אויך אויף ווייטער זיך געפונען מחוץ דעם רשות פונם אַרבעטער-קלאַס, וועלכער איז אָרגאַניזירט און פאַרייניקט אין דער הסתדרות.

נאָך פאַר דער גרינדונג פון אחדות העבודה און פון דער הסתדרות האָבן די פועלי-ציון אין לאַנד אָנערקענט, אַז דער קפא״י, וואָס איז באַשטימט פאַר די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער, דאַרף אָנגעפירט ווערן דורך די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער, און די פּאַרטיי-קאָנפערענצן אין לאַנד האָבן באַשלאָסן, אַז פאַרן אָנהויבן די טעטיקייט פון קפא״י דאַרף צונויפגערופן ווערן אַן אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער. אויף פעסטצושטעלן דעם אַרבעטס-וועג און די אָנפירונג פונם קפא״י. נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות איז פון זיך זעלבסט צוגענומען געוואָרן ביי דעם קפא״י די מעגלעכקייט צו ווירקן מחוץ דער הסתדרות און עס איז אויך צוגענומען געוואָרן ביים קפא״י זיין עקזיסטענץ-מעגלעכקייט בכלל, סיידן ער זאָל ווערן אַן אַנשטאַלט פון דער הסתדרות.

* * *

די עקזיסטענץ פון דער הסתדרות און אירע פאַרשידענע אַנשטאַלטן— די באַנק, דער המשביר, דער געצייג-פאָנד א. נ. — האָט נישט געמאַכט אומנויטיק די עקזיסטענץ פון קפא״י אַלס אינסטיטוציע. פאַרקערט, דווקא איצט האָבן זיך געעפנט ברייטע האָריזאָנטן פאַרן וואוקס פונם קפא״י, און זיין ראָל אין אונזער קלאַסן-טעטיקייט איז נישט אָן ערך געוואַקסן.

די הסתדרות קען נישט און טאָר נישט זיך באַגנוגענען מיטן אָרגאַניזירן די טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. די פּאָזיציע, וואָס זי האָט זיך דעראָבערט אויפן טעטיקייטס-געביט אין לאַנד, האָט נישט פאַר זיך קיין צוקונפט אויב זי וועט זיך נישט אויך דעראָבערן קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע אויפן טעטיקייטס-געביט, וואָס די אַרבעט אין לאַנד ווערט געשפייזט און גענערט פון אים: אין חוץ-לארץ. כל זמן די מענטשן און די מיטלען פאַר דער אַרבעט אין לאַנד וועלן נישט זיין אין אונזער רשות וועט אויך די אַרבעט אין לאַנד נישט בלייבן אין אונזער רשות.

צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? אונזער כוח איצט איז נאָר אַ רעזול-

טאַט פון דער שוואַכקייט פון אַנדערע. און מיר טאָרן נישט בויען אויף דעם דאָזיקן שוואַכן פונדאַמענט.

מיר ווילן נישט בויען זעלבסטשטענדיק ווי מיר ווילן, אויב די ציגל זענען נישט אונזערע; אַ ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק ע ט ע ט י ק י י ט ק ע ן נ י ש ט ז י י ן ק י י ן ה א ל ב י ר ט ע: אָ ד ע ר א י נ ג אַ נ צ ן אָ ד ע ר ג אָ ר נ י ש ט.

די הסתדרות מוז — אַזוי באַפעלט איר איר עקזיסטענץ-געזעץ — צוטרעטן צו אַ גרויסער און ענערגישער זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט אין אַלע לענדער, כדי צו קריגן די מיטלען און מאַטעריאַל, וואָס זענען איר נויטיק צו דער אַרבעט. די אַנשטאַלטן, וועלכע זי פאַרמאָגט איצטער — די באַנק און דער המשביר—האָבן נאָך נישט דערגרייכט זייער פולע אַנטוויקלונג און ס'איז נאָך נויטיק אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט, כדי זיי אַוועקצושטעלן אויף דער געהעריקער הויך. אָבער זיי אַליין זענען נישט בכוח צו באַפרידיקן אַלע אַרבעטס-באַדערפעענישן פון דער הסתדרות, ווייל זייער אויפגאַבע איז באַגרענעצט אין פעסטגעשטעלטע ראַמען פון באַנק-קרעדיט און ריינע האַנדלס-באַציונגען. פאַר דער אַרבעט פון דער הסתדרות איז נויטיק אַ מער ברייטערער און מער עלאַסטישער אינסטרומענט, וואָס זאָל זיך קענען באַשעפטיקן אויך מיט אַזעלכע טעטיקייטן, וועלכע ברענגען נישט אַריין פּראָפיטן — טעטיקייטן, וואָס זייער פּראָדוקטיוויקייט און פרוכטבאַרקייט קומט נישט תמיד צום אייסדרוק אין דער פאָרם פון פינאַנציעלע פאַרדינסטן. אַזאַ אינסטרומענט קען זיין נאָר אַ אינסטיטוציע ווי דער קפא״י, אַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל צונויפנעמען סיי פאָנדן און סיי בוי-מאַטעריאַלן און סיי אויך כלערליי אַרבעטס-מכשירים. עס דאַרף זיין אַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל קענען צוציען יעדערן, וועמען ס'איז טייער די אַרבעט פונם יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

די נאָענטסטע קאָנפערענץ פון אחדות העבודה, די ערשטע זייט דער גרינדונג פון דער הסתדרות, דאַרף אַרויסשטעלן צום אַלגעמיינעם צוזאַמענפּאַר פון דער הסתדרות און צו דער וועלט-קאָנפערענץ פון פועלי-ציון-פאַרבאַנד די פאָדערונג אַרויסצונעמען דעם קפא״י פונם ענגען און באַשרענקטן רשות פון פועלי-ציון-פאַרבאַנד און אים איבערגעבן אין ברייטמאַסשטאַביקן און ברייט-פאַרנעמיקן רשות פון דער הסתדרות אין ארץ-ישראל און פון יענע אַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין חוץ-לארץ, וועלכע ווילן אַרבעטן צוזאַמען מיט די יידישע אַרבעטער אין זייער לאַנד.

און דער שכר פון די ביז איצטיקע שעפער און טוער פון קפא״י וועט זיין דאָס, — און קיין גרעסערער שכר קען גאָרנישט זיין, — וואָס זייער שאַפונג וועט ווערן באַרופן צו זיין דער שליח פון דער הסתדרות העובדים אין ארץ-ישראל צו די ברידער און חברים אין די גלות-לענדער, זיי אַריינצוציען אינם אויפבוי פון דעם אַרבעט-געזעלשאַפט פונם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

תל-אביב, י״ז כסלו תרפ״ג (קונטרס קי״ח).

ד. אין אונזער אייגענעם רשות

(פונם וויכוח אויף דער קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה").

אונזער צענטראַלער פּראָבלעם איז איינוואַנדערונג, די ברייטע איינוואַנדערונג פון אַרבעטנדיקע מאַסן און זייער איינוואָרצלונג אין אַרבעט און קאָלאָניזאַציע. דאָס איז די פראַגע פון אַלע פראַגן, דאָס — און נישט די צופּאַסונג פון אונזער לעבן צו דער אָדער יענער דאָקטרין. מיר זענען נישט קיין ישיבה־בחורים, וואָס פּלפּלען זיך און חקרהנען וועגן זעלבסט־שאַפונג. מיר זענען לאַנד־דעראָבערער, און מיר האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אַ וואַנט — און מיר מוזן די וואַנט דורכברעכן. פון וואַנען זאָלען מיר נעמען די קראַפט און די מיטלען צו דעראָבערן דאָס לאַנד אין דער קורצער צייט וואָס די געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזן?

ס'איז אַ יאָר פּופצן, זייט מיר האָבן אָנערקענט, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פריער פאַר אונז, איז געבויט אויף אַן אומזיכערן פונדאַמענט, און מיר האָבן געפּרוווט אַ נייעם וועג. נישט צוליבן שטרעבן צו אָרגינאַליטעט און חידושים, נאָר צוליב דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז נישט קיין ציוניסטישע אַרבעט, אַז זי איז סותר דעם עצם מהות פונם ציוניזם — האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער אייגענע טעטיקייט. פון קריטיק זענען מיר אַריבער צו מעשים און צו אייגענער שאפונג. אָבער מיר זענען געבליבן שטיין אינמיטן וועג. אונזער געדאַנק איז נישט דערגאַנגען ביזן סוף. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן די דאָזיקע אַרבעט אין לאַנד מאַכן זעלבסטשטענדיק, און די אַרבעט אין חוץ־לארץ, פונוואַנען אונזער אַרבעט דאָ צִיט איר יניקה, זאָל געמאַכט ווערן דורך אַנדערע. און מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער אינערלעכער סתירה: אַז אַ באַוועגונג, וואָס איז נישט אונזער באַוועגונג, וואָס איז נישט פולשטענדיק דורכגעדרונגען מיט אונזערע צילן, קען נישט זיין דער מקור און דער יסוד פון אונזער אַרבעט.

איצט אין דער דאָזיקער קריזיס־צייט — שטייט פאַר אונז אין דער גאַנצער ברייט און טיף די פראַגע: ווי אַזוי וועלן מיר אויפבויען אונזער ציוניסטישע באַוועגונג — אַ באַוועגונג מיט אַ מעכטיקן ווילן און מיט גרויסע מעגלעכקייטן, אַ באַוועגונג, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט היסטאָרישער אחריות, וואָס זאָל דינען דער דעראָבערונג און דעם אויפבוי פון לאַנד דורכן יידישן אַרבעטער — אַ באַוועגונג, וועלכע זאָל צושטעלן די נויטיקע מיטלען פאַר אַ גרויסער זעלבסשטענדיקער קאָלאָניזירונג פון אַרבעטער.

דאָס שאַפן אַ ציוניסטישע אינסטאַנץ, אַ ציוניסטישע אַרבעטער־אינסטאַנץ איז דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם. אָן אַזאַ אינסטאַנץ איז אוממעגלעך אונזער אַרבעט אין לאַנד. אָן אַ נייער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס געפינט זיך אין אונזער רשות, איז נישטאָ קיין צוקונפט און קיין האָפענונג פאַר אונזער אַרבעט. דער צווייטער פאָרבאַדינג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם איז דאָס שאַפן אַ איינ־

הייטלעכע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ פונם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע זאָל האָבן אַ דעה איבער אַלע אונזערע ווירטשאַפטן, אינסטיטוציעס, איבער אונזער עקאָנאָמיש לעבן אין לאַנד,—איך מיין דאָס שאַפן די „חברת־העובדים".

מיר האָבן געשאַפן אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אונזער באַוועגונג אין לאַנד האָט די אַלע באַדערפעניש, און פאַר איר שטייען די זעלבע טעטיקייט־און קאַמף־וועגן, וואָס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער. די הסתדרות אין איר איצטיקער פאָרם איז מסוגל צו באַפרידיקן די געוויינלעכע פאַדערונגען פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אָבער מיר זענען נישט קיין סתם אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אַחוץ די געוויינלעכע, אַלגעמיינע פונקציעס פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָבן מיר אויסצופילן נאָך אַ ספּעציעלע, אייגנאַרטיקע פונקציע — ווייל מיר זענען אַן אָרגאַניזאַציע פון דעראָבערער, דעראָבערער און בויער פון אַ לאַנד. מיר פירן אַן עליה און אַ ווירטשאַפטלעכע און קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט, און מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון לאַנד און פאַר זיין צוקונפט.

צו דער דאָזיקער ראָל, צו דער ראָל פון דעראָבערער און בויער, איז די הסתדרות נאָך נישט צוגעפאַסט אין איר איצטיקער פאָרם. די הסתדרות פירט נאָך נישט די דאָזיקע אַרבעט זעלבסטשטענדיק. זי איז נישט מער ווי אַ פאַרמיטלער צווישן די אַרבעטער פון די ווירטשאַפטן און צווישן די צושטעלער פון די מיטלען אין די אַרבעטגעבער. זי איז נישט קיין בעלי־בית איבער די ווירטשאַפטן און זי האָט נישט קיין גאַראַנטיע, אַז די ווירטשאַפטן וועלן שטיין צו דער דיספּאָזיציע פון אונזער היסטאָרישער אַרבעט, אַז זיי וועלן בלייבן אין רשות פון אַרבעטער־קלאַס אויך נאָכדעם, ווי זיי וועלן נישט דאַרפן אָנקומען צו תקציבים (ציוניסטישע בודזשעטן) און צו דער פאַרמיטלונג פון די הסתדרות־אַנשטאַלטן. אונזערע עקאָנאָמישע שאַפונגען זענען צעבראָקלט, און דעריבער זענען זיי קראַפטלאָז און מינדערווערטיק. נישטאָ קיין איינהייטלעכקייט און קיין ריכטונג אין זייער טעטיקייט און דעריבער קענען מיר נישט אַרויסקריגן פון זיי דעם מאַקסימאַלן נוצן. און וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער — מיר פאַרמאָגן נישט די געהעריקע מיטלען אויף אויסצובוייטערן אונזער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און זי צו פאַרפעסטיקן. מיר מוזן דעריבער אויפבויען די חברת־העובדים, וועלכע זאָל זיין דער בעלי־בית איבער אַלע ווירטשאַפטן און וועלכע זאָל געבן די ריכטליניען פאַר זייער טעטיקייט און אָרגאַניזירן אונזער גאַנץ לעבן און אונזערע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן כלפּי־פנים און כלפּי חוץ און זי זאָל אויך איינשאַפן די געהעריקע מיטלען אויפצובויען די אַרבעטער־ווירטשאַפט אין לאַנד.

די גרויסע פראַגע איז קודם־כל די פראַגע פון מיטלען. און די לעזונג פאַר דער דאָזיקער פראַגע דאַרפן מיר זוכן אין צוויי ערטער: אינעווייניק, צווישן אונז, און אינדרויסן — אין אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אונזער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ אין לאַנד איז דער יסוד און די ערשטע באַזע פאַרן פאַרגרעסערן די מיטלען, זי איז אויך דער שליסל

פאַר די מיטלען פון דרויסן. מיר זענען נישט קיין קאַפּיטאַליסטן און מיר פאַרמאָגן נישט קיין אַקומולירטע קאַפּיטאַלן. אָבער מיר לעבן פון אונזער אַרבעט, וועלכע באַפרידיקט, אויב אַפילו בצמצום און בדוחק, אונזערע באַדערפעניש. אונזער צאָל וואַקסט, מיר ציילן איצט ביי צוואַנציק טויזנט נפשות, בערך אַ פערטל פונם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. מיר גיבן אויס אויף אויסהאַלטונג ריזיקע סומען. ווען מיר וואָלטן געמאַכט אַ חשבון וואָלטן מיר דערזען, אַז מיר גיבן אויס אויף אונזער אויסהאַלטונג ביי אַ מיליאָן פונט אַ יאָר, אויב נישט מער.

דורכן קאָנצענטרירן די פאַרזאָרגונג אין אונזערע הענט, דורך דער פאַרזאָרגונג פון אַלע אַרבעטער דורך די אַרבעטער אין איין אַלגעמיינער אינסטיטוציע, קאָנצענטרירן מיר אין אונזערע הענט ריזיקע סומען, וועלכע שטייגן איבער די כלערליי פאַרשידענע תקציבים; סומען, וואָס אַ גרויסער טייל זייערער קען דינען פאַר פאַרפעסטיקונג און פאַרברייטערונג פון אונזערע ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט. מיר קענען נישט פּראָדוצירן דאָ אין לאַנד, מיט אונזער אַרבעט, דאָס אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק פאַר אונזער עקזיסטענץ און פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזערע ווירטשאַפטן. נישט בלויז איצט נאָר אויך אין דער צוקונפט וועלן מיר מוזן אָנקומען צו אויסלענדישער פּראָדוקציע. אַפילו די רייכסטע לענדער זענען נישט בכוח צו באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן בלויז מיט אייגענער פּראָדוקציע. באַזונדערס נאָך אַזאַ קליין און אָרעם לאַנד ווי אונזערס. אָבער מיר קענען יאָ אויסאַרבעטן דעם גרעסטן טייל שפּייז-אַרטיקלען, קליידונג און באַשיכונג, ווי אויך אַ גרויסן טייל פון אַנדערע באַדערפענישן, — דאָס אַלץ קענען מיר אויסאַרבעטן דאָ, מיט אונזער קיבוצישער אַרבעט, מיט דער פּראָדוקציע פון אונזערע ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט.

מיט די מיטלען פון דער פאַרזאָרגונג, וואָס זאָל זיין קאָנצענטרירט אין אונזערע הענט, קענען מיר זיך פאַרזיכערן אַן אייגענעם גרונט-קאַפּיטאַל, אַ קאַפּיטאַל, וואָס וועט וואַקסן פון יאָר צו יאָר מיטן וואוקס פון אונזער צאָל אין לאַנד, מיט וועלכן מיר וועלן קענען פאַרפעסטיקן אונזערע ווירטשאַפטן און זיי פאַרברייטערן. דאָס איז דער ערשטער יסוד פאַר אונזער זעלבסטשטענדיקער עקאָנאָמישער שאַפונג — פאַר דער שאַפונג פון אַן אייגענער, אומאָפּהענגיקער עקאָנאָמיק.

דער „המשביר" האָט געזאָלט דערפילן די דאָזיקע פונקציע, אָבער אין זיין איצטיקער פאָרם איז ער נישט מסוגל דערצו. דער „המשביר" איצט איז נישט קיין אַלגעמיינער פאַרזאָרגונגס-אַנשטאַלט פון דער אַרבעטערשאַפט. ער איז נישט פאַרבונדן אויף אַ דירעקטן אופן מיט די אַרבעטער, און די מערסטע אַרבעטער באַטייליקן זיך נישט אין אים און האָבן פון אים קיין נוצן נישט. דער „המשביר" איצטער איז אַ געשעפט פון אַקציאָנערן, וואָס שטייט אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די מערסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן און מיטן משרד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, און נאָר טיילווייז אומדירעקט געפינט זיך זיין לייטונג אונטער דער אויפזיכט

פון דער הסתדרות. כדי דער „המשביר" זאָל ווערן דער אַלגעמיינער פאַר־זאָרגונגס־אינסטרומענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, דאַרף ער פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַן אינסטיטוציע פון אַרבעטער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אַלס קאָנסומענטן. יעדער חבר פון דער הסתדרות דאַרף זיין אַ מיטגליד אין דער דאָזיקער פאַרזאָרגונגס־געזעלשאַפט. דאָס אָרגאַניזירן די פאַרזאָר־גונג דורך אונז אַליין, דאָס איז די ווירטשאַפטלעכע אַקציע, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע אַרבעטער, סיי פאַר די, וואָס אַרבעטן אין הסתדרות־ווירטשאַפטן, און סיי פאַר די וואָס אַרבעטן אין פּריוואַטע ערטער; זי איז אויך דער יסוד און דער אָנשפּאַר פאַר די איבעריקע צווייגן פון אונזער עקאָנאָמישער שאַפונג.

ס'איז קלאָר, אַז בלויז די פאַרזאָרגונגס־אַרטיקלען זענען נישט גע־נוג פאַרן אויפבוי פון אונזער ווירטשאַפט. מיר מוזן געפינען מיטלען פון דרויסן. קודם־כל און דער עיקר — קרעדיט. און מיר דאַרפן צוגרייטן און שאַפן די באַזע אויף צו באַקומען דעם קרעדיט. מיר דאַרפן שאַפן די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל דורך קרעדיט און דורך אַנדערע אופנים באַקומען די מיטלען פאַרן אויפבוי פון דער ווירטשאַפט.

דאָס פאַרמעגן פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן איז איצט אַן בעלי־בתים. אמת, פאָרמעל זענען פאַראַן בעלי־בתים, אָבער פון עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט איז עס אַזוי ווי הפקר. די פאָרמעלע בעלי־בתים, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, יק"א און אַנדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אין די ווירטשאַפטן אינוועסטירט זייערע קאַפּיטאַלן, פירן נישט די ווירט־שאַפטן און האָבן נישט קיין קאָנטראָל איבער זייער טעטיקייט. די אַרבע־טער אין די ווירטשאַפטן זענען נישט קיין סטאַבילע און זייער אחריות פאַר דער ווירטשאַפט און פאַרן פאַרמעגן איז נישט קיין שטענדיקע. און אין דעם מאָמענט ווען זיי וועלן זיך איינסטאַביליזירן אין דער ווירטשאַפט און די ווירטשאַפט וועט פאַקטיש ווערן זייערע — וועלן עס ווערן פּריוואַטע ווירטשאַפטן פון שותּפים־גרופּעס, און זיי וועלן דאַן ווערן אַ שטרויכלונג פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און זיי וועלן זיך גאָרנישט מאַכן פון די עליה־באַדערפענישן.

דער איינציקער וועג, דער עקאָנאָמישער און גלייכצייטיק געזעל־שאַפטלעכער וועג, וואָס אַנטשפּרעכט אונזערע באַדערפענישן און שטרעבונ־גען, איז דאָס אַריבערפירן די אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין רשות פונם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז אין זיין ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישער טעטי־קייט אָרגאַניזירט אין דער יורידיש־לעגאַליזירטער „חברת־העובדים".

די הסתדרות אַלס „חברת עובדים" דאַרף זיין דער בעלי־בית איבער אַלע אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט, אין דער לאַנדווירט־שאַפט און אין דער אינדוסטריע. די דאָזיקע „חברת־עובדים", די בעלי־ביתטע איבער די ווירטשאַפטן, וואָס קאָנצענטרירט אין אירע הענט די גאַנצע עקאָנאָמישע טעטיקייט אין לאַנד, די קאָלאָניזאַציע, די פאַרזאָרגונג, די אונטערנעמערישע אַרבעטן און די קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע, זי וועט

עס זיין אונזער אינסטרומענט ביים באַקומען קרעדיטן און מיטלען. די דאָזיקע געזעלשאַפט וועט גרינדן דעם אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע-פאָנד, און אַלע נאַציאָנאַלע מיטלען, וועלכע זענען באַשטימט אויף צו פאַרגרעסערן די עליה פון אַרבעטער און זייער קאָלאָניזירונג אין לאַנד, וועלן אריינקומען אין אָט דעם פאָנד. די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן וועלן דינען אַלס באַזע פאַר קרעדיט און יעדע נייע ווירטשאַפט, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן מיט אונזערע מיטלען — וועט פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן אונזער קרעדיט-באַזע.

די „חברת העובדים" וועט נישט זיין קיין קאַפּיטאַל-געזעלשאַפט, נייערט ווי דער נאָמען אירער זאָגט: אַ געזעלשאַפט פון אַרבעטער. די חברים-אַקציע וועט פעסטגעשטעלט ווערן אין אַזאַ קליינער הויך, אַז יעדער אַרבעטער, וואָס איז אַ מיטגליד אין דער הסתדרות, וועט זיך קענען באַטייליקן אין דער געזעלשאַפט. אָבער די גאַנצע געזעלשאַפט וועט קענען אויפן יסוד פון איר אַלגעמיינעם קאַפּיטאַל, פון איר ווירטשאַפט און אירע הכנסות, אָרגאַניזירן אינערלעכע הלוואות אין לאַנד צווישן אירע מיטגלידער, ווי אויך הלוואות אין דרויסן, אין דער פאָרם פון דיווידענד-אַקציעס אָן שטים-רעכט אָדער אין דער פאָרם פון לאַנגטערמיניקע אָבליגאַציעס. די הייזער, וואָס די געזעלשאַפט וועט בויען פאַר אירע מיטגלידער, וועלן דינען אַלס גאַראַנטיע פאַר היפּאָטעק-הלוואות און אַלע אַנדערע קרעדיט-אופנים.

און דער קאָלאָניזאַציע-פאָנד, וואָס וועט אַרום זיך קאָנצענטרירן די גאַנצע ענערגיע פון אונזער וועלט-באַוועגונג, וועט ווערן דער הויפּט-פינאַנץ-אינסטיטוט פון דער חברת העובדים און איר קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין דאָרף און אין שטאָט.

די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג, די ענגלישע און איראָפּעישע קאָאָפּעראַציע וועט זיין אונזער עקאָנאָמישער פאַרבינדעטער אין אונזער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט אין לאַנד. מיר וועלן צושטעלן די ענגלישע אַרבעטער אונזערע פּראָדוקטן, אונזערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען, און מיר וועלן אָנשטאָט דעם באַקומען פון זיי מאַשינען און מאַטעריאַלן. ווען אונזער אַרבעט וועט זיך איינפונדעווען און פאָפּולער ווערן אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג וועלן מיר במשך פון דער צייט אויך פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיוון באַקומען קרעדיט אויף צו פאַרברייטערן אונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט. אויך די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז עד-היום געבליבן פרעמד און ווייט פון אונזערע אויפטוען — וועט דעראָבערט ווערן דורך דער דאָזיקער אַרבעט אונזערער. אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער אויפטו, דער אויפטו פון דער „חברת העובדים", ער וועט עס זיין דער שליסל צום הארצן פון יידישן אַרבעטער, ער וועט עס אונז פאַרזיכערן זיין הילף, זיין מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף.

חיפה, כ"ט כס"יו תרפ"ג (קונטרס קי"ט).

ה. די חברת העובדים

(פאָרט־אַג אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות)

די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל האָט זיך אָנגעהויבן נישט אַלס רעזולטאַט פון אַ ווירטשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, נישט צוליב אַ פונפאָרויס באַשטימטער טעאָריע, אויך נישט לויט אַ פעסטגעשטעלטן און סיסטעמאַטישן פּלאַן — זי איז געווען אַ פּראָדוקט פון לעבנס-פאַקטאָרן, פון טאָג-טעגלעכע אַרבעט-באַדערפענישן, פון אַ שווערן עקזיסטענץ-קאַמף, פונם ווילן גרינגער צו מאַכן און צו דערמעגלעכן דאָס לעבן פונם אַרבעטער און זיין אַריינגעדרינגען אין דער אַרבעט, פון כיבוש-העבודה (אַרבעט-דעראָבערונג)-שטרעבונגען. און ערשט מיט דער צייט האָט דידאָזיקע טעטיקייט, דורך אַ אינערלעכער אַנטוויקלונג, דורך נסיונות, זוכענישן און דעראָבערונגען, דערגרייכט אַברייטן פאַרנעם, אַ פּלאַן און אַ סיסטעם — אַ קאָלאָניזאַטאָרישע אידעאָלאָגיע.

דער ערשטער ווירטשאַפטלעכער אויפטו איז געווען דאָס אָרגאַניזירן קיכן און וועשערייען דורך די דאָרפישע אַרבעטער מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק, ביים אָנהויב פון דער צווייטער עליה. דערנאָך זענען געקומען די אונטערנעמערישע קבוצות — ריכטיקער: די אונטערנעמונגס-אַרבעט אין די פּרדסים, וואָרום דידאָזיקע אונטערנעמונגס-אַרבעט איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן דורך אַן אָרגאַניזירטער און שטענדיקער קבוצה. אַ גרופּע אַרבעטער האָט זיך אויסגענומען פאַר אַ געוויסן פּרייז צו מאַכן „בחר" — כדי דורכצופירן דידאָזיקע אַרבעט פלעגט זיך אָרגאַניזירן אַ קבוצה, וועלכע איז ביים ענדיקן די אַרבעט ווידער אויפגעלעזט געוואָרן. דאָס וואָרט קבוצה האָט נאָך דאַן נישט פאַרמאָגט קיין שום געזעלשאַפטלעכן זין, ווי די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג האָט צוגעגעבן דעמדאָזיקן טערמין. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אַרבעט אין „אחוזת בית" — וועלכע האָט דערנאָך באַקומען דעם נאָמען תּל־אביב — האָבן זיך אויך דאָרטן אָרגאַניזירט אונטערנעמערישע קבוצות אויף דורכצופירן די צוגרייטס-אַרבעט, אויסגלייכן די זאַמדן און אַנדערע שוואַרצע אַרבעטן. ביי דער בוי-אַרבעט גופא פלעגט נאָך דאַן נישט זיין באַשעפטיקט קיין יידישער אַרבעטער. אַ קבוצה שאָסיי-אַרבעטער האָט געאַרבעט אויך אין גליל, ביים פּרימיטיוון שאָסיי, וואָס די יק״א-אַדמיניסטראַציע האָט דורכגעפירט אויפן וועג קיין שרונה פון יבנאל. קיינער פון די אַרבעטער אין יענע צייטן האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, צו וואָס פאַר אַ מאָסשטאַב עס וועט דערגיין די אונטערנעמערישע אַרבעט און וואָס פאַר אַ צוקונפט עס דערוואַרט דער „קבוצה". אין יאָר תרס״ח איז געשאַפן געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה — עס האָט זיך געבילדעט דער „קאָלעקטיוו" אין סעדזשערא (ס׳גרה), וואָס דער לייטער פון דער פערמע האָט אים איבערגעגעבן צו באַאַרבעטן אַ טייל פון דער ווירטשאַפט אויף זיין אַחריות.

דערדאָזיקער פּרואוו האָט געדויערט צוויי יאָר — און איז אין אַ גרויסער מאָס געלונגען. דער פּרואוו האָט דערוויזן, אַז אַן אַרבעט, וואָס ווערט געמאַכט אויף דער אחריות פון די אַרבעטער, אָן באַאַמטע און אויפזעער פון דרויסן, שטייגט איבער מיט איר פּראָדוקטיוויקייט און קוואַליטעט אַ לוין-אַרבעט, וואָס ווערט געפירט דורך פרעמדער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז אויך געווען דער ערשטער קבוצהשער פּרואוו, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן האָבנדיק אין זינען און צוליב אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער אָנשויאונג.

דער קאָלעקטיוו האָט נישט געהאַט קיין אריכת-ימים, נישט געקוקט אויף זיין ווירטשאַפטלעכן דערפאָלג, ווייל דער באָדן, וואָס ער האָט באַאַרבעט האָט נישט געהערט נישט צו אים און נישט צום פאָלק, און די גאַנצע זאַך איז געווען אָפּהענגיק פון אַ קאַפּריז פון דער יק"א-אַדמיניס-טראַציע. די סטאַבילע לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצה, די ערשטע קאָלאָניזא-טאָרישע קבוצה, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן קרן-קימת-באָדן, און אום דזשוני (דגניה) און אויך זי האָט צום אָנהייב נישט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט איר. לכתחילה איז עס געווען אַ גרופּע לוין-אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויף אונטערנעמונגס-יסודות, באַקומען דערפאַר אַ שטענדיקן חודש-געהאַלט און באַטייליקן זיך אינם פאַרדינסט פון דער ווירטשאַפט. תחילת האָט די קבוצה נישט געטראַכט, אַז זי קאָלאָניזירט זיך אויפן אָרט. די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט האָט אויך געזען אין דעמדאָזיקן אָנהויב — אַ צופעליקע און פאַרשווינדנדיקע דערשיינונג, און האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט אָפּגעשאַצט די נייע געזעלשאַפטלעכע און ווירט-שאַפטלעכע קאַנווע, וואָס וועבט זיך ביים ברעג ירדן און דער אַרבעטס-געשיכטע אין לאַנד. דער אומגעדולדיקער שטויס צו שאַפן די קבוצה זענען געווען די סכסוכים מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער קרן-קימת-פערמע אין כנרת, וועלכע זענען דערגאַנגען ביז אַ דעצידירנדיקן שטרייק, ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט, מ'זאָל דערוויטערן דעם באַאַמטן.

אויך די שוועריקייטן ביים דערוועדבן ערד זענען געווען אַ סיבה פאַר דער באַדערפעניש צו אָרגאַניזירן דעראָרבערונגס-קבוצות, אָפּצוהיטן דעם אויסגעלייזטן באָדן און אָנצוהויבן זיין באַאַרבעטונג. אַלע ערשטע קבוצות פלעגן באַקומען חודש-געהאַלט, ווי לוין-אַרבעטער. די קבוצות פלעגן אויך באַשעפטיקן, ווען עס איז נויטיק געווען, לוין-אַרבעטער מחוץ דער קבוצה.

נאָך דגניה איז געקומען מרחביה, דערנאָך תל-עדש, און אין דער מלחמה-צייט — די קבוצות אין גליל-העליון.

די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט האָט זיך איבערגעטראָגן פון דער לאַנדווירטשאַפט אין דער אינדוסטריע. מיט דער הילף פון קפּא"י זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון — „עמל" (מעטאַל) און „כרמל" (האָלץ) —ביידע אין חיפה.

אין דער מלחמה-צייט, געטריבן פון דעם הונגער, איז געצייגט געע-

ווערן דער יסוד פאַר אַ צענטראַליזירטער קאָאָפּעראַטיווער אַפּראָוויזאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט און עס האָט זיך געשאַפן דער „המשביר" (תרע"ו). נאָך דער מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן דער „בנק הפועלים" און עס איז געבילדעט געוואָרן דער משרד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן. עס זענען פאָרגעקומען אינערלעכע ענדערונגען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה — אין אירע אַרבעטס-באַדינגונגען און אין איר געזעלשאַפטלעכער פאָרם: עס האָט אויפגעהערט דאָס חודש-געהאַלט, עס האָט זיך אייגעשטעלט די סטאַבילקייט, ס'האָט זיך פאַרפעסטיקט דאָס קאָמונאַלע לעבן — דאָס לעבן פון פולשטענדיקן קאָלעקטיוויזם. מיטן דערווערבן דעם עמק האָט זיך אויסגעברייטערט די אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע: עס האָט זיך אויפגעבויט דאָס גרויסע נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע-ווערק אויפן יסוד פון אַליינאַרבעט און נאַציאָנאַליזירונג פונם באָדן. עס האָט זיך אויך אויסגעברייטערט די שטאָטישע קאָאָפּעראַציע — די אונטערנעמערישע, פּראָדוצירערישע און קאָנסומענטישע. עס האָט זיך געשאַפן אַ פאַרצווייגטע נעץ פון אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן קרעדיט-אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס פאַר אַפּראָוויזאַציע, קולטור, פאַר מעדיצינישער הילף — און די איינצלנע און אָפּגעריסענע אָנהויבן באַהעפטן זיך ביסלעכווייז אין איין אומפאַסנדיקע און גאַנצע איינהייט, וואָס שליסט צונויף און פאַרבינדט די אַרבעטערשאַפט, און לעבט אויף די גאַנצע באַוועגונג. נישט צוליב אַ ווירטשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע איז דאָס אַלץ געשאַפן געוואָרן — נאָר פאַרקערט, די ווירטשאַפטלעכע שאַפונג האָט אַרויסגעבראַכט און פאָרמולירט די אידעאָלאָגיע. דער ווירטשאַפטלעכער געדאַנק פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער איז אין תוך געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער שאַפונג, וואָס האָט זיך געוועבט אָן אַ לכתחילהדיקער שיטה, נאָר אַלס רעזולטאַט פון לעבנס-באַדערפענישן. די טעאָריע האָט זיך געשפּייזט פון דער פּראַקטיק.

אויך די הסתדרות — דער גרויסער בוים אויף וועלכן עס צעצווייגט זיך אונזער גאַנצע באַוועגונג איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד אויסגעוואַקסן און פולקאָם. אונזער באַוועגונג שפּייזט זיך פון אַ סך, און דערצו פאַרשידנאַרטיקע, מקורים. אין דער געדיכטעניש פון דער ערד זענען באַהאַלטן די וואָרצלען און פעדים, וואָס נערן דעם שטאַם פון אונזער באַוועגונג, און ערשט ביסלעכווייז הויבט זיך און שפּראָצט אַרויס דער פאַרצווייגטער און צעבלעטערטער בוים — די אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער אין זיין לאַנד.

די פאַרצווייגונג פון אונזער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט שטעלט פאַר אונז אַוועק דריי פראַגעס:

א) ווי אַזוי זאָלן מיר קאָנסאָלידירן און צופּאַסן די אַלע אינסטיטוציעס און ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, דורך פאַרשידענע אינסטאַנצן און אַמאָל אויך צוליב פאַרשידענע צילן און כונות — צו דער אַלגעמיינער און צענטראַלער באַדערפעניש פון אונזער באַוועגונג?

ב) ווי אַזוי זאָלן מיר אָפּהיטן דעם געזעלשאַפטלעכן, ציוניסטישן און קלאַסן־כאַראַקטער פון אונזערע ווירטשאַפטלעכע שאַפונגען?

ג) פינאַנצן זאָלן מיר נעמען די מיטלען אויף דער פאַרשטאַרקונג און פאַרברייטערונג פון אונזער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט?

די לייזונג פאַר דידאָזיקע דריי פראַגעס זע איך אין דער גרינדונג פון דער „חברת־העובדים״ — ד. ה., אינעם שאַפן אַ צענטראַלע, איבערשטע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, אַ אינסטאַנץ, וועלכע זאָל קאָנסאָלידירן, אויסאַרבעטן ריכטליניעס, געבן געזעצן, ווי עס טוט, אויף איר געביט, די פּראָפעסיאָנעלע אינסטאַנץ אין דער הסתדרות.

יעדער אַנשטאַלט, יעדער אויפטו און יעדע ווירטשאַפט האָבן זיך זייער אייגענע נאַטור און אייגענע פונקציע — און יעדערער פון זיי דאַרף זאָרגן קודם־כל צו דערפילן זיין פונקציע ווי געהעריק, אַנטשפּרעכנד צו זיין אינערלעכן מהות און כאַראַקטער. אָבער דער אַנשטאַלט און די ווירטשאַפט זענען נישט קיין ציל פאַר זיך גופא. אונזער באַוועגונג וואַקסט אַרויס פון דער עליה און זי דאַרף דינען די באַדערפעניש פון דער עליה. אונזערע אָנשטרענגונגען אין לאַנד זענען אייגנאַם־אָנשטרענגונגען, אָנשטרענגונגען, וואָס מער צו פאַרברייטערן די אייגנאַם־קראַפט פון לאַנד. און וואָס פאַר אַ מאָס דינט דער אָדער יענער אַנשטאַלט, די אָדער יענע ווירטשאַפט, וואָס זענען דורך אונז געשאַפן געוואָרן, דער פאַרגרינגערונג פון דער אייגנאַם־קראַפט און איר פאַרברייטערונג? אויב מיר ווילן מיט דעמדאָזיקן מאָסשטאַב מעסטן אונזער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, דאַן זענען מיר געצוואונגען צו בילדן אַן איבערשטע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל זיין בכוח אַכטונג צו געבן אויף אָט דער טעטיקייט, אָנצופירן מיט איר און זי צוצופּאַסן צום הויפּט־ציל פון אונזער באַוועגונג.

מיר גרינדן קאָאָפּעראַטיוון, מיר בויען ווירטשאַפטן. וואו איז די גאַראַנטיע, אַז די אַרבעטער אין דידאָזיקע ווירטשאַפטן וועלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין בעלי־בתים, וואָס באַשעפטיקן לוין־אַרבעטן, ווי עס האָט שוין געטראָפן אין דער וועלט מיט אַ סך פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט דערפאָלג אין עקאָנאָמישער הינזיכט? וואו איז די גאַראַנטיע, אַז די אַנשטאַלטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די אַרבעטער, אַדאַנק זייערע אָנשטרענגונגען, — וועלן טאַקע דינען פאַרן נוצן פון דער אַרבעטערשאַפט; דידאָזיקע פראַגע איז ביי אונז אַנטשטאַנען נאָך פאַר דער מלחמה, אָבער דאַן זענען מיר געווען קליין אין צאָל, מיר האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן, ווי מענטשן פון איין פאַמיליע, און אַלע אונזערע באַציאונגען זענען געוואָרן געבויט אויף פּערזענלעכן צוטרוי. דאַן האָט ביי אונז עקזיסטירט אַ מין פאַמיליען־קאָנטראָל, אַ קאָנטראָל וואָס באַזירט נישט אויף געשריבענע פאַראַגראַפן — נאָר אויף אַ אינערלעכער געזעצגעבונג, אויף מאָראַלישע פאַרהעלטנישן, און דאָס איז שטאַרקער פון יעטוועדער רעגירונגס־קאָנטראָל. היינט זענען מיר שוין מער נישט קיין קליינע משפחה — מיר וואַקסן אָן אויפהער, און מיר קענען נישט אַלץ בויען אויף פּערזענ־

לעכע באַציאונגען און פּערזענלעכן צוטרוי. אונז איז איצט נויטיק אַ קאָנסטיטוציע — אַן אָבליגאַטאָרישע קאָנסטיטוציע, וואָס לייגט אַרויף פליכטן און גיט רעכט, אַ קאָנסטיטוציע, וואָס שטעלט פעסט באַציאונגען און באַשטימט באַדינגונגען. אַזאַ קאָנסטיטוציע איז על־פּי און דאַרף געענדערט ווערן פון צייט־צו־צייט. מיר קענען זיך נישט איין מאָל פאַרזאַמלען און שאַפן געזעצן פאַר אונזער איפּפּירונג לעולם־ועד. דער לעבנס־סוד באַשטייט אינם אומאויפהערלעכן ענדערן זיך. און מיר האָבן נישט קיין רעכט און מעגלעכקייט, און מיר האָבן אויך נישט קיין שום באַדערפעניש צוצובינדן די צוקונפט צו דער פאַרגאַנגענהייט און איינצוראַמען אונזערע קומענדיקע מעשים אין געזעצן, וואָס מיר ווילן מאַכן היינט. אָבער עס איז נויטיק צו שאַפן אַ געזעצגעבערישע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל פון צייט־צו־צייט, אין הסכם מיט די באַדערפענישן פונם געגעבענעם מאָמענט און מיט די פאָ־דערונגען פון אונזער אַנטוויקלונג, פעסטשטעלן די געזעצן פאַר אונזער געזעלשאַפט, און וועלכע זאָל אָנוואַרפן די דיסציפּלין פונם כּלל, די דיס־ציפּלין פון דער באַוועגונג און איר היסטאָרישן ווילן אויף יעדן יחיד.

מיר נויטיקן זיך אין מיטלען — אין גרויסע, גאָר גרויסע מיטלען. די פראַגע פון מיטלען איז נישט בלויז אונזער פראַגע, דאָס איז אַן אַל־געמיין־נאַציאָנאַלע פראַגע. מיר זאָרגן פאַר נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל פונקט ווי מיר זאָרגן פאַרן קלאַסן־קאַפּיטאַל. די טעטיקייט, וואָס ווערט געפירט אין נאָמען פון פאָלק — איז אונזער טעטיקייט. און אויך אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלן־קאַפּיטאַל איז נאָך נישט געפונען געוואָרן די ריכטיקע לעזונג. פון ברעקלעך וועט דער לייב נישט זאַט ווערן. און אויף וויפל עס וועלן זיך נישט מערן אונזער'ע מיטלען — וועלן מיט אַ גרעסערע שנעלקייט זיך מערן די באַדערפענישן. מיר האָבן נאָך פאַר זיך אַליין נישט געמאַכט קיין קלאָרן חשבון, ווי גרויס, שווער און פיל־באַדערפענישדיק עס איז דידאָזיקע אויפגאַבע צו קאָלאָניזירן אַ פאָלק. און עס טאָר נישט געשען, אַז מ י ר זאָלן פעלן ביים מאָביליזירן די פאָלקס־כּוחות. דאָס איז אונזער פליכט פאַרן פאָלק און פאַר זיך אַליין. נישט ווייל מיר פסלען די נאַציאָנאַל'ע מיטלען, אויך נישט ווייל מיר ווילן מיט זיי קאָנקורירן, קומען מיר צו דער פראַגע פון אונזער אייגענעם־קאַפּיטאַל. אונזער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס איז געווענדעט אין דער ריכטונג אויפצונעמען די עליה, איינאָרדנען זי ביי אַרבעט און זי קאָלאָניזירן, איז אַן ערשטקלאַסיקע ציוניסטישע טעטיקייט. די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַראינטערעסירט אין דערדאָזיקער טעטיקייט. דער ציוניסטישער ציל ווערט פאַרווירקלעכט דורך איר. אונזער זעלבסט־איניציאַטיוו, די פאַרברייטערונג פון אונזערע אַנשטאַלטן, שאַפונגען, ווירטשאַפטן, פון אונזער קאַפּיטאַל — איז בויענדיקער און פאַרווירקלעכנדיקער חלוציזם. מיט יעדן אייגענעם אויפטו אונזערן דערנענטערן מיר, פאַרשנעלערן און פאַרפעסטיקן מיר דעם ציוניסטישן אַלגעמיינעם אויפטו. מיר באַפרידיקן זיך נישט מיט דעם פאַ־מעלעכן, באַשרענקטן טעמפּאָ פון דער אַלגעמיינער טעטיקייט. מיר ברעכן

צוימען — ווייל מיר רייסן זיך צום ציל, מיר האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט ציוניזם פון שקלים און קאָנגרעסן — און מיר האָבן געשאַפן אַ ציוניזם פון פאַרווירקלעכונג. נישט ווייל דער שקל און דער קאָנגרעס זענען פאַר אונז געווען פסול — נאָר ווייל עס איז געווען פאַר אונז ווייניק. מיר האָבן זיך געזאָגט: ציוניזם איז דער טייטש — גיין אין לאַנד און אַרבעטן דאָרטן. דערנאָך האָבן מיר צוגעגעבן: ציוניזם איז דער טייטש — אַרבעטס-קאָלאָניזאַציע. די קאָלאָניזאַציע האָבן מיר פאַרלאַנגט פונם אַלגעמיינעם ציוניזם. אָבער אונזער באַוועגונג באַגנוגנט זיך נישט מיט פאָדערן פון אַנדערע. מיר פאָדערן קודם-כל פון זיך אַליין. מיר געפינען איין, אַז אונזער פליכט איז נישט בלויז צו טון, נאָר אויך ברענגען צו מעשים. די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, דאָס געהערט צו דער עצם פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם, ליגט אויף אונז נישט בלויז ווי אַן אָביעקט פון דער טעטיקייט, נאָר אויך ווי אַ סוביעקט אירער. און מיר דאַרפן זיך באַזאָרגן מיט מיטלען. וואו וועלן מיר זיי געפינען? קודם-כל צווישן זיך אַליין. מיר זענען אַ גרויסער עקאָנאָמישער כוח. יעדער צוגעקומענער אַרבעטער איז אַ צוגעקומענע עקאָנאָמישע איינהייט. מיר אַרבעטן און פאַרדינען — מיר קויפן און גיבן-אויס געלט. דאָס איז די ערשטע באַזע פאַר אונזער אייגענעם קאַפּיטאַל. דורך אָפּשפּאָרונגען פון אונזער פאַרדינסט און דורך אָרגאַניזירן אונזער פאַרזאָרגונג קענען מיר שאַפן דעמדאָזיקן קאַפּיטאַל. דער „המשביר" דאַרף זיין דער אינסטרומענט אויף צו אָרגאַנירן אונזער פאַרזאָרגונג, יעדע אָפּטיילונג פון דער חברת-העובדים וואו זי זאָל זיך נישט געפינען — איז אויפן אָרט די פיליע פונם „המשביר". דורכן צענטראַליזירן אַלע ענינים פון דער פאַרזאָרגונג אין אונזערע הענט, שאַפן מיר אַ גרויסן פאַקטאָר פאַר ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. אויף דער באַזע פון אינערלעכן מאַרק קענען מיר שאַפן אַן אייגענע אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

יעדעס ווירטשאַפטלעך קעמערל, וואָס מיר בויען אויף, איז אַ באַזע פאַר קרעדיט. קיין שום ווירטשאַפט אַרבעט נישט מיט אייגענע מיטלען אויף די גאַנצע הונדערט פראָצענט. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט קענען ווערן אַ קרעדיט-כוח און נישט קריגן קיין פינאַנציעלע מיטלען אויף צו פאַרברייטערן אונזער טעטיקייט אויף אַ האַנדלס-און באַנק-באַזע — ווי יעדע עקזיסטענץ-פעאיקע ווירטשאַפט און עקאָנאָמישע פּאָזיציע? די אַלוועלטלעכע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט וועט אונז דינען אַלס ערשטער אָנשפּאַר פאַר אונזערע קרעדיט-אָפּעראַציעס. אויף וויפל עס וועט זיך פאַרגרעסערן דער מאָסשטאַב פון אונזערע פאַרבינדונגען מיט די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן אין דער וועלט — אויף אַזויפיל וועט וואַקסן די קעגנזייטיקע הילף צווישן אונז און זיי. מיר קענען צוציען אויך לחלוטין פּריוואַטע קאַפּיטאַלן. דער „המשביר" און דער משרד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן אָפּערירן מיט האַנדלס-קרעדיט אויפן פּריוואַטן מאַרק. אָבער ס'איז אַ סכנה, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט אונז פאַרשקלאַפן — אויב מיר וועלן נישט פאַרמאָגן קיין אייגענעם קאַפּיטאַל. און מיר האָבן גראָד ברייט-האָריזאָנטיקע אויסזיכטן

צונויפצוזאַמלען אַ קלאַסן-קאַפּיטאַל מיטן כוח פון אונזער באַוועגונג אין לאַנד און אין גלות. אונזער ביז איצטיקע שאַפונג שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרויסן מאָראַלישן כוח און אין אים געפינט זיך דער שליסל צו אַ פאָלקס-אָנשטרענגונג. די זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, וואָס די הסתדרות פירט אין לאַנד — דאַרף זיך אויסברייטערן אויך אויף חוץ-לאַרץ. דאָ ווערט געפירט די דירעקטע טעטיקייט — די בויאונג און שאַפונג. אין גלות דאַרף געפירט ווערן די טעטיקייט פון צוגרייטונג און מיטלען-זאַמלונג, מיר וועלן רעדן צום פאָלק מיט דער פאַרשטענדלעכסטער און איינפלוס-רייכעטער שפּראַך — מיט דער שפּראַך פון מעשים און אויפטוען, און דידאַקטיקע שפּראַך וועט דאָס פאָלק פאַרשטיין און האָרכן.

נישט יעדער באַזונדערער אַנשטאַלט — נאָר אונזער אַלגעמיינע שאַפונג, די אויבערשטע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ פונם אַרבעטער-קלאַס, זי וועט עס זיין דער אינסטרומענט צו דערווערבן אייגענעם קאַפּיטאַל.

צוליב אָט די אַלע צילן דאַרפן מיר באַשטעטיקן די הסתדרות אַלס יורידישע פּערזאָן אין דער פאָרם פון „חברת העובדים”, און דער דאָזיקער געזעלשאַפט וועלן מיר איבערגעבן די קאָמפּעטענץ פון געזעצגעבונג, רעגו-לירונג און קאָנסאָלידאַציע לגבי אַלע אונזערע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און שאַפונגען. נישט אַלס פאַרבאַנד פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וועט די הסתדרות באַשטעטיקט ווערן — די פּראָפעסיאָנעלע פונקציע פון אונזער באַוועגונג נויטיקט זיך נישט אין קיין אָפיציעלער באַשטעטיקונג. נאָר פונקט ווי עס עקזיסטירט ביי אונדז אַן אויבערשטע אינסטאַנץ, וואָס מאַכט געזעצן, גיט אָנווייזונג און רעגולירט אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע ענינים, און קיין שום קערפּערשאַפט, קיין שום אָפּטיילונג טאָר נישט פירן די אַרבעט לחלוטין אויף אייגענער האַנט — נאָר זיי זענען אַלע סובאָרדינירט דעם אַלגעמיינעם ווילן פון קלאַס, ווייל נאָר אַזוי אַרום קענען מיר פאַרזיכערן די אינטערעסן פון דער עליה און די באַדערפענישן פונם כלל אַקעגן די עגאָאיסטישע אינטערעסן פון יחידים און איינצלנע קערפּערשאַפטן — פּונקט אַזוי נויטיקן מיר זיך אין אַן אויבערשטע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ מיט אַ געזעצ-געבנדער, קאָנטראָלירנדיקער און רעגולירנדיקער קאָמפּעטענץ לגבי אַלע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. נאָר אין דעם פאַל איז אויך נויטיק אַ יורידישע קאָמפּעטענץ, וועלכע זאָל זיין אָנערקענט און באַשטעטיקט דורך דער רעגירונג, ווייל ביי פינאַנציעלע געשעפטן געפינען מיר זיך אין דער פאָרמעלער ראַם פונם רעגירונגס-געזעץ סיי אין לאַנד סיי אין חוץ-לאַרץ. מיר דאַרפן האָבן אַ ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל אויפטרעטן יורידיש אַלס כאָנער און געמאָנטער, וועלכע זאָל קענען קויפן און פאַר-קויפן, לייען און באָרגן, דורכפירן היפּאָטעקן און לאַנג- און קורץ-טערמיניקע פאַרפליכטונגען, און דאָס אַלץ איז אוממעגלעך נישט זייענדיק קיין יורידי-שע פּערזאָן. אויך פאַר זיך גופא, פאַר אונזערע אַנשטאַלטן, נויטיקן מיר זיך אין אַ יורידישער קאָמפּעטענץ. די צוגעהעריקייט פון יעדער ווירטשאַפט, פון יעדן אַנשטאַלט צו דער אויבערשטער אינסטאַנץ דאַרף זיין נישט בלויז

אַ מאָראַלישע – נאָר אויך אַ געזעצלעכע צוגעהעריקייט. עס דאַרף זיין נישט אַ זאַך פון גוטן ווילן, נאָר אַ פליכט, אַן אָפיציעל געשטעמפלטע.

דאָס הייסט נישט, אַז מיר שאַפן צוויי אָפּגעזונדערטע אינסטאַנצן. מיר מאַכן נישט קיין צווישנשייד צווישן אונזער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט און אונזער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. יעדער ענלעכער צווישנשייד איז סותר די פּרינציפּן פון אונזער באַוועגונג. אונזער גאַנצע טעטיקייט בילדעט אין תוך איין גאַנצקייט און באַצוועקט איין ציל און אונטערליגט איין ווילן – דעם ווילן פון אַרבעטער-קלאַס און זיין היסטאָרישן ציל. די חברת העובדים און די הסתדרות העובדים זענען אידענטיש דורך זייערע טרעגער. יעדער מיטגליד פון דער הסתדרות איז אַ מיטגליד פון דער חברת העובדים. דער הסתדרות-צוזאַמענפאַר איז דער צוזאַמענפאַר פון דער חברת העובדים. די דאָזיקע אידענטישקייט צווישן דער הסתדרות און דער חברת העובדים דאַרף בילדן אַ אומצעשטערבאַרן יסוד אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע און רעגולירונג פון אונזער טעטיקייט. די „חברת העובדים" איז בלויז די ווירטשאַפטלעכע פאָרם פון דער הסתדרות. זי איז נישט קיין אָפּגעזונדערטע אינסטאַנץ – נאָר אַן אינסטרומענט פאַר אַ באַשטימטער פונקציע, אָרגאַניזירט אין אַן אַנטשפּרעכנדער פאָרם און צוגעפּאַסט צום ספּעציעלן כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט און אירע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און יורידישע באַדערפענישן.

תל-אביב, כ״ג שבט תרפ״ג (פון פּראָטאָקאָל).

ו. „ניר"

(פון וויכוח אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ)

אין די דאָזיקע רייד מיינע וויל איך באַרירן בלויז צוויי פראַגעס: די פראַגע פון מיטגלידערשאַפט אין „ניר" און די פראַגע וועגן די גרינדונגס-אַקציעס, וועלכע עס באַקומט די חברת העובדים. דער סטאַטוט פון „ניר" איז נישט קיין הלכה למשה מסיני, און איך נעם אָן, אַז מ'קען געפינען אַ אידעאַלערן אויסדרוק און בעסערע פאָרמולן ווי די, וואָס מיר, די סטאַטוט-פאַרלייגער, האָבן געפינען. אָבער דער עיקר פונם סטאַטוט באַשטייט נישט אין די 32 פּאַראַגראַפן – די דאָזיקע פּאַראַגראַפן קענען זיין גוט אָדער שלעכט און זיי לאָזן זיך ענדערן. דער עיקר געפינט זיך אינם פּאַראַגראַף, וואָס איז אינגאַנצן אין סטאַטוט נישט פאַראַן, און אָט דער נישט-געשריבענער פּאַראַגראַף באַשטימט דעם מהות און ווערט פון „ניר". דער דאָזיקער פּאַראַגראַף איז – די אידענטישקייט צווישן „ניר" און דער אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער (הסתדרות הפועלים החקלאים). ווער עס זעט נישט דעם סטאַטוט אין אָט דעם ליכט – דער זעט נישט וואָס מען

דאַרף, און יעדער פאָרשלאָג, וואָס ברענגט מיט זיך דאָס מבטל מאַכן די דאָזיקע אידענטישקייט — קערט אַלץ איבער קאַפויער.

„ניר" איז נישט קיין נייע זאַך, און זיכער נישט קיין „עקספּלואַטאַציע-טרעסט" און נישט קיין „מעסער אויסגעשטרעקט אויף דער אָרגאַנישער שאַפונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע". „ניר" איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — נישט מער און נישט ווייניקער. נישט אָבנעמענדיק די דאָזיקע טעזע קען מען נישט דיסקוטירן נישט וועגן „ניר" און נישט וועגן דער „חברת העובדים". די חברת העובדים איז די יורידיש-ווירטשאַפטלעכע פאָרם פון דער אַלגעמיינער הסתדרות, און „ניר" — פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, און ביידע פאַרמאָגן נישט קיין אַנדער קאָמפּעטענץ און קיין אַנדער מיטגלידערשאַפט ווי די הסתדרות.

„ניר" איז נישט קיין סאָציאַליזאַציע און קיין קאָאָפּעראַציע אין אָנ-גענומענעם זין. דאָס איז נישט קיין אַנשטאַלט אויף צו קאָנצענטרירן פאַר-מעגן, ס'איז נישט קיין טרעסט. ער איז נישט אויסן צו קאָנצענטרירן קאַ-פּיטאַלן אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן אופן לשם עקספּלואַטאַציע און אויך נישט אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן לשם פאַרקלענערן די אויסגאַבן און צו פאַר-גרעסערן די פאַרדינסטן. ווי עס טוט געוויינלעך אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַני-זאַציע פון קאָנסומענטן און פּראָדוצענטן. „ניר" איז עפּעס מער און עפּעס גרעסערס דערפון. „ניר" אַלס אָרגאַניזאַציע איז אַן אַרבעטער-פאַראייניקונג פאַר קאָלאָניזאַטאָרישע שאַפונג, עס איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער-געזעלשאַפט מיטן ציל צו פאַרברייטערן די אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע. און אויב עמיצער וויל פאַרגלייכן „ניר" צו דער קאָאָפּעראַציע אין ענגלאַנד, וואו די קאָנסומענטן זענען אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיוון, און די קאָאָפּע-ראַטיוון אין אַ פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַטיוון — באַווייזט עס נאָר, אַז דער דאָזיקער עמיצער פאַרשטייט נישט דעם זין פון דער חברת העובדים. דער יסוד פון דער חברת-העובדים איז דער אַרבעטנדיקער מענטש און זיין פעיקייט, זיין ווילן און זיין קענטעניש אין דער ווירטשאַפטלעכער שאַפונג. דער גאַנצער קאַפּיטאַל און דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס מיר קאָנצענטרירן אין דער חברת העובדים זענען מער נישט ווי אַ מיטל צו שאַפן אַן עק-זיסטענץ-יסוד פאַרן אַרבעטנדיקן מענטש און פאַרן אַרבעטנדיקן כלל, פאַרן יידישן פאָלק, וואָס קערט זיך אום צו זיך אין לאַנד. דער קאַפּיטאַל איז ביי אונז בלויז אַן אינסטרומענט, וואָס דאַרף אונז דינען אין אונזער אַר-בעט און שאַפונג. פּונקט ווי דער שטעקן איז נישט קיין האַנט און די ברילן זענען נישט קיין אויגן, נאָר בלויז הילף-מיטלען, — אַזוי זענען אויך ביי דער חברת העובדים דער קאַפּיטאַל און דאָס פאַרמעגן בלויז מיטלען און אינסטרומענטן אויף צו פאַרשטאַרקן די קאָלאָניזאַטאָרישע שאַפונגס-פעיקייט פונם אַרבעטער. דער עיקר איז דער אַרבעטער און זיין פעיקייט צו בויען. מען קען האַלטן דערפון אָדער נישט, — די באַזע פון דער חברת העובדים און פון „ניר" איז: דער אַרבעטער און זיין אָרגאַניזאַציע פאַר געמיינזאַמער שאַפונג אין די ראַמען פון אַרבעטער-

קלאַס. דערצו איז נויטיק די אידענטישקייט צווישן דער חברת העובדים און דער הסתדרות, צווישן „ניר" און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. די ווײַלער און באַשליסער אין „ניר" זענען די זעלבע חײַלער און באַשליסער, וואָס אין דער הסתדרות, סיי די וואָס פאַרמאָגן שוין אַ ווירטשאַפט און סיי די, וואָס פאַרמאָגן עס נישט.

מען קען פאַרשטייט זיך פאַרלייגן און שאַפן אויך אַנדערע פאַרייניקונגען און מיר אָרגאַניזירן טאַקע אייך אַנדערע פאַרייניקונגען. מיר גרינדן קאָאָפעראַטיוון און מען קען גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוון־פאַרבאַנד — אָבער דאָס אַלץ קען נישט פאַרטרעטן „ניר". אין „ניר" דאַרף איבערבלייבן די פערזענלעכע אידענטישקייט מיט דער הסתדרות, כאָטש עס איז נישט קיין ראַלן־אידענטישקייט.

און איצט וועגן דער פראַגע פ‌ון די גרינדונגס־אַקציעס.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט מען אַ סך גערעדט וועגן די באַציונגען צווישן די קאָלאָניסטן — די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און צווישן די קאָלאָניזאַטאָרן — דעם קרן־היסוד און דעם קרן־קימת. און עס זענען געווען חברים, וואָס האָבן געזען אין „ניר" בלויז אַ קאָלאָניסטן־געזעלשאַפט. דאָס איז אַ טעות. „ניר" איז נישט בלויז אַ קאָלאָניסטן־געזעלשאַפט. „ניר" אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע דאַרף מער זיין אַ קאָלאָניזירנדיקע געזעלשאַפט ווי אַ פאַרייניקונג פון קאָלאָניסטן. דער ווערט פון „ניר" און זיין באַדייטנדיקע ראָל באַשטייט דערין, וואָס ער איז אַ קאָלאָניזאַטאָרישע אָרגאַ:יזאַציע. אָט דאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג און שיידט זי אונטער פון אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען. אין אַנדערע לענדער איז די ווירטשאַפט אַ בנמצאדיקע און דער אַרבעטער־קלאַס אַ בנמצאדיקער. דער קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס איז אַ קאַמף פאַרן באַפרייען דעם פאַראַנענעם אַרבעטער און פאַר זיין העגעמאָניאָ איבער דער פאַראַנענער ווירטשאַפט. ביי אונז איז נאָך נישטאָ קיין אַרבעטער־קלאַס, מיר זענען נאָר שליחים, און אונזער שליחות באַשטייט אינם שאַפן אַ יידישע ווירטשאַפט און אינם דורכפלאַסטערן אַ וועג פאַר דער קאָלאָניזירונג פון פאָלק אַלס אַרבעטס־פאָלק. מיר זענען בלויז די פיאָנערן פון דעם דאָזיקן אַרבעטס־פאָלק.

יעדער איינער פאַר זיך איז אַ קאָלאָניסט, און עס האָט די דאגות, חובות, צרות און טענות פון אַ קאָלאָניסט. די געזעלשאַפט מיט איר אָרגאַניזירטן כוח און מיט אירע צענטראַליזירטע מיטלען דאַרף זיך מיט דעם אַלעם פאַרנעמען און געבן הילף דעם קאָלאָניסט. אָבער מיר וועלן טראָגן אַ שווערע שולד, אויב מיר וועלן זיך באַטראַכטן בלויז אַלס קאָלאָניסטן און בעלי־טענות און מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט דער ראָל צו פאַרפעסטיקן און איינפונדעווען אונזערע דעראָבערטע פאָזיציעס. דאָס פאַראַנענע דאַרף זיין אַ מיטל פאַרן שאַפן נייע פאָזיציעס. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, וואָס געפינט זיך אין לאַנד איז נאָר אַ היסטאָרישער פאַקטאָר פאַר

דער שאַפונג פונם אַרבעטער-קלאַס, וואָס וועט ווערן פאָלק. אין דעם זין זענען מיר קאָלאָניזאַטאָרן.

ביי אונז אין לאַנד קען מען בלויז מיט קאַפּיטאַל נישט קאָלאָניזירן. אַפילו ראָטשילדן מיט די גרופּע מיליאָנען איז נישט געלונגען אויפצובויען אַ יידישע קאָלאָניזאַציע, ווייל ער האָט נישט געבויט אויפן אַרבעטנדיקן קאָלאָניסט. אונזער באַוועגונג האָט דערקענט דעם שאַפנדיקן ווערט פונם אַרבעטער, דעם גלייכצייטיקן אָביעקט און סוביעקט אין דער רעוואָלוציע, וועלכע אונז קומט אויס דורכצופירן אין פאָלק.

מיר פאַראייניקן אין זיך דעם קאָלאָניזירטן און קאָלאָניזאַטאָר, דעם פאַרווירקלעכער פון ציוניזם און די פאַרווירקלעכונג, און אין דעם באַשטייט דער סוד פונם כוח און פון דער גרויסקייט פון אונזער באַוועגונג.

און דאָס איז אויך דער באַטייט פון די גרינדונגס-אַקציעס, וועלכע עס באַקומט די „חברת העובדים", כדי צו ווערן אַ דעצידירנדיקער כוח אין „ניר". ווען איר פאַרגעסט, אַז הינטער דעם פאָרגעלייגטן סטאַטוט שטייט די הסתדרות מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, — מיט אַלע באַגערן, ווילנס, דעראָבערונגען און אויפטוען פון אונזער באַוועגונג, — איז דער דאָזיקער סטאַטוט עלול אַרויפצוּוואַרפן אַ שרעק און אַ פּחד אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטערשאַפט, ווייל עס קומט אויס, ווי מען וואָלט זיי מיט געוואַלט אָנגעוואָרפן די העגעמאָניע פון שטאָט-לייט אין דער פאָרם פון דעם חברת-העובדים-דירעקטאָריום, ווי עס איז פאָרמולירט געוואָרן אינם וויכּוח וועגן „ניר" פאַר דער קאָנפערענץ. אָבער אויב איר וועט דערזען אין דעם די הסתדרות און איר אויפגאַבע צו קאָלאָניזירן יידן אין ארץ-ישראל אַלס אַרבעטער — וועט איר אָנערקענען, אַז מען דאַרף נישט אויפשטעלן קיין מחיצה צווישן שטאָט און דאָרף, און אַז מען דאַרף נישט באַשרענקען די גאַנצע קאָלאָניזאַטאָרישע ראָל פון אונזער באַוועגונג אויסשליסלעך אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. מיר ווילן נישט, אַז די שטאָט זאָל געהערן די קרעמער און אין דאָרף זאָל זיצן דער קולטורלאָזער „מוזשיק", וועגן וועלכן ס'האָט געחלומט ליליענבלום. מיר ווילן שאַפן אַן אַרבעטנדיק פאָלק, וואָס שטייט אויף אַ הויכער קולטור-מדרגה. מיר ווילן אין אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין דאָרף בעפרידיקן די מערסטע באַדערפעניששן אונזערע נישט נאָר פון די פעלד-פּראָדוקטן נאָר אויך פון די פּראָדוקטן פון דער מלאכה, אינדוסטריע, וויסנשאַפט און קונסט, דאָס דאָרף זאָל נישט זיין אַזוי אָפּהענגיק פון שטאָט. מיר ווילן, אַז די שטאָט, וואָס בויט זיך אין ארץ-ישראל און עס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין דער שטאָט, פּונקט ווי ס'איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין פּריוואַטן קאַפּיטאַל — זאָל אויפבויען אַרום זיך אַרבעטער-קוואַרטאַלן (שכונות עובדים) און זאָל אַרומגערינגלט ווערן מיט לאַנדווירטשאַפלעכע געביטן, כדי אויך דער שטאָטישער אַרבעטער זאָל נישט אָפּגעריסן ווערן פון דער ערד און ער זאָל זיך נישט דערווייטערן פול-

שטענדיק פונם פעלד־ריח. ער זאָל אויך שפירן דעם טעם פון אַן אייגענעם גאָרטן, פון גרינס און בוימער.

די מיטגלידער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע קענען נישט זיין איינציק־און־אליין די לעצטע אנטשיידער אין אַלע קאָלאָניזאַציע־פראַגן. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, די דאָרפישע און די שטאָטישע, איז פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניזיר־טעטיקייט און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר גורל.

ווען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וואָלטן געווען אָרגאַניזירט די פּאַרווירקלעכער פונם ציוניזם און נישט בלויז די שקל־קויפער, וואָלטן מיר דאַן דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע געדאַרפט איבערגעבן די גרינדונגס־אַקציעס. אָבער די איינציקע אָרגאַניזאַציע פון די ציוניזם־פאַרווירקלעכער איז די אַרבעטער־הסתדרות אין ארץ־ישראל. נישט מיר האָבן זיך גענומען אין מאָנאָפּאָל די פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם. פאַרקערט, מיר אַנטלויפן פון מאָנאָפּאָל און מיר ווילן איבערגעבן אונזער ווילן דעם גאַנצן פאָלק, נאָר אַנדערע זענען זיך „מסתפק במועט” און דרייען זיך אַרויס פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. און מיר האָבן גענומען אויף זיך באַוואוסט־זיניק און גערנוויליק די גאַנצע משא: די היסטאָרישע מיסיע פון פאָלקס־אויסלייזונג דורך דער אַרבעטס־רעוואָלוציע אין ארץ־ישראל. און דער טרעגער פון דערדאָזיקער מיסיע איז נישט בלויז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער נאָר יעדערער, וואָס קומט אַרבעטן אין ארץ־ישראל. און אַלע אַרבעטער, סיי די, וואָס האָבן זוכה געווען זיך צו קאָלאָניזירן אויף ערד אין דאָרף, און סיי די ווען ס׳איז אויסגעקומען אָדער וועלכע האָבן זיך אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין שטאָט — זענען שותפים צו דער שאַפונג און דאַרפן אַנטשיידן איבער איר גורל. אָט דאָס איז דער זין פון די גרינדונגס־אַקציעס.

חיפה, כ״א שבט תרפ״ו (דבר 219)

ז. ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און פּראָלעטאַרישער קאַפּיטאַל

(פון אַ פאָרטראָג אויף דער פינפטער קאָנפערענץ פון אחדות העבודה).

מיט דער גרינדונג פון „ניר” איז פאַרענדיקט געוואָרן אויף אַ נאָר־מאַלן אופן דער געבוי פון דער „חברת העובדים”; דאָס הייסט נאָך נישט, אַז די חברת העובדים עקזיסטירט שוין פאַקטיש. מיר האָבן געשאַפן אַ ראַם און מיר דאַרפן זי איצט אויספילן מיט אַ געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָ־מישן אינהאַלט. דער דאָזיקער אינהאַלט וועט נישט אויסגעפילט ווערן מיט אַ מאָל. מיטן גרינדן די חברת העובדים זענען מיר אין דער ערשטער ריי אויסן געווען פאָלגנדיקע צוויי זאַכן: פאַרשטאַרקן די שאַפונגס־פעיקייט

און ווירטשאַפטלעכע שטאַנדהאַפטיקייט פונם אַרבעטער־קלאַס, און פאַרזיכערן די העגעמאָניע פונם קלאַס איבער אַלע שאַפונגען, אינסטיטוציעס און ווירטשאַפטן פון דער אַרבעטערשאַפט. דעריבער דאַרפן מיר איצט זאָרגן פאַר צוויי זאַכן: פאַר אייגנעם קלאַסן־קאַפּיטאַל און פאַר אַן אויבערשטער ווירטשאַפטלעכער אינסטאַנץ. אָן די צוויי זאַכן קען נישט געמאָלט זיין קיין שום סיסטעמאַטישע, פּלאַנמעסיקע עקאָנאָמישע טעטיקייט פון דער חברת העובדים. אַלע צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות בויגן זיך איצט אונטער דער לאַסט פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער אחריות, וואָס ליגט אויף זיי, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט דעם געהעריקן קאַפּיטאַל אויף אויסצופירן זייער אויפגאַבע מיט דערפאָלג. אָט דעם אונז נויטיקן קאַפּיטאַל דאַרפן מיר זיך פאַרזיכערן פון צוויי קוועלעס: פון נאַציאָנאַלע מיטלען און פון אייגענע מיטלען.

ביי דער באַטייליקונג פונם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אין אונזערע אַנשטאַלטן — פלעגן מיר זיך ביז איצט אָנשטויסן אין אַ גרויסער שטערונג, וואָס איז עלול צו שטעלן אין געפאַר אונזער גאַנצע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט דאָס איז — די אָנגריפן אויף דער אויטאָנאָמיע פון אונזערע אַנשטאַלט, דער הסתדרות־צוזאַמענפאָר וועט דאַרפן פראָקלאַמירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם אפּוטרופסות־רעזשים, וואָס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע פרוווּף איינפירן אין די הסתדרות־אַנשטאַלטן. דער שאַפונגס־כוח פונם יידישן אַרבעטער אין לאַנד ציט זיין יניקה פונם געפיל פון פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים, פון דער איבערצייגונג, אַז ער איז נישט קיין בלינדער אינסטרומענט ביי אַנדערע אין די הענט. אַז אין דער אַרבעט ברענגט ער צום אויסדרוק זיין גאַנצן איך. יעדע פרעמדע הערשאַפט קען נאָר אָפּטויטן די שאַפונגס־נשמה און אָפּטעמפּן דאָס אחריות־געפיל.

אויפן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אַליין קענען מיר נישט בויען אונזער גאַנצע האָפענונג. אָן אַן אייגענעם קלאַסן־קאַפּיטאַל, וואָס וועט נישט בלויז געהערן צו אונז, נאָר וואָס וועט אויך געזאַמלט און צונויפגעקליבן ווערן דורך אונז, וועלן מיר קיין תקומה נישט האָבן און וועלן אויך נישט צוציען קיין נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן. נישט אַלע טיילן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט האָבן גלייכצייטיק אָנערקענט די נויטיקייט אין באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אין אַן אייגענעם קאַפּיטאַל פונם אַרבעטער־קלאַס, אָבער איצט איז כמעט נישטאָ קיין איין קרייז אין דער הסתדרות, וואָס זאָל לייקענען דערין. נאָר אויב אַפילו דערדאָזיקער פּרינציפּ איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער גאַנצער הסתדרות, האָבן מיר נאָך אָבער פאַקטיש נישט גובר געווען די פאַרטייאישע חשבונות און פּרעטענציעס און דאָס שאַפן דעם צענטראַלן פאָנד פון דער באַוועגונג — דעם קפּא״י — איז עלול פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ קאַמף־ענין אין דער הסתדרות. לאָמיר מודה זיין, אַז אויך אונזער פאַרבאַנד איז נישט אינגאַנצן אומשולדיק אין דער זאַך. אַ טייל פון אונזערע חברים אין גלות איז באַגאַנגען אַ שווערן פעלער זיך אַנטקעגנשטעלנדיק דער פאָדערונג פון

„אחדות העבודה", אַז דער פאַרבאַנד זאָל איבערגעבן דעם קפא"י אין רשות פון דער הסתדרות. נאָכדעם, ווי ס'איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות, איז שוין נישט געווען אין לאַנד קיין אָרט פאַר אַ באַזונדער ווירטשאַפט־לעכער טעטיקייט פון פאַרטייען, און דער קפא"י — דער ערשטער אינ־סטרומענט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַרבעטער פאַר זעלבסשטענדי־קער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין לאַנד — האָט געדאַרפט תיכף איבער־גיין צו דער הסתדרות. דער פועלי־ציון־פאַרבאַנד האָט עס אָפּגעהאַלטן אויף עטלעכע יאָר און די דאָזיקע אָפּהאַלטונג האָט גורם געווען, עס זאָל זיך שאַפן אַ נישט־גינציקע באַציאונג צו דעם אַנשטאַלט מחוץ די קרייזן פון אונזער פאַרטיי. איך בין נישט אויפן דערמיט צו דערמאָנען אַלטע זינד, איך וויל בלויז זיין געזעצט לגבי די, וואָס זענען נישט אינגאַנצן גערעכט אין באַצוג צום קפא"י. מיר מוזן אָנערקענען, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָבן מיר אַליין גורם געווען צו דער נעגאַטיווער באַציאונג צום קפא"י מצד געוויסע טיילן פון דער הסתדרות אין לאַנד און ווייטערע פאַר־בינדעטע אין די גלות־לענדער. אמת, דאָס אָנערקענען אונזער שולד באַ־רעכטיקט נישט די נעגאַטיווע באַציאונג צום קפא"י, איצט, ווען ער איז פולשטענדיק אַריבער אין רשות פון דער הסתדרות און עס זענען אָפּגע־שאַפט געוואָרן אַלע ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס דער פועלי־ציון־פאַרבאַנד האָט דאָרטן געהאַט. די קעגנערשאַפט צום קפא"י, וואָס קומט איצט צום אויסדרוק אין אַ געוויסן קרייז אין דער הסתדרות, איז נישט מער ווי אַ פּאַרטייאישע פּרעטענציע, און די טענות, וואָס ווערן אַרויסגערוקט אין דעם דאָזיקן קרייז קעגן קפא"י זענען אומגערעכטע. עס איז נישט ריכטיק, אַז די געלט־זאַמלונגען פאַרן קפא"י ווערן געמאַכט אויף אַ באַליידיקנדיקן אופן פאַר די ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער. די קאָנפערענץ פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל, וואָס האָט באַשלאָסן וועגן איבערגעבן דעם קפא"י אין רשות פון דער הסתדרות, האָט באַשלאָסן וועגן אַ זעלבסטבאַשטייערונג פאַרן קפא"י, און די אַקציעס (קאָמפּאַניעס) פאַרן קפא"י ווערן איינגעאָרדנט אויף די זעלבע וועגן ווי די אַקציעס פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן און פאַר די אַנדערע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. ווידער, וואָס ס'איז שייך דער עצם־באַ־דערפעניש אין אַ צענטראַלן פאָנד וועלכער זאָל באַפרידיקן אַלע אינטע־רעסן פון דער באַוועגונג און זאָל דינען פאַר אומזאַך־אינוועסטיציעס, ווי אויך פאַר אַ רעזערוו־פאָנד אויף אייביקע אינוועסטיציעס (למשל, קולטורע־לע, מעדיצינישע, אָרגאַניזאַטאָרישע הילף) — איז נישטאָ קיין שום חילוקי־דעות אין דער הסתדרות. באַזונדערס גויטיקט זיך אין אַזאַ פאָנד די פּראָ־דוציר־קאָאָפּעראַציע. דער צוזאַמענפאַר פון דער הסתדרות דאַרף פּראָקלאַ־מירן דעם קפא"י אַלס צענטראַלן פאָנד פון אונזער באַוועגונג, וואָס זאָל בעהערן צו דער הסתדרות אין לאַנד און צו אַלע פאַרבינדעטע פונם אַר־בעטנדן ארץ־ישראל אין די גלות־לענדער.

תל־אביב, כ' חשוון תרפ"ז (דבר 442).

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12754

UNZER SHLIHES

David Ben-Gurion

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Martin & Doris Greenberg
In memory of Jonas Landau*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

דריטער טייל:

אונזער איניקייט

(1932 — 1921)

א. צו דער גרינדונגס־לאָפּערענץ פון דער הסתדרות

(אַ בריוו אין נאָמען פונם פאַרבאַנד־ביוראָ פון פועלי־ציון).

אין נאָמען פון פועלי־ציון־וועלט־פאַרבאַנד באַגריסן מיר דעם אַרבעטער־צוזאַמענפאָר אין ארץ־ישראל. מיר באַגריסן דעם נייעם, האָפנונגפולן פּרואוו צו פאַראייניקן אַלע צעשפּליטערטע און צעטיילטע כוחות פונם אַרבעטער־קלאַס אין אונזער לאַנד.

די אינערלעכע באַדערפענישן פון דער יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל רופן אַרויס די פאַראייניקונג, און מיט טיפער איבערצייגונג גיבן מיר צו, אַז די גאַנצע אַרבעטס־באַוועגונג, נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין חוץ־לארץ, פאַרלאַנגט אין דעם איצטיקן מאָמענט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַראייניקונג און געמיינזאַמע טעטיקייט פון די אַלע יידישע אַרבעטער־גרופּעס, אין לאַנד און אין חוץ־לארץ, וועלכע שטרעבן צו אַ פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק אין זיין לאַנד.

אויפן יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל — דעם געטרייען חלוץ פון דער יידישער אַרבעט אין דער וועלט — ליגט איצט אַ גרויסע און שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די גרויסע עליה, אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט און געהאָפט מיט באַגער און אַנגסט אַ סך יאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן. טויזנטער אַרבעט־זוכנדיקע אַרבעטער שטראָמען פון אַלע אונזערע צעשפּרייטונג־און צעשטערונג־לענדער קיין ארץ־ישראל, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַנשטאָט זיך צו שטאַרקן און אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן איר גאַנצע ענערגיע און קראַפט אויף דער אויסברייטונג פון דער קאָלאָניזיר־טעטיקייט און אויך צו פאַרגרעסערן די אויפנאַם־פעאיקייט פון אונזער לאַנד, פּרואווט צוליב איר שוואַכקייט צו פאַרצוימען דעם וועג פאַר דער עליה און צו פאַרקלענערן דעם געביט פון איר קאָלאָניזיר־אַרבעט אין לאַנד. אַלע נישט־אַרבעטנדיקע טיילן פון ישוב פאַרמאָגן נישט די פעאיקייט און האָבן נישט דעם ווילן אויפצונעמען די עליה. און די גאַנצע אַרבעטס־לאַסט פאַלט אויף די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען, ווי זייער שטייגער איז, תמיד אויף דער וואַך און דערפילן מיט געטרייהייט און גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט זייער פליכט פאַר די נייע עולים. כמעט אָן קיין שום הילף און שטיצע מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אָפיציעלע אַנשטאַלטן פאַרברייטערן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס די דערוואָרבענע אַרבעטס־צענטרען און שאַפן ממש פון גאָרנישט נייע אַרבעט־פּלעצער. זיי אָרגאַניזירן און

פירן אריין די הונדערטער עולים אין אַרבעטס-פאַכן, אין וועלכע עס איז ביז איצט נישט געווען באַשעפטיקט קיין איין יידישע האַנט. אַזוי אַרום ברייטערן זיי אויס און פאַרפעסטיקן אונזער אַרבעטס-ישוב אין לאַנד.

אָבער אויך דידאָזיקע אַרבעט שטויסט זיך אָן אין דער פאַרשאָלטענער שטערונג פון פּאַרטייאישער צעשפּליטערטקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלער צע-ריסנקייט, וואָס פטרט אומזיסט אַרבעטס-קראַפט און זייען קנאה-שנאה אינם אַרבעטער-לאַגער. די נייע עולים, און מיט זיי צוזאַמען אַלע, וואָס אָבסער-ווירן דאָס, וואָס ס'קומט פאָר אין לאַנד, קוקן זיך צו מיט שטוינונג און צער צו דער אומווירדיקער קאָנקורענץ, וואָס הערשט צווישן די אַרבעטער-אינסטיטוציעס און זייערע אָרגאַניזאַציעס אויף אַ געמיינזאַמען אַרבעטס-געביט. זיי שטוינען און פרעגן: צו וואָס און צו ווען זענען דידאָזיקע שפּאַלטונגען און רייסערייען? דער לאַגער פונם אַרבעטנדיקן חלוץ האָט דאָך נאָר איין וועג, פאַר אים שטייט דאָך נאָר איין ציל און איין צוועק אין זיין אַרבעט אין לאַנד: שאַפן אַן אַרבעטנדיקן יידישן ישוב, אַ גע-זעלשאַפט אָן עקספּלואַטירנדיקע און עקספּלואַטירטע, אָן אַרבעטער, וואָס ווערן באַרויבט פון זייער אַרבעטס-פּרוכט און אָן ליידיקגייער, וואָס לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, — שאַפן אַ געזעלשאַפט פון גלייכבאַרעכטיקטע און פרייע אַרבעטס-מענטשן, וועלכע שטרעבן צו אַן אַבסאָלוטער און פולער פאָלקס-דערליידזונג דורך לעבן פון אַרבעט און באַפרייאונג פון אַרבעט. די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין גלות איז, צו אונזער אומגליק, צעריסן און צעשפּאָלטן אויף שטיקער, ווייל אַזעלכע, וואָס פאַרפרעמדן זיך פונם פאָלק און וואָס לייקענען אין אונזער נאַציאָנאַלער צוקונפט, האָבן שוין פון לאַנג אויסגעשפּרייט זייער נעץ, די אַסימילאַציע נעץ, אויף די אַרבעטער-מאַסן. די יידישע אינטעליגענץ איז געווען אינערלעך צעריסן און איז אַרומגע-שליידערט געוואָרן אינם כּף-הקלע פונם פרעמדן לעבן און פרעמדער קולטור, און עס איז ביי איר פאָרגעקומען אַן אומאויפהערלעכער אינערלעכער קאַמף און געראַנגל צווישן דעם מענטש און דעם ייד אין איר. די סאָציאַלע שטרעבונגען פלעגן ציען זייער יניקה פון פרעמדע קוואַלן און די נאַציאָ-נאַלע באַוועגונג איז געווען פוסט און האָט נישט פאַרמאָגט קיין געזעל-שאַפטלעכן אינהאַלט, זי איז געווען פּרוכטלאָז, אָן שאַפונגס-ווילן. און ווען עס איז אַנטשטאַנען די פּועלי-ציון-באַוועגונג, וועלכע האָט פאַראייניקט און צוזאַמענגעגאָסן דעם נאַציאָנאַלן מיט סאָציאַלן עלעמענט, און זי האָט אָנ-געהויבן פּרעדיקן סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז איר פאָרגעשטאַנען אַ שווערער קאַמף אינעווייניק און דרויסן. דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם האָט געזען אינם סאָציאַליסטישן ציוניזם דאָס רויטע געשפּענסט, און דער אַסימילאַטאָ-רישער סאָציאַליזם — די שאָוויניסטישע געפאַר.

דערדאָזיקער סאָציאַליסטישער ציוניזם, וועלכער פלעגט אין גלות זיך אָנשטויסן אינם פּרוכטלאָזן נאַציאָנאַליזם פון ציוניסטישן בעלי-הבית און אין דעם אָפּגעפרעמדטן סאָציאַליזם פונם אַסימילאַטאָרישן אינטעליגענט, איז געוואָרן די הערשנדיקע און באַפרוכפּערנדיקע אידעע פון די יידישע

ארבעטס-חלוצים אין ארץ־ישראל. אינם אַרבעטער־לעבן אין לאַנד האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אויפגעהערט צו זיין אַן אַבסטראַקטע און נאַקעטע טעאָריע, וואָס לאָזט זיך טייטשן אַהין און אַהער. ער איז פאַר־ווירקלעכט און דורכגעפירט געוואָרן אינם לעבנס־ווערק, אין דער קאָלאָניזירי־אַרבעט און דער קולטורישאַפונג פון די אַרבעטער. ער איז געוואָרן די גרונט־ריכטונג, לויט וועלכער עס פירט זיך זייער טאָג־טעגלעך לעבן און זייער טאָג־טעגלעכע ארבעט, און ער האָט באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסט־זיניק פאַרייניקט די אַלע חלוצים, וועלכע זענען געקומען מיט זייער אַרבעט אויפבויען דאָס לאַנד, סיי די, וואָס זענען גלייך געקומען מיט אַ סאָציאַליסטישן געדאַנק, און סיי די, וואָס זענען דערגאַנגען צום סאָציאַליזם דורך דער לאָגיק פונם אַרבעטער־לעבן און דורך דער אָרטיקער דערפאַרונג. אינם לעבן פון יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געקומען צו זיין טיפסטן און ריכטיקסטן אויסדרוק, צו אַן אויס־דרוק, וואָס לעבט אין מעשים און אין ווערק. די אַרבעטס־חלוצים אין ארץ־ישראל האָבן מיט זייערע שאַפונגען אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון סאָציאַליסטישער באַפרייאונג אויף דעם ווערק פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און דורך קלאַסישע מוסטערן פון אַרבעטס־ישובים, וואָס זייער סאָציאַלער ווערט איז נישט קלענער פון זייער נאַציאָנאַלער באַדייטונג, האָבן זיי דערוויזן, אַז נישט בלויז, וואָס דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם זענען זיך נישט סותר — נאָר פאַרקערט, זיי זענען צונויפגעבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע ווי אינהאַלט און פאָרם.

די אינערלעכע, אָרגאַנישע צונויפגיסונג פון די צוויי הויפּט־ריכטונגען אינם היינטיקן לעבן פון יידישן פאָלק, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דורך דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין חוץ־לארץ און האָט דערגרייכט איר שלמות אינם יידישן אַרבעטס־לעבן אין ארץ־ישראל, האָט צוגעגרייט דעם נאַטירלעכן באַדן פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרייניקונג אין ארץ־ישראל. דידאָזיקע צוגרייטונג, פונקט ווי זי דערמעגלעכט — אַזוי פאַרפליכטעט זי אויך און פאַרלאַנגט אָט די פאַרייניקונג.

דער ציוניזם געפינט זיך איצט אויף אַ שיידוועג: ווי אַזוי זאָל דאָס לאַנד געבויט ווערן און דורך וועמען, — דאָס איז די גרויסע פראַגע, וואָס וואַרט איצט אויף איר לעזונג. צי זאָל די ציוניסטישע באַוועגונג אינגאַנצן פאַרבינדן איר גורל מיטן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס וועט קומען אויסלייזן דאָס לאַנד דורך ביליקער נישט־יידישער אַרבעט און דערמיט מאַכן אַ תּל פון אונזערע בעסטע האָפנונגען, אָדער זי זאָל אויפפאָדערן דאָס פאָלק צו אַ גרויסער נאַציאָנאַלער מאָביליזאַציע פון מענטשן און געלט אויף אויסצולייזן דאָס לאַנד פאַר דער נאַציע און פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט? צי זאָל דער ציוניזם ווייטער צוימען דעם וועג פאַר דער עליה און צעשטערן די איינציקע טרייסט־האָפנונג פון אונזערע חרובע מאַסן, אָדער ער זאָל אָנ־שטרענגען זיין גאַנצער קראַפט און ענערגיע אויף צו פאַרשטאַרקן די עליה און צו פאַרגרעסערן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן אין לאַנד? צי זאָל אין

אונזער לאַנד אַנטשטיין אַ קאָלאָניזאַציע פון באַאמטע און אויפזעער אויפן חשבון פון פרעמדער אַרבעט אָדער עס זאָל זיך שאַפן אַן אַרבעטס-געזעלשאַפט? צי זאָל זיך שטאַרקן דער ציוניזם פון פעדלער און מעקלער אָדער עס זאָל מנצח זיין דער סאָציאַליסטישער ציוניזם — דער אַרבעטס-ציוניזם?

פון דער אַרבעטער-פאַרייניקונג אין לאַנד, פון איר פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער-חברים אין דער וועלט, וואָס שטרעבן אויך צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישער ציוניזם — איז אָפּהענגיק די לעזונג פון דידאָזיקע פראַגעס.

די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די גלות-לענדער איז שוין איצט דער איינפלוסרייכסטער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער כוח ביי אונזער פאָלק. די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין עטלעכע לענדער, ווי למשל אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, פאַרמאָגן אויך אַ שטאַרקע עקאָנאָמישע קראַפט. אַ יידיש אַרבעטנדיק ארץ-ישראל קען נישט געמאָלט זיין אָן דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער-מאַסן, אָן זייער קראַפט, קאַפּיטאַל, אָן זייער געזעלשאַפטלעכע השפעה לטובת דעם לאַנד און אין לאַנד. די פאַרייניקונג פונם אַרבעטער-קלאַס אין ארץ-ישראל איז זיין פאַרבינדונג מיטן וועלט-פאַרבאַנד פון פועלי-ציון פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויסער איר, פאַר אַ ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער אַקציע אין ארץ-ישראל און פאַר ארץ-ישראל, אין דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג; אַ פאַרבינדונג פאַר אַ דערציערישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן, כדי צוצוגרייטן און מסוגל צו מאַכן פאַר דער גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף זיי — פאַרן אויפבויען דאָס אַרבעטנדיקע ארץ-ישראל; אַ פאַרייניקונג לשם אָרגאַניזירן אַן אַרבעטס-עליה און שטאַרקן די חלוצישע מאָביליזאַציע, לשם שאַפן געמיינזאַמע, זעלבסטשטענדיקע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס דורך אייגענע אַרבעטער-מיטלען, לשם פאַרפעסטיקן די קאָאָפּעראַטיווע אונטער-נעמונגען פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער; אַ פאַרבינדונג מיטן צוועק אַריינצוציען די אַרבעטער-מאַסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, כדי צו שטיין אויף דער וואַך פון דער אַרבעט און פונם סאָציאַל-פּאָלקסטימלעכן אינהאַלט פון דער באַוועגונג, — דאָס איז, לויט אונזער מיינונג, דער אַבסאָלוטער געבאָט, דער באַפעל פונם מאָמענט, וואָס דער סאָציאַליסטישער ציוניזם באַפעלט איצט אַלע זיינע אָנהענגער.

די חלוצישע אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל פאַרמאָגט די גרויסע מאָראַלישע קראַפט, וועלכע איז בכוח אַריינצוגעבן אַ נייעם גייסט, דעם גייסט פון דער שאַפנדיקער און באַפרייענדיקער אַרבעט, אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט. און דער רוף, וואָס וועט קומען פון די פאַרייניקטע ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער צו אַלע יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך ווידמענען דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד — וועט געפינען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און וועט פונאַנדערפלאַקערן די פונקען, וואָס גליען

אינם האַרץ פון דער יידישער מאַסע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט איבערגע־ריסן אירע נאַציאָנאַלע באַנדן און האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעפרעמדט פון די פאָלקס־האָפנונגען.

מיר שטייען פאַרן מאָמענט פון אַ כּוחות־מאָביליזאַציע פאַר דער ארץ־ישראל־אַרבעט, און נישטאָ קיין צוגעפּאַסטערער און ראַווידיקער זיך צו שטעלן בראש דער מאָביליזאַציע ווי די אַרבעטס־חלוצים אין לאַנד. מיר זעען אין דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער אַן אויפמונטערנדיקן אָנהויב פון דער מאָביליזירונג און פאַרייניקונג פון די אַרבעטס־מענטשן, און מיר האָפן, אַז אויף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר וועט געשאַפן ווערן דער איינהייטלעכער פראָנט פון די יידישע אַרבעטער אין לאַנד און אין חוץ־לארץ, וועלכע שטרעבן אויפצובויען די יידישע אַרבעטס־געמיינשאַפט אין ארץ־ישראל.

לאָנדאָן, י״ז כסלו תרפ״א [קינטרס סב]

ב. אָרגאַניזאַציע פונם קלאַס אָדער אַ פעדעראַציע פון פאַרטייען

נאָך ביי דער ערשטער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ אין פתח־תקוה*) (כד—ל אדר א׳ תרע״ט) איז דערוועקט און באַהאַנדלט געוואָרן דידאָזיקע פראַגע מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. וואָס זאָל זיין דער כאַראַקטער פונם געמיינזאַמען אַרבעטס־אינסטרומענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט: אַן אַלגעמיינע אינסטאַנץ, וואָס ווערט געוויילט דורך אַלע אַרבעטער, וואָס באַשטימט אַליין זיין קאָמפּעטענץ און זיינע אַרבעטס־וועגן און נעמט אָן באַשלוסן מיט אַ מערהייט שטימען — אָדער אַ פעדעראַטיווע אינסטאַנץ, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט אויף אַ פּאַריטעטן אופן און אַרבעט אין די ראַמען פון אַ פון פאָרויס באַשרענקטער קאָמפּעטענץ, נאָר ביי אַן אַלגעמיינעם הסכּם, מיט וועטאָ־רעכט פאַר דער מינדערהייט? דער דאָזיקער וויכּוח צווישן די „פאַרייניקער״ און זייערע קעגנער האָט זיך געצויגן פון דאַן אָן ביז דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות הכּללית אין חיפה.

די דרייסטע — אַנדערע וועלן זאָגן: די אוטאָפּישע — פאָדערונג, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין פתח־תקוה, וועגן ליקווידירן די פּאַרטייען איז נישט רעאַליזירט געוואָרן. די טראַדיציע פונם עבר האָט גובר געווען דאָס אחריות־געפיל לגבי דער צוקונפט. דער ווילן פונם רוב אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט צו שאַפן אַ פולשטענדיקע און פולקאָמענע אחדות־העבודה

*) די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה.

(אַרבעטער-פאַרייניקונג), אָן געגנזנפּיסלעך, איז נישט דורכגעפירט געוואָרן אין דער גאַנצער מאָס. „אחדות העבודה", וועלכע איז געשאַפן אין פּתח-תקוה האָט נישט אַרומגענומען אַלע אַרבעטער. אָבער דער פאַרלאַנג צו פאַרייניקן, וואָס האָט זיך איינמאָל דורכגעשלאָגן מיט שטאַרקן ווילן און פלאַמיקן גלויבן, האָט זיך שוין מער נישט איינגעשטילט. עס זענען געקומען די חלוצים פון דער דריטער עליה — און דער קאַמף קעגן די נישטיקע כחצות האָט זיך באַנייט מיט פרישער ענעריע. די דריטע מחנה, וואָס איז צוגעקומען צו „אַחדות העבודה" און צו „הפועל הצעיר", — זי האָט אַנטשידן. עס איז צונויפגערופן געוואָרן דער חיפהער צוזאַמענפאָר און עס איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות (כ"ח כסלו תרפ"א).

די צווישנוואַנט איז איינגעבראָכן געוואָרן — אָבער זי איז נישט פאַרניכטעט געוואָרן מיטן יסוד. אָנשטאָט דער צעברעקלונג פון די אַרבעטער האָט מען אָנגעהויבן צו צעברעקלען די אַרבעט. די שרעק פאַר דער פאַרייניקונג האָט באַקומען אַ נייעם אָנהאַלט. „די אַלגעמיינע הסתדרות, וואָס וועט געשאַפן ווערן אויפן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר דאַרף זיין אַ מין קאָאָפּעראַציע פון די עקזיסטירנדיקע פאַרטייען" — אַזוי האָבן געטענהט פאַרן חיפהער צוזאַמענפאָר יענע, וועלכע זענען אין פּתח-תקוה אַוועק פון אחדות העבודה. און די אַרגומענטאַציע איז געווען אַ פּשוטע און פּרימיטיווע: די קאָלאָניזיר-אַרבעט פונם יידישן אַרבעטער האָט צוויי זייטן: פון איין זייט — די אַרבעט פאַר דער צוקונפט, די אידעע פון אַרבעט און שאַפן, די פּאָליטישע און קולטורעלע שטרעמונגען, דאָ גייען זיך די וועגן פונאַנדער און צעטיילן זיך, און דעריבער הערשט דאָ די פאַרטיי. און פון דער אַנדערער זייט — איז פאַראַן די געוויינלעכע אַרבעטס-זאָרג פונם אַרבעטער אַלס אַרבעטער, אַלס טרעגער פון עקאָנאָמישע באַדערפענישן אין *טאָג-טעגלעכן לעבן*. דידאָזיקע באַדערפענישן זענען געמיינזאַם אין אַ *גלייכער מאָס* פאַר אַלע אַרבעטער אָן אונטערשיד פון מיינונג און אָנשויאונג. די אַלגעמיינע הסתדרות און דער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר קענען און דאַרפן זיך באַשעפטיקן נאָר אָט מיט דער צווייטער זייט. דער „אַלגעמיינער הסכם" דאָס איז דער יסוד פאַר דער געמיינזאַמער טעטיקייט, און די פאַרייניקטע אַרבעט דאַרף באַזירן אויף די *מינימאַלע געמיינזאַמע פּונקטן*, וועלכע בילדן דעם שטח, וואָס אויף אים געפינען זיך אַלע אַרבעטער.

דער פעדעראַציע-געדאַנק איז פון דער ערשטער מינוט אָן געבונדן און געפלאָכטן מיט דער קאָמפּעטענץ-באַשרענקונג פון דער הסתדרות, ווייל איינס איז אַ פּועל-יוצא פונם אַנדערן.

דער ערשטער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר אין חיפה האָט, ווי באַקאַנט, נישט געשאַפן קיין „קאָאָפּעראַציע פון פאַרטייען" נאָר אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער — די הסתדרות. און די צוימען פון אויסרעדן און אָפּרעדן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין דער הסתדרות-קאָנסטיטוציע אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר, כדי צו דערפירן

צום ערשטן אַלגעמיינעם הסכם, זענען גאָר גיך צעבראָכן געוואָרן, אַדאַנק דעם לעבעדיקן און טעטיקן ווילן פון דער עקזיסטירנדיקער הסתדרות. די באַשרענקטער און באַגרעניצטער גופא האָבן אָנטיילגענומען אינם אויסברייטערן דעם טעטיקייטס-קרייז און די קאָמפּעטענץ פון דער הסתדרות, נישט קוקנדיק אויף דער פאָרמעלער קאָנסטיטוציע. אָבער דער פעדעראַטיווער געדאַנק, וועלכער האָט נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג אויפן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר, און וועלכער האָט נישט קיין סימן און קיין שפּור אין דער הסתדרות-קאָנסטיטוציע און אין איר אָרגאַנישן געבוי, איז נאָך פאַראַן. ער ווירקט אין פאַרשידענע קרייזן, און גראָד נישט בלויז אין די קרייזן פון זיינע שעפער. פון צייט-צו-צייט שווימט אויף דערדאָזיקער געדאַנק אין פאַרשידענע פאָרמען און געשטאַלטן, און ער איז אַ שטערונג און שטרויכלונג אין דער אַרבעט פון דער הסתדרות זייט איר גרינדונג ביז היינט.

דער חיפהער צוזאַמענפאָר האָט פּונקט ווי דער פּתח-תקוהער קאָנפערענץ, נישט מבטל געמאַכט די פּאַרטייען. נאָכמער, דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות האָט, אין קעגנזאַץ צו דער ערשטער פאַרייניקונגס-קאָנפערענץ, זיך אָפילו דאָס נישט געשטעלט פאַר זיין ציל, אין ער האָט גאָרנישט געשטרעבט אונטערצוברענגען די פּאַרטייען. אָבער אויב עמיץ מיינט, אַז די אידעע פון פּתח-תקוה איז שוין גרונטאויס אָפּגעפרעגט, האָט ער אַ טעות. נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות זענען די פּאַרטייען שוין נישט דאָס, וואָס זיי זענען פריער געווען.

עס האָבן זיך געענדערט — דער כּוח, די אויפגאַבע און די עקזיסטענץ-באַדינגונגען פון די פּאַרטייען. דער כּוח פון עקאָנאָמישער, קאָלאָניזאַטאָרישער, קולטורעלער טעטיקייט, וועלכער איז געווען קאָנצענטרירט ביי דער פּאַרטיי, איז אינגאַנצן אַריבער אין רשות פון דער הסתדרות. די הסתדרות האָט איבערגענומען נישט בלויז די זאָרג פאַר די טאָג-טעגלעכע באַדערפענישן פון אַרבעטער-קלאַס, ווי עס האָבן געמיינט די קורצזיכטיקע, נאָר זי האָט אויך קאָנצענטרירט אין אירע הענט אַלע אינסטיטוציעס, אָנשטאַלטן און טעטיקייטן, וואָס באַשטימען די היסטאָרישע-ליניע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. די הסתדרות האָט צו זאָגן איבער דער עליה, קאָלאָניזאַציע און דערציאונג פון דער אַרבעטערשאַפט. זי ווערט אַ מעכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אינם ישוב און אין לאַנד. אירע פאַרבינדונגען מיט חוץ-לארץ שטאַרקן זיך כּסדר: די פאַרבינדונגען מיט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, מיט דער החלוץ-באַוועגונג, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. ביסלעכווייז ווערט די הסתדרות אַ צענטער און אַ פאַקטאָר פון אַ וועלט-באַוועגונג, און זי פאַראייניקט אַרום זיך די אַלע כּוחות און ווילנס און שטרעבונגען פונם גאַנצן גלות, וועלכע זענען געווענדט אין דער ריכטונג פון דעם גרויסן היסטאָרישן אידעאַל פונם ארץ-ישראלדיקן יידישן אַרבעטער — אויפצובויען די אַרבעטס-געזעלשאַפט, פאַר דער פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פונם יידישן פאָלק.

די פּאַרטיי מחוץ דער הסתדרות האָט כּמעט פאַרלוירן יעדן אינהאַלט.

די מאַכט און איינפלוס, וואָס די פּאַרטיי האָט פריער פאַרמאָגט אַדאַנק די עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע אויפטועז, וועלכע זענען געווען אין איר רשות, און וואָס צוליב זיי האָט זיי געצוואונגען די אַרבעטערשאַפט זיך צו רעכענען מיט איר, אומאָפּהענגיק פון אירע מיינונגען און אָנשויאונגען — דערדאָזיקער כוח איז איצט ביי דער פּאַרטיי אָוועקגענומען געוואָרן. נישט די אַרבעטערשאַפט איז איצט אָפּהענגיק פון דער פאַרטיי, נאָר פאַרקערט. אויף וויפל די מיינונגען פון דער פּאַרטיי האָבן אַן אָנהאַנג צווישן דער אַרבעטערשאַפט — נאָר אויף אַזוי פיל האָט איצט די פּאַרטיי אַ באַדייטונג און אַ השפעה. דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן דער פּאַרטיי — איז איר גייסטיקער פאַרמעג. די פּאַרטיי קען כמעט גאָרנישט טון לויט איר אַליינקן איינזען — זי איז אָפּהענגיק פון וואַלן, פון דער מיינונג פון דער ברייטער עפנטלעכקייט, וואָס איז אויסער איר. די פערזענלעכקייטן פון דער פּאַרטיי און אירע פריער פאַרמאָגן אַ קראַפט, אויף וויפל ־ער גרויסער עולם, נישט פּאַרטיי-מיטגלידער, שענקן זיי צוטרוי און ווײלט זיי.

די מאַכט פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון איר באַגרעניצטן מיטגלידער-קרייז, האָט איבערגענומען די קלאַסן-דעמאָקראַטיע. דורך דער הסתדרות איז געשאַפן געוואָרן אַ מין אַרבעטער-מלוכה, אַן אויטאָנאָמע מאַכט פונם אַרבעטער-קלאַס. דער פונדאַמענט פון דערדאָזיקער קלאַסן-אויטאָנאָמיע — זענען די דעמאָקראַטישע וואַלן, אַלגעמיינע, גלייכע; עס איז די לייטונג, וואָס ווערט געוויילט דורך דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע אירע טאַטען פאַר דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט. נישט קיין אָפּגערעדטע זעלבסטשטענדיקע פּאַרטייאישע קערפּערשאַפטן, נישט קיין פּאַריטעטע קאָמבינירונגען, וואָס ווערן באַשטימט דורך די פּאַרטייען, — נאָר פרייע וואַלן און אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אַנטשיידונג פון דער אַרבעטער-מערהייט ביי יעדער פראַגע און ביי יעדן ענין, וואו די מיינונגען פון דער אַרבעטערשאַפט און פון איר געוויילטע פאָרשטעער גייען זיך פונאַנדער. די מאָראַלישע באַזע פון דער הסתדרות איז נישט די גלייכהייט פון די פּאַרטייען — נאָר די גלייכהייט פון די מיטגלידער.

אין האָב פריער אונטערגעשטראָכן „אַ מין" אַרבעטער-מלוכה, ווייל דערדאָזיקער פאַרגלייך איז עלול צו פאַרפירן מיט זיין איבערטרייבונג. די הסתדרות פאַרמאָגט נישט די צוואַנגס-קראַפט און צוואַנגס-מאַכט — די קלאַסישע סימנים פון אַ מלוכה. די דיסציפּלין, וואָס די הסתדרות וואַרפט אַרויף אויף אירע מיטגלידער, איז אַ קאָלעקטיוו זעלבסט-דיסציפּלין, אַן אָפּהענגיקע פון „פרייען" אָפּמאַך. דער קראַפט-קוואַל און די אינערלעכע שטאַרקייט פון דער הסתדרות זענען אין תוך-גענומען ריין מאָראַלישע, און זיי שטיצן זיך אויפן קלאַסן-באַוואוסטזיין און אויף דער קענט-

זייטיקער אַחריות פון דער אַרבעטערשאַפט. די מיטגלידערשאַפט איז נישט קיין געצוואונגענע – זי פליסט אַרויס פונם ווילן און „פרייען" הסכם פון יעדן מיטגליד, הגם דער דאָזיקער ווילן און „פרייער" הסכם באַזירן אויף שטאַרקע, כמעט צווינגנדיקע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און אינער-לעכע פאַקטאָרן און געבאָטן. די צוגעהעריקייט צו דער הסתדרות האָט טיפע וואָרצלען אין דער ווירקלעכקייט, אין די לעבנס-באַדערפענישן אין אינערלעכער איינשטעלונג פון די אַרבעטער, און ס'איז נישט אַזוי גרינג פון דערדאָזיקער צוגעהעריקייט זיך צו באַפרייען. און אויב פּאָר יחידים איז נאָך דאָס אַרויסטרעטן פון דער הסתדרות נישט באַזונדערס שווער און ווייטיקלעך, איז פאַר געזעל-שאַפטלעכע קערפּערשאַפטן – פאַר קאָלעקטיוון, פּאַרטייען א. ד. ג. – דער אַרויסטריט פון דער הסתדרות אָדער דאָס ברעכן עפנטלעך און באַוואוסט-זיניק איר דיסציפּלין — זענען כמעט אויסגעשלאָסענע זאַכן.

יאָ דאָס אַלץ איז ריכטיק בנוגע אַ פּאָזיטיוון, בולטן, אָפענעם דיסציפּלין-ברוך. אַנדערש איז מיט אַ נעגאַטיוון, באַהאַלטענעם, שטילן סאַבאָטאַזש לגבי דער הסתדרות. נישטאָ קיין גריגנערע און באַקוועמערע זאַך, ווי אַרויסדרייען זיך פון הסתדרותישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אָפּזאָגן זיך פון מיטטראָגן איר לאַסט. נישטאָ עפּעס גרינגערס פון אויפהערן דערפילן די געבאָטן פון דער הסתדרות און ווערן איר אומטריי. אַזעלכע זאַכן געהערן פולשטענדיק צו דער אינערלעכער איבערצייגונג און צום פּערזענלעכן אחריות-געפיל — סיי ביים יחיד און סיי אויך ביי אַ קאָלעקטיוו אָדער ביי אַ פּאַרטיי. אין דער דאָזיקער ספערע איז די הסתדרות כמעט הילפלאָז און פאַרמאָגט נישט קיין שום כוח צי צווינגען און באַפעלן. **און אין אָט אָ דער שוואַכקייט פון דער הסתדרות כאַפּט זיך פּאַקטיש אַ די דער פעדעראַ-טיווער געדאַנק.**

ביים שוואַכן אָרט פון דער הסתדרות האָט די פּאַרטיי אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרפעסטיקן און צו פאַרלאַנגען פאַר זיך ספּעציעלע פּריווילעגיעס און אַ ווירקונגס-און מאַכט-כוח, וואָס קומט נישט פונם קוואַל פון הסתדרותישן ווילן, וועלכער דריקט זיך אויס און אַנטפּלעקט זיך דורך וואַלן און דורך דער עפנטלעכער און געזעלשאַפטלעכער באַהאַנדלונג פון די פאַרשידענע שטעלונגען, מיינונגען און אָנשויאונגען פון די הסתדרות-גרופּעס.

דער פעדעראַטיווער געדאַנק, דער געדאַנק וועגן פּאַרטייאישן פּאַריטעט אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, שטיצט זיך, באַוואוסט און אומבאַוואוסט, אויף דער אינערלעכער שוואַכקייט, וואָס איז פאַראַן אין דער הסתדרות, און דערמיט פאַרגרעסערט ער נאָך און פאַרשטאַרקט די דאָזיקע שוואַכקייט. דער פעדעראַטיווער געדאַנק מאַכט זיך נישט ווייסנדיק פון די מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע כוחות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די הסתדרות, און דערמיט שוואַכט ער אָפּ און פאַרמינערט די דאָזיקע כוחות. ער שעפּט זיין אינערלעכע זיכערקייט נישט פונם ווילן און פעאיקייט פון דער פּאַרטיי

צן העלפן דער הסתדרות – נאָר פון איר מעגלעכקייט איר צו שאָדן.

דער פּאַריטעט באַפרייט די פּאַרטיי פון דער צוגעבונדנקייט צו דער הסתּדרותישער עפנטלעכער מיינונג און פון דער געזעלשאַפטלעכער באַהאַנדלונג און קאָנטראָל. סיי ווען די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט איז מסכּים צו דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי און צו אירע באַזונדערע וועגן און סיי ווען זי איז קעגן דעם — פאַרזיכערט דער פּאַריטעט לכתּחילה די מאָס פון מאַכט און השפּעה פון דער פּאַרטיי.

דער פּעדעראַטיווער געדאַנק מאַכט אַזוי אַרום צונישט די קלאַסן־אויטאָנאָמיע און צעשטערט דעם ווילן פון דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, און ער קען נישט הויזן אינאיינעם מיטן פּרינציפּ פון געוויילטע אַנשטאַלטן און פון פולער עפנטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער פּעדעראַטיווער געדאַנק, נישט בלויז, וואָס ער גראָבט אונטער די מאָראַלישע יסודות פון דער הסתּדרות און שוואַכט אָפּ איר כּוח כּלפּי פּנים – נאָר ער פאַרקלענערט אויך די פּראַקטישע אַרבעטס־פעאיקייט פון דער הסתּדרות און ער פאַרמינערט איר אָנזען און באַדייטונג כּלפּי חוץ.

נישט נעקוקט אויף דעם וואָס די הסתּדרות עקזיסטירט שוין פיר יאָר, האָט זיך נאָך אין די הערצער און אין די מוחות פון די חברים נישט איינגעוואָרצלט און נישט פאַרטיפט זיך און פאַרפעסטיקט דאָס הסתּדרותישע באַוואוסטזיין. יעדע כוואַליע פון אַ נייער עליה, „אשר לא ידעו את יוסף", וואָס האָט נישט דורכגעלעבט דעם גאַנצן ווייטיק און פּיין און מאַטערנישן, וועלכע מיר אַלע, אין אונזערע פאַרשידענע שטרעמונגען און פּאַרטייען, האָבן געהייטיקט און געליטן און דורכגעטראָגן ביז מיר זענען דערגאַנגען צו דער פאַראייניקונג און ביז מיר האָבן מיט זאָרג און אומרו, מיט האָפענונג און גלויבן געשאַפן די איינהייטלעכע, אַלגעמיינע, ריכטיקע טריבונע, — יעדע כוואַליע פון נייע עולים ברענגט אַריין אין לאַנד באַגריפן און פאַרהעלטנישן, וואָס פּאַסן זיך נישט צום כאַראַקטער פון דער הסתּדרות, וועלכע פאַראייניקט און שמידט־צונויף אונז אַלעמען אין אַרבעט און טעטיקייט, אין שאַפונג און קאַמף, אין טעגלעכן לעבן און אין זאָרג פאַר צוקונפטס־פּראָבלעמען.

ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז די שווערע לאַגע, וועלכע האָט זיך געשאַפן אין דער הסתּדרות אין לעצטן האַלבן יאָר, די פּיינלעכע פּאַרטייאישע סכסוכים און רייבונגען, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט די הסתּדרות און שווער געשטערט דער טעטיקייט פון אירע פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטאַנצן — שטאַמען נישט בלויז פון די אַטאַוויסטישע נטיות, וואָס דערוועקן זיך פון צייט צו צייט דאָ און דאָרט, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך פון די פונדרוסנדיקע אָנשויאונגען, פון די פרעמדע פאַרהעלטנישן, וואָס עס האָבן מיט זיך געבראַכט די נייע עולים, וועלכע האָבן זיך איינגעפעסטיקט אין די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען און זיי גייסטיק באַאיינפלוסט.

און ס'איז נאָך פאַראַן אַ באַדערפעניש איצט, ווען ס'איז שוין געוואָרן

פיר יאָר זייט די הסתדרות עקזיסטירט — און די באַדערפעניש װעט זיך נאָך אומקערן פון צייט צו צייט — צו דערמאָנען און אויפצוקלערן און צו באַטאָנען, אַז אויפן חיפהער צוזאַמענפאָר איז געגרינדעט געוואָרן נישט קיין פעדעראַציע פון פּאַרטייען, װאָס געוועלטיקן איבער דער אַרבעטערשאַפט א דאַנק קאָנגלאָמעראַציעס, נאָר אַ אײנהייטלעכע און איינציקע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער-קלאַס, װעלכע איז זעלבסטשטענדיק און איז אַליין אַ בעל-הבית איבער איר גורל, װעלכע װײַלט אויס אירע שליחים און באַשליסט װעגן אַלע אירע ענינים און באַדערפענישן װי אַ דעמאָקראַטישע און אויטאָנאָמע מאַכט: דורך אַלגעמיינע איינשטימונג, װען ס'זענען נישטאָ קיין חילוקי-דעות, און דורך דער אַנטשיידונג פון דער מערהייט, װען די מיינונגען גייען זיך פונאַנדער.

דאָס הייסט נאָך נישט, אַז נאָכן גרינדן די הסתדרות איז אויס מיט דער פּאַרטיי און זי האָט נישט מער קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג. װער עס דערזעט נישט די פּאַרטיי צוליב דער הסתדרות איז זיך טועה נישט װייניקער, װי דער, װאָס דערזעט נישט די הסתדרות צוליב דער פּאַרטיי.

תל-אביב, י״ג טבת תרפ״ה [קונטרס רא]

ג. די פּאַרטיי און די הסתדרות

אין דער אַרבעטער-באַװעגונג אין לאַנד הערט זיך איצט דער רוף צו פּאַרייניקונג. דער רוף קומט מיטאַמאָל פון פאַרשידענע חברים נישט אָפּגערעדטערהייט. און ער איז נישט ניי דערדאָזיקער רוף.

נישט היי-יאָר און נישט פאַר זעקס יאָרן איז ניי-געבוירן געוואָרן די פּאַרייניקונגס-פראַגע אין אונזער באַװעגונג. זייט דער יידישער אַרבעטער אין ארץ-ישראל האָט דערקענט זיין גרויסן און שווערן גורל און די גרויסע און שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט ער רוען נישט געקענט פאַרוואָס עס קומט נישט קיין פּאַרייניקונג. און ביז די פּאַרייניקונג װעט נישט פאַרווירקלעכט װערן פולשטענדיק און רעשטלאָז — װעט ער נישט איינרוען.

אָבער מיר דאַרפן װיסן: נישט היינט און נישט מאָרגן און אַפילו נישט איבערמאָרגן װעט עס געשען. דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-קלאַס װעט נישט דורכפירן זיין פּאַרייניקונג כּל-זמן ער װעט נישט פאַרענדיקן זיין אייגענע' אויסבויאונג. דער אַרבעטער-קלאַס אין לאַנד עקזיסטירט נאָך נישט. ער האַלט ערשט אין װערן. די עליה שאַפט אים און בויט אים אויס אין שווערע און אומאויפהערלעכע געבורטװייען. און דידאָזיקע חבלי-לידה באַגלייטן אויך די פּאַרייניקונגס-באַװעגונג.

זייט עס זענען מיט צוואָנציק יאָר צוריק אַנטשטאַנען די ערשטע צוויי אַרבעטער-פּאַרטייען אין לאַנד — האָט נישט אויפגעהערט די פּאַריי-ניקונגס-אַקציע אין אונזער אַרבעטער-באַװעגונג.

דער ערשטער פאַרייניקונגס-פּרואוו, וועלכער איז מיר באַקאַנט דורך זעלבסטבאַטייליקונג אין אים, איז געמאַכט געוואָרן אין פּתח-תקוה אָנהויב ווינטער תרס״ז. דער „פאַרייניקונגס״-פּלאַן איז דאַן געווען זייער אַ באַשיידענער: אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער פון דער קאָלאָניע אין איין אַלגעמיינעם פאַריין, וועלכער זאָל פירן די אַרבעטער-קיך (דאָס איז דאַן געווען די איינציקע „אַרבעטער-ווירטשאַפט״ אין לאַנד), וואָס האָט ביז דאַן געהערט צו דער פּאַרטיי, גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע וועשעריי און פאַרזאָרגן מיט אַרבעט אַלע אַרבעטער.

כמעט אַלע אַרבעטער פון דער קאָלאָניע זענען צוגעשטאַנען צו דערדאָזיקער „פאַרייניקונג״: אַלע חברים פון פּועלי-ציון (זיי זענען געווען די איניציאַטאָרן), אַלע אומפּאַרטייאישע און די מערסטע „הפּועל-הצעיר״-ניקעס. די פירער פונם הפּועל-הצעירשן צענטראַל-קאָמיטעט אין יפו (וועגן תל-אביב האָט נאָך קיינער אין יענער צייט נישט געחלומט) האָבן זיך צוליב עפּעס דערשראָקן פאַר דער פאַרייניקונג און זיי זענען גיך געקומען קיין פּתח-תקוה איינרעדן זייער חברים, זיי זאָלן נישט צושטיין צום פאַריין. די אָרטיקע חברים פון „הפּועל-הצעיר״ האָבן זיך אַ געוויסע צייט געראַנגלט מיט זייערע פירער, אָבער צום סוף האָט געזיגט די דיסציפּלין פון פּאַרטיי-צ. ק. — און די „פאַרייניקונג״ איז נישט צושטאַנדגעקומען.

דער פּרואוו, וואָס איז נישט געלונגען אין פּתח-תקוה, האָט זיך גוט איינגעגעבן אין גליל. אפשר צוליב דעם, ווייל דאָס אָרט איז געווען ווייט פון יפוער פּאַרטיי-צענטער. קיין אַרבעטער-פּרעסע איז נאָך דאַן אין לאַנד נישט געווען. וועגן אַ באַן-ליניע צום גליל איז קיינעם אַפילו נישט איינגעפאַלן, און די קאָמוניקאַציע צווישן יהודה און גליל איז כמעט אויסגעשליסלען געווען אַ צו-פיסיקער. און דאָס גיין קיין גליל איז געווען אַ מין געשעעניש, וואָס פלעגט נישט טרעפן יעדן טאָג, אַפילו נישט יעדן חודש. אין דערזעלבער צייט, ווען די פירער פון „הפּועל-הצעיר״ האָבן אין פּתח-תקוה געקעמפט קעגן דעם גרינדן אַן אַלגעמיינעם אומפּאַרטייאישן אַרבעטער-פאַריין — האָט זיך אָרגאַניזירט אין סעדזשערא (סג׳רה) דער „החורש״, וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע אַרבעטער פון גליל התחתון (סעדזשערא, ימה, מסחה און מלחמיה) און האָט אָנגעפירט מיט אַלע אַרבעט-ענינים אין די גליל-קאָלאָניעס. די צאָל פון די אַרבעטער אין גליל האָט דאַן דערגרייכט ביז אַ פופציק-זעכציק, אַ צאָל, וואָס זעט איצט ביי אונז אויס כמעט לעכערלעך, אָבער דאַן איז עס געווען אַ כוח. אינם ועד פון „החורש״ זענען געווען מיטגלידער פון ביידע פּאַרטייען — און איך געדענק נישט אַפילו קיין איין פאַל, אַז עס זאָלן טרעפן חילוקי-דעות אין דער אַרבעט לויט דער פּאַרטייאישער ליניע. די פּאַרטייאישע מחיצות זענען פאָרמעל נישט בטל געוואָרן, אָבער די פּאַרטייאישע קעגנזאַצן האָבן זיך אינגאַנצן נישט געלאָזט פילן אין דער טעטיקייט פון „החורש״.

נאָך דער ליקווידירונג פון „החורש״ איז געקומען די תקופה פון די ועדי-הפּועלים (אַרבעטער-קאָמיטעטן) אין די קאָלאָניעס. אויך דידאָזיקע

אלגעמיינע ארבעטער-אינסטיטוציע, וועלכע איז היינט, דאכט זיך, אזוי נאטירלעך, פשוט און נויטיק — איז דאן געלונגען צו ארגאניזירן ערשט נאך אנשטרענגונגען און קאמפן, וועלכע האבן געדויערט עטלעכע יאר.

אין יאר תרע״א, אנהויב זומער, זענען געגרינדעט געווארן די ערשטע לאנדווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס, פריער אין גליל, דערנאך אין יהודה. אויך דא זענען געווען שווערע פארייניקונגס-חייען, און א לאנגע צייט האבן נישט אויפגעהערט די רייבונגען און סכסוכים מיט דער פארטיי, וואס האט געקוקט מיט א קרום אויג אויף דער קאלאניזאטארישער טעטיקייט פון דער ארגאניזאציע. די פארטיי האט פארלאנגט, אז די ארגאניזאציע זאל זיין בלויז א „פראפעסיאנעלע״. אבער סוף-כל-סוף האט געזיגט די הסתדרות און צעבראכן די ענגע „פראפעסיאנעלע״ ראם.

אין יאר תרע״ג איז געמאכט געווארן א פרואוו צו שאפן א „פאריי-ניקטן ועד פון די ארץ-ישראלדיקע ארבעטער״ (ועד מאוחד של פועלי-א״י). אין דעם ועד זענען געווען באטייליקט די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער פון יהודה, די ארבעטער פון גליל און דער „השומר״. אבער דערדאזיקער ועד האט זיך לאנג נישט געהאלטן. ערשט ביים סוף פון דער וועלט-מלחמה איז געשאפן געווארן אן איינהייטלעכע לאנדווירטשאפטלעכע ארגאניזאציע פארן גאנצן לאנד, — דאס איז געשען אויף דער פארייני-קונגס-קאנפערענץ אין פתח-תקוה, וואו עס זענען זיך דאס ערשטע מאל צונויפגעקומען אלע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אין לאנד אויף אן אלגעמיינער קאנפערענץ (כ״ד אדר א׳ תרע״ט).

די צוויי גרויסע פאריינקונגס-אויפטועו פון דער לעצטער צייט לעבן נאך אין זכרון פון א גרויסן טייל פון דער ארבעטערשאפט אין לאנד: די ציוניסטיש-סאציאליסטישע פאריניקונג אין דער „אחדות העבודה״ אין פתח-תקוה (אדר תרע״ט) און די אלגעמיינע פאריניקונג אין דער הסתדרות אין חיפה (כסלו תרפ״א).

מען דארף נאך צוגעבן די לעצטע פאריניקונג, וועלכע איז אויך צושטאנדגעקומען אין פתח-תקוה — דאס צושטייַן פונם „הפועל המזרחי״ צו דער הסתדרות (חשון תרפ״ה).

אין פתח-תקוה איז צום ערשטן מאל אוועקגעשטעלט געווארן די פאריניקונגס-פראגע אין איר גאנצן פארנעם און אין דער גאנצער טיף. דאס פאריניקונגס-פראגראם פון „אחדות העבודה״ האט אויסגעשעפט דעם גאנצן אינהאלט פון דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטער-באוועגונג. דאס דאזיקע פראגראם איז געבויט געווארן אויף דער איבערצייגונג און אויף דעם טיפן גלויבן, אז אין לאנד לעבט אן ארבעטערשאפט, וואס איז געשלאסן און אייניק אין איר ארבעטס-וועג און לעבנס-ציל. עס איז געווען די איבערציי-גונג, אז דער ארבעטער-קלאס אין לאנד האט פאר זיך נישט בלויז קלאסן-צילן, נאר אויך פאלקס-צילן; אז די היסטארישע מיסיע פונם ארבעטער-

קלאַס איז — אָפּשאַפן די קלאַסן און איבערבויען דאָס גאַנצע פאָלקס־לעבן אויף אַ פרייער און גלייכרעכטיקער אַרבעטס־געזעלשאַפט; אַז דער גרויסער כוח, וואָס וועט אויפבויען דעם אַרבעטנדיקן קלאַס און וועט פאַרווירקלעכן זיין היסטאָרישן ציל — איז אַ גרויסע פאָלקס־עליה אינדערשפּיץ מיט אַ חלוצישער עליה, וועלכע וועט דורכלייגן דעם וועג פאַרן אַרבעטנדיקן און דעראָבערנדיקן קלאַס; און אַז איינע פון די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציל פון אַרבעטער־קלאַס, איינע פון די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם איז — די גענצלעכע און פולשטענדיקע פאַראייניקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע צווייגן און טיילן.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, וואָס אחדות העבודה האָט אוועקגעשטעלט אין צענטער פון איר פּראָגראַם, איז נישט געווען די אַבסטראַקטע, נאַקעטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעע פון די טעאָרעטיקער אין גלות— נאָר די לעבנס־ און שאַפונגס־לערע פונם ארץ־ישראלדיקן יידישן אַרבעטער, וועלכע ער האָט זיך אויסגעאַרבעט במשך פופצן יאָר אַרבעט, שאַפן און קאַמף. עס איז געווען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, וואָס איז פאַרקערפּערט און פאַרווירקלעכט געוואָרן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין ווילן און באַגערן, וועלכע זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין די אויפטוען פון דער אַרבעט און דער קאָלאָניזאַציע, פון דער קולטור און דער שמירה.

ביי דער אַרבעטערשאַפט איז רייף געוואָרן די איבערצייגונג, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום זינען, יסוד, רעכט און באַרעכטיקונג פאַר די פּאַרטייאישע צעשפּאָלטנקייטן און אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּליטערטקייטן, און אַז בלויז אַ דאַנק די געוואוינהייטן פון אַ נישטיקער און פרוכטלאָזער טראַדיציע עקזיסטירן די קינסטלעכע מחיצות, וואָס צעברעקלען, שוואַכן־אָפּ און ברענגען שאָדן. מיט אַ מעכטיקער קראַפט האָט אַרומגענומען אַלע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט אַ פלאַמיק געפיל, אַז אין דעם מאָמענט ווען מיר שטייען אויף דער שוועל פון דער נייער, ברייטער עליה, מיט אירע גרויסע מעגלעכקייטן און גרויסע שוועריקייטן, איז אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע און שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ וויכטיקע שליחות פאָרצובאַרייטן דעם וועג פאַר דער אַקלימאַטיזירונג פון דער עליה אין דער אַרבעט, אין דער קאָלאָניזאַציע, אין דער קולטור, אין דער שפּראַך. אויף דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צונויפצונעמען און צוזאַמענקלייבן אין לאַנד און אין חוץ־לארץ אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אויסבילדן פון זיי איין שטאַרקע און איינפלוסרייכע איינהייט, כדי צו לענקען די גאַנצע קאָלאָניזאַטאָרישע און פּאָליטישע טעטיקייט אין דער ריכטונג פון אויפבויען די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל אין רשות פון די אַרבעטער און באַוועלטיקן די אַרבעט און לעבן פון לאַנד און פאָלק.

ווי אַ פלאַם האָט זיך אָנגעצונדן און זיך פונאַנדערגעברענט די פאַ־רייניקונגס־שטרעבונג אין דער אַרבעטערשאַפט, אין אַלע אירע גרופּירונגען און פאַרטייען, די שטרעבונג צו אַ גענצלעכער, פולשטענדיקער און רעשט־לאָזער פאַרייניקונג. צו דער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד נאָך פון פאַר דער מלחמה האָבן דער אויסגעשטרעקט אַ חברישע האַנט אויך די ערשטע חלוצים פון דער דריטער עליה, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אַריין צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנישע לעגיאָנען.

אויף דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ אין פתח־תקוה, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל צונויפגענומען אַלע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, האָט די פאַ־רייניקונגס־באַוועגונג דערגרייכט איר קולמינאַציע־פונקט — און פונדעסטוועגן האָט זי נישט געהאַט דעם נויטיקן כוח פולשטענדיק גובר צו זיין די פאַרקלאַפּונג צו דער טראַדיציע.

עס איז נישט גרינג אָנגעקומען די עטלעכע ניין־זאָגערס צו צעשטערן די גענצלעכע און פולשטענדיקע פאַרייניקונג. פון די זעכציק דעלעגאַטן, וועלכע זענען געווען אויף דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפע־רענץ, האָבן אַכט און פערציק, פאַרטייאישע און אומפאַרטייאישע, געענטפערט: י אָ. קיינער האָט נישט געהויבן די האַנט קעגן, און בלויז צוועלף האָבן זיך אָפּגעהאַלטן ביי יענער אָפּשטימונג. און ערשט נאָך אַ קינסטלעכער איזאָלאַציע הינטער די פּאַרטיי־קוליסן, אין אַ צעהיצטער אַטמאָספער פון אינטים־פאַרטייאישע באַציאונגען, איז עס געלונגען די קעגנער פון דער פאַרייניקונג, נאָך אַ שווערן געראַנגל און מיט מאַטערניש, אַרויסצובאַקומען פון די דערמאָנטע צוועלף דעלעגאַטן זייער נעגאַטיווע שטימע.

די גרויסע פאַרייניקונגס־אַקציע אין פתח־תקוה האָט באַרייכערט און באַפרוכפּערט די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, כאָטש עס איז נישט באַפרידיקט געוואָרן איר גאַנצער ווילן. עס איז געשאַפן געוואָרן „אחדות העבודה", וועלכע האָט דערהויבן דעם אָנזען פון יידישן אַרבעטער אַלס דאָמינירנדיקן פּראָלעטאַריש־נאַציאָנאַלן כוח אין ישוב, און וועלכע האָט דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר דער שאַפונג פון דער הסתדרות.

עס איז אָנגעקומען די דריטע עליה. די צאָל נייע עולים האָט ציפערמעסיק איבערגעשטיגן די אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז געווען אין די פּתח־תקוהער צייטן אין לאַנד. מיטן כוח פון דער נייער עליה האָט זיך געשטאַרקט די פאָדערונג צו אַלגעמיינער פאַרייניקונג — און ס'זענען געקומען די טעג פון חיפה. דאָס מאָל איז נישט אזוי געגאַנגען אין אַ פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ר פאַרייניקונג — ווי אין אַן אַ ל ג ע מ יי נ ע ר פאַרייניקונג. די פּלאַטפאָרם פון דער נייער פאַרייניקונג, וועלכע ס'האָט אויסגעאַרבעט „אחדות העבודה" איז אויפן חיפהער צוזאַמענפאָר אָנגענומען געוואָרן פּמעט וואָרט־ביי־וואָרט און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — די הסתדרות.

עס איז געשאַפן געוואָרן דער גרויסער אינסטרומענט, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד און וועלכער איז בכוח אויסצושעפּן

מיט זיין טעטיקייט אַלע נאַציאָנאַלע און קלאַסן-צוועקן פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, — אויב אין עס וועט ווירקן אַ אָנפירנדיקע, ווילנשטאַרקע און מעגלעכקייטן-רייכע פּאַרטיי, וואָס זאָל לענקען זיינע טאַטן און זאָל זיי געבן די ריכטונג פונם סאָציאַליס-טישן ציוניזם.

מיטן גרינדן די הסתדרות האָבן זיך געענדערט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרהעלטענישן און באַדינגונגען אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, און די טעטיקייטס- און ווירקונגס-וועזן זענען אַריבער אין אַ נייער ריכטונג. דער כוח פון דער פּראַקטישער אַרבעט האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער הסתדרות, און די אָנפירונג, ריכטונג און ווירקונג זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פּאַרטיי.

אין יסוד פון דער הסתדרות איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן קיין פּראָגראַמאַטישע סיסטעם און ריכטליניע. עס איז בלויז געשאַפן געוואָרן די אַלגעמיינע ראַם, אַ ראַם פאַר אַלע אַרבעטן, טעטיקייטן און אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאַס. פון דער דאָזיקער ראַם האָט מען ספּעציעל אויס-געשלאָסן דעם געביט פון מיינונגען, אָנשויאונגען, גלויבנס און אידעען. די הסתדרות פרעגט נישט אויפן „אני מאמין" פון אירע מיטגלידער, זי איז די אָרגאַניזאַציע פונם קלאַס אַזוי ווי ער איז. יעדער אַרבעטער, אַפילו ווען ער אָנערקענט נישט אַלע פּרינציפּן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד, ווען ער האַלט נישט פון איר נאַציאָנאַלער צי פון איר קלאַסן-אויפגאַבע אָדער ווען אַפילו פון ביידע נישט — איז ער נאָך אַלץ אַ בירגער אין דער הסתדרות, כל זמן ער ברעכט פּראַקטיש נישט איר דיס-ציפּלין. די איינציקע פליכט, וואָס די הסתדרות לייגט אַרויף אויף אירע מיטגלידער — איז די דיסציפּלין פון טאַט. אָבער דער כאַראַקטער פון דער טעטיקייט, וואָס די הסתדרות פאַרפליכטעט מיט איר דיסציפּלין די מיטגלידער, איז נישט אַריינגענומען פון פאָרויס אין דער ראַם פון הסתדרות.

די טעטיקייט, ריכטונג, וועג און ליניע פון דער הסתדרות זענען אָפּ-הענגיק און באַדינגט פונם ווילן און פון דער מעגלעכקייט פון די פאַרשידענע כוחות, וואָס ווירקן און דעצידירן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד, אין די ראַמען פון דער הסתדרות.

אין די צייטן פון פתח-תקוה זענען די כוחות אין דער ארץ-ישראל-
דיקער אַרבעטער-באַוועגונג געווען פאַרייניקט דורך זייער אַרבעטס-וועג און
דורך זייערע אינערלעכע שטרעבונגען, כאָטש אָרגאַניזאַציאָנעל זענען זיי
געווען צעריסן און צעטיילט. פופצן יאָר געמיינזאַמע אַרבעט און דערפאַ-
רונג האָבן צענויפגעשמידט די אַרבעטערשאַפט און געמאַכט פון איר איין
געזעלשאַפטלעכע גאַנצקייט. אָבער פתח-תקוה-צונופקום
איז געווען אַן איינציקער אין זיין
צייט. מיטן אָנקומען פון דער נייער עליה האָט זיך די לאַגע גע-
ענדערט.

די עליה פירט נישט בלויז אַריבער די טויזנטער אַרבעטס-עולים
פון גלות קיין ארץ-ישראל — נאָר זי ענדערט און האַנדלט-אום זייער
גאַנצן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבנס-שטייגער. די
אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל איז נישט קיין פאָרזעצונג און קיין
קאָפּיע פון דער אַרבעטער-באַוועגינג אין גלות. אין דער יידישער אַרבעטער-
באַוועגונג אין די גלות-לענדער איז נישטאָ קיין וואוקס דורך אַן עליה
און ס'זענען נישט פאַראַן די פראַגעס וועגן אויפנעמען די עליה. דער
יידישער אַרבעטער אין די גלות-לענדער באַשעפטיקט זיך נישט מיט קאָ-
לאָניזאַציע און ער פילט זיך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון אויפ-
בויען די ווירטשאַפט. זיין קלאַסנקאַמף איז אָרים אין אינהאַלט, באַשרענקט
און באַגרענעצט מיט לוין-פראַגעס און טאָג-טעגלעכע אַרבעטס-באַדינגונגען.
ער האָט נישט דאָרט די פּראָלעטאַריש-נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צו מאַכן
געוועלטיקן די אַרבעט אינם לעבן פון פאָלק און ער האָט נישט צו טאָן
מיטן גאַנצן קנויל פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון טעריטאָריאַלער דעראָבערונג.
דער עצם עקאָנאָמישער אין געזעלשאַפטלעכער געבוי זיינער איז אַן איינ-
זייטיקער, ער איז איינגעשלאָסן אין עטלעכע אַרבעטס-פאַכן, וועלכע האָבן
נישט קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד.

די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג איז אַ נייע שאַפונג, אַ
רעזולטאַט פון אַ שווערער און טיפער רעוואָלוציע, און די דאָזיקע שאַפונג
אַנטוויקלט זיך לויט די געזעצן, וואָס באַשטימען די אויפנאַם-קראַפט פון
דער עליה און דעם וואוקס פון דער עקאָנאָמיק און קולטור אין לאַנד.
די געזעלשאַפטלעכע אָפּשטאַמונג, די פּראָלעטאַרישע דערציִונג, דער עקאָנאָ-
מישער כאַראַקטער, דער באַגאַזש פון געדאַנקען און מאָראַלישע ווערטן
פונם אַרבעטער איידער ער קומט קיין ארץ-ישראל האָבן אים נישט צוגע-
גרייט לכתחילה צו די אויפגאַבן, וועלכע ער דאַרף דערפילן אין לאַנד,
אין דער אַרבעט, קולטור, אינם דערוועקן די שפּראַך, אין דער קאָלאָני-
זאַציע, אין אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער אין לאַנד ווערט אַוועקגעשטעלט
פאַר דער באַדערפעניש פון אַ ווערטן-איבערשאַצונג אין דער גאַנצער
לעבנס-אויפפאַסונג, אין דער אַרבעט, אינם לעבנסשטייגער, אין דער אָנער-
קענונג פון זיינע אויפגאַבן און פון דער פּראָלעטאַרישער און נאַציאָנאַלער

אחריות. די דאָזיקע ווערטן-איבערשאַצונג איז פאַרבונדן מיט שווערייקייטן און גרויסע שטערונגען און עס ווערט נישט געמאַכט איבער נאַכט.

קינדער פונם בעל-הביתישן קלאַס, וועלכע ווערן אין לאַנד אַרבעטער, ברענגען מיט זיך מיט די כּלומרשט-נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע, וואָס דערווייטערט זיך פון אַרבעטער-קלאַס און זאָגט זיך אָפּ פון זיין קלאַסנקאַמף און פון זיין מיסיע צו מאַכן געוועלטיקן די אַרבעט אין לעבן פונם פאָלק און פונם לאַנד. און די דערצויגענע אין דער גלותדיקער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע ברענגען אַריין אין לאַנד אַ פרעמדקייט און אומפאַרשטענדניש פאַר די נאַציאָנאַל-פּראָלעטאַרישע אויפגאַבן פונם יידישן אַרבעטער אין דער עליה, אין דער קאָלאָניזאַציע און קולטור-אַרבעט. די וועגן פון זייער דענקען און טון זענען נישט צוגעפּאַסט צו די אַרבעטס-באַדערפענישן אין לאַנד.

און ערשט נאָכדעם, ווי די דאָזיקע פּולפּרצופּדיקע און פילסתירהדיקע עליה רייסט זיך אָפּ מיטן גאַפּל פון איר קראַנקער און פּרוכטלאָזער פאַרגאַנגענהייט אין גלות און זי דרינגט אַריין מיט די וואָרצלען אינעם ארץ-ישראלדיקן באָדן, ערשט נאָכדעם ווי זי שמעלצט זיך איבער און לייטערט זיך דורך אינעם קעסל פון ארץ-ישראלדיקער אַרבעט און דערפאַרונג — ערשט דאַן קריסטאַליזירט זיך אויס דער נייער, פעסטער און ריכטיקער פורעם פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס שמידט זיך אויס און ווערט פאַרפּיינערט אויפן אַמבאָס פון געדאַנק און טאַט פון דער אַרבעט אין לאַנד.

דער דאָזיקער פּראָצעס פון איבערשמעלצונג און קריסטאַליזאַציע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד הערט נישט אויף, כּל זמן עס ציט זיך די עליה. און דערווייל פאַרגרעסערט זיך און ווערט שטאַרקער דער געראנגל פון ווילנס און באַגערן, פון פרעמדע, פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע שטרעמונגען.

אָט די לאַגע האָט באַוואוויגן אין חיפה אחדות העבודה זאָל ביי דער פולער פאַראייניקונג אויפגעבן איר פּראָגראַמאַטישע גאַנצקייט. די אַלגעמיינע הסתדרות דאַרף זיין אַ היים און אַן אויפנאַם-אָרט פאַרן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, מיט אַלע זיינע קעגנזאַצן און שטרעמונגען. די דאָזיקע לאַגע האָט עס אויך באַוואוויגן „אחדות העבודה" זאָל ווייטער בלייבן און זאָל עקזיסטירן אַלס פּאַרטיי, וואָס באַווירקט און גיט אָריכטלייניע דער הסתדרות.

„אחדות העבודה" האָט נישט געקענט מוותר זיין אויף דער גרונט-פאָדערונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד — אויף דער פאָדערונג פון אינערלעכער אייניקייט אין דער באַוועגונג, מיט אַלע אירע צווייגן און טיילן. אין אָט די פאָדערונג זעט אחדות העבודה איינעם פון די פאַרבאַדינגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון איר ציל: פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם, פאַרן מאַכן געוועלטיקן די אַרבעט אינם לעבן פון לאַנד און פונם פאָלק. דער אַרבעטער-קלאַס און זיין מיסיע לאָזן

זיך נישט פוגאנדערטיילן. דער אָביעקט און דער סוביעקט פון דער באַוועגונג שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט. אָט דאָס איז דער געדאַנק וועגן פאַרייניקונג. די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן געדאַנק צווישן פתח-תקוה און חיפה, איז נישט געווען קיין אינהאַלטלעכע און וועזנטלעכע—זי האָט געהאַט אַ שייכות נאָר צו דעם אופן פון פאַרווירקלעכונג. אין פתח-תקוה איז די באַוועגונג אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שאַפן דעם איינהייטלעכן פורעם, וועלכער זאָל אַריינגעמען אין זיך סיי דעם אָביעקט פון דער באַוועגונג און סיי איר סוביעקט: ד. ה. שאַפן אַן אַלגעמיינע ראַם, אַ אינהאַלטלעך גאַנצע, אָן קיין שום פגימות. אין חיפה איז שפּעטער געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו שאַפן בלויז די אַלגעמיינע ראַם, דאַקעגן דעם ליידיקן חלל אין דער דאָזיקער ראַם דאַרף און מוז אויספילן די פּאַרטיי, וואָס איז פאַקטיש די אָפּהיטערין פון דער דאָזיקער אייניקייט אין דער הסתדרות. די הסתדרות איז, לויט דער אויפפאַסונג פון אחדות העבודה, נישט קיין זעלבסט-ציל — זי איז נישט געשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם נוצן, וואָס די מיטגלידער האָבן פון איר עקזיסטענץ, נאָר זי דאַרף דינען אַלס אינסטרומענט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער היסטאָרישער מיסיע פון אַרבעטער-קלאַס אין ארץ-ישראל.

אָט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי אין דער הסתדרות איז פאָרמולירט געוואָרן אויף דער אחדות-העבודה-באַראַטונג אין ירושלים, נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות (כ"ח—כ"ט כסלו תרפ"ב) אין פאָלגנדיקע פיר פונקטן:

א) די באַראַטונג פון „אחדות העבודה" זעט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע די איינציקע אָרגאַניזאַציע פונעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע דאַרף אָרגאַניזירן און אָנפירן, אין לאַנד און אין חוץ-לארץ, אַלע קאָלאָניזאַטאָרישע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע ענינים פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער-קלאַס און זיינע פאַרבינדונגען מיטן החלוץ און מיט דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער וועלט.

ב) „אחדות העבודה" האַלט פאַר איר אויפגאַבע צו פירן אַן אַקטיווע און אָרגאַניזירטע טעטיקייט אין דער הסתדרות — כדי דער סאָציאַליסטישער ציוניזם זאָל דאָמינירן אין אַלע הסתדרות-אַרבעטן.

ג) „אחדות העבודה" זעצט-פאָר איר טעטיקייט אויף צו פאַרווירקלעכן די פולע פאַרייניקונג פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער.

ד) „אחדות העבודה" פירט זעלבסטשטענדיק נאָר די אַרבעטן, וועלכע געהערן נאָך נישט צום טעטיקייטס-קרייז פון דער הסתדרות (קונטרס ק"ד).

די לעצטע „אחדות-העבודה"-באַראַטונג האָט פונדאָסניי אַוועקגעשטעלט די פאַרייניקונגס-פראַגע אויף דער טאָגאָרדנונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד.

דאָס מאָל איז די פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן נישט אַזוי ווי אין

פתח-תקוה און אויך נישט ווי אין חיפה. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, ווי יעדע רעוואָלוציאָנערע און דעראָבערישע באַוועגונג ווערט פון צייט צו צייט אָוועקגעשטעלט פאַר נייע לאַגעס און אויפגאַבן, וואָס צווינגען צו נייע אַרבעטס-מעטאָדן, ווירקונגס-מיטלען און כוחות-קאָנסאָלי-דירונגען, וועלכע דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צו די ניי-געשאַפענע פאָדערונגען און באַדינגונגען, וואָס האָבן נישט פאַר זיך קיין מוסטער אין דער פאַר-גאַנגנהייט פון דער באַוועגונג.

די אַרבעטער-באַוועגונג קען נישט מעסטן אירע באַדערפענישן מיטן מאָססטאַב פון נעכטן און זי טאָר נישט באַשטימען אירע וועגן בלויז לויט געוואוינהייט און טראַדיציע. די שיטה, וואָס האָט געפּאַסט נעכטן, וועט נישט טויגן מאָרגן, און דאָס סיסטעם, וואָס איז אַמאָל געווען רעוואָלוציאָ-נער און אינהאַלטפול ווערט פּוסט און סטעריל ביי געענדערטער באַ-דינגונגען.

דער פּתח-תקוהער פּאַקט לאָזט זיך נישט איבערחזרן. די פאַריייניקונגס-אַקציע אין פּתח תקוה איז געווען אַ רעזולטאַט פונם גלויבן, אַז די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, אין אַלע אירע הונדערט פּראָצענט, איז אין איר טיפן תוך, אין איר אַרבעטס-וועג און אין דער ליניע פון אירע שטרעבונגען, איייניק, און דער ציל איז געווען צו פאַרייניקן די פאַרייניק-טע. ביים היינטיקן טאָג איז נישט די גאַנצע אַרבעטערשאַפט אייניק אין איר ווילן און אין דער אַרבעט. און אויף די נישט-אייניקע קען מען נישט מיט גוואַלד אַרויפצווינגען די פאַרייניקונג, אַפילו נישט מיטן כוח פון אַ מערהייט.

מען קען, אמת, קומען צום אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות מיט אַ פולער פּראָגראַמאַטישער, ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם, וועלכע זאָל קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ מערהייט אין דער הסתדרות און וועלכע זאָל מיטן כוח פון דער דאָזיקער מערהייט פאַרוואַנדלען די אַלגע-מיינע הסתדרות אין אַ ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער — אָבער אַזאַ אויפטו איז עלול גורם צו זיין דאָס שאַפן פון קאָנקורענץ-אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט, כאָטש זי וועט זיין אַ קליינע, אינהאַלטלעך אָרעמע און מאַכטלאָזע, דאָך צעשטערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד. די הסתדרות וועט דאַן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאַרטיי, אין איינע פון די אַרבעטער-פּאַרטייען.

דער כוח פון דער הסתדרות איז ביים היינטיקן טאָג גרעסער ווי דער כוח פון אַ פּאַרטיי. איפן חיפהער צוזאַמענפאָר איז דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-קלאַס געוואָרן איין לעבעדיקער גוף, וואָס זיין אַלגעמיינע בלוט-צירקולאַציע פליסט אַרויס פון איין צענטער און קערט זיך אום צו אים: דער דאָזיקער צענטער איז די הסתדרות. אין דער הסתדרות זענען אינוועסטירט און צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַלע שאַפונגס-און ענערגיע-אוצרות פון דער אַרבעטערשאַפט, פון דער פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט, און מיט איר זענען פאַרבונדן און צונויפגעפלאָכטן אַלע

*ונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע און עקאָנאָמישע אויפטועןָ. די פּאַרטיי קען מען פאַרלאָזן, — צו דער הסתדרות איז מען באַהאָפטן מיט אַלע רמ״ח אברים. די אַלגעמיינע און איינציקע אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג, — די הסתדרות, שטייט פעלזנפעסט, און טראָגט איר שוואַכקייט און אירע פעלערן איז נישטאָ קיין כוח אין לאַנד, וואָס זאָל צערייסן איר אייניקייט.

דעריבער איז אומעגלעך איבערצוהערן די פתח־תקוהער פאַרייניקינג, און מען קען נישט ענדערן דעם כאַראַקטער און פונדאַמענט פון דער חיפהער פאַרייניקונג.

די „אחדות־העבודה״־באַראַטונג האָט אוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון דער פּאָליטישע־סאָציאַליסטישער פאַרייניקונג אין דער הסתדרות; די פאַרייניקונג פון יענע אַלע פערזאָנען, קאָלעקטיוון, קערפּערשאַפטן און פּאַרטייען אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָבן פּאַקטיש אַן אייגהייט־לעכע שטעלונג אין אַלע צענטראַלע און דעצידירנדיקע פראַגן פון דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַט די אַלע דאַרפן פאַרייניקט ווערן אין איין פּאָליטישן כוח, וואָס זאָל ווירקן אין דער הסתדרות, אינם ישוב, אין לאַנד, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אינם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער דאָזיקער כוח דאַרף צוגרייטן און פירן די אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד און אין חוץ־לאָרץ צו דערפילן אירע נייע אויפגאַבן און שליחותן אין שייכות מיט די זיך ענדערנדיקע באַדינגונגען אינם ישוב, אין דער עליה און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

י״ב שבט תרפ״ה (קונטרס ר״ד).

ד. די הסתדרות און די פרייע פּראָפעסיעס

(פאַרטראַג אויף דער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות הפקידים — אָרגאַניזאַציע פון באַאַמטע).

אין דער הסתדרות איז נאָך קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען קיין שום פראַגע וועגן דער הסתדרות און די גייסטיקע אַרבעטער, און איך ווייס נישט, וואָס זענען אויסן געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ, ווען זיי האָבן אַרויפגעשטעלט דעם דאָזיקן פונקט אויף דער טאָגאָרדנונג. ביי אונז איז קיינמאָל נישט געווען קיין מיינונג, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי צדדים און מען דאַרף דעריבער פעסטשטעלן זייערע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן. די הסתדרות האָט זיך באַטראַכט אַלס אַלגעמיין פאָטערלאַנד פאַר אַלע אַרבעטער אין לאַנד אומאָפּהענגיק פון זייער פּראָפעסיע, און

איך ווייס נישט צי איז ווען-עס-איז אויף אַ הסתדרות-קאָנפערענץ אָדער באַראַטונג אַהויקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו אַ באַשטימטן סאָרט אַרבעטער. עס שטייט פאַר אונז, פאַרשטענדלעך, די פראַגע וועגן אַלע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אויסער דער הסתדרות, אָבער אַזעלכע זענען פאַראַן אין אַלע פראָפעסיעס. מעגלעך, אַז דער פראָצענט נישט אָרגאַניזירטע אין דער הסתדרות איז ביי די פרייע פראָפעסיעס אַ גרעסערער ווי אין אַנדערע פאַכן, אָבער מיר באַטראַכטן די גייסטיקע אַרבעטער. אַלס שותפים און חברים אין דער אַרבעט און אין דער אָרגאַניזאַציע.

אמת, נישט אַזוי איז עס פאָרגעקומען אין אַנדערע לענדער. כמעט אומעטום, וואו עס איז פאַראַן אַן אַרבעטער-באַוועגונג, האָט אַ לאַנגע צייט עקזיסטירט, און אין אַ סך לענדער עקזיסטירט עד היום, אַ תהום צווישן דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און די אָרגאַניזאַציעס פון די פריי-פראָפעסיע-דיקע. די צוויי אָרגאַניזאַציעס זענען אין גרונט פאַרשידן, פונקט ווי די צוויי סאָרטן אַרבעטער זענען געווען פאַרשידן און אַנדערש אין זייערע לעבנסשטייגער, אין די אַרבעטס-באַדינגונגען און אין זייער געזעלשאַפט-לעכער פאָזיציע. די ערשטע אַרבעטער-פאַרייניקונגען זענען אַנטשטאַנען אונטערן צייכן פון בונט פונעם אַרבעטער, וועלכער האָט זיך באַטראַכט אַלס עקספּלואַטירטן, פאַרשקלאַפטן און רעכטבאַרויבטן אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו קעמפן פאַר די רעכט, וואָס די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג האָט צוגערויבט ביים דערנידעריקטן און גאָרנישט-פאַרמאָגנדיקן אַרבעטער. די פאַרייניקונג פון די פרייפראָפעסיעדיקע איז, דאַקעגן, געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ קרייז פריווילעגירטע, וואָס געפינען זיך כמעט אויפן העכסטן געזעלשאַפטלעכן שטאַפּל. די אויפגאַבע פון זייער אָרגאַניזאַציע איז געווען אייגנצוהאַלטן די באַזונדערע רעכט און צו שיצן די פריווילעגיעס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט אין דער געזעלשאַפט. די פאַרייניגן פון די פרייפראָפעסיעדיקע פון אַדוואָקאַטן, אינזשינערן, דאָקטוירים, בוכהאַלטאָרן, זענען געווען אַ מין אָפּגעשלאָסענע צעכן פון פריווילעגירטע קלאַסן, וואָס היטן אָפּ מיט גרויס אייפער זייער בכורה און פאַרצוימען דעם וועג, אַז קיין פרעמדער זאָל נישט קענען אַריין אין זייער קרייז און צוטשטיין צו זיי. צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון די פרייע פראָפעסיעס און די פראָלעטאַרישע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַ תהום.

פון איין זייט — פריווילעגיעס, כבוד, אַ הויכע און איבערטריבענע פענסיע; פון דער צווייטער זייט — דחקות, אָרעמער לוין, אַ נעבעכדיקע און דלותדיקע עקזיסטענץ. דער כוח פון די ערשטע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי זענען געווען אַ מינדערהייט, דער כוח פון די לעצטע — אין דער מערהייט.

במשך דער צייט האָט זיך, אמת, די לאַגע געענדערט. פון איין זייט

איז געלונגען דעם אַרבעטער אַדאַנק זיין אָרגאַניזירטקייט צו שטייגן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער. מיטן כוח פון זיין קלאַסנקאַמף האָט ער דעראָבערט פאַר זיך אַ סך פון די רעכט, וועלכע מ'האָט אים באַרויבט: אָרגאַניזאַציע־רעכט, וואַל־רעכט, רעכט אויף אַ מענטשלעכער עקזיסטענץ. במשך דער צייט האָט זיך ביים אַרבעטער אַנטוויקלט אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין, דאָס באַוואוסטזיין פון דער חשיבות פון דער אַרבעט אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט. דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַרבעט, וואָס איז במשך הונדערטער און טויזנטער יאָרן געווען אַ סימן פון קנעכטשאַפט און איז געווען פאַר־מיאוסט אין די אויגן פון די הערשנדיקע שיכטן, — איז אינדעראמתן דער טייערסטער מענטשלעכער ווערט, די אויסצייכענונג פונם מענטש, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נישט שעמען נאָר, אַדרבה, שטאָלצירן. ס'איז געוואַקסן דעם אַרבעטערס זעלבסטבאַוואוסטזיין, ס'איז געוואַקסן די חשיבות פון דער אַרבעט אין זיינע אויגן און אין די אויגן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, ס'האָבן זיך פאַרבעסערט און פאַרשענערט זיינע לעבנס־באַדינגונגען, ס'איז אויסגעוואַקסן זיין געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדייטונג. פון דער אַנדערער זייט, ווידער, איז פאַרערגערט געוואָרן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לאַגע פון די פריי־פּראָפעסיעדיקע. די אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישן לעבן און די געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אַדאַנק דעראָזיקער אַנטוויקלונג, האָבן דערפירט דערצו, אַז דער ענגער קרייז פריי־פּראָפעסיעדיקע האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעברייטערט. די מיטלשולן און הויכשולן, אין וועלכע עס האָבן פריער געהאַט אַ צוטריט בלויז קינדער פון אַריסטאָקראַטן און עשירים — זענען געעפנט געוואָרן פאַר אַלע פּאָלקס־קרייזן. די וויסנשאַפט און די קונסט זענען אַריבער פון איינצלנע צו די ברייטע מאַסן. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ברייטער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיינע לעבנס־באַדינגונגען שיידן זיך נישט אונטער מיט קיין סך פון די לעבנס־באַדינגונגען פון אַנדערע אַרבעטער. די צוויי סאָרטן אַרבעטער האָבן זיך קעגנזייטיק דערנענטערט אין הינזיכט פון אָרגאַניזאַציע, פון קאַמף, פון שטרעבונגען, פון זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין. אָבער די מחיצה, וועלכע האָט במשך דורות פאַנאַנדערגעטיילט דעם פיזישן אַרבעטער און דעם גייסטיקן אַרבעטער, איז נאָך נישט פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. אין געוויסע לענדער עקזיסטירן נאָך באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פון פיזישע און באַזונדערע — פון פרייע פּראָפעסיעס, און ס'איז נישטאָ צווישן די צוויי מינים אָרגאַני־זאַציעס קיין געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענבונד און קיין בשותפותדיקייט פון טעטיקייט און געדאַנק.

אַנדערש איז געווען דער וועג פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. די כוחות און פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אינם לעבן פון ארץ־ישראלדיקן יידישן אַרבעטער. די עצם־אָפּשטאַמונג, די אַנטשטייאונג און דער וואוקס פון דער אַרבעטערשאַפט דאָ, זענען געווען ספּעציפישע, און זיי האָבן אויסגעפאָרעמט אַן אייגנאַרטיקן געשטאַלט פאַר איר גאַנצער טעטיקייט און אַרגאַניזאַציע.

די יידישע אַרבעטער אין ארץ-ישראל זענען נישט באַעוולהטע דורכן גורל, אויף וועמען עס ליגט די אַרבעטס-קללה, און זיי ראַנגלען זיך מיט זייער שווער לעבן און בונטעווען זיך קעגן זייערע אויסנוצער און עקס-פּלאָאַטאַטאָרן נישט פאַרשטייענדיק אַליין אַ לאַנגע צייט די גרויסע היסטאָרישע מיסיע פון זייער קלאַסן-קאַמף. — ניין, זיי האָבן זיך געריסן און געקומען אַהער ווי שליחים פון אַ אויפוואַכנדיק פאָלק, וואָס שטרעבט צו באַפרייאונג דורך אַרבעט און אום ווידעראויפבוי פון זיין פאָטערלאַנד. די וויזיע פון באַפרייאונג און ווידעראויפבוי האָט געשוועבט פאַר זיי ביי יעדער גרויסער און קליינער דעראָבערונג, וואָס זיי האָבן דעראָבערט מיט חלוצישן ווילן און מיט איבערצייגונג אין זייער היסטאָרישער שליחות. די לעבנס-אויפגאַבע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן יידישן אַרבעטער אין אַלע זיינע אָנשטרענגונגען אין לאַנד, האָט אויך באַשטימט זיינע ספּעציעלע אָרגאַני-זאַציע-וועגן.

די ערשטע זאַך, וואָס צייכנט אויס די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, איז – איר ברייטע אָרגאַניזאַציאָ-נעלע באַזע. די אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע – די הסתדרות בינדט צוזאַמען די שטאָטישע מיט די דאָרפישע אַרבעטער, דעם לוין-אַרבעטער מיט דעם אַרבעטער, וואָס אַרבעט פאַר זיך, דעם פיזישן מיט דעם גייסטיקן אַר-בעטער.

אינם רוב לענדער איז דער דאָרפישער אַרבעטער ווייט פונם שטאָטישן ווי מזרח פון מערב. אין דער צייט, ווען די שטאָטישע אַרבעטער זענען צום גרעסטן טייל גוט אָרגאַניזירט און שטעלן מיט זיך פאָר דאָס פּיאָנערטום פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זענען די דאָרפישע אַרבעטער אין זייער מערהייט פרעמד דער גאַנצער אַרבעטער-באַוועגונג און ווייט פון יעדן מין אָרגאַניזאַציע. אפילו אין לענדער, וואו דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער איז שוין יאָ אָרגאַניזירט, זעט מען אים אויך נישט אָן אינם לעבן פון דער באַוועגונג. ביי אונז איז געווען פאַרקערט. די אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער איז אַנטשטאַנען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אַנדערע אַרבעטער. פון איר איז עס געקומען דער שטויס צו אַן אַלגעמיינער פאַראייניקונג פון די שטאָטישע מיט די דאָרפישע אַרבעטער. און זי איז עד-היום דער גרונט-זייל פון דער אַלגעמיינער הסתדרות.

די אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד האָט צעשטערט נאָך אַ וואַנט, וואָס צעטיילט די אַרבעטער כמעט אין אַלע אַנדערע לענדער, – די וואַנט צווישן די לוין-אַרבעטער, וואָס פאַרקויפט זיין אַרבעטס-קראַפט צום אונטערנעמער, און צווישן דעם אַרבעטער, וואָס אַרבעט פאַר זיך, וואָס לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט נישט עקספּלאָאַטירנדיק קיינעם. איך קען נישט נאָך אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע ערגעץ אַנדערש, וואָס זאָל פאַראייניקן אָט די צוויי סאָרטן אַרבעטער, כאָטש די איצט-הערשנדיקע טענדענץ אין דער אַרבעטער-באַוועגונג

איז צו דערנענטערן און צונויפצוגיסן דידאָזיקע צוויי טיילן פונם אַרבעטער-קלאַס, אויב נישט אין איין פּראָפעסיאָנעלער פאַרייניקונג, איז לכל-הפחות אין איין פּאָליטישער פאַרייניקונג. אין אונזער באַוועגונג זענען אָט די צוויי סאָרטן אַרבעטער פאַרייניקט זייט דער ערשטער אַרבעטער-אָרגאַניזירונג אין לאַנד.

עס האָט אויך נישט עקזיסטירט ביי אונז קיין אונטערשיד צווישן אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פיזיש, און אַרבעטער, וואָס אַרבעטן גייסטיקע אַרבעט. די אַרבעט אין פעלד, אין שטיינהאַקעריי, אין וואַרשטאַט – איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ערשטער ריי אויף דער פּאָזיציע פון דעראָבערונג, וועלכע מיר מוזן דורכפירן דערפילנדיק אונזער שליחות אין לאַנד. אָבער צוזאַמען דערמיט, וואָס מיר האַלטן די פיזישע אַרבעט אַלס דאָמינירנדיקן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּרינציפּ אין אונזער אויפבוי-ווערק אין לאַנד, האָט אונזער באַוועגונג פון אירע ערשטע טריט אָן אָפּגעשאַצט דעם גרויסן ווערט פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, פון די גייסטיקע דעראָבערונגען, און זי האָט געוואוסט ווי וויכטיק עס איז דאָס באַנוצן זיך מיט די קולטור-דערגרייכונגען פאַר אונזער גאַנצער אַרבעט אין דאָרף און אין שטאָט. און כּל-זמן ס'איז נישט צוגעגרייט דער באָדן פאַר דער פולער און אָרגאַנישער צוזאַמענגיסונג פון דער האַנט-און קאָפּ-אַ ב ע ט אין איין סוביעקט, האָבן מיר געפינען פאַר נויטיק דורכצופירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע צונויפשמעלצונג פון די האַנט-און קאָפּ-אַ ר ב ע ט ע ר, און מיר האָבן זיך תּמיד באַמיט צו פאַרייניקן אַלע אַרבעטער פון אַלע פאַכן אָן שום אויסנאַם. דער אַלגעמיינער אַרבעטער-פאַרבאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד, אין'טערן נאָמען „הסתדרות-העובדים“ נעמט טאַקע אַרום אַלע אַרבעטס-צווייגן, פיזישע און גייסטיקע, אָן אונטערשיד.

די צווייטע זאַך, וואָס לייגט אַרויף אַ ספּעציעלן חותם אויף אונזער הסתדרות, איז – ד ע ר ב ר ײ ט ע ר ט ע ט י ק ײ ט ס - ק ר ײ ז, וואָס נעמט אַרום און שפּעט אויס אַלע אינהאַלטן און שטרעבונגען פון אונזער באַנייאונגס-באַוועגונג, פון אונזער אייגנטייטיק נאַציאָנאַלן און קלאַסן-אויפבוי.

פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג, פאַרבעסערונג פון די אַרבעטס-באַדינגונגען, שאַפן אַרבעט, דורכפירן און רעאַליזירן דידאָזיקע אַרבעט, פאַרשטאַרקן די עליה און אויפנעמען די עולים, אויסלערנען העברעיש די מאַסן און פלעגן די העברעישע קולטור, אַנטוויקלען דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין, דערציען דעם יונגען דור און בילדן די דערוואַקסענע, זאַמלען דעם נאַציאָנאַלן און דעם קלאַסן-קאַפּיטאַל, בויען לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און אַנטוויקלען ווירטשאַפטן אין אַלע אַרבעטס-צווייגן אין דאָרף און אין שטאָט, אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיווע פאַרזאָרגונג און שאַפן אַנשטאַלטן פאַר קרעדיט און קעגנזייטיקער הילף, לעבנס-און געזונטס-פאַרזיכערונג, אָרגאַניזירן ווירטשאַפטלעכע און קאָלאָניזאַטאָרישע קיבוצים, קעמפן פאַר פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט, פאַר אַ געזעץ פון אַרבעטס-שוץ פאַר אַרבעטער און אַרבעטערינס, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון ישוב, פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, פלעגן די פאַר-

בינדונגען מיט די אַראַבישע אַרבעטער, צוגרייטן חלוצים אין גלות און אַריבערפירן זיי צום אַרבעטס-לעבן אין לאַנד, קאָנצענטרירן די פאָלקס-מאַסן אַרום דער ציוניסטישער אַרבעט, פאַרבינדונגען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג — דאָס אַלץ זענען אָרגאַנישע טיילן פונם טעטיקייטס-פּראָגראַם פון דער הסתדרות.

דער גרויסער אַרבעטס-און אָרגאַניזאַציע-פאַרנעם פון דער הסתדרות לייגט זיין חותם אויף דעם מהות פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. די אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, וואָס וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך דורך דער עליה, האַלט זיך נישט בלויז פאַר אַן אָנהויב פון אַ געזונטן און נאָרמאַלן אַרבעטער-קלאַס, וועלכן עס פאַרמאָגט נישט דאָס יידישע פאָלק אין גלות, נאָר זי באַטראַכט זיך אויך אַלס דעם קערן און צוקונפט-מוסטער פון אַ ניי יידיש פאָלק. די הסתדרות איז פאַרן אַרבעטער נישט בלויז אַ קלאַסן-אינסטרומענט אויף צו באַשיצן זיינע באַזונדערע אינטערעסן און פאָדערונגען, נאָר זי איז אויך אַ נאַציאָנאַלער שאַפונגס-וואַרשטאַט, אויף וועלכן עס דאַרף זיך אויסשמידן די צוקונפט פון זיך באַנייענדיקן יידישן פאָלק. דער אַרבעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות נישט בלויז צוליבן שיצן די אַרבעטס-באַדינגונגען — נאָר קודם-כל צוליב דער אַרבעט גופא. דער גורל פון דעם היסטאָרישן אויפטו פון אונזער באַוועגונג אין ארץ-ישראל איז פאַרבונדן מיט אונזער אַרבעט אין לאַנד. און די הסתדרות איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק פון דער קאָלעקטיווער אחריות פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

אין אַנדערע לענדער האָט די אַרבעטער-באַוועגונג צום אָנהויב געזאָרגט אויסשליסלעך פאַרן פאַרבעסערן די שווערע אַרבעטס-באַדינגונגען. דער אַרבעטער האָט זיך באַטראַכט אַלס בלינד געצייג אין די הענט פון קאַפּיטאַל, אַלס איינעם, וואָס אַרבעט געצוואונגענערהייט ביי אַנדערע, און ער האָט זיך לגמרי נישט אינטערעסירט מיט די רעזולטאַטן און מיטן דערפאָלג פון זיין אַרבעט. דאָס איז געווען דער עסק פון אַרבעטסגעבער. אויך דער ארץ-ישראל-דיקער אַרבעטער פירט אַ קאַמף פאַרן פאַרבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען, סיי ווען ער אַרבעט אין אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט און סיי אויך ווען ער אַרבעט אין זיין אייגענער. אָבער אונזער באַוועגונג איז פאַראינטערעסירט אין דער עצם-אַרבעט נישט ווייניקער ווי אין אירע באַדינגונגען. די אַרבעט איז נישט בלויז קיין מיטל פאַר דער עקזיסטענץ, נאָר די אויפגאַבע פון דער עקזיסטענץ. אונזער באַוועגונג איז פאַראַנטוואָרטלעך און אינטערעסירט זיך מיט דער אַרבעט זעלבסט, מיט איר דערפאָלג, רעזולטאַט, כאַראַקטער און צוועקמעסיקייט.

צוליב דערדאָזיקער באַציאונג צו אונזער אַרבעט דאָ אין לאַנד קענען מיר נישט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן איין סאָרט אַרבעטער און אַ צווייטן. מיר קענען נישט איבערלאָזן עמיצן מחוץ דער אַלגעמיינער אָר

גאַניזאַציע, דאָס הייסט מחוץ דער אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיט מאָמענט, ווען מיר פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט, וואָס ווערט געמאַכט אין לאַנד, ווען מיר פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם ווערק וואָס ווערט דורכגעפירט דורך גרופעס אַרבעטער פון פאַרשידענע פראָפעסיעס, פיזישע און גייסטיקע, — קענען מיר נישט מוותר זיין אויף דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן צוזאַמענבונד און אויף דער קאָלעקטיווער אַחריות פון אַלע פראָפעסיעס צוזאַמען. דער אַרבעטער, וואָס אָנערקענט זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאַנצן ווערק, האַלט זיך צונויפגעבונדן מיט די אַלע, וואָס באַטייליקן זיך אין שאַפן דאָסדאָזיקע ווערק. דער גאַנצער אַרבעטנדיקער קלאַס, מיט זיינע פאַרשידענע פראָפעסיעס, דערשיינט אַלס אַן איינהייטלעכע און פולע גאַנצקייט, נישט בלויז ווייל ער געפינט זיך אין אַרבעטס-באַדינגונגען, וואָס דערנענטערן אַלע זיינע טיילן איינעם צום אַנדערן, נישט בלויז, ווייל ער שטייט צוזאַמענגעשלאָסן אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — נאָר דער עיקר צוליב דער אַלגעמיינער אומצעטיילבאַרער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געמיינזאַמען ווערק, וואָס קען נישט רעאַליזירט ווערן אָן דער פולער און צוועקמעסיקער באַטייליקונג פון די אַלע פאַרשידענע פראָפעסיעס.

די אַלגעמיינע, בשותפותדיקע, קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אויפבוי-ווערק, — דאָס איז אפשר געווען דער דעצידירנדיקער מאָראַלישער כוח, וואָס האָט צונויפגעשמידט און פאַראייניקט די אַרבעטערשאַפט אין לאַנד אין איין פעסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער גאַנצקייט.

אין די מערסטע לענדער זענען געווען פאָרבאַדינגונגען, וואָס ליגן אינם געזעלשאַפטלעכן לעבנסשטייגער פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם אַרבעטער-קלאַס צו אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער צונויפשמידונג און צוזאַמענגיסונג: געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע אָפשטאַמונג און געמיינזאַמער קולטורעל-עקאָנאָמישער לעבנסשטייגער. מערסטנס זענען די אַרבעטער געווען אויך קינדער און אייניקלעך פון אַרבעטער, אָפט פלעגט אַפילו דער פאַך גופא איבערגיין בירושה פון דור צו דור. דאָס רוב אַרבעטער זענען געווען פון איין לאַנד און האָבן גערעדט אויף איין שפּראַך. דער קולטור-ניוואָ זייערער איז אין דורכשניט געווען איינאונדערזעלבער. און נאָך איידער זיי האָבן דערוואָרבן דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין, וואָס האָט פון זיי געמאַכט אַ באַוואוסטזיניק-פאַראייניקטן קאָלעקטיוו, זענען זיי שוין, מיטן כוח פון געמיינזאַמער טראַדיציע און געמיינזאַמען לעבנסשטייגער, געווען איין גאַנצקייט.

די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט נישט פאַרמאָגט אָט די אַלע פאָרבאַדינגונגען. אַדרבה, אונזער אָפשטאַמונג, דערציִונג, פאַרגאַנגענהייט, אונזערע געוואוינהייטן און פסיכישע אייגנשאַפטן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון גלות, האָבן אונז ווייניקער פון אַלץ צוגעגרייט צו אַ קאָלעקטיוו און אָרגאַניזאַציאָנעל לעבן. אינגם גרונט פון אונזער פריערדיקן לעבנסשטייגער איז געלעגן די צעשפּליטערונג. לויט אונזער געזעלשאַפטלעכער אָפשטאַמונג געהערן מיר צו פאַרשידענע סאָציאַלע קרייזן. מיר זעען זיך אַהער צונויפ-

געקומען פון לענדער, וואָס שיידן זיך אונטער איינס פון דאָס אַנדערע מיט זייער קולטור, מיט דער געזעלשאַפטלעכער דענק-אַרט און מיטן פּאָליטישן טעמפּעראַמענט. אונזער שפּראַך איז געווען אַ געמישטע. לויט אונזער דערציונג זענען מיר געווען פאַרשידן און צעטיילט. די געזעלשאַפטלעכע טראַדיציע, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אין גלות, האָט אין אונז איינגעפלאַנצט בירגערלעכע געוואוינהייטן און נטיות. און דער דאָזיקער דור-הפלגה, וואָס איז געקומען קיין ארץ-ישראל, האָט במשך עטלעכע יאָר אויפגעבויט אַ גרויסע, אַלגעמיינע און פעסטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט נישט קיין סך גלייכע צו זיך אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג. וואָסזשע האָט פאַרוואַנדלט דעמדאָזיקן צעפּליגענעם און צעשפּרייטן מענטשן-שטויב אין איין אָרגאַנישער גאַנצקייט? מיט וועלכע מיטלען האָט ער גובר געווען די שפּאַלטונג-און צעשפּליטערונג-נטיות, וואָס האָבן אים באַהערשט אין דער פאַרגאַנגענהייט? מיט וואָס איז אים געלונגען זיך אויסצוטיילן פון אַלע איבעריקע ישוב-קרייזן אין לאַנד, ווען ס'האָט זיך נאָך עד-היום נישט איינגעגעבן זיך צו פאַרייניקן און אָרגאַניזירן, כאָטש זיי זענען געקומען אַהער פריער מיט אַ גאַנצן דור? צי איז עס נישט די טיפע איבערצייגונג און דאָס געפיל פון דער קאָלעקטיווער אחריות פאַרן גורל פון אויפבוי-ווערק, פון דעם לעבנסווערק, צוליב וועלכן דער יידישער אַרבעטער איז געקומען אין לאַנד אַריין? די געמיינזאַמע אחריות פאַרן אַרבעטס-ווערק אין לאַנד, זי האָט עס גוזר געווען אויף אַלע אַרבעטער די פאַרייניקונג און זי האָט געשאַפן די אַלגעמיינע הסתדרות.

די דאָזיקע אחריות פאַרייניקט נישט בלויז די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן ביי פיזישער אַרבעט, נאָר אַלע אַרבעטער, אין די פאַרשידענע פּראָפעסיעס זייערע, אַריינגערעכנט די אַרבעטער פון דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, דערציונג, טעכנישע אַרבעטער און ביוראָ-אַרבעטער.

דער אַרבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט ביי נישט זיינס אַן אַרבעט, וואָס טוט די אַרבעט אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון בעלי-בית, פירט אויס זיין אַרבעט ווי ס'געהער צו זיין, נישט אינטערעסירנדיק זיך מיט דער אַרבעט פון אינזשיניער, אויפזעער, מייסטער, בוכהאַלטער. צי דעם אינזשינערס אויסרעכענונגען זענען פּינקטלעך, צי זיינע פּלענער זענען ריכטיק, צי די ביכער און חשבונות ווערן געפירט אין אָרדנונג, צי אַלע טיילן פון דער אַרבעט ווערן געמאַכט האַרמאָניש און צוועקמעסיק – דאָס אַלץ איז דעם בעלי-בית דאגה. אויף אים פאַלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג. אָבער דער אַרבעטער, וואָס באַטראַכט זיין אַרבעט פאַר זיינס אַן אייגענע זאַך, און ער האַלט נישט, אַז ער איז פּטור פון דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן ווערק, אין וועלכן ער לייגט אַריין זיין קראַפט און שאַפונגס-פעיקייט, — אַזאַ אַרבעטער אַנערקענט די קעגנזייטיקע סאָלידאַריטעט פון אַלע שותפים צום שאַפן דאָס ווערק. אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע ווערט פאַרווירקלעכט די קעגנזייטיקע סאָלידאַריטעט און אחריות פון אַלע באַטייליקטע אין דעם אַלגעמיינעם ווערק.

דער, וואָס שליסט זיך אויס פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, שליסט זיך דערמיט אויס טעאָרעטיש און פּראַקטיש פון דער אַלגעמיינער אחריות פאַרן גורל פונם ווערק.

אומעטום, וואו מיר געפינען אין לאַנד יחידים און גאַנצע גרופּעס אַרבעטער, וואָס שטייען מחוץ דער הסתדרות – געפינען מיר דאָרטן אַ מאַנגל אין זאָרג און אין אחריות פאַרן גורל פון אונזער אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

די פאָדערונג פון דער הסתדרות צו אַלע גייסטיקע אַרבעטער זיך צו שטעלן אין אירע רייען, דרינגט נישט אַרויס אויסשליסלעך פון דער באַדערפעניש און פונם ווילן צו פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן כוח פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אָפּצוהיטן איר פולשטענדיקע גאַנצקייט און אייגהייט. די דאָזיקע פאָדערונג איז קודם־כל אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע לויט איר אינהאַלט און מהות. דאָס צושטיין פונם לערער, שרייבער, אינזשיניער, דאָקטאָר צו דער אַרבעטערשאַפט און צו זיין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע איז אַ מאָ־אַליש געבאָט פון דער אַרבעט פאַר אַלע, וואָס זענען פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס מיינט צושטיין צו אַ שליחות, צו שאַפונג, צו אחריות, צום אויפבוי־ווערק.

ירושלים, ט״ז אייר תרפ״ח (דבר 899).

ה. די הסתדרות און די פּאַרטיי נאָך דער פאַרייניקונג

א.

אין דער אָרגאַניזירונגס־געשיכטע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפט קען מען אָנמערקן פינף תקופות:

די ערשטע תקופה — דער אָנהויב פון דער באַוועגונג, ביים אָנקומען פון דער צווייטער עליה (1904). דידאָזיקע תקופה ווייסט נאָר פון אַ פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע־פאָרם. נישט די עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע — די הסתדרות, נאָר די אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציע — די פּאַרטיי, האָט דאַן געהערשט אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפטלעכקייט. די פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט נישט באַשרענקט בלויז מיט פּאָליטישע און דער־ציערישע ענינים, נאָר זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַרבעטס־און ווירטשאַפטס־אַנגעלעגנהייטן. די פּאַרטיי האָט איינגעאָרדנט קיכן, געזאָרגט פאַר באַקומען אַרבעט, אָרגאַניזירט קבוצות און געלייגט דעם יסוד פאַר די ערשטע קאָלאָניזאַטאָרישע שאַפונגען פונם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער.

די העגעמאָניע פון די פּאַרטייען אינם לעבן פון דער אַרבעטערשאַפט איז געלעגן אין דעם כאַראַקטער און וועזן פונם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער. דער אַרבעטער אין לאַנד איז נישט געקומען פון דער אַרבעט צו דער באַוועגונג, ווי דער שטייגער איז אומעטום, נאָר פאַרקערט, פון דער

באַוועגונג צו דער אַרבעט. תחילת איז געווען די אידעע, און די אידישע אָרגאַניזירונג האָט באַשטימט די פאָרם פון דער באַוועגונג — און איר פונאַנדערטיילונג. די ערשטע פון דער צווייטער עליה, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר די צוויי אַרבעטער-פּאַרטייען אין לאַנד, זענען נישט געווען לויט זייערע מייגונגען און שטרעבונגען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, ווי עס קען זיך אויסדרוכטן לויט דער פּאַרטייאישער צעריסנקייט און קעגנזעצלעכקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן במשך פינפאונצוואַנציק יאָר. די קעגנזאַצן צווישן די צוויי פּאַרטייען, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק במשך זייער עקזיסטענץ, זענען גיכער געווען אַ רעזולטאַט פון דער צעשפּאָלטנקייט, און נישט איר סיבה. די פּסיכישע און אידעישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט די עולים פון דער צווייטער עליה קיין ארץ-ישראל, און די אַרבעט און טעטיקייט, וועלכע זיי האָבן געפירט אין לאַנד – זענען געווען איין-און-דיזעלבע ביי דער גרעסטער מערהייט פוןביידע פּאַרטייען. אָבער אין יענער תקופה זענען די אונטערשיידען אין דער פאָרמולירונג, אין דינע אידעאָלאָגישע ניואַנסן, אָדער אַ וויכוח אַרום אַ נאָמען, געווען גענוג, כדי צו שאַפן אַ פּאַרטייאישע מחיצה צווישן חברים פון איין לעבנס-ווערק.

אין די אָפּגעזונדערטע ראַמען האָבן זיך גיך איינגעפעסטיקט קאָנקורענץ- און פיינטשאַפטס-באַציונגען צווישן די צוויי לאַגערן. און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ריס איז אַליין געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס האָט די אידעישע אונטערשיידן פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט דעם תהום צווישן די צוויי פּאַרטייען. די צוויי-פּאַרטייאישע אָרדנונג איז נישט געווען מסוגל צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער אַרבעטערשאַפט. אַ סך אַרבעטער זענען געשטאַנען מחוץ ביידע פּאַרטייען. עקאָנאָמישע אַקציעס, וועלכע זענען געווען נויטיק דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, האָבן נישט געקענט אָרגאַניזירט ווערן ווי געהעריק צוליב דער פּאַרטייאישער קאָנקורענץ. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַמעלעך און ביסלעכווייז שאַפן פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע-קעמערלעך, וואָס האָבן געשטרעבט אַרומצונעמען אַלע פּ אַ ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ט ע אַרבעטער אויף אַן אומפּאַרטייאישער באַזע. ביי די גלילער אַרבעטער איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע — דער „החורש" (תרס"ז), עס האָט זיך געשאַפן דער „השומר" (תרס"ח), אין פאַרשידענע קאָלאָניעס זענען געגרינדעט געוואָרן ועדי-פּועלים (אַרבעטער-קאָמיטעטן (תרס"ט). צום לעצט זענען געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס פון די דאָרפישע אַרבעטער אין יהודה, שומרון און אין גליל (תרע"א) און ס'איז געמאַכט געוואָרן (תרע"ג) אַ פּרוּאוו צו בילדן אַ „פּאַריינינקטן קאָמיטעט פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער" (ועד מאוחד של פּועלי א"י). די דאָזיקע צווייטע תקופה צייכנט זיך אויס מיטן שטענדיקן קאַמף צווישן די געווערקשאַפטן און די פּאַרטייען. די פּאַרטייען האָבן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פון די געווערקשאַפטן, און די געווערקשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף דער אומפּאַרטייאישער אַרבעטערשאַפט און אַפילו אויף אַ קליינעם טייל פּאַרטייאישע חברים — טרייע דער אידעע פון אַן אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזירונג, — האָבן

נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער אפּוטרופּסות פון די פּאַרטייען אויפן קאָלאָניזאַטאָרישן און קולטורעלן געביט. יעדער פּרואוו פון דער געווערקשאַפט אויסצוברייטערן איר זעלבסטשטענדיקן טעטיקייטס-קרייז האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ענערגישן ווידערשטאַנד מצד די פּאַרטייען.

דידאָזיקע אָרדנונג פון טאָפּלטער קאָנקורענץ — צווישן די צוויי פּאַרטייען צווישן זיך פון איין זייט, און צווישן די פּאַרטייען און דער געווערקשאַפט פון דער אַנדערער זייט -- איז געווען איינער פון די פאַקטאָרן צו דער פאַראייניקונגס-באַוועגונג, וועלכע האָט דערפירט צום שאַפן „אחדות-העבודה״ (תרע״ט).

ווען עס האָבן זיך ביים סוף מלחמה באַגעגנט, אין די יידישע פריי-וויליקע-לעגיאָנען, די חברים פון ביידע פּאַרטייען און די אומפּאַרטייאישע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס מיט די חלוצים פון דער דריטער עליה — די אַמעריקאַנער פרייוויליקע, – איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַ פולער פאַראייניקונג פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג אין איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע, ווי אויך פריי-פּראָפעסיעדיקע, — אַלע, וואָס לעבן פון אייגענער אַרבעט נישט עקספּלאָאַטירנדיק קיינעם, מיטן צוועק צו פירן אַן עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע טעטיקייט.

די פאַראייניקונגס-באַוועגונג האָט דאַן געשטרעבט נישט בלויז צו אַ פאַראייניקונג פון די פּאַרטייען — נאָר אויך צו צעשטערן די מחיצה צווישן די פּאַרטייען און די געווערקשאַפטן. דער ציל איז געווען — שאַפן אַן אַלגעמיינע און אַלץ-אַרומנעמענדיקע אָרגאַניזאַציע פונם אַרבעטער-קלאַס, וואָס זאָל גלייכצייטיק דערפילן סיי די ראָל פון אַן עקאָנאָמישער אָרגאַ-ניזאַציע און סיי די ראָל פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי.

דערדאָזיקער ציל איז, ווי באַקאַנט, נישט דערגרייכט געוואָרן פולקאָם. דער „הפועל הצעיר״ איז צו דער פאַראייניקונג נישט צוגעשטאַנען. דער מאַנגל אין קעגנזייטיקן צוטרוי און די צעשפּליטערונגס-טראַדיציע האָבן געזיגט. „אחדות העבודה״, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין פּתח-תקוה (אדר תרע״ט) האָט, אמת, פאַראייניקט אין זיך סיי די פּאָליטישע טעטיקייט און סיי אויך די עקאָנאָמישע און קולטורעלע טעטיקייט, אָבער זי האָט נישט אַרומגענומען אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אויך דער „הפועל הצעיר״ איז, צוליב דער נייער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן מיט דער גרינדונג פון „אחדות העבודה״, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרטיי-געווערקשאַפט. און קעגן דעם ווילן פון די פאַראייניקער האָט זיך איינגעשטעלט אַ צוויי-פּאַרטייאישע-צוויי-געווערקשאַפטלעכע אָרדנונג. יעדע פון די צוויי קערפּער-שאַפטן איז געווען אַ גאַנצקייט פאַר זיך, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע טעטיקייטן און האָט קאָנקורירט מיט דער אַנדערער אויפן גאַנצן פראָנט: פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל. עס זענען געשאַפן געוואָרן צוויי אַרבעטס-ביוראָען, צוויי עליה-צענטראַלעס, צוויי קראַנקען-קאַסעס, צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע צענטראַלעס א. אַ. וו. די קאָנקורענץ האָט באַזונדערס

שווער זיך אָפּגערופן אויף דער דריטער עליה. די מערסטע עולים זענען נישט צוגעשטאַנען נישט צו איין אָרגאַניזאַציע, נישט צו דער אַנדערער, און ס'איז ווידער אַרויפגעשוואומען די פאַרייניקונגס-פראַגע.

מיט דער גרינדונג פון דער הסתדרות הכללית אין חיפה (כסלו תרפ"א) הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. ס'איז צום ערשטן מאָל ביי יידישע אַרבעטער, נישט בלויז אין ארץ-ישראל נאָר אין דער גאַנצער וועלט, געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיינע ראַם, וואָס פאַרייניקט דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, אָן אונטערשיד פון פאַך און פאַרטיי. די פאַרטייען, וועלכע האָבן זיך דערוויַיל געמערט, האָבן, אמת, נישט אויפגעגעבן זייער עקזיסטענץ. די קאָמפּעטענץ פון דער הסתדרות איז באַשרענקט און באַגרעניצט געוואָרן, און אין איר קאָנסטיטוציע זענען שוואַרץ אויף ווייס אָנגעצייכנט געוואָרן גרעניצן און צוימען פאַר איר טעטיקייט. אָבער אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס די גאַנצע אַרבעטערשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין איין ראַם, זענען צעשטערט געוואָרן די קינסטלעכע צוימען און די קאָנסטיטוציאָנעלע באַגרעניצונגען. די הסתדרות האָט אויסגעברייטערט איר טעטיקייטס-קרייז און קאָמפּעטענץ אָן אַ שום אָפּהאַלט — און די פאַרטייען האָבן פאַרלוירן זייער ממשותדיקן אינהאַלט.

טעאָרעטיש איז געשאַפן געוואָרן בלויז אַווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, און די פאַרטייען זענען געבליבן עקזיסטירן ווי פריער, מחוץ דער הסתדרות, צוליב באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע אויפגאַבן. אָבער פּראַקטיש האָט די הסתדרות אין זיך אריינגעכאַפּט דעם לעבעדיקן און ממשותדיקן אינהאַלט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַלע צווייגן פון אַרבעט, שאַפן און קאַמף, און די פאַרטייען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הסתדרותישע פראַקציעס. די ממשותדיקע און עיקרדיקע אויפגאַבע פון דער פאַרטיי נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות איז געווען דער קאַמף פאַר איינפלוס און אָנפירערישקייט אין דער הסתדרות.

ב.

מיט דער פאַראייניקונג פון די פאַרטייען גייען מיר איבער צו אַ נייער אָרדנונג אין דער באַוועגונג, צו צוויי-אָרגאַנען-אָרדנונג: אַן אַלגעמיינע הסתדרות און אַ פאַרייניקטע פאַרטיי. וואָס דער חיפהער צוזאַמענפאָר האָט מיט ניין יאָר צוריק אויפגעטאָן אין באַצוג צו דער הסתדרות, האָט איצט, אין אַ גרויסער מאָס, אויפגעטאָן דער תל-אביבער צוזאַמענפאָר אין באַצוג צו דער פאַרטיי. נאָך פינפאונצוואָנציק יאָר איז ענדלעך דער ריס גאַנץ געוואָרן. די אַלע כוחות, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד, פאַר אירע מאָראַלישע און אידעישע ווערטן, פאַר אירע ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע דערגרייכונגען; אַלע כוחות, וועלכע האָבן במשך אַ האַלבן יובל-יאָר געטראָגן דעם יאָך פון דער אַרבעט, קאַמף און שאַפונג פונם יידישן אַרבעטער אינם ישוב און אין

ציוניזם, — האָבן זיך פאַרייניקט אין איין פּאַרטיי. ס'איז געשאַפן געוואָרן די פּאַרטיי פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער — די מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

די פּאַרטייען־פאַרייניקונג איז נאָך נישט אַזאַ פולשטענדיקע ווי די הסתדרות־פאַרייניקונג (אויך זי איז נאָך נישט אינגאַנצן פולקאָם — די לערער־אָרגאַניזאַציע, דער הפועל המזרחי, די תימנער־פאַרייניקונג געפינען זיך מחוץ דער הסתדרות), עטלעכע גרופּעס אין דער הסתדרות, מער אָדער ווייניקער וויכטיקע, זענען קעגן דער פאַרייניקטער פּאַרטיי — אָבער שוין איצט קאָנצענטרירט אַרום זיך די פּאַרטיי דעם רוב מנין און רוב בנין פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, און די פּאַרטיי, פּונקט ווי די הסתדרות, טרעט אויף אַלס שליח פונם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

די פאַרייניקטע פּאַרטיי, וועלכע נעמט אַרום ווייניקסטנס אַכציק פּראָצענט הסתדרות־מיטגלידער, קען נישט און דאַרף נישט זיין בלויז אַ פראַקציע אין דער הסתדרות, ווי עס זענען געווען די פּאַרטייען אין דער צעשפּליטערונגס־תקופה.

אַ מאַסן־פּאַרטיי, וועלכע איז אין איר באַשטאַנד כמעט אידענטיש מיט דער הסתדרות, קען נישט האַלטן פאַר איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג דעם קאַמף מיט עפּעס אַ צעשפּאָלטן הייפל לינקע פועלי־ציון אָדער מיט אַ פּאָר צענטלעך פראַקציאָנערן און קאָמוניסטן. די פאַרייניקטע פּאַרטיי איז נישט קיין פראַקציע אין דער הסתדרות, נאָר די פּאָליטישע קערפּערשאַפט פונם אַרבעטער־קלאַס. אין דער תקופה פון פּאַרטייאישע פראַקציעס אין דער הסתדרות איז די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט געווען אומפּאַרטייאיש. נישט ווייל אירע מיינונגען זענען געווען אַנדערע, ווי די מיינונגען פון די פּאַרטייאישע חברים. דידאָזיקע אַרבעטערשאַפט פלעגט ביי אַלע וואַלן אָפּגעבן אירע שטימען איינער פון די פּאַרטייען און נישט קיין „אומפּאַרטייאישע" ליסטע. די אַרבעטערשאַפט איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין פּאַרטיי, ווייל ס'איז נישט געווען א יי ן פּאַרטיי. דער עצם־פאַקט, וואָס עס האָבן עקזיסטירט צוויי פּאַרטייען, איז געווען אַ שטויס צו אומפּאַרטייאישקייט. ווען די מאַסע דאַרף אויסקלייבן צווישן צוויי אָרגאַניזאַציעס, קלייבט זי בעסער אויס צו שטיין לגמרי אויסער אָרגאַניזאַציע. די מערהייט האָט נישט קיין אינטערעס פאַר די דינע אונטערשידן און פאַרשידענע ניואַנסן, וואָס טיילן פונאַנדער די פּאַרטייען. די מערהייט האַלט פאַר באַדייטונגסוועדט די הויפּט־יסודות פון דער באַוועגונג, און זי באַציט זיך גלייכגילטיק צו די דינקייטן און פּעדאַנטישקייטן, וואָס זענען אַן ענין בלויז פאַר די פּריסטערס פון די פּאַרטייען. ווען אין לאַנד וואָלטן געווען צוויי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָלט אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט, און אפשר דער גרעסטער טייל אירער, געבליבן אויך מחוץ די אָרגאַניזאַציעס. די שאַפונג פון איין אַלגעמיינער, אַרומנעמענדיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — פון דער הסתדרות, איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער־מאַסן אין אירע ראַמען. די שאַפונג פון איין פּאַרטיי, וועלכע באַזירט זיך אויף די אידעישע פּרינציפּן, וואָס זענען טייער דער

גאַנצער אַרבעטערשאַפט, איז מסוגל צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז די פּראַקטישע באַדייטונג פון דער פאַרייניקונג. די פאַרייניקטע פּאַרטיי קען זיך נישט צופרידנשטעלן בלויז מיט די מיטגלידער פון די צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט. אויב די פּאַרטיי וועט נישט קענען מאָביליזירן און אַקטיוויזירן די אומפּאַרטייאישע אַרבעטערשאַפט — וועט די פאַרייניקונג נישט האָבן דערגרייכט איינעם פון אירע הויפּט-צילן. פון דעם שטאַנדפּונקט גענומען, קען מען זאָגן, אַז דער פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר האָט דורכגעפירט די פאַרייניקונג פון ביידע פּאַרטייען, אָבער ער האָט נאָך נישט געשאַפן די פאַרייניקטע פּאַרטיי. די פּאַרטיי וועט נישט זיין פּאָלקאָם און וועט נישט ראוי זיין צו טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען, מיט וועלכן זי האָט זיך אָנגערופן — מפלגת פועלי א״י (די פּאַרטיי פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער), — אויב עס וועט איר נישט געלונגען אין אַ קענטיקער מאָס צו ליקווידירן די אומפּאַרטייאישקייט. דער אַרבעטער, וואָס איז נישט קיין מיטגליד אין דער הסתדרות, איז נישט קיין אומפּאַרטייאישער, נאָר אַ נישט-אָרגאַניזירטער אַרבעטער. דאָסזעלבע איז אין באַצוג צו דער פּאַרטיי. דער אַרבעטער, וואָס איז נישט אין דער פּאַרטיי, איז נישט קיין אומפּאַרטייאישער נאָר אַ נישט-אָרגאַניזירטער. פּונקט ווי די הסתדרות האָט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אין זיך אַלע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אויף הונדערט פּראָצענט, אַזוי מוז די פּאַרטיי מאָביליזירן אין זיך אַלע הסתדרות-מיטגלידער אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

ג.

און עס אַנטשטייט די פראַגע: צו וואָס דאַרף מען אָט די טאָפּלטקייט? וואָס פאַר אַ באַזונדערע שליחות האָט יעדע איינע פון דידאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן? און פאַרוואָס קען איין אָרגאַן נישט אויספירן די צוויי שליחותן צוזאַמען?

די אַסאָציאַציע, מיט וועלכע מיר פאַרבינדן דעם נאָמען פּאַרטיי, איז עלול אונז אַריינצופירן אין אַ טעות. די פּאַרטיי אין אַנדערע לענדער איז דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר קאַמפּס-אינסטרומענט, איינס פון די הויפּט-רעדער אין דער מאַכט-מאַשין. די אַרבעטער-פּאַרטיי אין אַלע לענדער איז אַן אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף צו באַשיצן זייערע אינטערעסן אין די געוויילטע מלוכה-קערפּערשאַפטן; דאָרט איז די פּאָליטישע פּאַרטיי אַ מיטל צו דעראָבערן די מאַכט. אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך אין ארץ-ישראל נישט געווען און האָט נישט געקענט זיין. ארץ-ישראל איז נישט קיין אויטאָנאָמע מלוכה, און די אינטערעסן פון די בירגער ווערן נישט דעצידירט אין געוויילטע קערפּערשאַפטן, און די ארץ-ישראלדיקע פּאַרטיי איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָליטישער אינסטרומענט אויף צו דעראָבערן די מאַכט אין דער מלוכה. אויף וויפל עס זענען פאַראַן לאָקאַלע פּאָליטישע אינטערעסן — אין די שטאָטראַטן — איז נישטאָ קיין שום מניעה, אַז די הסתדרות, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך דעם מאַקסימום אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זאָל דערפילן

דיראָזיקע שליחות. פאַקטיש האָט עס די הסתדרות ביז איצט געטון און ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה, זי זאָל עס אויך ווייטער נישט טון.

דער פאַקט, וואָס עס האָבן זיך פאַרייניקט די פּאַרטייען, דאַרף נישט זיין קיין יסוד פאַר פאַרקלענערן דעם טעטיקייטס-קרייז פון דער הסתדרות אָדער פאַרן פאַרשמעלערן איר קאָמפּעטענץ. אין דער טעטיקייט, וואָס האָט אַ שייכות צו דער רעגירונג, קען די הסתדרות זיכער מער אויפטון ווי די פּאַרטיי. די הסתדרות, וואָס פירט די אַרבעט- און ווירטשאַפט-ענינים איז קאָמפּעטענטער, ווי אַן אַנדערער אָרגאַן, צו דערלאַנגען דער רעגירונג פּאָרשלאַגן און פאָדערונגען וועגן אַרבעט, שוץ-געזעצן, קאָלאָניזאַציע, געזונטהייטס-וועזן, דערציאונג, עליה א. אַ. וו. דאָסזעלבע איז אויך אין באַצוג צו דער רעגירונג אין לאָנדאָן, און אין געוויסע פאַלן — אויך אין באַצוג צו דער בריטישער לייבור-פּאַרטיי, און זיכער שוין אין באַצוג צום קאָנגרעס פון די בריטישע טרייד-יוניאָנס. דאָס נעמט נישט צו דער פּאַרטיי דאָס רעכט צו פירן געוויסע פּאָליטישע אַקציעס אין לאַנד און אין חוץ-לארץ לויט איר איינזעען — אָבער די פּאָליטישע טעטיקייט אין דירעקטן און אָנגענומענעם זין פון וואָרט קען נישט בילדן דעם אינהאַלט פון דער פּאַרטיי אין לאַנד. דיראָזיקע לאַגע וועט נאָך במשך אַ סך יאָרן נישט געענדערט ווערן, אויף וויפל דער מלוכה-צושטאַנד און דער כוח פונם ישוב וועלן באַדייטנדיק נישט געענדערט ווערן. יעדער פאַרגלייך מיט אַן אַנדער לאַנד מיידט אויס דעם אמת. די אַרבעטער-אָרגאַניזירונג אין ענגלאַנד און אין עסטרייך איז צום נאָענטסטן צו דער אָרגאַניזאַציע-פאָרם ביי אונז. אויך דאָרטן איז דער פּאַרטיי-צוזאַמענשטעל — די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע — כמעט אידענטיש מיטן צוזאַמענשטעל פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — פון דער פּראָפעס-יאָנעלער אָרגאַניזאַציע. אָבער אויב מיר וועלן לויט אָט די צוויי קלאַסישע מוסטערן פונאַנדערטיילן די ראָלן צווישן דער פּאַרטיי און דער הסתדרות אין ארץ-ישראל, וועלן מיר דערזען, אַז אונז פעלט אין לאַנד דער פּאָלי-טישער אָביעקט פאַר דער פּאַרטיי-טעטיקייט.

אין ענגלאַנד און אין עסטרייך, און דאָסזעלבע אויך אין אַנדערע לענדער — זענעןביידע, די פּאַרטיי און די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, די אָרגאַניזירטע פאָרשטערשאַפט פון פאַראַנענעם אַרבעטער-קלאַס אויף צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן און פאָדערונגען: די פּאַרטיי — לגבי דער מלוכה-מאַשין, און די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — לגבי דער ווירטשאַפטס-מאַשין. די אַקציע-מיטלען פון דער פּאַרטיי זענען פּאָליטישע, די אַקציע-מיטלען פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — אָרגאַניזאַציאָנעל-ווירטשאַפט-לעכע. סיי די פּאַרטיי און סיי די אָרגאַניזאַציע זענען נישט בלויז קיין פאַרטיידיקונגס-אינסטרומענטן, נאָר אויך דעראָבערונגס-געווער. די פּאַרטיי — צו דעראָבערן די מלוכה-מאַכט, די אָרגאַניזאַציע — צו דעראָבערן די אָנפירונג אין דער ווירטשאַפט. דער אָביעקט פון ביידע איז די פאַראַנענע מלוכה און די פאַראַנענע ווירטשאַפט, און יעדער פון זיי שטרעבט אויף איר

קאַמף-געביט צוצופּאַסן די עקזיסטירנדיקע מאַשין צו די באַדערפענישן פון אַרבעטער-קלאַס און צו זיינע היסטאָרישע שטרעבונגען.

די ריכטונג פון דער פּאַרטיי אין ארץ-ישראל איז נישט געווען אז קען דערוויילע נישט זיין געווענדט אין דער זייט פון דער מלוכה-מאַשין. דער אָביעקט פון דער פּאַרטיי אין איר קאַמף און טעטיקייט איז נישט דער פּאָליטישער רעזשים און די רעגירונגס-אַנשטאַלטן, און יעדער פּרוואו פונאַנדערצוטיילן די פונקציעס אין לאַנד צווישן די צוויי הויפּט-אָרגאַנען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג לויטן מוסטער פון אַנדערע לענדער וועט זיך נישט איינגעבן.

די פאָרם פון אונזער אָרגאַניזאַציע פּונקט ווי די תוכן פון אונזער טעטיקייט לאָזן זיך נישט פעסטשטעלן לויט געליענעם שאַבלאָן פון אַנדערע לענדער. די ספּעציפישע ארץ-ישראלדיקער ווירקלעכקייט, דער אייגנטלעכער מהות פון אונזער באַוועגונג, אונזער אייגנאַרטיקע שליחות און אירע היסטאָרישע באַגלייט-באַדינגונגען — אָט דאָס אַלץ דאַרף אָנצייכענען דעם וועג ביים פעסטשטעלן דעם אינהאַלט און די פאָרם פון אונזער אָרגאַניזירונג.

ד.

דער יידישער אַרבעטער איז געקומען קיין ארץ-ישראל אַלס שליח. אַ דאַנק זיין שליחות און אַ דאַנק דער ווירקלעכקייט איז ער געוואָרן אַ אינטערעסאַנט, און ער טרעט אַרויס אין ארץ-ישראל אין אַ צווייאיקער ראָל: אין דער ראָל פון אַ מאָנער און אין דער ראָל פון אַ געמאָנטן. און ווען ער דערשיינט עפנטלעך, געשטויסן דורך זיין מיסיע און דורך זיינע באַדערפענישן, אָרגאַניזירט ער זיך אַנטשפּרעכנד צו זיין טאָפּלטן מהות אין צוויי אָרגאַניזאַציעס: אין אַן אָרגאַניזאַציע פון מאָנער — אין דער הסתדרות, און אין אַן אָרגאַניזאַציע פון געמאָנטע — אין דער פּאַרטיי.

די מאָנער און די געמאָנטע בילדן נישט קיין צוויי באַזונדערע מחנות. נישט איין טייל פון דער אַרבעטערשאַפט באַשטייט בלויז פון מאָנער, און דער צווייטער טייל — בלויז פון געמאָנטע. די מאָנער-אָרגאַניזאַציע איז אידענטיש — אָדער דאַרף זיין אידענטיש — אין איר פּערסאָנאַלן באַשטאַנד מיט דער אָרגאַניזאַציע פון געמאָנטע. די פונאַנדערטיילונג צווישן אַ מאָנער-אָרגאַניזאַציע און אַן אָרגאַניזאַציע פון געמאָנטע איז בכלל נישט קיין אַבסאָלוטע. די גרעניצן צווישן מאָנער און געמאָנטע, צווישן דער מאָנונג און געמאָנטקייט, קרייצן זיך און לאָזן זיך נישט פולשטענדיק פונאַנדער-שיידן. אָבער ס'איז פאַראַן אַ גרונט-אונטערשיד אין די פּסיכישע מאָטיוון פון דידאָזיקע צוויי אָרגאַניזאַציעס, אין די פאַקטאָרן פון זייער טעטיקייט, אין דעם צוגעהעריקייטס-באַנד זייערן. די צוגעהעריקייט פונם מיטגליד צו דער הסתדרות איז הויפּטזאַכלעך אַ נוצן-צוגעהעריקייט, אַ באַדערפעניש-צוגעהעריקייט; דאַקעגן די צוגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי איז בעיקר אַ אידעאישע, אַ מאָראַלישע צוגעהעריקייט. אין דער הסתדרות טרעט אויף דער מיטגליד הויפּטזאַכלעך אַלס מאָנער. ער פאַרלאַנגט אַרבעט פון אַרבעטס-ביוראָ, מעדיצינישע הילף — פון דער קופּת חולים (קראַנקען-קאַסע), שוץ

פאַר זיינע אַרבעטס-באַדינגונגען — פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אָרטס-קאָנטראָל און דערציאונג — פון דער ועדת התרבות, לעבנס-פאַרזיכערונג — פון „הסנה״, קרעדיט — פון בנק הפועלים, קאָלאָניזאַציע — פון מרכז חקלאי א. א. וו. אין דער פּאַרטיי איז דער מיטגליד נישט קיין מאָגער נאָר אַ געמאָנטער. נישט די באַפרידיקונג פון זיינע אינטערעסן, נאָר די דורכפירונג פון זיין היסטאָרישער שליחות, בינדט אים צו צו דער פּאַרטיי.

אין דעם ליגט דער פּרינציפּיעלער ווערט פון דער פאַראייניקונג. אין דער פאַראייניקונג האָט די פּאַרטיי געפינען איר מאָראַלישן תּיקון. דער שאָדן פונם פּאַרטיי-קאַמף איז נישט געוועזן בלויז אינם צעטרענצלען די כוחות און אינם אומזיסטן פטרן ענערגיע — נאָר אין דער פאַרקריפּלונג פונם עצם-מהות און שליחות פון דער פּאַרטיי. אויך פּאַר דער פאַראייניקונג האָבן זיך די אַרבעטער-פּאַרטייען אין ארץ-ישראל באַטראַכט נישט בלויז אַלס פּאָליטישע אינסטרומענטן, נאָר הויפּטזאַכלעך אַלס די טרעגער פון דעם אַרבעטערס היסטאָרישער שליחות אין דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פונם יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. אָבער דידאָזיקע שליחות-אויפגאַבע איז געניזוקט און פאַרקריפּלט געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן די צוויי פּאַרטייען. דער קאָנקורענץ-פאַקטאָר איז געווען איינער פון די הויפּט-כוחות, וואָס האָבן באַוואויגן די טעטיקייט פון די פּאַרטייען.

אמת, פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַציען זיך פּאָזיטיוו צו דעמדאָזיקן פאַקטאָר. זיי האָבן מורא, אַז אָן קאָנקורענץ וועט די פּאַרטיי נישט זיין אַקטיוו. אַזעלכע נבואות האָבן זיך אויך געלאָזט הערן בעתן גרינדן די הסתדרות. כל-זמן ס׳האָבן עקזיסטירט צוויי אַרבעטס-ביוראָס, צוויי קראַנקען-קאַסעס — האָבן זיי געטענהט — איז יעדע איינע געווען פאַראינטערעסירט איבערצויאָגן די צווייטע מיט אַקטיוויטעט און פלייסיקייט. אַז עס וועט אויפהערן די קאָנקורענץ צווישן די אַנשטאַלטן — וועט פּאַראַליזירט אָדער אָפּגעשוואַכט ווערן זייער טעטיקייט. דידאָזיקע פאַלשע נבואה איז נישט מקוים געוואָרן, און איצט וועט שוין קיינעם נישט איינפאַלן צו בעטן דערויף, עס זאָלן עקזיסטירן צוויי קאָנקורענץ-אָרגאַניזאַציעס. די פאַראייניקונג האָט נישט אָפּגעשוואַכט נאָר זי האָט פאַרשטאַרקט די הסתדרות-טעטיקייט און באַפרוכפּערט איר שאַפונגס-פעאיקייט.

דער שאָדן פון דער צווישן-פּאַרטייאישער קאָנקורענץ איז געווען נאָך גרעסער פונם שאָדן פון דער קאָנקורענץ צווישן פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס, ווייל דער פּאַרטייאישער אַרבעט-געביט איז אין גרונט אַ מאָראַלישער, האָט דער צווישן-פּאַרטייאישער קאַמף געשאָדט דער נשמה פון דער באַוועגונג. אָנשטאָט זאָרגן און אינטערעסירן זיך מיט דער דורכפירונג פון דעם אַרבעטערס שליחות איז די פּאַרטיי געווען געצוואונגען צו ווידמענען אירע כוחות דער פאַרגרעסערונג פון איר איינפלוס און מאַכט אין די הסתדרות-אַנשטאַלטן. אָנשטאָט אָנשרענגונגען צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס

פון דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט די פּאַרטיי געמאַכט אָנשטרענגונגען צו פּאַרפעסטיקן אירע פּאַרטיי-פּאָזיציעס אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

די פאַראייניקונג האָט געראַטעוועט די פּאַרטייען פון דעגענעראַציע-סכּנה און מאָראַלישע ירידה. די פאַראייניקטע פּאַרטיי דאַרף זיך נישט באַטראַכטן אַלס פראַקציע, וואָס קעמפט מיט אַנדערע פראַקציעס אין דער הסתדרות, כּדי צו פאַרגרעסערן איר איינפלוס אויפן אַרבעטער-קלאַס, נאָר אַלס שליח פון אַרבעטער-קלאַס, אַלס אַ שליח, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך סיי פאַר דעם, וואָס איז שוין פאַראַן און סיי פאַר דעם, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן אין לאַנד. און נאָר די אָנערקענונג פון דערדאָזיקער שליחות, נישט קיין שום אַנדער מאָטיוו, דאַרף זיין דער וועגווייזער פאַר דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי אין דער הסתדרות, אין ישוב, אינם ציוניזם, אין דער יידישער און אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג.

ה.

אָבער די עיקר-פראַגע פאַרבלייבט : צוליב וואָס דאַרף מען די טאָפּלטקייט ? צי דען קען די הסתדרות אַליין נישט דערפילן די גאַנצע שליחות, וואָס עס האָט אויף זיך גענומען די פּאַרטיי ?

ס'איז קלאָר, אַז קיין שום פּאַרטיי אין לאַנד, אויך די פאַראייניקטע פּאַרטיי, אַפילו ווען זי וועט שוין אַריינגעמען אין זיך די אַלע, וועלכע זענען ביז איצט געווען צוליב דער צעשפּליטערונג מחוץ יעדער פּאַרטיי, וועט זיך נישט קענען אויסגלייכן מיט דער הסתדרות, מיט איר לעבנס-כּוח און אינטערעסן-רייכקייט. די פאַראייניקונג גופא וועט נאָך פאַרשטאַרקן די הסתדרות און וועט פאַרגרעסערן איר באַדייטונג אינם לעבן פון די אַרבעטער און פון ישוב. די פאַראייניקונג פון די פּאַרטייען שמידט אויס קודם-כּל די אינערלעכע אייניקייט און דעם ווילן פון דער הסתדרות. דער צווישן-פּאַרטייאישער געראַנגל האָט נישט ווייניק אָפּגעשוואַכט די הסתדרות אין פריערדיקע צייטן. אַ קאָאַליציע-לייטונג האָט נישט געקענט געבן דער הסתדרות דאָס, וואָס עס איז בכּוח און דאַרף געבן אַן איינהייטלעכע און פעסטע לייטונג.

אין דער געשלאָסנקייט פון דער הסתדרות פריער האָט געשפּילט אַ גרויסע און פּאָזיטיווע ראָל דער פאַקט, וואָס טראָץ דער צעשפּאָלטנקייט און פּיל-פּאַרטייאישקייט, האָט עקזיסטירט אַ מערהייטס-פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער הסתדרות. די פאַראייניקטע פּאַרטיי וועט זיכער נישט באַגיין דעם פאַטאַלן פעלער כּלומרשט רייך צו ווערן אויפן חשבון פון דער הסתדרות. די גצפאַר צו פאַרלירן יעדן ממשותדיקן אין לעבעדיקן אינהאַלט, וואָס דראָט כּלומרשט דער פּאַרטיי, דאַרף זי נישט דערפירן צו אומזיניקייטן. די פליכט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי איז זאָרגן פאַר דער פאַרפולקאָמונג פון דער הסתדרות און אירע אַנשטאַלטן, אויפלעבן אירע אָרגאַניזאַציע-קעמערלעך, פאַרגרעסערן איר אַרבעטס-פעאיקייט, פאַרשטאַרקן איר טעטיקייט. נישט אָפּשוואַכן די הסתדרות, נישט באַשרענקען

איר קאָמפּעטענץ און טעטיקייטס-קרייז, נאָר, פאַרקערט, באַרייכערן איר אינהאַלט און פאַרשטאַרקן איר כוח. אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער פאַראייניקונג. יעדער הסתדרות-ישער אַנשטאַלט, יעדער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, יעדער אַרבעטס-פּלאַץ, יעדע ווירטשאַפט, יעדע אָרגאַניזאַציאָנעל קעמערל דאַרפן פירן זייער טעטיקייט מיט אייגענע כוחות, מיט אייגענער איבער-צייגונג און מיט אייגענער אחריות. די פּאַרטיי וועט ריכטיק דערפילן איר פליכט נאָר דאַן, ווען איר טעטיקייט אין דער הסתדרות וועט געפירט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז די הסתדרות זאָל לעבן פול און גאַנץ איר אייגן לעבן, *פּונקט ווי עס וואָלט נישט האָבן עקזיסטירט נעבן איר קיין פּאַרטיי, וועלכע פירט מיט איר אָן.*

אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואו די נשמה פון דער באַוועגונג איז נישט די אַבסטראַקטע אידעע, נישט די נאַקעטע טעאָריע, נאָר די לעבעדיקע טאַט, די רעאַליזירנדיקע אַקציע, — צי דען קען דאָ די הסתדרות, וועלכע פאַראייניקט אין זיך די גאַנצע אַרבעטערשאַפט און קאָנצענטרירט אַלע אַרבעטס-אויפטוען מיט זייערע דעראָבערונגען און דערגרייכונגען, נישט בעסער דערפילן און דורכפירן די היסטאָרישע מיסיע פונם אַרבעטער-קלאַס, ווי די פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער רעאַליזירונגס-טאַט, פון די טעטיקייטס-אימפּולסן און פונם לעבן, וואָס פּולסירט דווקא אין די ווענט פון דער הסתדרות? צי דען דערמעגלעכט נישט אין פאַרפליכטעט נישט די אידענטישקייט פון די מאַנער און געמאָנטע, זיי צו אָרגאַניזירן אין איין אָרגאַניזאַציע? צי דען זענען דעם אַרבעטערס באַדערפענישן אין לאַנד נישט צונויפגעפלאָכטן מיט די באַדערפענישן פון דער באַוועגונג; צי דען זענען די פאָדערונגען פון אַרבעט, קאָלאָניזאַציע, דערציאונג א. אַ. וו. נישט פאָדערונגען פון דער באַוועגונג און נישט נויטיק פאַר דער ציוני-סטישער און סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג פּונקט ווי דאָס זענען פאָדע-רונגען פון די אַרבעט-און קאָלאָניזאַציע-זוכער און נויטווענדיקייטן פאַר די עולים? צוליב וואָס-זשע איז נויטיק די דאָזיקע קינסטלעכע פונאַנדערטיי-לונג צווישן צוויי אינסטאַנצן, וועלכע זענען בעצם איין אינסטאַנץ?

פאַראַן חברים, וואָס פאַרענטפערן די פראַגע גאָר פּשוט: די פאַרייניקונג איז נאָך נישט קיין פולשטענדיקע. אין דער הסתדרות געפינען זיך גרופּעס, וואָס זייער אידעאָלאָגישער וועג איז אַן אַנדערער, ווי דער וועג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. די לעבנס-אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט פאַרלאַנגען אַן איינהייטלעכע און איינציקע, אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַני-זאַציע, און אַזאַ איז מעגלעך בלויז כּל-זמן זי צווינגט נישט אַרויף אויף אירע מיטגלידער קיין מיינונגען און אָנשויאונגען. די הסתדרות דאַרף זיין אָפן פאַר יעדן אַרבעטנדיקן, נישט בודק זייענדיק זיינע ציצית און זיין אני-מאמין. יעדער פּרווו צו פאַרוואַנדלען די הסתדרות אויך אין אַ אידעאָ-לאָגישע איינהייט איז עלול צו צעברעכן איר גאַנצקייט און פונדאַסניי צו דערפירן צום מצב, וועלכער האָט זיך געשאַפן באַלד נאָך דער גרינדונג

פון אחדות-העבודה אין איר ערשטער געשטאַלט, דער פאַקט פון פּתח-תקוה איז געווען אַ איינאונאיינציקער. די אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין לאַנד, איז געווען קאָנסאָלידירט און צוזאַמענגעשלאָסן. די אידעאישע קעגנזאַצן, וועלכע עקזיסטירן איצטער צווישן געוויסע, כאָטש קליינע, טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט, זענען טיפער פון יענע קעגנזאַצן, וועלכע האָבן עקזיסטירט דאַן צווישן אַחדות-העבודה און הפועל הצעיר. און אפילו דאַן האָט זיך נישט איינגעגעבן די פולע פאַרייניקונג. די פאַרייניקטע פאַרטיי קאָנצענטרירט איצט אַרום זיך העכער אַכציק פּראָצענט הסתדרות-מיטגלידער, אָבער מען טאָר נישט גרינגשעצן אויך די איבעריקע צוואָנציק פּראָצענט, באַזונדערס ביי דער נישט-סטאַבילער לאַגע פון דער באַוועגונג אין לאַנד, וואָס די עליה ענדערט פון צייט צו צייט איר כאַראַקטער און געשטאַלט. דער מאַנגל אין אידעאישער אייניקייט, וועלכע זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטער, צווינגט דעריבער אונטערצושיידן צווישן די קאָמפּעטענצן פון דער פאַרטיי און פון דער הסתדרות.

די דאָזיקע תשובה איז פאַר זיך אַ גערעכטע, אָבער זי שעפּט נישט אויס דעם גאַנצן אמת און זי באַרירט נישט דעם עיקר.

די אויפגאַבע, וואָס אונזער ארץ-ישראלדיקע באַוועגונג לייגט אַרויף אויף דער פאַרטיי, לאָזט זיך נישט דורכפירן דורך דער הסתדרות, נישט צוליב די חלוקי-דעות, וואָס הערשן צווישן אירע מיטגלידער, נאָר דערפאַר ווייל די הסתדרות איז לויט איר אינערלעכן מהות נישט מסוגל דערצו.

ו.

די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג איז נישט קיין אָרטיקגעבוירענע. די ערשטע קוואַלן אירע האָבן זיך אויפגעעפנט נישט דאָ, נאָר אין די יידישע צענטערן אין גלות. נישט בלויז דער מענטשן-מאַטעריאַל, נאָר אויך דער עיקרדיקער אידעאישער פאַרמעג איז מערסטנס אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דרויסן. דאָס צעוווייטיקטע לעבן פון די יידישע פאָלקסמאַסן דורכגעזאַפּט מיט אָרעמקייט און פּיין, זייער פוסטע, פּרוכטלאָזע עקזיסטענץ, אָן האָפענונג און באָדן, אָן שאַפונג און קראַפט — פון איין זייט; די העברעאישע ליטעראַטור, דער ציוניסטישער געדאַנק, די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, די רוסישע רעוואָלוציע, היימאַט-בענקשאַפטן און גאולה-וויזיעס — פון דער צווייטער זייט; אָט דאָס זענען די קוואַלן, פון וואַנען עס האָבן געטרונקען יידישע יונגעלייט איידער זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן קיין ארץ-ישראל, זי צו באַאַרבעטן און אָפּצוהיטן. דער פאַרמעג, וואָס איז צוגעקומען און האָט זיך פאַרגרעסערט אין לאַנד — דער מאָראַלישער, געדאַנקלעכער, אָרגאַניזאַציאָנעלער, געזעלשאַפטלעכער, ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַרמעג — איז אַ פּראָדוקט פון דער זעלבסטפאַרווירקלעכונג.

אין גלות איז געווען אַ תהום צווישן געדאַנק און טאַט, צווישן שטרעבונג און לעבן, צווישן וויזיע און ווירקלעכקייט. דער פונדאַמענט פון דער באַוועגונג האָט זיך געהאַלטן אויף אַן אַבסטראַקטער, נאַקעטער אידעאָ-

לאַגיע, אַ אָפּגעריסענע פון דער פאַרווירקלעכונגס-טאַט. דאָס פּריוואַטע לעבן און דער לעבנסשטייגער פון דעם אידעען-טרעגער, זיינע עקזיסטענץ-דאגות, זיינע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, זיינע פאַמיליען-אינטערעסן, די דערציונג פון זיינע קינדער, זיין פערזענלעכע צוקונפט און פערזעלעכער גורל, — דאָס אַלץ האָט געבילדעט אַ באַזונדערע, פּריוואַטע וועלט, אַ רשות היחיד, וואָס האָט כמעט נישט געהאַט קיין מגע-ומשא, קיין שום באַרירונגס-פונקט מיט דער וועלט פון דער באַוועגונג, מיטן רשות הרבים. די צוויי וועלטן האָבן צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט דעם באַוועגונגס-מענטש אויפן יסוד פון אַ פולשטענדיקער צעטיילונג. די אָנשויאונגען און שטרעבונגען זענען זיך געפלאָסן אין זייער שטענדיקן פלוס און האָבן זיך לגמרי נישט אָנגעשטויסן אין די פּריוואַטע דאגות און לעבנס-צרות. עס האָבן דאָ עקזיסטירט צוויי באַזונדערע און אַבסאָלוט פאַרשידענע פלעכן.

מיטן אריבערקומען פון גלות קיין ארץ-ישראל מישן זיך צונויף די צוויי וועלטן און די באַזונדערע וועגן קומען זיך צוזאַמען. די עולים גייען אַריבער פון אַ אידעאישער באַוועגונג, וועלכע שטעלט בלויז פעסט מיינונגען און אָנשויאונגען, אין אַ רעאַליזירנדיקער באַוועגונג, וואָס נעמט אין זיך אריין אַלע זייערע באַדערפענישן און לעבנס-אינטערעסן. די אַבסטראַקטע שטרעבונג ווערט באַלד איבערזעצט אויף אַ שפּראַך פון לעבן און טאַט; דער גורל פונם יחיד, זיין לאַגע, עקזיסטענץ, זיין צוקונפט פלעכט זיך צונויף מיטן גורל פון דער באַוועגונג; די פּריוואַטע פראַגן ווערן אַנגעשלאָסן אין די אַלגעמיינע פראַגן; חירקלעכקייט און וויזיע ווערן איינס דורך דער פאַרווירקלעכונגס-טאַט.

די איינוואָרצלונג-ווייען און די שווערע און פילע דעראָבערונגס-אויפגאַבן שטעלן אַוועק פאַרן עולה און אַרבעטער אַ סך שווערע פאָדערונגען און צווינגען אים צו פיזישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אָנשטרענגונגען. ער מוז זיך צופּאַסן צום פּאַך, צו דער אָרטיקער סביבה, צו די נאַטירלעכע און געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, צו די נייע קולטור-מעטאָדן. ער מוז באַקומען די אייגנשאַפטן און פעאיקייטן, וואָס זענען אים נויטיק צו זיין דעראָבערונגס-אַרבעט.

אַלץ הויבט זיך דאָ אָן פון בראשית, און אויף טריט און שריט איז נויטיק צו באַרעכענען אין פלאַנעווען פונדאַסניי, ווייל ס'איז נישטאָ די הילף פון אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג, דער פּראָדוקט פון דורותדיקע אָנשטרענגונגען.

די גאַנצע באַוועגונג ווערט דאָ באַלאָדן מיט אַ סך דאגות, מיט שווערע אחריות און קאָמפּליצירטע פראַגן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג שטעלן זיך פאַרן ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער-קלאַס מלוכהשע אויפגאַבן, עס פאַלט אויף אים אַ נאַציאָנאַלע אחריות און ער ווערט אויפגעפאָדערט צו דעראָבערן אַ לאַנד, אויפצובויען אַ ווירטשאַפט, שאַפן אַ קולטור, אויפשטעלן אַ געמיינשאַפט-

עס ענדערן זיך די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם פּרט און דעם כּלל, צווישן דער באַוועגונג און אירע טרעגער. די באַוועגונג שטעלט אַרויס צום יחיד אַ סך האַרבע פאָדערונגען, וואָס נעמען אַרום אַלע לעבנס-פראַגן און דרינגען אַריין אין דער טיפעניש פון זיין עקזיסטענץ: אַ נייע באַציאונג צו אַרבעט, צו דער ווירטשאַפט, צו קולטור, צו דער חברטע, צו חברים-הילף, צו געמיינזאַמע אחריות, צו געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין, צו אַ באַנייטן לעבנשטייגער. די פאָדערונג האָט נישט קיין שייכות צו זיין „אני מאמין" נאָר צו זיין „אַני מקיים", נישט צו דער ספערע פון זיין גלויבן, נאָר פון זיין טון.

נישט ווייניקער שווערע און אומפאַנגסרייכע פאָדערונגען ווערן געשטעלט מצד דעם יחיד צו דער באַוועגונג; ער פאַרלאַנגט פון איר נישט בלויז אידעאישע און פּאָליטישע וועגווייזונג, נאָר אַ פּערמאַנענטע און ריכטיקע באַפרידיקונג פון לעבנסבאַדערפעניש, פון וועלכע ס'איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פונם אַרבעטנדיקן מענטש: איינאָרדנען ביי אַרבעט, אויסלערנען אַ פאַך, זאָרגן פאַר זיין געזונט, שפּראַך, מיטהילף אין דער דערציאונג, מעגלעכקייט פאַר קאָלאָניזאַציע, פאַרטיידיקן זיינע רעכט, אויפהויבן דעם לעבנס-ניוואָ, אויסבעסערן די עקזיסטענץ-באַדינגונגען.

די דאָזיקע באַדערפענישן זענען נישט בלויז קיין באַדערפענישן פונם פּרט. אַרבעט און קאָלאָניזאַציע גייען-אָן די באַוועגונג נישט ווייניקער ווי זיי גיין-אָן דעם יחיד. יעדער איינגעאָרדנטער אַרבעטער, יעדער קאָלאָניזאַציע-פונקט, יעדער קולטור-אַנשטאַלט, יעדע אַקציע פון קעגנזייטיקער הילף, יעדע פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע דעראָבערונג, יעדע ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונג — דאָס אַלץ זענען גרונט-שטיינער אין דעם פאַרווירקלעכונגס-בנין, עס איז דער תּכלית פון דער גאַנצער באַוועגונג.

ז.

די גוואַלדיקע באַדייטונג און דער גרויסער כּוח פון דער הסתדרות איז אַ פּראָדוקט פון דעם אָרגאַנישן צוזאַמענבונד, וואָס האָט געשאַפן אין לאַנד צווישן די לעבנס-באַדערפענישן פון דער אַרבעטערשאַפט און די היס-טאָרישע אינטערעסן פון דער אַרבעטס-באַוועגונג. די הסתדרות פירט אויס גלייכצייטיק צוויי גרויסע פונקציעס: לגבי אירע מיטגלידער און לגבי דער גאַנצער באַוועגונג. די קערפּערשאַפטן, אינסטיטוציעס און ווירטשאַפטן, וואָס זענען קאָנצענטרירט אין איר, באַדינען נישט ווייניקער די פּריוואַטע אינטערעסן פון אירע מיטגלידער, ווי זיי באַדינען די פאַרווירקלעכונגס-באַדערפענישן פון דער באַוועגונג. דעריבער איז די הסתדרות קיינמאָל נישט געווען און זי קען נישט זיין בלויז אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. דער פּרואוו פון די ערשטע פּאַרטייען ביי אונדז איינצושרענקען און איינצושמעלערן אין אַ „פּראָפעסיאָנעלער" ראַם די טעטיקייט פון די ערשטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן און אויבנדערמאָנטער ערשטער תּקופה, — איז נישט געלונגען, נישט צוליב דער שוואַכקייט פון די פּאַרטייען

און זייער השפעהלאָזיקייט, נאָר דערפאַר ווייל דערדאָזיקער פּרואוו איז געשטאַנען אין אַ סתּירה צום אינערלעכן מהות פון דעם הסתדרותישן אויפטו. די הסתדרות-איינשרענקער האָבן זיך געשטיצט אויף אַ פון-גרונט-אויס פאַלשער הנחה, אַז מען קען אין ארץ-ישראל מאַכן אַן אונטערשיד צווישן וואָכעדיקע אינטערעסן, צווישן טאָג-טעגלעכע באַדערפעענישן, וואָס זענען געמיינזאַם פאַר אַלע אַרבעטער, ווי ענינים פון אַרבעט און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג, און צווישן יום-טובדיקע זאַכן, היסטאָרישע-באַדערפעענישן, ווי קאָלאָניזאַציע און קולטור. דערדאָזיקער שפּאַלט צווישן אָט די צוויי סאָרטן אינטערעס עקזיסטירט בלויז אין מוחות, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון גלותדיקן געדאַנקענגאַנג. דאָ, וואו עס זענען פאַראַן אידעאָלאָגישע חילוקי דעות צווישן די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער, האָבן זיי אין אַ גלייכער מאָס אַ שייכות צו די פראַגן פון אַרבעט און די יסודות פון פּראָפעסיאָנעלעס אָרגאַניזירונג, ווי צו דער קאָלאָניזאַציע-און קולטור-טעטיקייט. ווען מיר וואָלטן געוואָלט בויען די טעטיקייט פון דער הסתדרות בלויז אויף די זאַכן ביי וועלכע עס הערשט אַן א יי נ ש ט י מ י ק יי ט צווישן אַלע אירן, מיטגלידער — איז אַ ספק צי עס וואָלט פאַרבליבן עפּעס, מיט וואָס אָנצופירע דעם ליידיקן חלל.

דער וויכוח אין דער אַרבעטער-באַוועגונג שניידט דורך דעם גאַנצן טעטיקייטס-פּראָנט פון דער הסתדרות. און נישט לויט די ליניעס פון דעמדאָזיקן וויכוח האָבן זיך צעטיילט די גרעניצן צווישן דער הסתדרות און דער פּאַרטיי. די הסתדרות-גרעניצן זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן פון זיך אַליין. זיי פליסען אַרויס פון איר אינערלעכער טבע און נישט פון איר קאָנסטיטוציע, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. די טעטיקייט, וואָס די הסתדרות דאַרף אויספירן, די אָרגאַניזאַציע-פאָרם, וואָס ליגט אין איר מהות, איר פונקציע ביים באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון אירע מיטגלידער און פון אַלע אַרבעטנדיקע, די אחריות, וואָס ליגט אויף איר אין באַצוג צו די ווערק, וועלכע זי שאַפט און האַלט אויף, – אָט דאָס באַשטימט דעם אינטערעסן-קרייז פון דער הסתדרות און זייערע גרעניצן.

דער גרויסער כּוח פון דער הסתדרות, אַלס ראָם פון אַלע ווירטשאַפטן, אַנשטאַלטן און שאַפונגען פון דער אַרבעטערשאַפט און אַלס צענטער פון אירע לעבנס-אינטערעסן, – איז גלייכצייטיק איר שוואַך אָרט, דער מקור פון אירע אינערלעכע שוועריקייטן און סכנות, וואָס פאַרשמעלערט געצוואונגענער-הייט איר האָריזאָנט און שליחות, און נעמט ביי איר צו די מעגלעכקייט, זי זאָל פ אַ ר ז י ך ג ו פ א ווערן אַן אינסטרומענט פאַר דער דורכפירונג פון דער היסטאָרישער מיסיע פון דער באַוועגונג.

ח.

די צוזאַמענגיסונג פון אידעע און טאַט, פון שטרעבונג און רעאַליזירונג, פון וויזיע און ווירקלעכקייט אין דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג איז נישט קיין געגעבענע און פולשטענדיקע, כּל-זמן ס'איז נישט דורכגעפירט

געוואָרן דער היסטאָרישער אויפטו, צוליב וועלכן און אין וועמענס נאָמען דער אַרבעטער איז געקומען אין לאַנד אַריין. דאָס, וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד, איז נישט מער ווי אַ טייל, דערצו – אַ נישט גרויסער טייל פון דעם, וואָס עס דאַרף דאָ נאָך געשאַפן ווערן. דער פּאַראַגענער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל איז בלויז אַן אָנהויב פונם יידישן פאָלק, וואָס איז גרייט זיך אומצוקערן צו זיך אין לאַנד. די איצט-עקזיסטירנדיקע אַרבעטערשאַפט איז בלויז אַ קערן פאַרן אַרבעטער-קלאַס, וואָס וועט אַנטשטיין אין לאַנד דורך דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. די ערד-שטחים, וואָס זענען דורך אונז קאָלאָניזירט געוואָרן, זענען בלויז איינצלנע פונקטן אויף דער היימאַט-ערד. אונזער היסטאָרישע שטרעבונג איז נאָך נישט אַרויס פון די שטרעבונג-ראַמען. אונזער באַוועגונג איז אַ פאַרווירקלעכונגס-באַוועגונג, אָבער די פאַרווירקלעכונג איז אַ לאַנגער פּראָצעס, אַן אויפגאַבע פון דורות. צווישן דעם אָביעקט און סוביעקט פון דער פאַרווירקלעכונג איז פאַראַן אַ ברייטער איינריס. בעת יעדער איינער פון דידאָזיקע עולים, וואָס קומען קיין ארץ-ישראל און פאַרבינדן זיך מיט איר אויפבוי און גורל, לייגט אַריין זיין גאַנץ לעבן און פלעכט צונויף זיין גאַנצע עקזיסטענץ מיטן פאַרווירקלעכונגס-ווערק, ווערט דורך אים אָט-די שטרעבונג רעאַליזירט נאָר צום טייל און ביסלעכווייז. אַלס מאָנער, אַלס אינטערעסאַנט איז ער אינגאַנצן, רעשטלאָז, אַריינגעטון און פאַרבונדן מיטן עקזיסטירנדיקן ווערק, נאָר אין אים קען ער געפינען אַ באַפרידיקונג פאַר זיינע לעבנס-באַדערפעניש. אַלס געמאָנטער, אַלס שליח — איז דאָס עקזיסטירנדיקע ווערק נישט מער ווי אַ קלייניקער טייל פון זיינע שטרעבונגען, איין שטאַפּל אינם פאַרווירקלעכונגס-לייטער, איין טריט אויפן וועג צום ענדציל.

אָט דאָ ליגט דער אינערלעכער אונטערשיד צווישן אַ פאַרבאַנד פון מאָנער און אַ פאַרבאַנד פון געמאָנטע. פ ו ן ש ט א נ ד פ ו נ ק ט פ ו נ ם ס ו ב י ע ק ט א י ז פ א ר א ן א מ ע ג ל ע כ ק ײ ט פ ו ן פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ר א י ד ע נ ט י ש ק ײ ט צ ו ו י ש ן ד י צ ו ו ײ ק ע ר פ ע ר ש א פ ט ן. אַלע הסתדרות-מיטגלידער קענען און דאַרפן זיין חברים פון דער פּאַרטיי, זיכער די פּאַרטיי-חברים זענען אַוודאי מחויב אַלע צו זיין מיטגלידער פון דער הסתדרות; אָ ב ע ר פ ו ן ש ט א נ ד פ ו נ ק ט פ ו נ ם אָ ב י ע ק ט ז ע נ ע ן ד י ד אָ ז י ק ע צ וו ײ ק ע ר פ ע ר ש א פ ט ן פ אַ ר ש י ד ן. דאָס, וואָס פאַר אַ קערפּערשאַפט פון מאָנער איז אַלץ, איז פאַר אַ קערפּערשאַפט פון געמאָנטע נישט מער ווי אַ טייל. דאָס. וואָס ס׳איז פאַר דער ערשטער אַ זעלבסט-ציל, איז פאַר דער צווייטער בלויז אַ מיטל און אינסטרומענט.

דאָס שוין פאַראַנענע ווערק דאַרף באַפרידיקן די פולע באַדערפעניש פון טרעגער פון די באַוועגונג. אין גלות זענען דידאָזיקע באַדערפעניש לגמרי געווען אויסגעשלאָסן פון דער באַוועגונג, דאָ ווערן זיי אַן אָרגאַנישער טייל פונם ווערק. די אַרבעט. די קאָלאָניזאַציע,

דערציאונג, דאָס געזונטהייטס־וועזן זענען אַ פּאַרווירקלעכונגס־באַדערפעניש פונקט אַזוי ווי זיי זענען אַ פּריוואַטע, פּערזענלעכע באַדערפעניש פונם פאַרווירלעכער. אָבער פונם שטאַנדפּונקט פון דעם טרעגער, פון סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט, איז אַרבעט פאַרן אַרבעטסלאָזן, קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייט פאַרן קאָלאָניסט — אַלץ. פונם אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט — איז עס בלויז אַ טייל, אַ פּרט.

פאַרן אַרבעטסלאָזן איז די אַרבעט זיין לעבנס־פראַגע. פון דער אַרבעט הענגט אָפּ זיין עקזיסטענץ. אַרבעטסלאָזיקייט הייסט אונטערגאַנג, דעגענערירונג אָדער פאַרלאָזן דעם פּראַנט, אַוועק פון דער אַרבעטער־מחנה אָדער אַוועק פון לאַנד. די גרופּע, וואָס האַלט זיך ביים קאָלאָניזירן, זעט אינם באָדן־שטח פאַר איר קאָלאָניזירונג – אַלץ. דאָס דערוווערבן דעמדאָזיקן שטח אָדער דאָס נישט דערוווערבן דעצידירט וועגן איר גורל און צוקונפט. דאָס דעצידירט אויך אפשר וועגן איר ציוניסטישן גלויבן, וועגן איר אינערלעכן צוזאַמענבונד מיט דער באַוועגונג, וועגן איר צוגעהעריקייט צום לאַנד. דאָס איז דער סוביעקטיווער שטאַנדפּונקט. פאַרזאָרגונג מיט אַרבעט אַרבעטסלאָזע, פאַרשאַפן ערד די קאָלאָניזאַציע־באַגערנדיקע איז אויך אַן אָרגאַנישע פאָדערונג פון דער גאַנצער באַוועגונג, אָבער דאָס קענען צי דאָס נישט קענען אין אין אַ געווויסן מאָמענט באַפרידיקן דעם אַרבעטס־פאַרלאַנג פון אַ באַשטימטער צאָל אַרבעטסלאָזע אָדער דערוווערבן אַ געוויסן שטח פאַר אַ גרופּע קאָלאָני־זאַציע־קאַנדידאַטן, – דעצידירט נישט וועגן איר גורל. איר אויפגאַבע ווערט נישט אויסגעשעפּט מיטן שאַפן אַרבעט פאַר אַלע אַרבעטסלאָזע אין לאַנד. איר טעטיקייט ענדיקט זיך נישט מיטן דערוווערבן עטלעכע שטחים ערד פאַר אַלע קאָלאָניזאַציע־קאַנדידאַטן, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. די דאָזיקע טעטיקייטן זענען בלויז אַ נישט גרויסער טייל פון איר אויפגאַבע. פאַר דער קאָלאָניזיר־גרופּע איז די ערד, אין וועלכער ער נויטיקט זיך – דער ציל, פאַר דער קאָלאָניזאַטאָרישע באַוועגונג זענען סיי דער קאָלאָניזירטער און סיי די ערד, וואָס איז אים דערצו נויטיק, בלויז אַ מיטל צום ציל. דאָס איז דער אָביעקטיווער שטאַנדפּונקט. פונם שטאַנדפּונקט פונם ענדציל. פון אידעאישן שטאַנדפּונקט – איז דער אַרבעטער בלויז אַ מיטל, פון שטאַנדפּונקט פונם אידעען־טרעגער איז דער אַרבעטער אַ זעלבסט־ציל. אַ לעבעדיקער מענטש קען זיך נישט באַטראַכטן בלויז אַלס מיטל פאַר עפּעס אַנדערש, מעג דער „עפּעס אַנדערש״ זיין היסטאָריש געוואוינען גרויס און דערהויבן. ער איז קודם־כל אַ ציל פאַר זיך גופא, און נישט נאָר דער לעבעדיקער מענטש איז אַזוי. יעדעס אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערל, יעדער ווירטשאַפטלעכער אַנשטאַלט, יעדע קולטור־אינסטיטוציע, וואָס דינט דער באַוועגונג אַלס אינסטרומענט אין אירע טעטיקייטן און פונקציעס, דאַרף זיך באַטראַכטן אַלס ציל. אָן אַזאַ צוגאַנג קען נישט דערפילט ווערן ווי געהעריק די אייגענע פונקציע. יעדע ווירטשאַפט, וואָס ווערט געשאַפן אין לאַנד, איז בלויז איין ציגל אינם אַלגעמיינעם בנין. אָבער די ווירטשאַפט קען נישט עקזיסטירן האָפנדיק אין זינען בלויז דעם אַלגעמיינעם חשבון פונם לאַנד.

אויפבוי. די ווירטשאַפט דאַרף זיין אַ ל ע ב ע ד י ק ע, ז ע ל ב ס ט־ש ט ע נ ד י ק װ ע ז ן, זי דאַרף לעבן און עקזיסטירן מיט אירע אינערלעכע כּוחות, אין די ראַמען פון אירע באַגרעניצטע מעגלעכקייטן, אַנטשפּרעכנדיק די געזעצן, וואָס קומען אַרויס פון איר באַזונדערן מהות. זי דאַרף זיך אונטערוואַרפן די געזעצן פון דער נאַטור און דער עקאָנאָמיק, וו י ע ס וו אָ ל ט בכלל נישט עקזיסטירט קיין פראַגע פון נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע, וו י ע ס וו אָ ל ט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען נישט קיין אַרבעטער־באַוועגונג און נישט קיין ציוניסטישע שטרעבונג, יעדע אינסטיטוציע, וואָס איז לכתּחילה געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו דינען די אינטערעסן פון דער באַוועגונג, דאַרף נאָכדעם, ווי זי איז שוין געשאַפן געוואָרן, זיין אונטערגעוואָרפן איר עקזיסטענץ־געזעץ, און זי דאַרף פאָלגן דעם געבאָט פון איר אינערלעכער נאַטור. דער „המשביר" מוז געפירט ווערן אויף געשעפטלעכע יסודות, „יכין" דאַרף זיך פירן לויט די געזעצן פון אונטערנעמערישקייט, אַגראַרישער ווירטשאַפטלעכקייט און אַדמיניסטראַטיווער טעכניק, וואָס גילטן ביי אַזאַ אינסטיטוציע אויך אין אַ לאַנד, וואו ס'איז נישטאָ קיין פראַגע פון אויפנעמען עולים און קאָנקורענץ פון ביליקער אַרבעט. דער אַנשטאַלט און די ווירטשאַפט דאַרפן נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער באַוועגונג, זיי טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם אַלגעמיינעם ציל, אָבער זיי קענען נישט און זענען נישט בכּוח צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן יאָך, ווייל זיי זענען נישט דער אינסטרומענט צו פאַרווירקליכן דעם גאַנצן ציל. די אָרגאַנישע אייגנשאַפטן, די באַגרעניצטע מעגלעכקייט, די לעבנס־באַדערפענישן, די סוביעקטיווע פאַקטאָרן פון יעדער טאַט, באַגרעניצן און פאַרשמעלערן זיי פון אינעווייניק, פון זיך גופא. א ו י ב ד ע ר אַ נ ש ט אַ ל ט וו ע ט ז י ך נ י ש ט ב אַ ט ר אַ כ ט ן אַ ל ס ז ע ל ב ס ט ־ צ י ל, אויב ער וועט נישט פירן די טעטיקייט אַנטשפּרעכנדיק — די געזעצן פון זיין עקזיסטענץ און פון זיינע אינערלעכע, סוביעקטיווע פאַקטאָרן — וו ע ט א י ם נ י ש ט ג ע ל ו נ ג ע ן ז י ך צ ו ד ע ר ה אַ ל ט ן און ער וועט ממילא נישט טויגן פאַר דער דערפילונג פון זיין שליחות לגבי דער באַוועגונג. די דאָזיקע הנחה גילט אויך פאַר דער גאַנצער הסתדרות, וועלכע איז בלויז די אַ ל ג ע מ יי נ ע ר אַ ם פ ו נ ם ה ע ר ק, וו אָ ס ר ע אַ ל י ז י ר ט ז י ך ט יי ל וו יי ז, ז יי ע נ ד י ק אַ ז ע ל ב ס ט ־ צ י ל

ט—כ"ג שבט תר"ץ (הפועל הצעיר 3, 5)

ו. חלוציזם און איינאָרדנונג

(פונם וויכוח אויפן צוזאַמענפאָר פון דער מפלגת פּועלי ארץ־ישראל)

די באַגריפן עליה און חלוציזם זענען עלול פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ פוסטער פראַזע, פונקט ווי מען מאַכט אַ פוסטע פראַזע פון די סאָציאַלע באַגריפן: רעוואָלוציע, קלאַסן־קאַמף א. ד. ג. אויב מען באַנוצט זיך מיט זיי אָן אַ שייכות און צוזאַמענהאַנג פון אַ רעאַלערווירקלעכקייט, אויב מען רעדט וועגן זיי אַבסטראַקט, ווי וועגן נאַקעטע לאָזונגען.

וואָס איז אַזוינס עליה? ווען מען רעדט וועגן עליה טאָר 'מען נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז אויך פאַראַן אַן אַרויסוואַנדערונג. שיפן גייען איןביידע ריכטונגען, און אין ביידע פירן זיי פּאַסאַזשירן. און פאַראַן אַן אַרויסוואַנדערונג נישט בלויז פון לאַנד. פאַראַן אַן אַרויסוואַנדערונג פון דער אַרבעט, פאַרבלייבנדיק אין לאַנד. פאַראַן אַן אַרויסוואַנדערונג פון דער באַוועגונג, פונם גלויבן, פון דער פאַרטיי און פון דער הסתדרות. אויב די זאָרג פאַר דער עליה אַנטהאַלט נישט אין זיך אויך אַ זאָרג פאַר די עולים, זיי זאָלן זיך איינוואָרצלען און פאַרבלייבן ביי דער אַרבעט, ביי זייער פּראָלעטאַרישן גלויבן, איז עס נישט קיין זאָרג פאַר עליה, נאָר פרנסה פאַר די שיפס־געזעלשאַפטן.

די עליה האָט צוויי שטופּעס: די ערשטע שטופּע פון דער עליה־זאָרג, איז — די צוגרייטונג פונם יידישן ייִנגל און יידישן מיידל צו אַרבעט, העברעאישע קולטור, ציוניזם, סאָציאַליזם, דאָס קריגן פאַר זיי אַן איינרייזע־ערלויבעניש און ברענגען זיי קיין ארץ־ישראל. דאָ הויבט זיך אָן די צווייטע שטופּע — די דעצידירנדיקע: א יי נ צ ו ה אַ ל ט ן דעם עולה ביי דער אַרבעט, נישט בלויז אים געבן באַשעפטיקונג — נאָר צובינדן און איינוואָרצלען אים אין דער אַרבעט. נישט בלויז אַריינפירן אים אין דער הסתדרות, נאָר א יי נ ב י ר ג ע ר ן אים אין איר, פאַרשאַפן אים נישט אויבנאויפיקע באַגריפן, נאָר דורכדרינגען אים מיט דער וויזיע און דער אָנשויאונג פון דער יידישער אַרבעטס־בעוועגונג, פאַרבינדן אים מיטן לאַנד אין אַ פעסטן מאַטעריעלן און גייסטיקן בונד; דערמעגלעכן אים אויפבויען אַ פאַמיליען־לעבן ביי אַ געזונטער אַרבעטס־עקזיסטענץ. דאָס הייסט זאָרג פאַר עליה.

ווי אַזוי נעמט מען אויף אַן עליה? צי בלויז דערמיט, וואָס מיר וועלן פּראָקלאַמירן, אַז מיר זענען חלוצים אויפן גאַנצן לעבן? צי קען מען איינאָרדנען עולים אָן אַ נייער קאָלאָניזיר־אַקציע? און קאָלאָניזאַציע איז דאָך אַן ענין פון מעשים און אָביעקטיוון געשען, און נישט בלויז אַן אינערלעך־סוביעקטיווע באַציאונג, וואָס מען רופט חלוציזם, כאָטש אָט די אינערלעכע באַציאונג, דער חלוצישער ווילן, איז אויך מסוגל צו שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל ביים שאַפן קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן. די צוגרייטונג פון אַן עליה־אויפנעם באַשטייט אין קאָלאָניזאַציע־פאַרברייטערונג. נאָר זיי נעמט אויף די עליה. און קאָלאָניזאַציע איז דער טייטש, נישט בלויז

לאַנדווירטשאַפט, נאָר דאָס שאַפן נייע פרנסה-און אַרבעטס-קוואַלן, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, סיי מיט נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און סיי מיט פּריוואַטן, אינטערנאַציאָנאַלן און מלוכהשן קאַפּיטאַל. מען קען נישט אויפנעמען קיין עליה בלויז מיט חלוצישן רוח-הקודש. דערמיט, וואָס יעדער חבר אונזערער, וועט זיין גרייט זיך צו וואַלגערן אין זיין בעטל צוזאַמען מיט נאָך צוויי-דריי נייע עולים, ווי מען טוט עס מיט גרויס חלוצישער איבערגעגעבנקייט אין עטלעכע קיבוצים, וועט נאָך די עליה נישט אויפגענומען ווערן. ס'איז נויטיק אַ ווירטשאַפט דערצו. די זיך-אויסברייטערנדיקע ווירטשאַפט אין לאַנד, זי קען דערמעגלעכן אַן אויסגעברייטערטע עליה. אָבער ס'איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז דידאָזיקע ווירטשאַפט וועט נישט באַדינען די עליה — און דעריבער האַלט איך פאַר אונזער צענטראַלער אויפגאַבע לגבי דעם עליה-אויפנעם א ו נ ז ע ר ק אַ מ ף פ אַ ר אַ ר ב ע ט. אָן אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף פאַר פולער יידישער אַרבעט אין אַלע ווינקלען פון דער פאַראַנענער און וואַקסנדיקער יידישער ווירטשאַפט, אָן אַ קאַמף אין דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז די הויפּט-פראַגע פון אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט אין לאַנד, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט פאַר אונזער גאַנצער נאַציאָנאַלער האָפענונג — דערפילן מיר נישט אונזער פליכט לגבי דער עליה. ערד פאַר אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע, הילפס-ווירטשאַפטן — דאָס זענען וויכטיקע, באַדייטנדיקע מיטלען, אָבער אין צענטער פונם עליה-פּראָבלעם — אין צענטער פון ציוניסטישן פּראָבלעם — שטייט די פראַגע פון אַרבעט. עליה, אויפבוי פון אַ ציוניסטיש לאַנד, סאָציאַליזם, אַרבעטער-קלאַס, אַרבעטנדיק פאָלק — אַלץ, וואָס מיר ווילן דערגרייכן אין דעמדאָזיקן לאַנד שעפּט זיך אויס אין איין צענטראַלער און גרונט-זאַך: יידישע אַרבעט.

איך האָב נישט געקענט גוט פאַרשטיין די מיינונגען פון די קיבוץ-חברים, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעגולירונג אין דער הסתדרות — אויב זייער כוונה איז נישט געווען דאָס שאַפן אַן אַלגעמיינע קאָמונע פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער; אָבער זיי פאָדערן דאָך נישט קיין אַלגעמיינע קאָמונע — און זיי האָבן גענוגנדיקע אַרגומענטן דערפאַר. וואָס-זשע דען ווילן זיי? וואָס פאַרלאַנגען זיי פון די בוי-אַרבעטער, למשל? וואָס פאַר אַ באַזונדערן סטאַטוט לייגן זיי פאָר פאַר אָט דעם פאַך, כדי ער זאָל קענען ספּעציעל דינען די עליה-צוועקן? זיי פאַרלאַנגען, אַז דער בוי-פאַך זאָל זיין אַן „אָפענער", נישט ווי אַלע פאַכן. זיי פאַרלאַנגען אויפהאַלטן אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט איין סעקטאָר אינגאַנצן אַן „אָפענעם", אָן סטאַבילקייט פונם אַרבעטער, אָן אָרגאַניזירטער רעגולאַציע.

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן מסכים געווען מיט זייער שטעלונג. נישטאָ קיין סטאַבילקייט אינם פאַך. ווער עס קומט — קומט, און ווער עס גייט אַוועק — גייט. דער אַרבעטער ביי בוי-אַרבעט וועט נישט האָבן דינזעלבע רעכט, וואָס דער אַרבעטער פון „נשר", פון עין-חרוד. וואָס וועט זיך באַקומען? מירן זאָגן די אַרבעטער פון פאַך: די הסתדרות האָט מפקיר געווען דעמדאָזיקן פאַך. איר זאָלט זיך נישט פאַרלאָזן אויף אים. אַרבעט

דערווייל צייטווייליק. אויב איר ווילט זיך איינאָרדנען, אויפבויען אַ פאַמיליען-לעבן — זוכט אייך אַן אַנדערן פאַך.

וואָס וועט זיין דערנאָך? לאָמיר אָננעמען, אַז אַ טייל וועט אונז פאָלגן. אָבער וואָס וועלן מיר טון מיט אַ טייל, וואָס וועט טענהן: איך האָב מיר דערוואָרבן אַ פאַך, און גראָד נישט קיין צופעליקן נאָר אַ שטענדיקן, וואָס ברייטערט זיך אויס. ס'איז מיר נישט גרינג אָנגעקומען. איך בין אַ דרייסיק-יעריקער און אפשר עלטער. איך האָב אַ פאַמיליע. איך מוז פאַרטיידיקן מיין עקזיסטענץ. אויב איך געפין נישט די דאָזיקע פאַרטיידיקונג אינם אַרבעטער-כלל — וועל איך זיך אָרגאַניזירן, כדי צו פאַרטיידיקן מיין פאַך, מחוץ דער הסתדרות.

און דאָ קום איך צו נאָך אַ פונקט. צי געפינען מיר זיך אין אַן אַרבעטער-מלוכה, וועלכע קען אָנוואַרפן איר ווילן דעם כלל דורך רעגירונגס-צוואַנג, אָדער מיר זענען בלויז אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, וואו אַנדערע רעגירן, וועמענס געזעצן זענען נישט אונזערע, און וואו די ווירטשאַפט געפינט זיך נישט ביי אונז אין די הענט?

אין אַן אַרבעטער-מלוכה איז נענוג, אַז דער ראַט זאָל באַשליסן אַזוי און אַזוי, וועט באַלד דער באַשלוס ווערן אַ געזעץ. מיר האָבן נישט קיין מלוכהשע צוואַנגס-קראַפט. אין אַ קיבוצישער ווירטשאַפט, אין עין-חרוד אָדער אין דגניה, למשל, קענען מיר איינפירן געוויסע אָרדנונגען, לויט אונזער ווילן, אין די ראַמען פון דערדאָזיקער ווירטשאַפט. אָבער דער רוב בנין און רוב מנין פון די פערציק טויזנט יידישע אַרבעטער אין ארץ-ישראל אַרבעטן אין ווירטשאַפטן, וואָס געהערן נישט צו אונז. ס'איז ווייניק פעסטצושטעלן וואָס אונז געפעלט.

מיר שטייען אין אַ קאַמף מיט אַרבעטס-געבער. צווישן זיי זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע ווילן לגמרי נישט קיין יידישן אַרבעטער. אַנדערע ווילן יאָ אַ יידישן אַרבעטער, אָבער אַ נישט-אָרגאַניזירטן. נאָך אַנדערע, וואָס זענען שוין מסכים אויף דער אָרגאַניזאַציע שטעלן אַ באַדינג, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך נישט אַריינמישן אין די אַרבעטס-אָרדנונגען, שטעלט אייך פאָר, אַז מיר וועלן קומען צום אייגנטימער פון „נשר" און מיר וועלן אים זאָגן, אַז מיר ווילן אַריינפירן הונדערט נייע חלוצים אין זיין פאַבריק אויפן אָרט פון די סטאַבילע אַרבעטער. ער וועט אונז אויסלאַכן. קיינער לייגט עס אויך נישט פאָר. צי וועלן מיר עס זאָגן אַ בעל-הבית פון אַ גרויסן פרדס, וואָס באַשעפטיקט סטאַבילע אַרבעטער? צי קענען מיר אים פאַרפליכטן, ער זאָל יעדן חודש טוישן צען אַרבעטער?

וואָס פאַר אַ כוונה איז פאַראַן אינם צונויפבינדן די עליה-פראַגע מיט דער פראַגע פון אַרבעטס-סטאַבילקייט? וועגן וואָס איז די מחלוקת?

פאַראַן אַ פאַך, וואָס על-פי זיין טבע איז ער אַנדערש פון אַלע איבעריקע פאַכן. דאָס איז דער בוי-פאַך. די אַרבעט איז אַ וואַנדערנדיקע און צייטווייליקע. דער אַרבעטס-געבער איז נישט קיין סטאַבילער ווי ביי לאַנדווירטשאַפט צי אינדוסטריע. דערצו זענען פאַראַן אָביעקטיווע באַדינגונגען,

וואָס טיילן אויס צום ערגערן די אָרגאַניזירונג פון דעמדאָזיקן פאַך. אָבער צוליב וואָס זאָלן אויך מיר, אויף וויפל עס איז אין אונזערע מעגלעכקייטן, אויסטיילן צום ערגערן דעם בוי-אַרבעטער פונם אינדוסטריעלן און לאַנד-ווירטשאַפטלעכן אַרבעטער? אַ בוי-אַרבעטער איז דאָך אויך אַן אַרבעטער, ער איז דאָך אויך אַ חלוץ און אַן עולה. ער וויל פאַרבלייבן ביי דער אַרבעט און לעבן פון איר. ער וויל זיין אַ מיטגליד אין דער הסתדרות. ער וויל בויען אַ פאַמיליען-לעבן. פאַוואָס זאָלן מיר אים באַהאַנדלען ערגער ווי די „אַרבעטער פון „נשר" און פון די פרדסים? ער איז שוין ממילא אין אַן ערגערער לאַגע צוליב דער וואַקלעניש פון זיין פאַך. אָבער אויף וויפל ס'איז אָפּהענגיק פון אונז, פאַרוואָס זאָל קומען אַזאַ פאַרערגערונג אויך מצד אונז? פאַרוואָס קומט עס אים? ווען מיר וואָלטן אים געגעבן די מעגלעכקייט, וואָלט ער אויך געגאַנגען אין אַ פאַבריק, אָדער אויף קאָלאָניזאַציע.

וואָס פאַר אַ טעם איז דאָ דערביי? וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער, פּראָפעסיאָנעלער, פּאָליטישער טעם?

דערדאָזיקער פאַך באַשעפטיקט טויזנטער שטענדיקער אַרבעטער, און ער איז פאַר אונז נישט פּסול. פאַרוואָס זאָלן מיר אים נישט אָרגאַניזירן און נישט שיצן אים פּונקט אַזוי ווי אַנדערע פאַכן? אויב עס בושעווען אין אים עקספּלואַטאַציע, קאָנקורענץ און צעשטערונג, — פאַרהאַלט ער דעם עליה-אויפנעם. מען קען נישט איבערלאָזן די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעטס-פּאָזיציע הפקר און וויסט. די עליה וועט נישט געווינען פון דערדאָזיקער שוואַכקייט נאָר פאַרלירן, פּונקט ווי דער אַרבעטער, וואָס געפינט זיך שוין אין לאַנד ביי דעמדאָזיקן פאַך ליידט דערפון, וואָס עס פעלט אָרגאַניזאַציע, און נישט ער פאַרדינט.

חלוציזם און איינאָרדנונג זענען נישט סותר איינס דאָס אַנדערע, — זיי זענען פאַרבונדן צווישן זיך, זיי דערגאַנצן און פאַרפולקאָמען זיך קעגנזייטיק.

אונזער באַוועגונג האַלט זיך אויף צוויי כוחות: אויפן אידעאַל און אויף דעם אינטערעס, אויף דער וויזיע און אויף די באַדערפעגישן. דאָס זענען די צוויי גרונטזיילן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די הסתדרות.

נישט ביי יעדן פּרט און נישט ביי יעדן פאַל איז פאַראַן אַ האַרמאָניע צווישן דעם אַלגעמיינעם אידעאַל פון דער באַוועגונג און צווישן דער באַדערפעניש פונם יחיד. און ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּרואוון זיך קעגנשטעלן דעם אידעאַל לטובת זיך. עס טרעפט אויך, אַז עס געלונגט אַזוינעם אויסצופירן דאָס זייניקע קעגן די אינטערעסן פונם כלל. נישט תמיד איז פאַראַן אַן אַבסאָלוטע האַרמאָניע צווישן די באַדערפענישן פון פּרט און כלל. און פּרט קען אין אַ געוויסן פאַל אויך באַדייטן — אַ קיבוץ. ס'האָט געטראָפן, אַז איינע אַ פּלוגה פון אַ לאַנד-קיבוץ האָט נישט געוואָלט געבן צוויי אַרבעטס-פּלעצער אויף עטלעכע חדשים, כאָטש די הסתדרות האָט עס געפאָדערט.

אָבער פון דידאָזיקע איינצלנע פאַלן דאַרף מען נישט קומען צו קיין מסקנה, אַז ס'איז פאַראַן אַ קעגנזאַץ צווישן די באַדערפעענישן פונם פּרט און די באַדערפעניש פון כּלל. נאָך ווייניקער לאָזט זיך זאָגן, אַז ס'איז פאַראַן אַ סתירה צווישן די אַרבעטער-באַדערפעענישן אין לאַנד און די באַדערפעענישן פון דער עליה. נישטאָ קיין פאַלשערע און קיין געפערלעכערע הנחה דערפון.

וואָס איז די אידעע, דער אידעאַל, די וויזיע פון אונזער באַוועגונג? די איינוואַנדערונג פון יידישע מאַסן און זייער קאָלאָניזירונג אין לאַנד. נישט אַלס מלאכים, וואָס עסן נישט און טרינקען נישט און מערן זיך נישט — נאָר אַלס מענטשן. באַפרידיקן זייערע מענטשלעכע באַדערפעענישן און פאַר־זיכערן זיי אַ געזונטע, נאָרמאַלע עקזיסטענץ, אַז זיי זאָלן קענען אויפהאַלטן פאַמיליעס, געבן די קינדער חינוך און דערציען זיי לתורה ולעבודה — דאָס איז דער פּאָזיטיווער און רעאַלער אינהאַלט פון דער אידעע. אָן דעם ווערט דער אידעאַל פאַרוואַנדלט אין אַ פּוסטער פראַזע. דער אינטערעס איז אַנטהאַלטן אין דער אידעע, ער אידענטיפיצירט זיך מיט איר. רעאַליזירנדיק דעם ממשותדיקן אינטערעס פאַרווירקלעכן מיר די אידעע. אָן דער אינטערעסן-באַפרידיקונג ווערט אויך די אידעע אויסגעליידיקט.

אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז די פאַראַנענע אינטערעסן אידענטי-פיצירן זיך נאָך נ י ש ט פ ו ל ק אָ ם מיט דער אידעע, נישט ווייל ס'איז טאַקע נישטאָ קיין פולשטענדיקע אידענטישקייט צווישן אינטערעס און אידעע, נאָר ווייל ס'איז נישטאָ קיין אידענטישקייט צווישן די ווייניקע אינטערעסאַנטן, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד, און די פולע אינטע-רעסאַנטן, וועלכע זענען נאָך נישט אָנגעקומען. די פערציק טויזנט אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין לאַנד, זענען בלויז אַ קליינער טייל פון דעם גרויסן אינטערעסאַנט, מיט וועלכן אונזער באַשעפטיק זיך. נישט פיר צענדליק-טויזנטער, נאָר פיר הונדערט-טויזנט און פיר מיליאָן דאַרפן מיר זיין אין ארץ-ישראל.

ווען אָט די אַלע וואָלטן שוין געווען דאָ, — וואָלט געווען אַ פולע און אַבסאָלוטע אידענטישקייט צווישן דער אידעע און די אינטערעסן: ביים איצטיקן מאָמענט איז די אידענטישקייט אַ טיילווייזע — אָבער זי איז פאַראַן, און מען דאַרף נישט מאַכן די פאַרהעלטניש צווישן דעם טייל און דעם גאַנצן — פאַר סתירה-און קעגנזאַץ-פאַרהעלטנישן.

מיר זענען איין מחנה. די זאָרג פאַר איינאָרדנונג איז אַ טייל פון אונזער אידעאַל. און ס'איז נישטאָ קיין שום סתירה צווישן דער שטרעבונג צו איינאָרדנונג און דער שטרעבונג צו עליה. די סתירה הויבט זיך אָן ערשט דאַן, ווען די איינאָרדנונג ווערט געמאַכט מחוץ דער ראַם פונם כּלל, נישט אין איינקלאַנג מיטן ווילן פון כּלל, און אָן הילף און אונטער-שטיצונג, אָן אָנפירונג און קאָנטראָל מצד דעם כּלל. שולדיק אין דער סתירה קען זיין סיי דער פּרט סיי דער כּלל. דער פּרט, — ווען ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם עול פונם כּלל, און דער כּלל, — ווען ער פאַרנאַכ-

לעסיקט די זאָרג פאַרן פּרט. איך זע איין אַ געפאַר אין דער גאַנצער קינסטלעכער טעאָריע פון אינערלעכע, אימאַנענטע סתירות און קעגנזאַצן. אַנשטאָט פירן אַ פּרוכטלאָזע דיסקוסיע וועגן דערדאָזיקער כלומרשטער סתירה דאַרפן מיר זוכן אַ וועג, אַ ראַם, אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק פאַר דער האַרמאָניזירונג פון די כּלל־און פּרט־אינטערעסן, פון די איינאָרדנונג־און עליה־באַדערפעניש. פאַראַן אין אונזער באַוועגונג אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, וואָס באַדינט אין אַ מאַקסימאַלער מאָס די באַדערפעניש פונם כּלל און פון דער עליה, — דאָס איז די קיבוצישע און קבוצהשע פאָרם, וועלכע פירט דורך הונדערטפּראָצענטיק די קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקע הילף.

שטעלט זיך די פראַגע: צי פאַרמאָגט די דאָזיקע פאָרם אַ שטאַנדהאַפטיקן לעבנס־כּוח? צי איז זי בכּוח אַרומצונעמען אונזער גאַנצע אַרבעטערשאַפט?

די ווירקלעכקייט האָט אויסגעלאַכט יענע חכמים, וועלכע האָבן געפּסלט די קיבוצישקייט מיט אַרגומענטן, אַז זי איז קעגן דער מענטשלעכער טבע און קעגן די געזעצן פון דער עקאָנאָמיק. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אינדעראמתן איז פּונקט פאַרקערט. די עקאָנאָמישע געזעצן פאַרשטאַרקן דעם קיבוץ. די קיבוצישע ווירטשאַפט בויט זיך בעסער אויף. די דערגרייכונג פונם קיבוץ און פון דער קבוצה זענען גרעסער ווי פון דעם איינצלנעם קאָלאָניסט. און דאָס איז נישט קעגן דער מענטשלעכער טבע. מענטשן קענען לעבן אין קיבוצים. מען קאָן דאָרט אויפהאַלטן אַ פאַמיליען־לעבן, דערציען קינדער, און דערצו בעסער דערציען ווי אין דער איינצלנער פאַמיליע. וועגן דעם שפּאָרט מען זיך שוין נישט. אַפילו די שלעכטע מלאכים האָבן שוין געמוזט זאָגן אָמן אויף דער קבוצה, און די מיטגלידער פון די קיבוצים זענען נישט קיין איינצלנע משוגעים. די קיבוצישע קערפּערשאַפטן בילדן אַ גרויסע מחנה, וואָס וואַקסט פון יאָר צו יאָר, און זי נעמט שוין איצט אַרום מער מענטשן, וויפל ס׳האָט פאַרמאָגט די גאַנצע הסתדרות בעת זי האָט זיך געגרינדעט. דידאָזיקע באַוועגונג האָט אַ צוּוואוקס. דער קיבוץ האָט זיך איינגעוואָרצלט אין ארץ־ישראל, און ער איז געוואָרן אַ מאַראַליש־דערציערישער כּוח פאַר צענדליקער־טויזנטער יוגנטלעכע אין גלות.

די ווירקלעכקייט האָט געענטפערט פּאָזיטיוו אויף דער קבוצה־פראַגע, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אויך געענטפערט — ניין. בויען אונזער גאַנצער באַוועגונג אויפן קיבוץ און אריינפירן אין אָט דער איין ראַם דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס — קען מען נישט. דאָס וועט מעגלעך זיין נאָר ביי אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג — אָבער א סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט נישט געשאַפן ווערן בלויז דורך פּערזענלעכער פרייוויליקייט. די שאַפונג פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג פאַרלאַנגט מלוכה־צוואַנג.

איין פאָרם קען נישט אַנטשפּרעכן אונזער באַוועגונג. אויף וויפל דער קבוץ פאַרווירקלעכט אין אַ מאַקסימאַלער מאָס די פּרינציפּן פון אונזער

אידעאַל — און איך געפין דערין די ברכה פון דער קיבוצישער באַוועגונג, — מוז ער שלום-מאַכן מיטן געצוואונגענעם און נאַטירלעכן פאַקט. אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס וועט נאָך, פונקט ווי דער קיבוץ אַליין, וואַקסן, וועלכער וועט נישט אויסקלייבן פאַר זיך די דאָזיקע פאָרם. דער קיבוץ מוז דערמיט שלום-מאַכן מיט אַ ריין הארץ און נישט האלטן די חברים, וואָס געפינען זיך אויסער אים, פאַר פאַרברעכער און מינדערווערטיקע. די הסתדרות איז געבויט נישט אויף אַ צוואַנגס-כוח, נאָר אויף אַן אידעאַל און אויף באַדערפעניש. און די מעגלעכקייט אָנצו-וואַרפן איר ווילן דער אַרבעטערשאַפט האָט געוויסע גרעניצן.

מען האָט פאָרגעלייגט, אַז די קופּת-חולים זאָל ביי אַ ווייניק-פאַרדי-נענדיקן אַרבעטער נעמען אַ קליינעם אָפּצאָל אָדער קיין שום אָפּצאָל, און זי זאָל אים געבן הילף מער, ווי אַ בעסער-פאַרדינענדיקן אַרבעטער. אין אַ געוויסער מאָס פּראַקטיצירט זיך אַזוי אין קופּת-חולים — אָבער נישט אין דער מאָס, ווי עס וואָלט געוואָלט רער פאָרשלאַג-געבער. און גערעכט איז די קופּת-חולים. ווייל עס שטייט נישט הינטער איר קיין רעגירונג, וועלכע זאָל צווינגען דעם אַרבעטער צו צאָלן צי ער וויל יאָ צי ער וויל נישט. ס'איז גרינג אָנצונעמען באַשלוסן וועגן כּלערליי באַשטייערונגען פאַר וויכטיקע צילן, אָבער ס'איז נישט גענוג באַשליסן אַ באַשטייערונג, — דער עיקר איז, דעם שטייער איינמאָנען. און די הסתדרות וועט נישט אויפמאָנען די שטייערן, וועלכע די אַרבעטערשאַפט וויל נישט. און מען טאָר זיך נישט צופיל באַנוצן מיט דער בייטש פון אויסשליסן פון דער הסתדרות. פאַראַן אַרבעטער, וואָס מיר האָבן זיי נישט אויסגעשלאָסן, — וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן. ס'איז גרויס די מצווה פון פּינקטלעכער שטייערן-פּראָגרעסיוויטעט, אָבער די מצווה פון קלאַסן-אָרגאַניזירטקייט איז נאָך גרעסער. ווען מען לייגט מיר פאָר אַן אויסוואַל — אָדער פּינקטלעכע פּראָגרעסיוויטעט אָן אָרגאַניזירטקייט אָדער אָרגאַניזירטקייט און נישט-פולקאָמענע פּראָגרעסיוויטעט, — וואָלט איך מוותר געווען אויף דער פּראָגרעסיוויטעט.

מיר מוזן תמיד אויסקלייבן דעם וועג, וואָס דערמעגלעכט די אייני-קייט פונם אַרבעטער-קלאַס. זייט מחמיר אין אַלע תרי"ג מצוות, אָבער אונטער איין באַדינג: איר זאָלט נישט שפּאַלטן דאַדורך דעם קלאַס.

אונזער באַוועגונג איז מחויב צו שטאַרקן און פאַרפעסטיקן יענעם טייל אירן, וואָס האָט אויך זיך גענומען מקיים צו זיין אַלע תרי"ג מצוות, — דעם קיבוץ. מיר האָבן נאָך נישט אַלץ געטאָן פאַר דער אונטערשטיצונג פון דער קיבוצישער באַוועגונג, און עס קענען דאָ זיין גערעכטע טענות. אָבער אין דערזעלבער צייט מוז די באַוועגונג אויפהאַלטן די אייניקייט פונם קלאַס. אָן דער אייניקייט פונם קלאַס וועלן זיך נישט קענען האלטן נישט דער קיבוץ און נישט די קבוצה. אונזערע פאַרביסענע שונאים פּרווון אויף אַלע אופנים העצן אַרבעטער קעגן אַרבעטער, און אַז עס איז זיי נישט

געלונגען צו פארניכטן די הסתדרות, מאכן זיי שפאלטונגען צווישן אַרבעטער. ווען מיר צוהעלפן די שפאַלטער? טרעט-צו פּראַקטיש צום ענין פון דער קלאַסן-אייניקייט. די דאָזיקע אייניקייט וועלן מיר אָפּהיטן נישט דורך דעקרעטן, נאָר דורכן באוואוסטזיין פון דער פּראָלעטאַרישער ווירקלעכקייט. נישט שטענדיק קען מען ווירקן מיט דער בייטש. נישט תּמיד איז ריכטיק דער וועג פון אַרויסשטעלן מחוץ די רייען. אויב די הסתדרות וועט נישט קענען אויפהאַלטן די אייניקייט פונם אַרבעטער-קלאַס, אויב זי וועט נישט האַלטן העכער די דאָזיקע אייניקייט פון אַנדערע, זייטיקע, ווען אַפילו וויכטיקע, זאַכן, וועלן מיר ברענגען אַ דורכפאַל פאַר אונזער באַוועגונג.

ווען מיר ווילן פעסטשטעלן אַ וועג, וואָס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דער גאַנצער הסתדרות, מוזן מיר אויספאָרשן צי דער דאָזיקער וועג קומט זיך צונויף מיט דער אָפּהיטונג פון דער אַלגעמיינער אייניקייט פונם קלאַס. אונזער באַוועגונג דאַרף נישט און טאָר זיך נישט צופּאַסן צו די אָפּגעשטאַנענע און נאָכשלעפּערישע טיילן פון אונזער אַרבעטערשאַפט. אָבער דער פּיאָנערישער און וועגווייזערישער טייל ביי אונז דאַרף ווירקן נישט מיטן כּוח פון באַפעל און צוואַנג, נאָר דורך לעבעדיקן מוסטער און מאָראַלישער השפּעה. די קיבוצישע באַוועגונג קען שפּילן אַ גרויסע דערציערישע ראָל אין דער הסתדרות — אויב זי וועט פאַרשטיין די פּסיכיק פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און אויב זי וועט באַגרייפן דעם גורל פון יעדן איינצלנעם אַרבעטער.

מיר מוזן איבעררייסן די דיסקוסיע, וואָס ברענגט אַריין גיפט אין אונזערע רייען. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן נישט בלויז אַ אינערלעכן פּראָגנאָז. מיר שטייען פאַרן פּראָגנאָז פון אַרבעטגעבער און אונז איז נויטיק אַן אַלגעמיינער און אַרומנעמענדיקע אָרגאַניזאַציע-כּוח. אויב מיר וועלן אויפקלערן און אויסגעפינען, אַז די פּראָפעסיאָנעלע סעקציע איז נויטיק פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר נישט פּסלנען די סעקציע צוליב דעם, וואָס זי איז אומנויטיק אָדער אומבאַקוועם פאַר די חברים פונם קיבוץ. מיר דאַרפן באַהאַנדלען די סעקציע-פּראַגע, ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַגן, זעלבסטשטענדיק. די פּראַגע איז, צי וועט דאָס שאַפן די סעקציע מיטהעלפן דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירטקייט און דער פאַרפאַרפעסטיקונג פונם אַרבעטערס פּאָזיציע אין זיין קאַמף פאַרן פאַרבעסערן די אַרבעט-באַדינגונגען.

איך האָב די איבערצייגונג, אַז מען קען נישט באַהערשן הונדערט-פּראָצענטיק דעם פאַך און איינשטעלן געהעריקע פּראָפעסיאָנעלע טאַריפן נישט אָרגאַניזירנדיק דאָס פּרימערע קעמערל אין יעדן פאַך. די אַ ל ג ע מ יי נ ע ראַם פון דער הסתדרות שטייגט איבער די ראַמען פון יעדער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין אַנדערע לענדער. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דעם אַרבעטערס געפינען זיך אין דער אַ ל ג ע מ יי נ ע ר ראַם פונם קלאַס זיכערט נאָך נישט זיין פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר אָרגאַניזירונג. אויב מען

וועט נישט פאַרפעסטיקן די אינערלעכע ראַמען פון יעדן אַרבעטס-צווייג און פון יעדער פראָפעסיע. אויב מען וועט נישט דורכפירן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע דעטאַליזירונג פון די פרימערע אַרבעטס-קעמערלעך — איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציע-רינגען וועלן צעפּלאַצט און צעריסן ווערן. דעריבער בין איך פאַר אָרגאַניזירן די סעקציעס. נאָר די סעקציע קען אַרומנעמען הונדערטפּראָצענטיק אַלע אַרבעטער פון איר בראַנזשע, און נאָר זי איז פעאיק גענוי צו וויסן וועגן אַלץ, וואָס קומט פאַר אין דער סעקציע. אָבער צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער דעטאַליזאַציע אין די פרימערע קעמערלעך דאַרפן מיר אָפּהיטן די צענטראַלע אויפזיכט און די הערשאַפט פונם קלאַסן-כלל איבער אַלע זיינע טיילן. ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן מיר האַרמאָניזירן די באַדערפענישן פונם פרט מיט די כלל-באַדערפענישן און נאָר אַזוי וועט אונז געלונגען אָפּצוהיטן דעם אינטערעס פון יעדן יחיד אָפּהיטנדיק גלייכצייטיק דעם אינטערעס און די אויפגאַבע פון דער באַוועגונג.

תל-אביב, ב׳ חשוון תרצ״ג (דבר 2267)

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12754

UNZER SHLIHES

David Ben-Gurion

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Martin & Doris Greenberg
In memory of Jonas Landau*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

א. די העצע קעגן דער הסתדרות און די רעזולטאַטן

די העצע און די אינטריגעס קעגן דער הסתדרות-העובדים פאַרשטאַרקן זיך כסדר. די פּיאָנערן פון נאַציאָנאַלער דעראַבערונג, די חלוצים פון אַרבעט, עליה, קאָלאָניזאַציע, שפּראַך-אויפלעבונג האָבן שווער געזינדיקט: זיי האָבן געשאַפן אין ארץ-ישראל אַן אַקטיווע הסתדרות, וואָס היט אָפּ און פאַרטיידיקט טריי און ענערגיש זייער אַרבעט- און שאַפונגס-רעכט אין לאַנד. אָט דעם שרעקלעכן חטא קענען זיי נישט מוחל זיין די נביאים פון „פריוואַטער איניציאַטיוו", און זיי האָבן זיך צעשריען בכל תפוצות-ישראל: פּלשתים עליך! די הסתדרות גייט אויף אייך. די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, זייערע ראַטן געוועלטיקן איבער די שטעט, זיי טרעטן מיט די פיס דעם גאַנצן ישוב — און די קאַפּיטאַליסטן, די מענטשן מיט איניציאַטיוו, וואָס שטראָמען אין די טויזנטער אויפצובויען דאָס לאַנד, געפינען פאַר זיך קיין אָרט נישט.

פון די נאַלעווקיס ביז העסטער-סטריט, פון יאָז-האָטעל ביז גרעט-ראָסל הילכט אָפּ דער געשריי: די „פריוואַטע איניציאַטיוו" איז אין סכנה! דער אויפבוי פון לאַנד האַלט ביי צעשטערט ווערן! די קאַפּיטאַליסטן אַנטלויפן צוליב דער דיקטאַטור-הערשאַפט פון דער הסתדרות!

און די גאָטליבס אין וואַרשע, די גאָלדבערגס אין ניו-יאָרק, די אינזמאָזשיקס אין תל-אביב מאָביליזירן דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פונם גדוד מגיני ה„פריוואַטע איניציאַטיוו" קעגן דער הסתדרות, און דער „דואר היום" פירט אָן מיט דער דאָזיקער „הייליקער" אַרבעט — צו ראַטעווען דעם ארץ-ישראל-אויפבוי פון זיינע צעשטערער און פאַרניכטער, די הסתדרות-לייט.

אמת, ביז היינט האָבן מיר נאָך נישט געזען דעם כוח פון די דאָזיקע רעטער נישט אין איניציאַטיוו און נישט אין אויפבוי. די מענטשן פון אמתער איניציאַטיוו טוען זייער אַרבעט רויק און זיכער. מענטשן ווי רוטענבערג „איניציאירן" און בויען, און די קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווילן און האָבן די מעגלעכקייט אָרדנען זיך איין אין לאַנד און העלפן-מיט דעם אויפבוי, און די „אַרבעטער-מאַכט" שטערט נישט זייער איניציאַטיוו.

אָבער די פּאַראַזיטן פון דער „פריוואַט-איניציאַטיוו", די קראַפטלאָזע און ווילן-אימפּאָטענטע, וואָס זייער גאַנצער כוח באַשטייט בלויז אין רייד — אָט זיי פאַרסמען די לופט מיט אומווירדיקייטן און פאַרשמוצן די עפנטלעכ-

כע מיינונג. די „חלוצים“, מיט וועלכע ס׳האָט זיך נעכטן געצאַצקעט יעדער ציוניסטישער מטיף — זענען פּלוצלינג געוואָרן אַ באַנדע שעדיקער און די הסתדרות, וואָס אויף איר שטיצט זיך דאָס גאַנצע דעראָבערונגס־ווערק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז געוואָרן אַ געשפּענסט.

און די אינטריגאַנטישע העץ־אַרבעט האָט שוין געבראַכט געבענשטע רעזולטאַטן.

אין תל־אביב, אינם צענטער פון דער מעקלעריי, וואָס באַפליגלט די „פּריוואַט־איניציאַטיוו“ מיט באָדן־ספּעקולאַציע און פרייזן־אויפשרויפונג — זענען די העצער אריבער פון ווערטער צו מעשים.

אַן ערב־רב פון בוי־מעקלערס, וואָס האָט זיך געקרויינט מיטן געגנבעטן ערן־נאָמען „אגודת עובדי הבנין“ (פאַריין פון בוי־אַרבעטער), האָט פּראָקלאַמירט אַ הייליקן קריג קעגן דער הסתדרות און איז אַרויס מיטן פאַרגיפטעטן געווער פון לאָקאַוט אומצובּרענגען די מועצת פועלי־יפו (יפוער אַרבעטער־ראַט), הונדערטער אַרבעטער זענען לאָקאַוטירט געוואָרן.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך נישט קיין געוויינלעכן עקאָנאָמישן קאַמף, ווי ס׳איז, למשל, אַ סכסוך אַרום אַ לוין־פראַגע אָדער אַרבעט־שעהן. אדרבה, אין שרייענדיקע מודעות, וואָס זענען צעקלעפּט אין אַלע תל־אביבער גאַסן, זאָגט צו די „אַגודת עובדי הבנין“ די בוי־אַרבעטער הרים וגבעות: אַ מינימום פון דרייסיק פּיאַסטער אַ טאָג, אַסעקוראַציע, אַכט שעה אַרבעט, קופּת־חולים־שטייער און נאָך און נאָך. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אַטענטאַט אויף דער עקזיסטענץ פון דער הסתדרות. די אונטערנעמער פאַרלאַנגען פון די אַרבעטער בלויז איין קלייניקייט: פאַרלאָזן די הסתדרות און ליקווידירן די מועצת פועלי יפו אָדער אויף זייער לשון „די פּוסט- און בייטש־מאַכט פון דער מועצת פועלי יפו“. דאָס איז אַ נייע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פונם קאַמף פאַר פּריוואַט־איניציאַטיוו. די שפּעקולאַציע־פאַנאַטיקער קעמפן פאַר דער פרייער איניציאַטיוו פון — — — די אַרבעטער, פאַר באַפרייען זיי פון דער הסתדרות־הערשאַפט...

און אין דער דאָזיקער מלחמה זענען אַלע מיטלען כשר: שטערן די אַרבעט, אויסהונגערן די אַרבעטער, רכילות און בילבולים, פּראָוואָקאַציע קעגן די הסתדרות־אַנשטאַלטן. בעת מלחמה מעג מען אַלץ, און די מזרחיסטישע לעוואַנטינישע פּרעסע העלפט צו, ווי דער שטייגער איז, צום הייליקן קריג און זי שפּייט קלעק און גיפט אויף די אַרבעטער און זייערע פאָרשטייער. און אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, לשם שמים — לשם דעם ארץ־ישראל־אויפבוי, און פאַר דער טובה פון די אַרבעטער, וואָס קרעכצן נעבעך, און פייניקן זיך אונטער דער „דיקטאַטור“ פון זייערע הערשער.

די אַרבעטערשאַפט וועט וויסן ווי זיך צו באַציען צו דעמדאָזיקן פּראָוואָקאַטאָרישן אַטענטאַט, און זי וועט אָפּענטפערן אירע „בעלי־טובות“ און אַפּוטרופּסים — מיט איר אָרגאַניזירטן כוח, מיט הסתדרותישער דיסציפּלין, מיט איר קלאַסן־אייניקייט.

אָרדנונג, דיסציפלין, אייניקייט; מיטן כּוח פון די דריי זאַכן וועט דער אַרבעטער באַשטיין קעגן זיינע אָנגרייפער און שונאים.

אין יפו זענען די אַרבעטער אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גראָבן און ציניש אָנגריף פון די שפּעקולאַנטישע אונטערנעמער; פאַר אַ געצוואונגענעם לאָקאַוט.

אין חיפה זענען די אַרבעטער אומדירעקט אָנגעגריפן געוואָרן דורך די שפּעקולאַנטן און פּאַסנציערס — און זענען געווען געצוואונגען זיך צו כאַפּן פאַרן שטרייק-געווער כּדי צו פאַרטיידיקן זייערע מינימאַלע באַדערפענישן און די מעגלעכקייט פון זייער אַרבעטס-עקזיסטענץ.

פאַראַיאָרן, מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, ווען די פאַרשלעפּטע און שרעקלעכע אַרבעטלאָזיקייט האָט באַדעקט מיט שענדלעכן הונגער הונדערטער אַרבעטער, האָבן די חיפהער אַרבעטס-געבער געפינען אַ געלעגנהייט צו פאַרקלענערן דעם לוין ביז אונטערן מינימום: אין „נשר“, אין דער גרויסער מיל, אין „שמן“ און נאָך, זענען די אַרבעטער געווען געצוואונגען צו אַרבעטן פאַר ווייניקער פון דרייסיק פּיאַסטער אַ טאָג. די שרעק פאַרן הונגער האָט געצוואונגען אַ סך אַרבעטער אויף פאַרשידענע אַרבעטס-פּלעצער צו אַרבעטן פאַר צוואַנציק און אַפילו פאַר פופצן פּיאַסטער אַ טאָג. דער אָרימער לוין האָט נישט געקלעקט אויף די עלעמענטאַרע באַדערפענישן, אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום אַנדער אויסוועג. די אַרבעטסלאָזקייט האָט אָנגעטאָן צרות.

די פאַרשטאַרקונג פון דער עליה און דאָס אַריינקומען פון נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל האָבן געבראַכט צו אַ פאַרבעסערונג פון דער אַרבעטס-לאַגע. דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד איז געשטיגן — די אַרבעטסלאָזיקייט איז כּמעט פאַרשוואונדן, אָבער טאַקע צוליב אָט דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע און צוליב דער עליה-פאַרגרעסערונג זענען געשטיגן די פּרייזן, און לעבנס-מיטלען זענען טייערער געוואָרן. אַ לאַבן ברויט, וואָס האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געקאָסט צוויי פּיאַסטער — קאָסט היינט דריי. ס'איז אויך געשטיגן דער יקרות אויף די איבעריקע לעבנס-מיטלען. דירה-געלט קאָסט איצט טאָפּלט און דרייפאַך. אַן אַרבעטער זאָל קענען אויסלעבן פאַר זיין, אונטער יעדן מינימום-אַרומגעשניטענעם אַרבעטס-לוין, איז אוממעגלעך. די אַרבעטער-פאָדערונג צוריקצושטעלן דעם לוין-מינימום האָט נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג ביי די דירעקטאָרן. די גרויסע פּענסיעס פון די באַאַמטע, וואָס געפינען זיך נישט אין קיין שום נאָרמאַלער פּראָפּאָרץ צו דער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד, זענען מחיב צו מאַכן „אָפּשפּאָרונגען“ אויפן חשבון פון דעם אָרימען אַרבעטער-לוין. דער לוקסוס פון איין זייט פאַרלאַנגט אַ נישט-דערעסן פון דער צווייטער זייט. און מיט וואָס קען זיך אויספּיינען אַ באַאַמטער פאַר זיין האַר אויב נישט מיטן נידעריקן אַרבעטס-לוין?

אַלע גערעכטע טענות און בולטע אַרגומענטן פון די אַרבעטער, אַז זיי קענען נישט לעבן פאַר ווייניקער פון מינימום, האָבן נישט געהאָלפן.

אין די אַרבעטער זענען געווען געצוואונגען זיך צונעמען פאַרן לעצטן מיטל, וואָס איז זיי פאַרבליבן, פאַרן שטרייק־מיטל, כדי צוריקצובאַקומען דעם אומבאַדינגטן מינימום, וועלכן מען האָט ביי זיי צוגעגזלט אין די צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט.

תל-אביב, ט״ו שבט תרפ״ה [קינט״ס רד — תוספת].

ב. דער ארץ־ישראל־אויפבוי און די אַרבעטער

די סיכסוכים אין יפו און אין חיפה רירן אָן די עצם־עקזיסטענץ פון דער אַרבעטערשאַפט. אין איין אָרט מאַכט מען אַן אַטענטאַט אויף זייער אָרגאַניזירונגס־רעכט — אין צווייטן אָרט באַרויבט מען זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט.

אָבער נישט בלויז די אַרבעטערשאַפט אַליין רירן אָן די דאָזיקע סיכסוכים, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלן ענין פונם גאַנצן ישוב, אַ ציוניסטיש־אַלגעמיינעם ענין.

מיט שפּאָט און חוזק איז באַגעגנט געוואָרן דער יידישער אַרבעטער, ווען ער איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל מיט דער אַרבעטס־פאָן אין האַנט. און אַ סך יאָרן איז דער אַרבעטער געווען פאַרלאָזן און אַליין אין זיין ביטערן און פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר דער אַרבעטס־פליכט און פאַר אַרבעטס־רעכט אין אויפבוי פונם לאַנד. דער אַרבעטער האָט געמוזט מאַכן אַ סך אָנשטרענגונגען און ברענגען גענוג קרבנות ביז אים איז געלונגען אַריינצופירן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג די אָנערקענונג פון דעם עלעמענטאַרן, פונדאַמענטאַלן און אַנטשיידנדיקן אמת: אָדער דאָס לאַנד וועט אויפגעבויט ווערן דורך אונזער אַרבעט — אָדער עס וועט אינגאַנצן נישט זיין אונזערס. אָבער ביז היינט פאַרשטייען נאָך נישט אַ סך פון די גוטע ציוניסטן און פון די אויפריכטיקע עסקנים פון ישוב דעם טייטש פון דעם דאָזיקן פשוטן אמת, אַז יידישע אַרבעט מיינט — אָרגאַניזירטע אַרבעט, אַרבעט, פון וועלכער מען קען לעבן. אָן די צוויי פאָרבאַדינגונגען קען נישט געמאָלט זיין קיין יידישע אַרבעט אין לאַנד.

ביי אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע און הפקרות אין די פאַרהעלטנישן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, אויב דער אַרבעטס־מאַרק וועט נישט זיין אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער הסתדרות, אויב איר פּערמאַנענטע און אַקטיווע אויפזיכט וועט נישט רעגולירן די אַרבעטס־באַדינגונגען — איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייטן פאַר דער עקזיסטענץ פונם יידישן אַרבעטער אין לאַנד. דער, וואָס האַלט פון יידישער אַרבעט און האַלט נישט גלייכצייטיק פון רעגולירטער און אָרגאַניזירטער אַרבעט, נאַרט אָפּ זיך אָדער אַנדערע. אויב נישט געקוקט אויף דעם כאַאָטישן

אַרבעטס-מאַרק אין לאַנד, נישט געקוקט אויף דער פאַראַנענקייט פון ביליקער אַרבעט, אויף דעם פעלן פון יעטוועדער געזעצלעכער שוץ; אויב נישט געקוקט אויף דעם מאַנגל אין אַ טראַדיציע פון מאָדערנע אַרבעטס-פאַרהעלטענישן, אויף דער פערמאַנענטער אַרבעטסלאָזיקייט, אויף דער איינוואַנדערונג פון נישט ספעציאַליזירטע און פראָפעסיאָנעל נישט אויסגעבילדעטע אַרבעטער, — אויב נישט געקוקט אויף די אַלע נעגאַטיווע פאַקטאָרן און זייערס גלייכן זענען פאַראַן אין ארץ-ישראל יידישע אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט, בוי-אַרבעט, אינדוסטריע, אייזן-באַן א. אַ. וו., איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען דער טעטיקייט, דעם כּוח, די אָנשטרענגונגען און דער השגחה פון דער הסתדרות, וועלכע באַגלייט דעם יידישן אַרבעטער אין זיין שווערן שטרויכלונגס-פולן וועג. אָן דער הסתדרות וועט זיך דער יידישער אַרבעטער אין לאַנד נישט האַלטן, און ווער עס פאַרמעסט זיך אויף דער הסתדרות — פאַרמעסט זיך דערמיט אויף דעם פאַקט פון יידישער אַרבעט.

און נאָך אַ פאַרבאַדינג איז פאַראַן פאַרן קיום פון יידישער אַרבעט — די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די נויטווענדיקע באַדערפענישן פאַרן אַרבעטס-לוין. און זאָל עס געזאָגט ווערן קלאָר און אָפן: אַ ווירטשאַפט, וואָס דערנערט נישט און האַלט נישט אויס אירע אַרבעטער, האָט נישט קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג, און בעסער זי זאָל גאָר אויף דער וועלט נישט קומען איידער זי זאָל זיין אַזאַ. דער אויפבוי פון לאַנד איז דער טייטש קודם-כּל פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פונם אַרבעטער מיט זיין פאַמיליע. נאָר דורכן אויפבוי פון אַרבעטער-קלאַס וועט אויפגעבויט ווערן דאָס לאַנד. דער יידישער אַרבעטער פאַרשפּאָרט שוין אויפצווייזן וועמען עס איז זיין טרייקייט און איבערגעגעבנקייט צום ארץ-ישראל-אויפבוי. און נאָר גרויסע תּמימים אָדער גרויסע שווינדלער קענען זיך איינרעדן, אַז דער אַרבעטער וועט דערלויבן, מען זאָל אים באַרויבן די רעכט פון מענטשלעכער עקזיסטענץ אין נאָמען פון „אויפבויען דאָס לאַנד" פון די שפּעקולאַנטן מיט זייערע שמשים, וואָס הילן זיך איין אין אַ טלית פון ישוב-רעטער.

דער יידישער אַרבעטער ווייסט וואָס פאַר אַ אָנשטרענגונגען און מיטלען און איניציאַטיוו און מי און חלוצישע איבערגעגעבנקייט עס זענען נויטיק, כּדי צוצוגרייטן דאָס לאַנד פאַרן אויפנעם פון דער עליה און פאַר דעם אויפבוי פון דער ווירטשאַפט. אַלס פונדאַמענטאַלן גרונטשטיין, אַלס הויפּט-עיקר פאַרן אויפבוי פון לאַנד האַלט דער אַרבעטער די אַרבעטס-פליכט, און ער ווייסט וואָס דידאָזיקע פליכט פאַרלאַנגט פון אים. ער ווייסט אויך, אַז דאָס אויספירן דידאָזיקע פליכט איז אָפּהענגיק פון צוויי גרונט-באַדינגונגען: הסתדרות העובדים און מענטשלעכע אַרבעטס-עקזיסטענץ. אויף דידאָזיקע צוויי זאַכן וועט דער אַרבעטער נישט מוותּר זיין, אַפילו ווען די מלחמה קעגן אים וועט זיך נאָכמער

פארשטארקן. מיט די שונאים פון זיין אָרגאַניזאַציע, מיט די באַרויבער פון זיין עקזיסטענץ וועט דער ארבעטער-קלאַס קעמפן אָן קווענקלעניש — און ער וועט זיי בייקומען.

תל-אביב, ט״ו שבט תרפ״ה (קינטרס רד — תוספת)

ג. די זינד פון דער רעגירונג

ווידעראַמאָל וועגן דער סעריע סיכסוכים, וועלכע האָבן דערפירט צום אַרבעט-איבערייס פון הונדערטער אַרבעטער אין יפו און חיפה. אין יפו איז דורך די אונטערנעמער געמאַכט געוואָרן אַן אַטענטאַט אויף דער עקזיסטענץ פון דער הסתדרות, אין חיפה — אויפן ביסן ברויט פון די אַרבעטער.

מיר וואָלטן אייגנטלעך געוועז אומגערעכט, ווען מיר זאָלן אַרויפוואַרפן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעטס-צעשטערונג און פאַרן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן שאָדן, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, אויס-שליסלעך אויף די אונטערנעמער און אַרבעטס-אָנפירער. זיי, דידאָזיקע לייט האָבן רעכט צו האַנדלען ביזוויליק און זיך צו באַציען מיט הפקרות צו דער אַרבעט און צו די אַרבעטער, וועלכע זענען דורכן צופאַל ביי זיי אין די הענט דערויף זענען זיי דאָך מענטשן אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אָן עלעמענטארער פארשטענדניש אין די פארהעלטנישן צווישן ארבעט און קאפיטאל. זאכן, וואָס זענען שייך נאָר ביי קולטורעלע אַרבעטגעבער. די אויבנדערמאָנטע לייט מעגן מיינען, אז די הסתדרות איז דער מקור פון אַלע אומגליקן און אז א הפקרדיקער און הונגעריקער ארבעטער איז בעסער פון אן אָרגאניזירטן און זאטן. דערויף זענען זיי דאָך מענטשן, וועמען ס׳איז פרעמד דער עקאָנאָמישער אלף-בית, וואָס יעדער געבילדעטער ארבעטגעבער קען אים אויסנווייניק.

אָבער דידאָזיקע „באַרעכטיקונג״ גילט נישט פאַר אַן אָרגאַן, אויף וועלכן עס ליגט די אויבערשטע אחריות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פונם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד, די אַחריות פאַרן גורל פון די אַרבעטער, — די „באַרעכטיקונג״ קען נישט גילטן פאַר דער רעגירונג.

שוין אַ יאָר זעקס-זיבן, אַז אין דער שפּיץ פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג שטייען נישט די אַזיאַטישע פּאַשאַס און סאַטראַפּן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט פון דער באַדייטונג פון אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און די פליכט פון אַרבעטס-שוץ, — איצט האָבן מיר רעגירער, וואָס קומען פון אַנטוויקלסטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, וואו עס איז אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט; פונם לאַנד, וואו עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע אַרבעטס-שוץ-געזעצן, וועלכע האָבן געלייגט אַ יסוד פאַר דער

אַרבעטס-שוץ-געזעצגעבונג אין דער גאָרער וועלט. אין ענגלאַנד דאַרף מען נישט זיין קיין סאָציאַליסט און אַפילו נישט קיין מיטגליד פון אַ פּראָפעס-יאָנעלן פאַריין, כּדי צו וויסן די גרויסע באַדייטונג פון אַרבעטער-אָרגאַני-זירטקייט נישט בלויז פאַר די אַרבעטער אַליין, נאָר בכלל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און עקאָנאָמיק אין לאַנד. אַפילו די אַרבעטסגעבער דאָרטן ווייסן ווי עס אָפּצושאַצן — מעג זיין בלויז צוליב אויסמיידן איבעריקע סיכסוכים און צו פאַרגרינגערן די אונטערהאַנדלונגען וועגן רעגולירן די פאַרהעלטנישן. נישטאָ נאָך אַ לאַנד, וואו די אַרבעטער-פאַרייניקונג האָט זיך אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין עקאָנאָמישן, געזעל-שאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, ווי ענגלאַנד — דאָסדאָזיקע קלאַסישע לאַנד פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. אַרבעטער-שוץ איז אין ענגלאַנד — סיי דורך דער דירעקטער פאַרמיטלונג פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און סיי דורך דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרמיטלונג פון דער מלוכהשער מאַכט (פּאַרלאַמענט, שטאָטראַט אַ. ד. ג.) — אַן אָנגענומענע און פעסטגעשטעלטע פליכט ביי אַלע שיכטן און קלאַסן, און מען קען זיך נישט פאָרשטעלן אַפילו איין פּאָליטישן צי געזעלשאַפטלעכן טוער, מעג עס זיין אַ קאָנסער-וואַטיסט, וועלכער זאָל נישט פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון די אַרבעטער-שוץ-געזעצן.

און אויב נאָך זעקס יאָר בריטישער הערשאַפט אין לאַנד איז נישט פאָרגעקומען קיין שום שינוי צום בעסערן אין דעם יורידיש-כאַאָטישן צושטאַנד פון אַרבעטער, אויב די הפקרות און די אַנאַרכיע, וואָס האָבן געהערשט אין די טערקישע צייטן אין די פאַרהעלטנישן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, הערשן ווייטער עד-היום — פאַלט די אַחריות פאַר די שווערע סיכסוכים צווישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטער, וואָס שטערן דער אַרבעט און דעם אויפבוי פון לאַנד, אויף דער רעגירונג, וועלכע האָט ביז איצט נישט געוואָרגט איינצופירן אַפילו די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון אַרבעטער-שוץ. דידאָזיקע זינד פון דער רעגירונג האָט נישט יענע „מילדערנדע אומשטענדן" פון אומפאַרשטענדניש און מאַנגל אין בילדונג, וועלכע מען קען געפינען פאַר אונזערע פירער פון דער פּריוואַט-איניציאַטיוו...

שוין לאַנג, אַז די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג פאַרלאַנגט און פאָדערט פון דער רעגירונג אַרבעטס-שוץ-געזעצן. דער ועד הפועל פון דער הסתדרות האָט זיך געווענדעט מיט מינדלעכע און שריפטלעכע מעמאָראַנדומס וועגן דערדאָזיקער פראַגע צו די רעגירונגס-אָנפירער. דער ועד הפועל האָט אויך אַליין אויסגעאַרבעט עטלעכע געזעץ-פּראָיעקטן און האָט זיי דערלאַנגט דער רעגירונג — און עד-היום האָט די רעגירונג נישט אַ קלאַפּ געטאָן מיט קיין פינגער. און דער טערקישער געזעץ גילט נאָך כסדר.

די ארץ-ישראל-רעגירונג האָט געזינדיקט נישט בלויז דערמיט, וואָס זי האָט נישט דערפילט איר פליכט אַלס געזעצגעבערישע און הערשנדיקע מאַכט, — נאָר אויך אַלס אַרבעטסגעבער. די רעגירונג זעלבסט באַשעפטיקט הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער, סיי אַליין און סיי דורך אונטערנעמער:

אויף דער אייזן-באַן, אין דער פאָסט, אויף די שאָסייען, ביי בנינים א. אַ. וו. און אָנשטאָט צו זיין אַ מוסטער פאַר די פריוואַטע אַרבעטגעבער מיטן באַפרידיקן די עלעמענטאַרע באַדערפענישן פון אירע אַרבעטער און מיטן אָפהיטן זייער געהעריקן לעבנס-ניוואָ, — דינט די בריטישע מאַכט אין לאַנד אין אַלע אַרבעטן, וואָס זי פירט דורך, סיי אַליין און סיי דורך אונטערנעמער, אַלס מוסטער פאַר פאַרהעלטנישן פון עקספלואַטאַציע און הפקרות, פון גרינגשעצן די עלעמענטאַרע רעכט פון די אַרבעטער.

און די אַרבעטערשאַפט אין לאַנד האָט אַזוי אַרום צו פירן אַ שווערן קאַמף נישט בלויז מיט די פריוואַטע אונטערנעמער און אַרבעטסגעבער, נאָר אויך מיט דער רעגירונג, וועלכע דאַרף מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און דעם וואוילשטאַנד פון די אַרבעטער, און פאַראַט טאָפלט איר אויפגאַבע. די אַרבעטערשאַפט וועט זיך אָבער נישט באַרויקן, ביז זי וועט צווינגען די רעגירונג צו ענדערן איר באַציונג צו אירע אַרבעטער און ביז זי וועט דערפילן איר פליכט לגבי דער רעאַליזירונג פון אַן אַרבעטער-שוץ-געזעצגעבונג בכלל: פעסטשטעלן אַ מינימאַלן אַרבעטער-לוין, וואָס אַנטשפרעכט דעם לעבנס-ניוואָ פון אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער, פראָקלאַמירן אַן אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, אָנערקענען די הסתדרות העובדים אַלס די געזעצלעכע פאָרשטייערשאַפט פון די אַרבעטער, פאַרזיכערונג פון אומגליקס-פאַלן, פאַרבאָטן קינדער-אַרבעט, באַשרענקען די עקספלואַטאַציע פון פרויען-אַרבעט, זיכערן געהעריקע היגיענישע באַדינגונגען אין די אַרבעטס-פלעצער, פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע און שטרייק א. ד. ג. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט וועט זיך נישט באַרויקן, ביז די רעגירונג וועט נישט שאַפן די נויטיקסטע באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזירטן און קולטורעלן אַרבעטער, ווייל נאָר ער קען בויען דאָס לאַנד.

תל-אביב, י״ט שבט תרפ״ה (קונטרס רה)

ד. אַרבעטס-אָפמאַכן און שטרייק-פאָנד

לאָמיר זיך נישט אָפנאַרן און איינרעדן, אַז שוץ-געזעצן — אַפילו ווען זיי וועלן רעאַליזירט ווערן, וועלן לעזן די פראַגע פון פאַרטיידיקן די אַרבעטער-אינטערעסן און באַדערפענישן. דער געזעץ פאַרשפעטיקט תמיד, אויך אין מער פאָרטגעשריטענע לענדער און ביי פאַראַנטוואָרטלעכערע רעגירונגען, בפרט נאָך ביי אונז, ביי די פאָליטישע פאַרהעלטנישן, וואָס הערשן דאָ. אויך דאָס אָפהיטן דעם געזעץ גופא איז שטענדיק אָפהענגיק אויסשליסלעך פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער-כוח. אָן אַ שטאַרקער און פעסטער אָרגאַניזאַציע איז נישטאָ קיין שום האָפנונג און מעגלעכקייט צו זיכערן די אַרבעטס-באַדערפענישן. איינע פון די צענטראַלע באַדינגונגען פאַר דערדאָזיקער זיכערונג זענען הסתדרותישע אַרבעטס-אָפמאַכן. נישט דער איינצלנער אַרבעטער איז דער אונטערהאַנדלער מיטן אַרבעטסגעבער (סיי ווען דאָס איז די מאַכט און

סיי ווען עס איז פריוואַטע פערזאָן אָדער אַ פריוואַטע געזעלשאַפט) נאָר די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. דער הסתדרותישער אָפּמאַך, וועלכן מען רופט טעכניש „קאָלעקטיווער אָפּמאַך", פאַרמאָגט מעלות און פאַרלייכטערונגען פאַרביידע צדדים, און דער אַביסל־ווייטזעעוודיקער אונטערנעמער איז פאַראינטערעסירט אין אים נישט ווייניקער ווי דער אַרבעטער. כל־זמן דער אַרבעטסגעבער וועט נישט פאַרשטיין, אַז די אַרבעטס־באַדינגונגען דאַרף ער און איז מחויב פעסטצושטעלן נישט מיטן איינצלנעם אַרבעטער, מיט יעדערן באַזונדער, נאָר מיט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס רעדט און פאַרפליכטעט זיך אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער, איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט פאַר נאָרמאַלע פאַרהעלטנישן און פאַר רויקער אַרבעט אַ פ י ל ו א י ן ד ע ר מ אָ ס, ווי עס קען זיין ביי אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אַלס יסוד פונם הסתדרותישן אָפּמאַך דאַרף אָנגענומען ווערן אַ מינימאַלע נאָרמע, וואָס וועט פעסטגעשטעלן ווערן דורך דער הסתדרות בנוגע אַרבעטס־לוין, אַרבעטס־שעהן, פּאַראַלעלן קופת־חולים־שטייער, באַדינגונגען פון אָננעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער, אַנטשעדיקונג אין אומגליקס־פאַלן. און די הסתדרות וועט אָפּהיטן, אַז קיין שום אַרבעטער זאָל נישט אַרבעטן דאָרט וואו ס'איז נישטאָ אַזאַ אָפּמאַך אָדער וואו די נאָרמע וועט נישט איינגעהאַלטן ווערן.

די אַרבעטסגעבער זעלבסט, וואָס זענען נישט פאַרבלענדעט דורך אַ שנאת־חנם צו דער הסתדרות, די אַלע, וואָס זענען באמת פאַראינטערעסירט אינם וואוקס פונם אויפבוי און פון דער אינדוסטריע אין לאַנד, — דאַרפן צוליב זיך און צוליבן אויפבוי זאָרגן דערפאַר, אַז קיין שום אַרבעטסגעבער זאָל נישט צעשטערן דידאָזיקע נאָרמע און נישט באַשעפטיקן אַרבעטער נישט דורך דער הסתדרות.

די אַרבעטער האָבן קיין מורא נישט טאָמער וועלן אַזוי אַרום אויך די אַרבעטסגעבער זיך אָרגאַניזירן. אַדרבה, פאַרן אַרבעטער איז אויך גלייכער אונטערצוהאַנדלען מיט אַן אָרגאַניזירטער און פאַראַנטוואָרטלעכער קערפּערשאַפט פון אַרבעטסגעבער פון אַ גאַנצן אַרבעטס־צווייג, איידער מיט יעדן איינציקן אונטערנעמער באַזונדער.

הסתדרותישע אַרבעטס־אָפּמאַכן זענען מער ווי יעדער אַנדער מיטל עלול צו פאַרקלענערן די פאַלן פון איבעריקע שטרייקן און סיכסוכים, ווייל ווייניקער פון יעדן אַנדערן זענען די אַרבעטער פאַראינטערעסירט אין אַרבעטס־שטערונגען. נאָר פון שנאה־קראַנקע און פאַרגיפטעטע מענטשן פונם „דואר היום"־טיפּ זעען אין זייער קרענקלעכער פאַנטאַזיע, ווי די הסתדרות־מיטגלידער אָרדנען איין שטרייקן לשם שטרייקן.

דער אַרבעטער, וואָס לעבט פון זיין אַרבעט, ווייסט, אַז דער שטרייק איז אַ צוויי־שאַרפיקע שווערד און איז גורם פאַרשווענדונג פון ענערגיע און מאַטעריעלן און געזעלשאַפטלעכן שאָדן. אָן אַ לעצטער נויטווענדיקייט וועט דער אַרבעטער נישט אָפּשטעלן די אַרבעט און וועט נישט ריזיקירן מיט זיך און מיט זיינע חברים.

דערביי קען אָבער נאָר אַ נאַיווער פאַנטאַזיאָר טרוימען וועגן אַ מצב פון שטענדיקן שלום-ושלווה צווישן די אַרבעטס-„געבער” און אַרבעטס-„נעער”. כל-זמן קאַפּיטאַל און אַרבעט זענען פונאַנדערגעשיידט און געפינען זיך אין צוויי באַזונדערע רשותן, וועט דער קריג צווישן זיי נישט אויפהערן. דידאָזיקע קריגעריי איז אַלט ווי אַלט עס איז די געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויפן פריוואַטן קאַפּיטאַל און ערשט מיטן אונטערגאַנג פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט וועט זי אויך אויפהערן. אומעטום וואו ס'איז געווען קלאַסן-צעטיילונג איז זי באַגלייט געוואָרן דורך קלאַסן-קאַמף, און אויך אין ארץ-ישראל וועט עס אַנדערש נישט אויסזען. מחוץ דער ווירטשאַפט, וואָס געפינט זיך אין אַרבעטער-רשות, וועט דאָ פונקט ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד וואַקסן דער קעגנזאַץ צווישן דעם עקספּלואַטירנדיקן קאַפּיטאַל און דער לוין-אַרבעט. און כאָטש דידאָזיקע קעגנזאַצן מוזן נישט אָפט קומען צום אויסדרוק דווקא אין דער פאָרם פון שטרייקן — וועט אונז דאָ קיין זעלבסט-נאַרעריי נישט העלפן: נישט איינמאָל נאָך וועט דער אָרגאַניזירטער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער זיך מוזן באַנוצן מיטן לעצטן געווער, וואָס ער פאַרמאָגט — מיטן שטרייק — כּדי זיך צו פאַרטיידיקן פון לוין-אַראָפּדריקונג און פאַרערגערונג פון די אַרבעטס-באַדינגונגען כדי זיך צו שיצן פון אַטענטאַטן אויף זיין אָרגאַניזאַציע-רעכט און טעטיקייטס-פרייהייט.

מיר שטייען פאַר אַ מלחמה — און מיר מוזן זיך באַוואָפענען. דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער שלום, וואָס איז מעגלעך ביי אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — איז דער „באַוואָפנטער שלום”. ווען דער אַרבעטסגעבער וועט וויסן פאָרויס, אַז מען קען די אַרבעטער נישט פאַרהונגערן, אַז מען קען נישט צערייסן זייער פאַרייניקונג, אַז מען קען זיי נישט אָפּשרעקן מיט אַ לאָקאַוט, — וועט ער אַזוי גיך זיך נישט איילן מיט זיינע אָנגריפן און וועט נישט מיט אַזאַ לייכטקייט זיך אָפּזאָגן אויסצוהערן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

דער פריוואַטער קאַפּיטאַל אין לאַנד וואַקסט כּסדר — און די אַרבעטערשאַפט דאַרף זיך צוגרייטן: מיט דער פאַרשטאַרקונג פונם הסתדרותישן כּוח און פון דער הסתדרותישער דיסציפּלין, מיט דער אָרגאַניזירונג פון אַלע אַרבעטער, וואָס שטייען נאָך אויסער אירע רייען, סיי יידן און סיי אַראַבער, מיט דער פאַרטיפערונג פון זייער קלאַסן-באַוואוסטזיין, מיט דער שטאַרקונג און אויסבויונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מיטן פאַרגרעסערן דעם שטרייק-פאָנד און זיינע מיטלען.

תל-אביב, י״ט שבט תרפ״ה (קונטרס רה)

ה. דער אַנטשעדיקונגס-געזעץ

א

דער פּראָיעקט פון אַנטשעדיקונגס-געזעץ פאַר אַרבעטער, וואָס איז אָנהויב דעם חודש פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אָפיציעלער צייטונג, — איז דער ערשטער טריט פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג אויפן וועג צו שאַפן אַן אַרבעטער-שוץ-געזעצגעבונג. אין דער רעכטלעכער ירושה, וואָס די אָטאָמאַנישע טערקיי האָט איבערגעלאָזט דער מאַנדאַטאָרישער ארץ-ישראל, איז נישטאָ קיין זכר פון אַזאַ געזעצגעבונג. די שאַפונג פון שוץ-געזעצן פאַר די אַרבעטער-רעכט, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג אינם לעצטן יאָרהונדערט, תחילת אין ענגלאַנד (1802) און דערנאָך אין אַנדערע לענדער, איז אומעטום געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן וואוקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און מיט דער פאַר־שטאַרקונג פון איר קלאַסן-קאַמף און איינפלוס.

די אַלטע טערקיי איז געווען אָפּגעשטאַנען אין עקאָנאָמישער הינזיכט, די טערקישע אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען קליין און שוואַך. דאָס טערקישע פאָלק, דער הערשנדיקער און דעצידירנדיקער כּוח אין דער מלוכה, איז געווען בעיקר אַן אַגראַר-פאָלק; די צאָל טערקישע אַרבעטער אין דער שטאָטישער אינדוסטריע איז געווען אַ מינימאַלע, און אויך אָט די ווייניקע זענען געווען נישט אָרגאַניזירט. אַן אַקטיווע אַרבעטער-באַוועגונג האָט עקזיסטירט צווישן די קריסטלעכע פעלקער (די בולגאַרן און אַרמענער) און טיילווייז אויך ביי די יידן (סאַלאָניקי); אָבער איר איינפלוס אויפן אַלגעמיינעם מלוכה-לעבן איז געווען נישטיק. די גאַנצע קראַפט און מאַכט איז געווען קאָנצענטרירט ביי די טערקען. נישט בלויז ווען ס'האָט געהערשט דער דעספּאָ־טישער עבד-אלחמיד, נאָר אויך אין די צייטן פון די יונג-טערקן. דער טעאָקראַטישער רעזשים, וואָס באַזירט זיך אויף דער לערע פון איסלאַם (שריעת), וועלכער הערשט אין דער אָטאָמאַנישער טערקיי שוין הונדערטער יאָרן, האָט זיך אין גרונט גענומען נישט געענדערט אויך נאָך דער רעוואָ־לוציע פון „אייניקייט און פּראָגרעס" אין יאָר 1908. און די קליינע רעפאָרמען, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די יונג-טערקן, ווען זיי זענען געווען ביי דער מאַכט, האָבן נישט אָנגערירט די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטנישן.

ביים סוף פון דער וועלט-מלחמה איז ליקווידירט געוואָרן די אָטאָמאַנישע אימפּעריע. ארץ-ישראל איז אינגאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן פון טערקיי און איז געוואָרן אַ פּאָליטיש-אַדמיניסטראַטיווע מאַכט פאַר זיך אונטערן בריטישן מאַנדאַט. אין לאַנד זענען פאָרגעקומען אַנטשיידנדיקע פּאָליטישע, קאָלאָניזאַציאָנעלע אוןווירטשאַפטלעכע ענדערונגען: עס איז דורכן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום אָנערקענט געוואָרן די יידישע נאַציאָנאַלע היים. דאָס לאַנד איז דעראָבערט געוואָרן דורך בריטיש מיליטער און

איבערגעגעבן געוואָרן אַ בריטישער אַדמיניסטראַציע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע איינוואַנדערונג, וואָס פאַרגרעסערט אומאויפהערלעך די באַפעלקערונג פון לאַנד און פאַרמערט די רייכטימער. עס ווערט געבויט אויף מאָדערנע יסודות אַ לאַנדווירטשאַפט און אַ אינדוסטריע. עס וואַקסט אַן אָרגאַניזירטער, קולטורעלער, זעלבסטבאַוואוסטער אַרבעטער-קלאַס, וואָס רייסט זיך צום שאַפן. נישט געקוקט אויף דידאָזיקע אַנטשיידנדיקע ענדערונגען האָט נישט אויפ-געהערט צו גילטן אין לאַנד דאָס טערקישע געזעץ, וואָס וואָרצלט אין די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לעבנס-באַדינגונגען פון מוסולמענישן מיטלאַלטער. טערקיי זעלבסט, די נייע׳ פאָלקסטימלעכע טערקיי, וועלכע האָט זיך אויפגעבויט אויף די חורבות פון דער אָטאָמאַנישער, האָט שוין דערווייל באַוויזן זיך צו באַפרייען פון איר פאַרשימלטער ירושה-לאַסט און זי האָט איינגעפירט אין דער אַנגאָרער רעפּובליק נייע געזעצן און אַ נייעם רעזשים. און ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער רעזשים, וואָס איז שוין בטל געוואָרן אין זיין היימלאַנד, קען נישט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון ארץ-ישראל. דאָס לאַנד. וואו דער קולטורעלער און אַנטוויקלטער ישוב וואַקסט מיט אַן אומאויפהערלעכע שנעלקייט, נויטיקט זיך אין אַ נייער רעכטלעכער אָרדנונג, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן דער נאַטור און דער טענדענץ פון זיינע נייע בירגער און זאָל שטויסן פאָרויס די אַלטע איינוואוינער. באַזונדערס שטאַרק נעמט זיך פילן אַ מאַנגל אין אַ געזעצן-סיסטעם, וואָס זאָל באַפרידיקן די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן, וועלכע קומען אויף אין לאַנד; אין אַ סיסטעם, וואָס זאָל שיצן די רעכט פון דער אַרבעט, וועלכע דאַרף דערפילן די אַנטשיידנדיקסטע פונקציע אינם אויסשמידן דעם נייעם גורל פון לאַנד.

פון דעם שטאַנדפּונקט האָט דער געזעץ-פּראָיעקט וועגן אַנטשעדיקונג פאַר אַרבעטער, מיט וועלכע ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק-פאַל ביי דער אַרבעט, וואָס די רעגירונג האָט איצט פאַרעפנטלעכט, אַ היסטאָרישע באַדייטונג. די באַדייטונג איז נישט בלויז אינם אינהאַלט פון דער פאַראָרדנונג און אין איר אינערלעכן ווערט — דער רעגירונגס-פּראָיעקט איז, ווי מיר וועלן ווייטער זען, פול מיט פעלערן און נויטיקט זיך אין אַ סך אויס-בעסערונגען — נאָר דער עיקר אינם פאַקט, וואָס אונטערן דרוק פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער-באַוועגונג, אונטערן דרוק פון דער יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — די הסתדרות, איז די רעגירונג סוף-כל-סוף געצוואונגען אָנצוהויבן אַ נייע געזעצגעבונג און מאַכן דעם ערשטן טריט צו רעאַליזירן די אַרבעטער-שוץ.

דידאָזיקע פאַראָרדנונג איז די ערשטע מלוכהש-רעכטלעכע דעראָבערונג, וואָס עס האָט דעראָבערט דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער אַלס אַרבעטער. די רעכט, וואָס זענען געזיכערט די אַרבעטער אין דער פאַראָרדנונג גילטן, פאַרשטייט זיך, פאַר אַלע אַרבעטער אָן אונטערשיד, יידן און אַראַבער, אָרגאַניזירטע און נישט-אָרגאַניזירטע. אָבער מיר קענען פאַרצייכענען, אַז גורם געווען דערצו האָט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער — דער יידישער

אַרבעטער, וועלכער איז פּאַרייניקט אין זיין אַלגעמיינער הסתדרות. אין דער הינזיכט, ווי ביי אַלע אַרבעטער-ענינים אין לאַנד, האָט דער יידישער אַרבעטער דערפילט די פּיאָנערישע שליחות פונם גאַנצן ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער-קלאַס. מיט זיין אָרגאַניזאַציע-כוח און מיט זיין קלאַסן-קאַמף אין לאַנד און אין חוץ-לארץ (ביי דער מיטהילף פון דער בריטישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג) האָט דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער באַוואויגן די רעגירונג צו אָט דעם ערשטן טריט, און דערמיט האָט ער דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר נייע מלוכהשע דעראָבערונגען.

אין דעם זין פאַרצייכנט דידאָזיקע דעראָבערונג אַן אייגנאַרטיק קאַפּיטל אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט. עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז דער יידישער אַרבעטער שפּילט די ראָל פון אַ מלוכהשן לאַנד-פאַקטאָר. אָט דער פאַקט שיידט-אונטער און טיילט אויס דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס אין ארץ-ישראל פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. פאַראַן לענדער, וואו די צאָל יידישע אַרבעטער איז אַ סך גרעסער ווי אין ארץ-ישראל, אָבער ס'איז נישטאָ נאָך אַ לאַנד אַחוץ ארץ-ישראל, וואו דער יידישער אַרבעטער זאָל פאַרמאָגן אַ באַדייטונג און אַ וואָגיקייט אין לאַנד-מאָסשטאַב. די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין גלות איז בלויז אַ ווינקל — אַמאָל אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אַמאָל אַן אָנגעזען ווינקל — אין דער לאַנד באַוועגונג פונם אַרבעטער-קלאַס. בלויז אין ארץ-ישראל זענען די יידישע אַרבעטער באַוועגונג און די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג געוואָרן סינאָנימען. דער כוח, די וואָגיקייט, די אָרגאַניזאַציע און דער קאַמף פונם יידישן אַרבעטער באַשטימען מיט זיך די דעראָבערונגען און דעם פראָגרעס פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער אין אַלגעמיין.

ב.

די זאָרג פאַר סכנות, וואָס דראָען דאָס לעבן און דאָס געזונט פונם אַרבעטער דורך אַרבעט-אומגליקפאַלן, איז אויפגעקומען ביים יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל נאָך פאַר דער מלחמה. אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אומגליק, וואָס איז געשען איינעם אַן אַרבעטער אין פּתח-תקוה — ס'איז אים אָפּ-געריסן געוואָרן אַ האַנט ביים מאָטאָר — איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג צווישן די קאָלאָניע-אַרבעטער אין יהודה אויסצוגעפינען אַ וועג צו אַסעקורירן די אַרבעטער ביי מאָטאָרן אין די פּרדסים. די ערשטע קאָנפערענץ פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין יהודה (עין-גנים, שבועות תרע״א) האָט שוין באַהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע, און די צווייטע קאָנפערענץ אין פּתח-תקוה (חנוכה תרע״ב) האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס הייסט:

„די צווייטע קאָנפערענץ פון די קאָלאָניע-אַרבעטער אין יהודה לייגט אַרויף אַ חוב אויף דער אָרגאַניזאַציע זיך צו באַמיען אַסעקורירן די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן ביי מאָטאָרן״.

דער באַשלוס איז נישט אויסגעפירט געוואָרן. די לאַנדווירטשאַפטלעכע

אָרגאַניזאַציע איז נאָך געווען אַ שוואַכע. די צאָל מיטגלידער — אַ קליינע. די אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג — אַ מינימאַלע. נאָכדעם ווי דער פאַר-וואונדעטער אַרבעטער האָט באַקומען אַנטשעדיקונג און דער אומגליק איז פאַרגעסן געוואָרן, האָט זיך איינגעשטילט די ערשטע ברויזונג און די זאַך איז אַראָפּ פון טאָג-אָרדנונג.

נאָך דער מלחמה איז די פראַגע פונדאַסניי דערוועקט געוואָרן — שוין מיט מער ענערגיע. די אַרבעטערשאַפט איז אויסגעוואַקסן, איר אָר-גאַניזאַציע האָט זיך פאַרפעסטיקט, עס זענען דעראָבערט געוואָרן נייע אַרבעטס-פאַכן: שאָסיי, בוי, שטיינהאַקעריי, עלעקטריע, אָנלאָדונג און אויס-לאָדונג ביים פּאָרט, אייזנבאַן א. א. וו., און די אומגליקן און צופאַלן ביי דער אַרבעט האָבן זיך געמערט. באַזונדערס זענען געווען אַ סך געשעדיקטע ביי דער בוי-אַרבעט. אויך ביי די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן (ביים אַקערן מיטן טראַקטאָר) און אין די פאַבריקן זענען געשען קלענערע און גרעסערע צופאַלן און צפילו טויט-פאַלן. במשך זיבן חדשים, פון יוני 1925 ביז יאַנואַר 1926, זענען אין דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג ביים ועד הפועל פון דער הסתדרות פאַרצייכנט געוואָרן 61 אַרבעטס-אומגליקפאַלן אין תל-אביב אַליין: דערפון 6 טויט-פאַלן, 27 שווער-פאַרוואונדעטע און 28 לייכט-פאַרוואונדעטע.

די הסתדרות האָט באַקעמפט דידאַקטיש אומגליקן אויף פאַרשידענע וועגן. פון איין זייט האָט זי פאַרלאַנגט פון די אַרבעטגעבער, זיי זאָלן אַסעקורירן זייערע אַרבעטער קעגן אַזעלכע פאַלן, פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ פאָדערונג, זי זאָל אַרויס-געבן אַן אַנטשעדיקונגס-געזעץ פאַר אַרבעטער. פון דער דריטער זייט האָט די הסתדרות געזאָרגט פאַרן אויסמיידן די אומגליקפאַלן, און אין תל-אביבער שטאָטראַט האָבן די אַרבעטער-פאָרשטייער אַריינגעטראָגן עטלעכע אויסבעסערונגען און אָנווייזונגען אין דער ריכטונג. ביי די אַרבעטגעבער, וועלכע האָבן נישט אַסעקורירט די אַרבעטער, פלעגט די הסתדרות מאָנען אַנטשעדיקונג אין פאַל פון אַן אומגליק — אָבער נישט תמיד האָט זי אויפגעפירט.

נאָר די גרויסע פאַבריקן אין לאַנד (נשר, שמן, די עלעקטריע-געזעלשאַפט, סיליקאַט) האָבן אַסעקורירט זייערע אַרבעטער קעגן צופאַלן און אומגליקן. די גרעסטע מערהייט אַרבעטגעבער, צווישן זיי אויך בוי-אונטערנעמער, האָבן בכלל זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, און אַז עס פלעגט טרעפן אַן אומגליק — פלעגט מען קענען באַוועגן דעם אַרבעט-געבער, ער זאָל צאָלן אַנטשעדיקונג נאָר דורכן יידישן פרידנס-געריכט אָדער דורך דירעקטע אונטערהאַנדלונגען ביי אַ קעגנזייטיקער איינשטימונג. טאָמער האָט אַן אַרבעטגעבער נישט געוואָלט גיין צום יידישן פרידנס-געריכט און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן אַנטשעדיקונג — האָט דער אַרבעטער נישט פאַרמאָגט קיין שום געזעצלעך רעכט אים דערצו צו צווינגען.

לויטן טערקישן געזעץ, וואָס גילט אין לאַנד, איז דער בעל-הבית

נישט פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דעם אַרבעטער פאַר די שאָדנס און אומגליקן, וואָס טרעפן אים ביי דער אַרבעט. די סכנה, מיט וועלכער די אַרבעט איז פאַרבונדן, נעמט דער אַרבעטער אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויב אַן אַרבעטער ווערט געהרגעט ביי דער אַרבעט — דאַרף דער בעל-הבית באַצאָלן בלויז דעם טאָג-לוין. דער אַרבעטער אָדער זיינע יורשים האָבן בלויז איין מעגלעכקייט צו מאָנען אַנטשעדיקונג ביים אַרבעטגעבער — אויפן סמך פון טערקישן קרימינעלן געזעץ (קנון ג׳ ז א), — אויב דער אַרבעטגעבער האָט פערזענלעך און דירעקט, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסט-זיניק גורם געווען צום טויט אָדער צו דער שעדיקונג פון זיין אַרבעטער. דאָס אַנטשפּרעכט די פּאַראַגראַפן 182—183 פונם קרימינאַל-קאָדעקס, לויט וועלכע עמיץ, וואָס האָט גורם געווען צום טויט פון אַ צווייטן, דאַרף באַצאָלן אויסלייז-געלט (דית) לויט דער שריעה (אַ סומע פון 350 פונט), און עמיץ, וואָס האָט גורם געווען צו פאַרוואונדן אָדער שעדיקן דעם צווייטן דאַרף באַצאָלן הייל-געלט, און אין פאַל אויב די שעדיקונג האָט גורם געווען צו פאַרלירן אַן אבר אָדער צו זיין פּאַראַליזירונג – דאַרף ער באַצאָלן שאָדן-געלט לויט דער שריעה. אָבער ס׳איז נישטאָ כמעט קיין איין אומגליק-פאַל, וואו דער אַרבעטער אָדער זיין פאָרשטייער זאָל קענען אויפווייזן יורידיש, אַז דער בעל-הבית האָט פערזענלעך און דירעקט גורם געווען דערצו, און דעריבער האָט דער אַרבעטער קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געווינען אַזאַ פּראָצעס ביי אַ רעגירונגס-געריכט. און די אַרבעטגעבער אָן געוויסן און אָן געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מען האָט זיי נישט געקענט צווינגען מיט געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע מיטלען — האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון צאָלן אַנטשעדיקונג שטיצנדיק זיך אויפן טערקישן געזעץ, וואָס גילט אין לאַנד.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אָן דער הילף פון געזעץ, וועט די זאַך נישט דערלעדיקט ווערן. דער ועד הפועל פון דער הסתדרות האָט זיך פאַרנומען מיט דערדאָזיקער פראַגע באַלד נאָכדעם, ווי די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן און ער האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט. דער צווייטער הסתדרות-צוזאַמענפאָר (אדר תרפ״ג) האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע „וועגן פעסטשטעלן אַ געזעץ צו שיצן דעם אַרבעטער אין אַ אומגליקפאַל און צו פאַרבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען“, און ער האָט באַפולמעכטיקט דעם ועד הפועל אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי דאָס געזעץ דורכצופירן. אָנהויב זומער תרפ״ד האָט דער ועד הפועל דערלאַנגט דער רעגירונג אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגן זיכערן אַנטשעדיקונג פאַר אַרבעטער און באַאַמטע, וועמען עס טרעפט אַן אומגליקפאַל ביי דער אַרבעט. די רעגירונג האָט, ווי איר שטייגער איז, צוגעזאָגט די זאַך צו באַטראַכטן און ס׳זענען אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און ס׳איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן. די הסתדרות האָט זיך דאַן געווענדעט צו דער בריטישער לייבור-פּאַרטיי, צום פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל אין אַמסטערדאַם און צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-ביוראָ אין גענף. אויף דער

לעצטער סעסיע פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע, דעם פאָריקן זומער, האָט דער פאָרשטייער פון אַרבעטס-ביוראָ, דער ענגלענדער גרימשו, געמאַכט אַ פאָרוואורף דער ארץ-ישראל-רעגירונג פאַר איר נאַכלעסיקייט ביים דורכפירן די אַרבעטער-געזעצגעבונג. אויך אין ענגלישן פאַרלאַמענט האָבן די דעפּוטאַטן פון דער לייבור-פּאַרטיי, לויט דער פאָדערונג פונם פאָרשטייער פון אונזער הסתדרות, דערוועקט דידאָזיקע פראַגע. דער כסדרדיקער דרוק פון דער הסתדרות, און די מאָראַלישע און פּאָליטישע אונטערשטיצונג פון אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדעטע האָבן סוף-כל-סוף געבראַכט רעזולטאַטן, און הייגטיקן חודש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פּראָיעקט פונם ערשטן אַרבעטער-שוץ-געזעץ — די אַנטשעדיקונגס-פאַראָרדנונג.

לויט דער פאָרגעשלאָגענער פאַראָרדנונג איז יעדער ארבעטגעבער פון די געשעפטן, וואָס זענען דערמאָנט און אויסגערעכנט אין דער פאַראָרדנונג, סיי אַ פּריוואַטע פערזאָן, סיי אַ געזעלשאַפט, סיי אַ מאַגיסטראַט און סיי די רעגירונג, מחויב צו באַצאָלן אַנטשעדיקונג יעדן אַרבעטער – אָן אונטערשיד פון געשלעכט, עלטער און בירגערשאַפט – וואָס וועט פיזיש געשעדיקט ווערן צוליב דער אַרבעט און ביי דער אַרבעט, אויב אַפילו צווישן די צוויי צדדים איז פאַראַן אַ הסכם און אַן אָפּמאַך קעגן צאָלן אַנטשעדיקונג.

דער געשעדיקטער אַרבעטער באַקומט אַ העלפט פון זיין לוין און ניט מער ווי 150 פּיאַסטער אַ וואָך אויב ער האָט צוליב דעם פאָרפאַל אינגאַנצן פאַרלוירן זיין אַרבעטס-פעיקייט; און אויב דער אַרבעטער איז געשטאָרבן צוליבן פאָרפאַל – באַקומען זיינע קרובים, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פון אים אַ סומע, וואָס מאַכט אויס דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ דריי-יעריקן אַרבעטס-לוין. די סומע טאָר אָבער ניט באַטרעפן ווייניקער פון הונדערט און ניט מער פון צווייהונדערט און פופציק פונט.

תל-אָביב, י״ז כסלו תרפ״ז (דבר 451).

ו. דער געזעץ וועגן אַרבעטער-יוגנט-שוץ

א.

סוף פאָריקן יאָר איז אריין אין געזעצלעכער קראַפט די פאַראָרדנונג וועגן דעם באַשעפטיקן פרויען און קינדער אין דער אינדוסטריע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פון דער אָפיציעלער צייטונג דעם 29 נאָוועמבער 1927. (דער פאַראָרדנונגס-פּראָיעקט איז נאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן סוף 1926).

אַזוי אַרום איז דאָס יאָר 1927 אַן אָנהויב-יאָר פאַר אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג ביי אונז אין לאַנד. וואָרום ניט ביים טערקישן רעזשים און ניט אין דער צייט פון דער ענגלישער הערשאַפט, פון 1917 אָן, האָט דאָס הערשנדיקע רעכט אין לאַנד ניט אָנערקענט קיין ספּעציעלע געזעצ-

לעכע שוץ פאר ארבעטער און ארבעטערינס, וואס זאל זיי אפהיטן פון איבערטריבענער און אויסמאטערנדיקער עקספלואטאציע. עס איז נויטיק געווען א כסדרדיקע ארבעט און כסדרדיקער קאמף מצד דער הסתדרות העובדים אין ארץ-ישראל און אירע פארבינדעטע אין חוץ-לארץ (די בריטישע ארבעטער-באוועגונג און דער פראפעסיאנעלער אינטערנאציאנאל אין אמסטערדאם) כדי צו צווינגען די רעגירונג, זי זאל כאטש אין א געוויסער מאס מאכן א סוף צו דער הפקרות, וואס הערשט אין לאנד אין די פארהעלטנישן צווישן קאפיטאל און ארבעט; זי זאל כאטש אביסל באגרענעצן די ביז איצט אומבאגרענעצטע עקספלואטאציע-מעגלעכקייטן.

ב.

אינם מעמאראנדום, וואס איז דורך דער הסתדרות דערלאנגט געווארן דער רעגירונג נאך מיט איבער דריי יאר צוריק (ט"ו טבת תרפ"ה), איז אנגעוויזן געווארן, אז אין לאנד ארבעטן טויזנטער יינגלעך פון זעכציניעריקן עלטער, הונדערטער יונגע קינדער, צווישן זיי א היפש ביסל 7—10 יעריקע, אן קיין שום קאנטראל אויף דער ארבעט-צייט, אויפן לוין פון די לערנייגלעך, אויף די סאניטארע באדינגונגען, און אן קיין שום זארג מצד דער רעגירונג און די ארבעטגעבער פאר די דערציונג-מעגלעכקייטן, פאך-אויסבילדונג און פאר דעם פיזישן און קולטורעלן צושטאנד פון די ארבעטנדיקע קינדער.

אינם מעמאראנדום האט דער ועד הפועל פארלאנגט פון דער רעגירונג, — פארבאטן באשעפטיקן קינדער אונטער 13 יאר ביי יעדער מלאכה, אין דער אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט, באדינונג און באאמטנשאפט אחוץ הויז-ארבעט און לאנדווירטשאפט, וואו ס'זענען באשעפטיקט בלויז שטובּיקע; באשטימען א זעקס-שעהדיקן ארבעטס-טאג פאר קינדער אין 13—15 יעריקן עלטער; פארבאטן נאכט-ארבעט (פון 7 אינאווענט ביז 7 אינדערפרי) פון יוגנטלעכע (ביז 17 יאר); מען זאל נישט טארן צונעמען קינדער צו ארבעט אן א געזונדהייט-צייגניש פון א דאקטאר; פארפליכטן דעם ארבעטגעבער צו פירן א ליסטע פון די יוגנטלעכע (אונטער 17 יאר) ארבעטער און צו געבן די קינדער אפרו-שעהן אינמיטן דער ארבעט. אזוי אז א קינד זאל נישט ארבעטן לענגער ווי דריי שעה נאכאנאנד; און צום לעצט, עס זאל באשטימט ווערן א רעגירונגס-אינספעקציע, ביי דער באטייליקונג פון די ארבעטער און ארבעטגעבער, וועלכע זאל אכטונג געבן אויף די ארבעט-באדינגונגען פון די לערנייגלעך און ארבעטנדיקע קינדער, זאל זארגן פאר זייער פארפולקאמונג אין דער ארבעט און פאר זייער פיזישער און קולטורעלער דערציונג, און זאל זיי דערמעגלעכן פארטזעצן זייערע לימודים אויף פראפעסיאנעלע און אלגעמיינע אוונט-קורסן.

די געזעץ-פארארדנונג, וואס די רעגירונג האט פארעפנטלעכט מער ווי אין דריי יאר ארום נאכדעם, ווי דער ועד הפועל האט דערלאנגט זיין פראיעקט — האט נישט דערפילט אלע פאדערונגען פון דער הסתדרות און

האָט נישט צופרידנגעשטעלט די באַדערפעענישן פון דער יוגנט; אָבער נישט געקוקט אויף אירע חסרונות און פעלערן, איז די דאָזיקע פאַראָרדנונג אַ פּילבאַדייטנדיקע קלאַסן-דעראָבערונג נישט בלויז פאַר דער אַרבעטנדיקער יוגנט, נאָר פאַר דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד.

מיט דער דאָזיקער פאַראָרדנונג איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער געזעצלעכער יסוד פאַר אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג, פאַר אַן אָבליגאַטאָרישן רו-טאָג אין דער וואָך, פאַרן פאַרבאָט פון נאַכט-אַרבעט פון דער אַרבעטנדיקער פרוי און אַרבעטנדיקער יוגנט, און פאַרן פאַרבאָט צו באַשעפטיקן ביי אַרבעט יונגע קינדער.

תל-אביב, ב אדר תרפ״ח („במעלה״ ג)

ז. אונזער קאַמף אין די קאָלאָניעס

(פונם וויכוח אין ועד הלאומי *)

ה' באָטקאָווסקי האָט באַשולדיקט די שליחים פון די פּתח תקוהער אַרבעטער, אַז זיי האָבן נישט גערעדט געהעריק סאַלאָן-מעסיק. און אינדעראמתן, אונזערע חברים זענען נישט קיין סאַלאָן-לייט. אָבער נישט שטענדיק איז דער סאַלאָן-טאָן אַ סימן פון אמת און יושר. פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט שטענדיק גערעדט מיטן לשון פון רוימישן סאַלאָן, אָבער אונזערע נביאים האָבן זיך באַנוצט מיט אַ לגמרי נישט פאַרלאַמענטאַרישער שפּראַך. ישעיהו האָט אָנגערופן ירושלים — זונה, און ווען עס וואָלט געווען אַ פאָרזיצער בשעת ישעיהו האָט געהאַלטן זיין נבואה רעדע, וואָלט ער אים זיכער תיכף גערופן צו אָרדנונג, און וואָלט אים אָפּגעשטעלט ביי די ערשטע פסוקים פון זיינע ביטערע און צאָרנדיקע שטראָפרייד. מיר זענען נישט קיין נביאים און מיר האָבן אפשר נישט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט זייער שפּראַך, אָבער ווען עמיצער פון אונז וואָלט געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס מען דאַרף זאָגן וועגן פּתח תקוהער סקאַנדאַל, וואָלט אים נישט געקלעקט אַפילו ישעיהוס לעקסיקאָן.

וואָס דערוואַרטן מיר פון דער זיצונג פונם ועד הלאומי?

מיר נאַרן זיך נישט און רעדן זיך נישט איין, אַז דער ועד הלאומי קען צווינגען די לייט פון פּתח תקוהער ועד החקלאי חוזר בתשובה צו זיין,

*) דער דאָזיקער וויכוח איז פאָרגעקומען אין ועד הלאומי נאָך דעם פאַל אין פּתח-תקוה פרייט״ק כ״ב כסלו תרפ״ח. נאָכדעם ווי די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געליטן פון אַ שטאַרקער אַרבעטסלאָזיקייט, האָבן פאַרלאַנגט אַרבעט ביים קט״ף, און נאָך וואָכנלאַנגע אומעטערהאַנדלונגען ביי וועלכע דער פּתח-תקוהער ועד החקלאי האָט עטלעכע מאָל צוגעזאָגט „איינאָרדנען" יידישע אַרבעטער, — זענען דעם דערמאָנטן טאָג אַרעסטירט געוואָ״ן עטלעכע צענדליק יידישע אַרבעטער און האָבן געקריגן אכזריותדיק געשלאָגן פון ענגלישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן. דער דאָזיקער פאַל האָט דאַן אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן ישוב אויף אַ לאַנגע צייט.

אָדער אַז ער איז בכוח צו זיכערן די רעכט פון יידישער אַרבעט און איינאָרדנען יידישע אַרבעטער ביים קטיף. דער ועד הלאומי פאַרמאָגט נישט קיין צוואַנגס-קראַפט, און מיט צוואַנג קען עס נישט געמאַכט ווערן. אָבער איינס דאַרף דער ועד הלאומי טאָן – דעם אמת, ער דאַרף אַרויסברענגען דעם אמת וועגן פּתח תקוה, וועגן די סקאַנדאַלן פון ועד החקלאי און וועגן דער לאַגע אין די קאָלאָניעס בכלל. דער ועד הלאומי דאַרף עס טאָן, כדי דער גאַנצע־ ישוב, דאָס גאַנצע פאָלק זאָל וויסן וועגן דעם באָיקאָט קעגן יידישע אַרבעטער, און כדי די לייט, וואָס מאַסקירן זיך אונטערן נאָמען „ועד חקלאי" זאָלן מער נישט קענען אָפּנאַרן די עפנטלעכע מיינונג און נישט פאַרזעצן דעם שווינדל און צביעות-שפּיל, וואָס זיי שפּילן שוין חדשים מיט די פאָרשטייער פון ישוב, פון די אַרבעטער, פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פון דער רעגירונג. ערשט היינט אָדער נעכטן האָט דער ועד החקלאי פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין „דואר היום" פול מיט אָנשטעל וועגן זייער שטאַרקן ווילן און אָנשטרענגונג איינצואָרדנען יידישע אַרבעטער ביים קטיף און בכלל ביי אַרבעט, נאָר די שליחים פון ועד הלאומי „האָבן זיי נישט מיטגעהאָלפן". ה' באָטקאָווסקי גלויבט, ווייזט אויס, אין דעם, וואָס זיי זאָגן און ער רופט אָן סאַלאָן-מעסיק דעם ה' קאַלוואַריסקי „פאַרעטער", הלמאי ער איז אַוועקגעפאָרן פון פּתח תקוה, בעת ער האָט שוין מער נישט געקענט פאַרטראָגן די סקאַנדאַליעזיטעט און שווינדלעריי פונם ועד החקלאי.

דער ועד החקלאי וויל שאַפן אין ישוב אַן איינדרוק, אַז ער „באַמיט זיך" און „שטרענגט זיך אָן" איינצואָרדנען יידישע אַרבעטער ביי דער אַרבעט; אָבער דאָס וואָס זיי ווילן פאַרבאָרגן פונם יידישן ישוב — אַנטפּלעקן זיי ציניש דער רעגירונג. די רעגירונגס-פאָרשטייער האָבן די לייט פון ועד החקלאי אָפן געזאָגט, אַז זיי זעען אין אַ שטאַרקע סכנה אינם געפינען זיך פון יידישע אַרבעט בכלל. דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער האָט חרוב געמאַכט תל-אביב און אַלע אונטערנעמונגען, וואו ער האָט געאַרבעט, און אויב ער וועט אַריין אין די קאָלאָניעס, וועט ער חרוב מאַכן און אַוועקברענגען אויך די לאַנדווירטשאַפט און דעם צוזאַמבעסטן בליענדיקן עקאָנאָמישן צווייג אין לאַנד — די פּרדסנות. אין זייער בריוו אין „דואר היום" און אין די רייד צו די פאָרשטייער פון ישוב פאַרזיכערן די קאָלאָניסטן, אַז זיי שטרענגען זיך אָן צו פאַרמערן די יידישע אַרבעט אין די קאָלאָניעס, און די רעגירונגס-פאָרשטייער דערציילן זיי, דיזעלבע לייט, אַז דער יידישער אַרבעטער איז בכלל נישט קיין קאָלאָניע-אַרבעטער, און ער האָט גאָר קיין שום אַרבעט-רעכט אַלס אָרטיקער אַרבעטער, ווייל ער איז אַריינגעבראַכט און „באַזעצט" געוואָרן דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויף אַ קינסטלעכן אופן צוליב פּאָליטישע צילן און כוונות. און נישט בלויז דער פּתח-תקוהער ועד החקלאי מסרט אַזוי פאַר דער רעגירונג. איינער פון די הויכע רעגירונגס-באַאַמטע, וואָס באַשעפטיקט זיך מיטן פּתח-תקוהער ענין, האָט מיר דערציילט, אַז עס זענען צו אים געקומען „מענטשן

פון סמילאַנסקיס ועד״ — ווייזט אויס, פון ועד התאחדות האכרים — און האָבן אים דערציילט וועגן דער געפאַר, וואָס דראָט דער לאַנדווירטשאַפט און די קאָלאָניעס מצד דעם יידישן אַרבעטער, וועלכער האָט שוין אומגע-בראַכט די ווירטשאַפט אין שטאָט און איז גרייט איצט חרוב צו מאַכן די דאָרפישע ווירטשאַפט.

און וויסן זאָלט איר: די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, די פראַגע פונם יידישן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס בכלל איז נישט קיין פראַגע בלויז פון די אַרבעטער און אַרבעטלאָזע. דאָס איז איצט די צענטראַלע פראַגע פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

ארץ-ישראל איז אַ קליין און אָרים לאַנד, דער גרעסטער טייל באָדן איז אויסגעטריקנט און מאָגער, שטייניקער און זאַמדיקער באָדן, און ס׳איז פאַראַן אַ נישט-גרויסער שטח, וואָס קען דינען אַלס היים פאַר צענדליקער טויזנטער אַרבעטס-הענט — דאָס איז דער באַוואַסערונגס-שטח און פּלאַנ-טאַציעס-געביט. נישט די קאָנצעסיעס פון ים-המלח — וואו עס וועלן אפשר אַרבעטן עטלעכע הונדערט אַרבעטער, נאָר דער שטח פון די באַוואַסערטע פּלאַנטאַציעס וועט אין דעם נאָענטן פעריאָד דינען אַלס אויפנעם-אָרט פאַר מאַסן אַרבעטער. אויף דעמדאָזיקן שטח שטיצט זיך אונזער האָפנונג. ווען מען האָט אויסגעלייזט די ערד-שטחים, וואָס טויגן פאַר אינטענסיווער באַאַרבעטונג, האָבן מיר געהאָפט, אַז דערמיט עפנט זיך אַ ברייט פעלד פאַר יידישער עליה, וואָס וויל לעבן אין ארץ-ישראל פון אייגענער אַרבעט. און אויב דאָסדאָזיקע אָרט האָט זיך אַריינבאַקומען צו יידישן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וועלכער באָיקאָטירט דעם יידישן אַרבעטער און אויב מען וועט קעגן אונזער אַרבעט-רעכט אין אָט דעם ווינקל זיך שטעלן מיט נאַהייקעס פון ענגלישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן, און ווען אָנשטאָט אונזער שווייס וועט זיך אויף דערדאָזיקער ערד גיסן דאָס בלוט פון אונזערע חלוצים און חלוצות, וועלכע ווילן אַרבעט און באַקומען נישט — וועלן מיר זיך נעמען צום קאַמף, ווי איינער וואָס קעמפט פאַר זיין לעבן.

די נאָענטסטע יאָרן וועלן אַנטשיידן דעם גורל. דערדאָזיקער ווינקל פון דעם פּלאַנטאַציעס-שטח וועט אין דער נאָענטער צייט ווערן דער צענטר פון יידישער קאָלאָניזאַציע. מיר וועלן נישט וואַרטן ביז דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסן בלויז געלט, וועט קאָנצענטרירן אין אָט די ערטער טויזנטער און צענער טויזנטער ביליקע אַרבעטער פון אַלע עקן לאַנד און פון חורן און סיריע און מצרים, און מיר וועלן נישט דערלאָזן פאַרוואַנדלען די צענטרען פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַ שלאַכטפעלד צווישן יידישע און אַראַבישע אַרבעטער. די פּתח-תקווהער יידישע עפענדיס פירן אַריין די ביליקע אַרבעט אויך אין די נייע קאָלאָניזאַציע-פונקטן. און אויב דער גאַנצער יידישער ישוב אין לאַנד און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט וועלן אין דערדאָזיקער אַנטשיידנדיקער שעה נישט שטיין אויף דער וואַך — וועלן מיר פאַרשפּעטיקן. קעגן אָט דער סכנה קעמפן מיר און וועלן קעמפן. דאָס איז פאַר אונז אַ פראַגע פון לעבן און טויט. מיר וועלן נישט

שלום מאכן מיטן פאקט, אז פארעטערישע קאפיטאליסטן זאָלן צוגזלן יידישע ערד ביים יידישן פאָלק און ביים יידישן אַרבעטער, — און אָך און ווי צו דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, אויב זי וועט דערמיט שלום מאַכן.

מיר קעמפן נישט פאַר אַרבעטסלאָזע. מיר בעטן נישט קיין רחמנות איף הונגעריקע און ליידנדע. נישט קיין טובות פאַרלאַנגען מיר פאַרן יידישן אַרבעטער — מיר קעמפן פאַר דער נשמה, פאַרן כבוד און פאַר דער צוקונפט פונם ציוניזם. און אויב עס איז אונז באַשערט, אַז אין דעמדאָזיקן קאַמף זאָל פאַרגאָסן ווערן אונזער בלוט – וועלן מיר זיך נישט אָפּשרעקן. מיר זענען געקומען קיין ארץ-ישראל, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם — און מיר קענען זיך מוסר-נפש זיין פאַר דערדאָזיקער פאַר-ווירקלעכונג. ג

באָטקאָווסקי האָט אונז דערמאָנט, אַז די ערשטע, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר ארץ-ישראל, זענען געווען די קאָלאָניסטן. ריכטיק, מיר האָבן זייער אָנדענק איינגעקריצט אין אונזער הארצן. אָבער איך קלער, אַז מיר, די אַרבעטער, זענען די איינציקע, וואָס געדענקען עס נאָך. וואָרום דערדאָזיקער אָנדענק פאַרפליכטעט צו עפּעס. נישט מיר, נאָר די קאָלאָ-ניסטישע זין אין פתח-תקוה האָבן פאַרגעסן — און זייער שנעל פאַרגעסן — דאָס בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין דערזעלבער פתח-תקוה פאַר זיבן יאָר בעת די מאַי-געשעענישן. און זיי האָבן אויך פאַרגעסן די שבועה, וואָס זיי האָבן געשוואוירן ביים פאַרגאָסענעם בלוט.

צי האָבן די שבועה-ברעכער, די דעזערטירער פונם בלוט-בונד דאָס רעכט אונז צו דערמאָנען אַלטע זאַכן?

אפילו אין מלחמה-שטורם וואַרפן מיר נישט קיין באַשולדיקונג אויפן כלל קאָלאָניסטן. נישט אַלע קאָלאָניסטן אין פתח-תקוה זענען צוגעשטאַנען צום ועד החקלאי, נישט אַלע זאָגן זיך אָפּ פון יידישער אַרבעט, און דער ועד החקלאי האָט נישט קיין רעכט צו באַדעקן מיט שאַנד גאַנץ פתח-תקוה און רעדן אין איר נאָמען. אינם פאַראַט פונם בלוטיקן טאָג אין פתח-תקוה האָט זיך באַטייליקט בלויז אַ קליין הייפל יידישע עפענדיס, וואָס זענען גרייט צו פאַרקויפן זייער לאַנד און פאָלק פאַר אַ געלט-פרייז. אָבער פאַרוואָס שווייגט די התאחדות האכרים (קאָלאָניסטן-פאַרבאַנד)? פאַרוואָס טרייסלט זי זיך נישט אָפּ קלאָר און עפנטלעך פון די אינטריגעס און פון דער העצע, וואָס אונזערע בלוטיקע שונאים פירן קעגן דער יידישער אַרבעט?

אויב די קאָלאָניסטן האָבן טענות און פאַרהאַלטן, אויב זיי ווילן זיכערן אַ רויקע און שטענדיקע אַרבעט — זענען מיר פון אונזער זייט יעדע מינוט גרייט זיך מיט זיי צוזאַמענצוקומען, כדי אויפקלערן און אויספאָרשן די שוועריקייטן און אויסגעפינען אַ וועג פאַר געמיינזאַמער און איינשטימיקער אַרבעט. אויב עס זענען ריכטיק באָטקאָווסקיס רייד, אַז די פראַגע וועגן יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס דאַרף געלעזט ווערן דורך אַ הסכם פון ביידע צדדים — דערקלער איך אין נאָמען פון דער הסתדרות העובדים, אַז מיר זענען צו יעדער צייט גרייט אונטערצוהאַנדלען

מיט די קאָלאָניסטן און זייערע פאָרשטייער וועגן אַ געמיינזאַמען הסכּם; נאָכמער — מיר פאַרלאַנגען דידאָזיקע אונטערהאַנדלונגען און דעם הסכּם. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט זיך דערצויגן ביים שאַפן לאַנד-ווירטשאַפט און ביים אָנפירן מיט לאַנדווירטשאַפט, מיר קענען די ספּעציעלע שוועריקייטן און פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, — און מיר ווילן זיין באַטייליקט אינם שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע זאָלן מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אַפילו ווען דאָס איז אַ פּריוואַטע ווירטשאַפט. אָבער דאָס דאַרף געשען מיט איין באַדינג: די רעכט פון דער יידישער אַרבעט זאָלן נישט אָנגערירט און נישט פאַרלעצט ווערן, ווייל דאָס זענען די רעכט נישט בלויז פונם יידישן אַרבעטער, נאָר פונם גאַנצן ציוניסטישן ווערק, — דאָס זענען פאָלקס-רעכט.

פאַר דעמדאָזיקן רעכט האָבן מיר געקעמפט און וועלן קעמפן. און כאָטש די אָפּטריניקע און פאַרבטערישע פרדסנים האָבן צוהילף די פּאָליציי — גלויבן מיר פונדעסטוועגן, אַז אונזער כּוח איז גרעסער, אַז הינטער אונז שטייט אַ פאָלקס-באַוועגונג, און אַז מיטן גורל פון אונזער קאַמף איז פאַרבונדן אַ פאָלקס האָפנונג.

אינם איצטיקן מאָמענט איז דער חוב פון ועד הלאומי — און פון יעדן יידישן קאָלאָניסט און בירגער, וואָס באַטייליקט זיך אין ועד הלאומי — צו מאָביליזירן די גאַנצע באַוועגונג פאַרן פאַרזיכערן די דערמאָנטע רעכט כּל-זמן ס׳איז נאָך צייט, איידער מיר האָבן נאָך נישט פאַרשפּעטיקט, איידער עס האָט נאָך געטראָפן דאָס אומגליק, וואָס וועט זיך נישט לאָזן פאַריכטן. איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון דער באַוועגונג, אויב איר וועט צולאָזן, אַז דערדאָזיקער קאַמף זאָל זיין בלויז דעם אַרבעטערס קאַמף, — וואָרום פאַר דער נשמה פונם ציוניזם, פאַר דעם גורל פון אונזער נאַציאָנאַלער צוקונפט אין לאַנד קעמפן מיר.

ירושלים, י״ז טבת, תרפ״ח („דבר״ 803).

ח. די צענטראַלע פראַגע

(פונם וויכּוח אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ)

פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ שטייט אין דער איצטיקער קריזיס-צייט די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס. מיר געפינען זיך איצט אין אַ קלעם. די עליה איז אָפּגעשטעלט, מיר האָבן אויסצושטיין גזירות און שיקאַנעס, די אַגענץ איז דורכגעפאַלן, דער ציוניזם איז אָפּגעשוואַכט און צעבראָכן. דער יידישער בעל-הביתישער קלאַס אין לאַנד פּראַט אונז, עס ווערט געפירט אַ העצע און אינטריגע מצד די עפענדים, שליחים פון קאָמינטערן און די קאָלאָניאַל-באַאַמטע — מצד דעם דרייבונד, וואָס גראָבט אונטער אונזער ווערק, וואָס וואַרפט אויף אונז אַ בלוט-בלבול פון אַנטאַייגנונג און באַרויבונג. אין דעמדאָזיקן שווערן און ביטערן מאָמענט זענען מיר קודם-כּל פאַרפליכטעט איינערלעך זיך צו פאַרפעסטיקן, און דער פּרוביר-שטיין פאַר אונז איז — די פראַגע פון יידישע אַרבעט. דער שליסל צו לעזן דידאָזיקע פראַגע ליגט נישט ביי פרעמדע אין די הענט, ער געפינט זיך אין ישוב גופא און פון איר לעזונג איז אָפּהענגיק אונזער צוקונפט אין לאַנד.

מען האָט דאָ גערעדט וועגן דער באַדייטונג פונם יידישן מאַרק און עס האָט זיך געהערט אַ פאָדערונג צו קויפן אונזערע אייגענע אויסאַרבעטונגען. מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען דידאָזיקע פאָדערונג אין אַ געבאָט פאַרן ישוב. אָבער ביי דער גאַנצער וויכטיקייט פון קויפן אייגענע אויסאַרבעטונג דאַרף מען נישט אַוועקשטעלן דידאָזיקע פאָדערונג אין איין ריי מיט דער פאָדערונג פון יידישער אַרבעט. קויפן יידישע פּראָדוקציע איז אַ ווירטשאַפטלעכע, אַן עקאָנאָמישע פראַגע, און עס קענען זיין דערפון וויכטיקע רעזולטאַטן פאַר אונזער איינפעסטיקונג אין לאַנד. אָבער יידישע אַרבעט איז נישט בלויז קיין עקאָנאָמישע פראַגע — דאָס איז אַ ביאָלאָגישע פראַגע, אַ פראַגע פון אונזער זיין אָדער נישט זיין. פּראָדוקציעס קען מען פאַרקויפן אויך אויף אַן אויסערלעכן מאַרק. דער עיקר-צווייג פון אונזער לאַנדווירטשאַפט — דער פּאָמעראַנץ — איז אויסגערעכנט הויפּזעכלעך אויפן וועלט-מאַרק. פון דער אַנדערער זייט קען קיין איין ווירטשאַפט אונזערע — אַפילו אַ קבוצהשע ווירטשאַפט — נישט אויסקומען גאָר אויסלענדישער פּראָדוקציע. אַנדערש איז די אַרבעט זעלבסט — זי לאָזט זיך נישט אָפּטיילן פונם אַרבעטער. פונם לעבעדיקן מענטש. די אַרבעט איז נישט קיין רעלאַטיווער, פאַרשווינדנדיקער און זיך-בייטנדיקער ווערט, ווי די ווירטשאַפט, — זי איז אַן אַבסאָלוטער, שטענדיקער, מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר ווערט, אַן וועלכן עס ווערט גאָרנישט פון אונזער גאַנצן ווערק. מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַ יידישן ישוב, וואָס איז ווירטשאַפטלעך געבויט אויף עקספּאָרט

און אימפאָרט. אָבער ס׳איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַ יידישן ישוב, וואָס זיין אַרבעט טוען פרעמדע. די פראַגע פון יידישער אַרבעט איז אַ פראַגע פון אונזער זיין אָדער נישט זיין אין לאַנד, און דעריבער קען מען נישט דידאַזיקע פראַגע מעסטן און שאַצן מיט קיין שום עקאָנאָמישן מאָסשטאַב, פונקט ווי מען קען נישט צוטרעטן מיט אַזאַ מאָסשטאַב צו אַ מענטשלעך לעבן און צו אַ פאָלקס-עקזיסטענץ.

דידאָזיקע אַלטע אמתן דאַרפן מיר איצט איבערחזרן נישט פאַר די קאָלאָניסטן, נאָר קודם-כל פאַר זיך אַליין. אינדערעאמתן זעט אויס די לאַגע אַזוי, אַז נישט בלויז אַ טייל קאָלאָניסטן מאַכט ווייטער חוזק פון די פאָלקס-האָפנונגען, באַיקאָטירנדיק דעם יידישן אַרבעטער און פאַרוואַנדלענדיק אונזער באַזעצן זיך אינם היימלאַנד אין אַן עקלהאַפטע און עקספּלואַטאַטאָרישע ספּעקולאַציע מיט פרעמדער אַרבעט, נאָר אויך ביי אונז גופא איז די פאָן אַראָפּגעלאָזט געוואָרן.

איך וועל נישט דיסקוטירן מיט די „לינקע” פועלי-ציון. זייער כוח קאָליע צו מאַכן איז זייער אַ קליינער; ניין, נישט דידאָזיקע אימפאָטענטע באַוועגונג האָט אַ רעכט אונז צו פרעגן, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן נאָך פינפאונצוואַנציק יאָר קאַמף און אָנשטרענגונגען. אָבער די קאָנפערענץ קען נישט פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן דער שטעלונג פון אונזערע חברים פונם השומר-הצעירשן קיבוץ ארצי. למען האמת מוז איך זאָגן, אַז נישט בלויז דער השומר-הצעיר, נאָר אַ סך טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט אין די קאָלאָניעס, און חברים פון ווירטשאַפטן און אפילו הסתדרות-אַנשטאַלטן האָבן די לעצטע יאָרן אַראָפּגעלאָזט די פאָן און אַזוי ווי שלום געמאַכט מיטן מצב אין די גרויסע און רייכע קאָלאָניעס אין יהודה און שומרון, אַ וואו אין פילע אַלטע און נייע פרדסים האָט דער יידישער אַרבעטער קיין דריסת-הרגל נישט. עס האָט אויפגעהערט דער קאַמף פאַר דער יידישער אַרבעט. ביי דערדאָזיקער פראַגע, וואו ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין שום פשרה, פאַר קיין שום נאָכגעבן, פאַר קיין שום שלום-מאַכן, — האָט מען אויפגעגעבן דעם קאַמף. און אויב מצד דער גאַנצער אַרבעטער-שאַפט איז עס געטאָן געוואָרן אפשר צוליב מידקייט, צוליב אָפּגעשוואַכטקייט, צוליב דער דריקנדער לאַסט פון די לעצטע יאָרן מיט זייערע צרות — ווערט עס געטאָן מצד אַ חשובן טייל פון אונזער באַוועגונג, מצד אַ טייל, וואָס האָט געגוג כוח אי אַ סך צו שאַדן אי אַ סך צו נוצן, — מצד דעם השומר-הצעירשן קיבוץ-ארצי, מיט כוונה, מיט סיסטעם, מיט זעלבסטזיכערקייט. פונקט ווי „לינקע” פועלי-ציון האָט אויך דער השומר-הצעיר פראָקלאַמירט, אַז מען דאַרף טוישן דעם לאָזונג פון יידישער אַרבעט אויפן לאָזונג פון אָרגאַניזירטער אַרבעט.

אַ רעדנער פון די לינקע פועלי-ציון האָט אונז געפרעגט, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן במשך פינפאונצוואָנציק יאָר קאַמף פאַר יידישער אַרבעט? און איך מוז מודה זיין: מיר שטייען דאָ נישט ווי טריומפאַטאָרן און

זיגער. נאָך שווערע גערּאַנגלען, נאָך לאַנגע אָנשטרענגונגען און אוממענטשלעכע ליידן — האָבן מיר נאָך דורכצומאַכן אַ לאַנגען וועג; מיר האָבן שוין גרויסע דעראָבערונגען — אָבער מיר זענען נאָך ווייט פון אַ פולשטענדיקן נצחון. מיר וועלן נאָך דאַרפן קעמפן, און שווער קעמפן. איך ווייס נישט צי דער פרעגער וועט זיך פרייען מיט דעמדאָזיקן „דורכפאַל" אונזערן צי נישט. אָבער דעם השומר-הצעיר פרעג איך: אין אייערע צוויי־פלאַטפאָרמעס צו דער קאָנפערענץ, אין דער לאַנגער און אין דער קורצער, פסלט איר אונזער וועג, אונזער שיטה, אונזערע ביז-איצטיקע לאָזונגען און טעטיקייט; איר פאָדערט אויף צו טוישן די לאָזונג פון יידישער אַרבעט אויפן לאָזונג פון אָרגאַניזירטער אַרבעט; אַלזאָ — אָט די אָרגאַניזירטע אַרבעט, וואָס איר פאַרלאַנגט — און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיר זענען נישט ווייניקער פון אייך פאַר אָרגאַניזירטער אַרבעט און אַז מיר האָבן שוין עפּעס געטאָן פאַר דער אַרבעט-אָרגאַניזירונג אין לאַנד — מיינט איר דאָס יידישע אַרבעט צי נישט? אויב איר זייט אויסן יידישע אַרבעט — פאַרוואָס זאָגט איר עס נישט אין אייער פּלאַטפאָרם מיט קלאָרע און פשוטע ווערטער? אויב איר פסלט הונדערט פּראָצענט, פאַרוואָס זאָגט איר נישט, וויפיל פּראָצענט איר זענט מתיר? אָדער אפשר דאַרף מען טאַקע דאָס, וואָס איר זאָגט וועגן אָרגאַניזירטער אַרבעט, אָננעמען פּראָסט-פשוט: עס אַרט נישט צי עס וועט זיין יידישע צי נישט יידישע אַרבעט, אַבי זי זאָל זיין אָרגאַניזירטע? צי זאָגט איר זיך אָפּ פונם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט אָדער איר האָט קיין מוט נישט זיך איינצושטעלן פאַר איר אָפן? צי מיינט איר, אַז יידישע אַרבעט וועט קומען פון זיך זעלבסט, אַז פאַר איר וועט זאָרגן דער יידישער קאַלאָניסט, דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל? צי קלערט איר, אַז דער גרויס-ציוניזם, וועגן וועלכן איר רעדט אין אייער פּלאַטפאָרם, „די קאָנצענטרירונג פון דער מערהייט פונם יידישן פאָלק אין ארץ-ישראל און אין איר אומגעגנט", וועט פאַרווירקלעכט ווערן אָן קיין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט?

איך פערזענלעך גלויב נישט, אַז איר גלויבט אין דעם, וואָס איר זאָגט אין אייער פּלאַטפאָרם. פאַר מיר איז קלאָר, אַז איר מיינט יידישע אַרבעט, כאָטש איר פאַרשטעלט זיך. און ווען מיר וואָלטן געהאַט צו טאָן בלויז מיט אייך — וואָלט אפשר נישט כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויף די פאַרשידענע וואַריאַנטן צווישן אונז. נישט געקוקט אויף די מאָדנע פאָרמולירונגען און טעאָרעטישע פאַרדרייעכצן, מיט וועלכע איר ווילט אונז באַקעמפן, — זייט איר דאָך מיט אונז צוזאַמען אין דער אַרבעט, אינם קאַמף, אין די דעראָבערונגען. פונקט ווי אונזער גאַנצע באַוועגונג, לעבט אויך איר נישט מיט פאָרמולעס נאָר מיט מעשים, און די מעשים זענען ביי אונז דיזעלבע, און צוזאַמען מיט אונז זייט איר דאָך פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אַרבעט, וואָס מיר טוען אין לאַנד. אָבער הינטער אייך שטייט אַ גרויסע יוגנט-מחנה אין גלות. און דידאָזיקע יוגנט, ווי אַלע יידן אין גלות, לעבט מיט ווערטער, פאָרמולן און פּראָגראַמען. דידאָזיקע יוגנט געפינט זיך

צווישן כוואַליעס פון אַסימילאַציע, קאָמיניזם און פאַשיזם, זי קעמפט פאַר איר אייגענעם איך — און דאָס וואָס מען זאָגט איר האָט אַ גרויסע באַדייטונג. זי נעמט אויף מיט דורשט און גרויסער אויפמערקזאַמקייט יעדעס וואָרט, וואָס קומט פון ארץ-ישראל. אָט די יוגנט וועט אייערע פאַרדרייטע ווערטער אויפנעמען ערנסט. און אויב מען דאַרף זיך נישט זאָרגן וועגן אייך — דערוועקט אָבער אַ גרויסע זאָרג דידאָזיקע יוגנט, ווען זי וועט דערהערן „נישט יידישע ארבעט נאָר אָרגאַניזירטע ארבעט". די יוגנט וועט נישט פאַרשטיין די כיטרעקייט פון דער פאָרמול, נאָר זי וועט עס אָננעמען פשוט. אַז עס אַרט אייך נישט צי די ארבעט ווערט אויסגעפירט דורך יידן צי נישט — אַבי עס מאַכן זי אָרגאַניזירטע ארבעטער.

צי איז נויטיק צו זאָגן, אַז די ארבעטער-אָרגאַניזירונג איז אונז טייער נישט ווייניקער ווי אייך? די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע ביי אונז איז נישט ערגער ווי אין וועלכן נישט איז לאַנד, און מיר האָבן עפּעס בייגעשטייערט צו דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע. אָרגאַניזירטע ארבעט איז נישט דאָס לעצטע וואָרט פון אונזערע סאָציאַליסטישע וואונטשן. מיר ווילן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, מיר שטרעבן צו אַ קאָמונע. און הגם וויסנדיק, אַז מיינע רייד קענען דינען אַלס געווער פאַר די, וואָס פאַרדרייען באַוואוסטזיניק אונזערע רייד, — זאָג איך, אַז מיר האָבן נישט קיין שום ספּעציעלן אינטערעס אין אָרגאַניזירטער אַרבעט אין ארץ-ישראל, אַז מיר האָבן נישט קיין שום ספּעציעלן אינטערעס אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג און קאָמונע אין ארץ-ישראל, אויב די טרעגער, שעפער און פאַרווירקלעכער דערפון וועלן נישט זיין די יידישע אַרבעטער. מיר זענען נישט געקומען אַהער, כדי צו אָרגאַניזירן וועמען עס איז, מיר זענען נישט געקומען אַהער כדי צו פאַרשפּרייטן צווישן וועמען עס איז די סאָציאַליסטישע אידיי — מיר זענען געקומען אַהער כדי אויפצובויען אַן ארבעטס-היים פאַרן יידישן פאָלק. אָן יידישער ארבעט אינטערעסירן אונז נישט, נישט ארץ-ישראל, נישט אָרגאַניזירונג און נישט סאָציאַליזם אין א"י. פאַר אַלעם און איבער אַלעם — יידישע ארבעט. דער אויסגאַנגס-פּונקט פון אונזער באַוועגונג געפינט זיך אינם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט.

איך וועל נישט ענטפערן בן-טוב'ן אויף זיין פראַגע, ווי אַזוי מיר לעזן דאָס פּראָבלעם פונם א ר א ב י ש ן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, כל-זמן ער און זיינע חברים וועלן נישט ענטפערן אויף אַ פריערדיקער, וויכטיקערער און קאַרדינאַלערער פראַגע: ווי אַזוי לעזן זיי דאָס פּראָבלעם פון י י ד י ש ן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. דער השומר-הצעירשער קיבוץ-אַרצי דאַרף זאָגן קלאָר און אָפן: וואָס פאַר אַ שטעלונג פאַרנעמט ער אין אונזער שווערן און ביטערן קאַמף פאַר יידישער ארבעט אין די קאָלאָניעס? איך האָב איבערגעלייענט די פּלאַטפאָרמעס פון השומר-הצעיר פון אָנהייב ביזן סוף און כ'האָב נישט געפינען קיין תשובה אויף מיין פראַגע. איך האָב פאַר דער קאָנפערענץ געשמועסט מיט קיבוצים פון השומר-הצעיר איז

די קאָלאָניעס, איך האָב זיי געשטעלט דידאָזיקע פראַגע, און אַ גרויל האָט מיך אַרומגענומען הערנדיק די תשובות פון יונגע חברים, וועלכע זענען ערשט לעצטנס געקומען אין לאַנד אַריין. און זיי געהערן דאָך צו דער בעסטער יוגנט אונזערער. וואָס האָט איר מיט די אומרייפע לאָזונגען געוואָלט פון דערדאָזיקער יוגנט?

דאָ אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ, אַז בן-טוב איז געווען געצוואונגען צו געבן אַ תשובה, האָט ער געזאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט מאַקסימום יידישע אַרבעט. לויט מיר, קען מען זיך באַנוגענען מיט דער־דאָזיקער תשובה. אויך איך פאַרלאַנג נישט מער ווי אַ מאַקסימום יידישע אַרבעט. אָבער פאַרוואָס האָט איר עס נישט געזאָגט אין אייער פּלאַטפאָרם? פאַרוואָס איז עס נישט געזאָגט געוואָרן דער יוגנט אין גלות, פאַר וועלכער איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך? פאַרוואָס האָט בן-טוב צוויי תשובות — איינע מינדלעך און אַן אַנדערע שריפטלעך?

איינער פון די השומר-הצעירניקעס האָט אין צווישנרוף געפרעגט, ווי אַזוי מיר וועלן זיכערן די יידישע אַרבעט אין די קאָלאָניעס? איך דאַרף אים זאָגן, אַז יידישע אַרבעט איז נישט אונזערס קיין מאָנאָפּאָל־געשעפט. מיר האַלטן אייך פאַר שותפים צו דעם געשעפט, און איר וועט צוזאַמען מיט אונז שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, כדי אָפּצוהיטן די יידישע אַרבעט.

דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער זאָרג פאַר יידישער אַרבעט, האָט נישט קיין אָרט אין ציוניזם, האָט נישט קיין טייל אין דער האָפנונג פון יידישן פאָלק. און איר ווערט נישט וויניקער פון אונז אויפגעפאָדערט צו געבן אַ תשובה — אָן קונצן און אָן דריידלעך! — דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל און דער יוגנט אין גלות, צי איר וועט מיטקעמפן אינם שווערן, לאַנגען און שטרויכלונגפולן קאַמף פאַר יידישער אַרבעט אין דער יידישער ווירטשאַפט, אין די יידישע קאָלאָניעס?

און שיט נישט קיין זאַמד אין די אויגן מיט די אויסגעקליגלטע פראַזן וועגן „אָרגאַניזירטער אַרבעט". איך ווייס, אַז יעדעס קינד און יעדער יינגל, וואָס ווערט דערצויגן דורך די שליחים פון קיבוץ-ארצי, ווייסט, אַז די מפא"י זאָגט זיך אָפּ פון „אירגון משותף", אַז זי אינטערעסירט זיך נישט מיטן אַראַבישן אַרבעטער און פעלאַך, אַז זי האָט נישט קיין אינטערעס בכלל פאַרן אַראַבישן פּראָבלעם, און אַז ווען נישט דידאָזיקע „פשרה-מאַכערס" פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן נישט געזען פאַר צען יאָרן צו אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער, אויסצוגלייכן זיין לעבנס-ניוואָ מיטן לעבנס-ניוואָ פונם יידישן אַרבעטער און וועלכע האָבן נישט געוואָלט דורכפירן אַן אַגראַר-רעפאָרם אין לאַנד — וואָלט אפשר נישט געקומען צו די אָב-געשעעניש, און ס'וואָלט זיך נישט באַוויזן די פּאַספילד-גזרה, און שונאים און העצער וואָלטן קיין תירוץ נישט געהאַט.
איך וויל נישט פאַרטיידיקן די פּאַרטיי-שטעלונג צו דער „אַראַבישער פראַגע" — מיר וועלן מיט אייך קענען שמועסן וועגן דער פראַגע פונם אַראַבישן

אַרבעטער, ווען מיר וועלן פון אייך הערן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע פונם יידישן אַרבעטער. אָדער אפשר מיינט איר גאָר, — ווי מען קען עס פאַרשטיין פון אייער תורה שבכתב, — אַז די תשובה אויף דער פראַגע פון יידישער אַרבעט וועט געבן דער אַראַבישער אַרבעטער, וועלכן איר וועט אָרגאַניזירן?

די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין לאַנד איז אַ שווערע, זייער אַ שווערע — און פרואוו זיך נישט אַרויסדרייען פון דערדאָזיקער שוועריקייט מיט גרינגע פראַזן, וואָס פאַרמאָגן מער זעלבסט-נאַרעריי, ווי ממשותדיקן אינהאַלט.

אין וואָס באַשטייט די שוועריקייט?

מיר זענען געקומען בויען אַ לאַנד אין אַ סביבה, וואָס שטעלט צו בשפע ביליקע, קנעכטישע אַרבעט, — אַרבעטער מיט מינימאַלע באַדערפענישן. עס רעדט זיך נישט בלויז וועגן ארץ-ישראל נאָר אויך וועגן דער אומגעגנט. איך ווייס נישט צי פון ציוניסטישן שטאַנדפונקט קען מען אין איין אָטעם רעדן וועגן ארץ-ישראל און איר אומגעגנט, ווי עס טוט זייער לייכט און פשוט דער השומר-הצעיר. אָבער אין דער הינזיכט פון ביליקער אַרבעט איז זיכער ארץ-ישראל נאָר אַ קליינער טייל פון אַ ריזיקן בלאָק, וואָס רינגלט אַרום דאָס לאַנד פון דריי זייטן — צפון, מזרח און דרום. אינדעראמתן דאַרף מען רעדן וועגן אַ גאַנצן קאָנטינענט, ריכטיקער וועגן צוויי קאָנטינענטן — אַזיע און אַפריקע — פון ביליקער און אומאַנטוויקלטער אַרבעט. און אויף דעם קליינעם שטיקל ערד, וואָס פאַרבינדט דידאָזיקע צוויי קאָנטינענטן, ווילן מיר איינפלאַנצן די יידישע אַרבעט, וועלכע האָט גרויסע באַדערפענישן און פאָדערונגען. דער אונטערשיד צווישן דעם יידישן אַרבעטער און צווישן דעם ריזיקן רעזערוו אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע אַרבעטער איז נישט קיין אונטערשיד בלויז פון באַוואוסטזיין. עס איז קודם-כל אַן אונטערשיד אין לעבנס-ניוואָ, אין נויטווענדיקן עקזיסטענץ-מינימום. אַן אַרבעטער, וואָס האָט נישט שטודירט מאַרקסן ווייסט אויך, אַז ס'איז בעסער צו קריגן צוואַנציק פּיאַסטער אַ טאָג איידער צען. נישטאָ אַזאַ אומבאַוואוסטזיניקער פעלאַך אין לאַנד, וואָס זאָל נישט וויסן דידאָזיקע חכמה. און אויב נײַנאונניינציק פּראָצענט פעלאַכן זענען גרייט גיין אַרבעטן אין קאָלאָניעס פאַר צען פּיאַסטער אַ טאָג — איז עס דערפאַר ווייל לויט זייערע באַדערפענישן איז עס אַ גענוגנדיקער לוין. די חברים פון קיבוץ-ארצי, וועלכע האָבן די לעצטע יאָרן אַנטדעקט מאַרקסן, פאַרגעסן, אַז אחוץ באַוואוסטזיין און אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט נאָך אַזאַ זאַך, וואָס מ'רופט: עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, און דידאָזיקע קליינע זאַך ווירקט אויך אַביסל אויפן באַשטימען די אַרבעטס-באַדינגונגען. אָט די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט געפינט זיך נישט בלויז אין די ארץ-ישראלדיקע גרעניצן, נאָר זי שפּרייט זיך אויס איבער אַלע שכנותדיקע לענדער — סיריע, מצרים, סודאַן, מעסאָפּאָטאַמיע און נאָך. און אָט די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, וואָס הערשט איצט אין

לאַנד און אין דער אומגעגנט, איז נישט להוט דווקא נאָך אַ יידישן אַרבעטער, נויטיקט זיך אין אים לחלוטין נישט, און זי האָט נישט קיין שום אינער־לעכע באַדערפעניש זיך צו צופאַסן צו אונזערע ספעציפישע פאָדערונגען. זי האָט נישט בדעה זיך צו ענדערן, כדי צו פאַרגרינגערן אונזער לאַגע.

די צענטליקער טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער האָבן נישט קיין שום פליכט און שפירן נישט קיין שום באַדערפעניש צו העכערן מיט אַ כיוון זייערע פאָדערונגען, כדי עס זאָל בטל ווערן דער אונטערשיד צווישן אונז און זיי. זיי טוען עס נישט בלויז צוליב מאַנגל אין קלאַסן-באַוואוסטזיין. דער לעבנס-ניוואָ פונם ענגלישן אַרבעטער איז אַ העכערער ווי דעם דייטשישנס — און קיינער וועט נישט זאָגן, אַז דער קלאַסן-באַוואוסטזיין האָט געבראַכט דערצו. דער לעבנס-ניוואָ פון אַמעריקאַנישן אַרבעטער איז נאָך העכער ווי דעם ענגלישנס — כאָטש דער ערשטער איז אידעאָלאָגיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעשטאַנען לגבי דעם צווייטן. לאָמיר זיך אויף אַ מאָמענט פאָרשטעלן, אַז צען טויזנט אַמעריקאַנישע אַרבעטער, וואָס זענען געוווען געוואוינט ביי זיך אין לאַנד צו באַקומען נישט ווייניקער ווי צען דאָלאַר אַ טאָג, זענען על-פי-נס מגולגל געוואָרן קיין דייטשלאַנד — צי וועט איינפאַלן די דייטשישע אַרבעטער פלוצלינג אַרויסצושטעלן אַ פאָדערונג די אַרבעטגעבער, מען זאָל זיי צאָלן צען דאָלאַר אַ טאָג, בלויז צוליב פאַרשאַפן אַ נחת-רוח די געסט? צי וועט געלונגען די אַמעריקאַנישע עמיגראַנטן צו אָרגאַניזירן זייערע דייטשישע חברים, אַז זיי זאָלן נישט אַרבעטן פאַר ווייניקער ווי צען דאָלאַר אַ טאָג, כדי זיי, די אַמעריקאַנער, זאָלן קענען אַרבעטן אין דייטשלאַנד לויטן אַמעריקאַנישן לעבנס-ניוואָ? די „מאַרקסיסטן" פון „השומר-הצעיר" גלויבן, ווייזט אויס, אין אמת, אַז בלויז צוליב דער שולד פון די מפא"יישע „פשרה-מאַכערס" עקזיסטירן נאָך אין ארץ-ישראל אונטערשידן צווישן דעם לעבנס-ניוואָ, די באַדערפענישן און דעם באַוואוסטזיין פון די אַראַבישע אַרבעטער און פעלאַכן און פון די יידישע אַרבעטער און קאָלאָניסטן. זיי מיינען, ווייזט אויס, מיט אַן אמת, אַז די לעזונג פאַר דער פראַגע פון יידישער אַרבעט איז אין דער אָרגאַ־ניזירונג פונם אַראַבישן אַרבעטער.

לויט אונזער מיינונג שטעקן די דאָזיקע אונטערשידן אין דער עקאָ־נאָמישער ווירקלעכקייט פון ארץ-ישראל און איר אומגעגנט, וועלכע קען נישט געענדערט ווערן דורך „מאַרקסיסטישע" אָפּשפּרעכענישן און וועלכע וויל זיך נישט צופאַסן צו אונזערע באַדערפענישן. דאָס געשעט לגמרי נישט צוליב בייזוויליקייט אָדער אומבאַוואוסטזיניקייט, נאָר צוליב אָביעקטיווע באַ־דינגונגען, איבער וועלכע מיר האָבן דערווייל קיין שום שליטה נישט. און דער יידישער קאָלאָניסט, אויף וועלכן די „נאַציאָנאַלע אַפּעלאַציע" ווירקט נישט, וואַרפט זיך אונטער דער דאָזיקער ווירקלעכקייט פון ביליקער ווייניק-באַ־דערפדיקער אַרבעט. ער באַנוצט זיך מיט אַט דער אַרבעט און פאַראַט די האָפנונג פון זיין פאָלק, וואָס נאָר אַדאַנק איר האָט ער זיך דערוואָרבן דעם באָדן, וועלכן מען מעג האַלטן נאָר צוליב יידישער אַרבעט. די יידישע

קאָלאָניסטן, וועלכע באָיקאָטירן די יידישע אַרבעט, זענען אויך געקומען קיין ארץ-ישראל מיט נאַציאָנאַלער התלהבות, נאָר זיי האָבן נישט פאַרמאָגט גענוג כוח בייצושטיין דעם דרוק פון דער פּאַלעסטינישער ווירקלעכקייט, און זיי האָבן זיך נישט געקענט איינשפּאַנען אינם יאָך פון אַ נייער ווירק-לעכקייט, אינם יאָך פון שאַפן אַ יידיש לאַנד.

און איצט איז געקומען איינער פון אונזערע חלוציש טיילן, פון דער געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער יוגנט-מחנה, און אויך ער בויגט דעם קאָפּ פאַר דער פּאַלעסטינישער ווירקלעכקייט און פּראָקלאַמירט, אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפנונג פאַר דער יידישער אַרבעט כל-זמן די אַראַבישע מאַסן אין לאַנד וועלן זיך נישט ענדערן און וועלן נישט אויפהויבן זייער לעבנסניוואָ, כל-זמן דער אַראַבישער אַרבעטער וועט נישט ווערן אַנדערש און וועט נישט וועלן אַרבעטן פאַר וויניקער ווי צוואַנציק פּיאַסטער אַ טאָג — ווייל בלויז אין דעם פאַל איז מעגלעך אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזירונג פונם יידישן און אַראַבישן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס.

די חלוצים פון דער ערשטער עליה זענען נישט בייגעשטאַנען דעם דרוק פון דער אַראַבישער ווירקלעכקייט אין לאַנד און זיי האָבן אַראָפּגע-לאָזט די פאָן – און מיר מוזן איצטער וואָרענען פאַר דער געפאַר פון אַראָפּלאָזן די פאָן, זיך אונטערגעבנדיק דערזעלבער ווירקלעכקייט, — דורך אַ וויכטיקן טייל פון די אַרבעט-חלוצים.

איר פרעגט, וואָס איז אונזער תשובה, מיט וואָס וועלן מיר פאַרזיכערן די יידישע אַרבעט קעגן דעם דרוק פון דער אַראַבישער ווירקלעכקייט?

איך בין מודה, אַז מיר פאַרמאָגן נישט קיין פאַרטיקן, איינאונאיינציקן און כל-יכולדיקן רעצעפּט. איך בין פינפאונצוואַנציק יאָר אין לאַנד און איך געדענק, אַז מיר האָבן שוין וויפיל מאָל זיך אַנטוישט אין דעמדאָזיקן ביטערן קאַמף פאַר יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס — און נאָך יעדער אַנטוישונג האָבן מיר זיך פונדאָסניי אַ וואָרף געטאָן אין קאַמף מיט אָנגע-שטרענגטע כוחות. ווייל אונז האָט באַוואויגן אַ שטאַרקערער דרוק – דער דרוק פון הונדערטער, טויזנטער און צענער טויזנטער חברים אונזערע, פאַר וועלכע דידאָזיקע אַרבעט איז געווען זייער איינציקע לעבנס-האָפנונג; דער דרוק פון אַ נאַציע, וואָס נאָר אויף דער דאָזיקער ערד קען זי זיך פאַר-וואָרצלען און וואָס נאָר דורך דער אַרבעט וועט זי שעפּן נייע קרעפטן פאַר איר עקזיסטענץ. פאַרמאָגנדיק דאָס דאָזיקע געפיל האָבן מיר זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט, מיר האָבן זיך געלאָזט קעגן שטראָם — און מיר האָבן געשאַפן דעם דאָזיקן כוח פון עלף טויזנט יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס זענען פאַרטרעטן אויף דער קאָנפערענץ. לויט אונזער מיינונג איז אויך דאָס אַ דערפאַרונג, פאַר וועלכער ס'איז כדאי געווען זיך אָנצושטרענגען און צו קעמפן. און וויאַזוי איז עס געשאַפן געוואָרן? מיר האָבן נישט געהאַט איין אויסגעפּרוּווט מיטל, — און ווייל עס איז פאַר אונז געווען נישט קיין נוסח-פראַגע נאָר אַ לעבנספראַגע, סיי פּערזענלעך סיי נאַציאָנאַל, האָבן מיר אויסגעפּרוּווט אַ סך וועגן און זיך

באַנוצט מיט אַ סך מיטלען. מיר האָבן געפירט סיי אַן אויפקלערונג און סיי אַ געזעלשאַפטלעכן קאַמף, סיי קלאַסן אָרגאַניזירונג און סיי ווירטשאַפט-לעכע טעטיקייט; מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט „נאַציאָנאַלער אַפּעלאַציע“– וועלכע דער ה׳ בן-טוב אָנערקענט מינדלעך דאָ אויפן צוזאַמענפאָר, כאָטש ער פסלט זי שריפטלעך אין דער פּלאַטפאָרם – מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ נאַציאָנאַלער אַפּעלאַציע, וואָס איז נישט געווענדעט צום איינצלנעם אַרבעטגעבער, וועמענס פּריוואַטער אינטערעס איז קעגן דער פאָדערונג פון יידישער אַרבעט, נאָר מיט אַן אַפּעלאַציע צום ישוב, וועלכער איז פּונקט ווי מיר פאַראינטערעסירט אין יידישער אַרבעט נישט בלויז צוליב אַ ציוניסטיש געפיל נאָר צוליב זיינע לעבנס-אינטערעסן. וואָרום אויב עס וועלן אין קאָלאָניע נישט זיין קיין יידישע אַרבעטער איז פאַראַן אַ סכנה אויסגעשאָכטן צו ווערן, און אויב עס וועלן נישט צוקומען קיין יידישע אַרבעטער, וועלן סיי דער בעל-מלאכה, סיי דער קרעמער קיין פּרנסה נישט האָבן, ווייל דער אַראַבישער אַרבעטער נעמט נאָר אַרויס פון קאָלאָניע, נישט אַריינ-ברענגנדיק איר גאָרנישט. אויך די ריינע נאַציאָנאַלע אַפּעלאַציע פאַרמאָגט אַ געוויסן כוח: דער טיפער באַגער פון יידישן פאָלק צו זען די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל נישט אין זייער מיאוסקייט – נישט אַלס נעסט פון יידישער ספּעקולאַציע און אַראַבישער שקלאַפעריי, נאָר אַלס מיניאַטור פון אַ יידיש היימלאַנד מיט יידישער אַרבעט, יידישער קולטור און מיט אַ יידישן קאָלאָריט – דער דאָזיקער באַגער קען אויך אַ בויג טאָן דאָס צינגל אויף דער וואָגשאָל. אַזוי האָבן מיר געפירט דעם קאַמף און אַזוי האָבן מיר דעראָבערט דאָס, וואָס מיר האָבן דעראָבערט: מיט אונזער אָרגאַניזירטקייט, מיטן דרוק פון דער עליה, מיט אונזער זעלבסטשטענדיקער ווירטשאַפט, מיט אונזער אויפקלערונג, מיט אונזער קאַמף, מיט דער אונטערשטיצונג פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע מיר האָבן געשאַפן און אָרגאַניזירט.

און אויב אָט די מיטלען זענען ביי אייך פּס״ל, אָדער אויב איר האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיי, און איר קומט און זאָגט אייער יוגנט, – וועלכע איז אויך אונזערע נישט ווייניקער ווי אייערע, – אז דאָס זענען פאַלשע מיטלען, פּראָדוקטן פון דער פּסולער שיטה פון דער „הערשנדיקער“ פּאַרטיי, וועלכע האָט געבראַכט דער באַוועגונג דורכפאַל נאָך דורכפאַל; אויב איר קומט און זאָגט זיי, אַז די איינציקע, ריכטיקע תרופה איז דאָס אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס – איז דאַן אונזער פליכט אייך צו וואָרענען: נישט דאָס איז דער וועג!

אויב ס׳איז פאַראַן אַ פאַלשע תשובה, אַ זעלבסטנאַרעריי, אַן אוטאָ-פּיסטישע און פּסולע שיטה – איז עס דאָס פּרואוון פאַרענטפערן די פראַגע פון יידישער אַרבעט דורך דער אָרגאַניזירונג פונם אַראַבישן אַרבעטער.

אונזערע חברים פון השומר-הצעיר זעען נישט דעם אונטערשיד צווישן צוויי פאַרשידענע פּראָבלעמען: דאָס פּראָבלעם פון יידישער אַרבעט און דאָס פּראָבלעם פון די אַרבעט-באַדינגונגען. איך וואָלט נאָך אין אַ

געוויסער מאָס געקענט פאַרשטיין אייער תשובה, ווען פאַר אונז וואָלט נעשטאַנען בלויז די פראַגע וועגן די אַרבעט-באַדינגונגען פונם אַרבעטער אין קאָלאָניע, ווען פאַר אונז וואָלט נישט געווען קיין דינאַמישער מצב, קיין ווירטשאַפט, וואָס האַלט זיך אין בויען, קיין עליה, וואָס הערט נישט אויף. איך וואָלט עס פאַרשטאַנען, ווען מיר וואָלטן זיך געפינען אין אַ סטאַטישן מצב, ווען פאַר אונז וואָלט געשטאַנען אַ פראַגע פון עטלעכע טויזנט אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין אַן אויפגעבויטער און עקזיסטירנדיקער ווירטשאַפט, וועלכע לעבן אין שלעכטע באַדינגונגען, און אַרום זיי איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערע צאָל נישטאָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס פאַרדינען נאָך ווייניקער — דאַן וואָלט אייער תשובה, אין פלוג, זיך געלייגט אויפן שכל. אָבער, חבר יערי, פאַר אונז שטייט אַ פראַגע נישט בלויז וועגן די אַרבעט-באַדינגונגען פון אַ געוויסער צאָל פאַראַנענע אַרבעטער אין פאַראַנענער ווירטשאַפט, נאָר אַ סך אַ ברייטערע, קאָמפּליצירטערע און וויכטעקערע פראַגע: צי וועט די ווירטשאַפט, וועלכע ווערט געבויט דורך יידן אין ארץ-ישראל, אויפגעבויט ווערן דורך יידישער אַרבעט, וואָס וועט קומען אַהער פון אַנדערע לענדער מיט אַ העכערן לעבנס-ניוואָ, מיט אַן אַנטוויקלטער סאָציאַלער קולטור, מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג און טראַדיציע אָבער דורך דער ביליקער, קולטורלאָזער און צום אָרגאַנירן שווערער אַרבעט, וועלכע מען קען קריגן בשפע אין ארץ-ישראל און אין די אַרומיקע לענדער? איז אָט די דאָזיקע פראַגע ווילט איר לעזן דורכן אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער? לאָמיר אָננעמען אויף אַ מאָמענט, אַז דער אַראַבישער קאָלאָניע-אַרבעטער לאָזט זיך יאָ אָרגאַניזירן, וויאַזוי-זשע וועט דורכדעם געלעזט ווערן די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס? איר זענט זיכער, אַז די פאָדערונג פון הונדערט פראָצענט יידישע אַרבעט איז אַ אוטאָפּיסטישע פאָדערונג און איר פרעגט אונז — מיט וואָס פאַר אַ כוח וועלן מיר צווינגען דעם קאָלאָניסט צו נעמען דווקא אַ יידישן אַרבעטער? איר גלויבט נישט אין דעם כוח, מיט וועלכן מיר האָבן עס געטאָן ביז איצט, — איר גלויבט נישט, אַז דער ציוניסטישער כוח, וואָס שטייט הינטער אונז (נאַציאָנאַלע אַפּעלאַציע איז פסול), דער כוח פון אָרגאַניזאַציע, דער כוח פון דער עליה, דער כוח פון אונזער ווירטשאַפט, דער כוח פון דער עפנטלעכער מיינונג, דער כוח פון אונזער וואוקס אין לאַנד, דער כוח פון דער סכנה, וואָס דראָט דעם יידישן ישוב אין לאַנד, — אַז דאָס אַלץ קען אונז העלפן אין אונזער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט — דערין גלויבט איר נישט. דערפאַר מיינט איר, אַז דער דורך אייך אָרגאַניזירטער אַראַבישער אַרבעטער וועט קומען צום יידישן קאָלאָניסט און וועט אים אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג, ער זאָל באַשעפטיקן אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס קומען פון וואַרשע, פון לעמבערג, פון קישעניעוו, פון קיעוו, און זאָל נישט צונעמען קיין נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון יהודיה, פון זארנוקא, פון בית-דגון, פון סאַראַפּענד; דער אַראַבישער אַרבעטער וועט עס פאָדערן און דער יידישער קאָלאָניסט וועט

אים פאָלגן. דערקלערט מיר, חברים פון השומר-הצעיר, „מאַרקסיסטיש״ אויסגעהאַלטן, פאַרוואָס וועט דער אַראַבישער אַרבעטער וועלן אַרויסשטעלן אַזאַ פאָדערונג און מיט וואָס וועט דער יידישער קאָלאָניסט זיין געצוואונגען זי אויסצופירן? ח׳ אָרנשטיין האָט מיך דערקלערט פאַר אַ אוטאָפּיסט, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך גלויב אין הונדערט פראָצענט יידישע אַרבעט אין די קאָלאָניעס. ח׳ אָרנשטיין איז אַ ניכטערער מענטש, פריי פון נישט-רעאַלע אילוזיעס. ער איז אַ פרומער מאַרקסיסט און ווייסט, אַז עס קען גאָרנישט איינפאַלן, אַז אין דער יידישער קאָלאָניע אין ארץ-ישראל זאָל די יידישע אַרבעט, וועלכע איז טייער, קולטורעל, אָרגאַניזירט, — פאַרנעמען די גאַנצע הונדערט פראָצענט, בעת אין דער אומגעגנט געפינט זיך אַ גרויסער און שטאַרקער רעזערוו ביליקע, נישט אָרגאַניזירטע אַרבעט. און איך בין מודה, אַז איך קען נישט אַרויסגעבן דעם ח׳ אָרנשטיין אַ פיקס-און-פאַרטיקן קאָנטראַקט, וואָס זאָל פאַרזיכערן יידישע אַרבעט אויף הונדערט פראָצענט. מיר זענען באַקאַנט די שטאַרקע כוחות, וואָס ווירקן קעגן דערדאָזיקער פאָדערונג. אָבער איך ווייס גלייכצייטיק, אַז דאָס איז אונזער לעבנספראַגע, און אַז מיר מוזן קעמפן דערפאַר, און אַז עס זענען אויך פאַראַן היסטאָרישע כוחות, וואָס העלפן אונז אין דעמדאָזיקן קאַמף. מיר שטייען פאַר אַ שווערן געראַנגל צווישן צוויי קעגנזעצלעכע כוחות: פון איין זייט — די סטאַטיק פון דער פאַלעסטינישער געאָגראַפיע, און פון דער צווייטער זייט — די דינאַמיק פון דער יידישער געשיכטע. איך גלויב אינם היסטאָרישן זיג פון דעם דינאַמישן כוח. אָבער אויב אָרנשטיין גלויבט נישט דערין, מוז איך אים פרעגן: אויב נישט געקוקט אויף די אַלע מיטלען און פאַקטאָרן, וואָס העלפן אונז מיט אין אונזער קאַמף, וועלן מיר נישט זיין בכוח צו צווינגען דעם יידישן קאָלאָניסט, ער זאָל צונעמען אין דער יידישער קאָלאָניע יידישע אַרבעטער, ווייל אין לאַנד און אינם שכנותדיקן אַרום זענען פאַראַן מאַסן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, — טאָ ווי אַזוי-זשע וועט אונז געלינגען צו צווינגען דעמזעלבן קאָלאָניסט צוצונעמען דווקא אַן אָרגאַניזירטן אַראַבישן אַרבעטער און אים צאָלן טאָפּלט, ווי עס באַקומט אַן אַראַבישער אַרבעטער מחוץ דער יידישער קאָלאָניע, בעת אין לאַנד און אינם שכנותדיקן אַרום זענען פאַראַן מאַסן אַראַבישע אַרבעטער, ביליקע און נישט אָרגאַניזירטע? ווי קאָן מען עס זיך פאָרשטעלן לויטן מאַרקסיזם, אַז אין אַלע פרדסים אין לאַנד וועט אַרבעטן אַן אַראַבישער אַרבעטער פאַר צען פיאַסטער אַ טאָג, אָן דער קיבוץ-ארצישער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע, און בלויז אין די יידישע קאָלאָניעס וועט גילטן אַ געזעץ, וואָס איז גוזר אָרגאַניזירטע אַרבעט און אַן אַרבעטס-לוין פון צוואַנציק פיאַסטער אַ טאָג פאַר דעמזעלבן אַראַבישן אַרבעטער? מיר, די אוטאָפּיסטן, גלויבן אינם כוח און אין די מעגלעכקייטן פונם יידישן אַרבעטער, — צי גלויבט איר אין דער גוטסקייט און ברייטהאַרציקייט פונם יידישן אַרבעטגעבער?

אויב איר מיינט ערנסט און אויפריכטיק מיט אייערע רייד וועגן

אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן קאָלאָניע-אַרבעטער, קענט איר זיך נישט איינ־שרענקען אין די גרעניצן פון יידישע קאָלאָניעס, נאָר איר דאַרפט אָרגאַני־זירן דעם אַראַבישן אַרבעטער אינם גאַנצן פאַרנעם פון דער פאַלעסטינישער ווירטשאַפט – אויב נישט פון די שכנותדיקע לענדער, – איר דאַרפט ענדערן די לעבנס-באַדינגונגען און די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט פון די הונדערטער טויזנטער פעלאַכן און בעדואינער, וועלכע זענען דער קוואַל פון אַראַבישער אַרבעט אין לאַנד, – איר דאַרפט זיי דערהויבן צום לעבנס-ניוואָ פונם יידישן עולה און קאָלאָניזירטן אין ארץ-ישראל. איר דאַרפט זען, אַז דער אַראַבישער אַרבעטער זאָל נישט קענען לעבן אַנדערש ווי דער יידישער אַרבעטער – אָבער ווי אַזוי וועט אָט דאָס לעזן די פּראַגע פון יידישער אַרבעט?

איך גלויב, אַז אונזער מאַסן-קאָלאָניזאַציע אין לאַנד וועט נאָך ברענגען מיט זיך אַזאַ מין ענדערונג – איך ווייס נישט צי אין איין דור, צי אין צוויי דורות אַרום, אָדער אפשר שפּעטער צי גאָר פריער – אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז ווען מיר וועלן ווערן אַן אַנטשיידנדיקער ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר אין ארץ-ישראל, וועלן מיר אויך ענדערן די סטרוקטור פון דער אַראַבישער עקאָנאָמיק אין לאַנד. אָבער פאַר אונז שטייט קודם-כל די פּראַגע: ווי אַזוי ווערט מען אַזאַ פאַקטאָר, ווי אַזוי זאָלן מיר באַפעסטיקן אונזער קאָלאָניזאַציע, ווי אַזוי זאָלן מיר דאָ שאַפן אַ צאָלרייכן און באַדייטנדיקן יידישן אַרבעטער-קלאַס, וועלכער זאָל זיין בכוח אויפצוהויבן דעם אַראַבישן אַרבעטנדיקן פון זיין מאַטעריעלער און גייסטיקער שפלות און אים אויס־גלייכן מיט זיך, נישט דורך מויל-מלאכה, נאָר דורך זיין עקאָנאָמישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן כוח? אָדער אפשר זאָלן מיר צופוזרטן מיט דער אַרבעט ביז עמיצער וועט דאָ דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע וועט אונז שאַפן אַ באָדן פאַר אַרבעט ביי בעסערע און לייכטערע באַדינגונגען, ווי די, וואָס עקזיסטירט איצט? איך זאָג: נישטאָ קיין גרעסערע זעלבסט-נאַרעריי, קיין פאַלשערע תרופה, קיין מער פסולע שיטה, ווי דידאַזיקע קינדערישע טעאָריע צו לעזן די פּראַגע פון יידישער אַרבעט דורכן אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער.

בלויז איין וואָרט וועגן דער פּראַגע פונם אַראַבישן אַרבעטער: פאַר מיר איז פסול יעדער צוגאַנג צום אַראַבישן אַרבעטער, וואָס זעט אין אים נישט קיין ציל-פאַר-זיך, נאָר אַ מיטל פאַר אונז. די אָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע אַרבעטער – ווען און וואו זי דאַרף קומען – דאַרף קומען אַלס זעלבסטשטענדיקער ענין. מען טאָר נישט מאַכן די אָרגאַניזירונג פונם אַראַבישן אַרבעטער פאַר אַ כיטרע סטראַטעגיע צוליב אַן אויסגעקלינגלטע עצה אויף אַריינצופירן יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און אָפּצוהאַלטן דעם צופלוס פון אַראַבישע אַרבעטער אַהין. צום אַראַבישן אַרבעטער דאַרף מען צוגיין מיט אַ ריין געוויסן און מיט ריינע הענט. דאָרט, וואו מיר וועלן העלפן וועט עס זיין אויסגערעכנט פאַר זיין טובה. און די אָרגאַניזירונג פונם אַראַבישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל וועט קומען, –

נאָר ווען זי וועט זיין אַ רעזולטאַט פון זיינע באַדערפעגישן און ווען זי וועט אַנטשפרעכן — סיי אינהאַלטלעך און סיי לויט דער פאָרם — זיינע פאָדערונגען, זיין ווילן, זיינע געוואוינהייטן, זיין מעגלעכקייט, זיינע אייגנשאַפטן און פעיקייטן. עס וועט אייך נישט געלונגען ציצופאַסן דעם אַראַבישן אַרבעטער צו אונזערע באַדערפעגישן — אויב זיי וועלן נישט ווערן זיינע אייגענע.

און צום לעצט צו דער פראַגע—צי וועלן מיר מצליח זיין אָדער נישט אין אונזער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט. די שרעק פונם השומר-הצעיר פאַרן פאַרעטערישן יידישן קאָלאָניסט וואַרפט אויף מיר נישט אָן קיין פאַניק. נישט ווייל איך אונטערשעץ די מאָטיוון און די מעגלעכקייטן פון דערדאָזיקער פאַרעטערישקייט, — נאָר ווייל איך גלויב מער אין די היסטאָרישע כוחות, וואָס העלפן אונז מיט. און אויב גלויבען איז ווייניק דערצו – אפשר וועט גענוגנד זיין אונזער דערפאַרונג. אונזערע דעראָבערונגען, וועלכע זענען נאָך נישט קיין פולשטענדיקע און וועלכע מיר קלויבן זיך נישט פייערן אַלס זיגער, זענען נאָכאַלעם בכוח צוצוגעבן מוט. טראָץ אַלע שטערונגען, טראָץ דער שווערער ווירקלעכקייט, האָבן מיר דערלעבט צו זעען קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניעס אויפן יסוד פון פולשטענדיק יידישער אַרבעט — וואָס דאָס הייסט גלייכצייטיק, כמעט פולשטענדיק אָרגאַניזירטער אַרבעט. מען וועט אונז ענטפערן, אַז מ'קען נישט ברענגען קיין ראיה פון נייע קאָלאָניעס. אָבער וואָס זעען מיר אין די אַלטע קאָלאָניעס? צי דען נישט אַ כסדרדיקן וואוקס פון דער יידישער אַרבעט? אין די לעצטע דריי יאָר איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ טייל פון דער אוטאָפּיע, וואָס באַאומרויקט אַזוי אָרנשטיינען. די יידישע אַרבעט הערשט אין די אַלטע קאָלאָניעס — אין פּתח-תקוה, רחובות, חדרה. זי הערשט נאָך נישט אין די פּרדסים, אָבער די גאַנצע אַרבעט אין קאָלאָניע גופא ווערט ביים היינטיקן טאָג געמאַכט מיט „ריינער" יידישער אַרבעט. און ס'איז דאָך איצט ערשט צוויי—דריי יאָר, ווי מיר האָבן ביטער געקעמפט פאַר רעכט פון יידישער אַרבעט אין רחובות – נישט אין אַ כרם און נישט אין אַ פּרדס, נאָר אין צענטר פון דער קאָלאָניע, ביים בנין פון באַקאַנטן מאַקאָוו.

צי האַלטן מיר נאָענט ביי אַ פולשטענדיקן נצחון? איך ווייס נישט. אָבער איך וויל זאָגן, אַז מיך שרעקט נישט אָפּ די פאַרעטערישקייט פון אַ טייל יידישע קאָלאָניסטן. איך האָב קיין מורא נישט פאַר דער העצע און די אינטריגעס פון אַראַבישע עפענדיס, שליחים פון קאָמינטערן און קאָלאָ. גיאַל-באַאַמטע. ביי דעם גאַנצן שאָדן, וואָס זיי פאַרשאַפן אונז, זענען זיי נישט בכוח צו האָבן אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. ווען עס רעדט זיך וועגן יידישער אַרבעט, שרעקט מיך נאָר איין זאַך: דאָס אַראָפּלאָזן די פאָן דורך אונז אַליין. דעם אַרבעטערס אָפּזאָגן זיך איז געפערלעכער, ווי דעם קאָלאָניסטס פאַרעטערישקייט, און דאָ, אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער – מוז עס געזאָגט ווערן.

די פראַגע פון יידישער אַרבעט איז נישט בלויז דעם אַרבעטערס אַן

ענין — דאָס איז אַ לעבנס־פראַגע פאַרן גאַנצן פאָלק; אָבער דער יידישער אַרבעטער איז דער שליח פון פאָלק, און אויב ער וועט אַראָפּלאָזן די פאָן, אויב ער וועט פאַרלירן דעם גלויבן, אויב ער וועט אויפגעבן דעם קאַמף — וועט מקוים ווערן דער ווילן פון אָפּטריניקן קאָלאָניסט, פון שונא דעם עפענדי, פון פאַרעסטערישן קאָמוניסט, פון העצערישן באַאַמטן, און די יידישע אַרבעט אין ארץ־ישראל וועט דורכפאַלן. דאַן וועט די גאַנצע ערד, וואָס וועט געקויפט און דערוואָרבן ווערן דורכן יידישן קאַפּיטאַל כלומרשט מיטן ציל צו באַפרייען דאָס פאָלק — נישט געהערן צו אונז.

די דאָזיקע קאָנפערענץ דאַרף פונדאַסניי אויסשמידן אונזער קאָלעקטיוון באַוואוסטזיין און אונזער אָרגאַניזירטן ווילן צו פאַרשטאַרקן די יידישע אַר־בעט ביז איר פולשטענדיקן זיג. איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף קלאָר צו מאַכן די וועגן דערצו. איך האַלט פון אַלע וועגן און פון אַלע מיטלען, וואָס פירן צו דעמדאָזיקן ציל, סיי ווען דאָס זענען וועגן פון שלום און סיי ווען דאָס זענען וועגן פון קאַמף. דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן פאַר זיך האָבן אַ קלאָרן ציל און מיר זאָלן זיין גרייט צו קעמפן פאַר אים. לאָמיר וויסן, אַז מיר שטייען פאַר אַ שווערער ווירקלעכקייט, אָבער קיין אַנדערן וועג האָבן מיר נישט; די אַרבעט, וואָס מיר טוען, איז נישט בלויז אונזערע אַן אַר־בעט — עס איז די אַרבעט פונם פאָלק, וואָס האָט אונז געשיקט אַהער, און מיט זיין הילף וועלן מיר דורכפירן דאָס, וואָס מיר האָבן גענומען אויף זיך.

תל־אביב, כ״ג סיון תרצ״א („דבר“ 1843).

ט. אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט

א

די מאָדערנע נביאים און פאַטענטירטע שטאַטס־מענער פון רעוויזיאָ־ניסטישן לאַגער האָבן אונז יאָרן לאַנג פאַרזיכערט, אַז כל־זמן אין ארץ־ישראל וועט נישט איינגעפירט ווערן אַן אַזוי־גערופענער „קאָלאָניזאַטאָרישער רעזשים“ וועט אוממעגלעך זיין צו בויען דאָס לאַנד, צו פאַרגרעסערן דעם ישוב, צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט, צו פירן אַן עליה, און יעדער גראָשן וואָס וועט אַריינגעלייגט ווערן אין לאַנד וועט זיין אַרויסגעוואָרפן אומזיסט און אומנישט.

עס איז שווער צו באַהויפּטן — אפילו פאַר יענע פּאָליטיקער, וואָס ביי זיי איז אַלץ אַזוי „לייכט“ — אַז פאַר די לעצטע דריי־פיר יאָר האָט אין ארץ־ישראל געהערשט אַ „קאָלאָניזאַטאָרישער רעזשים“. פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט זענען דאָס געווען — מיט דער אויסנאַם פון גאָר לעצטן יאָר — די שוואַרצסטע יאָרן אין ארץ־ישראל — דאָס איז די תקופה פון טשענסלאָר, פּאַגראָמען, ווייס־בוך און קאָמיסיעס מיט „עקספּערטן“, און דאָך — דאָס זענען געווען יאָרן פון עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג, איינוואָרצלונג, וואוקס און אומאונטערבראָכענע אַנטוויקלונג — אויפן אינדוסטריעלן און באַזונדערס אויף

דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט. איינער פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפטס־צווייגן פון ארץ־ישראל — די אָראַנזשן־ווירטשאַפט — האָט גראָד אין די יאָרן געצייגט אַן אויסערגעוויינלעכן אויפבלי. ביז ענדע 1927 איז דער שטח פון יידישע אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס געווען אַרום 21.000 דונאַם, איצט דערגרייכט ער ביז 90.000 דונאַם. אין 1928 האָט מען געפּלאַנצט נייע 8000 דונאַם, אין 1929 — 15.000, אין 1930 — 14.500, אין 1931 — 6000, אין 1932 — אַרום 30.000 דונאַם. ווי קריטיש מיר זאָלן זיך נישט באַציען צו דער אייגזייטיקער אַנטוויקלונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפט — און אין דער איינזייטיקייט ליגט אַ גרויסע געפאַר פאַר אונזער עקאָנאָמישער צוקונפט — איז קלאָר, אַז מיר שטייען נאָך אַלץ ביים אָנפאַנג פון דער אַנטוויקלונג. בלויז אין דער ים־זאנע — די שטרעקע לאַנד וואָס ליגט ביים ברעג פון ים־התיכון — איז פאַראַן איבער אַ האַלבן מיליאָן דונאַם באַוואַסערבאַרן לאַנד, וואָס איז געאייגענט פאַר אָראַנזשן און אַנדערע ציטראָסן; פון דעם שטח איז דערווייל בלויז 150.000 דונאַם פאַרפּלאַנצט (90.000 אין יידישע הענט, 60.000 אין אַראַבישע הענט), אויסער אַנדערע באַוואַסערבאַרע שטרעקעס אין עמק־יזרעאל, עמק־הירדן א. ד. גל. וואָס האָבן זיך לעצטנס אַרויסגעוויזן, אַז זיי טויגן אויך פאַר ציטראָסן איבערהויפּט פאַר „גרייפּ־פרוכט".

אָט דער שנעלער וואוקס פון איינער פון די וויכטיקסטע צווייגן אין אונזער אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט — שטעלט פון דאָס ניי אַוועק אין איר גאַנצער שאַרפקייט און דרינגלעכקייט די גרעסטע און האַרבסטע פראַגע פון אויפבוי — די פראַגע פון יידישער אַרבעט.

ב

סעאָרעטיש האָט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אָנערקענט, אַז יידישע אַרבעט איז דער גרונטשטיין פון דעם גאַנצן אויפבוי אין ארץ־ישראל, אַז אָדער ארץ־ישראל וועט געבויט ווערן דורך יידישע אַרבעטער — אָדער זי וועט נישט זיין.

דער עלעמענטאַרער פּרינציפּ, וואָס שיינט איצט פאַר יעדן ציוניסט צו זיין אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז נישט אַלעמאָל געווען פאַרשטענדלעך און אָנערקענט. נישט אַלע טוער און דענקער פון ישוב און פון ציוניזם (אין זיין פריערדיקער שטופע — חבת ציון) האָבן געזען די נויטווענדיקייט און געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון יידישער אַרבעט. דער טיפסטער דענקער פון חיבת ציון, דער פאַרשטאָרבענער אחד־העם, האָט נאָך ערשט מיט 20 יאָר צוריק געמאַכט אַ „סך־הכל" פון דעם, וואָס ר'האָט געזען אין לאַנד און געקומען צום אויספיר, אַז דער אידעאַל פון מרכז רוחני ווערט טאַקע מקוים און יידן וועלן אין ארץ־ישראל שאַפן אַ מוסטער־ישוב פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אָבער דער ישוב וועט באַשטיין פון אַן „אויבערשטן" קלאַס קאָלאָניסטן־אייגנטימער, קולטורעל־אַנטוויקלטע, וועמענס כוח ליגט אין

געלט און מוח, אָבער די אַרבעט, די פשוטע פיזישע פּראָסטע אַרבעט, וועט אויך דאַן געמאַכט ווערן דורך אַנדערע, נישט־יידישע אַרבעטער.

דאָס, וואָס אחד־העם האָט ביז דאַן געזען אין ארץ־ישראל האָט אים קוים געקענט פירן צו אַן אַנדער אויספיר. די גאַנצע יידישע קאָלאָניזאַציע פאַר די ערשטע 25 יאָר, אָנהויבנדיק פון 1882, ווען ס'איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון נייעם ישוב, איז באַשטאַנען פון שאַפן קאָלאָניסטן־אייגנטימער, וועמענס אַרבעט ווערט געמאַכט אויסשליסלעך דורך פרעמדע נישט־יידישע אַרבעט. פאַר דער עפּאָכע פאַסט זיך דער נאָמען „מנוחה ונחלה", וואָס אייניקע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן האָבן זיך דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן. אַ נחלה וואו דער בעל־הבית רוט זיך אויס, ווייל זי ווערט באַאַרבעט דורך אַנדערע — דורך אַראַבער.

ווען די ערשטע פּיאָנערן פון דער „צווייטער עליה" זענען מיט 27—28 יאָר צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי געפונען אין לאַנד — טויזנט קאָלאָניסטן אין צוואַנציק קאָלאָניעס, וואָס באַשעפטיקן אומגעפער דריי טויזנט אַראַבער. אויף יעדן יידישן קאָלאָניסט איז אויסגעקומען אַלזאָ דורכשניטלעך דריי אַראַבישע אַרבעטנדע פאַמיליעס. צו וואָס אַזאַ קאָלאָניזאַציע מוז פירן — איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. אַלע קאָלאָניעס זענען נאַטירלעך געבויט געוואָרן אויפן גרונט פון פּריוואַט־אייגנטום און פּריוואַט־איניציאַטיוו — הגם די געלטער, מיט וועלכע מ'האָט די קאָלאָניעס אויסגעבויט און אויסגעהאַלטן, זענען — מיט ווייניקע אויסנאַמען — גאָר נישט געווען קיין פּריוואַטע.

זיבן קאָלאָניעס, וואָס זענען אונטערשטיצט געוואָרן דורך באַראָן ראָטשילד מיט אַ ברייטער האַנט (זכרון־יעקב, יסוד־המעלה, מתולה, פתח־תקוה, עקרון, ראשון־לציון, ראש־פנה) האָבן, לויט אחד־העמס אויסרעכענונג, אָפּגעקאָסט דעם באַראָן יערלעך 1.500.000 פראַנק, אַ חוץ 1.200.000 פראַנק אַ יאָר, וואָס די צוויי ווינקעלערס אין ראשון און זכרון האָבן פאַרשלונגען. די 630 קאָלאָניסטן, וואָס זענען אין די זיבן דערמאָנטע קאָלאָניעס אונטערשטיצט געוואָרן, האָבן ביז 1900 אָפּגעקאָסט באַראָן ראָטשילד, ווי אחד־העם האָט פעסטגעשטעלט, 40.000.000 (פערציק מיליאָן) פראַנק.

זכרון־יעקב אליין, וואָס האָט דעמאָלס (צוזאַמען מיט אירע צוויי „טעכטער" — שפייה און בת־שלמה) געציילט 100 קאָלאָניסטן, האָט געקאָסט דעם באַראָן אין פאַרלויף פון 18 יאָר (ביז 1900) — 10.000.000 (צען מיליאָן) פראַנק.

אַ חוץ ראָטשילדן האָבן דעמאָלט געווירקט די חובבי־ציון פון פאַרשידענע לענדער, אַליאַנס, און אין אַ קלענערער מאָס יק״א. אויך זיי האָבן אַריינגעלייגט מיליאָנען אין די קאָלאָניעס. אין 1900 האָט ראָטשילד איבערגעגעבן זיינע קאָלאָניעס דער אַדמיניסטראַציע פון יק״א — אָבער ער האָט נישט אָפּגעשטעלט זיין פינאַנציעלע אונטערשטיצונג.

ביים שלוס פון די ערשטע 25 יאָר פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע, אין 1907, ביים אָנהויב פון דער צווייטער עליה — האָט אַ

גוטער קענער פון דער לאַגע, אַליין אַ קאָלאָניסט, אויסגערעכנט, אַז די צוואַנציק קאָלאָניעס מיט זייערע טויזנט קאָלאָניסטן האָבן אָפּגעקאָסט 90.000.000 (ניינציק מיליאָן) פראַנק (אָדער 18.000.000 דאָלאַר).

„אין דער גאַנצער סכום (אויסער די מזומנים, וואָס זענען פאַרבליבן ביי די פּקידים...) איז אַריין אין פרעמדע, נישט יידישע הענט —

„די אַראַבישע אַרבעטס-קראַפט אַליין קאָסט אָפּ אַ יאָר ביי אַ מיליאָן פראַנק — און אַלץ בלייבט שטעקן אין אַראַבישן דאָרף – ...און זאָל דאָס פאָלק ישראל וויסן, אַז די יידישע בעלי-בתים וועלן נישט אומקערן דאָס לאַנד צום פאָלק אָן יידישע אַרבעטער". אַזוי האָט דעמאָלט געשריבן משה סמיליאַנסקי, דער איצטיקער פירער פון די קאָלאָניסטן אין ארץ-ישראל.

ג

ווען די ווערטער סמיליאַנסקיס זענען געשריבן געוואָרן זענען שוין אין לאַנד געווען די ערשטע פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן הויך פאַנאַנדערגעוויקלט די פאָן פון אַרבעט אין ישוב און אין ציוניזם.

דער איינפאַכער און טיפער געדאַנק, וואָס איז שוין פיל מאָל פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אַנדערע — דער געדאַנק, אַז אַ לאַנד ווערט דערוואָרבן נישט דורך שווערד און נישט דורך געלט — נאָר דורך אַרבעט, האָט ענדלעך געפינען זיין געטרייען איבערגעגעבענעם און עקשנותדיקן טרעגער — דעם אַרבעטס-פּיאָנער. דאָס איז געווען אַ קינד פון דער השכלה, פון ציוניזם, פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד — אָבער אַ קינד, וואָס האָט מורד געווען אין זיינע עלטערן, אָפּגעזאָגט זיך פון דער אומפּרוכטבאַרער השכלה, וואָס האָט נישט קיין באָדן אונטער זיך, פון דעם סטערילן מויל-ציוניזם, וואָס פאַר-פליכטעט צו גאָרנישט און רירט זיך נישט פון אָרט, פון דעם אַבסטראַקטן און אומרעאַלן סאָציאַליזם, וואָס איז נישט פאַרוואָרצלט אין דער יידישער געשיכטע און יידישן פאָלקס-לעבן און נישט פאַרקניפּט מיט דער יידישער צוקונפט, פון דער פרעמדער רעוואָלוציע, וואָס איז אומפעיק אונז צו באַפרייען און אויסלייזן אַלס פרייען זעלבסטשטענדיקן געשיכטלעכן פאַקטאָר.

און די פּיאָנערן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דאָס ליכט פון השכלה, ציוניזם, סאָציאַליזם און רעוואָלוציע — און דאָך אַוועק פון זיי, האָבן געבראַכט דעם יונגן, שוואַכן און אָפּהענגיקן ישוב אַ גרויסע מתּנה — נישט בלויז אַ נייעם וועג, אַ נייע לאָזונג און נייע אידעאַלן, נאָר אַ נייעם מענטשלעכן טיפּ, וואָס איז געווען ביז דאַמאָלס פרעמד אין דער יידישער געשיכטע, אַ טיפּ פון אַ מענטש, וואָס פּראָק-לאַמירן נישט, פּרעדיקן נישט, דיסקוטירן נישט זייערע אידייען און אידע-אַלן — נאָר ליבן זיי, פאַרקערפּערן זיי אין זייער טאָג-טעגלעכער אַרבעט; מענטשן, וואָס זענען באַהערשט פון אַ צענטראַלער אידיי, און שטעלן זיך אינגאַנצן און אויף שטענדיק, אָן תּנאי און אָן רעזערוו, מיטן גאַנצן

פייער פון זייער גלויבן און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייער חילן, אין דינסט פון דער אידיי — און די אידיי איז דער אויפבוי פון לאַנד און אויפבוי און דערלייזונג פון פאָלק דורך אַרבעט.

ד

ווען די פּיאָנערן זענען געקומען קיין ארץ-ישראל מיט דער גרייטקייט אָפּצוגעבן זייער גאַנץ לעבן פאַר דער אויפבוי-אַרבעט אין לאַנד — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זענען אומגעווינטשענע געסט. די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן אונטער דעם צייכן פון „תחית העם" און „תחית הארץ" און וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט צענטליקער מיליאָנען פון פאָלקס-געלטער (ווייל אויך ראָטשילדס געלט איז געגעבן געוואָרן דעם פאָלק), די קאָלאָניעס, וואָס האָבן געטראָגן אַזעלכע הויך-קלינגענדע און פיל-פאַרשפּרעכנדע העברעישע נעמען ווי פתח-תקוה, ראשון-לציון, ראש-פנה, יסוד-המעלה א. ד. ג. — האָבן נישט געוואָלט האָבן ביי זיך יידישע אַרבעטער. ס'זענען נאַטירלעך געווען אויסנאַמען — וואָס האָבן מיט פרייד אויפגענומען די יונגע פּיאָנערן און זיי געגעבן אַרבעט. אָבער די גרויסע איבערוויגנדע מערהייט האָט נישט נאָר אָפּגעזאָגט זיך צו געבן אַרבעט די ניי-אָנגעקומענע — נאָר האָט זיי באַגעגנט מיט שפּאָט און שנאה, אַלס „שמענדריקעס" און בעטלער אָדער אַלס געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן. דער ועד פון דער „מוטער פון די קאָלאָניעס", ווי מ'רופט ביי אונז פתח-תקוה, האָט אַפילו דעקרעטירט אַ פולשטענדיקן באָיקאָט אויף יידיש-רוסישע יונגעלייט, שטרענג פאַרבאָטן יעדן קאָלאָניסט צו געבן זיי אַרבעט, און אַפילו פאַרדינגען זיי אַ צימער, און געאסרט אויך דעם דאָקטאָר און אַפּטייקער צו געבן זיי מעדיצינישע הילף — און אַלץ פאַר דעם שרעקלעכן חטא, וואָס די געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן האָבן אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט-מיטינג קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (דאָס איז געווען מיט 27 יאָר צוריק אָנפאַנג 1906), און ווירקלעך, נאָך וואָס דאַרף מען יידישע אַרבעטער, שקצים, רעוואָלוציאָנערן, ציוני-ציון (ס'איז געווען אין דער צייט פון אוגאַנדע און די מיינסטע קאָלאָניסטן זענען געווען אוגאַנדיסטן און טעריטאָריאַליסטן), אפיקורסים — אַז מ'קען אַזוי באַקוועם און ביליק פירן די ווירטשאַפט מיט געהאָרכזאַמע און אונטערטעניקע אַראַבישע אַרבעטער.

ס'איז נישט געווען בלויז די ענגהערציקייט און רשעות פון דעם קאָלאָניסט, וואָס האָט נישט דערלאָזט דעם יידישן פּיאָנער צו דער אַרבעט אין דער יידישער קאָלאָניע. מ'דאַרף נישט פאַרזען דעם אָביעקטיוון פאַקטאָר, וואָס האָט דאַמאָלס געווירקט און ווירקט נאָך היינט און וועט נאָך וואָרשיינלעך ווירקן אַ לענגערע צייט אין ארץ-ישראל: דאָס איז די עקזיסטענץ פון אַ אומבאַגרעניצטן רעזערוואואַר פון ביליקער, אומאָרגאַניזירטער, פאַרשקלאַפטער אַרבעט, וואָס מ'געפינט לייכט אין ארץ-ישראל און אין די שכנותדיקע לענדער. דער אונטערשיד פון יידישן און אַראַבישן אַרבעטער איז נישט בלויז אַ נאַציאָנאַלער — ס'איז קודם-כל אַ וואַלטיקער סאָציאַל-עקאָנאָמישער

אונטערשיד. פון איין זייט אַ קולטורעלער, אַנטוויקלטער זעלבסטבאַוואוסטער, אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער מיט העכערע באַדערפענישן און פאָדערונגען און מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, פון דער צווייטער זייט — אַן אָפגעשטאַנענער, קולטורלאָזער, פרימיטיווער אַראַבישער דאָרפס-מענטש, מיט גאָר קליינע באַדערפענישן און נישטיקע פאָדערונגען. און ווידער אַמאָל — פון איין זייט אַ קליין גרופּקעלע איינוואַנדערער, וואָס זענען נישט געוואוינט נישט צו דער אַרבעט, נישט צום קלימאַט, נישט צו דער נאַטור, פון דער אַנדערער זייט — הונדערט-טויזנטיקע מאַסן איינגעבוירענע, דערצויגן אויף די שווערסטע אַרבעטן אונטער די ערגסטע באַדינגונגען.

בייקומען אונטער אַזעלכע אומשטענדן אי די פיינטלעכע האַלטונג פון אַרבעטגעבער, אי די אָביעקטיווע שטערונגען פון דער אַרומיקער עקאָנאָמישער סביבה, ברעכן די 25-יעריקע טראַדיציע פון נישט-יידישער אַרבעט, איינפירן אָנשטאָט ביליקע און פאַרשקלאַפטע — טייערע און אָרגאַניזירטע אַרבעט — דאָס איז געווען די אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר די חלוצים פון דער צווייטער עליה אין זייער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט.

ה.

ווען אחד-העם האָט געשריבן זיין „סך-הכל" און משלים געווען מיט דער אוממעגלעכקייט פון יידישער מאַסן-אַרבעט (דאָס איז געווען אין 1912) האָבן זיך געפונען אין די קאָלאָניעס אַרום 600 יידישע אַרבעטער. אין צען יאָר אַרום, אין 1922, איז זייער צאָל מער ווי פאַרדרייפאַכט געוואָרן און דערגרייכט ביז 1950. אין 1932 ציילן די קאָלאָניעס איבער 10.000 יידישע אַרבעטער, און זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געוואָרן? מיט וואָס פאַר אַ כּוח האָבן די אַרבעטס-פּיאָנערן בייגעקומען די קעגנערשאַפט און שטערונגען מצד די אַרבעטגעבער און מצד דער אַרומיקער נישט-יידישער סביבה?

— צוויי זענען געווען די כּוחות, וואָס האָבן דעם וואונדער געמאַכט — דען די יידישע אַרבעט איז דאָס גרעסטע וואונדער פון דעם גרויסן יידישן אויפבוי אין ארץ-ישראל.

ערשטנס — די היסטאָרישע שליחות פון די אַרבעטער.

דער יידישער אַרבעטער איז נישט געקומען קיין ארץ-ישראל ווי אַן עמיגראַנט וואָס זוכט צו מאַכן אַ לעבן ווי אַזוי און פון וואַנען ער קען. געטריבן פון דער טיפער נויט פון די פאָלקס-מאַסן, באַזעלט מיט דער גרויסער וויזיע פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און סאָציאַלער באַפרייונג, איז ער געזעסן אין לאַנד ווי אַ שליח פון זיין פאָלק מיטן באַוואוסטזיין, אַז די אַרבעטס-פראַגע איז די גורל-פראַגע, די פראַגע פון טויט און לעבן פאַרן ישוב און פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין ארץ ישראל. אַדער מיר וועלן אַליין, מיט אונזער אייגענער פראַצע, שאַפן פאַר זיך אין אַן אייגן לאַנד אַן אומאָפּהענגיקן קיום — סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש,

סיי קולטורעל — און אויפהערן זיין אַ פאָלק וואָס איז אָנגעוויזן אויף די חסדים און גוטן ווילן פון די שכנים צווישן וועלכע מיר בילדן נאָר אַ שוואַכע מינדערהייט — אָדער מיר וועלן אָפּגעמעקט און פאַרניכטעט ווערן, אין יענעם אומפאַרמיידלעכן מאָמענט ווען די פעלקער, וואָס לעבן פון זייער ארבעט וועלן מאַכן דעם היסטאָרישן חשבון מיט די ווייניקע, וואָס לעבן פון זייער געלט. ווער ס'זאָל נישט הערשן אין לאַנד פאָליטיש, ווער ס'זאָל נישט זיין איר פאָרמעלער אייגנטימער – דאָס לאַנד וועט ענדלעך באַלאַנגען צו די, וואָס וועלן עס באַאַרבעטן, און מיט זייער פערזענלעכער פראַצע אויפבויען און אַנטוויקלען.

די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם איז פאַר דעם אַרבעטער-פּיאָנער פריער פאַר אַלץ געוועזן אַן אויפגאַבע פון שאַפן גרויסע אַרבעטס-מעגלעכקייטן פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן וואָס זענען פאַרמשפּט אין גלות צו עקאָנאָמישן אונטערגאַנג, סאָציאַלער דעגראַדאַציע, פּאָליטישער אוממאַכט און קולטורעלער געפאַלנקייט.

נישט קיין נאַציאָנאַלער קולטור-צענטער, אויך נישט קיין סאָציאַלע מוסטער-געזעלשאַפט — וואָס מיר ווילן און דאַרפן, איז פריער פאַר אַלץ אַן אַרבעטס-היים פאַר די יידישע מאַסן, כדי זיי זאָלן קאָנען ווערן פריי, שעפעריש און אומאָפּהענגיק, ווי יעדעס נאָרמאַל און זעלבסטשטענדיק פאָלק.

דאָס ווייזט אַז מיר מוזן מיט אונזערע אייגענע הענט און אייגענער פּראַצע בויען שטעט און דערפער, דורכלייגן וועגן און שאָסייען, גראָבן קאַנאַלן און ברונעמס, פלאַנצן ביימער און קולטיווירן פעלדער, פּראָדוצירן עלעקטרי און טרייבן אייזנבאַנען און שיפן, אויספירן אַלערליי אַרבעטן אין פאַבריק און ווערקשטאַט, פעלד און גאָרטן, אויף דער יבשה און אויפן ים. נאָר ווען מיר וועלן אריינדרינגען אין פילפאַכע אַרבעטן אויף אַלע געביטן פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, מלאכה, און שיפן-פאַרקער וועט געשאַפן ווערן דאָ אַ פּלאַץ פאַר גרויסע יידישע מאַסן, און דאָס לאַנד וועט זיין אונזערס נישט בלויז דורך זכות-אבות — נאָר אַ דאַנק דעם לעבעדיקן, באַפרוכטענדן און אומטרענבאַרן בונד פון אַרבעט. און דער קאַמף פאַר אַרבעט איז געוואָרן דער הויפּט-קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. די אַרבעטער וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז נישט בלויז זייער קלאַסן-קאַמף, זייער קלאַסן-אינטערעס, נאָר אַז אונטער דעם קאַמף שטייט די לעבנס-נויט און לעבנס-ווילן פון יידישן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ און פאַר זיין ווידערגעבורט.

און דעם קאַמף וואָס אַן איינזאַמער קליינער הייפל פּיאָנערן האָט אָנגעהויבן מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק – איז מיט דער צייט געוואָרן דער אָנערקענטער געבאָט פון אַ גרויסער פאָלקס-באַוועגונג און דער לעבנס-אידעאַל פון צענטליקער טויזנטער פון אונזער בעסטער יוגנט, פון די חלוצים אין אַלע גלות-לענדער.

ו.

דער יידישער אַרבעטער וואָלט אָבער זיין היסטאָרישע שליחות נישט געקאָנט דערפילן און וואָלט נישט בייגעקומען די אומגעהויערע שוועריקייטן און שטערונגען וואָס ליגן אין ארץ ישראל אויפן וועג פון יידישער אַרבעט — ווען ער זאָל נישט זיין אָרגאַניזירט, דאָס הייסט פּאַרייניקט. זיין אָרגאַניזאַציע, דאָס איז געווען דער צווייטער כּוח וואָס האָט דערמעגלעכט דעם יידישן אַרבעטער איינהאַלטן די מיט יסורים און קרבנות דעראָבערטע פּאָזיציעס און שאַפן נייע.

אריינדרינגען אין אַרבעטן צו וועלכע מ׳איז נישט געוואוינט, אין אַ ניי לאַנד, וואו מ׳האָט זיך נאָך נישט אָדער קוים אַקלימאַטיזירט, ביי אַ באַגרענעצטן אַרבעטס־מאַרק וואָס איז נישט זיכער און נישט סטאַביל, וואָס קאָן יעדן מאָמענט פאַרפלייצט ווערן פון ביליקער אַרבעט, שטייען זייער אָפט קעגנאיבער אַ פיינדלעכן אַרבעטגעבער וואָס נויטיקט זיך בכלל נישט דווקא אין דיר, און פילנדיק שטענדיק דעם דרוק פון די טויזנטער און צענטויזנטער וואָס דאַרפן קומען און פאַר וועמען מ׳דאַרף פאַרבערייטן אַ פּלאַץ — אין אַזעלכע באַדינגונגען איז, דאַכט זיך, נאָך קיין יידישן אַרבעטער נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן. און נאָר אַ דאַנק זיין אינער־לעכער געשלאָסנקייט, אָרגאַניזירטקייט און אחדות, זיין קעגנזייטיקער הילף און אחריות, זיינע בשותפותע פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיווע און קולטורעלע אינסטיטוציעס — איז דעם יידישן אַרבעטער געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו אַרבעט, צו דעראָבערן מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען, אָפּצוהיטן זיין קולטורעלן ניוואָ, אַרויפצוברענגען זיינע שעפערישע פעיקייטן און דער־פילן די היסטאָרישע שליחות וואָס ער האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען לגבי דעם ציוניסטישן ווערק אין ארץ־ישראל. נישט אָרגאַניזיטערהייט האָט די יידישע אַרבעט נישט קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און נישט קיין צוקונפט. בלויז פאַרייניקטערהייט, דורך קאָלעקטיווע און פּלאַנמעסיקע אָנשטרענגונגען, קאָן די אַרבעטערשאַפט ביישטיין דעם אומגעהויערן דרוק פון דער פיינט־לעכער — אָביעקטיוו פיינטלעכער — סביבה, און שאַפן אַלץ נייע פּאָזיציעס פאַר דער וואַקסנדער עליה.

דער גורל פון דער יידישער אַרבעט אין ארץ ישראל איז ענג פאַר־בונדן מיט דעם גורל פון דער נאַציאָנאַלער שליחות און קלאַסן־אָרגאַניזירונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, און דער וואָס קעמפט קעגן איינע פון די צוויי, קעמפט פאַקטיש קעגן יידישער אַרבעט.

ז.

דער יידישער אַרבעטער קאָן פאַרצייכנען גרויסע דעראָבערונגען פאַר די לעצטע 27—28 יאָר — וואָס זענען גלייכצייטיק גרויסע ציוניסטישע דערגרייכונגען. אָבער פּונקט ווי דאָס גאַנצע ציוניסטישע ווערק שטייט נאָך אַלץ ביים אָנהויב, איז אויך דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.

איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער אַרבעט — אויסער דעם עמק — איז פּילייכט דער גוש-השרון, די קאָמפּאַקטע ניי-קאָלאָניזירטע טעריטאָריע, צפון זייט פון ירקון טייך, וואָס באַשעפטיקט הונדערט פּראָצענט יידישע אַרבעט. פאַרן קריג האָט קוים עמעצער אין לאַנד געקאָנט חלומען, אַז ס'איז מעגלעך אַ פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניע וואָס זאָל דורכאויס באַשעפטיקן יידישע אַרבעט — וואָס מיינט גלייכצייטיק אָרגאַניזירטע אַרבעט.

די קאָלאָניעס אין שרון זענען אַלע, מיט דער אויסנאַם פון כפר-סבא, געגרינדעט געוואָרן נאָכן קריג, אין אַ תקופה פון ציוניסטישן שוואונג, דורך ציוניסטישע טוער, מיט דער הילף פון ציוניסטישע אינסטיטוציעס און פאָנדן, נאָך אַ פינפאונצוואַנציק יעריקן קאַמף פאַר יידישער אַרבעט — און די יידישע אַרבעט איז פון אָנהויב אָן געוואָרן דאָ אַ הערשנדער פאַקט און אַזוי האָט זיך געשאַפן אין שרון אַ נייע טראַדיציע — אַ טראַדיציע פון הונדערט פּראָצענטיקער יידישער ל ו י ן · א ר ב ע ט. דאָס איז געווען דער גרויסער אויפטו פון שרון, פונקט ווי די הונדערט-פּראָצענטיקע יידישע ז ע ל ב ס ט אַ ר ב ע ט איז געווען דער גרויסער אויפטו פון עמק.

אין די אַלטע קאָלאָניעס: — פתח-תקוה, ראשון, חדרה, רחובות, נס-ציונה א. א. וו. פירט נאָך די יידישע אַרבעט אַ שווערן און ביטערן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ און פאַר איר פאַרברייטערונג. אין יולי 1932 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ציילונג פון יידישע און נישט-יידישע אַרבעט אין די אַלטע קאָלאָניעס, און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף אַ שטח פון קנאַפּע 40.000 דונאַם אָראַנזשן זענען פאַראַן נאָר 8812 דונאַם מיט דורכאויס יידישע אַרבעט, 21.779 דונאַם מיט געמישטע (יידיש-אַראַבישע) אַרבעט און 9129 דונאַם וואו אַ יידישער אַרבעטער האָט נישט קיין דריסת הרגל. אין פתח-תקוה, ראשון-לציון, נס-ציונה, רחובות און חדרה אַליין זענען פאַרהאַן 255 פּרדסים (אויף אַ שטח פון 7485 דונאַם) וואָס באַקאָטירן לחלוטין דעם יידישן אַרבעטער.

דעם לעצטן האַלבן יאָר זענען צוגעקומען בערך 18.000 דונאַם נייע פּלאַנטאַציעס, אַ פערטל ווערן באַאַרבעט מיט נישט יידישע אַרבעט, דריי פערטל — מיט יידישע.

ח.

פאַר די נאָענטסטע צוקונפט וועט די אָראַנזשן-פּלאַנטאַציע זיין אָן ספק דער וויכטיקסטער וווירטשאַפטס-צווייג וואָס וועט באַשעפטיקן אַלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. דער שטח וואָס איז שוין איצט פאַרפּלאַנצט—150.000 דונאַם, דערפון 3 פינפטל יידישע און 2 פינפטל אַראַבישע, וועט ביי זיין פולער אַנטוויקלונג, ד. ה. ווען אַלע פּלאַנטאַציעס וועלן זיין פרוכטרייף, נויטיקן זיך אין 15.000 יערלעכע שטענדיקע אַרבעטער. און דערצו נאָך אין סעזאָן פון קטיף (ד. ה. 4 חדשים פון דעצעמבער ביז מערץ) נאָך 30.000

ארבעטער. רעכענען מיר בלויז דעם יידישן סעקטאָר, קומט דאָס אויס, אַז מ׳וועט דאַרפן האָבן בלויז אין די פּרדסים 9000 יערלעכע אַרבעטער, און דערצו נאָך 18.000 סעזאָן-אַרבעטער אויף 4 חדשים. די אַנדערע ווירטשאַפטס-צווייגן אין די קאָלאָניעס — ווייגגערטנער, מאַנדלען, תבואה, ווי אויך פאַרשידענע אינדוסטריען און מלאכות, בוי און עפנטלעכע אַרבעטן א. ד. גל. — וועלן אויך פאָדערן טויזנטער אַרבעטער. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דער שטח פון אָראַנזשן וועט זיך אין דער נאָענטער צוקונפט נאָך מער אויסברייטערן, און די צאָל אַרבעטער וואָס וועט זיך פאָדערן וועט ווערן נאָך גרעסער. און דאָ שטעלט זיך אַוועק די האַרבע פראַגע — די גורל-פראַגע פון ישוב: וועלן אָט די נייע אַרבעטן דינען אַלס אויפנאַמס-פּלאַץ פאַר דער יידישער עליה — אָדער דער יידישער קאַפּיטאַל וואָס יאָגט זיך בלויז נאָך ריוח וועט אויף דעם אינטענסיוון געביט פון אָראַנזשן קאָנצענטרירן טויזנטער און טויזנטער פון ביליקע נישט יידישע אַרבעטער פון חורן, סוריה, מצרים א. א. וו.

דער אַנטוואָרט אויף דער פאַטאַלער פראַגע הענגט אין זייער אַ גרויסער מאָס אָפּ פון דער שטיצע וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג און דער ישוב וועלן פעיק זיין צו געבן דעם אַוואַנגאַרד פון יידישער עליה און יידישער אַרבעט — דער פאַרייניקטער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל

תל-אָביב, 23 דעצעמבער 1932.

י. יידישע אַרבעט און ארגון משותף

א

„ארגון משותף" הייסט אין ארץ-ישראל די אָרגאַניזירונג פון אַראַבי-שע אַרבעטער דורך דער הסתדרות און דער געמיינזאַמער קאַמף פון יידישע און אַראַבישע אַרבעטער פאַר פאַרבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען און איינפירן אַרבעטס-שוץ-געזעצגעבונג אין לאַנד.

ווי באַוואוסט שטייט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אין אַלע צווייגן פון דער יידישער ווירטשאַפט אין לאַנד, סיי אין דאָרף סיי אין שטאָט, דאַרף הערשן דורכאויס יידישע אַרבעט, און אַז דער יידישער אַרבעטער דאַרף באַקומען זיין געהעריקן טייל אין דער שטאַטלעכער און מוניציפּאַלער ווירטשאַפט און אַז דערפאַר דאַרף געפירט ווערן אַן אומאויפהערלעכער קאַמף. גלייכצייטיק האַלט די אַרבע-טערשאַפט, אַז עס דאַרפן געמאַכט ווערן סיסטעמאַטישע באַמיונגען צו העכערן דעם מצב פון אַראַבישן אַרבעטער, העלפן אים זיך אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען.

אָפּטמאָל הערט מען די טענה: איינס פון די ביידע — אָדער קאַמף

פאַר יידישער ארבעט, אָדער „אירגון משותף״. אָדער זענט איר ציוניסטן — און באַשעפטיקט זיך נאָר מיט בויען דעם יידישן ישוב, אָדער איר זענט סאָציאַליסטן — און פארנעמט זיך בלויז מיט אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אינטערעסן.

און ס׳איז אינטערעסאַנט: גראָד די צוויי עקסטרעמע פארטייען אין ישוב: די רעוויזיאָניסטן און די קאָמוניסטן — שטעלן אַרויס די זעלבע טענה, און ביידע באַקעמפן די הסתדרות כמעט אין דער זעלבער שפּראַך און מיט די זעלבע מיטלען. ביי די רעוויזיאָניסטן איז די הסתדרות פסול, ווייל זי שטרעקט אויס א חברישע האנט צום אראבישן ארבעטער, ביי די קאָמוניסטן איז די הסתדרות טריפה, ווייל זי קעמפט פאר יידישער ארבעט.

ב

ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס גראָד די צוויי פאַרטייען — וואָס זענען דאַכט זיך אַזוי ווייט איינע פון דער אַנדערער — טרעפן זיך דוקא אין אַזאַ וויכטיקער לעבנס־פראַגע פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

די ביידע פאַרטייען זעען דעם שטיצפונקט פון זייער אידעאַל נישט אינעווייניק, אין די אינערלעכע כוחות, וואָס וואַקסן אויס אין ישוב, נאָר אין דרויסן. די קאָמוניסטן — אין דער סאָוויעטן־מאַכט; די רעוויזיאָניסטן — אין „קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים״ פון דער מאַנדאַטאָר־מאַכט. פאַר ביידע דאַרף דער שווערער און קאָמפּליצירטער פּלאָנטער פון ארץ־ישראלדיקן פּראָבלעם געלעזט ווערן דורך אַן אויסנשטייענדיקן כוח.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל פאַרזעט נישט די דרויסנדיקע כוחות — זי איז אָבער איבערצייגט, אַז ווי גרויס און מעכטיק די בריטישע אימפּעריע זאָל נישט זיין, האָבן יירן מער צו זאָגן איבערן גורל פון ארץ־ישראל; נישט דערפאַר, ווייל מיר זענען אַזאַ געוואַלטיקער וועלט־כוח. ניין, אין ו ע ל ט ־ מ אָ ס ש ט אַ ב זענען מיר אין פאַרגלייך צו ענגלאַנד — איך וועל נישט זאָגן גאָרנישט, דאָס וואָלט געווען אַ גוזמא, — נאָר זייער אומבאַדייטנד. מיר זענען אָבער ה י ס ט אָ ר י ש געוויכטיקער אין ארץ־ישראל פיל מער אַלס די גרויסע בריטישע אימפּעריע — פּשוט דערפאַר, וואָס פאַר אונז איז ארץ־ישראל אַ פראַגע פון טויט און לעבן, און פאַר ענגלאַנד איז דאָס אַן אומבאַדייטנדע פראַגע פון דער צענטער אָדער פופציקסטער מדרגה. און אויף דעם היסטאָרישן וואָגשאָל זענען מכריע לעבנס־אינטערעסן פון מאַסן. און ווייל דער שווערפּונקט ליגט אין אונז אַליין, און ו ו י י ל א ו נ ז ע ר א י י ג ע נ ע ר כ ו ח ו ו ע ט אַ נ ט ש י י ד ט י ק ב אַ ש ט י מ ע ן א ו נ ז ע ר ג ו ר ל — און נישט פרעמדע און אויסנשטייענדע פאַקטאָרן — שטייט פאַר אונז אין ארץ־ישראל ג ל י י כ צ י י ט י ק ד י פ ר אַ ג ע פ ו ן י י ד י ש ע ר אַ ר ב ע ט א ו ן פ ו ן א ו נ ז ע ר ע ב אַ צ י ו נ ג ע ן מ י ט ד י אַ ר אַ ב ע ר.

ג

איך וויל נישט דאָ באַרירן דאָס גאַנצע אַראַבישע פּראָבלעם, באַזונדערס זיין פּאָליטישע זייט. דאָס וואָלט מיך צו ווייט פאַרפירט. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף יידיש-אַראַבישע באַציונגען בלויז אויף וויפיל עס האָט צו טאָן מיט דעם אַרבעטס-פּראָבלעם.

אַז אָן יידישער אַרבעט האָבן מיר נישט וואָס צו טאָן אין ארץ-ישראל — דאַרף איך קוים דערוויזן. ווען מען דענקט ערנסט פון יידישער מאַסן-איינוואַנדערונג קיין ארץ-ישראל (און ציוניזם האָט נישט קיין זין אָן מאַסן-איינוואַנדערונג) — איז דאָס דענקבאַר נאָר אויפן גרונט פון אַרבעט. די גרויסע מערהייט פון יידישן פאָלק באַשטייט פון מיטללאָזע, פּאַרמעגנס-לאָזע, דעקלאַסירטע מאַסן. מעגן דעמאַגאָגן וויפיל זיי ווילן רעדן וועגן „מיטלשטאַנד" אַלס רוב בנין ורוב מנין פון יידישן פאָלק — דער אומבאַ-שטרייטבאַרער און טרויעריקער אמת בלייבט — אַז די מיינסטע יידן, וואָס ווילן זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג אין גלות, האָבן נישט קיין געלט-מיט-לען פון וועלכע זיי וועלן מאַכן אַ לעבן אין ארץ-ישראל — און זייער איינציקע מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אין לאַנד — איז אַ לעבן פון אַרבעט.

ד

עס האַנדלט זיך דאָך גאָר נישט וועגן דעם צי קאַפּיטאַל איז כשר אָדער טריפה, און צי מען מעג לעבן פון יענעמס אַרבעט אָדער נישט. קאַפּיטאַל פאַרן אויפבוי פון ארץ-ישראל איז אַן אומבאַדינגטער תנאי, אָן דעם קען מען נישט בויען. און אַ ייד, וואָס לייגט אַריין קאַפּיטאַל אין ארץ-ישראל, אויב דערביי באַשעפטיקט ער יידישע אַרבעטער — דערפילט ער אַ וויכטיקע, זייער וויכטיקע ציוניסטישע פונקציע.

וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך דאָ איז, אַז די מערהייט יידן וואָס ווילן און דאַרפן קומען קיין ארץ-ישראל — האָבן נישט קיין קאַפּיטאַל, און וועלן קאָנען עקזיסטירן אין ארץ-ישראל נאָר פון זייער אַרבעט (צי „אַר-בעטער" אָדער „אַרבעטנדע" — איז נישט וויכטיק) און די אַרבעטס-פראַגע איז דערפאַר די וויכטיקסטע פראַגע, די לעבנס-פראַגע פון ציוניזם און פון די יידישע מאַסן, וואָס שטרעבן נאָך ארץ-ישראל.

די פראַגע פון יידישער אַרבעט איז אויך אַ לעבנס פראַגע פאַרן יידישן „מיטלשטאַנד", וואָס באַזעצט זיך אין לאַנד: יידישע קרעמער, יידישע באַאַמטע א. ד. ג. דאָרט, וואו עס וועט נישט זיין קיין יידישע אַרבעטער, — וועט אויך נישט זיין קיין פּלאַץ פאַרן יידישן מיטלשטאַנד. דער אַראַבישער אַרבעטער פון פּתח-תקוה, ראשון-לציון אָדער נס-ציונה קויפט נישט אין דער קאָלאָניע. ער נעמט זיין גאַנצן געהאַלט אַרויס — און לאָזט עס איבער אין זיין דאָרף.

ה

דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט — דאָס איז דער קאַמף פאַר ציוניזם. עס איז אָבער נישט קיין קאַמף קעגן אַראַבער, און קעגן אַראַבישן אַרבעטער.

די יידישע איינוואַנדערונג וואַרצלט זיך אין לאַנד נישט אויפן חשבון פון אַראַבישער ווירטשאַפט און נישט אויפן חשבון פון אַראַבישן אַרבעטער. אין דער עקזיסטירנדער אַראַבישער ווירטשאַפט איז נישט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר יידישע איינוואַנדערער. די יידן אין ארץ־ישראל, להיפך צו אַנדערע לענדער, האָבן זיך נישט באַזעצט אין נישט־יידישע דערפער אָדער אין נישט־יידישע שטעט, זענען נישט אַריינגעדרונגען אין דער נישט־יידישער ווירטשאַפט. — דאָס אייגנאַרטיקע און נייע, וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן אין ארץ־ישראל, און וואו עס ליגט אונזער האָפנונג, אונזער באַרעכטיקונג און אונזער צוקונפט, איז וואָס זיי האָבן אויפגעבויט אַליין אי די דערפער, אי די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַזעצט, און האָבן געשאַפן פון דאָס־ניי, מעשה־בראשית, אי די לאַנדווירטשאַפט, אי די אינדוסטריע פון וועלכע זיי ציען זייער פרנסה. די יידן אין ארץ־ישראל זענען נישט קיין עמיגראַנטן — נאָר קאָלאָניזאַטאָרן. דאָס אַרבעטס־פעלד פון יידישן אַרבעטער ליגט נישט אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט, נאָר איז פון דאָס־ניי באַשאַפן געוואָרן מיטן כוח פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. די פאַבריקן און ווערקשטאַטן אין וועלכע יידן אַרבעטן, די פרדסים, כרמים און פעלדער, וועלכע יידן קולטיווירן — האָבן פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע נישט עקזיסטירט.

ו

אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער, וואוהין יידן האָבן פאַר די לעצטע פופציק יאָר עמיגרירט — שטויסט זיך דער יידישער אַרבעטער אָן אין ארץ־ישראל, ביי דער אָרטיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג, אויף אַ נידעריקערן לעבנס־שטייגער און ערגערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי די צו וועלכע ער איז געוואוינט. די באַדערפענישן פונם יידישן אַרבעטער זענען העכער אַלס די אַראַבישע. דאָס איז איינע פון די שווערסטע שטערונגען פאַר יידישער אַרבעט. דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט באַדייט פאַקטיש — אַ קאַמף פאַר ט י ע ר ע ר אַרבעט. דער יידישער איינוואַנדערער קען נישט אויסקאָנקורירן דעם אָרטיקן אַרבעטער דורך ביליקע פרייזן, ווי עס טוט געוויינלעך אַן אימיגראַנט אין אַנדערע לענדער, ווי אַמעריקע, אויסטראַליע א. ד. ג. פאַרקערט, יעדע אַרבעטס־דעראָבערונג פון יידישע אַרבעטער איז געווען פאַרבונדן מיט העכערע פרייזן און דורכזעצן אָרגאַניזירטע אַרבעט און מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער יידישער אַרבעטער קאָן דערפאַר נישט אַריין אין דער אַראַבישער ווירטש-

שאַפט און קען נישט צונעמען דעם פּלאַץ פון אַראַבישן אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטער קען אַריינדרינגען נאָר דאָרט וואו עס ווערט געשאַפן מיטן כּוח פון דער יידישער איינהײַנדערונג און קאָלאָניזאַציע — דאָס הייסט אין יידישע ווירטשאַפטן און אין אַ טייל פון דער מלוכהשער און מוניציפּאַלער ווירטשאַפט, וואָס וואַקסט און פאַרברייטערט זיך אַדאַנק דעם יידישן צופלוס און יידישע שטייערן.

די ביליקייט פון אַראַבישן אַרבעטער, זיין אומאָרגאַניזירטקייט, זיין נידעריקער ניוואָ בלייבט נאָך אַלץ אַ געוואַלטיקע שטערונג פאַר יידישער אַרבעט. די אַראַבישע ווירטשאַפט איז טאַקע געשלאָסן פאַרן יידישן אַרבעטער — נישט צוליב נאַציאָנאַל-פּאָליטישע נאָר קודם-כל צוליב סאָציאַל-עקאָנאָמישע סיבות. דער יידישער אַרבעטער קאָן אין אַראַבישן דאָרף אָדער אין אַראַבישן ווערקשטאַט נישט אַריינדרינגען. אָבער די יידישע ווירטשאַפט איז שטענדיק אָפן פאַר דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט—און דער דרוק פון דער אַראַבישער קאָנקורענץ לאָזט זיך אָן אויפהער פילן אין כּמעט אַלע צווייגן און טיילן פון דער יידישער ווירטשאַפט. און די עקזיסטענץ פון דעם יידישן — דאָס הייסט פון דעם טייערן — אַרבעטער איז שטענדיק אין געפאַר. דאָס איז נישט בלויז אַ סאָציאַלער פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם פון יידישן אַרבעטער אַלס אַרבעטער, אַלס אַ קלאַס — ד אָ ס א י ז אַ ל ע ב נ ס - װ י כ ט י ק ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר צ י ו נ י ס ט י - ש ע ר פּ ר אָ ב ל ע ם. ווייל די פּראַגע פון יידישער אַרבעט איז ד ע ר ציוניסטישער פּראָבלעם.

ז.

נאָך מער. נישט נאָר דער אַרבעטער, אויך דער יידישער פאַבריקאַנט און דער יידישער קאָלאָניסט און דער יידישער פויער פילט דעם דרוק פון דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט. דער פעלאַך, דער אַראַבישער פאַבריקאַנט, קען פאַרקויפן זיין פּראָדוקט פיל ביליקער ווי דער יידישער פויער, דער יידישער פאַבריקאַנט. מיר האָבן אין ארץ-ישראל יידישע און אַראַבישע סיגאַרעטן-פאַבריקן. דער טאַבאַק איז דערזעלבער – דער אַקציז דערזעלבער, די קונים – דיזעלבע, אָבער דער אַראַבישער פאַבריקאַנט קען פאַרקויפן ביליקער, ווייל ביי אים אַרבעטן ביליקערע אַרבעטער. און עס איז אין אינטערעס פון דער יידישער אינדוסטריע, אַז די אַראַבישע אַרבעטער אין דער פאַבריק זאָלן זיין אָרגאַניזירט, באַקומען העכערן לוין און בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען. דאָס-זעלבע מיטן יידישן פויער, וואָס פּראָדוצירט מילך, אייער, גרינס א. אַ. וו. און קען קוים קאָנקורירן אין מאַרק מיט דיזעלבע ביליקע פּראָדוקטן פון פעלאַך. און עס ליגט אין די אינטערעסן פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט צו העכערן דעם לעבנס-ניוואָ פון אַראַבישן פעלאַך. די ציוניסטישע „פּאַטריאָטן", וואָס איגנאָרירן די עקזיסטענץ פון אַראַבער אין ארץ-ישראל – ווייזן אַרויס נישט נאָר פּאָליטישע קורצזיכטיקייט — אַ גפעפערלעכע קורצזיכטיקייט פאַר וועלכער מיר קענען זייער טייער באַצאָלן; — זיי ווייזן אויך אַ פולשטענדיקע עק נאָמישע עם-הארצות אין די הויפּט-פּראַגן פון אויפבוי.

מ'דאַרף זיין אינגאַנצן בלינד, צו גלויבן, אַז עס איז דורכנדרונגער די עקזיסטענץ פון צוויי ווירטשאַפטס-קרייזן, וואָס זאָלן זיין אָפּגעריסן, אָפּגעזונדערט און פאַרשידן אין זייער ניוואָ. שוין בלויז דער אָביעקטיווער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון יידישן ישוב — קולטורעל, סאָציאַל און עקאָנאָמיש הויך-אַנטוויקלטן ישוב, מוז האָבן אַ טיפע ווירקונג אויפן גאַנצן לעבנס-שטייגער פון די אַראַבישע מאַסן. עס איז גענוג אָנצוקוקן די אַראַבישע דערפער אין דער שכנות פון די יידישע קאָלאָניעס, צו זעען די ווייטגייענדע השפעה, וואָס די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט אוממיטלבאַר אויסגעאיבט אויף דער אַראַבישער סביבה. מיר האָבן זיך דערמיט גאָרנישט צו שעמען, אויך גאָרנישט צו שרעקן.

אויף צו מאַכן פלאַץ פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל דאַרפן מיר נישט פאַרדרענגען די אַראַבער און נישט בויען אויף זייער חורבן. מיר ברייטערן אויס די גרעניצן פון ארץ-ישראל — אין עקאָנאָמישן זין — דערמיט, וואָס מיר פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון לאַנד, באַלעבן די נאַטירלעכע אוצרות, אינטענסיווירן די לאַנדווירטשאַפט, בויען אויס אַ נייע אינדוסטריע — און הויבן דעם אַלגעמיינעם ניוואָ פון לאַנד. אונזער יונגע אינדוסטריע דאַרף האָבן אַ קויף-קרעפטיקן אינערלעכן מאַרק — אַנדערש וועט זי זיך נישט קענען אַנטוויקלען. און שטאַרקן די קויף-קראַפט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג — הייסט העכערן זייער לעבנס-ניוואָ.

ח.

מען דאַרף זיך נאַטירלעך נישט מאַכן קיין אילוזיע, אַז עס איז אַזוי לייכט צו איבעראַנדערשן דעם לעבנס-שטייגער פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. עס וועט נאָך נעמען גענוג צייט ביז די צוויי קולטורן, די יידישע און אַראַבישע, וועלן זיך אויסגלייכן אין זייער סאָציאַלער הויך. און נאָך אַ לאַנגע צייט וועלן מיר שטיין פאַר דער גרויסער שוועריקייט פון ביליקער אַרבעט און נידעריקע לעבנס-באַדינגונגען — אָבער עס ליגט אין אינטערעס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, אַז דער ניוואָ פון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן זאָל ווי ווייט געהעכערט ווערן — עס איז דער אינטערעס פון יידישן אַרבעטער, פון יידישן פויער, פון יידישן פאַבריקאַנט, פון יידישן סוחר.

ווער איז אין דעם נישט פאַראינטערעסירט? דער יידישער אַרבעטס-געבער, וואָס באַקאָטירט דעם יידישן אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטס-געבער, פונקט ווי דער אַראַבישער עפענדי, דאַרף האָבן אַ ביליקן, אומאָרגאַניזירטן, פאַרשקלאַפטן אַראַבישן אַרבעטער. אויך די פּאָליטיקאַנער, וואָס באַדינען דעם סאָרט אַרבעטסגעבער און וואָס ציען זייער יניקה פון ראַסן-העצע — זיי האָבן אַן אינטערעס, אַז דער תהום צווישן יידישן און אַראַבישן אַרבעטער, צווישן יידישן און אַראַבישן פויער, זאָל בלייבן אַזוי ווי ער איז געווען.

די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט צווינגט די יידישע און אַראַבישע

סוחרים, די יידישע און אַראַבישע בעלי-פּרדסים, יידישע און אַראַבישע פּאַך-נענאָסן, צוזאַמענצוטרעפן זיך און צוזאַמענצואַרבעטן.

די העצע פון מופטי און זיין פּרעסע – און זי האָט אַן איינפלוס אויף די אַראַבישע מאַסן – האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן די הונדערטער אַראַבישע שאָפערן צו גיין צוזאַמען מיט די יידישע שאָפערן אין קאַמף קעגן די הויכע שטייערן. די באָיקאָט-באַשלוסן און די דעקלאַראַציעס פון מוסולמענישן קריסטלעכן קאָמיטעט קען נישט אָפּהאַלטן די אַראַבישע סוחרים און בעלי-פּרדסים אונטערצונעמען שריט מיט זייערע יידישע קאָלעגן אין בשותּפותדיקע אינטערעסן. און די אינטריגעס פון די עפענדישע קרייזן האָבן נישט אָפּגעהאַלטן אַראַבישע פּאָרט-אַרבעטער, אַראַבישע בעקער, סטאָליאַרעס, שטיין-העקער, מאַטראָזן, צו ווענדן זיך צו דער יידישער הסתדרות נאָך הילף אין זייער קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די גיפטיקע פּראָוואָקאַציעס פון די קאָמוניסטן, וואָס באַמיען זיך מיט אַלע כוחות און מיט אַלע מיטלען נישט צו דערלאָזן צו אַ דער-נענטערונג צווישן אַראַבישע אַרבעטער און דער הסתדרות. די אַראַבישע אַרבעטער ווייסן, אַז די הסתדרות איז די הויפּט-שטיצע פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע, און פאַרן גאַנצן ציוניסטישן ווערק אין ארץ-ישראל. די קאָמוניסטן און די עפענדישע פּרעסע זאָרגט שוין דערפאַר, אַז זיי זאָלן עס וויסן. דאָס האַלט זיי אָבער נישט אָפּ.

ט.

און נאָכאַמאָל דאַרף מען זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס. דורך עקאָ-נאָמישער צוזאַמענאַרבעט אַליין ווערט נאָך דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין ארץ-ישראל נישט געלעזט. מען דאַרף זיך אויך נישט צופיל פאַרלאָזן אויף די פריינטלעכע באַציונגען, וואָס ווערן דערמיט געשאַפן. מען דאַרף זיי נישט אינגאַנצן אונטערשעצן, מען דאַרף זיי אָבער אויך נישט איבערשעצן. ארץ-ישראל איז רייך מיט אויפרייס-שטאָפן, און יעדע פּאָליטישע עקספּלאָזיע – ווען אין איין מינוט איבעררייסן פאַרבינדונגען, וואָס זענען מיזאַם געשאַפן געוואָרן דורך לאַנגע יאָרן. עס איז דערפאַר דער ערשטער און דער וויכ-טיקסטער געבאָט פון אונזער לעבן און שטרעבן אין ארץ-ישראל – שטאַרקן, אַנטוויקלען, פאַרגרעסערן אָן אויפהער, אָן פויזע אונזער אייגענעם כוח — נומעריש עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל.

דער אומאונטערבראָכענער וואוקס פון ישוב איז דער ערשטער און וויכטיקסטער מיטל און פאָרבאַדינג צו לעזן די אַראַבישע פראַגע. עס איז אָבער אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט פון דעם וואוקס אַליין, אַז מיר זאָלן באַשאַפן, ווי ווייט עס ליגט נאָר אין אונזערע קרעפטן – פריינטלעכע באַ-ציונגען מיט די אַראַבער, און פריער פאַר אַלץ מיט די אַראַבישע אַר-בעטנדיקע מאַסן.

דאָס איז אַ פּאָליטישע, אַזוי גוט ווי אַן עקאָנאָמישע נויטווענ-דיקייט.

י.

די פּאָליטיק פון דער הסתדרות – צו קעמפן פאַר יידישער אַרבעט אויפן גאַנצן שטח פון דער יידישער ווירטשאַפט און צוזאַמען מיטן אַראַבישן אַרבעטער אין דער אַראַבישער און מלוכהשער ווירטשאַפט קעמפן פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען — שטייט אין הסכם אי מיט אירע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, אי מיט אירע סאָציאַלע אידעאַלן, אי מיט די אינטערעס פון אַראַבישן אַרבעטער-קלאַס אַלס גאַנצן.

אין איינצלנע פּלעצער, מיט איינצלנע אַרבעטער, קען קומען אַ קאָנפליקט אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט. ווען יידישע אַרבעטער פאָדערן זייער טייל אין מוניציפּאַלע אָדער מלוכהשע אונטערנעמונגען אין ארץ-ישראל, אָדער פּוילן, אָדער אַמעריקע — מיינט עס נישט, אַז זיי פאָדערן מען זאָל זיי פאַרשאַפן נייע אַרבעטס-פּאָסטנס, וואָס זענען דורך קיינעם נאָך נישט פאַרנומען — ניין, דאָס מיינט, אַז זיי ווילן — און מיט רעכט — אַז אַ טייל פון די פּלעצער, וואָס זענען באַזעצט דורך נישט-יידישע אַרבעטער זאָלן זיי אָוועקגעגעבן ווערן. ווייל זייער רעכט אויף אַרבעט – די עלעמענטאַרסטע, הייליקסטע און וויכטיקסטע רעכט פון יעדן איינעם – קען נישט באַרויבט ווערן דורך דעם, וואָס אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע גרופּע האָט מאָנאָפּאָליזירט פאַר זיך אַלע אַרבעטן. אונזער רעכט אויף אַרבעט אין ארץ-ישראל שטאַמט פון אונזער עלעמענטאַרסטן און אַלגעמיינעם רעכט אויף עקזיסטענץ און אַרבעט איבעראַל און ספּעציעל פון אונזער קאָלעקטיוון באַשאַפן נייע קוועלן פון אַרבעט אין ארץ-ישראל.

אונזער קאַמף פאַר אַרבעט שטייט אויך נישט אין קיין סתירה צום אַראַבישן אַרבעטער-קלאַס אַלס אַזעלכן. אָן יידישער אַרבעט, אָן דעם וואוקס פון בעסער-באַצאָלטער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעט, האָט דער אַראַבישער אַרבעטער ווייניקער שאַנסן און ווייניקער כוח צו פאַרבעסערן זיינע אַרבעטס-באַדינגונגען און העכערן זיין ניוואָ. דער צופלוס פון יידישע אַרבעטער אין ארץ-ישראל איז די גרעסטע שטויס-קראַפט אין סאָציאַלן אויפשטייג פון אַרבעטער-קלאַס אין ארץ-ישראל אין אַלגעמיין. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן די אַרבעטס-באַדינגונגען אין ארץ-ישראל מיט סיריע, מצרים, אָדער עבר-הירדן, אום צו זען, וואָס פאַר אַ ברכה עס ליגט אין דער יידישער אַרבעט פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן אין לאַנד.

דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט און „אירגון משותף" זענען זיך נישט סותר, נאָר דערגענצן איינער דעם צווייטן. אָן יידישער אַרבעט – איז נישטאָ קיין יידישע אַרבעטער, נישטאָ קיין יידישער ישוב, נישטאָ קיין איינוואַנדע-רונג, נישטאָ קיין ציוניזם.

דער יידישער אַרבעטער קומט נישט קיין ארץ-ישראל, ווי אַ יחיד צו מאַכן פאַר זיך אַ לעבן. ער איז דאָ ווי אַ שליח פון אַ פאָלק, פון די יידישע מאַסן, פאַר וועלכע ער דאַרף אויסטרעטן אַ וועג און ציגרייטן אַ צוקונפט. די צוקונפט ליגט אין דער אַרבעט – און דער קאַמף פאַר אויס-

ברייטערן די מעגלעכקייטן פון דער יידישער אַרבעט איז זיין ערשטע און וויכטיקסטע לעבנס-אויפגאַבע. עס איז נישט אַ קאַמף קעגן – נאָר אַ קאַמף פאַר – פאַר דער עקזיסטענץ פון פאָלק, פאַר זיין באַפרייונג און אויפלעבונג. דער קאַמף קומט אָבער נישט פאָר אין אַ לערן רוים. אַרום און אַרום איז פאַראַן ביליקע אַרבעט, – וואָס איז אַליין פאַרשקלאַפט און דער-שלאָגן, און וואָס מאַכט שווערער דעם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט – וועלכע איז אַן אָנשטענדיק באַצאָלטע אַרבעט. אונזער אירגון משותף דערגענצט און מאַכט לייכטער דעם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, פונקט ווי דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט מאַכט מעגלעך דעם אירגון משותף.

לאָמיר נעמען אַלס קאָנקרעטןביישפּיל איינעם פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפטלעכע צווייגן אין לאַנד — די אָראַנזשן-פּלאַנטאַציעס — וועט דאָס הייסן:

אין 1914 האָט דאָס לאַנד פאַרמאָגט 30.000 דונאַם אָראַנזשן — וואָס האָבן באַשעפטיקט אומגעפער 3000 אַרבעטער. דערפון זענען געווען 21.000 דונאַם אַראַבישע און 9.000 יידישע. היינט זענען פאַראַן 150.000 דונאַם אָראַנזשן, דערפון 90.000 דונאַם יידישע, 60.000 דונאַם אַראַבישע. די צאָל אַרבעטער איז געוואַקסן ביז 15.000. דער יידישער שטח איז געוואָרן צען מאָל גרעסער. אָבער אויך דער אַראַבישער איז געוואַקסן אויף דריי מאָל, עס זענען צוגעקומען נייע אַרבעטס-פּלעצער, אי פאַר יידן, אי פאַר אַראַבער. מיר ווילן, אַז די גאַנצע 90.000 דונאַם זאָלן באַאַרבעט ווערן דורכאויס מיט יידן. די 60.000 וועלן זיכער באַאַרבעט ווערן דורכאויס מיט אַראַבער. אויף דעם יידישן שטח דאַרפן אַרבעטן אומגעפער 9.000 יידישע אַרבעטער, אויפן אַראַבישן — אומגעפער 6.000 אַראַבישע. די 9.000 יידישע אַרבעטער זענען פאַראינטערעסירט, אַז נישט נאָר זיי זאָלן באַקומען ווי איצט 20 פּיאַסטער (40 שילינג) מינימום, און אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג, נאָר אַז די 6.000 אַראַבישע אַרבעטער זאָלן אויך באַקומען 20 פּיאַסטער און אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג.

דאָס זעלבע קען אָנגעווענדט ווערן אין דער סיגאַרעטן אינדוסטריע אין תל-אביב, אין חיפה, אין פּאָרט, אין דער אייזנבאַן א. ד. ג.

עס איז נישט בלויז דער אַרבעטער-אינטערעס — עס איז דער אינטערעס פון גאַנצן ישוב און פון ציוניזם.

תל-אביב, 13 יאַנואַר 1933.

יא. אונזער שיטה

(פּונם וויכוח אויפן התאחדות-צוזאַמענפאָר)

דער גרעסטער טייל דיסקוטאַנטן פון „השומר הצעיר" האָט נישט, אַז אונזער כוונה איז אַ שלעכטע, נאָר אַז די ריכטונג אונזערע טויג נישט. זיי זענען מודה, אַז אין די לעצטע יאָרן זענען געווען וויכטיקע דערגרײַ-

רונגען און דערגרייכונגען, אָבער גראָר רידאָזיקע דעראָבערונגען און דער־
גרייכונגען טראָגן מיט זיך אַ געפאַר, ווייל זיי זענען עלול צו פאַרטושן
די „שלעכטע שיטה" פון דער „הערשנדיקער" פּאַרטיי. די דעראָבערונגען
גופא — אונזער װאוקס, די עליה, די אַרבעט־סטאַבּיליזאַציע, דאָס אויפ־
הויבן דעם אַרבעט־לוין אין די קאָלאָניעס פון $17^1/_2$ ביז צוואַנציק פּיאַס־
טער אַ טאָג, די אויסברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע, די פּערפעסטיקונג
פון דער ווירטשאַפט, די פאַרשטאַרקונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַני־
זאַציע, — אָט דאָס אַלץ איז פאַר זיך אַליין גאַנץ גוט. אָבער די „שיטה",
וועלכע ווערט אָנגעווענדעט ביי די אַלע דעראָבערונגען, טויג נישט. דער־
לויבט־זשע מיר, חברים, אַרויסצוזאָגן אַן אַפּיקורסות: איך לייקן אין דער
עקזיסטענץ פון אַ „שיטה", וואָס זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיט די דאָזיקע
דעראָבערונגען, דערגרייכונגען און אויפטיען. אונזער „שיטה" געפינט זיך
נישט מחוץ פון דעם אַלעם, נאָר אינעווייניק, אין דעם מהות זייערן. די
„שיטה" אונזערע איז נישט אָפּגעטיילט פון דעם, וואָס מיר טוען, — זי
איז די טאַט זעלבסט. דער קאַמף פאַר עליה, פאַר אַרבעט, פאַר קאָלאָני־
זאַציע, פאַר אָרגאַניזירונג, פאַר פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, —
אָט דאָס איז די שיטה און קיין אַנדערע איז נישטאָ.

און נאָך איין אַפּיקורסות: איר פּסלט די דאָזיקע שיטה און שטעלט
כּלומרשט אַרויס אַן אַנדערע. ווי זי זעט אויס, די אַלטערנאַטיווע שיטה,
האָבן מיר נישט געהערט. און איך זאָג אייך: נישט בלויז וואָס איר פאַר־
מאָגט נישט קיין אַנדערע שיטה, נאָר אַזאַ איז בכלל נישט בנמצא. קיין
שום אַנדערע שיטה קען נישט געמאָלט זיין ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינ־
גונגען אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. מען קען עס פאַר־
גלייכן צו אַ מאַטעמאַטישער אויפגאַבע, וועלכע מען דאַרף לייזן לויט באַ־
שטימטע און פעסטע פאָרמולן — די לעזונג הענגט נישט אָפּ פון דעם,
וואָס וויל זי לעזן און נישט פון דער שיטה, מיט וועלכער ער וויל לעזן,
נאָר פון די באַשטימטע פאָרמולן פון דער אויפגאַבע. דער שאַרפסטער און
טיפסטער מאַטעמאַטיקער וועט נישט ענדערן די לעזונג, ער וועט גאָרנישט
קענען צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען, כּל־זמן די עלעמענטן פון דער אויפגאַבע
ווערן נישט געענדערט. און עס האָט לחלוטין נישט קיין שייכות מיט דער
מאַטעמאַטישער „שיטה", לויט וועלכער מען טרעט צו צו דער לעזונג.
דאָס זעלבע איז אויך מיט אונזער אויפגאַבע אין ארץ־ישראל, מיט איר־ע
היסטאָרישע „פאָרמולן". איין „פאָרמול" איז — דאָס ײדישע פאָלק ביי
זיין איצטיקער לאַגע אין גלות, די צווייטע פאָרמול איז -- ארץ ישראל
מיט איר נאַטוראַלן, פיזישן, ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַק־
טער, די דריטע פאָרמול איז — דער אינטערנאַציאָנאַלער קרייז, אין
וועלכן אונזער ווערק געפינט זיך. און דערביי איז דער ציל —
אָט דער ציל, וועלכער איז געמיינזאַם פאַר אונז אַלע,
פאַר דעמדאָזיקן גאַנצן צוזאַמענפאָר און פאַר דער גאַנצער באַוועגונג אונ־
זערער. אין דעם פאַל קען נישט זיין קיין אַנדערע שיטה, קיין אַנדערער

פּרואוו און קיין אַנדערע ריכטונג, אַחוץ דער שיטה, ביי וועלכער די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער און זייער פּאַרטיי האַלטן זיך, און ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ריכטונג אַחוץ דער ריכטונג, לויט וועלכער אונזער באַוועגונג פירט זיך שוין זייט צענטליקער יאָרן. מיט אונזער מענטשן-מאַטעריאַל, מיט די מיטלען, וועלכע מיר פאַרמאָגן, ביי דער ארץ-ישראלדיקער נאַטור און ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער זאַכלאַגע — קען מען טאָן דאָס, און נאָר דאָס, וואָס מיר טוען, כּל-זמן די עצם-זאַך, וואָס מיר ווילן אויפבויען אין ארץ-ישראל, ווערט דורך קיינעם נישט אָפּגעפרעגט. און ווער עס זאָל נישט האָבן אין האַנט די אָנפירונג, מיט וואָס פאַר אַ טאָן מען זאָל זיך נישט באַנוצן, מיט וועלכע פאָרמולירונגען מען זאָל עס נישט באַצייכענען, — די „שיטה" וועט בלייבן איין-און-דיזעלבע: רופן, דערציען און צוגרייטן די יידישע יוגנט, זי זאָל גיין קיין ארץ-ישראל, דאָרט צו אַרבעטן און קעמפן פאַר אַרבעט און אַרבעטס-באַדינגונגען. די „שיטה" וועט זיין: שאַפן קאָלאָניזאַציע, דערווערבן באָדן, באַקומען מיטלען, אויסבילדן אַ קלאַסן-כּוח, ווערן אַ פאַקטאָר אין ישוב, איינשטעלן פאַרבינדונגען מיטן אַראַבישן אַרבעטנדיקן, מיט דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג, און טאָן די טויזנטער זאַכן, וואָס דער יידישער אַרבעטער טוט די גאַנצע צייט אין לאַנד.

אַן אַנדערע שיטה קען געמאָלט זיין נאָר אין איין פאַל: ווען דער ציל איז אַן אַנדערער. און ס'איז טאַקע פאַראַן אַן אַנדערע שיטה, אַ שיטה, וואָס איז לחלוטין און פולשטענדיק אַנדערש, ווי אונזערע: דאָס איז די שיטה פון דער „פּראַקציע". און זי פאַרמאָגט אַן אייגענע לאָגיק, דידאָזיקע שיטה. וואָרום אויב דער ציל איז נישט דאָס אַריבערפירן יידישע מאַסן קיין ארץ-ישראל, אויב דער ציל איז נישט דאָס ענדערן דעם מצב אין לאַנד — דאָס ענדערן די עקאָנאָמיק, דעם ישוב, די אָרדנונג, די געזעלשאַפט, די פּאָליטיק, — דורכן כּוח פון יידישן פאָלק, וואָס וועט קומען קיין ארץ-ישראל און וועט זיך דאָ קאָלאָניזירן און ווערן אַ נייַ פאָלק, און וועט שאַפן אַזוי אַרום אַ נייע ווירטשאַפט און אַ נייע געמיינשאַפט; אויב דאָס אַלץ איז נישט דער ציל, נאָר דער ציל איז, אַז אַ הייפל אָנגעקומענע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געלייענט סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, זאָלן ווערן אַגענטן פון דער קאָמוניסטישער מאָסקווע; אויב דער ציל איז, אַז אויפן גרונט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט, אויפן גרונט פון דעם ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס-קוואָ, זאָלן דידאָזיקע יונגעלייט מיט דער הילף פון דער סאָוויעטישער אימפּעריע פאַרכאַפּן די מאַכט און שאַפן אין אַלע אַראַבישע לענדער, ארץ-ישראל איינגעשלאָסן, אַן „אַרבעטער און פּויערים-רעגירונג" — דאַן איז זיכער נויטיק אַן אַנדערע שיטה. דאַן איז איבעריק דער קאַמף פאַר יידישער עליה און אַרבעט און קאָלאָניזאַציע. דאַן דאַרף מען נישט האָבן קיין יידישן אַרבעטער-קלאַס און נישט אָט די הסתדרות, וואָס מיר האָבן געשאַפן, — דאַן איז נויטיק גאָר עפּעס אַנדערש.

אָבער אויב דער השומר-הצעיר, די פועלי-ציון, די אַלגעמיין-ציוניס-
טישע אַרבעטער, האָבן אַלע איין ציל, — וואָס איז געמיינזאַם פאַר דעמ-
דאָזיקן גאַנצן צוזאַמענפאַר אָן אַן אויסנאַם, וואָרום דער צוזאַמענפאַר איז
דאָך הונדערט פּראָצענט ציוניסטיש — דאַן קען גאָרנישט געמאָלט זיין קיין
אַנדערע שיטה אַחוץ דער עקזעסטירנדיקער, וועלכע שטאַמט פון אונזער
מהות, פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן אונז אַרויסגעהויבן, פון דער עצם-
אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף אונז. די שיטה איז לגמרי נישט אָפּהענגיק פון
דער טעאָרעטישער אויפפאַסונג, צי זי איז אַ מאַרקסיסטישע אָדער אַן אַנטי-
מאַרקסיסטישע, אַ מאַטעריאַליסטישע אָדער אַ אידעאַליסטישע, אַ וויסנשאַפטלעכע
צי נישט קיין וויסנשאַפטלעכע. עס קען זיין אַן אונטערשיד אין דער אַרבעטס-
פעיקייט, אין דער זאַך-קענטניש, אין דער אָריענטאַציע, אינם פאָרויסזען; צי דער
וואָס טוט די זאַך, קען גוט די מלאכה צי נישט, צי ער איז ווייטזעעוודיק צי
נישט, וועט ער עס טאָן אויסשליסלעך לויט איין שיטה, וועלכע איז אויף אונז נגזר געוואָרן דורכן ציל, דורך די באַדינגונגען און דורך דער ווירקלעכקייט, אין וועלכער דער ציל ווערט פאַרווירקלעכט.

אונזער שיטה האָבן מיר נישט געירשנט ביי וועמען-נישט-איז. מיר
האָבן זי נישט גענומען נישט ביים רעפאָרמיזם און נישט ביים רעוואָלוצ-
יאָנערן סאָציאַליזם — די שיטה, לויט וועלכער מיר אַרבעטן שוין אַכטאונ-
צוואַנציק יאָר, האָבן מיר אויסגעהאַמערט און אויסגעקריצט פון אונזער
אייגענעם לעבן, פון אונזער צוקונפטס-וויזיע.

איר זאָגט, אַז אַלץ, וואָס איז געשאַפן און דערגרייכט געוואָרן, איז
אַ פּראָדוקט פון קאָניונקטוראַלן אויפבלי פון לעצטן יאָר. אונזערע דערגריי-
כונגען און דעראָבערונגען — וועלכע ווערן פון צייט צו צייט באַגלייט
מיט אומגליקן און דורכפאַלן – זענען אַ פּראָדוקט פון אָנשטרענגונגען און
פון אַ קאַמף, וועלכע דויערן מיט פאַנאַטישער טרייהייט זינט דער יידישער
אַרבעטער איז געקומען קיין ארץ-ישראל. און דידאָזיקע שיטה וועט נישט
געענדערט ווערן, כל-זמן עס וועלן נישט געענדערט ווערן — די ווירקלעכקייט
פון יידישן פאָלק, די ארץ-ישראלדיקע ווירקלעכקייט און די ווירקלעכקייט
אין דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר נעמען איין ביישפּיל – פון פּאָליטישן געביט. דער השומר-
הצעיר האָט געהערט צו די, וואָס האַלטן פונם מאַנדאַט. און זיינע פאַר-
שטייער האָבן תמיד געהאַט גענוג מוט עס צו זאָגן אָפן ביי ציוניסטישע
צוזאַמענקונפטן. איצטער רעדט מען אין די השומר-הצעיר-קרייזן וועגן אַ
קאַמף מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם — אין נוסח פון די לינקע פועלי-ציון.
הייסט דאָס, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער פּאָליטישער
שטעלונג פון השומר-הצעיר, צי ס'איז גלאַט אַזוי זיך „רעוואָלוציאָנערע",
שיין-רעדנערישע מליצה? מיר האָבן קיינמאָל נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער

האַנט די פּעלערן און די סכּנות, וועלכע עס טראָגט אין זיך די עקזיס־טירנדיקע פּאָליטישע אָרדנונג אין ארץ־ישראל. פון די ערשטע טעג אָן, זייט ארץ־ישראל איז דעראָבערט געוואָרן דורך די ענגלענדער, געפינען מיר זיך אין אַ פּאָליטישן קאַמפּס־צושטאַנד. אָבער איך פרעג אייך, און פרעג גלייכצייטיק וועשערן און ערעמען פון פּועלי־ציון: צי ווילט איר באמת און אויפריכטיק די ליקווידאַציע פונם מאַנדאַט שוין היינט, ביים איצטיקן מאָמענט? וועשער האָט דאָ דערקלערט באַרימעריש, אַז ווען עס וואָלט זיך געווענדעט אין אים — וואָלט די מאַנדאַט־רעגירונג תיכּף, אָן שהיות, זיך אָפּגעטראָגן פונדאַנען. איך דערלויב מיר צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון דערדאָזיקער דערקלערונג. צי דען איז עס טאַקע אַ מוז־זאַך, אַז ווען נישט די מאַנדאַט־מאַכט, וואָלט זיך דאָ געשאַפן אַן „אַרבעטער און פּויערים־רעגירונג", און גראָד אַזאַ רעגירונג, וואָס וואָלט אונז געלאָזט פאָרטזעצן די יידישע עליה און קאָלאָניזאַציע און די אַנטוויקלונג פון אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג? איך ווייס פון אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן נישט קיין מאַנדאַט איבער זיך, און ענגלאַנד רעגירט נישט איבער זיי — און זיי זענען ווייטער פון אַן אַרבעטער־ און פּויערים רעגירונג, ווי ארץ־ישראל. צי וואָלט וועשער געוואָלט, אַז אין ארץ־ישראל זאָל הערשן אַזאַ אָרדנונג ווי אין תימן? מיר ווילן עס נישט. און איך בין זיכער, אַז קיינער פון אייך ויל עס נישט, מעגן אייערע פּאָליטישע מליצות זיין אַזעלכע אָדער אַנדערע. אונזער באַציונג צו דער פּאָליטישער אָרדנונג אין לאַנד איז פאַרבונדן מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, פּונקט ווי אונזער באַציונג צו אַלע איבעריקע גרונט־פראַגן. קיין פליגל צווישן אונז האָט נישט קיין אַנדערע שיטה.

פאַרשטייט זיך, ס'קען אויך געמאָלט זיין אַ שיטה פון אומטעטיקייט. אַזאַ שיטה האָבן אין אַ סך פראַגן די לינקע פּועלי־ציון. אומטעטיקייט אויפן „החלוץ"־געביט, אויפן קאָלאָניזאַציע־געביט, אויפן געביט פון ציוניסטישן אויפטו — זיי האָבן שוין זייערס באַקומען צוליב דערדאָזיקער „שיטה", און איך בין זיי נישט מקנא. אָבער אַ באַוועגונג, וועלכע האָט פאַר איר אויפגאַבע—אַרבעטן, אויפטאָן, האָט נישט און קען נישט האָבן קיין אַנדערע שיטה, ווי די, וועלכע אונזער ווירקלעכקייט, אונזער געשיכטע און אונזער מיסיע צווינגען אונז אויף.

כּדי נאָך קלאָרער צו מאַכן די שיטה וועל איך אַוועקשטעלן דריי קאָנקרעטע פראַגן, וואָס שטייען אין צענטער פון אונזער באַוועגונג.

די ערשטע פראַגע: די איינקייט פונם אַרבעטער־קלאַס. אָט האָבן מיר אויף דעם צוזאַמענפאָר אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט, השומר־הצעיר, רעליגיעזע אַרבעטער, לינקע פּועלי־ציון, מפא"י. אויב איר וועט שטיין אין שפּיץ פון דער הסתדרות און איר וועט האָבן די „מאַכט" אין די הענט, — וועט איר אויסשליסן די רעליגיעזע אַרבעטער פון דער הסתדרות? (פּועלי־ציון: — ניין!). צי וועט איר דער־

מעגלעכן דעם רעליגיעזן ארבעטער, ער זאָל קענען זיין אַ מיטגליד אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין נישט מוזנדיק מחלל-שבת זיין? צי וועט איר אים דערמעגלעכן זיין אַ מיטגליד אין קופּת-חולים נישט שטעלנדיק אים קיין באַדינג, אַז ער מוז עסן טרפות אין סאַנאַטאָריע אָדער איר וועט עס אים נישט דערמעגלעכן?

און פאַראַן אויך אַ ברית-טרומפּעלדור. איר זענט אין אַ גרינגער און באַקוועמער לאַגע — איר לייגט אַלץ ארויף אויף אונז און זאָגט, אַז מיר זענען שולדיק אין דער עקזיסטענץ פונם רעוויזיאָניזם. אָבער וואָס וואָלט איר געטאָן: פאַראַן אין גלות אַ יידישע יוגנט, וועלכע ווערט דערצויגן דורכן רעוויזיאָניזם, און דידאָזיקע יוגנט קומט קיין ארץ-ישראל און וויל אַרבעטן. וואָס-זשע איז אייער „שיטה" אין דעם פאַל: איר וועט אַריינגעמען אָט די יוגנט אין דער הסתדרות – צי איר וועט איר זאָגן: איר זייט פאַשיסטן און מיר ווילן נישט זיצן צוזאַמען מיט אייך?

צי וועט איר זאָגן דער רעליגיעזער יוגנט: מיר וועלן פאַר אייך נישט שאַפן קיין כשרע קבוצה מיט אַ כשרער קיך? צי וועט איר דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגנט זאָגן: היות ווי איר אָנערקענט נישט אונזער רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, קענט איר נישט זיין מיט אונז אין איין הסתדרות? (פּועלי-ציון: ניין!). אָדער איר האַלט, אַז אין אונזער הסתדרות קענען זיך געפינען אויך רעליגיעזע אַרבעטער און אפילו אַזעלכע, וואָס גלויבן נישט אין רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם? (יערי: שטעלן דידאָזיקע פראַגע איז אַ רייסן זיך אין אָפענע טירן). גוט צו וויסן, אַז די טירן זענען אָפן און קיינער פון אונז קלייבט זיך נישט זיי צו פאַרמאַכן. אָבער אינדעראמתן איז די פראַגע נישט אַזאַ פּשוטע — און מיר וועלן נאָך אַ סך יאָרן האָבן צו טאָן מיט דער שוועריקייט פון שאַפן די אייניקייט פון אַלע אַרבעטער און איינהייטן דידאָזיקע אייניקייט. וואָרום די פראַגע שעפּט זיך נישט אויס דערמיט, וואָס מיר וועלן דעם רעליגיעזן חבר און דעם אַלגעמיין-ציוניסטישן חבר לאָזן זיין מיטגלידער אין דער הסתדרות, — נאָר מיר דאַרפן קענען קומען צו „זייערע גרופּעס, בעת זיי זענען נאָך מעבר לים", מיר דאַרפן קומען צו זיי איידער זיי האָבן זיך נאָך דערוואָרבן די אויפפאַסונג פון „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם", בעת זיי זענען נאָך אַלגעמיין-ציוניסטן אָדער רעליגיעזע יונגעלייט און מיר דאַרפן זיי זאָגן: זייט וויסן – דער איינציקער וועג אייערער איז, גיין קיין ארץ-ישראל, לעבן דאָרט אַן ארבעטס-לעבן, און אַרבעטן און קעמפן האַנט אין-האַנט מיט אַלע אַרבעטער. צי וועט איר גיין צו זיי עס זאָגן אָדער נישט? און הערט אויף מיט אייערע הויכע ווערטער, מיט אייער חוזק מאַכן פון פאַלקסטימלעכקייט. מיט אייערע מעשיות וועגן „צופאַסן זיך צו אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן". איך ווייס נישט צי עס שטעקט אַ גרויסע העלדישקייט אינם צופאַסן זיך צו דער קאָמוניסטישער פראַזעאָלאָגיע אין גאַליציע. אונזער באַוועגונג קען האָבן אַ קיום, קען מצליח זיין און זיגן, נאָר דאַן ווען צוזאַמען מיט אַ פאַנאַטיש אָפּהיטן אירע צילן און אויפגאַבן, צוזאַמען מיט אַבסאָלוטער קאָמפּראָמיס.

לאָזיקייט בנוגע אירע גרונט-פרינציפן, — וועט זי דערמעגלעכן אלע שטראָמען אין דער יוגנט און אין דער אַרבעטנדיקער עליה, (וועלכע זענען לויט אַ היסטאָרישן געבאָט אונזערע שותּפים), זיך אריינצוגיסן אין דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם ים, וואָס רופט זיך: אַרבעטער-קלאַס. אויף אַן אַנדער אופן וועלן מיר אונזער מיסיע נישט דערפילן. אָט דאָס איז קלאַסן-באַוואוסטזיין. דאָס איז קלאַסן-שליחות און קלאַסן-טרייהייט.

איצט, די צווייטע פראַגע — אונזער באַציונג צו דער פריוואַטער ווירטשאַפט. און איך שטעל אויך די פראַגע אַוועק מיט דער גרעסטער פּשטות, אָן קיין שום פּרעמדזווערטער. פאַראַן יידן — אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער — וואָס קומען קיין ארץ-ישראל מיט סומעס געלט. דידאָזיקע ציטערן איבער זייער פאַרמעגן, איבער זייער געלט, און זיי אינוועסטירן אין לאַנד — זיי פלאַנצן אַ פּרדס, בויען אַ הויז, אָדער שטעלן אויף אַ פאַבריק. פרעג איך אייך: ווען איר וואָלט געהאַט די מאַכט אין האַנט — וואָלט איר זיי געלאָזט קומען קיין א״י-ישראל צי נישט? און אויב איר וועט קענען רעגולירן זייער עליה — פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן — וואָס וועט איר טאָן און ווי אַזוי וועט איר זיך נוהג זיין? און ווען די-דאָזיקע יידן וועלן שוין זיין אין לאַנד, זיי וועלן בויען צי פלאַנצן, און אונז וועט געלונגען צו פאַרנעמען ביי זיי אַרבעטס-פּלעצער — ווי אַזוי וועט דעמאָלט זיין אייער שיטה? צי וועט איר אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער און אים מאָבּיליזירן צום קאַמף פאַר געהעריקע אַרבעטס-באַדינגונגען און פאַרן פאַרבעסערן זיין מצב, אַכטונג געבנדיק דערביי, אַז די ווירטשאַפט זאָל נישט חרוב ווערן, כאָטש עס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, און אָפּהיטן זיך פון יעדן שריט, וואָס קען ברענגען צום פאַרמאַכן די פאַבריק אָדער צום אַריבערפירן זי קיין סיריע אָדער צו איר באַנקראָט? צי וועט איר, טאַקע צוליב גרויס איבערגעגעבנקייט צום אַרבעטער און צו זיינע גערעכטע פאָדערונגען, יעדעס מאָל, ווען איר וועט דאַרפן מאַכן אַ וויכטיקן שריט, געבוי אָפּוועגן ווי ווייט גרייכט די אָביעקטיווע מעגלעכקייט פון דער אונטערנעמונג, באַרעכענען די ריכטיקע סטראַטעגיע, ווי ווייט גרייכט אונזער כּוח און וואו קענען מיר ברעכן דעם קאָפּ? קורץ: צי וועט איר טאָן ווי מיר טוען, אָדער נישט? איך האָב די דרייסטקייט צו מיינען, אַז די שיטה, ביי וועלכער מיר האַלטן זיך, איז די איינציקע, ריכטיקע און מעגלעכע שיטה, און סיי רעפאָרמיסטן און סיי רעוואָלוציאָנערן וועלן זיך מוזן האַלטן ביי איר. אַפילו די לינקע פּועלי-ציון, ווען די אַרבעטער וואָלטן זיי נאָר געמאַכט פאַר זייערע שליחים, — וואָלטן זיי זיך געהאַלטן אויסשליסלעך ביי דערזעלבער שיטה. אַ נישט — וואָלטן זיי געבראָכן דעם קאָפּ.

מיר ווילן האָבן אַרבעטס-אָפּמאַכן, וועלכע זאָלן זיכערן אַ געוויסע, צייטווייליק-באַגרענעצטע, סטאַבּילקייט פון די אַרבעטער-דערגרייכונגען. די דאָזיקע אָפּמאַכן זענען נישט אונזער לעצטער אידעאַל. אַ גוטער אַרבעטס-לוין איז אויך נישט אונזער ענדציל. מיר שטרעבן צו אַן אָרדנונג, וואו ס׳איז בכלל נישטאָ קיין אַרבעטס-לוין. מיר שטרעבן צו אַ געזעלשאַפט, וואו מען

צאָלט נישט פאַר אַרבעט, נאָר וואו די אַרבעט איז אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע, וועלכע ווערט אַרויפגעלייגט אויף יעדערן לויט זיינע מעגלעכקייטן; אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער מענטש באַקומט אַלע זיינע באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט, אומאָפּהענגיק דערפון צי ער אַרבעט און וויפיל ער אַר-בעט. אָבער דערווייל לעבן מיר נאָך אין אַן אַנדערער אָרדנונג, און איך רעד וועגן אונזער אַרבעטס-שיטה ביי דער דאָזיקער אָרדנונג. אַט אין דער אָרדנונג קעמפן מיר פאַר אַ געהעריקן אַרבעטס-לוין און פאַר אַרבעטס-אָפּמאַכן. אַן אַרבעטס-אָפּמאַך איז נישט קיין לעצטער אידעאַל — דער אידעאַל איז אַן אַרבעטס-אָרדנונג, וואו דער אַרבעטער זאָל נישט דאַרפן שליסן קיין אָפּמאַך מיטן אַרבעטס-געבער, נאָר וואו די אַרבעטס-געזעלשאַפט און ווירטשאַפט וועט פירן איר וועט אויף אַ קאָלעקטיוון אופן באַשטימען אירע באַדינגונגען און רעגולאַמין. אָבער ביזן אַנטשטיין פון דער דאָזיקער אָרדנונג ווילן מיר, אַז דער אַרבעטער זאָל נישט זיין אויסגעשטעלט אויף מאָמענטאַלע קאַפּריזן פונם אַרבעטסגעבער. מיר ווילן, אַז די דערגרייכונגען פונם אַרבעטער זאָלן נישט זיין הפקר, נאָר זיי זאָלן פון צייט צו צייט באַשטעטיקט און פאַרשטאַרקט ווערן דורך קאָלעק-טיווע אָפּמאַכן.

יעטוועדער אַרבעטער, אָן קיין שום אויסנאַם, שליסט טאָג-טעגלעך אַרבעטס-אָפּמאַכן, צי ער ווייסט עס יאָ צי נישט. קיין אַרבעטער גייט נישט צו דער אַרבעט אָן דעם הסכם פון בעל-הבית אָבער אָן אַ קאָלעקטיוון קאָנטראַקט איז דער אָפּמאַך אַן איינטאָגיקער, וואָס ווערט געשלאָסן מיט אַן איינצלנעם אַרבעטער, וועלכער שטייט מאַכטלאָז פאַרן תקיפדיקן קאַפּיטאַ-ליסט. וויל דער אַרבעטער-קלאַס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָרגאַניזירט און זיין קאָלעקטיווע פּאָזיציע האָט זיך פאַרפעסטיקט, אַז דער אָפּמאַך זאָל גע-שלאָסן ווערן מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, און די אַרבעטס-באַ-דינגונגען זאָלן אויף אַ געוויסער צייט זיין סטאַבילע. דאָס איז נישט קיין סטאַבילקייט לעולם-ועד, ווייל די ווירטשאַפטס-באַדינגונגען זענען נישט קיין אייביק-סטאַבילע, און די אָרדנונג וועט אייביק נישט עקזיסטירן. אַלץ איז רעלאַטיוו און אַלץ איז צייטווייליק. און מיר ווילן טאַקע און זענען פאַר-אינטערעסירט אין אַ רעלאַטיווער און צייטווייליקער סטאַבילקייט. מיר ווילן, אַז די באַדינגונגען, וועלכע זענען דורך דעם אָפּמאַך דערגרייכט געוואָרן, זאָלן ביזן אָפּלויף פונם אָפּגעמאַכטן טערמין נישט געענדערט ווערן, נישט דורך אונז און נישט דורכן אַרבעטגעבער. דערצו איז נויטיק אַן אַרביט-ראַזש, און דווקא אַ פאַרפליכטנדיקער אַרביטראַזש, אין פאַל, ווען ס'איז אויסגעבראָכן עפּעס אַ סכסוך פאַרן דערמאָנטן טערמין, — ווייל אַנדערש האָט דער אָפּמאַך קיין ווערט נישט. אויב נאָכן שליסן אַן אָפּמאַך קען יעדער צד ענדערן און צווינגען דעם אַנדערן — צו וואָס-זשע דאַרף מען דעם אָפּמאַך? אַט דאָס איז די שיטה, קיין אַנדערע איז נישטאָ און קען נישט זיין, און קיין שום „רעוואָלוציאָנערע" מליצה וועט דאָ גאָרנישט העלפן און גאָרנישט ענדערן.

וואָס איז שייך דעם פאַרפליכטנדיקן אַרביטראַזש — דאַכט מיר, אַז דער ענין פאַרלאַנגט נאָך אַן אויפקלערונג. פאַראַן צוויי מינים אַרביטראַזשן. פאַראַן אַ צוואַנגס-אַרביטראַזש און פאַראַן אַ פרייוויליקער אַרביטראַזש. ס׳קען זיין אַן אַרביטראַזש, אויפגעצוואונגען דורך דער מלוכה, דורכן געזעץ, צי די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער ווילן עס יאָ צי זיי ווילן נישט. און ס׳איז מעגלעך אַן אַרביטראַזש, פרייוויליק אָנגענומען דורך די פאַראינטערעסירטע צדדים. לויט מיין מיינונג קען מען נישט פעסטשטעלן אַבסאָלוט, אויף אַלע צייטן און אַלע באַדינגונגען, אַז צוואַנגס-אַרביטראַזש טויג נישט. אין ניי-זעלאַנד און אויסטראַליע זענען אַ געוויסע צייט, ביי באַשטימטע באַדינגונגען די אַרבעטער געווען אָנהענגער פון צוואַנגס-אַרביטראַזש. אין ראַטנפאַרבאַנד איז צוואַנגס-אַרביטראַזש איינגעפירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, ווען עס איז נאָך געווען אַ קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, אין די צייטן פון „נעפּ“. ביי אונז אין ארץ-ישראל קען קיין צוואַנגס-אַרביטראַזש נישט זיין, און די רעוויזיאָניסטן און אַלגעמיין-ציוניסטן, וועלכע רעדן וועגן אַ פאַרפליכטנדיקן צוואַנגס-אַרביטראַזש, פראַוון צביעותדיקע דעמאַגאָגיע, — ווייל ביי אונז זענען נישטאָ די פאָרבאַדינגונגען צו אַזאַ סאָרט אַרביטראַזש: ס׳זענען נישטאָ קיין אַרבעטס-געזעצן, ס׳איז נישטאָ קיין געזעצלעכע אָנערקענונג פון אָרגאַניזירטער אַרבעט (און אָן דעם איז דאָך אַ פאַרפליכטנדיקער אַרביטראַזש אוממעגלעך), און ס׳איז נישטאָ דער רעגירונגס כוח, וואָס זאָל אויפצווינגען דעם אַרביטראַזש, און די אַרבעטסגעבער וועלן בשום-אופן נישט מסכים זיין אויף אַזאַ אַרביטראַזש, וואָרום צוואַנגס-אַרביטראַזש באַדייט, אַז דער אַרבעטסגעבער קען נישט אַליין, אייגנוויליק באַשטימען די אַרבעטס-באַדינגונגען און אַרבעטס-אָרדנונג אין זיין אונטערנעמונג, נאָר אַ רעגירונגס-אינסטאַנץ — אין דער פאָרם פון אַ אַרביטראַזש-געריכט — צווינגט אים אויף די אַרבעטס-באַדינגונגען יעדעס מאָל, ווען די אַרבעטער פאַרלאַנגען עס. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע די אַרבעטער: אַ רעגירונגס-אָרגאַן פאַר אַרביטראַזש, ווערט פּאַקטיש פאַרוואַנדלט אין אַ מלוכהשער אינסטאַנץ, וועלכע באַשטימט די אַרבעטס-באַדינגונגען און אַרבעטס-פאַרהעלטנישן. אַזעלכע אָרגאַנען עקזיסטירן טאַקע אין די דיקטאַטור-לענדער (אין רוסלאַנד און אין איטאַליע). די הסתדרות איז נישט צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער לאָזונג, ווייל ביי אונזערע באַדינגונגען איז עס אַ פאַלשע, אינהאַלטסלאָזע פאָדערונג, וועלכע איז בלויז אויסן צוצורייבן ביי די אַרבעטער דעם לעצטן כלי-זין, וואָס איז זיי פאַרבליבן אויף צו שיצן זייערע אינטערעסן — דעם שטרייק.

דאַקעגן האַלט די הסתדרות פון פרייוויליקן אַרביטראַזש, און נאָר וועגן דעם האָבן מיר איצט צו דיסקוטירן. פרייוויליקער אַרביטראַזש איז אַן אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון אַרבעטס-אָפּמאַכן. אויב מיר זענען מסכים אויף אַן אַרבעטס-אָפּמאַך, וואָס פאַרפליכטעט אויף אַ באַשטימטער צייט, דאַרפן מיר אים שיצן און שטאַרקן אַזוי, אַז ביזן טערמין זאָל קיינער פון די צדדים אים נישט קענען איבערייסן, און אויב

עס וועט טרעפן אַ סיכסוך — זאָל דעצידירן אַן אַרביטראַזש. אנדערש — האָט דער אַרבעטס־אָפּמאַך קיין זינען נישט.

און די פראַגע איז נישט בלויז בנוגע אַרבעטס־אָפּמאַכן. די פראַגע האָט אַ שייכות צו דער אַרבעט גופא אין דער פּריוואַטערווירטשאַפט. דער אַרבעטער באַקומט נישט קיין קיצבה פונם בעל־הבית. ער שליסט אַן אָפּמאַך, וואָס באַזירט אויף קעגנזייטיקן נוצן. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרבעטסגעבער וויל אַרויסבאַקומען מער וויפיל ער גיט; די פּריוואַטע ווירטשאַפט איז געבויט אויף ריווח. אונז קומט אויס צו אַרבעטן אין אַן אָרדנונג, וואו ס'זענען פאַראַן ריווח און עקספּלואַטאַציע, און מיר באַהאַנדלען איצט נישט די פראַגע וועגן ליקווידירן דידאָזיקע אָרדנונג. מיר אַרבעטן אין דערדאָזיקער אָרדנונג, און דער אַרבעטער, פון זיין זייט, דאַרף געבן אַרבעט. דער אַרבעטער, וואָס האָט נישט קיין באַציונג צו זיין אַרבעט, וואָס זיין אַרבעט טויג נישט — איז נישט קיין אַרבעטער נאָר אַ פּאַראַזיט. און מיר האַלטן עס פאַר אונזער קלאַסן־חוב צו פלעגן אין אונזער אַרבעטערשאַפט, וועלכע פאַרמאָגט נישט קיין אַרבעטער־ און אַרבעטס־טראַדיציע, און וועלכע ווייסט נישט, איידער זי קומט קיין ארץ־ישראל, וואָס עס איז אַזוינס אַרבעט, — אַן ערנסטע באַציונג צו אַרבעט. מיר מיינען, אַז דאָס איז אונזער גרויסער חוב דווקא אַלס אַרבעטער און דווקא אַלס סאָציאַליסטן. אַרבעט איז אַ שווערע זאַך. מיר האַלטן די אַרבעט פאַר אַ אידעאַל, פאַר אַ גרויסן אידעאַל, אָבער אין דער פּראַקטיק איז די אַרבעט שווער און גאָר גאָרנישט אנגענעם, בפרט ווען מען אַרבעט אין נישט קיין אייגענער ווירטשאַפט, נאָר אַלס לוין־אַרבעטער אין אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג. אויף פאַרזאַמלונגען איז גרינג צו רעדן באַגייסטערט וועגן דעם מאָראַלישן ווערט פון אַרבעט, אָבער שטיין און שוויצן יעדן טאָג, דערצו נאָך ביי די באַדינגונגען פון אונזער לאַנד און אַרבעטן, ממש אַרבעטן שווער, מיט די אייגענע הענט — דאָס איז נישט גרינג און נישט אַנגענעם, באַזונדערס פאַר אַן עולם, וואָס איז אָפּגעוואוינט דערפון במשך דורות. און אויף דער הסתדרות ליגט אַ חוב צו דערציען אַזוי אירע חברים, זיי זאָלן וויסן, אַז די אַרבעט איז אַן ערנסטער און שווערער ענין, און אויך די ווירטשאַפט איז אַ ערנסטער און שווערער ענין. מיר זענען פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון דער ווירטשאַפט. — איך ווייס, אַז די וואָס ווילן, קענען גרינג פאַרקריפּלען מיינע ווערטער און מיך מאַכן פאַר אַ שותף און פאַרשטייער פונם עקספּלואַטירנדיקן קלאַס, אָבער אַזאַ ביליקע דיסקוסיע איגנאָריר איך מיט פאַראַכטונג. — יאָ, מיר ווילן, אַז „לודזיה" און „נשר" זאָלן עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען. עס זענען פאַראַן קאַמפּס־וועגן, וועלכע קענען זיי חרוב מאַכן — דאָס זענען נישט די וועגן פון אונזער קאַמף אין ארץ־ישראל (צווישנרופן מצד פועלי־ציון: — וואו זענען זיי יאָ געווען? — ב. ג.: — לייענט באַראָכאָוון, וועט איר וויסן) און מיר ווילן, אַז סיי די אַרבעטערשאַפט, סיי די יידישע עפנטלעכע מיינונג זאָלן עס וויסן. מיר האָבן נישט קיין מורא צו זאָגן עס אָפן, כאַטש עמיצער קען עס אויכ־צן צו אונזער שאָדן.

אָבער גלייכצייטיק ווילן מיר, די עפנטלעכע מיינונג זאָל וויסן, אַז מיר וועלן שטיין פול באַוואָפנט אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאַס, אַז מיר וועלן זאָרגן פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון זיין פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון זיין קלאַסן-כּוח, — און מיר וועלן קעמפן, אויב מיר וועלן קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן; אויב מיר וועלן אָן אַ קאַמף נישט קענען זיכערן דעם אַרבעטער געהעריקע באַדינגונגען, מענטשלעכע באַציונגען, אָרגאַניזאַציע-רעכט און פאַרבעסערונג פון זיין מצב, – וועלן מיר קעמפן, נישט וואַרטנדיק ביז עס וועט געענדערט ווערן די אָרדנונג. אַרבעטס-אָפּמאַכן קענען נישט פאַרטרעטן די פּראָפעסיאָנעלע און קלאַסן-אָרגאַניזאַציע, נאָר זיי געהערן צו אירע טעטיקייטס-וועגן. אונזער פּאָן וועלן מיר נישט אַראָפּלאָזן און נישט באַהאַלטן, ווי מיר האָבן עס קיינמאָל נישט געטאָן. אַפילו אין מאָסקווע, ווען מיר האָבן זיך אין 1923 באַטייליקט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, האָבן מיר נישט באַהאַלטן אונזער ציוניסטישע פאָן — און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן מיר קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט די סאָציאַליסטישע פאָן. זיך אַליין, אונזער אינערלעכן מהות, קענען מיר נישט באַהאַלטן. וואָס מיר זענען – זענען מיר. און מיר זענען אַזוי, נישט צוליב אַ קאַפּריז און נישט על-פּי צופאַל. מיר זענען שליחים פון דער געשיכטע, שליחים פון דעם היימלאָזן יידישן פאָלק, וואָס האָט קיין רעטונג און קיין אויסוועג נישט, סיידן אין אַרבעט און אין קאַמף פאַר אַרבעט; מיר זענען שליחים פון דעם פאָלק, וואָס האָט קיין אַנדער צוקונפט נישט, סיידן אין אַן אַרבעטס-לעבן, אין באַפרייטער אַרבעט אין ארץ-ישראל.

שוין אַכטאונצוואַנציק יאָר אַרבעטן מיר און קעמפן מיט אַ פונאַנדער-געוויקלטער פאָן, און ס'האָט נאָך נישט געטראָפן קיין איין פאַל, אַז אונזער באַוועגונג זאָל אינגאַנצן אָדער טיילוויז אַראָפּלאָזן אָדער באַהאַלטן די פאָן אירע. און עס באַווייזט אַ מאַנגל אין קלאַסן-באַוואוסטזיין און אין קלאַסן-דרך-ארץ ווען מען פאַרשפרייט רכילות אויף אונזער באַוועגונג, אַז זי קען כּלומרשט עפּעס באַהאַלטן אָדער פאַרלייקענען. דאָס ווערק פונם יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל האָט נישט אָפּגענאַרט און וועט נישט אָפּנאַרן. מיר וועלן פּראָקלאַמירן הויך אונזער אמת – דעם גאַנצן אמת אונזערן, אַזוי ווי ער איז, גאָרנישט צוגעבנדיק און גאָרנישט אַראָפּנעמענדיק.

און דאָ קום איך צו דער דריטער פראַגע: דער אַרבעטער-קלאַס און דאָס פאָלק.

צווישן אונזער ציוניזם און צווישן סאָציאַליזם איז נישטאָ קיין שום סתירה, קיין שום צווישנשייד, קיין שום קעגנזאַץ. דער גערעגנגל, וועגן וועלכן ס'האָט גערעדט דער פאָרשטייער פון דער אַלגעמיינער יוגנט, עקזיסטירט ביי אים אין מוח, אָבער נישט ביי אונז. אויך דער השומר-הצעיר האָט נאָך נישט דורכגעמאַכט אינגאַנצן די תקופה פון די „טראַגישע סתירות", זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין איז נאָך נישט פולקאָם, – דעריבער זעט ער אין אַ קעגנזאַץ צווישן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און פאָלקסטימלעכקייט. אונזער

ציוניזם איז פול און גאַנץ און טיף, ווייל מיר זענען סאָציאַליסטן, ווייל מיר ווילן אַ פולע און גאַנצע און אַבסאָלוטע באַפרייונג פונם גאַנצן פאָלק. אָן סאָציאַליזם איז נישטאָ קיין פולקאָמע באַפרייונג, און בלויז גוטער ציוניזם שעפּט נישט אויס דעם גאַנצן היסטאָרישן אינהאַלט פון דער גאולה-שטרעבונג. דער „בונד" האָט צו אונז טענות: ציוניזם און סאָציאַליזם זענען אַ תרתי דסתרי. דער השומר-הצעיר טענהט: קלאַסנליניע און פאָלקסטימלעכקייט זענען אַ תרתי דסתרי. און מיר זאָגן: צווישן דער קלאַסנליניע פון סמילאַנסקי און סופראַסקי, צווישן דער קלאַסנליניע פונם בעל-הבית, וועלכער באַזירט אויף דער מאַכט פון אַ מינדערהייט, אויף געלט-גיריקייט און אַרבעטער-עקספּלואַטאַציע, אויפן באַרויבן די רעכט פון די מאַסן, אויף דער אויפהאַלטונג פון קלאַסן-פּריווילעגיעס, — צווישן אָט אַזאַ קלאַסנליניע און פאָלקסטימלעכקייט איז פאַראַן אַ סתירה. אָבער צווישן אונזער קלאַסנליניע, וועלכע באַזירט אויף אַרבעט, אויף גלייכהייט, אויף דעם אונטערברענגען יעדן מין באַרויבונג, עקספּלואַטאַציע און קלאַסן-אונטערשידן און פּריווילעגיעס, — צווישן דערדאָזיקער קלאַסנליניע און פאָלקסטימלעכקייט איז נישטאָ קיין שום סתירה. אַדרבא, זיי דערגענצן זיך אין פאַרפולקאָמען איינע די אַנדערע. לענין האָט קיין מורא נישט געהאַט אַ נאָמען צו געבן די מיניסטאָרן פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור — פאָלקס-קאָמיסאַרן. ער האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם בונד (סמיטשקא) צווישן די אַרבעטער און די פּויערים. און מיר נויטיקן זיך גאָרנישט אין אַ הכשר פון לענינען. מיר זענען אין אונזערע ענינים קאָמפּעטענטער, ווי אַלע אָנגענומענע אויטאָריטעטן פונדרויסן. אונזער טרייסשאַפט צו די באַדערפענישן פונם גאַנצן פאָלק, צו די היסטאָרישע באַדערפענישן פונם גאַנצן פאָלק, געפינט זיך אין אַ פולשטענדיקן און אַבסאָלוטן איינקלאַנג מיט אונזער סאָציאַליזם. ווייל מיר זענען סאָציאַליסטן — דעריבער זענען מיר פאָלקסטימלעך. און ס'קומט אויס זייער מאָדנע צו הערן גראָד פון די השומר-הצעירניקעס אַ נעגאַציע פון פאָלקסטימלעכקייט — אין דערזעלבער צייט ווען זיי לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון קלאַסן-קעגנזאַצן אין גלות און אין ציוניזם, און ווען יערי דערקלערט קלאַסנקאַמף אין ציוניזם אַלס פיקציע (יערי: — אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ב. ג.: און וואו טרעפסטו זיך און וואו קעמפסטו מיט פאַרבשטיינען און סופראַסקין און זשאַבאָטינסקין, אויב נישט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע). מיר זעען דווקא יאָ קלאַסן-קעגנזאַצן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיר פירן אַ קלאַסנקאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אונזער קאַמף אויף די קאָנגרעסן איז דער קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס, און נאָר אַזעלכע „מאַרקסיסטן" ווי יערי זעען עס נישט איין. אָבער אונזער קלאַסנקאַמף אין ציוניזם, פונקט ווי אונזער קלאַסנקאַמף אינם ישוב איז אַ קאַמף פון אַ קלאַס, וואָס פילט אויס די היסטאָרישע שליחות פונם פאָלק און וואָס זאָרגט פאַר דער באַפרייונג און אויפלעבונג פונם גאַנצן פאָלק.

דאָס איז אונזער שיטה.

זאָרג פאַר דער אייניקייט פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטנדיקן קלאַס,

וועלכער שאַפט זיך דורך דער עליה, וועלכער ציט יניקה פון אַ סך פאַר־שידענע מקורים אין גלות, וועלכער איז צעטיילט אין זיין פאַרגאַנגענהייט און אָפּשטאַמונג — און איז פאַרייניקט אין זיין אַרבעט און שאַפן, אין זיין קאַמף און צוקונפט אין ארץ־ישראל.

זאָרג פאַר דער ווירטשאַפט, וואָס בויט זיך אין ארץ־ישראל און נעמט אויף די אַרבעטנדיקע עליה, זאָרג און הילף פאַר איר אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג, אָפּהיטנדיק דערביי פאַנאַטיש און געטריי די אַרבעטס־רעכט, אַרבעט־באַדינגונגען און די אַרבעטס־צוקונפט אין איר.

זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק און אמתער און אויפריכטיקער ווילן אים איבערצופירן קיין ארץ־ישראל, איינפלאַנצן אים אינם היימלאַנד אויף יסודות פון אַליין־אַרבעט און אייגענער ווירטשאַפט, פון אייגענער קולטור און אייגענער מלוכהשקייט — זייענדיק גלייכצייטיק געטריי דער היסטאָרישער מיסיע פונם אַרבעטער־קלאַס און זיין באַפרייונגס־קאַמף.

תל־אביב, י״ט שבט תרצ״ג (דבר 2360).

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12754

UNZER SHLIHES

David Ben-Gurion

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Martin & Doris Greenberg
In memory of Jonas Landau

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

פינפטער טייל:

אַרבעטער-קלאַס און פֿאָלק

(1933 — 1925)

א. די נאַציאָנאַלע מיסיע פונם אַרבעטער-קלאַס

דער יידישער אַרבעטער איז נישט געקומען קיין ארץ-ישראל ווי אַן אַנטלאָפענער, וואָס זוכט זיך אַן אָרט ערגעצוווּ און וויל געפינען וועלכע-נישט-איז מיטלען פאַר זיין עקזיסטענץ. ער איז געקומען אין לאַנד אַריין אַלס שליח פון פאָלק. און אַלס פּיאָנער פונם גרויסן ווערק פון דער יידישער רעוואָלוציע האָט ער דעראָבערט זיינע פּאָזיציעס אין דער אַרבעט, אין דער ווירטשאַפט, אינם ישוב. ביי יעדער טאָט, ביי יעדן קליינעם אָדער גרויסן אויפטו, — ביי זיין אַרבעט אין דאָרף און אין שטאָט, ביים בויען זיין לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע ווירטשאַפט, ביי די שפּראַך און קולטור-דערגרייכונגען, ביי דער שמירה און זעלבסטשוץ, ביים קאַמף פאַר זיינע אינטערעסן און רעכט אין דער אַרבעט, ביים באַפרידיקן זיינע נאַציאָנאַלע און קלאַסן-אינטערעסן, ביים שאַפן זיינע אַנשטאַלטן און די הסתדרות, — תּמיד האָט פאַרן יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל געשוועבט די היסטאָרישע מיסיע פונם קלאַס, צו וועלכן ער געהערט און וועלכן ער הויבט אָן שאַפן אין ארץ-ישראל. ער האָט פאַר זיך תּמיד געזען די היסטאָרישע מיסיע פונם אַרבעטער-קלאַס דורכצופירן די רעוואָלוציע, וועלכע זאָל איינפלאַנצן די הער-שאַפט פון דער אַרבעט אין לעבן פון פאָלק און לאַנד. דער יידישער אַרבעטער האָט אין זיין לעבנס-אַרבעט אַריינגעפלאָכטן דעם אינטערעס פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג און אין זיין קלאַסנקאַמף און קלאַסנשאַפונג האָט ער אריינגענומען דעם גאַנצן אינהאַלט פון די פאָלקס-שטרעבונגען און היסטאָ-רישע באַדערפענישן.

אין קעגנזאַץ צו די שליחים פון אַנדערע קלאַסן אין ארץ-ישראל און אין ציוניזם, איז דער אַרבעטער נישט געשטעלט געוואָרן פאַר קיין סתּירה צווישן זיינע קלאַסן-שטרעבונגען און נויטן און צווישן זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אידעאַלן. דער אַרבעטער, וועלכער איז געווען קלאַסנבאַוואוסט-זיניק און איז געטריי זיין היסטאָרישער מיסיע, דערפילט גלייכצייטיק צוויי שליחות'ן, וואָס זענען, אין תּוך גענומען, אידענטיש: די שליחות פונם קלאַס און די שליחות פון גאַנצן פאָלק. אויף וויפיל דעם אַרבעטערס גאַנצע קלאַסן-אָנשטרענגונג אין דער ווירטשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער, אין דער קול-טורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט, איז אויסגערעכנט אויפן צענטראַלן און היסטאָרישן ציל, — שאַפט זי און דעראָבערט נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס אין לאַנד

און שלאָגט דורך אַ ברייטן וועג פאַר אַ פאָלקס-עליה: דעם אַרבעטערס קלאַסנקאַמף איז, סיי אין זיין פּרינציפּיעלן אומפאַנג און סיי אין זיינע ממשותדיקע אויסדרוקן, אויסגערעכנט נישט אויף צו שפּאַלטן דאָס פאָלק און עס אָפּצושוואַכן, נאָר פאַרקערט, אַריינצוטראָגן אין אים אמתע און פולע, אייניקונג, פאַרשטאַרקונג און באַפרוכפּערונג פון זיינע כּוחות.

אמת, אויך די שליחים פון די אַנדערע קלאַסן טרעטן-אויף אין נאָמען פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און אויף וויפיל זיי דערפילן אַ פּאָזיטיווע ראָל אינם אויפבוי פון לאַנד, טוען זיי טאַקע אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט, — אָבער עס איז שוין דער אָביעקטיווער גורל פון אַלע אַנדערע קלאַסן אַזעלכע, אַז זייערע קלאַסן-אינטערעסן מוזן, פריער אָדער שפּעטער, זיך צוזאַמענשטויסן אָפּן און פאַרבאָרגן, מיט די אינטערעסן פון פאָלק און פון דער עליה. שוין נישט רעדנדיק וועגן די „פּריוואַט-איניציאַטיוו"-פּאַראַזיטן, וועלכע ברענגען נישט קיין ארץ-ישראל קיין קאַפּיטאַלן און פאַרמעגנס נאָר בלויז אַ געלט-גיריקייט אויפן חשבון פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, פון דער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג און עליה, — נאָר אַפילו די אמתע, פאַרשידנסאַרטיקע קאַפּיטאַ-ליסטן, וועלכע העלפן צו לויט זייערע מעגלעכקייטן צום אויפבוי פון לאַנד און צום פאַרברייטערן די אויפנאַם-פעיקייט פונם ישוב, זענען עלול אַרויס-צוטרעטן פיינטלעך קעגן די באַדערפענישן פון דער עליה און פאָלקס-קאָלאָניזאַציע. דאָס געשעט נישט צוליב אַ בייזן ווילן און שלעכט-האַרציקייט, נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער אינערלעכער לאָגיק און נאַטור פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וועלכער שטרעבט צו פאַרדינסטן און צו עקספּלאָאַטאַציע. דאָס אויפשרויפן דורך דעם האַנדלס-קאַפּיטאַל די פּרייזן אויף לעבנסמיטלען, דאָס הויבן דורך די בעלי-בתּים די פּרייזן פון דירה-געלט, דאָס טייער-מאַכן דעם באָדן דורך דעם פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד, — דאָס אַלץ מאַכט שווער און האַלט-אָפּ די אויפנאַם-פעיקייט און די איינוואָרצלונג פון דער פאָלקס-עליה און שאַפט גרויסע שטערונגען דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. די פּריוואַטע, שטאָטישע און דאָרפישע ווירטשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף עקספּלאָאַטאַציע פון לוין-אַרבעט, שטרעבט באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסט-זיניק, ווילנדיק און נישט-ווילנדיק, — אַראָפּצודריקן די לוינען און צו פאַר-ערגערן די אַרבעטס-באַדינגונגען אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אויסגלייכן מיט דער נידעריקער שטופע פון דעם ווייניק באַדאַרפנדיקן ביליקן אַרבעטער. און דאָס שטעלט אין אַ געפאַר די עקזיסטענץ-מעגלעכקייט פונם יידישן אַרבע-טער און שטערט דער אַרבעטנדיקער עליה.

ווער וועט האָבן די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז דער חשבון פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין ארץ-ישראל פאַלט צענויף מיט די באַדערפענישן פון אַ יידישער פאָלקס-עליה און מיט די פאָדערונגען פונם יידישן אַרבעטער? וואָס ס'איז שייך דעם „פּריוואַטן קאַפּיטאַל", וועלכער איז ביז איצט אינוועסטירט גע-וואָרן אין יידישער ווירטשאַפט, וואָס באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, איז אויף וויפיל מיר האָבן צו טאָן מיט קאַפּיטאַל איז אַ ספק צי ער איז טאַקע פּריוואַט, און אויב ער איז באמת „פּריוואַט", איז אַ ספק צי ס'איז קאַפּיטאַל.

כמעט די גאַנצע „פּריוואַטע“ ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל, וועלכע באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, ציט נאָך יניקה פון נאַציאָנאַלע אָדער כמו-נאַציאָנאַלע קוועלן, און איז דירעקט אָדער אומדירעקט, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, אָפּהענגיק פון נאַציאָנאַלער אונטערשטיצונג. דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי „סיליקאַט“, „החשמל“, „נשר“, די גרויסע מילן א. אַז. וו., איז אין גרונט אַ פּראָדוקט פון נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג אָדער פון נאַציאָנאַלן געשאַנק. ס'איז געלט פון אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, וועלכע ווערן אינספּירירט דורכן ציוניסטישן אידעאַל.

מען קען נאָך נישט אָנווייזן אין ארץ-ישראל אויף אַן אונטערנעמונג, וועלכע זאָל זיין געבויט דורך **פּריוואַטן קאַפּיטאַל** ממש, און זאָל דווקא זוכן יידישע אַרבעט און נאָך דווקא נויטיקן אינם אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער מיט די קולטורעלע באַדערפנישן, וועלכער קעמפט פאַר אַרבעטס-באַדינגונגען און קלאַסן-רעכט, בעת אין לאַנד און אינם שכנותדיקן אַרום איז פאַראַן אַ שפע פון ביליקער אַרבעט, לייכטע צום אויסנוצן און עקספּלואַטירן. און די ווייניקע יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען, וואָס געפינען זיך מחוץ דער ספערע פון נאַציאָנאַלער ווירקונג און אונטערשטיצונג, ווי למשל, די באַן-אַרבעטער, מוזן זיך טאַקע צופּאַסן צו אַרבעטס-באַדינגונגען, וואָס ווערן פעסטגעשטעלט נישט לויט זייערע באַדערפנישן, נאָר לויט די באַדערפנישן פון די נישט-יידישע אַרבעטער...

יחידים פון צווישן די אַנדערע קלאַסן זענען מסוגל זיך אויפצוהייבן איבער די אינטערעסן פון זייער קלאַס און אָנערקענען די נאַציאָנאַלע באַדערפניש און אויספירן איר געבאָט. אָבער אַזעלכע יחידים זענען **אויסנאַמען**. די דאָזיקע יחידי-סגולה ווערן פרעמד זייער קלאַס און זענען נישט בכוח צו ענדערן די נאַטור, וואָס די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט האָט איינגעפלאַנצט אינם קלאַס אַלס כלל. אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער זענען אַלע אַנדערע קלאַסן אַלס אַזעלכע געווען געטריי זייערע פאָלקס-באַדערפנישן בלויז אין אַזאַ מאָס און אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע באַדערפנישן האָבן אַנטשפּראָכן זייערע באַזונדערע, עגאָיסטישע אינטערעסן. דער אַרבעטער-קלאַס איז אַן אויסנאַם מיט זיין **אָביעקטיווער אַנטשפּרעכנדיקייט** צו די היסטאָרישע פאָלקס-אינטערעסן, ער איז אַן אויסנאַם מיט זיין **פּערמאַנענטער** געטריישאַפט צו די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דער אַרבעטער-קלאַס איז אַזוי, ווייל ער האַלט דעם שליסל צו דער צוקונפט פון פאָלק און ווייל אים איז באַשערט געוואָרן די שליחות — דורכן קלאַסנקאַמף צו באַפרייען דאָס פאָלק פון די קלאַסן-קעגנזאַצן.

אַ יחיד אָדער יחידים פון צווישן דעם אַרבעטער-קלאַס קענען פאַראַטן זייער נאַציאָנאַלע שליחות, פונקט ווי עס זענען פאַראַן אַרבעטער, וואָס פאַרפרעמדן זיך פון זייערע קלאַסן-באַדערפנישן און העלפן-מיט די שונאים. אָבער אַזעלכע יחידים זענען אויסנאַמען. די אַרבעטערשאַפט אַלס כלל, ביי וועלכער ס'איז רייף דער קלאַסן-באַוואוסטזיין, דאָס הייסט, דער באַוואוסטזיין

פון איר היסטאָרישער מיסיע אַלס קלאַס, האַלט אירע באַדערפנישן און די פאָלקס-באַדערפנישן, אירע קלאַסן-אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פאַר געקניפּט און געבונדן; זיי בילדן ביי איר איין גאַנצקייט, וועלכע לאָזט זיך נישט פונאַנדערגעמען און צערייסן.

די פראַגע, וועלכע ווערט אָפט געשטעלט, צי די אַרבעטער דאַרפן שטעלן העכער די נאַציאָנאַלע באַדערפנישן אָדער זייערע קלאַסן-פאָדערונגען, באַווייזט בלויז די עם-הארצות פון די פראַגע-שטעלער. אַזאַ פראַגע קען מען שטעלן די שליחים פון אַנדערע קלאַסן: זייערע קלאַסן-אינטערעסן קומען אָפט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די פאָלקס-אינטערעסן. ביים אַרבעטער-קלאַס, וואָס ווייסט זיין היסטאָרישע מיסיע פאַלן צונויף די קלאַסן-אינטערעסן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די אָרגאַנישע אידענטישקייט פון דער נאַציאָנאַלער און קלאַסן-אויפגאַבע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג ליגט אינם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן מהות פון דעם אַרבעטער-קלאַס, און די דאָזיקע אידענטישקייט איז דער יסוד פונם קלאַסנבאַוואוסטזיין. אָט דער באַוואוסטזיין, די דערקענטניש זעט די קלאַסן-קעגנזאַצן אינם פאָלק, אָבער זי זעט אויך דעם וועג זיי צו ליקווידירן — דורך דעם קלאַסנקאַמף אין די ראַמען פון דער נאַציע.

דאָס איגנאָרירן די קלאַסן-קעגנזאַצן אין פאָלק אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן אידעאַל און פון נאַציאָנאַלער אחדות פעלשט דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל און פירט אַראָפּ פונם וועג צו דער נאַציאָנאַלער אחדות. די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל צעשפּאַלט און צערייסט דאָס פאָלק אויף שטיקער, און בלויז דער אַנטשיידנדיקער נצחון פונם אַרבעטער-קלאַס קען ליקווידירן די אינער-לעכע קעגנזאַצן און ריסן. און כּל-זמן ס'איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן די אַרבעטס-הערשאַפט איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע אחדות נאָר בלויז אַ שטרעבונג דערצו — די שטרעבונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פונם אַרבעטער-קלאַס. דער באַפרייונגס-קאַמף פון דעם אַרבעטער-קלאַס איז גלייכצייטיק אַ קאַמף פאַר דער באַפרייונג און גאַנצקייט פון דער נאַציע. דער וועג צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע אייניקייט איז דער וועג פון קלאַסנקאַמף.

ירושלים, כ״ד אדר תרפ״ח (קונטרס רי).

ב. אויפן וועג צו אַ פאָלקס-באַוועגונג

(צו אונזערע צוגרייטונגען צום ציוניסטישן קאָנגרעס)

די פּראַקטישע ענינים אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן קאָנצענטרירן זיך, כּידוע, אַרום די פראַגן פון תּקציב. פון דער תּקציב-צונויפשטעלונג איז אָפּהענגיק די ממשותדיקע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל. אינם תּקציב קומען מאַטעריעל צום אויסדרוק די

ענערגיע און אַרבעטס־פעיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע ווערן דערנאָך פאַרטאָן אין די אויפבוי־און שאַפונגס־ווערק אין ארץ־ישראל. אין דער אויסאַרבעטונג און איינטיילונג פונם תקציב צייכנט זיך אָן די ריכטונג פון דער גאַנצער ציוניסטישער טעטיקייט. די תקציב־פראַגע האָט אַ באַזונדערן אינטערעס און אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַר דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס די מערסטע ווירטשאַפטלעכע און קאָלאָניזאַטאָרישע שאַפונגען אירע ווערן אויסגעהאַלטן דורכן ציוניסטישן תקציב. די עליה, די קאָלאָניזאַציע, דאָס געזונטהייט־וועזן, די דערציִונג און די קולטור־אַרבעט פון דער אַרבעטערשאַפט הענגען־אָפּ פון די ציוניסטישע תקציבים. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, ווען אויך אין אונזערע קאָנגרעס־צוגרייטונגען פאַרנעמט די תקציב־פראַגע אַ חשוב און צענטראַל אָרט.

אָבער ס'איז פאַראַן אַ גרויסע געפאַר אין אַזאַ ת ק צ י ב י ש ן צוגאַנג, וואָס שאַצט אָפּ דעם קאָנגרעס נאָר פון אַ ענג־אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט און זעט אין די תקציב־ענינים דעם א' און דעם ת' פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט דערזעט נישט דעם וואַלד צוליב די ביימער, און זאָגט עדות וועגן אַן אויבנאויפיקן און קורצזיכטיקן פאַרשטייַן. מען קען עס פאַרגלייכן צו עמעצן, וואָס אָרדנט איין אַ וואַסער־קראַן און פאַרבינדט אים נישט דורך רערן מיטן קוואַל, אָדער ער זאָרגט נישט, דער קוואַל זאָל נישט פאַרשטאָפּט ווערן.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג קען נישט און טאָר נישט באַגרעניצן און איינשרענקן איר קאָנגרעס־באַטייליקונג בלויז אין די פּראַקטישע ענינים, וועלכע האָבן אַ דירעקטע, אוממיטלבאַרע שייכות צו אונזער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. אַוודאי איז די פראַגע וועגן מיטלען פאַר אַ שנעלן און ברייטפאַרנעמיקן אויפבוי פון לאַנד איצט די הויפּט־פראַגע פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם, און די וועגן וויאַזוי צו באַנוצן־זיך מיט די געזאַמעלטע מיטלען, די אופנים פון זייער פאַרטיילונג, דעצידירן וועגן דעם גורל פון אונזער אַרבעט אין לאַנד. אָבער אַ באַוועגונג ווי אונזערע, וועלכע איז נישט אויסן בלויז צו באַפרידיקן די מאָמענטאַלע באַדערפנישן און באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיטן איינהאַלטן און אָפּהיטן דאָס שוין פאַראַנענע, נאָר שטייט אויף דער וואך פון ה י ס ט אָ ר י ש ע באַדערפנישן און נעמט אויף זיך די גוואַלטיקע אָנשטרענגונג צו שאַפן אַ יש מאין, אַזאַ באַוועגונג קען נישט זאָרגן בלויז פאַר אַן איינפלוס אויף די פאַראַנענע מיטלען און כוחות און זיך גרייטן בלויז צו די נאָענטסטע, אוממיטלבאַרע רעזולטאַטן פון איר טעטיקייט.

די גרונטשטיינער פון דעם גאַנצן בנין, וואָס מיר באַמיען זיך איצט אויפצושטעלן זיינע ערשטע פונדאַמענטן, זענען — אונזערע עקזיסטירנדיקע און אויפוואַקסנדיקע ווערק אין לאַנד, די פאַרגרעסערטע קאָלאָניזאַציע און עליה־באַדערפנישן. פאַרפעסטיקן די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן און אינסט־

טוציעס, שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר נייע טויזנט קאָלאָניסטן און פאַר צוואַנ-ציק טויזנט נייע אַרבעטער-עולים, — דאָס איז די מינימאַלע פאָדערונג אויפן נעכסטן טעטיקייט-יאָר. אָבער צוזאַמען מיט די אַלע אינטערעסן פונעם פאַראַנענעם, עקזיסטירנדיקן, און פונם זיך-שאַפנדיקן, וועלכע פאַרשלונגען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און פאַראינטערעסירונג, טאָרן מיר אויף קיין איין מינוט נישט אָפּלאָזן די גרויסע זאָרג פאַרן איינציקן און גאַנצן אויפטו, אָן וועלכן אונזערע אַלע קליינע אָנשטרענגונגען און אונטערנעמונגען האָבן קיין טעם און קיין זינען נישט: פאַרן קאָלאָסאַלן און גראַנדיעזן אויפטו פון אַריבערפירן אַ גלותדיק, פאַראָרעמט, צעשפּרייט און צעשטויבט פאָלק צו אַן אַרבעט-לעבן אין אַ וויסט און חרוב לאַנד.

אונזער היסטאָרישע רעוואָלוציע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון פעלקער און לענדער, דאַרף האָבן אַזעלכע כּוחות, מיטלען און אָנשטרענגונגען, וועלכע ס'קען שאַפן און אויפברענגען נאָר אַ מעכטיקע, באַפליגלטע, ווילנשטאַרקע פאָלקס-באַוועגונג מיט רייכע מעגלעכקייטן און אַ גרויסן פאַרנעם. אָן אַ פאָלקס-באַוועגונג, וועלכע זאָל אויסשעפּן אַלע פאַרבאָרגענע קוואַלן, וואָס ריזלען אין דער נשמה-געדריכטעניש פון פאָלק; וועלכע זאָל אַרויסבאַקומען די גאַנצע ענערגיע, וואָס איז באַהאַלטן אין די טיפעניש פון די פאָלקס-שיכטן; וועלכע זאָל מאָביליזירן און אַקטיוויזירן די מיליאָנען (נישט פונטן, נאָר מענטשן) און זיי געבן אַ גרויסן לעבנס-ציל, — אָן דעם וועט דאָס גרויסע וואונדער נישט געשען.

די דאָזיקע פאָלקס-באַוועגונג איז נאָך נישט פאַראַן, אָבער זי דאַרף זיין און מוז זיין, אויב די גרויסע און אומענדלעך-שווערע זאַך, אין וועמענס נאָמען מיר לעבן און אַרבעטן, איז נישט בלויז קיין מויל-מלאכה און פּוסטע פאַנטאַזיע. די דאָזיקע באַוועגונג נויטיקט זיך אין אַ גרויסער מאָראַלישער קראַפט, וועלכע זאָל זי באַוועגן און באַפרוכפּערן, אָנפירן מיט איר און לענקן זי צו איר ציל. עס דאַרף זיין אַ מאָראַלישע קראַפט, וואָס ווערט שטאַרקער און מעכטיקער מיט יעדן טריט פאָרויס, און וואָס ווערט נישט דערשראָקן פאַר אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען; עס דאַרף זיין אַ קראַפט, וואָס איז זיך ווילן-קלאָר און וועג-באַוואוסט, וואָס איז מסוגל אינגאַנצן, רעשטלאָז און באַדינגלאָז, זיך אַריינצוטאָן אינם ווערק, אין וועמענס נאָמען זי איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן.

די דאָזיקע קראַפט קען און דאַרף ווערן דער יידישער אַרבעטער אין ארץ-ישראל, דווקא ער און נישט עמעץ אַנדערש. דעם ארץ-ישראלדיקן יידישן אַרבעטער איז באַשערט צו זיין נישט בלויז דער טרעגער פון דער טאַט און פונם אויפטו, נאָר אויך דער טאַט-און אויפטו-אַרויסרופער, דער שטויס-פאַקטאָר ביים פאַרשטאַרקן די באַוועגונג און אויסשמידן איר ווילן, ביים מאָביליזירן די פאָלקס-כּוחות און ביים קאָנצענטרירן זיי אַרום דעם אַרבעט-ווערק אין ארץ-ישראל.

דער יידישער אַרבעטער דערשיינט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג

נישט בלויז אַלס מאַנער, נאָר אויך אַלס דער גרויסער געמאָנטער. מ׳ דאַרף צושטעלן דער באַוועגונג דעם גייסטיקן, געדאַנקלעכן, מאָראַלישן און מענטש-לעכן תּקציב, אָן וועלכן זי וועט איינשרימפּן, צונישט-ווערן און אומקומען, חייל דער קוואַל אירער וועט אויסטריקענען. גייענדיק צום ציוניסטישן קאָנגרעס דאַרפן מיר זיך גרייטן אויך דעם דאָזיקן תּקציב צונויפצושטעלן.

ירושלים, כ׳ סיוון תּרפ״ה (קונטרס ר״כ).

ג. צוויי קלאַסן

די אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל איז אַלט עפּעס מער פון צוואַנציק יאָר. די „זקנים״ צווישן אונז זענען געקומען אין לאַנד אַריין מי 23—24 יאָר צוריק. אָבער דער „בעל-הבתּישער״ ישוב איז עלטער פאַר אונז מיט אַ גאַנצן דור. די אַרבעט פונם נייעם ישוב אין ארץ-ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט פינפאונפערציק יאָר צוריק. די, וואָס זענען געקומען פאַר אונז, האָבן פאַרמאָגט אַלע פאָרבאַדינגונגען, כּדי צו ווערן דער אָרגאַ-זירטער כּוח, דער אָנפירנדיקער און שאַפנדיקער כּוח, וואָס האָט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אינעם ישוב און אין דער באַוועגונג. זיי זענען אַליין געווען פאַרמעגלעכע מענטשן, און זיי האָבן דערצו נאָך באַקומען גרויסע, נאַציאָ-נאַלע און פּריוואַטע מיטלען. זיי זענען געגאַנגען אינם גלייכן, אויסגעטרע-טענעם וועג, פון וועלכן ס׳האַלט די גרעסטע מערהייט פון פאָלק אין גלות. זיי האָבן געהאַט אויף זייער זייט אַלע טיילן פון דער באַוועגונג אין חוץ-לארץ. די חובבי-ציון און די חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען אַליין געווען „בעלי-בתּים״. זיי האָבן געהאַט הינטער זיך די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג, די קולטורעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קענטשאַפטן פונם יידישן בירגערטום אין גלות. די העברעישע ליטעראַטור איז, ביז דער שאַפונג פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-ליטעראַטור, געווען הויפּטזאַכלעך אַ „בעל-הבתּישע״ ליטעראַטור. די ציוניסטישע באַוועגונג איז כּמעט אינגאַנצן געווען אַ „בעל-הבתּישע״ באַוועגונג. דאָס יידישע בירגערטום אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך האָט פאַרמאָגט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע, פּאָליטישע, קולטורעלע און פּאָליטישע קרעפטן. עס האָט פאַרמאָגט איינפלוסרייכע, דערפאַרענע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. און במשך פערציק יאָר האָט דאָס יידישע בירגערטום אין גלות מאָראַליש, פּאָליטיש און פינאַנציעל געשטיצט די בויער פונם נייעם ישוב. דער יידישער „בעל-הבית״ אין ארץ-ישראל האָט אין פלוג געאַרבעט און געקענט ווערן דער שאַפנדיקער, אָנפירנדיקער און אָרגאַניזירנדיקער כּוח אין לאַנד.

פונקט פאַרקערטע באַדינגונגען האָבן באַגלייט דעם וואוקס פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז געקומען קיין ארץ-ישראל, האָט הינטער זיך נישט געהאַט קיין שום באַוועגונג. די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג בכלל איז אַ יונגע, און מיט אַ דור פריער האָט

זי נאָך נישט געהאַט פאַרנומען אין יידישן לעבן דאָס אָרט, וואָס זי פאַר-נעמט איצט. אָבער אַפילו די אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט יאָ עקזיסטירט, איז צום גרעסטן טייל געווען קעגנעריש און פרעמד צו ארץ-ישראל. דער דעצידירנדיקער כוח אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען דער „בונד", און זיין באַציונג צו ארץ-ישראל איז דאָך באַקאַנט. די פועלי-ציון-באַוועגונג האָט געהאַלטן ביים סאַמע אָנהויב, און ביז לעצטנס איז זי נישט געווען בכוח צו שטאַרקן און צו געבן מוט דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל. די אַרבעטער, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריין, זענען געווען איינזאַם און פרעמד סיי דאָ, סיי אין גלות: סיי די ציוניסטישע באַוועגונג, סיי די אַרבעטער-באַוועגונג זענען געווען פרעמד צו זיי און האָבן מיט זיי קיין מחזקות נישט געהאַט. דער אַרבעטער האָט נישט פאַרמאָגט נישט קיין דערפאַרונג און נישט קיין מיטלען. ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרגאַנגענהייט און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אים שטיצן. אים איז באַשערט געווען צו גיין אויף אַ נישט-אויסגעטרעטענעם וועג. ער האָט געמוזט זוכנדיק און טאַפּנדיק, דורכמאַכן אַ שווערן וועג, פול מיט שטרויכ-לונגען און שטערונגען. אים איז געווען באַשערט זיך צו בונטעווען און צו דערקלערן אַ קאַמף דעם אָנגענומענעם און עקזיסטירנדיקן, וועלנדיק איבער-שאַצן אַלע געשאַצטע ווערטן. ער האָט אויפגעשטעלט קעגן זיך אַלע קאָנסערוואַטיווע און טראַדיציע-טרייע, און איז געבליבן איינער אַליין אויפן שלאַכטפעלד.

אָפּשאַצנדיק אַבסטראַקט דעם היסטאָרישן פאַרלויף און די געזעלשאַפט-לעכע באַדינגונגען, וועלכע האָבן באַגלייט דידאָזיקע צוויי קלאַסן-כוחות אין ישוב, וואָלטן מיר געדאַרפט קומען צו אַן אויספיר, אַז אין ארץ-ישראל עקזיסטירט אַ „בעל-הבתישער" שיכט, וואָס איז שטאַרק, קאָנסאָלידירט, פּאָליטיש-רייף, אָרגאַניזירט, איינפלוסרייך, שעפעריש, מיט איין וואָרט: אַ בירגערטום מיט אַ העגעמאָנישער, אָנפירנדיקער ראָל אינם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון ישוב. דאַקעגן, וואָלטן מיר געדאַרפט מיינען, איז די אַרבעטער-באַוועגונג יונג, אומרייף, שוואַך, קראַפטלאָז, — אַ באַוועגונג אָן איינפלוס און וואָגיקייט אין לאַנד. — און ווי זעט עס אויס אינדערעמתן?

נאָך פינפאונפערציק יאָר קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט געפינען מיר אין ארץ-ישראל אַ צעריסן, צעשפּליטערט בירגערטום, אָרים אין געזעלשאַפטלעך-קולטורעלער הינזיכט, מאַכטלאָז אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הינזיכט, אָן אַ ווילן, אָן אַ וועג, אָן אַ פאַרבינדנדיקער און געמיינזאַמער אידיי. ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן ווי אַזוי דאָס ארץ-ישראלדיקע יידישע בירגערטום גייט צו וואַלן, צו דער אסיפת-הנבחרים, צו דער תל-אביבער עיריה, ווי אַזוי עס באַטייליקט זיך אין ציוניסטישן קאָנגרעס, — כדי זיך איבערצוצייגן וועגן זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער נישטיקייט. דעם „בעל-הבתישן" ישוב אין ארץ-ישראל האָבן נישט געהאָלפן די באַדייטנדיקע קולטורעלע און פּאָליטישע כוחות, וועלכע ס'האָט אַרויסגעבראַכט די ציוניסטישע באַוועגונג אין גלות: די אַלע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע עסקנים זענען קומענדיק קיין ארץ-

ישראל עפּעס ווי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די שכינה האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן אין דער טרוקענער, אומפּרוכטבאַרער סביבה פונם היגן יידישן בירגערטום.

ווי אַנדערש איז דער גורל פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. ווער וועט היינט נישט אָנערקענען און נישט מודה זיין, אַז דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער איז דער ווינקלשטיין אינם אויפבוי פון לאַנד, דער גרונט-פאַקטאָר אין דער פאָלקס-אויפלעבונג, דער הויפּט-אָנשפּאַר פונם יידישן ישוב, זיין קראַפט-מקור און שאַפונגס-קוואַל?

מיט וואָס דערקלערט זיך דערדאָזיקער ווידערשפּרוך? פאַרוואָס האָבן די אַלע קענטנישן, פעיקייטן, די פאַרגאַנגענהייט, דערפאַרונג, די קלאַסן-הילף פון גלות, – פאַרוואָס האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן דעם יידישן בעל-הבית צו ווערן אַן אָרגאַניזירטער און איינפלוסרייכער געזעלשאַפטלעכער כוח? ווי אַזוי איז עס געלונגען דעם יידישן אַרבעטער גובר צו זיין די איינזאַמקייט, די פרעמדע פאַרגאַנגענהייט, דעם מאַנגל אין מיטלען און אין דערפאַרונג; פונוואַנען האָט ער גענומען די אָרגאַניזיר-פעיקייט, די פעיקייט פון טאַט און דעראָבערונג, וועלכע האָבן אים אַוועקגעשטעלט בראש פונם ישוב, בראש פונם ציוניסטישן אויפבוי-ווערק?

צי האָט דען נישט ביידן געבראַכט אַהער דערזעלבער היסטאָרישער אידעישער פאַקטאָר? פאַרוואָס האָט זיך דאָ געענדערט זייער גורל? מיט, וואָס דערקלערט זיך, וואָס איין טייל איז דאָ אָפּגעשוואַכט און צעברעקלט געוואָרן בעת דער צווייטער האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסן און געשטאַרקט? פאַרוואָס האָט דער ערשטער פאַרלוירן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און דער צווייטער האָט זיך דערוואָרבן וואָס עס האָט אים געפעלט?

דער יידישער „בעל-הבית" איז געקומען קיין ארץ-ישראל מיט אַ נאַציאָנאַלער אידיי און מיט אַ נאַציאָנאַלן ווילן, פונקט אַזוי ווי דער יידישער אַרבעטער. אָבער דער נאַציאָנאַלער ווילן פונם בעל-הבית האָט זיך דאָ אין לאַנד צוזאַמענגעשטויסן מיט זיין קלאַסן-ווילן און זיינע קלאַסן-אינטערסן. אינם פּראָצעס פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג האָט זיך באַוויזן דער קעגנזאַץ צווישן דעם קלאַסן-אינטערעס פונם בעל-הבית און צווישן זיין נאַציאָנאַלן אידעאַל. און אָט דער אינערלעכער געראַנגל צווישן דעם קלאַסן-אינסטינקט און דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט האָט פאַרמשפּט דעם יידישן בעל-הבית אין ארץ-ישראל אויף קראַפטלאָזיקייט אינם פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס. פונם בעל-הבתישן קלאַס אין ארץ-ישראל האָט זיך אָ פּ גע ט אָ ן די נאַציאָנאַלע אידיי, און קיין שום קלאַס קען נישט שטיין אין שפּיץ פון פאָלק און איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט אָדער בלויז אַפילו די גייסטיקע העגעמאָניע, ווען ער דערשיינט נישט אַלס נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר וועגווייזער און פאַרטרעט נישט דורך זיין קלאַסן-טעטיקייט די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. אָן אַ באַצווינגענדיקער מלוכה-אידיי און אָן אַ היסטאָרישער נאַציאָנאַלער מיסיע איז אַ קלאַס נישט בכוח זיך צו אָרגאַניזירן און אָנצוּוואַרפן זיין געזעלשאַפטלעכע אָדער גייסטיקע העגעמאָניע אויף די איבעריקע קלאַסן אין פאָלק. דער קאַמף און די זאָרג פאַר העכערן דאָס דירה-געלט

אָדער פאַר אַראָפּדריקן דעם אַרבעטסלוין זענען נאָך נישט בכּוח אויפצוהויבן אַ בעל-הבתּישן עולם צו דער מדרגה פון אַ קלאַס, וואָס ווירקט און האָט אַ השפּעה אין פאָלק. די הערשנדיקע קלאַסן ביי אַנדערע פעלקער זענען שטענדיק, בעת זייער אויפשטייג, געווען אויך די וועגווייזערישע און פּראָגרעסיווע קלאַסן, זיי זענען געווען נישט בלויז אויסנוצערס און עקספּלאָאַטאַטאָרן נאָר אויך בויערס פון לענדער, אַנטוויקלער פון דער מלוכהשער ווירטשאַפט און נאַציאָנאַלער קולטור. ביי די אונטערגעדריקטע פעלקער זענען זיי געווען די קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. דער קלאַס, וואָס האָט נישט געטויגט דערצו האָט אויך נישט געטויגט צו זיין אַ הערשנדיקער און אָנפירנדיקער קלאַס.

דער היסטאָרישער אומגליק פונם יידישן בעל-הבתּישן שיכט אין ארץ-ישראל באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז נישט בכּוח צו מאַכן דעם ציוניסטישן פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס פאַר זיין קלאַסן-אויפטו. ער קען נישט זיין דער היסטאָרישער שליח פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און באַפרייונג, ווייל זיינע פּריוואַטע און קלאַסן-אינטערעסן פאַלן זיך נישט צונויף מיט די באַדערפנישן פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. דער קלאַסנקאַמף פון די „בעלי-בתּים”, אין דאָרף און אין שטאָט, רייסט זיי אָפּ פון זייער ציוניסטישער איבערצייגונג און צווינגט זיי צו פאַראַטן אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

נישט פּאַרמאָגנדיק קיין שום מלוכהשן אידעאַל, וואָס זאָל צוזאַמענשליסן דעם קלאַס און אים איבערגעבן אַ נאַציאָנאַלע שליחות, איז דער ציוניסטישער בעל-הבית אין ארץ-ישראל פאַראורטיילט אויף נאַציאָנאַלער אָפּשוואַכונג, פּאַראַליזירונג און אימפּאָטענץ. די „אַלגעמיינע” ציוניסטישע באַוועגונג, דאָס הייסט, דער „בעל-הבתּישער” ציוניזם, וועלכער איז אין גלות געווען און איז דער געזעלשאַפטלעכער הויפּט-כּוח אין יידישן פאָלק; די באַוועגונג, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן ערשטקלאַסיקע נאַציאָנאַלע פירער און עסקנים, און האָט געשאַפן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע ווערטן, — דידאָזיקע באַוועגונג האָט פאַרלוירן איר האַפט און קראַפט אויפן באָדן פון היימלאַנד. יחידים פון צווישן דער ציוניסטישער בורזשואַזיע האָבן עפּעס אויפגעטאָן און געשאַפן אין ארץ-ישראל, אָבער דאָס ציוניסטישע בירגערטום אַלס כּלל, אַלס קלאַס, האָט במשך פינפאונפערציק יאָר טעטיקייט אין לאַנד בלויז אַרויסגעוויזן זיין געזעלשאַפטלעכע צעבראָקלטקייט, זיין פּאָליטישע נישטיקייט און אומפּרודוקטבאַרקייט, זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן און נאַציאָנאַלן דורכפאַל.

און וואָס דער „בעל-הבית” האָט פאַרלוירן האָט דער אַרבעטער געוואונען.

דער סוד פונם וואוקס, פון דער אָרגאַניזירטקייט און פון די דעראָבערונגען פונם יידישן אַרבעטער איז אין דער פולשטענדיקער און אַבסאָלוטער אידענטישקייט פון זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן מיט די קלאַסן-אינטערעסן. דעם יידישן אַרבעטערס קלאַסן-אידעאַל איז דער מלוכהשער אידעאַל פון פּאָליטישן ציוניזם,

דער אַרבעטער באַטראַכט זיין קלאַס אַלס קערן פון פאָלק, אַלס דאָס צוקונפטיקע יידישע פאָלק. ער באַטראַכט אַלע נאַציאָנאַלע ווערטן אַלס זיין היסטאָרישע ירושה, און ער האַלט זיך פאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער גורל. ער נעמט אויף זיך די זאָרג פאַר זייער צוקונפט, אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג. ער געפינט איין, אַז דער אויפבוי פון לאַנד און דער אויפבוי פונם קלאַס זענען געבונדן איינס מיטן אַנדערן. זיין קלאַסנבאַוואוסטזיין ציט נישט יניקה פון ענגע, עגאָיסטישע אינטערעסן, וואָס זענען פרעמד און קעגנזעצלעך די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן, נאָר פונם קאָלעקטיוון אינטערעס פון אַ קלאַס, וואָס זיין אַרבעט איז אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט און זיינע באַדערפנישן זענען באַדערפנישן פונם לאַנד. די טיפע קלאַסן־קעגנזאַצן צווישן אים און די אַנדערע קלאַסן באַטראַכט ער נישט פונם שטאַנדפונקט פון זיינע מאָמענטאַלע אינטערעסן, נאָר פון דער היסטאָרישער פערספעקטיוו פון אַ קלאַס, וואָס גייט ווערן אַ פאָלק; ער פירט זיין קלאַסנ־קאַמף אין דער איבערצייגונג, אַז מיט דעמדאָזיקן קאַמף פאַרטיידיקט ער נישט בלויז זיינע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק.

דערדאָזיקער קלאַסנבאַוואוסטזיין איז געווען דער לעבעדיקער און באַפרוכפערנדיקער גייסט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט זיין כוח האָט זיך צונויפגעקליבן דער מענטשן־שטויב, וואָס איז געקומען אַהער פון אַלע לענדער אָן אַ געמיינזאַמער אַרבעטער־פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ קאָלאָניזאַטאָרישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג, אָן וואָרצלען אין דער גלותדיקער און ארץ ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט, אָן אַ בשותפותדיקער שפּראַך און קולטור, — און איז געוואָרן איין געשלאָסענע און פעסטע, ווילנס־אייניקע און אויפטו־רייכע קראַפט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין ישוב.

תל־אביב, י״ט טבת תרפ״ז (קונרעס רפז).

ד. אונזער שליחות אין פאָלק

(פון אַ פאָרשלאַג אין הסתדרות־ראַט)

די דריי גרויסע פראַגן, וואָס באַשעפטיקן אונז ביים איצטיקן מאָמענט, — אַרבעט, קאָלאָניזאַציע, עליה, — קענען נישט געלעזט ווערן אָן אַ גרינטלעכער ענדערונג אינעם מצב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די געלונגענע אָנשטרענגונגען פון די הסתדרות־אַנשטאַלטן צו פאַר־גרינגערן די אַרבעטסלאָזיקייט אין די לעצטע חדשים זענען עלול צו שאַפן ביי אונז אַ געפערלעכע זעלבסטצופרידנקייט און אַן איינרעדעניש, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדנונג. אָבער גראָד די קליינע אָטעם־פויזע, וואָס מיר האָבן איצטער, דאַרף אונז באַוועגן צו באַטראַכטן די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען אינדערעמתן. ס׳איז פאַרשוואונדן די שאַרפקייט און ביטערניש פונם קריזיס־

דער הונגער און די ליידיקגייעריי פון טויזנטער חברים אונזערע — אָבער דער קריזיס אין אַלגעמיין האָט נישט אויפגעהערט: עס ציט זיך נאָך אַלץ די פולשטענדיקע פּאַראַליזירונג פון דער ציוניסטישער פּאַרווירקלעכונג און די אַרבעטסלאָזיקייט וועט נישט געפינען קיין ראַדיקאַלע לעזונג, מען וועט נישט קענען איינאָרדנען די פאַרבליבענע אַרבעטסלאָזע ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט און אַריבערפירן די טויזנטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי צייטווייליקע און צופעליקע אַרבעטן, אין דער שטענדיקער, סטאַבילער דאָרפישער און שטאָטישער ווירטשאַפט; עס וועט נישט זיין קיין נייע אַרבעטער־קאָלאָניזירונג אין לאַנד און די טויערן פון לאַנד וועלן זיך נישט עפענען ברייט פאַר אַ חלוצישער און אַרבעטנדיקער עליה, — כּל־זמן אונז וועט נישט געלונגען געזונט צו מאַכן די ציוניסטישע באַוועגונג און פאַרשטאַרקן איר ווילן און אירע מעגלעכקייטן. די וואָרצלען פונם קריזיס אין א״י שטעקן אינם קריזיס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער וועג גובר צו זיין דעם קריזיס אין לאַנד פירט דורכן גובר זיין די אָפּגעלאָזנקייט, אַפּאַטיע, שוואַכקייט און אומגלויבן, וועלכע הערשן שוין אַרום צוויי יאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע, זייט דעם דורכפאַל פון דער „פערטער עליה״.

באַנייען די ציוניסטישע באַוועגונג, זי באַפרוכפּערן און אַקטיווידירן, און פאַרשטאַרקן אונזערע פּאָזיציעס אין איר, — דאָס איז די צענטראַלע אויפגאַבע, וואָס שטייט היינט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. פון איר הענגט אָפּ די לעזונג פאַר אַלע פראַגן, מיט וועלכע מיר מאַטערן זיך אין די איצטיקע שווערע צייטן.

צי פאַרמאָגן מיר אָט דעם כּוח צו דערהויבן די ציוניסטישע באַוועגונג און זי שטויסן צו באַנייטע אָנשטרענגונגען און דעראָבערונגען?

פונם ערשטן מאָמענט, זייט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז דערשינען אויף דער אַרענע פונם ישוב, איז באַשטימט געוואָרן זיין ראָל אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אַלס — הויפּט־טרעגער פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע און ערן־שטעלונג האָט דער יידישער אַרבעטער דערגרייכט אינם מאָמענט, ווען ער האָט דערקענט די באַזונדערע מיסיע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן אַרבעטנדיקן קלאַס אינם אויפבוי פון לאַנד און באַפרייונג פון פאָלק. דער אָנהויב דערפון דאַטירט אין דער „צווייטער עליה״ מיט 20-25 יאָר צוריק. די אַרבעטער פון דער ערשטער עליה האָבן באַטראַכט זייער אַרבעט בלויז אַלס צייטווייליקע נויטווענדיקייט און איבערגאַנג־שטופע צו אַן אַנדער קלאַס, זיי האָבן צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן געשטרעבט „אל המנוחה ואל הנחלה״. אין קעגנזאַץ צו די דאָזיקע אַרבעטער האָט דער אַרבעטער פון דער צווייטער עליה אויפגעהויבן די אַרבעט־פאָן און געראַטעוועט אונזער קאָלאָניזאַציע־אָנהויב אין ארץ־ישראל פון מאָראַלישן און נאַציאָנאַלן באַנקראָט, צו וועלכן

ס'זענען דערגאַנגען די מענטשן פון דער ערשטער עליה און די גרונט־לייגער פון אונזער נייעם ישוב אין לאַנד. וואָרום ביי זיי, ביי די „מנוחה ונחלה"־שטרעבער איז אונזער נאַציאָנאַלע איינאָרדנונג אין לאַנד, — דאָס אויסלייזן און אויפבויען ארץ־ישראל, — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עקספּלאָאַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט, אין אויסנוצונג פון פרעמדער מי.

די פאַרנאַכלעסיקטע ירושה פון די „ביל"ו־לייט—פון די ערשטע חלוצים פון ציוניסטישן פאַרווירקלעכונגס־ווערק – האָט אין דעם יידישן אַרבעטער געפונען איר געטרייען און איבערגעגעבענעם אויסלייזער.

דער יידישער אַרבעטער האָט צוריק אומגעקערט אונזער ווערק אין ארץ־ישראל זיין מאָראַלישע באַזע, וועלכע ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן. דער יידישער אַרבעטער האָט אין דעמדאָזיקן ווערק אַוויינגעגעבן די נאַציאָנאַלע נשמה און האָט עס באַלויכטן מיטן ליכט פון דער גרויסער וויזיע פון סאָציאַלער באַפרייונג.

און דאָס, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן בשעת דער צווייטער עליה, האָט ער מיט נאָך מער קראַפט און אימפּעט פאָרטגעזעצט בשעת דער דריטער עליה. די אַרבעטס־חלוצים פון דער דריטער עליה האָבן געשאַפן דאָס עמק־ווערק, זיי האָבן איינגעפירט די יידישע בוי־אַרבעט און האָבן געמאַכט דעם אָנהויב פון יידישער אַרבעט אין דער יינגער אינדוסטריע. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער גרויסער פּאָליטישער דעראָבערונג, וואָס דער ציוניזם האָט געחאונען מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע און מיט דער פעלקער־ליגע־אַנערקענונג פאַר דער „נאַציאָנאַלער היים", ווען נישט דידאָזיקע חלוצישע עליה און איר שאַפונג אין לאַנד. זי האָט געבראַכט צום אויסדרוק דעם ווילן און די מעגלעכקייטן פון יידישן פאָלק פּראַקטיש צו פאַרווירקלעכן זיין היסטאָריש רעכט, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן אויפן פעלקער־פאָרום. וואָלט דען נישט אונזער נישט־קענען רעאַליזירן דאָס דאָזיקע רעכט נישט דערפירט אונז צו אַ פּאָליטישן באַנקראָט תיכף נאָך אונזער דיפּלאָמאַטישן זיג?

די פּאָזיציע פון יידישן אַרבעטער אינם ציוניסטישן ווערק אין ארץ־ישראל האָט נישט קיין פּאַראַלעל און אַנטשפּרעכנדיקן כוח אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. איינע פון די סיבות פון ציוניסטישן קריזיס, כאָטש נישט זיין הויפּט־סיבה, איז דערדאָזיקער מאַנגל אין אַ אַנטשפּרעכנדיקן פּאַראַלעל און דער פאַראַנענער קעגנזאַץ צווישן די טרעגער פונם פאַרווירקלעכונגס־ווערק אין ארץ ישראל און צווישן די טרעגער פון דער באַוועגונג, וואָס פאַרזאָרגט און העלפט־מיט דעמדאָזיקן ווערק מיט אירע מאָראַלישע, פּאָליטישע און מאַטעריעלע מיטלען.

דער יידישער אַרבעטער איז געוועזן און איז דער הויפּט־טרעגער פונם ציוניסטישן פאַרווירקלעכונגס־ווערק אין ארץ־ישראל און ער האָט געלייגט זיין קלאַסן־שטעמפּל אויף דעם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם. דאַקעגן דער

הויפט-טרעגער פון דער ציוניסטישער וועלט-באַוועגונג, איר אָנפירער און טאָן-געבער איז געווען און איז עד־היום דער יידישער „בעל הבית“, וועל־כער האָט נישטווילנדיק און אָן פרייד שלום געמאַכט מיט דעם, וואָס שאַפט זיך אין ארץ-ישראל, — ווייל עס ליגט דערויף דער דערמאָנטער שטעמפּל און איז ממילא קענן זיין געזעלשאַפטלעכער נאַטור, קענן זיינע טראַדיציאָ־נעלע געוואוינהייטן און באַגריפן, קענן זיין קלאַסן-דערציונג. באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק האָט דער ציוניסטישער „בעל-הבית“ געהאָפט אויף אַ „וואַך-אָפּבייט“, וועלכער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער „הענעמאָניע“ פון דער אַרבעט אינם ציוניסטישן ווערק אין ארץ-ישראל. ער האָט נישט פאַ־שטאַנען, אַז די דאָזיקע „העגעמאָניע“ איז אַ רעזולטאַט פונם עצם מהות און פונם אינערלעכן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

דער עצם זין פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג איז דאָך אייגנט־לעך — דאָס דורכפירן די טיפע היסטאָרישע א־מוואַנדלונג, וועלכע קומט פאָר אינם לעבן פונם פאָלק. און אָט די אומוואַנדלונג באַשטייט דאָך נישט בלויז אין דער אָרט־ענדערונג, אינם אַריבערפירן יידישע מאַסן פון די גלות־לענדער אין דעם באַנייטן היימלאַנד, — זי באַשטייט דאָך אין אַ עקאָנאָ־מיש-געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור-ענדערונג, — די פאַראָרעמטע, אומפּראָדוק־טיווע יידישע מאַסן, וועלכע זיינען צוגעטשעפּעט צו פרעמדע עקאָנאָמישע קערפּערס און לעבן אין פרעמדע זכותים, אַריבערפירן צו אַ לעבן פון שאַפן און אַרבעט, צו איינוואָרצלונג אויף דער ערד, צו אַריינדרינגונג אין פרימערע פרנסה-קוועלן, אין לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטרי און מלאכה — צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. דער ארץ־ישראלדיקער יידישער אַרבעטער איז סיי דער נאַטירלעכער פּראָדוקט און סיי דער אַרויסרופער פון דערדאָזיקער באַוועגונג, ער איז גלייכצייטיק איר שאַפונג און באַשאַפער. און אלע כוחות און פאַק־טאָרן אין ציוניזם, — אויף וויפיל זיי העלפן-מיט דער ציוניסטישער פאַר־ווירקלעכונג, — זענען ממילא באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק מיטהעל־פער און אונטערשטיצער פונם וואוקס און אויפשטייג פון דעם יידישן אַר־בעטער-קלאַס. וואָרום דאָס שאַפן אַ יידישן אַרבעטער-קלאַס, וועלכער זאָל זיין קרעפטיק און שטאַרק אין אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע אין דאָרף און אין שטאָט, — דאָס איז טאַקע דער היסטאָרישער צוועק פון דעם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם.

אָבער דער ציוניסטישער בעל הבית, וועלכער איז נישט געווען בכוח זיך צו שטעלן העכער פון זיין ענגן קלאַסן-שטאַנדפּונקט, האָט נישט פאַר־שטאַנען דעם אומבאַרינגטן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין די טיפעניש פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. דאָס ציוניסטישע ווערק, וואָס וועבט זיך אין לאַנד נישט לויט זיין פאָרם און געשטאַלט, האָט אין אים ארויסגערופן שטוינונג: אַלס ציוניסט איז ער מחויב מיטצוהעלפן און שטיצן אַ זאַך, וואָס ער פאַרשטייט נישט, וואָס געפעלט אים נישט, וואָס

אַנטשפּרעכט נישט זיין גייסט. די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע ווערט געפירט דורכן ציוניסטישן בעל-הבית, איז אַליין נישט געווען שוה-בשוה מיטן ציוניסטישן ווערק, וואָס ווערט געשאַפן דורכן אַרבעטער.

אין דעמדאָזיקן געראַנגל, וואָס קומט פאָר אין ציוניזם אומאויפהערלעך צווישן די טרעגער פון דער באַוועגונג און די טרעגער פונם ווערק, האָבן געזיגט די לעצטע, כאָטש זיי זענען אין דער מינדערהייט און אין פלוג להלוטין אָפּהענגיק פון די ערשטע. זיי האָבן געזיגט, ווייל זיי, און נישט די מענטשן פון דער באַוועגונג, האָבן דערפילט די אמתע שליחות פונם ציוניזם און דורכגעפירט זיין היסטאָרישן ווילן. די מיטהעלפער פון דער באַוועגונג אין גלות האָבן געמוזט גערנווייליק פאָלגן די גזרה פונם אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל און טאָן זיין אַרבעט.

ב.

ביים אָנהויב פון דער „פערטער עליה" האָט זיך געדאַכט, אַז דער מצב וועט זיך ענדערן. דער גרויסער חלוצישער אויפשוואונג במשך פיר-פינף יאָר (1918-1923) מיט זיינע פילע דעראָבערונגען ביי נאַציאָנאַלע און רעגירונגס-אַרבעטן, ביי דער בוי-אַרבעט אין עמק, אין די קאָלאָניעס, האָט צוגעגרייט דעם וועג פאַר אַ ברייטער פאָלקס-עליה. ס'איז געקומען די קאָניונקטור פון די יאָרן 1924-1925. בשעתן אויסברוך פון דער ברייטער עליה האָט זיך אויסגעדאַכט דעם ציוניסטישן בעל-הבית, אַז דער ציוניסטישער פּראָווירקלעכונגס־פּראָצעס האָט געפונען אַ נייעם גואל – „דעם מיטלשטאַנד"; איצט וועט גרינגער ווערן די לאַסט – דאָס ציוניסטישע ווערק וועט באַפרייט ווערן פון געפאַנגענשאַפט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג, – האָט ער געמיינט, – וועט שוין מער נישט דאַרפן טאָגן דעם שווערן יאָך פון די רעוואָלוציאָנערן און בונטאָווטשיקעס. ער האָט געהאָפט, אַז פון איצט אָן וועלן די עולים פאַרטזעצן אין ארץ-ישראל זייער געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישן לעבן-שטייגער, אין וועלכן זיי און זייערע עלטערן זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן; דער ציוניזם וועט זיך שוין מער נישט לאָזן פאַרפירן דורך פאַנטאַזיעס און חלומות, אויסגעטראַכטע דורך די אַרבעטער-פירער, וועלכע זענען געכאַפּט אין טעאָריעס און מיינונגען, וואָס זענען פרעמד דעם עצם ציוניסטישן געדאַנק.

צו דעמדאָזיקן כאָר פון באַלעבאַטישע נביאים זיינען אויך צוגעשטאַנען כלומרשט „פּראָלעטאַרישע" אידעאָלאָגן, וועלכע האָבן צוליב „אַנאָרמאַלער ליניקייט" באַגריסט דאָס אַרויסשטויסן דעם יידישן אַרבעטער פון זיין חלוציש ער ראָל אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. אין כלערליי וואַריאַנטן און נוסחאות האָט זיך איבערגעחזרט דער באַקאַנטער פזמון פון דער „רע-וויזיע": באַסטאַ! דער מאָר, דער אַרבעטער האָט זיינס געטאָן, איצט זאָל ער אָפּטרעטן דאָס אָרט דעם געהעריקן בעל-הבית – דעם „מיטלשטאַנד".

און : דער מיטלשטאַנד איז געקומען און – דורכגעפאַלן. ער האָט געמוזט דורכפאַלן, ווייל ער האָט נישט געוואוסט דעם סוד פון אומוואַנדלונג

און איז נישט געווען גרייט צו דער ווערטן-איבערשאַצונג, וועלכע איז פאַר-בונדן מיט דער ציוניסטישער פּאַרווירקלעכונג און מיט דעם ארץ-ישראל אויפבוי. ער האָט געוואָלט אין ארץ-ישראל ווייטער גיין אויף די וועגן פון די יידישע גלות-פּרנסות, – ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ארץ ישראל איז נישט פּוילן. די פאַלשע נביאים פונם בירגערלעכן ציוניזם האָבן פאַרפירט די פאָלקס-עליה מיט פאַלשע האָפנונגען און פוסטע פאַנטאַזיעס, אַז אינם קליינעם אָרימען און וויסטן ארץ ישראל וועט דער מיטלשטאַנד האָבן אַ קיום אַזוי ווי ער איז, שוין איצט, אין דאָרף און אין שטאָט, אין לאַנד-ווירטשאַפט און אין אינדוסטריע. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשיד פון ארץ ישראל ביז פּוילן, וואו ס׳איז פאַראַן אַן אַרבעטער- און פּויערים-קלאַס, אויף וועמענס קעסט דערדאָזיקער יידישער מיטלשטאַנד לעבט.

די אינערציע-קראַפט און די פאָרטזעצונגס-תורות פון דעם ציוניסטישן בעל-הבית, וועלכע האָבן געפּרואווט אָפּפרעגן די פּיאָנערישקייט און אומוואַנדלונגס-שיטה פונם ציוניסטישן אַרבעטער, זענען דורכגעפאַלן ביים ערשטן ערנסטן באַריר מיט דער ארץ-ישראלדיקערווירקלעכקייט. צוזאַמען דערמיט איז אויך דורכגעפאַלן די ערשטע פאָלקס-מאַניפעסטאַציע פאַר ארץ-ישראל. די ערשטע פאָלקס-כוואַליע, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטאָן קיין ארץ ישראל מיט דער בעל-הבתישער סטיכיע, האָט זיך אומגעקערט ליידיק צוריק, ליידנדיק גרויסע שאָדנס, און איבערלאָזנדיק אַ ביטערע אַנטוישונג און אַן עקאָנאָמישן חורבן, אַ שווערן, מאַטעריעלן און גייסטיקן קריזיס.

דער דורכפאַל פונם "מיטלשטאַנדס" וועג אין דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג האָט אונז איבערגעלאָזן אַ מאַטעריעלן קריזיס אין לאַנד און אַ גייסטיקן קריזיס אין ציוניזם. דער יאוש פונם דורכגעפאַלענעם בעל-הבית האָט פאַרסמט די ציוניסטישע אַטמאָספערע. די באַוועגונג איז צעטרייסלט און צעשעדיקט געוואָרן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך גענומען קייקלען באַרג אַראָפּ צו ליקווידאַציע, זי האָט שלום געמאַכט מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט, מיטן אויפהערן יעדע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט. די וואָפּנטרעגער פונם אָפּיציעלן ציוניזם האָבן גענומען פרעדיקן – פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ליקווידירן דאָס ציוניסטישע ווערק (Abbau בלע״ז), וואַרפן די דעראָבערטע פּאָזיציעס.

דער טרעגער פון ציוניסטישן ווערק אין לאַנד – די אַרבעטערשאַפט – איז געבליבן פולשטענדיק פאַראיינזאַמט; איינזאַם אין די ליידן און צרות צוליבן קריזיס, איינזאַם אין די אָנשטרענגונגען און אינם קאַמף איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס, איינזאַם אין דער ציוניסטישער טרייהייט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פליכט און זיך אָפּגעזאָגט פון דעם טרעגער פון איר ווערק אין לאַנד.

ס׳איז אַ־ויס אויף דער אויבערפלאַך דער באַהאַלטענער ריס, וועלכער האָט עקזיסטירט די גאַנצע צייט צווישן די טרעגער פון דער באַוועגונג און די טרעגער פונם ווערק. די האָפנונג, וואָס האָט געהאַט אַ לייכט געטאָן דעם ציוניסטישן בעל-הבית, אַז ער וועט אַראָפּשטויסן דעם אַרבעטער פון

זיין דעצידירנדיקער און צענטראַלער פּאָזיציע אין דעם ציוניסטישן פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס און וועט אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן דעם „מיטלשטאַנד", – דידאָזיקע האָפנונג האָט פאַרפירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער נייער פּרעטענדענט האָט, אמת, נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרואוו און נישט באַפרידיקט די האָפנונגען, וואָס מ'האָט אויף אים געלייגט. אָבער די אַנטוישונג האָט נישט פאַרבעסערט דעם מצב נאָר פאַרערגערט. דער ציוניסטישער בעל-הבית איז געבליבן נישט אַהין נישט אַהער. און די באַוועגונג, וואָס ער איז געווען איר הויפּט-טרעגער, האָט פאַרלוירן יעדן פּאָזיטיוון און ממשותדיקן אינהאַלט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אָפּגעקערט פונם לעבעדיקן ווערק אין ארץ-ישראל, וואָס עס האָבן געשאַפן די אַרבעטער.

דאָס פולשטענדיקע אָפּשטעלן די ציוניסטישע טעטיקייט אין ארץ-ישראל צוליבן קריזיס אין ישוב און אין ציוניזם – שטעלט אַוועק פאַר דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג אַ שווער און זייער פאַראַנטוואָרטלעך פּראָבלעם.

די געפאַלענע ציוניסטישע באַוועגונג האָט שלום געמאַכט מיטן אָפּשטעלן די ציוניסטישע טעטיקייט אין ארץ ישראל, אָבער די טרעגער פון דערדאָזיקער טעטיקייט קענען נישט שלום מאַכן מיט דער געפאַלנקייט פון דער באַוועגונג.

דער אָפיציעלער ציוניסט געפינט נישט אין קיין שום סתירה צווישן זיין „ציוניזם" און צווישן די פאַרמאַכטע טויערן פון לאַנד, וועלכע עפענען זיך פון צייט צו צייט בלויז פאַר צוריקפאָרער. ער ליידט נישט פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן שטילשטאַנד און אים אַרט נישט דאָס ליידיקגיין און הונגערן פון הונדערטער און טויזנטער אַרבעטס-חלוצים.

אָבער די אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט פאַרבונדן איר לעבנס-גורל מיט דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, וועט האַנדלען פאַרברעכעריש לגבי זיך אַליין, אויב זי וועט נישט אויסגעפינען אַ וועג פאַרן קוואַל פון דער באַוועגונג, וואָס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן, ער זאָל ווידער קענען אָנטרינקען און באַפרוכפערן די טריקעניש.

אָנהויבן שאַפן אַ ברייטע פאָלקס-באַוועגונג, אַ באַוועגונג מיט ענטוזיאַזם און ווילן, מיט כּוח און אויפטו-קאַרפט, וועלכע זאָל געמריי העלפן דעם אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל, – אָט דאָס איז דאָס גרויסע געבאָט פון דער צייט פאַר דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

ג.

ווער-זשע זאָל זיין דער אָנהויבער? ווער-זשע וועט זיין דער שעפער פון דער נייער און געטרייער פאָלקס-באַוועגונג, וועלכע זאָל שליסן אַן אמתן און דויערהאַפטן בונד צווישן זיך און אירע פאַרווירקלעכער אין ארץ ישראל? ווער וועט עס זיין דער שעפער פון דער באַוועגונג, וועלכע זאָל זיך שטעלן צום שווערן באַמף ערלעך און אופריכטיק, און וועלכער זאָל זיך נישט איבערשרעקן פאַר די שטערונגען, שטרויכלונגען און דורכפאַלן, וואָס דערוואַרטן איר? ווער פאַרמאַגט עס די קראַפט, דעם כּוח צו אָנטרעקן

פאַרבאָרגענע קוואַלן, וואָס ריזלען אין די פאָלקס-טיפענישן, און אַרויסצוברענגען די באַהאַלטענע, ביז איצט אומבאַרירטע ענערגיע? וועמען וועט עס געלונגען טעטיק צו מאַכן נייע כוחות אין און אויסער דער מחנה, און זיי מאָביליזירן און קאָנצענטרירן אַרום דעם פאַרווירקלעכונגס-ווערק, אַרום זיין וויזיע?

די תשובה איז איינע: אויב ס'איז פאַראַן אַזאַ כוח, איז ער ביי אונז, ביי דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. עס איז דער קאָלעקטיווער און געשלאָסענער כוח אין לאַנד — דער כוח פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — פון דער הסתדרות.

דער יידישער אַרבעטער איז ביז איצט געווען דער שליח און אויספירער פונם ציוניזם אין ארץ-ישראל. די שליחות איז געווען אַן אייגנאַרטיקע: זי האָט דערפילט אירע פונקציעס אָן אַ מאַנדאַט. די אַרמיי פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג איז געווען אַן אַרמיי פון פרייוויליקע, וועלכע זענען דורך קיינעם נישט איינגעלאַדן געוואָרן. זיי האָבן זיך אַליין מאָביליזירט און זענען געקומען אויף די פּאָזיציעס מיטן אייגענעם ווילן. זיי האָבן געאַרבעט און געטאָן פאַרן ציוניזם, אָבער נישט אין זיין נאָמען. דער אָפיציעלער ציוניזם האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט ווער זענען עס זיינע אויספירער אין ארץ-ישראל. דער אָפיציעלער ציוניזם האָט נישט גערופן צו זעלבסט-פאַרווירקלעכונג, ער האָט נישט אויפגעפאָדערט און נישט מחייב געווען דערצו זיינע אָנהענגער. און ווען אַזעלכע זענען אומגעבעטענערהייט יאָ געקומען — האָט ער אַ צייט לאַנג זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט זיי. אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט האָט דער אַרבעטער אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין ארץ-ישראל. ער איז געווען איינזאַם אין ציוניזם און איינזאַם אין ישוב. די חברים פון יענע, וועלכע האָבן זוכה געווען צו טראָגן דעם ערן-נאָמען „בילו״, האָבן דעם אַרבעטער אַ נאָמען געגעבן „שמענדריק״.

אין דער געשיכטע פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג איז נישטאָ קיין איין אויפטו, וועלכער זאָל תחילת נישט אויפגענומען ווערן מיט פרעמדקייט, מיט אומפאַרשטענדניש, אָדער אפילו מיט קעגנערשאַפט און קאַמף מצד פאַרשידענע קרייזן אין ישוב און אין ציוניזם. דער עצם אַרבעט-אידעאַל, וואָס איז, דוכט זיך, אַן עלעמענטאַרער באַגריף אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז בשעתו נישט דערשאַצט און נישט פאַרשטאַנען געוואָרן דורכן גרעסטן און טיפסטן דענקער אין דער „חיבת-ציון״-באַוועגונג. די אַרבעט-אויפטוען, די שמירה, די אַרבעט-קאָלאָניזאַציע, די דערציונגס-אַנשטאַלטן, די קולטור-אַרבעט, די קאָאָפּעראַציע און קיבוצישע ווירטשאַפט, רעכט אין די ישוב-אינסטאַנצן, אַט דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן נאָר דורך אָנשטרענגונגען און געראַנגל, און וועגן אַ סאַך פון די דערמאָנטע זאַכן ציט זיך נאָך עד היום דער קאַמף, אָבער אין דער זעלבער צייט זענען אַ סאַך פון די ווערטן און אויפטוען, וואָס די ארץ-ישראלדיקע אַר-

בעטער האָבן געשאַפן און אַנטוויקלט, געוואָרן דאָס אַלגעמיינע אייגנטום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער „שמענדריקיזם" איז מיט דער צייט געוואָרן די נשמה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און די אַמאָל אויסגעלאַכטע „שמענדריקעס" זיינען געוואָרן דער דעצידירנדיקער און הויפּט־כוח אינם ישוב. זיי זענען געוואָרן אַווירטשאַפטלעכער, קולטורעלער, מאָראַלישער, אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּאָליטישער כוח, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, נישט אין ארץ־ישראל און נישט ערגעץ־ווו אין איינעם פון די יידישע ישובים אין גלות.

ביז איצט איז דערדאָזיקער כוח געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין זיך, אינם פאַרווירקלעכונגס־ווערק אין ארץ־ישראל. די צופּאַסונג צום לאַנד, דאָס אַריינדרינגען אין די פאַרשידענע אַרבעט־צווייגן, דאָס שאַפן די אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט, דאָס דערוואַרבן די שפּראַך, דאָס שאַפן דעם נייעם שטייגער, די אָרגאַניזירונג און אייניקונג פונם אַרבעטער־קלאַס, דאָס אויסשמידן די נייע קולטור־ און געזעלשאַפט־פאָרמען — דאָס אַלץ האָט ביז איצט פאַרשלונגען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, די ענערגיע און קראַפט פון דער אַרבעטערשאַפט. די טיפע לייב־און לעבן־אויפטרייסלענדיקע רעוואָלוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל, אין דער אַרבעטער־מחנה, האָט פאַרלאַנגט די אַבסאָלוטע קאָנצענטרירונג פון דעם ווילן און דעם געדאַנק, דאָס געפיל און דעם באַוואוסטזיין אַרום איין־איינציקן פּונקט. אַזוי־אַרום איז געשאַפן געוואָרן דאָס גרונט־קעמערל פון דער אַרבעט־געזעלשאַפט, דער טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און יידישער מלוכהשקייט.

אָבער אינם פּראָצעס פון שאַפן דעם ערשטן קערן פונם אַרבעטער־קלאַס, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיין אַנטשטייונג דעם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם אין ארץ־ישראל, איז אָן וווערטער און אָן אַ פּונקטאָרויסיקן פּלאַן געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אַ נייעם, מעכטיקן פאַקטאָר אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג; אין שאַפונגס־פּראָצעס פון דער יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל איז אויסגעשמידט געוואָרן דער ערשטער אינסטרומענט, וועלכער קען צושטעלן נייע כלים און אינסטרומענטן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג.

דאָס אַרבעט־ווערק אין ארץ־ישראל איז נישט בלויז אַ וויכטיקער שטאַפּל אינם לייטער פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג אין לאַנד, נאָר אויך אַ גרויסער פאַקטאָר פאַר דער דערהויבונג פון דער גאַנצער באַוועגונג. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט געענדערט דאָס אויסזען פונם גאַנצן ישוב, — האָט באַשטראַלט מיט אַ ניי ליכט די ציוניסטישע באַוועגונג און האָט אַרויסגערופן צום לעבן נייע כוחות אין גלות. דער בכור פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט איז געווען די החלוץ־באַוועגונג. אין קעגנזאַץ צום אָפיציעלן, בעל־הבתישן ציוניזם, וועלכער איז צו גאָרנישט מחייב, וועלכער פאַרלאַנגט גאָרנישט פון זיינע אָנהענגער און

ענדערט נישט זייער פריוואַט לעבן, — האָט זיך אונטער דער השפעה פון די ארץ-ישראלדיקע ציוניזם-פאַרווירקלעכער געגומען שאַפן אַ נייער, רעוואָלוציאָנערער און חלוצישער ציוניזם. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ ציוניזם פון זעלבסט-פאַרווירקלעכונג, וועלכער ווערט בעל-הבית איבער זיינע אָנהענגער; אַ ציוניזם, וואָס ענדערט זייער לעבנס-וועג אנטשפרעכנד צו זיינע באַדערפענישן און גרייט זיי צו צום דערפילן די מיסיע פון דער באַוועגונג אין ארץ-ישראל. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט נישט בלויז באַפרוכפערט און פאַרטיפט דעם אינהאַלט פון ציוניזם, נאָר זי האָט אויך אויסגעברייטערט זיין ראַם און איינפלוס-קרייז.

דאָס לעבעדיקע ווערק פון די חלוצים פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם האָט דורכגעלייגט אַ וועג צו קרייזן און שיכטן, וועלכע זענען במשך צענדליקער יאָרן געווען פאַרשפאַרט און אָפּגעשלאָסן פאַרן אַבסטראַקטן ציוניסטישן געדאַנק. די פעסטונגען פון שנאה און פרעמדקייט צום ציוניזם, וועלכע זענען אויפגעבויט געוואָרן דורך דער אַסימילירטער און אָפּטריניקער אינטעליגענץ אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין גלות; דידאָזיקע פעסטונגען, וועלכע האָבן במשך צוואַנציק יאָר אויסגעהאַלטן אַלע אָנגריפן און שטורעמס פונם פראָלעטאַרישן און סאָציאַליסטיש-ציוניסטישן געדאַנק — זענען סוף כל סוף איינגעבראָכן געוואָרן, כאָטש נאָך נישט פולשטענדיק דעראָבערט, דורך דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. ווייזט אויס, אַז דער כוח פון דער רעאַלער טאַט איז שטאַרקער פונם כוח פון דער אַבסטראַקטער טעאָריע און אַרגומענטאַציע.

דאָס, וואָס איז ביז איצט דורכן ארץ-ישראלדיקן יידישן אַרבעטער געטאָן געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג כלאחר-יד, אָן אַ ספּעציעלן מיין, אָן אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, אָן אַן איינגעשטעלטער אָרדנונג; דאָס, וואָס איז איצט דורך אים געמאַכט געוואָרן אומדירעקט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין טעטיקייט אין ארץ-ישראל, — דאַרף פון איצט אָן געמאַכט ווערן מיט ערנסטער צוגרייטונג, מיט קאָנצענטרירטע אָנשטרענגונגען, מיט אַ גרויסן פאַרנעם, מיט שטאַרקן ווילן און פעסטן גלויבן, מיט אחריות און עקשנות, אַזוי ווי עס ווערט געטאָן אונזער אַרבעט אין לאַנד. דער קריזיס אין לאַנד און אין ציוניזם האָט באַוויזן מיט טראַגישער קלאָרקייט, אַז מען קען נישט אָפּטיילן די אַרבעט אין לאַנד פון דער באַוועגונג אין פאָלק. דער גורל פונם ווערק און דער גורל פון דער באַוועגונג זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. און די אחריות פאַר ביידע ליגט מיט דער גאַנצער שווערקייט אויף די, וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגעווילט צו זיין די פאָלקס-שליחים און צו רעאַליזירן די ציוניסטישע טאַט אין ארץ-ישראל.

דער יידישער אַרבעטער דאַרף באַנייען און געזונט מאַכן די ציוניסטישע באַוועגונג, פונקט ווי ער האָט באַנייט און געזונט געמאַכט דאָס אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל; ער מוז דעראָבערן פאַר זיך אַן אָנפירנדיקע

און וועג-ווייזערישע ראָל אין ציוניזם, פונקט ווי ער האָט עס געטאָן אין ישוב; ער דאַרף ווערן דער טאַט-אַרויסרופער, פונקט ווי ער איז ביז איצט געווען דער טוער. וואָרום אין פאָלק ווי אין לאַנד קען טויגן און אַנט-שפּרעכן און מצליח זיין בלויז איין שליחות: די שליחות פון יענע, וועלכע האָבן זיך רעשטלאָז און באַדינגונגס-לאָז אָפּגעגעבן דעם אויפבוי-ווערק און וועלכע האָבן צוגעפּאַסט זייער אַרבעט צום היסטאָרישן ווילן פון דער באַוועגונג.

תל אביב, ב"ח אדר תרפ"ח (דבר 7—861).

ה. וואַך-אָפּבייט

(פון אַ פאָרטראַג וועגן אַרבעט-קאָנגרעס אין הסתדרות-ראַט)

א.

אונזער טעטיקייט געפינט זיך אין אַ פּישוף-קרייז: דער אַנטשיידנדי-קער פראָנט איז אין ארץ-ישראל, אָבער די גרויסע מחנה איז אין גלות. ווען מ'האָט גערעדט וועגן מצב אין דער הסתדרות האָבן חברים, מיט רעכט, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר טאָרן נישט אַרויסשיקן חברים אין חוץ-לארץ, בעת אונזער לאַגע אין לאַנד איז אַ שווערע. און אין לאַנד איז אַזאַ לאַגע נישט בלויז בשעת אַ קריזיס, נאָר אויך אין גוטע צייטן. און ווען מען האָט גערעדט וועגן עליה האָבן די חברים — ווידער, מיט רעכט — געפאָדערט צו שיקן צענדליקער חברים אין גלות, כדי צו דער-ציען די יוגנט צום דערפילן איר אויפגאַבע אין ארץ-ישראל. מיר האָבן אָנערקענט די נויטיקייט אָפּצוהיטן שטאַרק די „קליניקייטן" און מיר זענען פול מיט זאָרג פאַר די „גרויסע זאַכן". און ס'אַנטשטייט אַ פראַגע: וואָס פריער — די טאַט אָדער די אידיי? די פאַרווירקלעכנדיקע טאַט אָדער די באַוועגונג, וואָס דערמעגלעכט זי? אונזער ענטפער קען זיין נאָר איינער: נישטאָ קיין פריער און שפּעטער, נישטאָ קיין אָדער-אָדער, נישטאָ קיין דאָ און דאָרט, נישטאָ קיין קליניקייטן און גרויסע זאַכן, — דיאַלעקטיקע קעגנזאַצן עקזיסטירן בלויז אין דער ספערע פון דער פאָרמעלער לאָגיק. די היסטאָ-רישע לאָגיק אָנערקענט נישט צוויי אָפּגעזונדערטע געביטן, צוויי באַזונדערע סוביעקטן, צוויי פאַרשידענע מאָסשטאַבן. די באַוועגונג און דאָס ווערק, די אידיי און די טאַט, דער פּרט און דער כּלל — זיי ציען יניקה איינס פון דאָס אַנדערע, זיי זענען איינס מיטן אַנדערן געבונדן דורך אַ קעגנזייטי-קער, אומאויפהערלעכער באַווירקונג.

אָן דער היסטאָרישער מיסיע און וויזיע וועט די טאַט פאַרקליינלעכט ווערן און פאַלן, און אָן דעם לעבעדיקן און פאַרווירקלעכנדיקן ווערק וועט די באַוועגונג אויסגעליידיקט ווערן און די אידיי וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פוסטער, נאַרישער פראַזע, אין אַ אימפּאָטענטן רעוויזיאָניזם. אין צענטער פון דער באַוועגונג שטייט די אַרבעט און שאַפונג אין ארץ-ישראל,

אָבער אַ גרוב ווערט נישט פול בלויז מיט זיין חלל. דער געזעץ פון וואוקס און אויפשטייג ליידט נישט קיין קינסטלעכע מחיצות און גרענעצן, דער וואָרצל פרוּווט דורכדרינגען אין יעדן פאַרשטאָפּטן שאַפּונגס-קוואַל און די צווייגן צעשפּרייטן זיך אין אַלע זייטן. די גרעניץ פון צעשפּרייטונג איז אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון דער אינערלעכער וואוקס-קראַפט, וועלכע איז באַהאַלטן אינם לעבעדיקן, אויפשפּראָצנדיקן קערן, אויב אויסערלעכע אומשטאַנדן פאַרהאַלטן נישט די אַנטוויקלונג.

לאָמיר זיך אָקאָרשט דערמאָנען וויאַזוי אונזער באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן. עס זענען געקומען קיין ארץ-ישראל יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, אָן אַ פּאַך און אָן דערפאַרונג אין אַרבעט. געקומען זענען זיי אין אַן אָרים און וויסט לאַנד, אָן אַ ווירטשאַפט, אָן אַ קולטור, אָן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. דאָ האָבן זיי געפונען אַ ביליקן אַרבעטס-מאַרק. וויניק באַדאַרפנדיקע אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך עקספּלאָאַטירן און אויסנוצן אָן אַ גרעניץ. געטראָפן האָבן זיי דאָ פאַרכרעמדעטע און אָפּלאָכנדיקע ברידער, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם אידעאַל, וואָס האָט זיי אַמאָל אַהער געבראַכט. די באַוועגונג, אין וועמענס נאָמען די דאָזיקע יונגעלייט זענען געגאַנגען, האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי, פון אירע געטריַיע שליחים, ווייל זי האָט זיי גישט פאַרשטאַנען. דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אונטער אַ צעפּוילטן און פאַרדאָרבענעם רעזשים. דאָס לעבן איז נישט געווען זיכער און די אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין שום שוץ, און געקומען זענען זיי, די דערמאָנטע יונגעלייט, אָן אַלעם, אָן מאַטעריעלע מיטלען און אָן קיין שום געזעלשאַפטלעכער הילף. דערצו האָבן זיי נאָך אַליין קלאָר נישט געוואוסט זייער וועג. איין זאַך האָבן זיי פאַרמאָגט: אַ גרויסן אידעאַל און אַ גרויסן ווילן, צו וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן געטריי און עקשנותדיק, — דעם אַרבעטס-אידעאַל און דעם אַרבעטס-ווילן.

און אָט די איינציקע זאַך האָט זיי געהאָלפן גובר צו זיין אַלץ: די שוואַכקייט פון זייער פאַרגאַנגענהייט, דעם מאַנגל אין דערפאַרונג, די לעבנס-שווערקייט אין אַ וויסט לאַנד, די פרעמדקייט פון דער סביבה, דאָס צָפּקערן זיך פון דער באַוועגונג, דעם האַס פון די בעלי-הבתים, די קאָנקורענץ פון ביליקער אַרבעט, די אידעישע געפאַלנקייט פונם ישוב.

דער אַרבעטס-אידעאַל האָט זיך טיף פאַרוואָרצלט אינם באָדן פון היימלאַנד און עס האָט צוויסגעבראַכט אַן אַרבעטער-מחנה מיט גרויסע מעגלעכקייטן און אַ שטאַרקן איינפלוס. בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זינט זיי לעבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט, זענען געוואָרן געניטע און פאַכמענישע ערד-אַרבעטער. זיי האָבן אויך דעראָבערט אַנדערע אַרבעטס-צווייגן. זיי האָבן אויפגעבויט ווירטשאַפטן, וואָס האָבן געענדערט דאָס גאַנצע אויסזען פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ-ישראל. זיי האָבן געשאַפן עקאָנאָמישע און קולטורעלע ווערטן און ווערק, וועלכע האָבן גרויס געמאַכט דעם אָנזען און די באַדייטונג פונם ישוב אין יידישן פאָלק. זיי האָבן אויסגעשמידט נייע לעבנס- און געזעלשאַפטס-פאָרמען, וועלכע זענען געוואָרן מוס-

טערן. זיי האָבן איינגעפלאַנצט זייער אידיי אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן נעצוואונגען דעם אָפּטרינניקן יידישן בעל-הבית אָנצו-קומען צו יידישער אַרבעט און אַראָפּנעמען אַזויאַרום די חרפּה פונם ישוב. זיי האָבן באַוויזן די רעגירונג אַרויסצוגעבן אַ נייע אַרבעטער-שוץ-געזעצ-געבונג. זיי זענען געוואָרן די וועג-ווייזער פאַר דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געשאַפן דעם גרעסטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אָרגאַניזירטן כּוח אין ישוב — די אַר-בעטער-אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן זיך געשטעלט בראש דעם קאַמף פונם ישוב פאַר זיינע פּאָליטישע רעכט און פאָדערונגען. זיי האָבן זוכה געווען אויסצו-בילדן אין ארץ-ישראל און אין גלות אַ נייעם דור, וואָס וועט פאַרזעצן זייער אַרבעט אין ישוב און אין ציוניזם. דאָס לעצטע איז אפשר געווען דער גרעסטער נצחון פונם ארץ-ישראלדיקן יידישן אַרבעטער, — ער האָט דערצויגן דעם נייעם דור און אים געמאַכט פאַר אַ געטרייען פאָרטזעצער פון זיין אויפטו אין לאַנד. דער החלוץ אין גלות און דער הנוער-העובד אין ארץ-ישראל זענען די טייערסטע דערגרייכונגען פון אונזער באַוועגונג. נישטאָ נאָך איין דערגרייכונג, וועלכע זאָל, ווי זיי, עדות-זאָגן וועגן דער לעבנס-קראַפט, וועגן דעם אינערלעכן כּוח און ווערט פון דער ארץ-ישראל-דיקער אַרבעטער-באַוועגונג.

אָבער די באַוועגונג אונזערע האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם לעצטן הויכפּונקט. די געשיכטע רופט אונז צו ווייטערדיקן וואוקס, צו ווייטערדיקן אויפשטייג. מיר ווערן אויפגעפאָדערט צו נייע אָנשטרענגונגען, כּדי צו דער-פילן די שליחות, אין וועמענס נאָמען מיר גייען. צוזאַמען מיטן פאַרפעסטיקן אונזערע פּאָזיציעס אין לאַנד, מיטן פאַרברייטערן אונזער טעטיקייט, מיטן פאַרשטאַרקן די אינערלעכע קאָנסאָלידירטקייט, מיטן אָפּשטויסן די אָנגריפן קעגן אונז, צוזאַמען מיט אַ נייעם שטורעם פון אונזער זייט צו באַנייען די עליה און די קאָלאָניזאַציע, — מוזן מיר דורכפירן אַ גרויסע און שווערע אַקציע אינם גאַנצן גלות, כּדי צו פאַרזיכערן דער אַרבעט אַ העגעמאָניע אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אָן דער דאָזיקער העגעמאָניע איז די ציוניסטישע באַוועגונג עלול אַראָפּצוגיין פונם וועג און צו פאַרקריפּלען איר היסטאָרישן אינהאַלט בעתן פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס.

די פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם מיינט — דורכפירן צוויי גרונטלעכע אומוואַנדלונגען אינם לעבן פון יידישן פאָלק: א) אַריבערפירן די נאַציע פון צעשפּליטערטקייט צו אַ געמיינזאַם לעבן אין היימלאַנד; ב) אַריבער-פירן די נאַציע, וואָס איז אָפּגעריסן פון באָדן און אַרבעט — צו אַן אַר-בעטס-לעבן אויפן באָדן פונם היימלאַנד. דידאָזיקע צוויי אומוואַנדלונגען זענען פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער און איינע קען נישט דורכגע-פירט ווערן אָן דער צווייטער. דאָס יידישע פאָלק וועט נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן ערד- און אַרבעט-פאָלק אין אַ פרעמד לאַנד, און — דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נישט אומקערן אין זיין לאַנד אַריין, נישט אומ-קערנדיק זיך צו ערד און אַרבעט. אין גלות איז אוממעגלעך אַ גרונטלע-

כער תיקון פאַר אַ באָדנלאָז און צעחייסיקט פאָלק, און אין ארץ-ישראל חעט קיין תיקון נישט געפונען אַ נישט-אַרבעט-פאָלק.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן צוליבן פעלן פון אַ געזונט לעבן, צוליב דער אָביעקטיווער אוממעגלעכקייט פאַר אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ אין גלות, און דער ציוניזם קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך אַ מאַסן-איבערגאַנג צו אַן ארבעטס-לעבן און צו אַ באָדן-פאַרוואָרצלונג. די געאָגראַפיש-פּאָליטישע אומוואַנדלונג איז אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכער אומוואַנדלונג. די מאַסן יידישע קרעמער, סוחרים, חינט-מענטשן וועלן זיך דאָ נישט איינאָרדנען און נישט בילדן דאָ אַ טעריטאָריאַל-זעלבסטשטענדיקע נאַציע, — סיידן זיי וועלן זיך אומוואַנדלען אין מאַסן אַרבעטנדיקע. דאָס איז די טאָפּלטע, געצוואונגענע אומוואַנדלונג, וועלכע ליגט אינם אינערלעכן מהות פון זיך-פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם.

אויף וויפיל דער ציוניזם האַלט זיך אין פאַרווירקלעכן, ברענגט מיט זיך די דערמאָנטע אומוואַנדלונג אַ סאָציאַלן וואַך׳אָפּבייט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער בעל-הבתישער קלאַס, וועלכער איז געשטאַנען במשך דורות אין דער שפּיץ פון דער נאַציע, דער קלאַס, וועלכער האָט געשאַפן און איינגעשטעלט די פאָלקס-ווערטן און האָט זיך באַטראַכט אַלס דאָס גאַנצע פאָלק, — דער דאָזיקער קלאַס איז פאַראורטיילט צו פאַרענדיקן זיין ראָל פון דעם פירער און העגעמאָן פון דער נאַציע, פון דעם אויסדריקער פון אירע באַדערפנישן און איר וועג-ווייזער. מיטן כוח פון דער אינערלעכער לאָגיק, וועלכע עס שאַפט די געצוואונגענע אומוואַנדלונג, וואָס קומט מיט דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, וואַקסט אויף אַ נייער קלאַס, דער אַרבעטער-קלאַס, וועלכער דערפילט אין ארץ-ישראל די הויפּט-שליחות פון דער נאַציע אין איר אויפלעבונגס-פּראָצעס.

דער בעל-הבתישער קלאַס איז נישט בלויז אין זיין אייגענעם באַוואוסטזיין, נאָר אינם מאַסן-באַוואוסטזיין, געווען אידענטיש מיטן יידישן פאָלק. במשך דורות האָט ער פאַרטרעטן די אינטערעסן פון פאָלק און אָפּגעהיט זיינע באַדערפנישן, ער האָט פאַרטיידיקט זיין כבוד און געווען זיין אויסדריקער אין דער ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט. ער איז געווען דער קלאַס, וואָס האָט געדינט אַלס ציל און מוסטער פאַר די אַנדערע קלאַסן, ער האָט אין זיך אַריינגענומען די בעסטע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע כוחות פון דער נאַציע. ער האָט געקענט איינהאַלטן זיין געזעלשאַפטלעכע העגעמאָניע אין גלות צוליב דער נעבעכדיקער, אָרימער לאַגע פון די פאָלקס-מאַסן. אויף וויפיל דער ציוניזם האַלט זיך אין פאַרווירקלעכן, אויף וויפיל דער אַרבעטס-כוח — די הויפּט-אַקס אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — שטייגט און וואַקסט, ווערט אַלץ בולטער די שמאָלע קלאַסן-איינשטעלונג פונם בעל-הבית, וועמענס קלאַסן-אינטערעסן שטויסן זיך אָפט צוזאַמען מיט די פאָלקס-אינטערעסן. דער זיך-פאַרווירקלעכנדיקער ציוניזם נעמט אַראָפּ די נאַציאָנאַלע קרוין פון קאָפּ פונם בעל-הבית און דעקט אָפּ זיין קלאַסן-נאַקעטקייט.

דער ציוניזם ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט און ער שאַפט נישט פון פאָרויס קיין סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואו ס'זענען נישטאָ קיין קלאַסנקעגנזאַצן. אין דער נייער געזעלשאַפט, וואָס אַנטשטייט אין ארץ ישראל, וואַקסט אויך אויף אַ קאַפּיטאַליסטן-קלאַס, און — ביי געוויסע אומשטאַנדן — איז ער מסוגל צו דערפילן אויך אַ פּאָזיטיווע און נוצלעכע ראָל אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ער איז אָבער שוין מער נישט מסוגל זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער נאַציע, צו שטיין אין איר שפּיץ, צו זיין דער אויסדריקער פון אירע היסטאָרישע וואונטשן און באַדערפנישן, ער קען שוין מער נישט אויספאָרמען איר צוקונפט לויט זיין אייגענעם מוסטער און געשטאַלט. די דאָזיקע ראָל איז איצט באַשערט דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכער שאַפט זיך אין ארץ-ישראל.

ב.

דער נאַציאָנאַלער אויפשטייג פון אַרבעטער-קלאַס, זיין אויפהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ פאָלקס-פאָרשטייער, זיין איבערנעמען די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע פון די הענט פונם קאַפּיטאַליסטן-קלאַס צו זיך, — דאָס איז אין אונזער צייט דער צענטראַלער און באַדייטנדיקסטער פאַקט אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון די אייראָפּעישע פעלקער. נישט אומעטום האָט דער אַרבעטער-קלאַס דעראָבערט די מאַכט. פאַראַן לענדער, וואו די מאַכט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די אַרבעטער נאָכדעם, ווי זיי האָבן זי שוין אַ געוויסע צייט געהאַט אין האַנט. אָבער אויך אין די לענדער, וואו די בורזשואַזיע רעגירט נאָך, שטיצט זיך שוין נישט מער איר הערשאַפט, ווי אַמאָל, אויף דער אין גרונט פאַלשער מיינונג, וועלכע איז צייטן-לאַנג געווען איינגעוואָרצלט אין פאָלקס-באַוואוסטזיין, אַז בורזשואַזיע און פאָלק איז איינס-און-דאָס-זעלבע. די בורזשואַזיע ווערט אַלץ מער און מער געשטויסן דורכן אַרבעטער-קלאַס צו אַ מצב פון אַ אונטערדריקנדיקער מינדערהייט, וואָס אירע אינטערעסן געפינען זיך אין אַן אָפענער סתירה מיט די אינטערעסן פון דער אונטערדריקטער מערהייט.

דאַקעגן ווערט די אַרבעטער-באַוועגונג אַלץ מער און מער אַ פאָלקס-באַוועגונג. אָנשטאָט דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט במשך דורות קאָנצענטרירט אַרום זיך די מערסטע פאָלקס-שיכטן, הויבט אָן דער אַרבעטער-קלאַס צו פאַרייניקן אונטער זיין פאָן די ברייטע מאַסן, אויך די, וואָס געהערן נישט צו אים קלאַסנמעסיק. פון אַן אָפּגעזונדערטן און פאַראיינזאַמטן קלאַס, ווי ער איז געווען ביים אָנהויב פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווערט ער דער צענטראַלער קערן פון פאָלק. דער נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטלעכער שווערפּונקט גייט איבער פון דער בורזשואַזיע צו די אַרבעטער. דער אַרבעטער באַטראַכט זיך אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק; דאָס דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט איז בלויז איינער פון די שטאַפּלען אינם לייטער פון אומבאַדינגטן, כסדרדיקן אויפשטייג פונם אַרבעטער-קלאַס. פאַר דער פּאָליטישער אומוואַנדלונג קומט די געזעלשאַפט-

לעכע אומוואַנדלונג, די דאָזיקע אומוואַנדלונג קומט פאַר פּאַמעלעך, אָבער אָן אָפּשטעל; זי קומט פאַר אינם פאָלקס־באַוואוסטזיין און טראָגט אין זיך די זיכערסטע און בעסטע גאַראַנטיע אויף פאַר דער פּאָליטישער אומוואַנדלונג.

דער אויפשטייג פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין גלות האָט זיך אָנגעשטויסן אָן צוויי שטערונגען, וועלכע האָבן אים פאַרצוימט דעם וועג אַרויף: דאָס פעלן פון אַ זעלבסטשטענדיק מלוכה־לעבן און דאָס פעלן פון אַ עקאָנאָמישער באַזע. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נישט געקוקט אויף איר גרויסער אָרגאַניזיר־טעטיקייט, — איז איר געווען אוממעגלעך צו דעראָבערן פאַר זיך אַ צענטראַלע שטעלונג אינם לעבן פון פאָלק און צו לייגן איר חותם אויפן נאַציאָנאַלן געדאַנק און באַוואוסטזיין, אויף דער נאַציאָנאַלער בעזעלשאַפטלעכקייט.

אין גלות האָט די אַרבעט פאַרנומען און פאַרנעמט עד־היום אַ נישטיק און נעבעכדיק אָרט אינם פאָלקס־לעבן. די הויפּט־מקורים פון אַרבעט זענען כמעט לחלוטין געווען אָפּגעשלאָסן פאַרן יידישן אַרבעטער. די יידישע אַרבעט איז געווען איינגעשרענקט אין האַנטווערקעריי און אין פאַרוואָרפענע ווינקלען. דער נעבעכדיקער מצב פון דער אַרבעט האָט ממילא אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציעס פונם אַרבעטער און פאַרקלענערט זיין האַריזאָנט. בלויז אין אַמעריקע, וואו צוליב דער מאַסן־עמיגראַציע איז אויך פאָרגעקומען אַ מאַסן־פּראָלעטאַריזאַציע, איז געלונגען דעם יידישן אַרבעטער צו פאַרנעמען אַ באַדייטנדיק, כמעט צענטראַלע שטעלונג אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פּרעסע. און אויך דאָרטן ווערט די דאָזיקע שטעלונג אָפּגעשוואַכט, צוליב דער אָפּגעהאַלטענער פּראָלעטאַריזירונג, וואָס קומט צוליב דער אָפּשטעלונג פונם עמיגראַציע־שטראָם.

אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער איז נאָך קיינמאָל נישט געלונגען דעם יידישן אַרבעטער צו ווערן אַ נאַציאָנאַלער כוח. אָפטמאָל, אין רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדן, האָט דער יידישער אַרבעטער געשפּילט אַ פּיאָנערישע ראָל אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זיין השפעה אינעווייניק, אינם פאָלקס־לעבן איז געווען שוואַך און נישטיק. דער איינפלוס פונם יידישן אַרבעטער איז כמעט נישט אַריבער די גרעניצן פון זיין פּאַרטיי און פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

דער נאַציאָנאַלער האָריזאָנט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף וויפיל ער איז געקומען צום אויסדרוק דורכן „בונד" — די איינציקע פּראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, — איז געווען און פאַרבליבן עד היום אַ שמאָלער און באַגרעניצטער. נאָך אַ דרייסיק־יעריקער עקזיסטענץ איז איר נישט געלונגען אַרויסצוקומען פון די ד' אמות פון אירע באַגרעניצטע אינטערעסן, בעת די אַרומיקע פּראָלעטאַריער פון אַנדערע פעלקער זענען דערווייל געוואָרן דעצידירנדיקע און אָפט אַפילו

הערנשנדיקע-נאציאנאלע פאקטארן, וועלכע האבן גרינטלעך געענדערט דעם היסטארישן גורל פון זייערע פעלקער.

די נאציאנאלע אויפלעבונגס-באוועגונג, וועלכע האט זיך ברייט פונאנ-דערגעכוואליעט אינם לעבן פון יידישן פאלק, האט כמעט ווי אויסגעמיטן דעם יידישן ארבעטער. דער ארבעטער האט נישט בלויז געשטעלט זיך אין איר שפיץ, נאר ער האט אפילו נישט באוויזן זיך מיטצוכאפן מיט איר, זי צו דערהויבן און זיך צו דערהויבן צוזאמען מיט איר. די ברייטע מאסן-אקציעס, וועלכע זענען פארגעקומען ביי אנטשפרעכנדע היסטארישע גע-לעגנהייטן, זענען נישט אנגעפירט געווארן דורך דעם יידישן ארבעטער, נאר דורכן בעל-הבית. אינם באדנלאזן פאלק, וואס פארמאגט נישט קיין זעלבסטשטענדיק מלוכה-לעבן און האט נישט קיין פעסטע עקאנאמישע ארבעטס-באזע, האט דער יידישער ארבעטער זיך נישט געקענט דערהויבן צו דער מדרגה פון א פידער און וועג-ווייזער. ער האט אפילו נישט דערגרייכט די מדרגה פון א אינערלעך-געאייניקטן קלאס, וואס האט א דעה איבער זיינע אינטערעסן. נישט האבנדיק פאר זיך קיין נאציאנאלן האריזאנט, אן היסטארישער אחריות פארן גורל פון פאלק, אן ערנסטער זארג פאר דער צוקונפט, — האט דער יידישער ארבעטער אין גלות נישט פארמאגט יענעם נויטיקן מאראלישן צעמענט, וואס זאל אים צונויפהאלטן אלס איין געזעלשאפטלעכע גאנצקייט.

די אידעישע, פאליטישע און געזעלשאפטלעכע העגעמאניע אינם לעבן פון פאלק אין גלות איז פארבליבן ביים יידישן בירגערטום. דער ארבעטער איז, א דאנק דער שמאלער און וואקלדיקער ארבעטס-באזע פונם פאלק אין גלות, פארבליבן אפגעזונדערט איז זיין ענגען באשרענקטן קלאסן-ווינקל.

ג.

דער ציוניזם האט געעפנט פאר דער יידישער ארבעט נייע האריזאנטן און האט געענדערט די היסטארישע פאזיציע פונם יידישן ארבעטער אין דעם לעבן פון דער נאציע. דעם ארץ-ישראלדיקן יידישן ארבעטער איז באשערט געווארן ארויסצוגיין פון זיין קלאסן-ווינקל און זיך שטעלן אין דער שפיץ פון דער טיפער רעוואלוציע, וואס דער ציוניזם דארף דורכפירן אינם לעבן פונם פאלק, אין זיינע עקזיסטענץ-יסודות. צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג איז דער יידישער ארבעטער אין ארץ-ישראל געשטעלט געווארן פאר א נאציאנאלער, היסטא-רישער פאראנטווארטלעכקייט, פאר אויפבוי-פראבלעמען אין לאנד-מאסשטאב, פאר זעלבסטשטענדיקע מלוכהשע פראבלעמען.

די פראגע פון יידישער ארבעט אין ארץ-ישראל איז נישט קיין קלאסן-פראבלעם, נאר א ציוניסטיש פראבלעם, — דאס ציוניסטישע פראב-לעם. דער עקאנאמישער אינהאלט פון דער ציוניסטישער פארווירקלעכונג באשטייט אינם זיכערן דעם יידישן פאלק ארבעטס-מעגלעכקייטן אין א לאנד-מאסשטאב. די עקאנאמישע באדייטונג פון דער ארבעט אין דער פאלקס-

עקזיסטענץ באַשטימט די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פונם אַרבעטער אינם פאָלקס-לעבן. די פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם ברענגט מיט זיך דעם נאַציאָנאַלן אויפשטייג פונם אַרבעטער-קלאַס אין ארץ-ישראל. דער ארץ-ישראל-דיקער אַרבעטער-קלאַס פירט אויס די שליחות פון דער נאַציע אויף איר וועג צו באַפרייונג, ער איז דער קערן פון דער נייער נאַציע. די צוקונפט און די אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאַס זענען אידענטיש מיט דער צוקונפט און אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, וועלכע וועלן קומען קיין ארץ-ישראל און זיך דאָ איינוואָרצלען אויסשליסלעך דורך אַרבעט.

דער פּאָליטישער און סאָציאַלער האָריזאָנט פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער, זיינע קולטור-שטרעבונגען, זיין מאָראַלישער פּרצוף, זענען לחלוטין אַנדערע ווי די פון דעם יידישן אַרבעטער אין גלות. זיין פאַראַנטוואָרטלעכע און אַנטשיידנדיקע פּאָזיציע אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם באַשטימט זיין כאַראַקטער, געדאַנקען-גאַנג און באַדייטונג-מאָס. דער סאָציאַלער פּאַטאָס פונם יידישן אַרבעטער אין גלות קומט פונם קוואַל פון פאַרביטערונג און פאַרצוואָרנטקייט פון אַ קראַפטלאָזער און דורכן גורל באַליידיקטער געזעל-שאַפט, זיין פּאָליטישע שטעלונג איז — געשוואוירענע אָפּאָזיציע צום „כלל ישראל". דאַקעגן דער סאָציאַלער פּאַטאָס פונם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער ציט יניקה פון דער ספּעציעלער לאַגע פון לאַנד-דעראָבערער. זיין קלאַסנ-באַוואוסטזיין איז באַשטראַלט מיטן ליכט פון דער גאולה-וויזיע. ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון די היסטאָרישע שאַפונגען און חפצים פונם יידישן פאָלק, נאָר ער שטרעבט זיי צו דעראָבערן און ירשענען. זיין פּאָליטישער וועג איז — נישט אָפּשיידן זיך פונם נאַציאָנאַלן כלל, נאָר זיך שטעלן אין זיין שפּיץ.

אין זיינע ראַנגלעניש און קאַמפן, אין זיינע דעראָבערונגען און שאַפונגען זעט פאַר זיך דער ארץ-ישראלדיקער יידישער אַרבעטער די היסטאָרישע צוקונפט: ווערן פון אַן אַרבעטנדיקן קלאַס — אַן אַרבעטנדיק פאָלק. אָט דאָס איז די נאַציאָנאַלע מיסיע פונם אַרבעטער-קלאַס.

תל-אביב, ה' שבט תרפ"ט (דבר 1108).

ו. דער ערשטער קאָנגרעס פון אַרבעטנדן ארץ-ישראל

א. דערעפענונגס-רעדע

חשובער קאָנגרעס!

די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין א"י, וועלכע האָט צונויפגערופן דעמדאָזיקן קאָנגרעס, שיקט איר האַרציקן גרוס די פאַרזאַמעלטע דאָ און אַלע זייערע ווייטער אומעטום, וואו זיי זענען, און אין איר נאָמען זאָג איך אַלע דעלעגאַטן, איינגעלאַדענע חברים און געסט: ברוכים הבאים!

מיט צופרידנקייט און דערמונטערונג האָבן די א״י־אַרבעטער געהערט וועגן בריטן און מעכטיקן אָפּקלאַנג, וואָס דער רוף פון דער הסתדרות האָט געפונען אין אַלע צעשפּרייטקייטן פון יידישן פאָלק, און באַזונדערס צווישן די אַרבעטער־מאַסן, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און דער אינטעליגענץ.

נישט אָן ספקות און חששות האָט די הסתדרות אָנגענומען מיט צוויי און אַ האַלב יאָר צוריק דעם באַשלוס וועגן צונויפרופן אַ וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן א״י, און נאָר מיט אַ 3 חדשים צוריק האָט די עקזעקוטיווע פון דער הסתדרות געקענט באַטראַכטן די פראַגע וועגן פאַרווירקלעכן דידאָזיקע החלטה און וועגן רופן דעם קאָנגרעס. נישט קוקנדיק אויף דער קורצער צייט פון פּראַקטישע צוגרייטונגען און נישט קוקנדיק אויף די געאָגראַפישע שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונזער צעשפּרייטקייט, — האָבן זיך אָפּגערופן אויפן רוף פון דער הסתדרות איבער 400 טויזנט מענטשן פון אַלע עקן פון גלות. קיין איין צוזאַמענקונפט פון יידישע אַרבעטער האָט נישט זוכה געווען צו אַזאַ צאָלרייכער באַטייליקונג. באַזונדערס דאַרף איך באַצייכענען דעם וואָגיקן אָנטייל פון די צוויי גרעסטע יידישע צענטערן אין דער וועלט: די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט אַ פולמאַכט צו רעדן אין נאָמען פון אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער און פריינט פונם אַרבעטנדן א״י, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין דעם א״י־אַרבעטער־קאַמפּיין, וועלכער ווערט יאָר־איין יאָר־אויס איינגעאָרדנט דורכן געווערקשאַפטן־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. אין אַ געוויסער מאָס האָבן די אַמעריקאַנער חברים דאָס רעכט צו באַטראַכטן זיך אַלס די טאַטעס פונם דאָזיקן קאָנגרעס, וואָרים נאָך אין יאָר 1918 איז זיך צוזאַמענגעקומען אין ניו־יאָרק אַ יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר א״י, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

די דעלעגאַטן פון פוילן זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך דירעקטע וואַלן, וועלכע זענען ספּעציעל איינגעאָרדנט געוואָרן צום דאָזיקן קאָנגרעס לויט וואַל־קאַרטן אין דער צאָל פון קרוב צו 100.000.

מיט אַ טיפן צער דאַרף איך אָנווייזן, אַז ביי הונדערטער און טויזנטער איבערגעגעבנסטע און טרייעסטע אונזערע חברים איז באַרויבט געוואָרן די פרייהייט צו טרעפן זיך מיט אונז; די תפיסות און פאַרשיקונגס־פּונקטן אין רוסלאַנד האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די בעסטע פון דער יידישער יוגנט און פאַר זייערע אויסדערוויילטסטע. מיר גלייבן אָבער, אַז זייערע העראָישע ליידן וועלן נישט בלייבן אומזיסט.

עס איז אוממעגלעך נישט צו באַדויערן אויף די אָפּוועזנהייט פון אַ טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכער האָט אַמאָל דערפילט אַ פּיאָנער־אויפגאַבע אין לעבן פון יידישן פאָלק אין חוץ לארץ, און וואָס עד־היום שאַצן מיר אָפּ זיין פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער אין פוילן. די מענטשן פון פוילישן „בונד״ האָבן אויסגעמיטן צו קומען צו אונז, וואָרים אויך זיי זענען געפּעטעט אין אַ געפענגעניש פון זייערע אַמאָליקע אָנשויונגען, און כדי צו פאַרדעקן

זייער היסטאָרישן טעות, האָבן זיי אויסגעקליבן צו פאַרלייקענען דאָס אַרבעטנדע ארץ ישראל, וואָס בלים און וואַקסט, נישט רעכנענדיק זיך מיט זייערע פאַלשע נביאות. מיר האָפן אָבער, אַז פונם וואוקס פונם אַרבעטנדן ארץ ישראל וועט אויך דער פּוילישער „בונד" שעפן כוח און מאָראַלישע קראַפט אויף באַפרייען זיך פון די פאַלשע דאָגמעס, ווי דאָס האָבן געטאָן די בעסטע זיינע חברים אין אַמעריקע, און „בונד" וועט געפינען אַן אָרט אין דער אַלוועלטלעכער קאָנסאָלידירונג פונם יידישן אַרבעטער-קלאַס אַרום דעם באַפרייענדיקן ווערק פונם אַרבעטנדן ארץ ישראל.

חשובער קאָנגרעס, דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס, וועלכער איז באַשלאָסן געוואָרן אין די טעג פון דערמונטערונג און ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר אונזער ווערק אין לאַנד, זאָל זיך צונויפקומען אין אַ שעה פון שווערן קריזיס פאַר אונזער באַוועגונג. די געשעענישן פון אויגוסט און מאַי — זייער שווערער שאָטן ליגט נאָך אויף אונזער אַרבעט און עקזיסטענץ.

די שחיטה אין די אויגוסט-טעג, דער רעזולטאַט פון דער פאַרברעכערישער פּראָפּאַגאַנדע, פון רעליגיעזער העצע און פּאָליטישע שטרעבונגען פון דער כנופיה מופטים און עקספּלאָאַטאַטאָרן, וועלכע זוכן צו פאַרפעסטיקן זייער וואַקלדיקע מאַכט איבער די אַראַבישע פאָלקס-מאַסן דורך פונאַנדערבלאָזן דעם רעליגיעזן און ראַסן-האַס און דעם קאַמף פון פאָלק קעגן פאָלק — האָט נישט אַרויסגעריסן פון אונזער האַרץ דאָס באַוואוסטזיין פון בשותּפותדיקן גורל, וועלכער פאַרבינדט דאָס יידישע פאָלק, וואָס קערט זיך אום צו זיין לאַנד, מיט זיינע אַראַבישע שכנים, די זין פון לאַנד און פון אַרום אים. די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען בעת די געשעענישן געשטאַנען מיטן געווער אין האַנט אויפן פּראָנט פון זעלבסטשוץ קעגן די אָנפאַלער, האָבן אויף מאָרגן נאָך די געוואַלט-טאַטן דערקלערט:

„מיר וועלן נישט מוותּר זיין אויף גאָרנישט פון אונזערע ציוניסטישע שטרעבונגען, מיר וועלן זיך אַפילו אויף איין רגע נישט צוריקציען פון פאַרשטאַרקן אונזער ווערק אין לאַנד — מיר וועלן אָבער בשום-אופן נישט צולאָזן צו זיך קיין שום געדאַנקען וועגן נקמה און נאַציאָנאַלן חרם. מיר קערן זיך אום אין אונזער לאַנד, כדי צו בויען דאָרט אונזער צוקונפט מיט אייגענער קראַפט אין אונזער אייגענעם רשות, און נישט אויפן חשבון פון אַנדערע און צו זייער רעה. מיר זענען פאַראינטערעסירט און מיר ווילן אויפבליען דאָס לאַנד מיט אַ ל ע זיינע איינוואוינער. בויענדיק אונזער לאַנד, וועלן מיר אויפריכטן אַלע זיינע קינדער. אונזער האַנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט צו שלום, וועט זיך נישט צוריקציען פאַר דער שווערד פון רוצחים. ווי פריער, וועלן מיר כסדר פאָרטזעצן אונזער שטרעבונג אויפצושטעלן שכנותדיקע באַציונגען פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדניש און הילף. ווי ביז איצט, וועלן מיר זיין גרייט צו אַ בשותּפותדיקער טעטיקייט מיט די אַראַבישע אַרבעטער און מיר וועלן אויפריכטיק מיטהעלפן יעדן אָנהייב און פּרוואו פונם אַראַבישן אַרבעטער צו קעמפן פאַר פאַרבעסערן די תּנאים פון זיין אַרבעט און אָרגאַניזירונג".

נאָכן בלוטיקן אטענטאַט אויפן לעבן פונם ישוב, איז געקומען דער פּאָליטישער אטענטאַט, וועלכער איז נישט ווייניקער שרעקלעך און דער שיטערנדיק פאַר דער נשמה פון אונזער ווערק. נאָכן פאַרעפנטלעכן די פּאַלשע ווערטער פון דער מערהייט פון דער שאָו־קאָמיסיע, האָט די מאַנדאַט־רעגירונג פאַרבאָטן די אַרבעטער־עליה, טראָץ דער דרינגענדיקער באַדערפניש אויף אַרבעטס־הענט, וואָס די א״י־רעגירונג האָט אַליין אָנערקענט. טראָץ די בלוטיקע געשעענישן, האָט דער כוח און וואוקס פונם ישוב זיך נישט אָפּגעשטעלט, און די אויפבוי־אַרבעט איז נישט קלענער געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיך פערברייטערט. די צענטראַלע רעגירונג גופא ווייזט אָן אין איר יערלעכן באַריכט פאַרן יאָר 1929 צו דער פעלקער־ליגע די ווירטשאַפטלעכע פאַרפעסטיקונג פונם ישוב נאָך די אויגוסט־געשעענישן,

„די פּאָרטגייענדע פאַרבעסערונג פון די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען — ווערט געזאָגט אינם באַריכט — האָט געבראַכט צו דער שאַפונג פון נייע אַרבעטס־קוועלן אין דער אינדוסטריע, בוי־אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט. די נאָכפראַגע אויף אַרבעטער־הענט האָט טראָץ דער שטערונג פון די אומרוען, איבערגעשטיגן דעם אָנבאָט״.

אין אַזאַ מצב האָבן מיר נישט געקענט נישט איינזען אינם עליה־פאַרבאָט קיין אַנדערע זאַך, ווי אַ נאָכגעבן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג די מאָרד־אָרגאַניזאַטאָרן. און נישט בלויז מיר — אַזוי איז די זאַך באַטראַכט געוואָרן דורך דער גאַנצער עפנטלעכער מיינונג איבער דער וועלט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אינם באַריכט פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע,

דערדאָזיקער קלאַפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, איז געווען נאָך פילפאַך פיינלעכער צוליב דעם, וואָס ער איז געקומען אין דער צייט פון אַן אַרבעטער־רעגירונג, צו וועלכער עס געהערן טרייע פריינט פון אונזער ווערק און וועמענס שעף און פירער עס האָט אונז געזען ביי אונזער אַרבעט. דער שעף פון דער אַרבעטער־רעגירונג, האָט נאָכן באַזוכן דאָס לאַנד מיט עטליכע יאָר צוריק געשריבן: „דער ייד, וואָס קומט אין לאַנד, איז אַ מענטש פון אַרבעט און פון וויזיע. ווען ער אַרבעט, זייעט און פלאַנצט, פירט ער אויס אַ עליחות און אַ פליכט. ווען ער אַרבעט האָט ער דאָס געפיל, אַז ער גיט דעם לאַנד מער, ווי ער באַקומט דערפון. ווע גן דער איגערלעכער באַדייטונג פונם יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד קען נישט זיין קיין ספק. צען אַזעלכע אַרבעטס־יאָר, ווי איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, וועלן פאַרגרעסערן דאָס רייכטום פון לאַנד הונדערט פאַכיק״.

„דער אַראַבישער ישוב נוצט נישט אויס די רייכטימער פון לאַנד און קען זיי נישט אַנטוויקלען. יעדער מענטש, וואָס קען דאָס לאַנד, ווייס אַז אין דעם נישט צוויפלען. די צאָל איינוואוינער פון א״י אין אונזער צייט איז קלענער פון דער צאָל איינוואוינער בלויז פון גליל אין דער צייט פון ישו. דאָס לאַנד ווערט נישט אַנטוויקלט און זיינע איינוואוינער זענען ווינציק. ברייטע באָדן־שטחים ווערן נישט באַאַרבעט — און דער באַזעצטער

שטח ווערט באַארבעט אויף אַ פּרימיטיוון אופן. דער ירדן און ירמוק שטראָמען מיט געבענטשטע וואסערן, אָבער קיינער באַנוצט זיך נישט מיט זיי. די יידישע קאָלאָניזאַציע ענדערט דאָס אַלץ. אין ארץ ישראל איז פאַראַן באָדן פאַר הונדערטער טויזנטער יידן און דאָס לאַנד פאָדערט הויך נייע אַרבעטער און נייעם פלייס".

אין גייסט פון דידאָזיקע ווערטער שרייבט אויך דער פאָרשטייער פון דער בריטישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין דער שאָו-קאָמיסיע.

די בריטישע אַרבעטער-באַוועגונג איז נישט ווייניקער פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג שולדיק אַ טיפן דאַנק איר חבר האַרי סנעל פאַר זיינע שטאַרקע, גערעכטע און ריכטיקע ווערטער, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פריינטשאַפט און אָנערקענונג סיי פאַרן יידישן, סיי פאַרן אַראַבישן פאָלק. ווערטער, וועלכע האָבן אַראָפּגענומען די חרפה פון דער שאָו-קאָמיסיע פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי אין ענגלאַנד.

און דעריבער זענען מיר נאָך מער דערשטוינט געוואָרן פונם פיינלעכן פאַקט, וואָס נישט דער גייסט פון דער בריטישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פאַראַטן איר פאַרשטענדניש און צושטימונג צום באַפרייענדיקן ווערק פונם יידישן פאָלק און אַרבעטער אין זייער לאַנד, נאָר די שעדלעכע טראַדיציע פונם קאָלאָניאַלן באַאַמטנטום זענען עס געווען אינם דאָזיקן קריזיס-יאָר דער וועג-ווייזער פאַר טאַטן פון דער אַרבעטער-רעגירונג, וועלכע ברענגען פאַר אונזער אַרבעט אין ארץ ישראל גרויסע שוועריקייטן.

אָבער דערדאָזיקער שמערצפולער פאַקט ברעכט נישט אונזער גלויבן אין די געפילן פון יושר און אינם מאָראַלישן כוח פון ענגלישן אַרבעטס-פאָלק. קיין שום צייטווייליקער דורכפאַל און קיין שום פאַרבייגייענדיקער טעות פון די אַרבעטער-פאָרשטייער איז נישט ביכולת אָפּצושוואַכן אונזער גלויבן אינם מאָראַלישן זיג פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

אַ פאָלק, ווי מיר, וואָס זיין כוח איז נאָר אין דער גערעכטיקייט פון זיין שטרעבונג און אין דער ריינקייט פון זיין אַרבעט, — האָט נישט קיין אַנדערן אויסערן שטיץ-פונקט אין דער וועלט, ווי די אַרבעטער-כוחות, וועלכע שטרעבן צו דער הערשאַפט פון יושר און גלייכהייט אין די באַציונגען פון פעלקער און מענטשן.

דער גאַנצער קאָמפּלעקס פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די געשעענישן פונם לעצטן יאָר, וועלן נאָך שטיין פאַר אַן אַרומנעמענדיקער און גרינטלעכער אויפקלערונג אויף אונזער קאָנגרעס.

איצט וויל איך נאָר באַזונדערס אונטערשטרייכן, אַז נישט צוליבן קריזיס, נאָר טראָץ אים, האָבן מיר צוזאַמענגערופן דעמדאָזיקן קאָנגרעס.

השובער קאָנגרעס! נישט קיין צייטווייליקע שוועריקייט, נישט קיין צורך-הרגע, נישט קיין פאַריבערגייענדיקע אויפגאַבע האָבן אַרויסגערופן אָט דעם היינטיקן קאָנגרעס. זיין צוועק איז נישט קיין אויפמונטערונגס-רייד,

נישט קיין אויסדרוק פון סימפּאַטיע און נישט קיין דעמאָנסטראַציע כּלפּי חוץ אָדער כּלפּי פּנים.

נאָך 25 יאָר פון רעוואָלוציאָנערן אויפטו, פון חלוצישער אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג, וועלכע איז געווען דורכאויס געווענדעט כּלפּי פּנים, זיך צוצופּאַסן צום לאַנד, אַריינדרינגען אין די נייע אַרבעטס-צווייגן, אויפשטעלן אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין דאָרף און אין שטאָט, דעראָבערן די שפּראַך, שאַפן אַ נייעם לעבנס-שטייגער פון אַרבעטס-מענטשן, אָרגאַניזירן און פאַרייניקן דעם אַרבעטער-קלאַס, אויסגעשטאַלטן נייע קולטור- און געזעלשאַפט-פאָרמען, וועלכע האָבן איבערגעאַנדערשט דעם אויסזען פונם ישוב און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שטעמפּל פון שאַפנדיקער אַרבעט, אין אַזאַ מאָס, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין קיין שום אַנדערן יידישן ישוב, – זעט זיך דער א״י-אַרבעטער באַרופן צו ריכטן פון איצט אָן זיינע אָנשטרענגונגען אויך צום צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק אין חוץ-לאָרץ, מיטן גלויבן, אַז די צוקונפט פון פאָלק און דער גורל פון ארץ-ישראל וועלן באַשטימט ווערן דורכן יידישן אַרבעטער. מיטן דאָזיקן באַוואוסטזיין האָט די הסתּדרות צוזאַמענגערופן דעם ערשטן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל.

די קערפּערשאַפט, וואָס האָט אויף זיך גענומען דידאָזיקע דרייסטע איניציאַטיוו, איז נישט קיין פּאַרטיי. די הסתּדרות פאַרייניקט אין זיך אַלע אַרבעטער פון א״י, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און ריכטונג. די הסתּדרות פרעגט נישט וועגן דעם אני-מאמין פון אירע חברים. ווער עס לעבט פון זיין אַרבעט און עקספּלאָאַטירט נישט דעם צווייטן, איז באַרעכטיקט צו זיין אַ מיטגליד פון דער הסתּדרות. די הסתּדרות איז אָבער נישט בלויז אַ געווערקשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזם; נישט בלויז מאַטעריעלע באַדערפענישן און עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָבן צוזאַמענגעשמידט די א״י-אַרבעטער צו אַ געשלאָסענער איינהייט, וואָס האָט אפשר נישט קיין גלייכן אין דער גאַנצער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין גאָר דער וועלט. די הסתּדרות איז – לויט איר גייסטיקן וועזן און לויט איר היסטאָרישן ווילן, — אַ בונד פון שטאַטס-באַגרינדער. נישט קיין שטאַט פון געוואַלט און אונטערדריקונג, נאָר פון אַרבעט און גלייכהייט. נישט מיטן כּוח פון פּראָזעאָלאָגיע, נישט מיט מיליטאַריסטישע מעשי-תּעתּועים. נישט מיטן אויפהייבן אַ פויסט, נישט מיטן כּישוף פון דיפּלאָמאַטיע. אָט אין דער פאַרקריפּלונג פון דער יידישער רענעסאַנס-אידיי זעט דער יידישער אַרבעטער נאָר אַ קראַנקהאַפטן גלגול פון מיטלאַלטערלעכער קבלה, וואָס האָט געגלייבט צו פאַרוואַנדלען אַ טויט ליים אין אַ לעבעדיקן גולם מיטן כּוח פון שם המפורש. די מאָדערניזירטע פּאָליטישע טעאָלאָגיע פון דעם פּראַגער גולם איז נאָר אַ סימפּטאָם פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע און אימפּאָטענץ.

דער צוקונפטיקער שטאַט, צו וועלכן עס שטרעבן די א״י-אַרבעטער – די פאַרווירקלעכונגס-אַרמײ פונם יידישן ווידערגעבורט – וועט אויפגעשטעלט ווערן דורך אַ נייעם „מעשה בראשית“ פון יידישן פאָלק. אַ דווערנדיקע

און אָנגעשטרענגטן מעשי-בראשית פון די, וואָס בויען דאָס לאַנד מיט זייער שווייס.

אין די אַרבעטער-דערגרייכונגען, אין דעם קאָלאָניזאַציע-ווערק, אין דעם קולטור-שאַפן, אין דעם פאָרמירן די נייע געזעלשאַפט, אין די פּאָליטישע אָנשטרענגונגען, אין דעם קלאַסן-קאַמף פאַרן אַרבעטער-אינטערעס און פאָלקס-רעכט — ביי זייער גאַנצער וויכטיקייט פאַר די, וואָס שטייען אין פראָנט — זעט דער א״י-אַרבעטער אין זיי נאָר שטאַפּלען פון דעם פאַרווירקלעכונגס-לייטער, וואָס באַוועגט די טעריטאָריאַלע מלוכהשע לעזונג פון דעם יידישן פאָלקס-פּראָבלעם אין זיין גאַנצן פאַרנעם, מיטן כוח פון דער שעפערישער און פרייער אַרבעט אויף דעם אייגענעם באָדן.

דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן זיך דערצו אומגעקערט — און מיר זענען איבערצייגט, אַז דאָס יידישע פאָלק אין זיין רוב מנין ורוב בנין וועט זיך דערצו אומקערן — איז נישט דאָס היינטיקע פּאַלעסטינע. דאָס פאַראָרימטע, וויסטע, אויסגעשעפּטע לאַנד, וואָס האַלט אויס אין אָרימקייט אירע אַראַבישע איינוואוינער. אַזאַ פּאַלעסטינע איז נישט בכוח מפרנס צו זיין אַפילו איר קליינע אַראַבישע באַפעלקערונג. נאָך דעם ווי די מערהייט פון דער שאָוו-קאָמיסיע האָט פאַרעפנטלעכט איר אומערלעכן באַריכט, האָט סוף-כל-סוף איינער פון די העלדן פון דעם ראַפּאָרט, דער באַקאַנטער לוק, מודה געווען פאַר דער מאַנדאַט-קאָמיסיע (אין גענף), אַז אין די טערקישע צייטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אַראַבישע אויסוואַנדערונג פון ארץ ישראל און דווקא נאָך דער מלחמה, מיט דער יידישער מאַסן איינוואַנדערונג האָט זיך די אַראַבישע אויסוואַנדערונג באַדייטנד פאַרקלענערט.

דאָס לאַנד, וואוהין מיר קערן זיך אום — שאַפן מיר פונדאָסניי. מיר ברייטערן אויס זיינע גרעניצן און אין די נייע פאַרברייטערטע גרעניצן קאָלאָניזירן מיר זיך.

אַ לאַנד האָט דריי דימענסיעס. צוויי פון זיי זענען געגעבן פון דער נאַטור און אויף זיי האָבן מיר נישט קיין שליטה: דאָס איז די לענג און די ברייט פון דעם לאַנד. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ דריטע דימענסיע — און די וויכטיקסטע — דאָס איז די פרוכטבאַרקייט, די פּראָדוקטיוועט פון לאַנד. דידאָזיקע דריטע דימענסיע קענען מיר יאָ ענדערן. פאַרגרעסערן, אויסברייטערן. די מאָס פון דער אויסברייטערונג איז אָפּהענגיק נאָר פון אונז. 100 דונאַם, וואָס טראָגן אַריין 2.000 פונט זענען מער ווי 1.000 דונאַם, וואָס טראָגן אריין נאָר 200 פונט. דער ערשטער שטח, וואָס לויט די ערשטע צווי דימענסיעס איז ער נאָר אַ צענט-חלק פון דעם צווייטן שטח — ווערט דורך דער פאַרגרעסערונג פון דער דריטער דימענסיע, צען מאָל גרעסער פון דעם צווייטן.

דורך פאַרגרעסערן די פרוכטבאַרקייט פאַרוואַנדלען מיר איין דונאַם אין הונדערט. און די 99 נייע דונאַמען ווערן מסוגל אויפצונעמען נישט נאָר נייע קאָלאָניסטן, נאָר אויך צו הייבן דעם מצב פון די אַלטע איינוואוינער.

דאָס זענען נישט קיין טעאָרעטישע הנחות, דאָס זענען פּראַקטישע מסקנות פון אונזער אויפטו אין לאַנד.

דער ענדציל פון יידישן רענעסאַנס — די טעריטאָריאַל־מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט פון דעם יידישן פאָלק אין זיין לאַנד — וועט מקוים ווערן דורכן אויפבוי־פּראָצעס פון דעם נייעם ארץ ישראל, וואָס זיין גרויס וועט זיין אָפּהענגיק נאָר פון דער שאַפונגס־ און אַרבעטס־פעיקייט פון דעם יידישן פאָלק. דאָס צוקונפטיקע א״י אין זיין גאַנצער גרויס ליגט נישט איינגאַנצן אויף די ברעגעס פון ים־התיכון, נאָר אין דער שעפערישער פּאָטענץ פונם יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט. עס ליגט אין אונז, און מיר דאַרפן עס אַרויסצוּבּערן פון דער פּאַרבאָרגענער פאָלקס־ענערגיע, וואָס נאָר אַ טייל דערפון איז נתגלה געוואָרן ביז היינט אין ארץ ישראל.

ארץ ישראל וועט זיין אַזוי יידיש, ווי דאָס יידישע פאָלק וועט עס וועלן. אונזער רעכט אויף א״י — איז אַ רעכט אויף אַרבעט, אַ קאָלעקטיוו רעכט פון אַ פאָלק צו שאַפן זיך אַליין אַן עקזיסטענץ־באַזע מיט זיין אייגענער אַרבעט און אָנשטרענגונג. און דערפאַר מוז דאָס יידישע ארץ־ישראל זיין אַן אַרבעטס־ארץ־ישראל. און דערפאַר מוז עס זיין אַ לאַנד פון פרידן און צוזאַמענאַרבעט מיט זיינע אַראַבישע זין. עס איז נישט מעגלעך אויפצובויען די חורבות פון לאַנד און נישט אויפבויען דערביי ממילא און מיט אַ כוונה די חורבות פון זיינע איינוואוינער. נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, אַרבעטס־געזעלשאַפט און יידיש־אַראַבישע אַרבעטס־געמיינשאַפט — דאָס זענען דריי אויפגאַבן, וועלכע גיסן זיך צונויף אין דעם אויפטו און שטרעבן פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער.

אונטערפירנדיק אַ סך־הכל פון אַ פערטל יאָרהונדערט פול מיט דערפאַרונג, רייך אין דערגרייכונגען און דורכפאַלן, אַנטוישונגען און נצחונות, — וויל דער א״י־אַרבעטער געבן אַן אויסדרוק און אַן אָפּשאַצונג פון ציוניסטישן פּאַרוויקלעכונגס־ווערק און זיין היסטאָרישער שליחות.

דורך אַן אוממיטלבאַרער באַרירונג מיט דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט אין אַלע אירע שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס, וויל דער א״י־אַרבעטער אויפדעקן די גרויסע אומבאַנוצטע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען פאַרבאָרגן אין לאַנד; מעגלעכקייטן פון אויפנעמען גרויסע מאַסן און פּראָדוקטיוויזירן זיי, די מעגלעכקייט פון פאָלקס־אָרגאַניזאַציע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, פון פעסטלייגן די סאָציאַלע יסודות און פעלקער־סאָלידאַריטעט, אויף וועלכער עס דאַרף זיך שטיצן אונזער אַרבעט אין לאַנד.

שטייענדיק פעסט, אומדערשראָקן אין די פאָדערשטע שורות פון זעלבסטשוץ און אַרבעט, אין יאָרן פון קריזיס און אומגליקן, וויל דער ארץ־ישראל־אַרבעטער שטורמען די ווילנלאָזיקייט און די אידעישע פאַרווירונג, וועלכע הערשן אין יידישן פאָלק, כדי דורכצוברעכן אַ וועג צו אַן אַקטיווער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל טראָגן מוטיק און טריי די פאָן פון פולער דערלייזונג, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, און זיך פאַרבונדן מיטן ווערק, וואָס וואַקסט אין לאַנד.

מיט אַן אומרו פאַרן שיקזאַל פון פאָלק און לאַנד און מיט אַ טיפן גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון זיין אַרבעט און איר היסטאָרישן זין, וויל ער אַנטפּלעקן די טיפע קוואַלן, וואָס שלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלק, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער חלוצישער יוגנט, אין די מענטשן פון גייסט און אַרבעט, כּדי צו אַקטיוויזירן זיי אין דעם אויפבוי־ווערק און זאַמלען זיי אַרום זיין הויפּט־טרעגער — דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטרעבט צו ווערן דאָס אַרבעטער־פאָלק. דער סך־הכּל פון אויפטו, אויסבליק אין דער צוקונפט, מאָביליזאַציע פון כּוחות, — די דריי זאַכן ווילן מיר ברענגען צום ערשטן קאָנגרעס פונם אַרבעטנדן א״י, וואָס איך האָב דעם זכות צו עפענען אין נאָמען פון דער הסתדרות־העובדים.

ב. שלוס־רעדע

חשובער קאָנגרעס!

אונזער אַרבעט איז פאַרענדיקט.

עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה צו אונז אַליין און צום קאָנגרעס ווען מיר זאָלן איצט, אין דער מידקייט, נערוועזיטעט און אויפרעגונג פון אַ לאַנגער און שווערער נאַכט־זיצונג, פּרוּוון געבן זיך אַ דין־וחשבון פון קאָנגרעס. מיר מעגן אָבער, דאַכט זיך, טראָץ געוויסע טעכנישע פעלערן און אַ נישט גאַנץ אַנטשפּרעכנדיקער צייט־פאַרטיילונג, אַלע צופרידן זיין אין אַ באַדייטנדיקער מאָס: עס איז געווען אַ גרויסע און ווירדיקע לייסטונג.

מיר האָבן אַדורכגעפירט דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס. דאָס ערשטע מאָל זענען זיך צוזאַמענגעקומען מאַסן יידישע אַרבעטער פון די פאַרשידנסטע לענדער, און וואָס עס איז נאָך שווערער — פון פאַרשידענע פּאַרטייען. וויסנדיק די קעגנזייטיקע באַציונגען פון אונזערע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פאַרשידענע לענדער, קאָנען מיר מיט אַ טיפער באַפרידיקונג זאָגן, אַז דעם קאָנגרעס האָט באַהערשט אַ גרויסע מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די קאָנגרעס־מיטגלידער און גאַנצע פראַקציעס איז נישט איינמאָל אויסגעקומען גובר צו זיין שווערע נסיונות — און איך קען פאַרצייכנען, אַז אינם ענד־רעזולטאַט זענען אַלע אַרויס מיט כּבוד פון שווערן נסיון. די אחריות פאַר דער געמיינזאַמער זאַך, די ווירדע פון אַרבעטער־קאָנגרעס, האָט גובר געווען די טראַדיציע פון פּאַרטיי־רייסערייען.

עס איז געווען אַ גרויסער מאַסן־קאָנגרעס, צענטליקער און הונדערטער טויזנטער האָבן זיך אָפּגערופן. דער קאָנגרעס האָט פאַר די דריי טעג באַהערשט די יידישע עפנטלעכקייט און פּרעסע אין דער גאָרער וועלט. די שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס האָט אויף אַ מאָמענט נישט אויפגעהערט אין פיל־געשפּאַנטן זאַל בעת דעם גאַנצן פאַרלויף פון קאָנגרעס, האָט געפונען איר געהעריקן אָפּקלאַנג פון דער נאָענט און פון דער ווייטן. די גרויסע צאָל באַגריסונגען פון אַלע עקן וועלט, פון יחידים און פון אָרגאַניזאַציעס,

זענען איבערצייגנדיקע עדות. די איינדרוקספולע ברודערלעכע באטייליקונג פון דער אינטערנאציאָנאַלער ארבעטער-באוועגונג, דער אקטיווער אָנטייל פון די בעסטע פאַרטרעטער פון מערב-אייראָפּעישן סאָציאַליזם, דער אומאויפהערלעכער אינטערעס מצד די שליחים פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט — האָט אונטערגעשטראָכן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער און באַדייט פון קאָנגרעס. אָבער אפשר די מערקווירדיקסטע און ווערטפולסטע דערשיינונג פון דעם קאָנגרעס איז דער וואונדערבאַרער צוזאַמענגוס פון אַלע לעבעדיקע דורות פון יידישן סאָציאַליזם — אָנהייבנדיק פון עדוואַרד בערנשטיין — דעם גרייזן וועטעראַן פון דייטשן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, מיטקעמפער און חבר פון קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל, איינשליסנדיק די ערשטע פּיאָנערן פון דער מעכטיקער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע, פאַרדינטע קעמפער און טוער פון דער באַוועגונג אין מערב- און מזרח-אייראָפּע, ענדיקנדיק מיט די יונגסטע שביונגסטע סאָלדאַטן און פּיאָנערן פון אונזערע צאָלרייכע און טייערע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשידנסטע לענדער. אַזאַ רייכע שנור פון גענעראַציעס אין זייער איידלסטער, אידעאַלסטער און גייסטרייכסטער פאַרטרעטונג און אַזאַ שפע פון יוגנט, האָט נאָך, דאַכט זיך מיר, נישט געזען קיין יידישער קאָנגרעס אָדער צוזאַמענפאָר אין אונזער דור.

עס איז געווען דער קאָנסטיטואירנדיקער קאָנגרעס פון דריי-בונד: אַרבעט, יוגנט און גייסט, וואָס קאָנצענטרירט זיי אַרום דעם אַרבעטנדן ארץ ישראל. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער קאָנגרעס — אַזאַ קאָנגרעס — איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דורך דעם ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער — דעם יונגסטן צווייג אין יידישן אַרבעטער-בוים.

די יידישע לעגענדע דערציילט, אַז דער ערשטער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פון שטויב, וואָס איז צוזאַמענגעקליבן געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. דער שטויב פון וועלכן עס איז באַשאַפן געוואָרן דער יידישער אַרבעטער אין ארץ ישראל, איז צוזאַמענגעקליבן פון גאַנצן יידישן פאָלק. די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל איז נישט אויפגעוואַקסן פון ארץ-ישראלדיקן יידנטום, זי איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַ אינערלעכער אַנטוויקלונג פון לאַנד. צוזאַמענגעקומען פון אַלע לענדער פון אונזער וועלט-צעשפּרייטונג, אַרויסגעגאַנגען פון אַלע סאָציאַלע שיכטן און קולטור-קרייזן פון אַרבעטסלאָזן פאָלק, אַנטהאַלט דער יידישער אַרבעטער דעם היסטאָרישן תמצית פון יידישן פאָלק אין אַלע זיינע דורות און אין זיין צעשפּרייטונג. געטראָגן פון היסטאָרישער ליידנשאַפט צו ווידערגעבורט און אויסלייזונג אין אייגענעם לאַנד, באַזעלט מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס צו באַפרייונג און קרוינונג פון אַרבעט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זענען זיי געקומען פון גלות אין לאַנד צוערשט איינצלנע, איינזאַמע, דאַן צענטליקער און הונדערטער, און שפּעטער טויזנטער און צענטליקער טויזנטער, און פאַר אונזערע אויגן איז אויסגעוואַקסן אין א״י אַ נייער אַרבעטער-שבט, אַ שבט פון חלוצים, פון אוואַנגאַרד און פּיאָנער צוגלייך, אַרום וועלכן עס האָבן

זיך אָנגעהויבן זאַמלען די געוואַגטסטע, איבערגעגעבנסטע צווישן די יידישע אַרבעטער און יידישער יוגנט אין דער גאַנצער וועלט.

אַ שווערן, דאָרניקן און נסיונות-רייכן וועג האָט פאַר די 25 יאָר דורגעמאַכט דער יידישער אַרבעטער אין א״י. האָט ער דאָך געדאַרפט אַ וואונדער מאַכן — שאַפן יש מאין. ווייל גאָרנישט האָט ער געפונען, קיינער האָט אים נישט געהאָלפן, קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, ווען ער איז צופרשט, מיט 25 יאָר צוריק געקומען אַן איינזאַמער אין לאַנד. זיינע פאָרגענגער, די פאָנען-טרעגער פון ביל״ו, האָבן אין זייער עלטער פאַרשעמט זייער יוגנט — און באַגעגנט דעם יונגן פּיאָנער מיט פאַרפרעמדקייט, — זיין אַרבעט-פאָן מיט קעגנערשאַפט. האָט ער אַלץ פונדאָסניי געמוזט דעראָבערן, אַלץ פונדאָסניי באַשאַפן און געשטאַלטן — אָן מיטלען, אָן דערפאַרונג, אָן שטיצע, אָן סימפּאַטיע. עס זענען אַריבער 25 יאָר — און נאָך ווייט שטייט ער פון זיין ציל; נאָך גרויס און לאַנג און שווער איז דער וועג פאָרויס — אָבער ער קוקט זיך אום אויפן דורכגעמאַכטן וועג — פול מיט גלויבן און דערמוטיקונג. נישט אומזיסט איז געווען זיין האָפנונג; זיין אָנשטרענגונג און עקשנות איז נישט געבליבן פרוכטלאָז. גייט איבערן לאַנד, — איר וועט אומעטום געפינען די בולטע צייכנס פון זיין אויפטו. ווירטשאַפט און קולטור, דערציונג און אָרגאַניזאַציע, פּאָליטיק און ספּאָרט — אַלץ, וואָס דער יידישער ישוב באַזיצט אין דאָרף און אין שטאָט, איז באַזיגלט מיטן שעפערישן גייסט פון יידישן אַרבעטער און געקרוינט מיט זיין קאָלאָניזאַציע-ווערק. פון די גרויסע און דורכגדיקע דעראָבערונגען און שאַפונגען פון יידישן אַרבעטער-פּיאָנער אין א״י — אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, קולטורעלן און פּאָליטישן געביט, איז פיליכט די גרעסטע און וויכטיקסטע — די זעלבסטדעראָבערונג, די קריסטאַליזירונג פון אַ נייעם טיפּ מענטש, אַרבעטער, ייד, בירגער, חבר, קעמפער, בויער.

דער יידישער פּיאָנער אין א״י האָט געמוזט גובר זיין אין זיך פיל אייגנשאַפטן, געוואוינהייטן און נייגונגען. וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון אָפּהענטיקן אנאַרכישן לעבן אין די גלות-לענדער, און דערציען אין זיך נייע סגולות און חושים, און פריער פאַר אַלץ קאָלעקטיווע אַקציע-פעיקייט, קאָלעקטיווע אחריות און ווילנסקראַפט פאַר פּלאַנמעסיקער, אומ-אונטערבראָכענער, עקשנותדיקער, ציל-באַוואוסטער טעטיקייט.

עס איז געווען אַ שווערער און לאַנגער געראַנגל צווישן די פאַרבליבענע רעשטן פון עבר, געירשנטע נטיות צו קליינלעך, צעשפּליטערונג און אַנאַרכיע — און צווישן די ניי-דעראָבערטע סגולות פון פּיאָנערן, באַן-ברעכער, אויף וועלכע עס ליגט אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. דער מענטשן-שטויב, וואָס האָט געשטאַמט פון פאַרשידענע לענדער, פאַרשידענע שיכטן, פאַרשידענע קולטורן האָט זיך מיט אַ געוואַלדיקער עקשנות און התמדה צוזאַמענגעשלאָסן אין איין סאָציאַל-קולטורעלער איינהייט און געשמידט זיין קאָלעקטיוון ווילן און אָרגאַניזירונג.

טריט ביי טריט, פון יאָר צו יאָר, איז געוואַקסן, האָט געשלאָגן

חאַרצלען, די אינערלעכע געשלאָסנקייט פון יידישן אַרבעטער אין א״י, ביז עס איז ענדלעך פאַרזיגלט געוואָרן די אַלגעמיינע און פולשטענדיקע פאַראייניקונג פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די הסתדרות־העובדים.

נאָך קיינמאָל האָבן אַרבעטער נישט געפּעסטיקט מיט מער קראַפט און פּאַטאָס זייער איינהייט, נאָך קיינמאָל איז אַן אַרבעטער־קאָלעקטיוו נישט געווען מער אַנטשלאָסן און גרייט צו דערפילן זיין שליחות, ווי די הסתדרות אין ארץ־ישראל.

איין אידיי האָט דאָמינירט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י: אָפּגעבן זיך אינגאַנצן אָן א שום תנאי און אָן רעזערוו איר לעבנס־אויפגאַבע, פאַראייניקן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעיש, זאַמלען אַרום זיך די יידישע אַרבעטערשאַפט און יוגנט פון דער גאַנצער וועלט, און צוזאַמען זיך שטעלן בראש פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פּאָלק, איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין דערלייזונגס־ווערק אין א״י, אויפבויען די באַנייטע היים פון אַרבעט און פרייהייט און פאַרוואַנדלען דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין אַ פריי און זעלבסטשטענדיק אַרבעטס־פאָלק.

דידאָזיקע אידיי האָט די הסתדרות געשאַפן. זי האָט איר אַרבעט געלייטעט, אונזער איצטיקן קאָנגרעס אַרויסגערופן און אים באַשטראַלט.

איך וועל אייך איצט אויסזאָגן אַ סוד — עס זענען געווען חברים אין דער לייטונג פון דער הסתדרות, וואָס האָבן מיט ערנסטע חששות זיך באַציגן צום קאָנגרעס. עס איז נישט געווען קיין מוטלאָזער שרעק. מיר ווייסן ווי טייער מיר מוזן צאָלן פאַר יעדע אַנטווישונג. מיר מוזן זיין שפּאָרעוודיק מיט אונזער גייסטיקן און זעלישן פאַרמעגן. און עס איז געווען אַ חשש: קענען מיר זיך דערלויבן אַרויסצורופן גרעסערע דערוואַרטונגען? וועט אונזער רוף געפינען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג?

איך האָב די חששות נישט מיטגעמאַכט. ס׳איז נישט געווען בלויז בלינדער גלויבן, עס איז געווען אַן איבערצייגונג פון פיליעריקער דערפאַרונג אין ארץ־ישראל. דער סוד איז זייער איינפאַך: ווער עס האָט מיטגעמאַכט דעם וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, פון איר גאָר באַשיידענער און נישט באַמערקטער התחלה מיט 25 יאָר צוריק, ביז איר קראַפטפולן און איינפלוסרייכן אויפשטייג אין די לעצטע יאָרן, האָט געמוזט ווייסן, אַז אָן דעם שטייגנדיקן צוואוקס אין די גלות־לענדער, אָן דער שטענדיקער אויס־ברייטערונג פון אירע רעזערוון און פעריפעריע אין חוץ־לארץ — וואָלט געווען להלוטין אוממעגלעך איר אויפבליונג, פאַרפעסטיקונג און פאַרמערונג אין ארץ־ישראל. ווייל ווי איך האָב געזאָגט, מיר זענען נישט קיין אינערלעכער פּראָדוקט פון לאַנד גופא. דאָס וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ארץ־ישראל האָט זיין יניקה אין די פּאָלקס־כּוחות אין גלות.

דער גלויבן פון דער הסתדרות אין אונזערע כוחות אין חוץ־לארץ — האָט זי נישט אָפּגענאַרט. דער קאָנגרעס האָט אונזערע דערוואַרטונגען נישט פאַרשעמט — ער האָט זיי איבערגעשטיגן. ער האָט זיי איבערגעשטיגן אין

איז מאָס, ווי קיינער פון אונז, אַפילו פון די גרעסטע מאמינים, האָט נישט געחלומט.

איצט אָבער, ווען דער קאָנגרעס איז שוין אַריבער, פיל איך אַ שווער געפיל פון אומרו. וועט דער המשך זיין ווירדיק דער התחלה? וועט די אַרבעט, וואָס דער קאָנגרעס האָט אונז אַלעמען באַפוילן — געטאָן ווערן דורך אייך אַלעמען און דורך אייערע ווייַלער?

מיר האָבן היינט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון אַן אַלוועלטלעכער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל. די צענטליקער טויזנטער ווײַלער דאַרפן ווערבירט ווערן אַלס שטענדיקע מיטגלידער פון דער ליגע. דאָס אַרבעטס-פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט, דאַרף דורכגעפירט ווערן. עס דאַרף אין יעדן לאַנד געשאַפן ווערן אַ גוט-אָרגאַניזירטער, אומפּאַנגרייכער און אַקטיווער פאָלקס-כּוח, באַזירט אויף סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע אַרבעטער און חלוצישע יוגנט און איינשליסנדיק אַלע פריינט פון אַרבעטנדן א״י, צו וועלכער פּאַרטיי און ריכטונג זיי זאָלן נישט געהערן — וואָס זאָל זיך שטעלן געטריי דעם סאָציאַליסטישן און נאַציאָנאַלן באַפרייונגס-ווערק פון יידישן אַרבעטער-קלאַס אין א״י, אים שטאַרקן מאָראַליש און פּאָליטיש, שאַפן ברייטערע מיטלען פאַר זיין זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט אויפן ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט, פאַר זיין דערציונגס-און אָרגאַניזירונגס-אַרבעט צווישן די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן; וואָס זאָל פאַרפעסטיקן זיין שטעלונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג און שטאַרקן זיין איינפלוס אויף דעם יידישן רענעסאַנס-ווערק, און זאָל דערהייבן דעם יידישן אַרבעטער צו ווערן דער פירנדיקער און ענטשיידנדיקער פאַקטאָר אין יידישן פאָלקס-לעבן און אין אויפבוי פון א״י.

דאָס איז אַ גרויסע און שווערע אויפגאַבע. זי גייט אַרויס פון די ראַמען פון די איצט-עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אונזער קאָנגרעס.

באַלד וועלן מיר זיך צעשיידן, און יעדער וועט זיך צוריק אומקערן צו זיין לאַנד, פּאַרטיי, אָרגאַניזאַציע, גרופּע, פאַריין. עס וועט זיך פאָדערן אַ טאָג-טעגלעכע, פּראָזאַישע, שטילע און דויערנדיקע אַרבעט—וועט זי געטאָן ווערן? און וועט זי געטאָן ווערן מיט דעמזעלבן ערנסט און אחריות, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין קאָנגרעס, בשעת אויף אונז אַלעמען האָט גערוט די קאָלעקטיווע שכינה פון אונזער באַוועגונג? וועלן נישט די פּאַרטיי-חשבונות, קלייזל-אינטערעסן און גרופּן-אַמביציעס פאַרשטעלן און מטשטש זיין די בשותּפותדיקע אויפגאַבע, דאָס געמיינזאַמע ווערק? וועט די התחייבות, וואָס איר האָט אויף זיך גענומען דערפילט ווערן?

און איך מוז אייך מתרה זיין — דער יידישער אַרבעטער אין ארץ-ישראל וועט אייך נישט לאָזן רוען. ער, וואָס האָט זיין פּערזענלעכן שיקזאַל פאַרבונדן אָן תנאי מיטן ווערק, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשטעלט אין דינסט פון אַ היסטאָרישער שליחות, וועט שטיין אויף דער וואַך אויך דאָ, און

דאָס װעקסל, װאָס איר האָט אויף זיך אויסגעשטעלט אין דעם קאָנגרעס — װעט ער מיט זיין גאַנצן ערנסט און אחריות פון אייך מאָנען אָן אויפהער.

מיט דער התראה שליס איך דעם ערשטן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל.

(פון קאָנגרעס־בוך)

7. פּאַרטייען איז ציוניזם און די אַרבעטער־באַװעגונג

(פון אַ פאָרטראַג נאָכן זיבעצנטן קאָנגרעס)

א.

קודם־כּל דאַרף מען באַצייכנען איין מאָמענט, װעלכער האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אויפן קאָנגרעס, און איך גלייב, אַז די באַדייטונג װעט נאָך גרעסער זיין שפּעטער. צום ערשטן מאָל איז אונזער באַװעגונג, נישט בלויז די ארץ־ישראלדיקע, נאָר אונזער גאַנצע װעלט־באַװעגונג, דערשינען אויפן קאָנגרעס אַלס איינהייטלעכע באַװעגונג. אמת, אין דער אַרבעטער־פראַקציע אויפן קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט פיר גרופּן: מפא״י, פּועלי־ציון, התאחדות און השומר־הצעיר. אָבער די באַזונדערע דעלעגאַציעס פון די דאָזיקע גרופּן זענען צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן נישט אַלס פעדעראַציע פון גרופּן, נאָר אַלס איינהייטלעכע, געשלאָסענע קערפּערשאַפט מיט אַ געמיינזאַמער שטעלונג, מיט געמיינזאַמער אחריות און געמיינזאַמע באַשלוסן. איך װעל נישט אַנטפּלעקן קיין סוד, אויב איך װעל זאָגן, אַז אין דער אַרבעטער־פראַקציע זענען געװען נישט װייניק חילוקי־דעות בנוגע אַלע גרויסע פראַגן פונם קאָנגרעס, אָבער די חילוקי־דעות זענען דאָסמאָל נישט געװען לויט דער פּאַרטייאישער ליניע, — אַלע ענינים זענען באַהאַנדלט געװאָרן דורך דער גאַנצער פראַקציע. אגב, מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל גערופן „אַרבעטער־פראַקציע״ און נישט װי ביז אַהער — „אַרבעטס־בלאָק״. דאָס איז נישט געװען בלויז אַ נאָמען־ענדערונג, נאָר אַ װעזנטלעכע ענדערונג: ד. ה. נישט קיין בלאָק, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע אויטאָנאָמע גרופּן, נאָר אַ פראַקציע, װעלכע באַהאַנדלט פּראָבלעמען און נעמט אָן באַשלוסן איינהייטלעך, כאָטש זי באַשטייט פון פאַרשידענע דעלעגאַציעס.

דער פאַקט האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס. און איך װייס נישט אין װאָס פאַר אַ לאַגע מיר װאָלטן געװען,— און נישט בלויז מיר, נאָר דער גאַנצער קאָנגרעס, — װען די דערמאָנטע איינהייטלעכקייט װאָלט נישט צושטאַנדגעקומען. דער קאָנגרעס האָט במשך דער גאַנצער צייט, ביז די לעצטע צװיי טעג, אויף אונז אַלעמען, אויף

אלע אָנטיילנעמער, געמאכט אן איינדרוק פון אַ משוגעים-הויז (אזא איינדרוק האָט ער אויך געמאכט אויף דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט). דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט, צוליבן קרענקלעכן פסיכאָז, פארלוירן דאָס אחריות-געפיל און כמעט דערפירט די ציוניסטישע באַוועגונג צום אונטערגאַנג. און ס'איז דאָך גראָד געווען א קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט דעצידירן, אויב נישט וועגן פּראַקטישע ענינים, איז וועגן אַזעלכע פּאָליטישע ענינים, וואָס דאַרפן אנטשיידן דעם גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג סיי כלפּי פנים און סיי כלפּי חוץ. ווייס איך טאַקע נישט, וואָס וואָלט געווען, ווען דער איינציקער, וועלכער האָט נישט פארלוירן דאָס אחריות-געפיל ביז דער לעצטער מינוט און וועלכער האָט געוואוסט וואָס ער וויל, וואָלט געווען צעשפּליטערט און צעשפּאָלטן. איך ווייס נישט, וואָס וואָלט געווען מיטן גאַנצן קאָנגרעס, ווען אונזערע חילוקי-דעות וואָלטן נישט געווען קיין מיינונגס-פאַרשידנהייטן פון חברים, וואָס זענען צווישן זיך געבונדן מיט אן אַלגעמיינער אחריות און דיסציפּלין, נאָר חילוקי-דעות פון באַזונדערע פּאָליטישע גרופּן.

די אַרבעטער-באַוועגונג האָט געראַטעוועט דעם דאָזיקן קאָנגרעס. אין אַ גרויסער מאָס דאַרף מען עס צושרייבן דעם איינהייטלעכן דערשיינען פון אונזער באַוועגונג. און אין דער זעלבער מאָס, ווי די געשלאָסנקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל און חוץ-לארץ האָט געהאָלפן ראַטעווען דעם קאָנגרעס, האָט דער קאָנגרעס געהאָלפן פעסטער צוזאַמענשליסן די אַרבעטער-באַוועגונג. נישט געקוקט אויף די חילוקי-דעות, וואָס זענען געווען אין דער פּראַקטיק ביי אַלע גרויסע פראַגן, זענען מיר אַוועק פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס געשלאָסענער און איינהייטלעכער. דאָ רעדט זיך נישט וועגן מפא״י, זי האָט זיך נישט געמוטיקט אין מער אייניקונג, — עס רעדט זיך וועגן אונזערע פאַרבינדעטע אין ארץ-ישראל און אין חוץ-לארץ (השומר-הצעיר, התאחדות און פועלי-ציון). דער קאָנגרעס האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דערצו. און איך האָף, אַז דער דאָזיקער שטויס וועט זיין אַן אַנטשיידנדיקער: פון איין זייט — פאַר אַ פולע פאַראייניקונג פון פועלי-ציון און התאחדות, און פון דער צווייטער זייט, — פאַר אַ דערנענטערונג מיטן קיבוץ-אַרצישן השומר-הצעיר. און וואָלטן מיר בלויז דאָס דערגרייכט דורך דעם זיבעצנטן קאָנגרעס, וואָלט עס אויך געווען זייער אַ סך.

ב.

אונזער באַוועגונג האָט זיך תמיד געהאַלטן ביים סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס זאָגט, אַז די פּאַרטיי פונם אַרבעטער-קלאַס איז, אין קעגנזאַץ צו די פּאַרטייען פון אַנדערע קלאַסן, נישט בלויז קיין קלאַסן-פּאַרטיי, וועלכע זאָרגט אויסשליסלעך פאַר די אינטערעסן פון איר קלאַס, — נאָר זי איז אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צוקונפט פון דער גאַנצער נאַציע און באַטראַכט זיך נישט אַלס צד, נאָר אַלס קרן פון דער צוקונפט-נאַציע. אויף דעם לעצטן קאָנגרעס איז אָט דער געדאַנק פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין אַ פּאָליטישן פאַקט. די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט מיט אַ פופצן יאָר צוריק כמעט נישט עקזיסטירט אַלס קענטיקער כוח, איז איצט געוואָרן אַ הייפּט-עלעמענט אין ציוניזם, סיי קוואַנטיטאַטיוו, סיי קוואַליטאַטיוו: אַ גרויסע, אָנפירנדיקע, אַנטשיידנדיקע פראַקציע. דאָס, וואָס ס'איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געשען אין דער אספת-הנבחרים, האָט זיך איצט איבערגעחזרט אויפן קאָנגרעס.

אין ארץ-ישראל ווערן מיר ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט פון אַ פּאַרטיי — אין דעם ישוב. בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס עס הערשן, סיי ביי אונז, סיי אויסער אונז, פאַלשע באַגריפן, — זענען פון אונז נאָך ווייט און אָפּגעשיידט אַזעלכע פאָלקס-קרייזן, וועלכע האָבן נישט קיין געטרייען פאַרבינדעטן אין לאַנד אַ חוץ דער אַרבעטערשאַפט. די האָרעפּאַשניקעס פון די מזרח-עדות, באַזונדערס, די תימנים, אַ גרויסער טייל בעלי-מלאכות, באַאַמטע און פריי-פראָפעסיעדיקע, פויערים און קליינע קרעמער, וואָס עקספּלאָאַטירן קיינעם נישט, — אָט די אַלע זענען היסטאָרישע פאַרבינדעטע פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער-קלאַס. אָבער פּונקט ווי די אַלע ווערן נישט געפינען אין ישוב קיין אַנדערע גרופּע, אַ חוץ דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע זאָל האָבן פאַרשטענדניש פאַר זייערע באַדערפענישן און זיי אויסשטרעקן אַ ברודערלעכע האַנט, אַזוי קען אויך דער אַרבעטער-קלאַס נישט פאַרווירקלעכן זיין אויפגאַבע אָן דער פאַרבינדונג און הילף פון די דאָזיקע קרייזן, וואָס צוזאַמען מיט אים בילדן זיי דעם רוב מנין און רוב בנין פונם ישוב.

דער אַרבעטער דאַרף אַרויס פון זיין איינזאַמקייטס-ווינקל. אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט זענען פאַראינטערעסירט זיינע קלאַסן-שונאים, אָבער בשום אופן נישט ער. די אַרבעטער-אָרגאַניזירונג אַליין גענוגט נישט. זי איז בלויז דער ערשטער שטאַפּל אויפן וועג פון אַרבעטער-קלאַס צו זיין היסטאָרישן נצחון. דער צווייטער שטאַפּל איז — אַ פאַרבינדונג מיט אַלע אָרימע און האָרעפּאַשנע פאָלקס-מאַסן. דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף ליקווידירן אָדער פאַרשמעלערן די זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. אָן אַ שטאַרקער, גרויסער און פעסטער זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע וועט נישט האָבן קיין ווערט און קיין ממשות די פאַרבינדונג מיט די דערמאָנטע פאָלקס-מאַסן. אָבער די בעסטע און פולקאָמענסטע אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער אַליין וועט זיי נישט מאַכן פאַרן דעצידירנדיקן כוח אין פאָלק, אויב זיי וועלן נישט באַוויזן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך יענע פאָלקס-שיכטן, וואָס זייערע אינטערעסן און באַדערפענישן זענען נאָענט צו די פּראָלעטאַרישע.

דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער איז דער אָרגאַניזירטסטער טייל אין ישוב און אין דער כנסת-ישראל. ער מאַכט-אויס אַ העלפט פון דער אספת-הנבחרים. דער דאָזיקער כוח גענוגט אויף נישט דערלאָזן דער אספת-הנבחרים עפּעס צו טאָן קעגן ווילן פון די אַרבעטער, אָבער עס גענוגט נישט אויף צו פירן די כנסת-ישראל אין דער ריכטונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. דערצו דאַרף די אַרבעטערשאַפט בילדן נישט אַ פאָרמעלע מערהייט פון 51

פראָצענט – נאָר אַ רוב בנין, ד. ה. לכל הפּחות 70–75 פּראָצענט. דאָס איז מעגלעך נאָר דורך אַ בונד מיט די אַנדערע פּאָלקס-טימלעכע קרייזן.

דער אַרבעטער דאַרף נישט דערצו אַראָפּלאָזן זיין פאָן פון קלאַסנקאַמף, די פאָן פון קאַמף פאַר זיינע רעכט אויף אַרבעט, אויף אָרגאַניזאַציע, פאַר זיינע רעכט אין דער געזעלשאַפט, אין דער שטאָטישער מוניציפּאַליטעט, אין ישוב, אין דער מלוכה, – אדרבה, ער דאַרף אויפהויבן די פאָן צו אַזאַ הויך, פון וועלכער עס באַווייזט זיך די פּערספּעקטיוו פון דער גאַנצער פּאָלקס-צוקונפט, וועלכע איז געבויט אויף אַ פריי אַרבעטס-לעבן. דאַן וועלן צו דער דאָזיקער פאָן נעמען שטראָמען די אַלע, וועמענס צוקונפט ס'איז פאַרבינדן מיט דער צוקונפט פונם אַרבעטער און מיט זיין אַרבעט-נצחון.

אַזוי איז עס אין ישוב, און אין ציוניזם – אַוודאי און אַוודאי. אין ישוב קעמפן מיר פאַר דעם שוין-פאַראַנענעם: פאַר אונזער רעכט אויף אַר-בעט אין פּתח-תקוה, פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע-רעכט אין די פאַבריקן, פאַר אונזערע בירגער-רעכט אין תל-אביבער עיריה, פאַר אונזער פּאָזיציע אין דער כנסת-ישראל, פאַר אונזער אָנטייל אין דער מלוכהשער ווירטשאַפט. אין ציוניזם קעמפן מיר פאַרן אַרויסרופן צום לעבן פאַרבאָרגענע כּוחות, פאַר דער מאָביליזירונג פון דער פּאָלקס-ענערגיע, פאַר אַרבעט- און שאַפונגס-מעגלעכקייטן אין ארץ-ישראל, פאַר אַנטשטייענדיקע היסטאָרישע אויפטוען, פאַר נייע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע כּוחות-פאַרהעלטנישן, פאַר אומ-וואַנדלונגען און איבערגאַנגען, וואָס הויבן זיך אָן אין גלות און פאַרענדיקן זיך אין ארץ-ישראל. אין ציוניזם, נאָך מער ווי אין ישוב, זענען מיר נישט קיין טייל און קיין צד, נאָר דער חלוצישער קערן פון פּאָלקס-מאַסן, וועל-כע וועלן אונדז נאָכקומען. וואָרום נישט אין אַ פּאַרטיי-ראַם, נאָר אין אַ ברייטער פּאָלקס-ראַם וועט פאָרקומען די גרויסע אומוואַנדלונג, וועלכע איז פאַרבינדן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. דער גורל פון ציוניזם איז פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון ברייטע אַרבעטס-מעגלעכקייטן, וועלכע וועלן העלפן אויפנעמען מאַסן-עולים. אַלע פּאַרטייען אין ציוניזם, מצד זייער סאָציאַלע איינשטעלונג זיין וועלכע-נישט-איז, זענען מחויב, אויף וויפיל זיי זענען ציוניסטישע פּאַרטייען, מיטצוהעלפן די פּראָצעסן, וואָס דערמעגלעכן אויפנעמען עולים און זיי איינאָרדנען ביי אַרבעט. דערצו טרייבט זיי די אינערלעכע לאָגיק פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

ג.

וואָס איז דער אָביעקט פונם פּאַרטיי-קאַמף אין ציוניזם? אין אַ פּאָלי-טיקער און פעסטער מלוכה קעמפן צווישן זיך די פּאַרטייען פאַר דער מלוכה-מאַכט. דער ציוניזם איז נישט קיין מלוכה, און מלוכה-מאַכט קען דעריבער נישט זיין דער אָביעקט פונם פּאַרטיי-קאַמף. אָבער גראָד אויפן לעצטן קאָנגרעס זענען מיר געווען עדות פון אַ שאַרפן קאַמף. עס זענען געווען נישט בלויז טעאָרעטישע חילוקי-דעות פון אידעאָלאָגישע שטרעמונגען, נאָר

קאמפן צרום עפעס ממשותדיקס. וועגן וואס האט מען געקעמפט? וועגן דער יוגנט. דער „מזרחי" איז געווען דער ערשטער צווישן די ציוניסטישע בורזשואזע פארטייען, וואס האט, אפענערהייט און באהאלטן, אנגעהויבן דעם קאמף מיט דער ארבעטער־באוועגונג דורכן ארגאניזירן א מזרחיסטישע יוגנט. דידאזיקע מזרחיסטישע יוגנט האט אין ארץ־ישראל — אין פראצעס פון דער ציוניסטישער פארווירקלעכונג — אנגענומען די פארם פון א מזרחיסטישער ארבעטערשאפט. מעגלעך, אז לכתחילה איז דער הפועל־המזרחי געשאפן געווארן בלויז אלס געווער צום קאמף מיט דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט, אבער היסטארישע געשעענישן האבן זייער אינערלעכע לאגיק, וואס רעכנט זיך נישט תמיד מיט דער אויסגערעכנטער לאגיק פון זייערע ארויסרופער. די מזרחיסטישע יוגנט, וועלכע איז אריבער צו אן ארבעט־לעבן אין ארץ־ישראל און איז ארגאניזירט געווארן אלס ארבעטער־סעקציע ביים „מזרחי", האט בלויז צייטווייליק געקענט דינען אלס שטערונג פאר דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט.

מיר געדענקען נאך די סיכסוכים ביים בנין פון דוד שמואל דוד, ווען ארבעטער האבן געקעמפט מיט ארבעטער נאר דערפאר, ווייל עס עקזיסטירן צווישן זיי מיינונגס־פארשידנהייטן אין רעליגיעזע פראגן און ווייל זיי געפינען זיך אין באזונדערע ארגאניזאציאנעלע ראמען. דערדאזיקער מצב האט לאנג נישט אנגעהאלטן, און דער הפועל־המזרחי איז, בלייבנדיק מזרחיסטיש ווי אלע מזרחיסטן אין רעליגיע־ענינים, געווארן אן ארבעטער ווי אלע ארבעטער אין ארבעט־ענינים.

נאכן מזרחי זענען געקומען די רעוויזיאניסטן, — מיט מער אימפעט. דער גאנצער קאמף פון זשאבאטינסקין קעגן דער הסתדרות און די גאנצע רעוויזיאניסטישע סטראטעגיע אויפן קאנגרעס זענען אויסגערעכנט צו ווירקן אויף דער יוגנט אין גלות. איצט האבן אויך די אלגעמיינע ציוניסטן פארשטאנען די באדייטונג פון דער יוגנט און זיי האבן ארגאניזירט א השומר־הלאומי, א ההלוץ־המרכזי, און אין ארץ־ישראל האבן זיי אויך געשאפן עטלעכע ארבעטער־גרופן, וואס גייען אונטער דער פאן פון „אלגעמיינעם" ציוניזם. די רעוויזיאניסטן טרוימען וועגן דער רעוויזיאניסטישער יוגנט, וואס וועט קומען קיין ארץ־ישראל און צעברעכן די הסתדרות. און ס'אונטערליגט נישט קיין ספק, אז די רעוויזיאניסטישע יוגנט אין חוץ־לארץ, וועלכע זאפט אין זיך איין די אלע בילבולים און רכילותן אויף דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאפט, וואס זייער פרעסע ווערימט אויס טאג־טעגלעך, וועט קומען קיין ארץ־ישראל אדורכגעדרונגען מיט גיפטיקער שנאה צו דער הסתדרות און וועט דא צושטיין צו אירע שונאים און העצער. אבער מיט דער צייט וועט אויך דער רעוויזיאניסטישער ארבעטער געוואויר ווערן, אז די נעמען תל־חי און טרומפעלדאר זענען געגנבעט ביי דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־באוועגונג, און אז דידאזיקע באוועגונג איז דער אמתער און כמעט איינציקער אנספאר פארן פאליטישן ציוניזם. אויך די רעוויזיאניסטישע ארבעטער וועלן מיט דער צייט געוואויר ווערן, אז זייערע

אמתע פאַרבינדעטע זענען די אָרגאַניזירטע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער לעבנס־גורל מיט דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. וואָס ס'איז געשען מיטן מזרחיסטישן אַרבעטער וועט, פריער אָדער שפּעטער, אויך געשען מיטן רעוויזיאָניסטישן אַרבעטער. דאָסזעלבע וועט אויך זיין מיט דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגנט, וואָס וועט אַריבער צו אַן אַרבעטס־לעבן אין א״י.

די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט קיין געוויינלעכע פּאָדערונג פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות. נישט אַרבעטער, וואָס האָבן עמיגרירט צופעליק קיין ארץ־ישראל, נאָר חלוצים, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אַריין און דאָ געוואָרן אַרבעטער לויט אַן אויסגערעכנטער, פריערדיקער באַשטימונג, — זיי האָבן געשאַפן און געבויט אונזער באַוועגונג. די אומוואַנדלונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אונזער באַוועגונג איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַ פשוטן און פאַרשווינדנדיקן צופאַל. זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ סטאַבילער, ־ כסדרדיקער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, וואָס ליגט אינעם מהות פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם. די ציוניסטישע פאַרטייען, וועלכע קוקן מיט אַ בייז אויג אויפן וואוקס פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף איר פאַרשטאַרקטן איינפלוס אין ישוב און אינם ציוניזם; די פאַרטייען, וועלכע פּרוּווּן אָפּשוואַכן איר כוח דורכן שאַפן צווישן דער יוגנט קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציעס, — פילן נישט, אַז זיי טוען דערמיט די שליחות פונם אַרבעטער אין ציוניזם. דאָסדאָזיקע יאָגן זיך מצד די ציוניסטישע פאַרטייען נאָך דער חלוצישער יוגנט דערווייזט צומבולטסטן דעם אמת, ביי וועלכן מיר האַלטן זיך שוין אַ פערטל יאָרהונדערט, אַז דער ציוניזם האָט קיין זין און קיין ממשות נישט, סיידן ער וועט זיך שטיצן אויף דעם חלוצישן כוח, וועלכער פירט דורך די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג מיט זיין אַרבעט אין ארץ־ישראל. די פאַרטייען, וועלכע מיינען, אַז זיי שאַפן פאַרטיי־קאָנקורענטן דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייסן נישט, אַז אינדעראמתן גיבן זיי צו נייע גרופּן צו דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטס־אַרמיי, וועלכע האָט ביז איצט באַוויזן צו צעשטערן אַלע פאַלשע מחיצות, וואָס האָבן זי פונאַנדערגעטיילט. זי וועט עס אויך באַווייזן אין דער צוקונפט.

דער ציוניזם האָט אַן אינערלעכע לאָגיק און פאַראַן אויך אַן אַ נערלעכע לאָגיק אין אַרבעטס־לעבן. אויב דער ציוניזם – אין אַלע זיינע שטרעמונגען – פירט צו אַרבעטנדיקן חלוציזם, פירט די אַרבעט צו קלאַסן-איינקייט. מעגן צייטווייליק זיין חילוקי־דעות, מעגן אַפילו פאָרקומען סיכסוכים און צוזאַמענ־שטויסן, — דער אמת פון דער אַרבעט, די איינקייט וועט זיגן. יעדערער, וואָס אָרגאַניזירט די יוגנט לשם אַרבעט אין ארץ-ישראל, טוט, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, די אַרבעט פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, אָדער, ריכטיקער, — די אַרבעט פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, וואָס איר טרייער טרעגער איז דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער.

מיר קענען דעריבער נישט באַטראַכטן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַלס

איין גאַנצקייט, וואָס צווישן אונז און איר הערשט אַן אייביקע מלחמה. אין יעדער ציוניסטישער פּאַרטיי, אַפילו אין דער סאַמע רעאַקציאָנערסטער, אין דער סאַמע אַרבעטער־פיינטלעכסטער, האָבן מיר היסטאָרישע פּאַרבינ־דעטע, וועלכע וועלן פריער אָדער שפּעטער טאָן אונזער אַרבעט און קעמפן אונזער קאַמף. אַ ציוניסטישע פּאַרטיי, וואָס וועט נישט האָבן קיין יוגנט און קיין יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועט קיין תקומה נישט האָבן. די פּאַרטייען ווייסן עס. און מיר האָבן נישט קיין גרונט צו קוקן נישט פאַרגינעריש און מיט קנאה אויף זייער טעטיקייט אויפן יוגנט־געביט — ווען אַפילו די דאָזיקע טעטיקייט איז תחילת געווענדעט קעגן אונז. מיר, דער פּראָדוקט פון אומוואַנדלונג, דאַרפן באַטראַכטן די געשעענישן אין ציוניזם פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. אונזער מאָסשטאַב דאַרף זיין נישט די כוונה פון די טוער, נאָר דער רעזולטאַט פון די אויפטוען. אונ־זער עיקר־פּיינט איז די ציוניסטישע אומטעטיקייט, די צעשפּליטערונג פון דער באַוועגונג, איר קראַפטלאָזיקייט. אָבער פאַר פּאָזיטיווער ציוניסטישער אַרבעט האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן, אויב אַפילו זי ווערט נישט געמאַכט אַזוי ווי מיר וואָלטן עס זיך געוואונטשן.

די דאָזיקע הנחה דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אויך אין באַצוג צום קאַפּיטאַל. אונזער וועג איז — נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע אויף נאַציאָנאַלן באָדן, דורך אַליינאַרבעט, מיט דער קרעדיט־הילף פון נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן. אָבער אויב עמיצער מיינט, אַז מיר זענען נישט פּאַראינטערעסירט אין דער איינוואַנדערונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, האָט ער אַ טעות. אויב ס'איז פאַראַן אין ישוב און אין ציוניזם אַ טייל, וואָס איז פּאַראינטערעסירט אין דער איינוואַנדערונג פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און אין דער שטאַרקונג פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, — איז עס די אַרבעטערשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז איר באַדינג איז — יידישע אַרבעט. מיר זענען מער ווי ווער־עס־איז פּאַראינטערעסירט אין יעדן וועג און אין יעדן מיטל, וואָס פאַרגרעסערט די אַרבעטס־מעגלעכקייטן און פאַרברייטערט די אויפנעם־קראַפט פון לאַנד פאַר דער אַרבעטנדיקער עליה. די סכנה, וואָס דראָט אונזער אידעאַל צו שאַפן אַן אַרבעטס־געזעלשאַפט, קומט נישט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס וועט אויפבויען אַ עקספּלאָאַטאַציע־ווירטשאַפט, נאָר פונם מאַנגל אין יידישע אַרבעטער אין לאַנד. דער עיקרדיקער, אַנטשיידנדיקער פאַרבאַדינג פאַר דער שאַפונג פון אַן אַרבעט־געזעלשאַפט, איז דאָס געפינען זיך פון גרויסע מאַסן אַ ר ב ע ט ע ר, וואָס לעבן פון אייגענער אַרבעט, מעג זיין — אין אונטערנעמונגען פון פּריוואַטן, עקספּלאָאַטירנדיקן קאַפּיטאַל.

אַלס ציוניסטן און אַלס סאָציאַליסטן זעען מיר נישט איין קיין שום סתירה צווישן אונזערע שטרעבונגען און פּערספּעקטיוון און צווישן יעטווע־דער ציוניסטישער טעטיקייט, ווי זי זאָל נישט אויסזען, אויב זי זאָל נאָר פאַקטיש אַנטוויקלען דאָס ציוניסטישע ווערק, — אויב זי זאָל נאָר שטאַרקן די שאַפונגס־און אויפבוי־כוחות אין פאָלק, — אויב זי זאָל נאָר שאַפן באַדינגונגען פאַר עליה, אַרבעט און קאָלאָניזאַציע.

ד.

אין ציוניזם פונקט ווי אין ישוב דארפן מיר זיך באטראכטן נישט אלס פארטיי פון ארבעטער, נאר אלס די פארטיי פון פאלק. אלץ, וואס איז נוגע דעם ציוניזם, איז אונז נישט פרעמד. די אינטערעסן פון אלע פאלקס־שיכטן זענען אונזערע אינטערעסן. דאס הייסט נישט, אז מיר דארפן אפלאזן די זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט אויף אונזער זעלבסטשטענדיקן וועג, נאר מיר דארפן אנפירן און שטארקן די אלגעמיינע טעטיקייט אין א נאציאנאלן מאסשטאב.

מיט דער פארגרעסערונג פון אונזער כוח ווערט גרעסער אונזער פאראנטוואָרטלעכקייט.

מיר זענען צום ערשטן מאל אריין אין א ציוניסטישער קאאליציע בילדנדיק אין איר דעם הויפט־כוח. אויף פאר דעם לעצטן קאנגרעס האבן מיר געהאט מיטגלידער אין דער עקזעקוטיווע, אבער דאן האבן מיר געהאט צוויי פון דרייצן. דאסמאל האבן מיר צוויי פון פינף, און אדיך דער דריטער איז אריין אין דער עקזעקוטיווע לויט אונזער פאדערונג. פון די פיר גרופן, וואס באטייליקן זיך אין דער קאאליציע זענען מיר דער גרעסטער כוח. דער פראגראם פון דער קאאליציע איז אין די וויכטיקסטע טיילן פארמולירט געווארן דורך אונז. ווען די קאאליציע האבן ערפאלג — וועלן אלע באטייליקטע גלייכמעסיק געווינען פון דעם ערפאלג, טאמער אבער וועט זי, חלילה, דורכפאלן, — וועלן קודם כל מיר זיין די שולדיקע. דער ערשטער באדינג פאר ערפאלג איז, אז נישט בלויז די פינף אויסגעוויילטע זאלן אפגעבן זייערע בעסטע כוחות און פעיקייטן דער ארבעט, נאר אז אלע פארטייען, וואס באטייליקן זיך אין דער קאאליציע זאלן קאלעקטיוו טראגן די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער טעטיקייט און ריכטונג נישט בלויז פון דער עקזעקוטיווע, נאר פון דער גאנצער ציוניסטישער ארגאניזאציע מיט אירע אינסטיטוציעס, אנשטאלטן און ארגאנען, אין ארץ־ישראל ווי אין חוץ־לארץ.

אין אונזער באציונג צו די אנדערע פארטייען דארפן מיר, פונקט ווי אין אונזער באציונג צו די ארבעט־געבער, זיך באוואפנען מיט דריי זאכן: גערעכטיקייט, קראפט, פארשטאנד. נאר דאן, ווען מיר וועלן ביי יעדן איינצלנעם פאל זיך באנוצן מיט די אלע דריי זאכן — נישט מיט איינע, און נישט מיט צוויי, נאר טאקע מיט אלע דריי זאכן, — וועלן מיר האבן ערפאלג. דאס ערשטע איז — גערעכטיקייט. מיר דארפן זיין גערעכט לגבי זיך און לגבי אנדערע, און דעם וועלן מיר נישט זיין ראוי צו ווערן א ווירקנדיקער און אנפירנדיקער כוח. אבער בלויז גערעכטיקייט וועט אונז נישט העלפן, אויב מיר וועלן נישט באווייזן צו ווערן א כוח — אין ישוב, אין ציוניזם, אין דער פריוואטער ווירטשאפט, אין דער מלוכה און אין דער געזעלשאפט.

ביי דערדאָזיקער אָרדנונג, אין וועלכער מיר לעבן, וועלן מיר צעטרעטן ווערן, כל־זמן מיר וועלן זיין שוואַך, ווען מיר וועלן אַפילו זיין הונדערט פּראָצענט גערעכט. ערשט ווערנדיק אַ כוח וועט אונזער גערעכטיקייט וועקן אַכטונג צו זיך.

אָבער סיי די גערעכטיקייט, סיי דער כוח וועלן אונז נישט העלפן, אויב מיר וועלן זיי נישט באַנוצן מיט פאַרשטאַנד: אויב מיר וועלן נאָר קענען אונזער כוח, און מיר וועלן נישט אָפּשאַצן ווי געהעריק די כוחות מחוץ אונז, אויב מיר וועלן זיך נישט באַציען מיט דער נויטיקער אַכטונג צום גערעכטיקייט־געפיל פון אונזער בעל־דבר, אויב מיר וועלן נישט אַרויספילן די באַהאַלטענע כוחות, וועלכע מען זעט נאָך נישט באַשיינפערלעך, אָבער וועלכע קענען ביי אַ באַשטימטן מצב, ביי אַ געוויסן אַנטוויקלונגס־גאַנג, זיך אַרויסווייזן.

אַלס פּאַרטיי, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, וואָס אירע גערעכטע פאָ־דערונגען ווערן אַלץ מער און מער אָנערקענט, וואָס איר כוח ווערט אַלץ גרעסער, נויטיקן מיר זיך — אַ סך מער ווי אַ קליינע און שוואַכע פּאַרטיי — אין מלוכה־פאַרשטאַנד, אין קענען די רעאַלע כוחות־פאַרהעלטנישן, אין אַ חוש פאַר ווירקלעכקייט, אין אַ פּאָרויסזען דאָס שפּעטערדיקע, אין געהעריקן אָפּשאַצן דעם צד שכנגד. מיר דאַרפן געבן די ריכטליניען נישט בלויז פאַר אונזער טעטיקייט, נאָר אויך פאַר דער טעטיקייט פון אונזערע פאַרבינדעטע, וועלכע ווילן נישט און קענען נישט אין באַזעל און תמיד גיין מיט אונז. עס פאָדערט זיך פון אונז אַ סך טאַקט, פעסטקייט און אויסדויער, מיר זאָלן זיין ראוי צו דערפילן אונזער אויפגאַבע אַלס די גרעסטע פּאַרטיי אין ישוב און אין ציוניזם.

תל־אביב, כ"ד אב תרצ"א (הפועל הצעיר 39 — 40).

ח. דער קריזיס אין ציוניזם און די אַרבעטער־באַוועגונג

(פון אַ פאָרטראָג אין פּאַרטיי־ראַט)

א.

דער היסטאָרישער אמת פון ציוניזם, די נויטוועדיקייט פון אַ טערי־טאָריאַלער לעזונג פון דער יידישער פראַגע און די מעגלעכקייט צו פאַר־ווירקלעכן זי אין א"י, איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי קלאָר און איבערצייגנדיק, ווי אין אונזערע צייטן. דער טעאָרעטישער ויכוח, וועלכער איז געשטאַנען אין צענטר פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פאַר דער מלחמה — גלייכבאַרעכטיקונג אָדער אַ טעריטאָריע, — איז אַנטשידן געוואָרן דורך דער געשיכטע. נאָך דער וועלט־מלחמה איז כמעט אין אַלע גלות

לענדער פאָרגעקומען די רעכטלעכע עמאַנסיפּאַציע פון די יידן, אָבער די פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק האָט זיך נישט דערנענטערט צו איר לעזונג אַפילו אויף אַ האָר. פאַרקערט, דוקא אין דער דאָזיקער תקופה האָט זיך פאַרשאַרפט די פראַגע, און דער ציוניסטישער דיאַגנאָז האָט זיך אין זיין גאַנצן שרעקלעכן טראַגיזם אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק ריכטיק. אין מזרח-און אין מערב-אייראָפּע, אין דער אַלטער און נייער וועלט, אין די לענדער פון דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, אונטערן קאַפּיטאַליסטישן און קאָמוניסטישן רעזשים: אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, אין פּוילן און אין דייטשלאַנד, אויפן באַלקאַן און אין די איבעריקע גלות-לענדער פאַרגרעסערט זיך כסדר די עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן, עס וואַקלט זיך און עס ווערט חרוב דער יסוד פון זייער עקזיסטענץ, די שרעק פון פיזישן און גייסטיקן אונטערגאַנג, פון דעגענעראַציע און חורבן לויערט אויפן יידישן פאָלק אומעטום, ווו עס געפינט זיך — און ס'איז נישטאָ קיין רעטונג.

עס איז לחלוטין קלאָר געוואָרן, אַז די בירגערלעכע גלייכהייט איז נישט קיין שוץ קעגן דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן דרוק פון דער פרעמדער סביבה, און אַז די דאָזיקע רעכט זענען נישט אומשטאַנד אויס-צופילן דעם תהום, איבער וועלכן עס שוועבט אַרום אַ לאַנדלאָז פאָלק. עס האָט אויך אַנטוישט דער וואַנדער-שטעקן — די צייטווייליקע און טיילווייזע פאַרלייכטערונג, וואָס אונזערע מאַסן האָבן געפונען אין עמיגראַציע, האָט אויפגעהערט, וואָרום די טויערן פון די עמיגראַציע-לענדער האָבן זיך פאַרמאַכט. פאַרן יידישן פאָלק, וואָס וויל נישט אונטערוואַרפן זיך זיין ביטערן גורל, איז נישט איבערגעבליבן קיין אַנדערער אויסוועג און רעטונג, ווי נאָר אין זיין אייגן לאַנד, אין ארץ-ישראל.

און פונקט ווי דער גלות האָט באַשטעטיקט דעם ציוניסטישן דיאַגנאָז, אַזוי האָט ארץ-ישראל באַשטעטיקט אויך דעם פּראָגנאָז: אויף די חורבות פון פאָטערלאַנד האָט זיך אַנטפּלעקט אַ זיכערער מקום-מקלט, עס האָבן זיך דערוויזן באַהאַלטענע מעגלעכקייטן און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ התחלה פון א לאַנד. אין דעם אַלגעמיינעם קאַטאַקליזם אין לעבן פון יידישן פאָלק און נישט געקוקט אויף דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין דער וועלט, אַנטוויקלט און פאַרוואָרצלט זיך דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל, פאַרברייטערט און פאַרפעסטיקט זיך כסדר, און גייט פון דערפאָלג צו דערפאָלג. אַפילו די בלוטיקע געשעענישן פון אויגוסט 1929 י', און די פּאָליטישע אָנגריפן און אויפטרייסלונגען, וואָס זענען נאָך זיי גע-קומען, האָבן נישט באַוויזן אָפּצוהאַלטן זיין וווקס און פאַרפעסטיקונג. דוקא אין שיין פון די געשעענישן און פון די אָנגריפן, איז געוואָרן בולט די סטאַבילע לעבנס-קראַפט פונם ציוניסטישן ווערק אין לאַנד און אויסדויער-און וווקס-פעיקייט פון אַ ישוב, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער ערד און אין אַן אייגענער עקאָנאָמיק, פון אַ ישוב, וואָס ציט אומאויפהערלעך זיין יניקה פונם געבענטשטן קוואַל פון אַ פאָלקס-חלוצישער עליה.

מיט וואָס-זשע דערקלערט זיך דער קריזיס אין ציוניזם, דער קריזיס, וואָס דריקט זיך אויס אינם אָפּשטעלן די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין איר צעברעקלונג און קראַפטלאָזיקייט? מיט וואָס קען מען אויפקלערן די בולטע סתירה צווישן דעם זיגרייכן נצחון פון ציוניסטישן אמת און דעם דויערנדיקן דורכפאַל פון דעם אַפּאַראַט, וואָס רעאַליזירט דעם דאָזיקן אמת?

פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען די סיבה אין די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן: אין די אָב-פּאָגראָמען און אין די שווערע קלעפּ, וואָס דער ציוניזם האָט באַקומען פון דער מאַנדאַטן-מאַכט. אָן ספק האָבן די דאָזיקע געשעענישן פאַרגרעסערט די צערודערונג פון דער ציוניסטישער מחנה און האָבן אויך געשטערט פיל נייע אַרבעטן. אָבער מיר ווייסן, אַז די געשעע-נישן זענען נישט געווען אומשטאַנד צו צעטרייסלען אַפילו אַ מינדסטן טייל פונם ציוניסטישן ווערק — פונם ישוב אין ארץ-ישראל און האָבן אויך נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן דעם ווילן פון פאָלק צו א״י, — פאַרוואָסזשע איז געטראָפן געוואָרן בעיקר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געדאַרפט דינען אַלס פעסטונג פאַר דער באַוועגונג און פאַרן ווערק דוקא אין די יאָרן פון צרות און נסיונות?

די דאָזיקע דערקלערונג איז אויך כראָנאָלאָגיש נישט ריכטיק. דער קריזיס אין ציוניזם איז נישט געקומען נאָך די אָב-געשעענישן נאָר מיט אייניקע יאָר פאַר זיי, דעם אָנהויב פונם ציוניסטישן קריזיס דאַרף מען דאַטירן אין די שוונג-יאָרן פון דער ברייטער פאָלקס-עליה, פאַרן אויסברוך פונם שאַרפן קריזיס אין דער תל-אביבער בוי-האָסע אין 1926 י. דאָס ציוניסטישע ווערק איז בייגעשטאַנען די שרעקלעכע אַרבעטלאָזיקייט, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער דאַמאָלסטיקער בוי-ספּעקולאַציע. די אַרבעטער, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אויפגעבלאָזענער בוי-אַרבעט, זענען אויפגענומען געוואָרן אין אַנדערע ווירטשאַפטס-צווייגן, וועלכע האָבן זיך פאַרברייטערט און פאַרפעסטיקט, אין דאָרף און אין שטאָט. נאָך צוויי יאָר גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. האָט זיך באַנייט די אַרבעטס-עליה און עס האָבן זיך פאַרמערט די אינוועסטיציעס פון יידישן קאַפּיטאַל אין לאַנד. דער גלויבן אין א״י, וועלכער האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט אַ וואַקל געטון צווישן די מאַסן, — באַזונדערס אין פּוילן, צוליבן דורכפאַל פו דער בוי-האָסע און צוליב דער רכילות פון די „יורדים״ — האָט זיך נישט נאָר אומגעקערט צו זיין פריערדיקער גרויס, נאָר האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט און אויסגעהאַלטן דעם שווערן פּרוואוו פון די ביטערע יאָרן 1929—30; די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָבער נישט צוריקגעקערט צו איר קראַפט, — נאָכמער, זי איז שטאַרק געפאַלן און אויך דער פּרוואוו צו פאַרברייטערן די אַגענץ, וואָס האָט געשיינט צו זיין אין ציריך אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה אין ארץ-ישראל-אויפבוי, איז געוואָרן צונישט, און ביידע — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די פאַרברייטערטע יידישע אַגענץ — קייקלען

זיך קראַפּטלאָז באַרג אַראָפּ און זייער ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון ציוניסטישן ווערק איז אַ נישטיקע, אויב נישט אַ נעגאַטיווע.

מיט וואָס דערקלערט עס זיך?

ב.

דעם מקור פון ציוניסטישן קריזיס דאַרף מען זוכן נישט אין אויסערלעכע פאַקטאָרן און נישט אין פאַריבערגייענדיקע געשעענישן, נאָר אין עצם תוך פון ציוניזם.

דורכגעפאַלן איז דער „אַלגעמיינער" ציוניזם. דער בעל-הבתישער ציוניזם, וועלכער איז געווען עד היום דער רוב מנין און רוב בנין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און האָט געדינט אַלס עיקרדיקער אָנשפּאַר-פּונקט פאַר דער באַוועגונג — פאַרלירט זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט און ווערט אַ ציוניזם פון אַ קלאַסן-אינטערעסאַנט. דער דאָזיקער קלאַסן-ציוניזם, וועלכער פאַרדעקט זיך אונטערן שלייער פון „אַלגעמיינקייט", שטעלט זיך אָפּט אין אַ סתירה צו די נאַציאָנאַלע באַדערפנישן און אינטערעסן, פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם. נישט די באַדערפנישן פון פאָלק, נישט דער צוריקקער פון מאַסן, נישט נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטלעכע ווערטן, נאָר די באַדערפנישן פון ענגען קלאַסן-שיכט באַוועגן דעם דאָזיקן „אַלגעמיינעם ציוניזם". צוליב טראַדיציע און כדי אָפּנאַרן זיך און די געזעלשאַפט, באַדינט זיך נאָך דער דאָזיקער קלאַסן-ציוניזם מיט אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער פראַזעאָלאָגיע, אָבער אין זיינע טאַטן און פלענער דריקט זיך אויס דער ענגער קלאַסן-כאַראַקטער אַלץ מער און בולטער. דער דאָזיקער קלאַסן-ציוניזם הויבט אָן מיט אָפּזאָגן זיך פון דער אחריות און זאָרג פאַר יעדן ציוניסטישן ווערק, אין וועלכן ער האָט נישט קיין אייגענעם אינטערעס, און ענדיקט מיט לייקענען די עיקרדיקע ציוניסטישע גרונט-ווערטן און מיט אַן אָפּענעם און באַהאַלטענעם אָנגריף אין יעדן פאַל, ווען די דאָזיקע ווערטן רירן אָן דיקלאַסן-אינטערעסן פונם „ציוניסטישן" בעל-הבית.

ג.

אויב ס'איז פאַראַן אַ זאַך, וואָס דריקט מיט זיך אויס דעם עיקר פון ציוניזם, — איז עס יידישע אַרבעט. שאַפן מעגלעכקייטן פון אַרבעט פאַר יידישע מאַסן, פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ-ישראל—דאָס איז די ציוניסטישע תורה על רגל אחת, דער רעשט איז אַ פּירוש צו דעם. די יידישע

אַרבעט, פונקט ווי יעדע ציוניסטישע טאַט, פאָדערט אָנשטרענגונגען, ספּעציעלע זאָרג, שטיין אויף דער וואַך, קאַמף, וואָרום פאַר אויסנוץ און ריוח — וועלכע דינען אַלס לייטנדיקער פּרינציפּ פאַרן בעל-הבתישן קלאַס — קען מען אויסקומען אָן יידישער אַרבעט און ס'איז מער ניחא אָן יידישער אַרבעט. אָבער אָן יידישער אַרבעט קען מען אַלץ טאָן אין ארץ-ישראל חוץ ציוניזם. א"י אָן יידישער אַרבעט איז דאָסזעלבע, וואָס א"י אָן יידן, ד. ה. אַ פּוסט וואָרט, וואָס איז פון גרונט אויס פאַלש. לייקענען יידישע אַרבעט און אַ פּשיטא שיין אַקטיוו זיך אונטערגראָבן אונטער יידישער אַרבעט, — הייסט לייקענען א"י, לייקענען די נשמה פון ציוניזם, זיין טיפן און פּראַקטישן מהות. די פּיאָנערן פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, בראש מיט די יידישע אַרבעטער, האָבן דעם ראָזיקן געדאַנק פאַרוואַנדלט אין אַ קנין פונם גאַנצן ציוניזם. און די ציוניסטישע קאָנגרעסן און די באַראַטונגען פון דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ האָבן זיך אָפיציעל און פייערלעך אונטער דעם געחתמעט.

אָבער דער בעל-הבתישער ציוניזם, וועלכער טרעט נאָך אַרויס אין נאָמען פון „אַלגעמיינעם" ציוניזם – האָט געמאַכט דעם דאָזיקן געדאַנק צונישט. דער טייל פונם בעל-הבתישן ציוניזם, וואָס איז אין ארץ-ישראל, לייקנט יידישע אַרבעט פּאַקטיש – און זיינע וואָרט-פירער האָבן אַפילו „נאַציאָנאַלע" מאָטיוון פאַר דעם. דער דאָזיקער טייל איז, אמת, אַ מיעוט צווישן בירגערטום אין לאַנד, אָבער אַן אָנפירנדיקער און איינפלוסרייכער מיעוט. און ער האָט פיל פאַרבינדעטע, אָפענע און באַהאַלטענע, אין אַלע בעל-הבתישע קרייזן.

דער גרויסער רוב פון בעל-הבתישן ציוניזם, סיי אין ארץ-ישראל, סיי אין גלות, באַקאָטירט נישט דעם יידישן אַרבעטער, אָבער אויך ער לייקנט יידישע אַרבעט דורך אַ בכיוונדיקן אַרויסדרייען זיך פונם שווערן און פאַרצווייפלטן קאַמף, וועלכן דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער פירט פאַר זיין אַרבעט-רעכט.

די פאַרטייען פון בירגערלעכן ציוניזם, זיין פּרעסע, זיינע אַנשטאַלטן, פאַר זיי עקזיסטירט נישט די פראַגע פון יידישער אַרבעט. די פאַרלייקענער פון דער יידישער אַרבעט און אירע שונאים אין לאַנד, באַקומען אַ מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פונם „אַלגעמיינעם" ציוניזם, און חוץ יחידי-סגולה, וואָס אַפילו זיי נעמען אָן אַ מויל פול וואַסער, איז נישטאָ קיין „אַלגעמיינער" ציוניסט, וועלכער זאָל אין אונזער צייט פירן דעם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט — דעם קאַמף פון ציוניזם — קעגן זיינע פאַרפאָלגער.

דער שוואַרצער, קעמפנדיקער פליגל פונם בעל-הבתישן ציוניזם, דער רעוויזיאָניזם, וועלכער ציט זיין פאַרקריפּלטן פּאַטאָס פון קלאַסן-שנאה און האַס צום אָרגאַניזירטן אַרבעטער, דינט היינט אַלס עיקרדיקער אָנשפּאַר-פּונקט פאַר די, וואָס גראָבן אונטער די יידישע אַרבעט אין לאַנד. דער רעוויזיאָניזם אָרגאַניזירט באַנדעס שטרייק-ברעכער און שטערער פון אַרבעטער-אָרגאַניזירונג, ער רייצט די נידריקסטע קלאַסן-אינסטינקטן פון די אַרבעטס.

געבער, און שאַפט אַ קלאַסן-„אידעאָלאָגיע", וועלכע באַרעכטיקט אין איר יסוד דעם באָיקאָט אויפן יידישן אַרבעטער.

דער רעוויזיאָניסטישער מנהיג פּרואווט אַפילו דערוויַיזן מיט „וויסנשאַפט-לעכע" סברות, אַז די אַרבעט בכלל האָט נישט מער קיין ערנסטן ווערט אין אונזער צייט און אַז איר באַדייטונג וועט ווערן אַלץ קלענער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און די אַרבעטער זענען בעצם אַן איבריקער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, אַ מין פּאַראַזיט פונם אונטערנעמענדיקן און שאַפנדיקן קאַפּיטאַל. וואָס פאַר אַ זין האָט אַלזאָ, אַט דער גאַנצער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, וועלכער איז פאַרבונדן מיט פיל שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען איבער דער עצם-ענין פון אַרבעט איז אַ טפל-זאַך און איז אין גרונט איבריק?

ד.

דער צווייטער זייל, אויף וועלכן עס שטיצט דער זיך פאַרווירקלעכנדיקער ציוניזם, איז — די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע. נישטאָ קיין לאַנד אָן באָדן און נישטאָ קיין ארץ-ישראל אָן יידישן באָדן — אָן באָדן, באַזעצט און באַאַרבעט דורך יידן. האַלטנדיק זיך ביי דעמדאָזיקן פשוטן און עלעמענטאַרן אמת, האָט דער ציוניזם אַריינגעלייגט דאָס בעסטע פון זיינע אָנשטרענגונגען און מיטלען אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלן באָדן און יידישער אַרבעט. צו דעם צוועק האָט ער געשאַפן אַ פאָנד פאַר באָדן און אַ פאָנד פאַר קאָלאָניזאַציע און מיט דער הילף פון די צוויי פאָנדן געשאַפן דאָס גרויסע וואונדער, — דעם יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער אויף נאַציאָנאַלן באָדן. די שאַפונג פון אַ יידישער אַרבעטנדער לאַנדווירטשאַפט איז געווען דער שטאָלץ און די קרוין פון ציוניזם — נישט נאָר פון אַרבעטנדן ציוניזם, נאָר אויך פון אַלגעמיינעם ציוניזם, כל-זמן דערדאָזיקער נאָמען האָט נאָך נישט פאַרלוירן זיין אינהאַלט. אָבער ווען דער „אַלגעמיינער" ציוניזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַסן-ציוניזם, איז באַנייט געוואָרן די קאָלאָניזאַטאָרישע שיטה, אָדער ריכטיקער, ס'איז ווידער געקרוינט געוואָרן די קאָלאָניזאַציע-שיטה, וועלכע איז געווען אין לאַנד פאַרן ציוניסטיש-קאָלאָניזאַטאָרישן ווער ק — די קאָלאָניזאַציע פון ר ו ח. אָנשטאָט דער ציוניסטישע שיטה: דער ארץ-ישראלדיקער באָדן פאַרן יידישן פאָלק, — איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נייע תורה: ארץ-ישראל פאַר קאַפּיטאַליסטן, און בלויז פאַר קאַפּיטאַליסטן. „ארץ-ישראל קען אויפגעבויט ווערן דורכן מיטלשטאַנד — דורך דעם אמתן מיטלשטאַנד, נישט דורך די אָרימעלייט, וועלכע באַטראַכטן זיך אלס „מיטלשטאַנד" — דורך די, וואָס האָבן נאָך גענוג מיטלען צו שאַפן פאַר זיך אַ פּאָזיציע אין לאַנד". די קבצנים, וואָס זענען נישט בכוח צו קאָלאָניזירן זיך אין לאַנד אויף זייערע פּריוואַטע מיטלען, זאָלן בלייבן ווייטער אין גלות און דאָרט צעריבן ווערן אין זייער אָרימקייט, וואָרום „די טעג פון חסד און צדקה מצד די נאַציאָנאַלע פאָנדן זענען אַוועקגעגאַנגען". דער

קרן־קימת דאַרף זיך ענדערן און צופּאַסן זיך צו דער פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע אויף דער באַזע פון אַ פּריוואַטן באָדן. און אויב ער וויל עס נישט טאָן — נידער מיטן קרן־קימת. אויף די חורבות פון דעמדאָזיקן בטלנישן פאָנד, „דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ נייער פאָנד, וועלכער וועט דערווערבן באָדן, צו פאַרקויפן אים חלקימווייז פאַר פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע“. די אָרגאַניזירונג פון דידאָזיקע קאָלאָניסטן און נאָר פון זיי, דאָס איז די אויפגאַבע פונם „אַלגעמיינעם“ ציוניזם. דאָס איבריקע איז נישט מער, ווי אַן „אָפּגעשלאָגענע הושענה“. אַזוי האָט געזאָגט „בוסתנאי“—דער העראָלד פונם בעל־הבתישן ציוניזם אין לאַנד.

און „בוסתנאי“ האָט דאָך נאָר אויסגעדריקט בקול־רם און מיט אַן אָפענעם ציניזם דאָס, וואָס אין האַרצן חלומט אַ גרויסער טייל פונם „אַלגעמיינעם“ ציוניזם אין ארץ־ישראל און אין גלות.

דער היסטאָרישער אמת פאַרפליכטעט צו באַמערקן, אַז אַזאַ מין אָנשויונג, די אָנשויונג, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אַליין וועט אויפשטעלן די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, איז נישט געווען פרעמד מאַנכע אַרבעטער אין אָנפאַנג פון דער באַוועגונג מיט 25 יאָר צוריק. די קאַפּיטאַליסטן וועלן דערווערבן דעם באָדן, וועלן אויפבויען קאָלאָניעס און מיר, די אַרבעטער וועלן אַרבעטן ביי זיי. די אויפגאַבע פון אַרבעטער איז נישט די באָדן־דעראָבערונג און אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע פאַר זיך, נאָר דעראָבערן אַרבעט, אַלס טאָג־אַרבעטער, אַלס ריינע פּראָלעטאַריער. דידאָזיקע אָנשויונג איז געווען נישט נאָר אַ קנין פון די ציוניסטישע אַרבעטער, וועלכע זענען געגאַנגען אונטער דער סאָציאַליסטישער קלאַסן־פאָן, נאָר אויך פון יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט „נאָר“ פאַר נאַציאָנאַליסטן, אָן קיין שום שמץ פון קלאַסן־סאָציאַליזם. און ערשט באַקענענדיק זיך נענטער מיט די תנאים פון דער לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד און אונטערזוכנדיק טיפער די יידישע קאָלאָניזאַציע און איר געשיכטע און אירע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, איז די יידישע אַרבעטערשאַפט געקומען צום גרונט־געדאַנק, אַז אָן פאָלקס־באָדן, אָן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און אָן זעלבסט־שטענדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, איז נישטאָ קיין האָפנונג און קיין מעגלעכקייט פאַר אַ יידישער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע זאָל טראָגן אין זיך די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן ציל. און נישט רעזיגנירנדיק פונם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, נישט פאַר־מאַכנדיק די אויגן אויפן ציוניסטישן ווערט, וואָס ליגט אין דער פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע, געבויט אויף יידישער אַרבעט, — האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג קאָנצענטרירט אירע אָנשטרענגונגען אויף אויפשטעלן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער־ישוב אויפן נאַציאָנאַלן באָדן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און עס איז איר אויך געלונגען אַריינגעבן דעמדאָזיקן גייסט אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

די פּערמאַנענטע מלחמה פֿאַר יידישער אַרבעט, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן באַדייטנדיקע נצחונות, הגם נאָך נישט אַנטשיידנדיקע, וואָלט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, ווען נישט דער קרן-קימת און די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע, וועלכע האָבן געשאַפֿן אין לאַנד דעם טיפּ פֿון נייעם לאַנדווירט, און האָבן אַנטפּלעקט די ווירטשאַפֿטלעכע מעגלעכקייט און די אַרבעטס-פֿעיקייט פֿון יידישן אַרבעטער. אָן אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע אין עמק-הירדן און עמק-יזרעאל וואָלט נישט געווען מעגלעך דער שרון, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן דורך יידישער אַרבעט. אָן דער ערד פֿון קרן-קימת אַרום די אַלטע קאָלאָניעס און אָן דער הילף פֿון קרן-היסוד ביים אויפֿשטעלן די הילפֿס-ווירטשאַפֿטן, וואָלט נישט געווען מעגלעך דער כיבוש-העבודה אין די צענטרען פֿון נישט-יידישער אַרבעט און עס וואָלט נישט געווען קיין עקזיסטענץ-מעגלעכקייט פֿאַר טויזנטער יידישע אַרבעטער אין די שווערע תנאים פֿון דער עקספּלואַטירנדיקער לאַנדווירטשאַפֿט. נאָכמער: אָן פֿאָלקס-באָדן און אָן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וואָלט נישט געווען אין לאַנד קיין לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניזאַציע, געבויט אויף אַ געזעטצטער הירטשאַפֿט, — וואָס נאָר אין איר איז די זיכערע גאַראַנטיע פֿאַר דער נאָרמאַלער און געזונטער אַנטוויקלונג פֿון אונזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט אין ארץ-ישראל. די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניזאַציע אויף פּריוואַטן באָדן און בלויז מיט אייגענעם קאַפּיטאַל וואָלט זיך נישט-ווילנדיק מצמצם געווען אויף אַ באַגרענעצטן געביט, וועלכער נעמט אַרום נאָר אַ קליינעם טייל פֿון אונזער לאַנד: אויפֿן געביט פֿון אָראַנזש-פּלאַנטאַציעס, וועלכע פֿאַרזיכערן ביים איצטיקן מצב אויפֿן וועלט-מאַרק אַ גענוג הויכע רענטע פֿאַר קאַפּיטאַליסטישע אינוועסטיציעס. אָבער וואו איז די גאַראַנטיע, אַז אין דערדאָזיקער קאָלאָניזאַציע וועט זיך אַנטוויקלען יידישע אַרבעט און וואָס וועט זיין מיט די איבעריקע טיילן פֿון לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין אָראַנזש-פּלאַנטאַציעס, וועלכע טראָגן אַריין אַ גרויסן רווח דעם עקספּלואַטירנדיקן קאַפּיטאַל? די לאַנדווירטשאַפֿט אין גאָר דער וועלט, און באַזונדערס אין ארץ-ישראל, ברענגט נישט קיין הויכע רווחים. די ערד אין אונזער צעדרואינירט און פֿאַראָרימט לאַנד, גיט ווייניק פּראָכטן דעם, וואָס באַאַרבעט זי. דער פּויער, וואָס באַגנוגט זיך מיט ווינציק, לעבט אין דחקות, אין הונגער, אין שטענדיקן מאַנגל, און נאָר אַ דאַנק דער פֿעיקייט פֿון יידישן אַרבעטער, אַ דאַנק זיינע גרויסע קענטעניש, זיין פֿלייס, זיין פֿאַרפֿולקאָמנער אַרבעטס-שיטה און זיין קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג, איז אויסגעוואַקסן די ערד-פּראָדוקציע ביז דער שטופֿע צו דערנערן אַ קולטורעלן אַרבעטער, אויב אַפֿילו במצומצם. וואָס וועט צוציען דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל צו דערדאָזיקער נישט-רענטאַבלער לאַנדווירטשאַפֿט און פֿון וואַנען וועלן — אין אַ געמישטער ווירטשאַפֿט זיך נעמען פּראָצענטן און רווח פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן — דערצו נאָך אויפֿן יסוד פֿון יידישער אַרבעט, וועלכע שטייט אויף אַ קולטורעלן לעבנס-ניוואָ?

דאָס אָפּהאָנגען זיך פֿון אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע אויפֿן פֿאָלקס-באָדן מיט דער הילף פֿון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, באַדייט אַ סוף צו אונזער האָפֿנונג

אויף א לאנד. דער „אלגעמיינער" ציוניזם, וועלכער לייגט זיין גאנצע האָפנונג אויף שפעקולירן מיט פּאָמעראַנצן דורכן פּריוואטן קאפּיטאל, פאר־אורטיילט אויף אונטערגאנג די יידישע ארבעט און דאָס יידישע לאנד. דאָס אָפּשאפן דעם קרן-קימת אָדער דאָס פארוואנדלען אים אין אן אגענץ פאר דערווערבן באָדן דורך פּריוואטע קאפּיטאליסטן — ס'איז אייגנטלעך איינס-און-דאָסזעלבע — באדייט אין דערווירקלעכקייט: צונישט מאכן יעדע האָפנונג פון יידישן פאָלק צו דערוואָבערן זיין פאָטערלאנד. וויפיל יידן, וואָס ווילן און זענען געצוואונגען צו עמיגרירן קיין ארץ-ישראל, האָבן אייגענע מיטלען צו דערווערבן באָדן? וויפיל איז פאראן אין ארץ-ישראל באָדן, וועלכער האָט א צוציונגס-קראפט פארן פּריוואטן קאפּיטאל? וואָס האָט צו טאָן מיט דידאָזיקע גורל-פראגן דער „אלגעמיינער" ציוניזם, וועלכער האָט נאָר דעם קלאסן-אינטערעס, וואָס שטרעבט נאָר צו אייגן-נוץ...

ה.

נישט בעסער איז די באציונג פון קלאסן-אינטערעסאנט, וואָס טרעט ארויס אין נאָמען פון „אלגעמיינעם" ציוניזם — צו דער ארבעטער-עליה. אין פלוג גענומען, וועלכער אלגעמיינער ציוניסט אָנערקענט עס נישט דעם ווערט פון דער עליה און קודם-כל פון דער חלוצישער און פאָלקס-עליה? ווער ווייסט דאָס נישט, אז ציוניזם באדייט עליה?

טעאָרעטיש זענען נישטאָ קיין מיינונגס-פארשידנהייטן צווישן די ציוניסטישע גרופּירונגען. און וואָלט דער ציוניזם געווען בלויז אן ענין פון טעאָריע, וואָלט קיינעם נישט איינגעפאלן אפילו צו טראכטן, אז ס'איז מעגלעך צו באקעמפן אין נאָמען פון ציוניזם יענע עליה, וואָס בלויז זי איז מסוגל צו פארזיכערן אונזער צוקונפט אין ארץ-ישראל, — די ארבעטער-עליה. דער ציוניזם איז שוין אָבער דערגאנגען צו דער מדרגה פון פאר־ווירקלעכונג. און אין זעם זיך פארווירקלעכנדיקן ציוניזם זענען דאָ פאר־שידענע אינטערעסן, צווישן זיי אזעלכע, וואָס הארמאָנירן כלל נישט מיט די אינטערעסן פון ציוניזם: אינטערעסן פון אייגן-נוץ און די תאוה פון קלאסן-הערשאפט פון דער עקספּלאָאַטירנדיקער מינדערהייט, וועלכע קוקט מיט שרעק, פיינטשאפט און קנאה אויף דעם אויפשטייג פון דער חלוצישער עליה, פון וועלכער ס'וואקסט דער כוח פון דער יידישער ארבעט אין לאנד.

ארץ-ישראל אין איר איצטיקן צושטאַנד, איז נישט קיין אויפנאַמס־לאַנד. אָן דער נייער קאָלאָניזאַציע וואָלט דאָסדאָזיקע אָרימע און הרובע לאַנד אַרויסגעוואָרפן פון זיך יאָר-יערלעך טויזנטער עמיגראַנטן. אַזוי איז טאַקע געווען אין דער ווירקלעכקייט דער מצב פאַר דער נייער יידישער עליה און קאָלאָניזאַציע. טויזנטער אַראַבער, פון שטאָט און דאָרף, פלעגן אין דער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט פאַרלאָזן ארץ-ישראל און עמיגרירן אין צפון- און דרום-אַמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער. נאָר די יידישע קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט אַנטפּלעקט באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, געעפנט נייע עקאָנאָמישע קוואַלן און אַריינגעבלאָזן אַ לעבן אין די נאַטור־

אוצרות – האָט געבראַכט צום איבעררייס פון דער עמיגראַציע און געשאַפן אַן אויפנאַם־מעגלעכקייט פאַר נייע טויזנטער און צענער טויזנטער עולים. אָן דער שאַפונג פון נ יי ע אַ ר ב ע ט ס ־ מ ע ג ל ע כ ק יי ט ן און דעם שטעלן זיי אין רשות פון דער עליה – איז נישטאָ קיין אָרט, אין די געגעבענע באַדינגונגען און ביי דער עקזיסטירנדיקערווירטשאַפט, פאַר אַ מאַסן־עליה. פון דער צווייטער זייט, איז א״י נישט עלול אויפצונעמען מאַסן יידישע עולים, וועלכע וועלן נישט ענדערן זייער עקאָנאָמישן אַרט לעבן און זיך נישט צופּאַסן צו אַרבעט, צו וועלכער זיי זענען נישט געווען געוואוינט אין גלות. די מאַסן קרעמער, מעקלערס, פאַרמיטלער און סתם־ליידיקגייער וועלן זיך נישט איינהאַלטן אין אַזאַ קליין און אָרים לאַנד מיט אַזאַ קליינער באַפעלקערונג ווי אין ארץ־ישראל. מיט דער פאַרגרעסערונג פון ישוב, מיט זיין ווירטשאַפטלעכן אויפבלי־מיט דער פאַרברייטערונג פון זיינע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועט געשאַפן ווערן אַן אָרט פאַר אַ געוויסער צאָל סוחרים, קרעמער און פאַרמיטלער. אָבער דאָס קען געשען נאָר דורך דער פאַרגרעסערונג פון אַרבעטער־ישוב, ווייל אַ גרויסע פאָלקס־עליה, אַן עליה, וואָס איז בכוח צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, קען זיין בלויז אַ ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ע ל י ה. אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען אין ארץ־ישראל, אין אָנהויב פון איר אַנטוויקלונג און אויפבוי, ווען דער אַרבעטער האָט צו קעמפן מיט אַזויפיל שטערונגען, ווען דאָס ביסל פאַראַנענע אַרבעט דאַרף מען אויסקעמפן מיט שווערער אָנשטרענגונג, באַזונדערס אין דער לאַנדווירטשאַפט – איז אַן אַרבעטער־עליה נישט מעגלעך אָן אַ פריערדיקער חלוצישער צוגרייטונג, אָן אַ פיזישער און גייסטיקער הכשרה אין גלות און אָן אַ פעסטער און אומפאַסנדיקער אָרגאַניזירונג, סיי אין גלות, סיי אין א״י.

צופּאַסן דאָס לאַנד אויפצונעמען די עליה און צופּאַסן די עולים אויפגענומען צו ווערן אין לאַנד און אין אַרבעט – דאָס זענען די צוויי מוז־באַדינגונגען, צוויי זיך דערגענצנדיקע תנאים, אָן וועלכע ס׳קען נישט געמאָלט זיין אַ יידישע עליה, וואָס זאָל זיין ווערט צו טראָגן דעמדאָזיקן נאָמען.

קעגן אָט די צוויי באַדינגונגען וויל מאַכן אַ פאַרשווערונג דער „ציוניזם" פון די הערשנדיקע קלאַסן. עליה איז דער טייטש אַ קאַמף פאַר יידישער אַרבעט – און דערדאָזיקער קאַמף, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין דער קאַמף פון „אַלגעמיינעם" ציוניזם. אָבער דער דאָזיקער „ציוניזם" גייט איצט נאָך ווייטער: ער הויבט אַ האַנט אויף דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס נאָר זי קען פאַרזיכערן אַן אַרבעטער־עליה, וועלכע זאָל זיך איינוואָרצלען אין לאַנד.

דער פאַרזיצער פון דער קאָלאָניסטן־פאַריייניקונג, וועלכער האָט זיך

נישט אָפּגעשטעלט פאַר אַן אָפענער מסירה קעגן דער עליה אין דער צייט, ווען די אַגענץ האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געפאָדערט סערטיפיקאַטן פון נייעם הויך־קאָמיסאַר נאָך אַ לענגערער צייט פון פאַרמאַכטע טויערן, און די רעוויזיאָניסטן, וועלכע פרעדיקן אַן איבערייס פון דער גאַנצער עליה און פון דער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, ביז דער באַשטימונג פון אַ „קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים" דורך אַ נייעם מאַנדאַטאָר, וואָס וועט אַנטפּלעקט ווערן דורך זשאַבאָטינסקין, — זענען איצט געוואָרן די הויפּט־קעמפער פאַר דער עליה פון „סתם־יידן" קעגן דעם „מאָנאָפּאָל" פון די „החלוץ־יינגלעך"... און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'איז אויסגערופן געוואָרן אַ חרם אויפן קרן־קימת פאַר די סערטיפיקאַטן, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם החלוץ. און די פאָרשטייער פון די „אַלגעמיינע" ציונים און דער מזרחי מאַכן פלענער, ווי איינצואָרדנען די פּאַלעסטינע־אַמטן אַזוי, אַז ס'זאָל געלונגען צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די חלוצים עולה צו זיין קיין א"י.

ו.

איין טייערן אוצר האָט געהאַט דער אַלגעמיינער ציוניזם, מיט וועלכן ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען: דאָס איז דער „כלל־ישראל"־געדאַנק. ווער נאָך ווי דער בעל־הבתישער ציוניסט, איז געווען אַזוי ציטערדיק אי־בער דער „נאַציאָנאַלער אחדות" און גאַנצקייט פונם פאָלקס־אָרגאַניזם. דער יידישער אַרבעטער אין גלות, וועלכער האָט זיך טיילווייז באַצויגן מיט חשד אָדער אפילו מיט קעגנערשאַפט צום „כלל־ישראל"־געדאַנק, איז געווען פאַר־רעכנט ביים בעל־הבתישן יידן פאַר אַ כופר בעיקר, וואָס גראָבט אונטער די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און צושטערט די איינהייט פון פאָלק.

דער אַרבעטער אין א"י איז נישט געגאַנגען אין די וועגן פון זיינע חברים אין גלות, און נישט נאָר צוגעהאָלפן, נאָר האָט זיך אויך געשטעלט בראש פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג, ווייל ער האָט זיך געזען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון גאַנצן פאָלק און ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז דער בעל־הבית זאָל אויסנוצן דעם נאָמען פון פאָלק פאַר זיך און פאַר זיינע קלאַסן־אינטערעסן. און וואָס ס'איז נישט געשען כמעט אין קיין שום ישוב אין דער וועלט, אין געשען אין א"י: ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון יידנטום, פריער פון אינערלעכן, פרייען ווילן, דערנאָך, באַשטעטיקט דורך דער רעגירונג און געזעצלעך אָנערקענט — די „כנסת ישראל". איין פליגל אין ישוב, אַן אַנטי־ציוניסטישער, וועלכער אָנערקענט בלויז דעם יידישן דת, האָט נישט צוגעהאָלפן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און האָט זי אַפילו באַקעמפט אינערלעך און אויסער־לעך. און צוליב דעם דאָזיקן פליגל, האָט די רעגירונג פאַרמינערט דעם גע־זעצלעכן כוח פון דער אָרגאַניזאַציע, געבנדיק דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן פון איר. די „אגודה"־ וועלכע האָט גורם געווען צו דער אָפּשוואַכונג פון דער כנסת־ישראל, האָט געהאַט לכל־הפחות פאַר זיך אַ אידעאָלאָגישע באַ־רעכטיקונג. די יידן, אַלס נאַציאָנאַלער קבוץ, עקזיסטירן פאַר איר נישט.

זי ווייסט נאָר פון אַ רעליגיעזער געמיינדע, און ווייל יעדער איינער, וואָס איז נישט אָנגעשלאָסן אָן איר, איז נישט קיין גלויביקער ייד, האָט זי נישט קיין שום צוזאַמענבונד מיט דער אַפּיקורסישער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער בעל-הבתּישער ציוניסט, — ווער נאָך, ווי ער, קלאַמערט זיך אָן „נאַציאָנאַלער אחדות", „כּלל-ישראל" און „נאַציאָנאַלע דיסציפּלין"?

דער דאָזיקער בעל-הבית, וואָס איז אינגאַנצן ווייס-בּלוי (חוץ, פאַר-שטייט זיך, אין פּרדס, וואו ס'איז אַ מצוה, כאָטש טיילווייז, צו באַיקאָטירן דעם יידישן אַרבעטער) און וואָס זיין נאַציאָנאַלער געוויסן ערלויבט אים נישט צו געבן דעם „בית-עם" אין קאָלאָניע פאַר אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, טאָמער וועט דאָרט, חלילה, פלאַטערן די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַל; דער יידישער בעל-הבית, וואָס פאַרגיסט דעם ערשטן מאַי קראָקאָדיל-טרערן אויף דעם אַרבעטער-יום-טוב, אין וועלכן ס'באַטייליקן זיך אויך די אַרבעטער-קינדער „יום-טובדיק אויסגעפּוצט" און די אָרימע קאָלאָניסטן-קינדער גייען, נעבעך, אָנגעטאָן וואָכעדיק „און דאָס ערשטע מאָל זעען די קינדער אַ פייערונג אין דער קאָלאָניע, אין וועלכער ס'נעמען אָנטייל בלויז אַ טייל פון זיי און נישט אַלע"... — ער אַלאַרמירט וועגן דער געפערלעכער סכנה, וואָס לויערט אויף דער „פאָלקס-איינהייט" פון די צוויי קאַטעגאָריעס קינדער, וועלכע שיידן זיך פונאַנדער אין דעם אַרבעטער-יום-טוב. ווי באַוואוסט, טרעפן זיך אַ גאַנץ יאָר די אַרבעטסלאָזע, די אין חרם אַריינגעלייגטע און עקס-פּלאָאַטירטע אַרבעטער-קינדער מיט די קינדער פון די קאָלאָניסטן אין פול-שטענדיקער גלייכהייט, סיי אין זייער קליידן זיך, סיי אין שפּייזן זיך און וואוינונגען...

קען עס געמאָלט זיין, אַז דער דאָזיקער בעל-הבתּישער ציוניסט, וועלכער ציטערט אַזוי שטאַרק איבער דער „אחדות", עס זאָל איר קיין בייז נישט געשען, וועט דער ערשטער אויפהויבן זיין האַנט אויף דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, און פאַרן אַרויסטריט פון כּנסת-ישראל?

יאָ, ס'קען געמאָלט זיין, ווייל די כּנסת-ישראל „איז בלויז אַן אָפּטיי-לונג פון דער הסתּדרות", ד. ה. אין דער כּנסת-ישראל ווערט נישט געמינערט דאָס רעכט פון יידן, וואָס לעבט פון זיין אַרבעט, און דער אַרבעטער איז גלייכבאַרעכטיקט מיטן קאַפּיטאַליסט. זאָל דאָס הייסן „כּנסת-ישראל" ביים בעל-הבתּישן ציוניסט, וואָס האַלט פון נאַציאָנאַלער אחדות? אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז נאָר די, וואו ס'הערשט בלויז דער בעל-הבית, ווי, אַ שטייגער, די קאָלאָניע-פאַרוואַלטונגען. דאָרט האָט נישט דער אַרבעטער און דער סתּם-איינוואוינער קיין דריסת-הרגל. דאָרט איז פאַראַן „אַ צוים פון געזעצן, אָפּגרענעצונגען, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן לויט די פאָ-דערונגען פון לעבן, און ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג, אַז די דאָ-זיקע געזעצן זאָלן אָפּגעהיט ווערן". אָבער אַן אינסטיטוציע, וואָס ווערט געוויילט אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישע, אַלגעמיינע און גלייכע וואַלן, איז בלויז אַ „רשות-היחיד פון די הסתּדרות-מענטשן". און ווער ווייסט, צי אַזאַ אינסטיטוציע וועט נישט אַריינפירן די „מסילה" אָנשטאָט דעם חומש און

אָנשטאָט דעם ריינעם נאַציאָנאַלן ציוניזם פון די נס-ציונה- און זכרון-יעקב-קאָלאָניסטן — די רויטע אַסימילאַציע ר"ל, ווייל „ווער ס'איז נאָר אַביסל באַקאַנט מיט די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן אין דעם „לאַגער", ווייסט, אַז דאָס געהערט נישט צו די אוממעגלעכקייטן"...

און דערפאַר — אויב די אַגענץ-לייטונג און די אספת-הנבחרים האָבן באַשלאָסן איבערגעבן דעם חנוך דער כנסת-ישראל, מעלדעט דער פאַרטרוי-אונגס-מאַן פון דער „נאַציאָנאַלער פאַריייניקונג", וועלכע איז אינגאַנצן ווייס-בלוי: „די בעלי-בתים אין קאָלאָניע און אין שטאָט — חוץ די „ליבע-ראַלן" — וועלן נישט מסכים זיין איבערצוגעבן דעם גורל פון דערציונגס-וועזן דער „כנסת", אפילו אויב ס'וועט אויסקומען צו דערפירן דעם חנוך צו אַ צעשפליטערונג" (דאָס אונטערגעשטראָכענע איז אין אָריגינאַל).

און דאָס איז נישט קיין מעלדונג פון אַן איינציקן בעל-גוף, וועמען די אָרטיקע תקיפות און זיין קרענקלעכע שנאה צום אַרבעטער-צבור האָבן אַראָפּגעפירט פון זינען. דאָס איז די שטעלונג פון די „אַלגעמיינע" ציוניסטן און מזרחיסטן אין תל-אביבער שטאָט-ראַט און אין גרעסטן טייל קאָלאָניעס, וועמענס געווײלטע פאָרשטייער זיצן אין דער כנסת-ישראל און אין דער אַגענץ-לייטונג.

אַ כלל-ישראל, פון וועלכן דער אַרבעטער איז נישט אַרויסגעשטויסן געוואָרן, אָדער, לכל-הפחות, וואו ס'איז נישט פאַרמינערט געוואָרן זיין רעכט,— דאַרף צעשטערט ווערן; ווייל אַזאַ כלל-ישראל אַנטשפרעכט נישט דער תאוה פון קלאַסן-הערשאַפט פון די תקיפדיקע בעלי-גופים.

די דאָזיקע בעלי-בתים האָבן ליב צו פאָכען מיט דער נאַציאָנאַלער פאָן כלפּי-חוץ. ס'איז דאָ ביים יידישן פאָלק אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע מען קען עקספּלאָאַטירן, און פון וועלכער מען קען אויפגעבויט ווערן. אָבער מיר געדענקען נאָך איצט דעם פאַל, ווען די בעלי-גופים אין דער עלטסטער יידישער קאָלאָניע אין א"י האָבן צעריסן די ציוניסטישע פאָן און נקמה גענומען אָן די אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען פאַרטיידיקן די דאָזיקע פאָן. ווי איז צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און צו די נאַציאָנאַלע ווערטן, וועמענס גורל ס'וועט זיך געפינען אין די הענט פון די דאָזיקע „בעלי-גופים". אינם ערשטן מאָמענט, ווען ס'וועט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן פּריוואַטן קלאַסן-אינטערעס מיט דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אינטערעס, וועלן זיי לייקענען די אַלע ווערטן פון דער באַוועגונג און זיי פאַרראַטן, ווי זיי טוען עס איצט מיט יידישער אַרבעט, מיט נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, מיט חלוצישער עליה און מיט דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג.

ז.

דער „אַלגעמיינער" ציוניזם פון בעל-הבית ווערט צעפאַלן און אויס-געליידיקט פון זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט. אַפילו דער בעל-הבית, וועלכער איז טריי געבליבן דעם ציוניזם, וואַקלט זיך צווישן זיין ציוניסטישן באַ-וואוסטזיין און זיין קלאַסן-נייגונג. די נייע קאָמבינאַציעס אין „אַלגעמיינעם"

ציוניזם שטאַמען נישט פון די אידעאָלאָגישע מיינונגס-פאַרשידנהייטן, וואָס האָבן ביז היינט צעטיילט די ציוניסטישע גרופּירונגען. דער מזרחי, וועלכער רעדט אין נאָמען פון דת און תּורה; די רעוויזיאָניסטן, וועלכע פּרעדיקן אַ „קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים" און די אַנטדעקונג פון אַ נייעם מאַנדאַטאָר, און די קאָלאָניסטן, וואָס רעדן אין נאָמען פון פּראַקטישן ציוניזם, מאַכן אַ יד-אחת אין זייער קאַמף קעגן דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער. דער פּאָרזיצנדער פון דער קאָלאָניסטן-פּאַרייניקונג, וואָס פּאַראַכטעט, נישט ווייניקער פון די הסתדרות-חברים, דעם פּאָליטישן שאַנטאַזש פון די רעוויזיאָניסטן, הייסט די אַרבעטס-געבער מחרים זיין די הסתדרות-אַרבעטער און באַשעפטיקן אויף זייער אָרט די בית"ר-לייט. די „אַלגעמיינע" ציוניסטן און מזרחי קעמפן צוזאַמען קעגן איבערגעבן די קרן-קימת-ערד אין וואַדי-חורית פאַר אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע, כאָטשביידע רעדן אין נאָמען פון דער „איבערקלאַסן"-אידעאָלאָגיע און ביידע פּרוואון אַריינציען אין זייער לאַגער די חלוצישע אַרבעטער-יוגנט פון חוץ-לארץ, די ערשטע מיטן לאָזונג פון „אַלגעמיינעם", אַל-נאַציאָנאַלן ציוניזם, און די צווייטע — מיטן לאָזונג פון דת.

אָבער דער גאָט פון מזרחי אָנערקענט נאָר דעם מיטלשטאַנד, און דאָס פאָלק פון „אַלגעמיינעם" ציוניזם באַשטייט נאָר פון קאַפּיטאַליסטן אויך זיי זענען צייטנווייז גרייט צו זאָרגן פאַרן אַרבעטער, אויב מ'קען, נאָר מיט זיין הילף צעשטערן די אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. די רעוויזיאָניסטן, די אַלגעמיינע ציוניסטן און מזרחיסטן וועט קיינמאָל גאָרנישט איינפאַלן צו אָרגאַניזירן אַ רעוויזיאָניסטישע קאָלאָניסטן-אָרגאַניזאַציע, אַן „אַלגעמיינע" אָדער אַ מזרחיסטישע און אַפילו נישט קיין אָרגאַניזאַציע פון סוחרים אָדער הייזער-אייגנטימער, וועלכע זאָל קאָנקורירן מיט דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון קאָלאָניסטן, סוחרים אָדער הייזער-אייגנטימער. דאָ ווייסן זיי, אַז טראָגן די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע חלוקי-דעות, איז דאָ אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט אין אַן אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג, כדי צו שיצן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון כּלל. און די אַלע אָרגאַניזאַציעס זענען דאָך בדיעבד אויך פּאָליטישע און זענען טעטיק אויף אַ סך געביטן אויסער די ענגע ראַמען פון זייער פאַך, טראָגן די אינערלעכע חלוקי-דעות. — די קאָלאָניסטן-אָרגאַניזאַציע גיט אויך אַרויס אַ פּאַרטיי-צייטונג און איז טעטיק בעיקר אויפן געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן געביט.

סוף-סוף זענען זיי דאָך ברידער פון איין קלאַס און די קלאַסן-נייגונג גייט ביי זיי פאַר דער פּאָליטישער אָדער אידעאָלאָגישער אָנשויונג.

בלויז איין אָרגאַניזאַציע לאָזט נישט שלאָפן אָט די גוטע יידן — די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, און נאָכדעם, ווי אַלע פּרוואון צו צעברעכן און אַריינצולייגן זי אין חרם האָבן זיך נישט איינגעגעבן, קליגן זיי זיך צו אונטערגראָבן אונטער איר, אויפשטעלנדיק נייע קאָנקורענץ-אָרגאַניזאַציעס, איבערנעמענדיק אויף זיך די אַפּוטרופּסות איבער די נישט-אָרגאַניזירטע אַרבעטער. מיט וויפיל התלהבות און ברען באַשיצן די גוטע בעלי-בתים דעם „כתם-אַרבעטער" בלויז צוליב דעם, וואָס ער געפינט זיך מחוץ פון דער הסתדרות

און מיט וויפיל זאָרג באַשעפטיקן זיי זיך מיט יעדן הייפל אַרבעטער, פון וועלכן ס'איז נאָר דאָ אַ שטיקל האָפנונג צו שאַפן אַ קאָנקורענט צו דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. אויך דער אַלגעמיינער ציוניסט, וועלכער אָנערקענט, אַז אָן יידישער אַרבעט האָט נישט קיין זין אונזער גאַנצער אויפטו אין ארץ-ישראל, וויל נישט אָנערקענען, אַז אָן אָרגאַניזירטער אַרבעט, אָן אַן אומפּאַסנדיקער און אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער, וועט דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט נישט מצליח זיין און דער יידישער אַרבעטער וועט קיין קיום נישט האָבן, נישט דערפאַר, ווייל ער אָנערקענט נישט בכלל דעם ווערט פון אָרגאַניזאַציע, איר כוח און נוצן, נאָר פאַרקערט, — ווייל ער האָט מורא פאַר דעם דאָזיקן אַרבעטער-כוח און ער שטעלט זיך קעגן אויפהויבן דעם ווערט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין ארץ-ישראל.

די אַרבעטער-אָרגאַניזירונג איז טאַקע אַ ברכה פאַרן ציוניסטישן ווערק, פאַרן אויפבוי פון לאַנד, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון ישוב — אָבער אין איר איז דאָך באַהאַלטן אַ סכנה פאַר דער קלאַסן-הערשאַפט און קלאַסן-תאווה פון בעל-הבית.

ח.

די תאווה פון קלאַסן-הערשאַפט ביים בעל-הבית ווערט נישט אָן בלויז די אַרבעטער און זייער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. דער „אַלגעמיינער" ציוניסט שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַר אָנגרייפן די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע יסודות פון ישוב און ציוניזם, כדי צו פאַרזיכערן זיין קלאַסן-הערשאַפט. אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קענען נישט די בעלי-בתים ווערן אַ מערהייט אין ישוב, און די הערשאַפט פון בעל-הבית מוז נאַטירלעך זיין אַ הערשאַפט פון אַ מ י נ ד ע ר ה יי ט. דידאָזיקע מינדערהייט קען נישט הערשן, נישט אָנרירנדיק דערביי די צוויי פּאָליטישע עיקר-זיילן פון דעם זיך-פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם: דאָס בירגער-רעכט פון יעדן ייד אין זיין היימלאַנד און די אויטאָנאָמיע פון ישוב.

מיר געדענקען נאָך איצט די מלחמה פון די תל-אביבער בעלי-בתים קעגן דעם אויפשטעלן פון אַ יידישער שטאָט מיט אַ באַזונדערן זעלבסטשטענדיקן יידישן מאַגיסטראַט. דידאָזיקע מלחמה האָט נאָך נישט אויפגעהערט. די אָפענע מאָטיוון קעגן „אָפּזונדערן זיך" פון יפו און פאַר אַ געמישטן ישוב, זענען געווען, פאַרשטייט זיך, עקאָנאָמיש-סוחריש, ווייל פאַר יידן איז שטענדיק גלייכער זיך צו געפינען אונטער דער אַפּוטרופּסות פון גוי, — דער „אויפבלי" פון נוה-צדק און נוה-שלום קען עס דערווייזן... אויך דער מצב פון יידישן ישוב אין רמלה און אין עזה זאָגט עדות אויף דעם גרויסן עקאָנאָמישן פאַרשטאַנד פון די פרעדיקער פון אַ געמישטן ישוב. און מען דאַרף גאָרנישט אָפּשטעלן זיך אויף דער זיכערהייטס-פראַגע, וועלכע איז אַזוי גליקלעך געלייזט געוואָרן אין חברון און אין צפת... אָבער אויב דאָס פאַרייניקן זיך מיט יפו וועט נישט ברענגען קיין עקאָנאָמישע נוצן, — האָט

עס דערפאַר אַ גרויסע פּאָליטישע מעלה: די עפּענדישע הערשאַפט. דער פּעאָדאַלער רעזשים, וואָס הערשט אין דעם אַראַבישן ישוב פאַרמאָגט אַ גרויסע צוציונגס-קראַפט פאַר אונזער בעל-הבית און כדי צו שאַפן אַזאַ מין סאָרט רעזשים אויך אין דעם יידישן ישוב, איז דער בעל-הבית גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם טייערסטן פּאָליטישן אוצר, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן אין לאַנד — פון דעם יידישן טעריטאָריאַלן פּונקט. דער רעדאַקטאָר פון „בוסתנאי", וועלכער רעדט אין נאָמען פון די „בעלי-בתים פון שטאָט און דאָרף" פּרעדיקט נישט בלויז אַ „געמישטע אַרבעט", נאָר אויך אַ „געמישטן ישוב" און זיין קלאַסן-לאָגיק איז זייער אַ ריכטיקע. די אַליינהערשאַפט פון בעל-הבית אין ישוב ווערט באַדראָט סיי דורך יידישע אַרבעט, סיי אויך דורך יידישער טעריטאָריאַלער קאָלאָניזאַציע.

אָבער די היסטאָרישע לאָגיק פון דעם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם הערט זיך נישט צו צו דער קלאַסן-לאָגיק פון בעל-הבית, און דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל פאַרפעסטיקט זיך אַלץ מער און מער אויפן יסוד פון טעריטאָריאַלער צענטראַליזאַציע און פאַרייניקונג פון יידישע פּונקטן. אמת, דער בעל-הבית קליגלט זיך צו פאַרוואַנדלען אויך די יידישע קאָלאָניע אין אַ פּונקט פון אַ „געמישטן ישוב", און אין זכרון-יעקב, למשל, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער ישוב-אידעאַל פון דעם פאָרזיצער פון דער קאָלאָניסטן-פאַרייניקונג. אָבער אינדעראמתן גייט אויך דאָ נישט דער כוח פון דער יידישער עליה און איר שטאַרקער דרוק לויט דער קלאַסן-לאָגיק פון בעל-הבית און אויף צו להכעיס דעם צעשטערערישן קליגלען זיך פון די, וועלכע באָיקאָטירן די יידישע אַרבעט, פאַרמערט זיך די צאָל יידישע אַרבעטער, סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט — און מיט זייער פאַרמערונג וואַקסט די סכנה פאַר דער הערשאַפט פון בעל-הבית. דער צאָלמעסיקער וואוקס פון די יידישע אַרבעטער פאַראורזאַכט, דורך דער לאָגיק פון עקאָנאָמיק, אויך די פאַרמערונג פון אַנדערע פאָלקס-שיכטן. דער אַראַבישער אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין דער קאָלאָניע, גיט אויס זיין פאַרדינסט אין אַן אַנדער אָרט — אין אַראַבישן דאָרף אָדער אין אַראַבישן שטעטל. דאַקעגן דער יידישער אַרבעטער לעבט אין דער קאָלאָניע און גיט דאָרט אויס זיין גאַנצן פאַרדינסט. דורך דעם דערמעגלעכט ער די עקזיסטענץ פון יידישן בעל-מלאכה, לערער און קרעמער. די פאַרמערונג פון די אַרבעטער מאַכט קלענער דורך דעם די קוואַנטיטאַטיווע וואָג פון די בעלי-בתים, נישט בלויז פּראָפּאָרציאָנעל נאָר אויך פּראָגרעסיוו. דערדאָזיקער קלאַס ווערט אַ נישט גרויסע מינדערהייט סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, און זיין פּאָליטישע הערשאַפט איז מעגלעך נאָר דורך דער באַרויבונג פון די רעכט פון דער מערהייט איינוואוינער, אָדער דורך ליקווידירן די אויטאָנאָמיע פון יידישן ישוב, אָדער דורך די ביידע מיטלען צוזאַמען. פונדאַנען שטאַמט דער קאַמף פון די בעלי-בתים קעגן דער אויטאָנאָמיע פון יידישן ישוב אין אָרטיקן און אין לאַנד-מאַסשטאַב, פונדאַנען נעמט זיך זייער אָפּענע און אומפאַרשעמטע אונטערגראָבונג קעגן

פֿון מענטשן און בירגער-רעכט פון דעם אַרבעטנדיקן, אומפּאַרמעגלעכן ייד. ווער ס'האָט נישט קיין נחלה – דער האָט נישט קיין חלק אין היימלאַנד, – דאָס איז די פּאָליטישע מאָראַל פונם בעל-הבית. בירגער פון דעם ישוב און זיינע בעלי-בתּים זענען בלויז די רייכע.

אַן ערך מיט 30 יאָר צוריק, ווען דעם באַראָנס באַאַמטע האָבן געהערשט אין די קאָלאָניעס און צוגענומען ביי די קאָלאָניסטן זייער בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט, איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון חובבי-ציון און פון ישוב צום באַראָן מיט אַ פאָדערונג צו געבן די קאָלאָניסטן דאָס זעלבסטפאַרוואַלטונגס-רעכט. דער באַראָן האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „דעם ארץ-ישראלדיקן ישוב האָב איך געשאַפן, איך אַליין, און קיינער האָט נישט קיין רעכט, נישט קאָלאָניסטן און נישט קיין חברות, אַריינמישן זיך אין מיינע ענינים און זאָגן מיר אַ דעה אין מיין אַרבעט. איך בין אַנטשידן און פולשטענדיק קעגן דעם".

אחד העם, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער דעלעגאַציע, האָט דאַן געשריבן מיט פאַרביטערונג: „און אינם לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן אונזערע עלטערן, זענען מיר קנעכט, – שטענדיק, ווען איך קום צו דעם פּסוק, שרייט אין מיר דאָס האַרץ, ריכטיק, ווי כ'וואָלט זען דעם שטורעם אין די הערצער פון אונזערע אבות, די צוריקגעקומענע פון גלות, און איך הער דאָס געוויין פון גאַנצן קהל, ווען די לויים האָבן אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע שרעקלעכע ווערטער „מיר זענען קנעכט דאָרטן", אינם לאַנד, וואָס די געשיכטע האָט אונז איבערגעגעבן אין באַזיץ. ווי שטאַרק איז דער ווייטיק און ווי גרויס איז די חרפּה". אויך אויף זיינע חברים פון דער דעלעגאַציע האָט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, פאַרוואָס זיי זענען נישט אויפגעציטערט געוואָרן און זיי האָבן נישט געהאַט קיין מוט צו מאַכן מיטאַמאָל אַ סוף צו דעמדאָזיקן שרעקלעכן שפּאַס. „ווייל וואָס איז דידאָזיקע דערנידריקנדיקע און שענדלעכע קנעכטשאַפט, וועלכע וויקלט זיך איין אין אַ טלית פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אויב נישט קיין שרעקלעכער שפּאַס".

די דעלעגאַציע, אויף וועלכער אחד-העם האָט זיך אַזוי געבייזערט, האָט דאָך דערפילט איר שליחות. דער באַראָן, וואָס האָט אַריינגעלייגט אין ישוב צענטליקער מיליאָנען פון זיין פּריוואַטן קאַפּיטאַל, האָט סוף-כּל-סוף פאַרשטאַנען, אַז דער ישוב איז נישט קיין פּריוואַט-זאַך, אַז די מענטשן, וועלכע בויען דעם ישוב, זענען נישט קיין אייגנטום פון קאַפּיטאַל און די קאָלאָניעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן די קאָלאָניסטן. אָבער די „שענדלעכע און דערנידריקנדיקע קנעכטשאַפט" האָט נישט אויפגעהערט, ס'האָבן זיך בלויז געביטן אירע בעלי-בתּים. אָנשטאָט איין גרויסן באַראָן, וועלכער האָט געגעבן זיין געלט, זענען געקומען אַ סך קליינע באַראָנען, וואָס האָבן גענומען געלט פון אַנדערע און געוואָרן בעלי-בתּים, און איצט קוקן זיי אויף זיך, ווי אויף די איינציקע הערשער פון ישוב. ווער ס'איז נישט קיין בעל-הבית, ווער ס'האָט געדינט דעם ישוב בלויז מיט זיין שווייס און בלוט, „דאַרף זיך נישט מישן אין ייער אויפטו".

און אויב דער יידישער אַרבעטער, וועלכער באַאַרבעט דאָס לאַנד און היט עס אָפּ, וויל נישט זיין קיין „קנעכט דאָרטן" און בעט נישט, נאָר קעמפט אַלס מענטש, אַלס ייד, אַלס ציוניסט פאַר זיין אַרבעטס-רעכט, פאַר זיין אָרגאַניזירונג און פולער בירגערשאַפט, — שטויסט ער זיך אָן אינם קאַמף פון די בעלי-בתים, וועלכע זענען נישט קיין איבערקלייבער אין מיטלען: באָיקאָט, אויסהונגערונג, מסירות, פּאָליציי, רעכט-פאַרמינערונג, אַרויסטריט פון כנסת און צעשפּליטערונג פון דעם דערציונגס-וועזן, — אַלץ איז כשר פאַר דערדאָזיקער קלאַסן-כנופיה אין זייער קאַמף פאַרן פעאָדאַלן רעזשים, מיט וועלכן די בעלי-בתים פון שטאָט און דאָרף ווילן מזכה זיין דעם ישוב.

און אין אַרבעט-סיכסוכים, אַזוי אויך אין פּאָליטישע סיכסוכים זוכט דער בעל-הבית אַן אָנשפּאַר נישט אין דעם יידישן ישוב, נאָר מחוץ פון אים: אין דעם נישט-יידישן אַרבעטער און פרעמדן פּאָליציאַנט, ס'איז נאָך פאַראַן אין א"י אַ נישט-יידישע רעגירונג און פּאָליציי, גיט צווויסן זיגרייך דער רעדאַקטאָר פון „בוסתנאי". יעדעס קערנדל פון זעלבסטשטענדיקער יידישער הערשאַפט איז עלול פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ „סימבאָל פון דער הסתדרות", ווי די אַגענץ און די כנסת — און דעריבער — זאָל לעבן די פּאַלעסטינער רעגירונג! איר ווילט אויטאָנאָמיע? פאַרקלענערט די רעכט פון די ארחי-פרחי, וואָס זענען נישט קיין בעלי-בתים און דאַן וועלן מיר איינגיין אויך אויף אויטאָנאָמיע. ד־־ בירגער פון ישוב און זיינע הערשער זענען נאָר די בעלי-בתים.

ט.

אין פלוג גענומען, איז עס נאָר די שטעלונג פון די בעלי-בתים אין א"י. און מ'קען נישט אידענטיפיצירן דעם ישוב, וואו ס'זענען פאַראַן ממשותדיקע אינטערעסן-קעגנזאַצן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז געבויט אויף נאַציאָנאַלער שטרעבונג און פאָלקס-ווילן. אָבער דער ישוב ווערט אַלץ מער די אָפּשפּיגלונג פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. ער ווערט אַלץ מער דער כוח, וואָס אינסטרואירט און ריכטעט זי. די קלאַסן-קעגנזאַצן אין ישוב פּלעכטן זיך אַריין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַשטימען די כוחות-פאַרהעלטנישן אין דער באַוועגונג. אין דער מאָס, וואָס דער ציוניזם פאַרוואַנדלט זיך פון געדאַנק און אַבסטראַקטער וויזיע אין אַ ממשותדיקער און לעבעדיקער ווירקלעכקייט, אין דער מאָס, וואָס די עליה פאַרברייטערט זיך און ווערט אויפגענומען אין לאַנד, אין דערזעלבער מאָס באַהעפטן זיך די רעאַלע פאַרבינדונגען צווישן א"י און גלות, אין דערזעלבער מאָס ווערט וואָגיקער די באַדייטונג פון ישוב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער בעל-הבית אין א"י, וועלכער לייקנט די ציוניסטישע עיקרים צוליב קלאַסן אינטערעס, צוליבן געיעג נאָך אייגן-נוץ און תאוה נאָך הערשאַפט, — וואַרפט אַ שאָטן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. נישט שטענדיק און נישט אומעטום געלינגט דעם בעל-גוף אין א"י צו קריגן די הילף און אונטערשטיצונג פון זיינע קלאַסן-פאַרבינדעטע אין גלות. די נאַציאָנאַלע און

דעמאָקראַטישע טראַדיציע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין ציוניזם און נישט אַזוי לייכט קען מען זי אָפּן און בולט צושטערן. אויך די שעדלעכע השפּעה פון דער נישט-יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד, וועלכע דערפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען פון יידישן ישוב, לאָזט זיך פילן אין חוץ-לארץ (הגם אַפילו אין פיל לענדער לאָזט זיך פילן דער שעדלעכער ביישפּיל פון דער פאַשיסטישער דעמאָראַליזאַציע). און ס׳איז נאָך דאָ אַ גרויסער מהלך צווישן ס אַ ט פונם בעל-הבית אין לאַנד און דער אָנגענומענער ט ע אָ ר י ע פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין גלות. אָבער דוקא דער פּראָצעס פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג פאַרקלענערט פון מאָל צו מאָל דעמדאָזיקן אונטערשיד. די אינערלעכע לאָגיק פון א״י-אויפבוי דורכן יידן הויבט אויף דעם ווערט און די קראַפט פון יידישער אַרבעט, און די געזעלשאַפטלעכע אומוואַנדלונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן אויפטו פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם, אַנדערשט איבער די פאַרהעלטנישן פון די קלאַסן-כוחות און פאַרשאַרפט די קעגנזאַצן נישט בלויז אין ישוב, נאָר אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע.

אין צענטער פון די קאָנפליקטן און קעגנזאַצן שטייט ד י פ ר אַ ג ע פ ו ן ק אַ פּ י ט אַ ל. זי איז דאָס די, וועלכע העלפט, מער ווי אַלץ, דער אויפשטעלונג פון איין געמיינזאַמען פראָנט צווישן בעל-הבית אין לאַנד און זיינע חברים אין גלות.

י.

דער אינהאַלט פון די דאָזיקע קאָנפליקטן ליגט נישט אינם טעאָרעטישן ויכוח איבערן נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אין דער אמתן נעגירן נישט די אַרבעטער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אַלס ציוניסטישן פאַקטאָר און די בעלי-בתים טרעטן נישט אַרויס קעגן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אַלס קאָלאָניזאַטאָרישן מיטל. די אַרבעטער פלעגן שטענדיק גינסטיק אויפנעמען דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וועלכער האָט געשאַפן אַרבעטס-מעגלעכקייטן פאַר עולים און האָט פאַרגרעסערט די אויפנאַם-פעיקייט פון לאַנד, און זיי וועלן שטענדיק באַגריסן יעדן קאַפּיטאַל, וועלכער וועט בויען קאָלאָניעס און פאַבריקן מיט יידישער אַרבעט. א״י דאַרף זיין אַ מקום מקלט פאַרן פאָלק מיט אַלע זיינע שיכטן און קלאַסן, סיי פאַר קאַפּיטאַליסטן, סיי פאַר אומבאַמיטלטע. דער ציוניזם דאַרף ראַטעווען נישט נאָר דעם גוף און די נשמה, נאָר אויך דעם יידישן פאַרמעגן פונם אונטערגאַנג און חורבן, וועלכער דראָט אים אין חוץ-לארץ. זייט דער גרינדונג פון ישוב עד היום, האָט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל געהאַט אַ חלק אין בויען די יידישע ווירטשאַפט, אָנהייבנדיק פונם ערשטן פּרואוו פון אַ גרופּע יידן אין ירושלים, מיט 54 יאָר צוריק, צו בויען אַ יידיש דאָרף ביי די ברעגן פון ירקון און ג״ז דער פאַרברייטערונג פון די אָראַנזש-פּלאַנטאַציעס און אינדוסטריע, פונם האַנטווערק און בוי-אַרבעט אין אונזערע צייטן. אין דער צוקונפט וועט דער

פּריוואַטער קאַפּיטאַל פאַרנעמען אפשר נאָך אַ גרעסערן אָרט אינם אויפבוי פון לאַנד און ס׳איז נישטאָ קיין שום נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער טעם צו אונטערשטעצן זיין ווערט אָדער צו פאַרקלענערן זיין אָנזען.

פון דער צווייטער זייט, האָבן די בעלי-בתּים שטענדיק גענאָסן פונם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. די אַלטע קאָלאָניעס, וועלכע באַרימען זיך מיט „דער פּריוואַטער איניציאַטיוו״, זענען ס׳רוב געגרינדעט געוואָרן מיט נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. די גאַנצע תּקופה פון דער ערשטער קאָלאָניזאַציע, פון 50 ביז 20—25 יאָר צוריק, די תּקופה פון חובבי-ציון און באַראָן, איז געווען בעיקר אַ תּקופה פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. נאָר איניקע האָבן זיך באַזעצט אין די קאָלאָניעס אויף אייגענע מיטלען, און אויך זיי זענען אָנגעקומען צו נאַציאָנאַלער הילף. רחובות און חדרה זענען די איינציקע צווישן די אַלטע קאָלאָניעס, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן מיט פּריוואַטן קאַפּיטאַל, הגם אויך אין זיי האָט דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל דערפילט נישט קיין קליינע אויפגאַבע. ראשון-לציון און פתח-תּקוה, זכרון-יעקב און ראש-פּנה, עקרון און גדרה, משמר-הירדן און מתולה, סעדזשעראַ און די איבריקע קאָלאָניעס אין גליל זענען אויפגעבויט געוואָרן בעיקר מיט נאַציאָנאַלן אָדער כּמעט נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל (מיט די געלטער פון באַראָן, חובבי-ציון, יק״א א. אַנד.) און קיין איינער פון די לייט מיט „פּריוואַטער איניציאַטיוו״ האָט זיך נישט געקווענקלט צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן קאַפּיטאַל. פאַרקערט, מ׳האָט אים גענומען מיט פולע הויפנס.

אַפילו תּל-אביב, וועמענס בירגערלעכע הערשער באַרימען זיך מיט איר פּריוואַטער איניציאַטיוו, — איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. דער ערשטער פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער יידישער קוואַרטאַל ביי יפו, איז געקויפט געוואָרן מיט דער הילף פון קרן-קימת, און דער דאָזיקער פאָנד ערפילט נאָך אויך היינט אַ גרויסע אויפגאַבע אין דער פאַרברייטערונג פון דער ערשטער יידישער שטאָט. אויך איצט ווערן געבויט אין תּל-אביב גאַנצע קוואַרטאַלן אויפן דעם באָדן פון קרן-קימת. אויך דער בנין פון דער העברעישער גימנאַזיע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט נאַציאָנאַלע געלט-מיטלען, האָט געדינט אַלס וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט ביי איר אָנהייב. די היפּאָטעקן-באַנק, וואָס העלפט דעם אויפבוי פון דער שטאָט, איז אַ נאַציאָנאַלער געלט-אויפטו, און קיין שום בעל-הבית גרענעצט זיך נישט אָפּ פונם דאָזיקן געלט. דאָס זעלבע איז אויך מיטן אויפבוי פון די יידישע קוואַרטאַלן אין ירושלים, חיפה און טבריה. אויך אין דער פאַבריק-אינדוסטריע, וואָס איז דער שטאָלץ פון דער פּריוואַט-איניציאַטיוו, שטעקט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, הן אין דירעקטער באַטייליקונג אינם גרינדונגס-קאַפּיטאַל, ווי אויך אין געבן קרעדיטן.

פאַקטיש איז די גאַנצע צייט געווען אַ קעגנזייטיקע באַווירקונג — קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין אויפבוי פון דער יידישער ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל און ס׳איז שווער זיך פאַר-

צושטעלן די רעאַליזירונג פֿונם ציוניסטישן ווערק אָן דער באַטייליקונג פֿון בײַדן אויך אין דער צוקונפֿט.

דער עיקר-ויכּוח איבער דער פֿראַגע פֿון קאַפּיטאַל, דער מקור פֿון קעגנזאַץ און קלאַסן-קריג, איז נאָר בלויז אין דער פֿראַגע פֿון פֿ אַ ר נ וּ צ ן ד ע ם ק אַ פּ י ט אַ ל. די פֿראַגע איז נישט, וועמענס דער קאַפּיטאַל איז, נאָר פֿאַר וועמען ער איז. נישט די אָפּשטאַמונג פֿון קאַפּיטאַל איז די סבה פֿון מחלוקת, נאָר זײַן באַשטימונג. דער קרן-היסוד אָדער דער קרן-קימת זענען נישט פּסול פֿאַרן בעל-הבית דערפֿאַר, ווײַל זייערע געלטער ווערן געזאַמלט צווישן פֿאָלק. דער פּסול איז נאָר צוליב דעם, ווײַל די געלטער פֿון די דאָזיקע פֿאָנדן זענען באַשטימט פֿאַר די באַדערפֿנישן פֿון פֿאָלק און נישט בלויז פֿאַר די בעלי-בתּים. קיין איין בעל-הבית אין ארץ-ישראל איז נישט קעגן דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אין די ציוניסטישע בענק, אפֿילו דער „בוסתנאי" אין אויך נישט קעגן זיי. ער פּסלט בלויז די „קייטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער קאָנטראָל", וועלכע די ציוניסטישע אינסטיטוציעס האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף די בענק. דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל איז פֿאַר זיך גופֿא כּשר בתּכלית הכּשרות, — אויב ער וועט נאָר דינען דער באַקוועמלעכקייט און פֿאַרזעלבערן נוצן פֿון בעל-הבית. די זינד, וואָס קען נישט געשענקט ווערן די נאַציאָנאַלע פֿאָנדן, די זינד, צוליב וועלכע דער „בוסתנאי" האָט גוזר געווען אַ פֿאַרניכטונג אפֿילו אויפֿן קרן-קימת, — איז דאָס באַנוצן זיך מיט אים פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע פֿון די אומבאַמיטלטע. כּל זמן דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, ווי דעם באַראָנס אַזוי אויך פֿון די חובבי-ציון און אַנדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, האָט געדינט פֿאַר די באַדערפֿנישן פֿון בעל-הבית און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין זײַן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, העלפֿנדיק פֿאַרגרעסערן זײַן פֿאַרמעגן, — איז ער געווען גוט און נוצלעך פֿונם בעל-הבתּיש-ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. ווײַל יעדער קאַפּיטאַל, אויך נישט קיין פּריוואַטער, דאַרף געהערן נאָר צו די קאַפּיטאַליסטן, און יעדער פֿאַרמעגן דאַרף זײַן דאָס אייגנטום פֿון פּרט. די ציוניסטישע פֿאָנדן, פֿריער דער קרן-קימת, נאָכדעם אויך דער קרן-היסוד, האָבן געזינדיקט קעגן די דאָזיקע צוויי הייליקע עיקרים פֿון די הערן פֿון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. פֿונם אָנהייב פֿון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט מיט 22 יאָר צוריק ביז הײַנט זענען די ציוניסטישע פֿאָנדן געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פֿון דער אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע, און די ערד, וואָס איז ערוואָרבן געוואָרן דורך זיי, איז פֿערבליבן ביז הײַנט און אויף שטענדיק אַן אַלגעמיין פֿאַרמעגן פֿון פֿאָלק. אָט קעגן די דאָזיקע צוויי זאַכן ווערן זיך די בעלי-בתּים און דערפֿאַר האָט זיך עס פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט די מלחמה אין ישוב און אין ציוניזם.

דאָס זעלבע איז אויך אין דער באַציִונג צום פּריוואַטן קאַפּיטאַל. דער אַרבעטער אָנערקענט דעם ציוניסטישן ווערט פֿון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿיל ער דינט די אינטערעסן פֿון ציוניזם, — דער פֿאַרברייטערונג פֿון דער יידישער אַרבעט און פֿון דער אויפֿנאַם-פֿעיִקייט פֿון

דער עליה; אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער דערמעגלעכט אַ געהעריקע עקזיסטענץ דעם יידישן אַרבעטער און פאַרזיכערט די שטענדיקע פאַרגרעסערונג פון ישוב. פאַרן אַרבעטער איז דער קאַפיטאַל, אויך דער פּריוואַטער, נאָר אַ מיטל צום אויפבוי פון לאַנד און צו דער רעאַליזירונג פונם ציוניזם. אָבער פאַרן בעל-הבית איז דער קאַפיטאַל אַ ציל פאַר זיך גופא, אַ העכערער און הייליקער ציל, און דער אַרבעטער איז באַשאַפן געוואָרן בלויז, כדי צו דינען דעם קאַפיטאַל און פאַרגרעסערן אים. דער בעל-הבית אָנערקענט בלויז איין געזעץ — „דעם ווירטשאַפטלעכן געזעץ פון פאַרגרעסערן די הכנסה און פאַרקלענערן די הוצאה". דער אַרבעטער, וועלכער בויט די ווירטשאַפט מיט זיין שווייס, עקזיסטירט בלויז אין זכות און אין חסד פון קאַפיטאַל און בלויז פאַר זיינעטוועגן. די אויפגאַבע פון דער ווירטשאַפט איז נישט שפּייזן אירע אַרבעטער, נאָר פאַרגרעסערן די רוחים פון בעל-הבית. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל און די פּריוואַטע ווירטשאַפט איז הייליק, און דער בעל-הבית קען דאָרטן טאָן אַלץ, וואָס אים גלוסט. די אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער און זייערע רעכט ביי דער אַרבעט, איז בלויז אַ פרעמדע אַריינמישונג אין אַ געביט, וואָס געהערט נישט צו זיי, און אַ צעשטערונג פון דער העכערער און הייליקער פרייהייט פונם ווירטשאַפטס-באַזיצער. דער אַרבעטער דאַרף זיין אַ בלינדער און אונטערטעניקער אינסטרומענט אין די הענט פינם בעל-הבית און דאַרף אים פאָלגן אָן שום טענות און מענות, ווייל דער בעל-הבית טוט דאָך מיט דעם אַרבעטער אַ חסד, געבנדיק אים אַרבעט. דער נאַציאָנאַלער קאַפיטאַל, וואָס בויט אַרבעטער-ווירטשאַפטן פאַר די אַרבעטער, — חוץ וואָס ער קערט איבער דעם גאַנצן פונדאַמענט פון דער היינטיקער אָרדנונג, שאַצט ער נאָך אַ געפערלעכן ביישפּיל פון „אַרבעטער-הערשאַפט". דער פּריוואַטער קאַפיטאַל דאַרף אָנשטאָט דעם, אונטערשטיצן בלויז די פּריוואַטע איניציאַטיוו און דינען אַלס מיטל פאַרן בעל-הבית צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן און הכנסה און צו פאַרפעסטיקן זיין קלאַסן-הערשאַפט, — וואָרום אויף דעם אַלעם שטייט די וועלט.

דאָס איז די אויפפאַסונג פונם ציוניסטישן בעל-הבית, און ס'איז נישט קיין אונטערשיד, צי ער איז אַן אָנהענגער פון ווייצמאַנס ציוניסטישער פּאָליטיק, צי ער שלעפּט זיך נאָך זשאַבאָטינסקיס פּאָליטישן שאַרלאַטאַניזם, אָדער ער דאַוונט גאָר אין בית-מדרש פון מזרחי. די קלאַסן-כנופיא פון די „אַלגעמיינע" ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן און מזרחיסטן אין תל-אביבער שטאָטראַט און זייער בשותפותדיקער פּראָנט מיט די פירער פון דער קאָלאָניסטן-פאַריייניקונג — זאָגן עדות, אויף וויפיל ס'זענען ערנסט די חלוקי-דעות, משטיינס-געזאָגט, וואָס שיידן פונאַנדער די דאָזיקע „פּאַרטייען" אין פּאָליטישע און קאָלאָניזאַציע-פראַגן, און וויפיל ס'איז פאַראַן אינערלעכער אמת און געזעלשאַפטלעכע אויפריכטיקייט אין זייערע אַלע פראַזן וועגן כלל-ישראל און „איבער-קלאַסן-פּאָליטיק". דער אמתער און איינציקער בונד, וואָס פאַראייניקט דעם דאָזיקן גאַנצן עולם — דאָס איז דער קלאַסן-אינטערעס, וואָס איז אין סתירה נישט נאָר צו די באַדערפנישן פון אַרבעטער

און זיינע רעכט, נאָר אויך צו די באַדערפנישן פון ציוניזם און זיינע פאָדערונגען.

יא.

דער קעגנזאַץ צווישן דער פּראָלעטאַרישער אויפפאַסונג, אַז דער קאַפּיטאַל דאַרף דינען דעם ציוניזם, און דער בעל-הבתישער אויפפאַסונג, אַז דער ציוניזם דאַרף דינען דעם קאַפּיטאַל, איז נישט נאָר אַ קלאַסן-קעגנזאַץ. דאָ זעען מיר אַ טיפן קעגנזאַץ צווישן קאָנסעקווענטן, געטרייען ציוניזם און צווישן דעם פאַרפעלשטן, אינהאַלטלאָזן ציוניזם. אין זיין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, אַזוי אויך אין זיין שטעלונג אין דער פראַגע פון קאַפּיטאַל, דערפילט נישט דער ארבעטער אויסשליסלעך בלויז זיין קלאַסן-מיסיע, נאָר ער קעמפט פאַר אַ נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, וואָס דעצידירט איבערן גורל פונם ציוניסטישן ווערק. דאַקעגן דער בעל-הבית, וועלכער נוצט-אויס דעם ציוניזם אַלס מיטל פאַרן קאַפּיטאַל, פעלשט דעם ציוניזם, פּונקט ווי דער בעל-הבית, וועלכער באָיקאָטירט יידישע ארבעט. אין די ביידע פאַלן האַנדלט דער בעל-הבית ווי אַ קלאסן-אינטערעסאַנט. אָבער זיין קלאַסן-אינטערעס שטייט אין אַ היסטאָרישער סתירה צו די באַדערפנישן פון ציוניזם און זיינע פאָדערונגען. און דאָ שטעקט די סיבה פון באַנקראָט פונם בעל-הבית אלס טרעגער פון „אלגעמיינעם" ציוניזם.

אויך דער אַרבעטער איז אַן אינטערעסאַנט. אויך ער האָט קלאַסן-באַדערפנישן און אַ קלאַסן-צוגאַנג. אָבער דער גרונט-אונטערשיד צווישן דעם אַרבעטער און דעם בעל-הבית — נישט צווישן אינדיווידועלן אַרבעטער און אינדיווידועלן בעל הבית (אַלס יחידים קענען זיי ווירקן אין קעגנזאַץ צום כלל), נאָר צווישן דעם כלל אַרבעטער און צווישן דעם כלל בעלי-בתים אַלס באַזונדערע קלאַסן — באַשטייט אין דעם, וואָס דער קלאַסן-אינטערעס פון אַרבעטער דעקט זיך פולשטענדיק מיטן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אינטערעס און זיינע היסטאָרישע באַדערפנישן דעקן זיך מיט די באַדערפנישן פון דעם זיך רעאַליזירנדיקן ציוניזם. דאַקעגן דער קלאַסן-אינטערעס פון בעל הבית שטויסט זיך צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן פון פאָלק, און זיינע קלאַסן-שטרעבונגען זענען סותר די באַדערפנישן פון ציוניזם.

אַרבעט פאַר יידישע מאַסן, באַפעסטיקן זיי אויף דער ערד פון פאָטערלאַנד, געזונט מאַכן זייער ווירטשאַפטלעכן, פיזישן און גייסטיקן לעבן, זייער געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע דערהויבונג, זייער איינוואָרצלען זיך אין לאַנד, אַלס פרייע און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, זייער זעלבסטאָרגאַניזירונג אין אַלע הינזיכטן — אָט די עיקרים פון ציוניזם פאַלן זיך צונויף מיט די באַדערפנישן און שטרעבונגען פון אַרבעטער-קלאַס, און דינען אַלס קעגנזאַץ צום קלאַסן-אינטערעס פון בעל הבית. דער אַרבעטער דאַרף נישט קיין טאָפּלטע בוכהאַלטעריע; איינע אַ נאַציאָנאַלע און איינע אַ קלאַסן-

בוכהאַלטעריע. אַלס אַרבעטער און ציוניסט, שטרעבט ער צום זעלבן ציל און איז אין אים פאַראינטערעסירט. די פאָדערונגען פון ציוניזם זענען זיינע פאָדערונגען און די אַרבעט פון ציוניזם איז זיין אַרבעט. דער בעל-הבית געפינט זיך אין אַ שטענדיקער אינערלעכער סתירה צווישן דער ציוניסטישער באַוועגונג און זיין קלאַסן-נייגונג. דער קלאַסן-פּרינציפּ פון אַרבעטער אויפן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן געביט — אַרבעט און גלייכ-הייט — איז אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ. דער קלאַסן-פּרינציפּ פון בעל-הבית — אייגן-נוץ און מינדערהייטס-הערשאַפט — באַרויבט דעם פאָלקס-קאָלעקטיוו. דער אַרבעטער-קלאַס איז נישט פאַראינטערעסירט אין דער עקזיס-טענץ פון קלאַסן. די איינהייט פון פאָלק, די אמתע איינהייט, געבויט אויף גלייכהייט און געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן, איז זיין סאָציאַלע שטרעבונג און די טענדענץ פון זיין היסטאָרישן קאַמף. יעדע מין באַרויבונג און אויסנוץ טרעפט אים דעם ערשטן, און זיין קלאַסן-קאַמף איז אַ קאַמף פאַר גערעכטיקייט. דער קיום פון בעל-הבית, אַלס קלאַס, הענגט אָפּ פון דער עקזיסטענץ פון עקספּלאָאַטירטע און אומבאַמיטלטע קלאַסן. אָן זיי איז זיין עקזיסטענץ נישט מעגלעך, און אויף קיין אופן און קיינמאָל קען ער נישט אידענטיפיצירן זיך מיטן גאַנצן פאָלק. דער יסוד פון זיין ווירטשאַפטלעכן קיום, — דער רווח, איז אַ רעזולטאַט פון פרעמדער אַרבעט, זיין קלאַסן-הערשאַפט באַזירט אויף אונטערדריקן דעם רוב פון פאָלק און באַרויבן זיינע רעכט.

דער קאַפּיטאַל דערפילט אַ פּאָזיטיווע און באַפרוכטנדיקע אויפגאַבע. דער ציוניזם איז נישט רעאַליזירבאַר אָן קאַפּיטאַל פונקט ווי אָן אַרבעט. ביידע זענען אומבאַדינגט נויטיק פאַרן אויפבוי פון לאַנד און פאַר דער עקזיסטענץ פון פאָלק. דער נאַציאָנאַלער ווערט פונם קאַפּיטאַליסט קען זיך אָבער נישט פאַרגלייכן צום נאַציאָנאַלן ווערט פון אַרבעטס-מענטש. אויב אַלע קאַפּיטאַליסטן אין ארץ-ישראל וועלן זיין יידן און בלויז קאַפּיטאַליסטן, וועט דאָס לאַנד נישט זיין מער יידיש, ווי יעצט, להיפך, אויך דער יידישער טייל וועט פאַרלירן זיין יידישן ווערט. אויב אַלע אַרבעטס-מענטשן אין לאַנד וועלן זיין יידן און נאָר אַרבעטס-מענטשן, וועט דאָס לאַנד זיין אינגאַנצן יידיש. נישט דאָס באַזיצן דעם קאַפּיטאַל באַשטימט זיין נאַציאָנאַלן ווערט, נאָר דער אופן פון באַנוצן זיך מיט אים. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל דערפילט אַ ציוניסטישע שליחות, אויב ער דינט אַלס מיטל פאַר יידישער אַרבעט. דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל באַרויבט דעם ציוניזם, אויב ער דינט נישט אָט דעם ציל. דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן אין אויפבויען זכרון און בנימינה, האָט נישט דערגרייכט זיין ציוניסטישן ציל. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל, וואָס האָט געבויט מגדיאל און רעננה, האָט דערפילט די ציוניסטישע שליחות הונדערטפּראָצענטיק. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַליסט איז אָבער נישט מסוגל און וויל נישט אַוועקשטעלן זיין קאַפּיטאַל אין רשות פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און נאָר אין זיין רשות, — ווייל דאָס איז סותר זיין מהות און

זיין קלאַסן-נייגונג. פערזענלעך קען ער זיין אַ גוטער ציוניסט, פונקט ווי דער איינצלנער אַרבעטער קען זיין אַ שלעכטער ציוניסט.

דער אונטערשיד אין דעם נאַציאָנאַלן ווערט און אין דער ציוניסטישער שליחות פון די ביידע קלאַסן איז נישט אַ סובּיעקטיווער אונטערשיד, וועלכער איז אָפּהענגיק פון דער באַטרעפנדיקער פערזאָן, פון זיין צופעליקן אינערלעכן ווען, פון זיינע אינדיווידועלע נייגונגען און שטרעבונגען, — הגם מ׳דאַרף נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף זייער פּראַקטישן ווערט, — דער אונטערשיד איז אַן אָבּיעקטיווער, וועלכער וואַקסט אַרויס פון זייער געזעלשאַפטלעכן וועזן און קלאַסן-נאַטור, וואָס נאָר אין איינצלנע פעלן קען און וויל זיי אַ יחיד גובר זיין. די צוויי קלאַסן-פאָרמולן אין באַצוג צום ציוניזם און צום קאַפּיטאַל, — דער בעל-הבתישער נוסח פון ציוניזם, אַלס באַדינער פון קאַפּיטאַל, און דער פּראָלעטאַרישער נוסח פון קאַפּיטאַל אַלס באַדינער פון ציוניזם, זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראיינפאַכט און סכעמאַטיזירט און זיי נעמען נישט אַרום די גאַנצע רעאַלע ווירקלעכקייט, ווי זי איז אין אירע הונדערט פּראָצענט. אָבער זיי דריקן אויס די צוויי אויסגעקריסטאַליזירטע טענדענצן, וועלכע אַרבעטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, — די טענדענצן, וועלכע זענען פאַרבאָרגן אינם קלאַסן־מהות פון בעל-הבית און פון די אַרבעטער, די טענדענץ פון בעל-הבית, וועלכע דריקט זיך אויס אין לייקענען די נאַציאָנאַלע ווערטן און די פאָדערונגען פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם, און די טענדענץ פון אַרבעטער, וועלכע אידענטיפיצירט זיך אין איר יסוד מיט די פאָדערונגען פונם ציוניזם אויפן גאַנצן פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס.

יב.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אינסטרומענט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך געשטיצט עד היום בעיקר אויף אַלגעמיינע ציוניסטן. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געקומען צום אויסדרוק דער פאָלקס־כאַראַקטער פון ציוניזם. דורך איר זענען געשאַפן געוואָרן די נאַציאָנאַלע מכשירים פאַר דער רעאַליזירונג פון ציוניזם. די אָרגאַניזאַציע האָט געדינט אַלס וואָרט-פירערין און פאַרווירקלעכערין פון דער באַוועגונג. דער פאָלקס-יסוד פון ציוניזם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט סיי אין זיין דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע און סיי אין אינהאַלט פון זיין אַרבעט אין ארץ-ישראל. דאָס ציוניסטישע ווערק איז נישט געווען אַ קלאַסן-ווערק. נאָר האָט געשטרעבט צום היסטאָרישן ציל פון ציוניזם, אַלס פאָלקס-באַוועגונג. די מיטלען פון דער באַוועגונג זענען געזאַמלט געוואָרן צווישן די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק, אָן אונטערשיד פון קלאַס, און זענען געווידמעט געוואָרן קודם־כל יענע צוויי עיקרדיקע זאַכן, וועלכע שטייען אין צענטער פון דער פאַרווירקלעכונג: ערד און אַרבעט.

דער ציוניזם איז געקומען מתקן זיין די צוויי היסטאָרישע פעלערן

אין לעבן פון לאַנדלאָזן יידישן פאָלק: דאָס אויספעלן פון אַ באָדן-באַזיס און דאָס אויספעלן פון אַן אָנהאַלט אין שאַפנדיקער אַרבעט. צוליב דער אינערלעכער לאָגיק פון איר מהות, האָט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג קאָנצענטרירט אויפן שאַפן ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע מעגלעכקייטן, כדי צו פאַרבונדן די אומבאַטיטלטע עלעמענטן, וועלכע בילדן דעם גרעסטן רוב פון יידישן פאָלק, מיט ערד און אַרבעט אין לאַנד.

מיטן מאָמענט ווען דער קלאַסן-אינטערעסאַנט האָט באַהערשט דעם „אַלגעמיינעם" ציוניזם און האָט פאַרלייקנט די אַלגעמיינע ווערטן און אויפגאַבן, וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט מיטן קלאַסן-אינטערעס פון בעל-הבית, הערט אויף דער „אַלגעמיינער" ציוניסט צו זיין אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דער באַוועגונג און אין דער אָרגאַניזאַציע, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטיצט זיך בעיקר אויף אים, פאַרלירט איר אינהאַלט, און דידאָזיקע פוסטקייט ווערט פאַרפילט מיט רעוויזיאָניסטישער דעמאַגאָגיע די אַרבעטס-פעיקייט און דער שאַפונגס-ווערט פון דער אָרגאַניזאַציע ווערן, כסדר קלענער.

פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע טראָגט מיט אחריות דאָס ציוניסטישע ווערק און באַטראַכט זיך נישט בלויז אַלס קלאַסן-שליח, נאָר אויך אַלס פאָלקס-שליח אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, — פאַר איר שטעלט זיך די פראַגע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

וועלכע מסקנא דאַרף אונזער באַוועגונג אַרויסציען פון דער נייער ווענדונג, וואָס באַהערשט דעם „אַלגעמיינעם" ציוניזם, פון דער קלאַסן-ווענדונג, ביי וועלכער עס פעלט נאַציאָנאַלע אחריות און אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע טעטיקייט און וועלכע דריקט אַרויף איר חותם אויף דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?

י"ג.

דער ערשטער אויספיר, וועלכער בעט זיך צו מאַכן, איז: זעלבסטטעטיקייט, פאַרשטאַרקונג פון אינערלעכן כוח, אַ מער ענגערע קאָנצענטרירונג פון די אַרבעטער-מאַסן אַרום זייער אָרגאַניזאַציע און פאַרטיי, אויסברייטערונג פון פראָנט פון שעפערישער טאַט און פון קלאַסן-קאַמף, פאַרשטאַרקונג פון דער פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, אינטענסיווירונג פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, פאַרשטאַרקונג פון די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, איינפונדעווען די פּאָליטישע פּאָזיציע פון אַרבעטנדן ישוב, שאַפן צוגאַב-אינסטרומענטן פאַר קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אין רשות פון דער הסתדרות, זאַמלונג פון אַ קלאַסן-פאָנד, הן אינערלעך, דורך קאָנצענטרירן אַלע אָפשפאָרונגען פון די אַרבעטער אין זייערע אייגענע פינאַנץ-אינסטיטוציעס און הן דורך די זאַמלונגען פאַרן אַרבעטנדן א"י אין חוץ-לארץ, דורך אַ פּלאַן-און שוואונג-פולער אויסברייטערונג פון די ליגעס פאַרן אַרבעטנדן א"י, דורך פאַרשטאַרקן די ווירטשאַפטלעכע און האַנדלס-באַציונגען מיט דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע אין דער וועלט, דורך אַ טיפער און אויסגעברייטערטער דערציונגס-אַרבעט אין „החלוץ", דורך פאַראייניקן די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין

דער וועלט און אויפהויבן איר באַדייטונג צווישן דער יידישער יוגנט אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ.

דידאַקטישע זעלבסטעטיקייט, וועלכע איז נאָר אַ המשך פון דער פערמאַנענטער און אָרגאַנישער טעטיקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, איז נויטיק פאַר זיך אפילו ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָלט נישט דערגאַנגען צום איצטיקן קריזיס. דידאַקטישע טעטיקייט קומט נישט אָ נ ש ט אָ ט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אַרבעט און זי קען נישט אויספילן איר בלויז. די הסתדרות איז געשאַפן געוואָרן, נישט ווייל ס'איז נישט געווען אין ישוב קיין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע, און זי וועט נישט אויפהערן צו עקזיסטירן ווען די כנסת־ישראל וועט זיך פאַרפעסטיקן. די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט האָט אויפגעשטעלט אירע זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציעס, נישט צוליב אָפּזונדערונג פון דער מלוכה און אירע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס. דער ציוניזם איז טאַקע נישט קיין מלוכה און זיינע אונטערנעמונגען זעגען נישט קיין רעגירונגס־אָרגאַנען, און די אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג זענען נישט אין אַלעם גלייך צו די אויפגאַבן פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווירקט אין אַ לאַנד פון אַ שוין עקזיסטירנדיקער ווירטשאַפט און אַן אָרגאַניזירטן מלוכה־לעבן. די אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג און פון ציוניזם איז צו שאַפן דאָס אַלץ פון אָנהויב, צו שאַפן אַ יש מאין, און צו אַנטוויקלען און אויסצוברייטערן די אַלע ערשטע זוימען, וועלכע זענען שוין אויפגעגאַנגען. דערצו איז אין נאָך אַ גרעסערער מאָס נויטיק די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג. אויך דער יידישער אַרבעטער, אַלס קלאַס מיט היסטאָרישע אויסזיכטן און אַ נאַציאָנאַלער פעיקייט צו פאָרמירן דאָס לעבן פון זיין פאָלק לויט זיין אייגענעם אויסזען, עקזיסטירט ערשט בלויז אין געשטאַלט פון ערשטן קערן. אויך ער געפינט זיך נאָך אין סטאַדיום פון ווערן. די זעלבסטעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט איז נויטיק, כדי אָפּצוהיטן איר פ אָ ז י צ י ע און איר ד ע ר אָ ב ע ר ו נ ג ס ־ פ ע י ק י י ט אין דעם שווערן קאַמף, וועלכן זי פירט אין ארץ־ישראל און אין דער שווערער אויפבוי־אַרבעט, פאַר וועלכער זי טראָגט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

יד.

אָפּרייסן זיך פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דאָס איז דער ענטפער, וועלכער איז געגעבן געוואָרן אויף דער אונז אינטערעסירנדיקער פראַגע נאָך מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק דורך איין טייל אין אונזער באַוועגונג, וועלכער רופט זיך היינט לינקע פּוע״צ, און וואָס איז בשעתו באַקאַנט געווען אַלס אַנטי־קאָנגרעסיסטישער פליגל. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נישט די רעפּרעזענטאַנץ פון אַ פאָלק, וואָס שטרעבט צו דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, נאָר אַ בורזשואַזע קערפּערשאַפט, אַ פאָרשטייערשאַפט פון דער יידישער בורזשואַזיע בלויז לשם אירע קלאַסן־אינטערעסן, און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט אויף דעם קאָנגרעס וואָס צו

טאָן. נאָכמער, דאָס באַטייליקן זיך אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דראָט מיט אַ שטאַרקערער פאַרקנעכטונג פון פּראָלעטאַריאַט, מיט אָפּטעמפּן זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין און מיט אַראָפּפירן אים פון די ליניעס פון אויסגעהאַלטענעם קלאַסן-קאַמף. די נאַציאָנאַלע פאָנדן, דער קרן-קימת און שפּעטער דער קרן-היסוד, זענען נישט מער, ווי פאָנדן פון דער בורזשואַזיע, מיט וועמענס הילף זי באַקעמפט דעם פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע אין צווישן איר אויך די קבוצה איז שעדלעך און אוטאָפּיסטיש. די יידישע ווירטשאַפט אין א"י וועט אויפגעבויט ווערן אויסשליסלעך דורך דער בורזשואַזיע און אין איר וועט דער יידישער אַרבעטער פירן זיין קלאַסן-קאַמף. דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם פירט זיין ציוניסטישע טעטיקייט זעלבסטשטענדיק, אַליין און בלויז מיט זיינע אייגענע מיטלען.

נאָך מער ווי צוואַנציק יאָר ציוניסטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע געשיכטע, איז אונז מעגלעך צו אַנאַליזירן די דאָזיקע שטעלונג אין ליכט פון פאַקטן און רעזולטאַטן, אויף וועמענס אורטייל מיר קענען זיך רויק פאַרלאָזן. צוויי עיקרדיקע הנחות האָט פעסטגעשטעלט דער אַנטי-קאָנגרעסיסטישער פליגל. נעמלעך: 1) די באַטייליקונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שאָדט דעם פּראָלעטאַריאַט און דינט בלויז די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע; 2) דער כוח פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם ליגט נאָר אין זיין זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט.

די צוויי הנחות האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש אין זייער יסוד. די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון די ציוניסטישע פאָנדן האָט באַפרוכפּערט די יידישע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג, און נישט בלויז זי האָט פאַרפעסטיקט די פּאָזיציעס פון יידישן אַרבעטער, נאָר זי האָט זיי כמעט באַשאַפן. די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע איז נישט געווען קיין פּוסטער און שעדלעכער חלום, — נאָר אַ צענטראַלער פאַקטאָר אין אויפבוי פון לאַנד און אין דער אויסקריסטאַליזירונג פון יידישן ישוב. די טעטיקייט פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן איז נישט געווען קיין נעגאַטיווע, נאָר פּאָזיטיווע, ווי פון אַלגעמיין-קאָלאָניזאַטאָרישן, אַזוי פון ריין-פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט. אפילו דער פּלפּולדיקסטער דיאַלעקטיק וועט שווער זיין אויפצווייזן, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפטוען אין עמק-הירדן און עמק-יזרעאל, די קבוצישע ווירטשאַפט אין די קאָלאָניעס און די אַרבעטער-שכונות אין די שטעט, די אַרבעטער-באַנק און די קראַנקן-קאַסע, די שולן-נעץ פון דער „ועדת התרבות" און די פּראָדוקציר- און פאַרברויך-קאָאָפּעראַציע, — אַז דאָס אַלץ איז לרעה פון אַרבעטער-קלאַס.

אָבער די געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין א"י און אין ציוניזם ווייזט אונז אַ נאָך מער וואונדערפולערע ערשיינונג: די זעלבסטשטענדיקע פּראָלעטאַרישע טעטיקייט, וועלכע האָט לויט דער מיינונג פון אַנטי-קאָנגרעסיסטישן פליגל געדאַרפט געטאָן ווערן אין קעגנזאַץ און אָנשטאָט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט, די אַרבעט איז טאַקע געטאָן

געוואָרן אין אַ גענוגנדן פאַרנעם און מיט גרויס הצלחה, — אָבער דווקא נישט דורך די אַנטי-קאָנגרעסיסטן, וועלכע האָבן זיך דאָך אָן איר אַזוי שטאַרק געקלאַמערט, נאָר גראָד דורך דעם קאָנגרעסיסטישן פליגל. די דעראָבערונג פון אַרבעטס-פלעצער, די אויפשטעלונג פון דער הסתדרות העובדים, די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, די גרינדונג פון אַ קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט, דער אויפבוי פון אַן אַרבעטער-ישוב, דאָס אָנזאַמלען אַ קלאַסן-פאַרמעגן, דאָס דערגרייכן רעכט אויף אַרבעט און אַן אַרבעטער-שוץ-געזעצגעבונג, דאָס באַשאַפן אַ באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן א״י אין חוץ-לארץ, די דערציונג פון אַ חלוצישער יוגנט צו אַרבעט, דאָס אָנקניפּן חברישע באַציונגען מיט דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג אין גאָר דער וועלט -- פאַקטיש זענען די אַלע שאַפונגען און דעראָבערונגען פון דער א״י-דיקער אַרבעטער-באַוועגונג דער אויפטו פון די, וועלכע האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט און אָפּגעגעבן פיל פון זייער ענערגיע און כוח פאַר אַרבעט און קאַמף אויפן קאָנגרעס און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דווקא דער אַנטיקאָנגרעסיסטישער פליגל, וועלכער איז געווען אינגאַנצן פריי פאַר אָפּגעבן זיך דער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, איז געווען און געבליבן ביז היינט פולשטענדיק פרוכטלאָז און זיין אַנטייל אין דער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד איז ביז גאָר מינדערוואַרטיק. דער דאָזיקער פליגל האָט זיך נישט בלויז קעגנגעשטעלט דער באַטייליקונג אין די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָנשטרענגונגען און האָט נישט בלויז אַנטפּלעקט אַ מאַנגל פון פעיקייט און מעגלעכקייט פאַר זעלבסטשטענדיקע אויפטוען, — ער האָט אויך נעגירט די באַוועגונג, פון וועלכער די א״י-אַרבעטערשאַפט איז אַנטשטאַנען — *די חלוצישע באַוועגונג*.

אויך זי איז, לויט דער אויפפאַסונג פון די אַנטיקאָנגרעסיסטן, אַ בורזשואַזע, רעאַקציאָנערע, אוטאָפּיסטישע און שעדלעכע באַוועגונג, פון וועלכער יעדער, וואָס וויל אָפּהיטן זיין פּראָלעטאַרישע כשרות, דאַרף זיך ווי ווייט מעגלעך דערווייטערן. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט און טאַקע זייערס באַקומען. די פּסולע חלוצישע אוטאָפּיע האָט אויפגעשטעלט אין ארץ-ישראל אַ קרעפטיקן און שלאָג-פערטיקן אַרבעטער-קלאַס, וואָס אין הינזיכט פון שאַפונגס-קראַפט, קאַמפּס פעיקייט, אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנסאָלידירונג און דעראָבערונגס-אַספּיראַציעס, איז נישטאָ צו אים קיין גלייכן אין דער גאַנצער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין חוץ-לארץ — און ער איז כמעט ריין פון יעדער אַנטיקאָנגרעסיסטישער צומישונג על טהרת ה„אורשפּרינגלעכער פּראָלעטאַרישקייט“... די נעגאַציע האָט גאָרנישט געשאַפן.

טו.

די פולשטענדיקע און כראָנישע פרוכטלאָזיקייט פון אַנטיקאָנגרעסיסטישן פליגל, ווי אויפן פּראָלעטאַרישן קלאַסן-געביט אַזוי אויך אויפן געביט פון ציוניזם בכלל, זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעישע אָרעמקייט אין חו״ל

און פאקטישע נישטיקייט אין א״י, איז נישט קיין בלויזער צופאל. דאס איז א אומבאדינגטע און לאגישע קאנסעקווענץ פון זיין אידעאלאגישער אויפפאסונג און זעלישער איינשטעלונג, אין וועלכער ס׳איז נישטא נישט קיין פארשטענדניש פאר דער יידישער ווירקלעכקייט און נישט קיין פעיקייט צו פארשטיין דעם היסטאָרישן פראָצעס פון ציוניסטישער פארווירקלעכונג, נישט קיין אינדיווידועלער און קאלעקטיווער שאפונגס-טאלענט, נישט קיין נאציאנאלע און געזעלשאפטלעכע אינטואיציע און נישט קיין פארשטאנד פאר קלאסן-סטראטעגיע.

די אידעאלאגישע קאנצעפציע פון די לינקע פועלי-ציון שטיצט זיך אויף דער פשוטער איינשטעלונג, אז דאס יידישע פאלק איז איינגעטיילט אויף צוויי טיילן: אויף בורזשואזיע און פראלעטאריאט. און צווישן די צוויי פולשטענדיק צעמענטירטע קלאסן ליגט א תהום פון קעגנזאצן, וועלכע ס׳איז אוממעגלעך צו פארשיטן. אבער ביידע זענען געצוואונגען צו עמיגרירן קיין א״י אויף א סטיכישן אופן. די בורזשואזיע, נישט בלויז, וואס זי איז געצוואונגען אויף א סטיכישן אופן אויפצובויען די ווירטשאפט אין לאנד, נאר טראָץ דעם תהום, וועלכער ליגט צווישן איר און דעם פראלעטאריאט, קען זי זיך בכלל נישט אפשיידן פונם לעצטן און אין דער ווירטשאפט, וועלכע זי שטעלט אויף אין לאנד, דרינגט דער פראלעטאריאט ממילא אריין, ווידער אויף א סטיכישן איפן. די סטיכישע עמיגראציע פון די צוויי קלאסן גייט פאראלעל און געבונדן איינע מיט דער צווייטער. די ארבעטס-מעגלעכקייטן פארן יידישן ארבעטער ווערן אויף א סטיכישן אופן געשאפן אין א״י דורך דער בורזשואזיע. אויך דער יידישער ארבעטער עקזיסטירט א פארטיקער אין חוץ-לארץ און עמיגרירט קיין א״י. דער קאמפס-פראנט ברייטערט זיך אויס אין א קלאסישער און צעמענטירטער פארם, סיי אין גלות און סיי אין א״י — און די נאציאנאלע באוועגונג, די ציוניסטישע אויפטוען און די פאלקס-אינטערעסן, אין וועמענס נאמען עס רעדט די ציוניסטישע ארגאניזאציע, זענען נישט מער, ווי א דערפינדונג פון דער בורזשואזיע צו עקספלאאטירן דעם פראלעטאריאט און אריבערצוציען אים קיין א״י, ווארום אן אים קען די בורזשואזיע נישט אויפבויען איר ווירטשאפט און זעטיקן אירע רוח-אפעטיטן.

מען קען נישט לייקענען, די קאנצעפציע צייכנט זיך אויס מיט לאגיק, פשוטקייט און קאנסעקווענטקייט — עס פעלט אין איר נאר איין זאך: דער היסטארישער און פאקטישער אמת.

דאס יידישע פאלק, אזוי ווי ס׳איז היינט, באשטייט נישט פון צוויי פולשטענדיק פארענדיקטע און צעמענטירטע קלאסן. כאטש ס׳זענען פאראן אין אים בעלי-בתים און ארבעטער, צווישן וועלכע ס׳זענען פאראן קלאסן-קעגנזאצן, איז נאך דא אין אים א גרויסע דעקלאסירטע מאסע, א באראָיבטע פון יעדער געזעלשאפטלעכער און ווירטשאפטלעכער פאזיציע, א מאסע פון אביונים, וועלכע האבן נישט פאר זיך קיין שום פערספעקטיוו און עקזיס-

טענץ-מעגלעכקייט און זיי זענען אפשר דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק אין חוץ-לארץ.

פאַראַן אין יידישן פאָלק אַ קלאַסן-פראָנט און אַ קלאַסן-קאַמף. אָבער ס'איז נאָך פאַראַן אין אים אַ נאַציאָנאַלער און אַן אַנטי-נאַציאָנאַלער פראָנט, אַ פראָנט פון ציוניזם און פון אַסימילאַציע, און דער פראָנט דעקט זיך גאָרנישט מיט די פראָנט-ליניעס פון יעדן קלאַס; אין אַנטי-ציוניסטישן פראָנט באַטייליקן זיך אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט אַ סאָציאַליסטישן קלאַסן-באַוואוסטזיין, יידישע בורזשויען, וועלכע לייקענען אין זייער פאָלק און אַ פעך-שוואַרצער, רעאַקציאָנערער און קלעריקאַלער מיטלשטאַנד, שוין נישט רעדנדיק וועגן די אויסערלעכע סכנות און שונאים, וועלכע לויערן אויפן יידישן פאָלק דערפאַר, ווייל ס'איז יידיש (אַנטיסעמיטיזם, פאָגראָמען, רעכטלאָזיקייט, אונטערדריקונג, ווירטשאַפטלעכער באָיקאָט א. ד. גל.) אָט דער פראָנט צווישן ציוניזם און אַנטי-ציוניזם, מער ווי ער שניידט דורך די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן-ליניע, גייט ער לויט דער ליניע פון דער עקאָ-נאָמישער לאַגע פון די באַזונדערע שיכטן אין פאָלק. דער שיכט, וואָס איז נאָך מער-ווייניקער איינגעוואָרצלט, אָדער גלויבט לכל הפחות, אַז ער איז איינגעוואָרצלט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן אין חוץ-לארץ, באַציט זיך צום ציוניזם מיט גלייכגילטיקייט, נעגאַציע אָדער אַקטיווער קעגנערשאַפט. אין דעם לאַגער געפינט זיך אויך אַן אָנגעזעענער טייל פון יידישן פראָ-לעטאַריאַט (דער „בונד”) און אויך אַ טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע (די באַוואוסטזיניקע אַסימילאַטאָרן). אין ציוניסטישן פראָנט שטייען יענע אַלע פאָלקס-טיילן, פון פאַרשידענער קלאַסן-צוגעהעריקייט, וואָס זייער ווירט-שאַפטלעכע פּאָזיציע איז צעשמעטערט אָדער דערשיטערט און די, וועלכע ווייסן און זעען דעם חורבן און ווילן אים נישט און זוכן אַ רעטונג און אַן אויסלייזונג.

אויך דער פראָצעס פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג גייט נישט אַזוי פשוט און אַזוי סטיכיש. די עליה קיין א״י איז פאַרבונדן מיט פיל שוועריקייטן און שטערונגען און דאָס אויפנעמען די עליה און דאָס איינוואָרצלען זי אין לאַנד איז נאָך שווערער און פאָדערט מלוכהש-נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונ-גען, וועלכע דאָס יידישע פאָלק אָן אַ מלוכה-לעבן און אָן מלוכה-קראַפט קען מאַכן נאָר מיט דער הילף פון מלוכהש-נאַציאָנאַלע סוראָגאַטן, דורך אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע אָפּפערווילליקייט און דורך דער שאַפונג פון פינאַנציעלע און פּאָליטישע אינסטרומענטן הינטער וועלכע עס שטייט נישט קיין צוואַנג און קיין מאַכט, נאָר אַ נאַציאָנאַלער ווילן פון אַ פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין קיום און זיין פרייער צוקונפט.

אויך דער סטיכישער פאַראַלעליזם צווישן דעם יידישן קאַפּיטאַל, וועלכער שטראָמט קיין א״י און בויט דאָרט זיין ווירטשאַפט און דער יידישער אַרבעט קומט נישט פון זיך אַליין. אויך אין גלות איז דער יידישער פראָדוצירנדיקער קאַפּיטאַל נישט דווקא פאַרבונדן מיט יידישער אַרבעט. דער באָיקאָט אויף יידישער אַרבעט איז נישט דערפונדן געוואָרן

אין א"י און אויך דאָ האָט די ווירקלעכקייט געוויזן, אַז דער יידישער בעל-הבית קען אויסקומען אָן יידישע אַרבעטער, און נאָר דורך אַ שווערן קאַמף, אומטער וועלכן ס'געפינט זיך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַדערפניש און אַ גרויסער נאַציאָנאַלער דרוק, געלינגט דעם יידישן אַרבעטער בייצוקומען די דאָזיקע פאַרפרעמדונג פון יידישן אַרבעטס-געבער. אין דעם קאַמף איז נויטיק די גאַנצע מעגלעכע הילף פון ציוניסטישן באַוווסטזיין און ציוניסטישער מעגלעכקייט.

און צום סוף – נישט פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער געפינט זיך אין חוץ-לארץ און גייט, אַזוי ווי ער איז, אויף אַ סטיכישן אופן קיין א"י, שפּראָצט אויף דער נייער אַרבעטער-קלאַס אין לאַנד. דאָ איז פאַראַן, נישט בלויז אַ געאָגראַפישער איבערגאַנג, נאָר אַ טיפע געזעלשאַפטלעכע איבער-אַנדערשונג, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אין פּראָצעס פון עליה. נישט דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט פון פּוילישן, ליטווישן און רוסישן דאָרף, נישט די באַן-, טעלעפאָן-און טעלעגראַף-אַרבעטער אין גלות, נישט די יידישע שטיינהאַקער און מויערער, שאָסיי-און פּאָרט-אַרבעטער אין חוץ-לארץ — די אַלע אַרבעטס-צווייגן, וועלכע עקזיסטירן כמעט נישט אין דעם יידישן, אָבגעוויינטן פון אַרבעט פאָלק, – נאָר די חלוצישע באַוועגונג פון דער יידישער יוגנט, וועלכע איז געבליבן אין גלות אָן אַ פּאָזיציע און אָן אַ האָפנונג, און וואָס די וויזיע פון אויפלעבונג און באַפרייונג אין זיך באַנייענדיקן היימלאַנד האָט געעפנט פאַר איר אַ רייכע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו פון אַ שעפערישן אַרבעטס-לעבן, אָט די שטורמנדיקע באַוועגונג פון חלוצים פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און שליחים פון זיך באַפרייענדיקן פאָלק, – זי האָט עס באַשאַפן דעם גרויסן אָנהויב פון אַ יידישן, לאַנד-דעראָבערנדיקן אַרבעטער-קלאַס. און פאַר דער קאָלאָניזירונג פון די פּיאָנערן אין דאָרף און אין שטאָט, פאָדערט זיך אַן אומאויפהער-לעכע, איבערגעגעבענע, ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און מאָראַלישע הילף פון אַ פאָלקס-באַוועגונג און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט, אמת, נישט די קראַפט אַרויפצולייגן שטייערן און אַרויסצוגעבן צוואַנגס-געזעצן, אָבער וועלכע האָט די מעגלעכקייט צו מאָבילייזירן פאָלקס-מיטלען און געזעלשאַפטלעכן כוח און פּאָליטישן איינפלוס פאַר דער נאַציאָ-נאַלער אָנשטרענגונג, וואָס באַשטימט דעם גורל פון פאָלק און פון זיין צוקונפט.

טז.

מיט דער מיליטערישער סטראַטעגיע פון כינעזישע געגעראַלן – צו אַנטלויפן פון דער פּאָזיציע ביים אָנבליק פון שונא, אָן וועלכער עס קלאַ-מערן זיך די לינקע פוע"צ אין זייער קלאַסן-„קאַמף", קען זיך נישט באַנוצן דער יידישער אַרבעטער, וועלכער זעט אין ציוניזם אַ פאָלקס-באַוועגונג, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע און וואָס ציט איר יניקה פון דער מאַסן-נויט, און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זעט ער — דעם

קאָמפּאַס-און רעאַליזירונגס-אינסטרומענט פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די אַרבעטער האָבן קיינמאָל נישט פאַרזען די קלאַסן-קעגנזאַצן, וועלכע האָבן אַן אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און דערפאַר טאַקע ווילן זיי נישט און קענען נישט מפקיר זיין דעם אַזוי וויכטיקן אינסטרומענט און איבערלאָזן אים אין די הענט פון בעל-הבית. מיטן באַנקראָט פון „אַלגעמיינעם" ציוניזם איז נאָך נישט געחתמעט דער גורל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די לעבנס-באַדערפניש, וועלכע האָט געבוירן די אָרגאַניזאַציע, האָט נישט אויפגעהערט צו ווירקן. די היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס איז אויף איר אָרויפגעלייגט געוואָרן, איז נאָך נישט דערפילט. אַלס אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָם און וועלט-טריבונע פון צעשפרייטן מלוכהלאָזן יידישן פאָלק, אַלס זיין רעכטלעך-אָנערקענטע פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ אין באַצוג צו דער נאַציאָנאַלער היים, אַלס די אייגנטימערן פונם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן און דאַרף נאָך באַשאַפן ווערן אין און פאַר א"י, אַלס אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלער מאָביליזאַציע און אָפּפערוויליקייט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, — אידענטיפיצירט זיך נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט איין שיכט אָדער איין קלאַס פון פאָלק. אויף די פאַראָרימטע און באָרגלאָזע יידישע מאַסן, באַרויבטע פון יעדן ווירטשאַפטלעכן און, געזעלשאַפטלעכן אָנהאַלט, אויף זיי שטיצט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג-פון זייערע לעבנס-נויטן און ליידן שעפּט זי איר כוח און זייער ווילן און שליחות דערפילט זי.

דאָס ציוניסטישע ווערק — די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע, די באַשאַפונג פון יידישער אַרבעט און קולטור, די אויפשטעלונג פון טעריטאָריאַלע קעמערלעך, די אָרגאַניזאַציע פון ישוב — דאָס אַלץ איז אַ פּרוכט פון דער שותפות, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך דעם פאַרווירקלעכונגס-פּיאָנער אין לאַנד, דעם יידישן אַרבעטער, און דורך דער באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער אָפּפערוויליקייט אין חוץ-לארץ, — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיקע שותפות איז נישט געווען שטענדיק קיין פולקאָמע און אידעאַלע. ס'איז געווען אַ גרויסער מהלך צווישן די גליענדע באַשטרעבונגען פון דער אַרמיי פון פאַרווירקלעכער, וועלכע זענען „דוחק דעם קץ" — און דער אַרבעטס-פעיקייט פון אַ באַוועגונג, וואָס איז שוואַך אין כוחות און אָרים אין מיטלען. צווישן די טרעגער פון דינאַמישן ווערק, וואָס פאַרענדערט ווערטן און איז רעוואָלוציאָנער, לויט זיין מהות און כאַראַקטער, און יענע טיילן פון דער באַוועגונג, וועלכע שטעקן אין דער קאָנסערוואַטיווער אינערציע פון דער סטאַטישער לאַגע אין גלות — האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ברייטער בלויז. אָבער טראָץ די דאָזיקע קעגנזאַצן און אונטערשידן — אונטערשידן אין שוווּנג און אין געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער — איז באמת געווען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע און אינהאַלטלעכע צוגעפּאַסטקייט צווישן דעם ווילן און די באַדערפנישן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איינגענומען און דעם ווערק פון יידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל. נישט

זיין פּאַרלאַמענטאַרישער כּוח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר דער כאַראַקטער פון זיין ווערק און זיין ווערט אין לאַנד האָט באַשטימט דעם פּלאַץ און דאָס געוויכט פון יידישן אַרבעטער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. און דער פּלאַץ איז באַשטימט פאַרן יידישן אַרבעטער נישט צוליב חסד און נישט צוליב אַ צופאַל, נאָר צוליב אַ היסטאָרישן הכרח, וועלכער שטעקט אין מהות פונם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם. די שליחות, וואָס דער אַרבעטער האָט דערפילט אין לאַנד, איז געווען די שליחות פון ציוניזם, ווייל אין זיין שאַפונג האָט דער אַרבעטער אַנטפּלעקט די ווערטן און באַדערפנישן פון דער גאַנצער באַוועגונג. דער אַלגעמיינער ציוניזם, וואָס איז לויט זיין קלאַסן-בוי און קולטור-נייגונגען, געווען ווייט פון אידענטיפיצירן זיך מיטן אַרבעטער, האָט אָנערקענט דעם ציוניסטישן ווערט פון דער שאַפונג. און דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט ער צוגעלייגט זיין האַנט צום אַרבעטער-ווערק, ווייל אַזוי האָט גוזר געווען אויף אים די נאַציאָנאַלע מיסיע אין ציוניזם. נאָר אַ דאַנק דעם פאַקט, איז רייף געוואָרן דער אַלגעמיינער ציוניזם צו אידענטיפיצירן זיך אין אַ געוויסער מאָס און אויף אַ לאַנגער צייט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג.

מיט דער פאַרענדערונג, וואָס איז איינגעטרעטן אין די פּאָזיציעס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיט דער אַליינהערשאַפט פון קלאַסן-אינטערעסאַנט און מיט דער פאַרלייקענונג פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער מיסיע פון ציוניזם, האָט זיך אַרויסגעגליטשט דער באָדן, נישט פון אונטער דעם אַרבעטער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר פון אונטער דעם אַלגעמיינעם ציוניסט, אַלס דעם דעציד־רנדיקן כּוח אין ציוניזם. אָן טרייהייט צו די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פאַרלירט דער „אַלגעמיינער ציוניזם" זיין באָדן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג. דער נעגאַטיווער קלאַסן-ווענדע-פּונקט פון „אַלגעמיינעם ציוניזם" קען נישט ווערן — בכל אופן אויף אַ לאַנגער צייט – דער נייער ווענדע-פּונקט אין דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל ער געפינט זיך אין אַן אָפענער סתירה צו די באַדערפנישן פון די מאַסן, אויף וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג שטיצט זיך. דער קריזיס פון ציוניזם, וועלכער פליסט אַרויס פון דעם, וואָס דער „אַלגעמיינער ציוניזם" האָט פאַרלוירן זיין נאַציאָנאַלן תוכן, איז מחייב אַן ענדערונג פון די אָנפירנדיקע און טרייבנדיקע כּוחות אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. כדי אויפצוהאַלטן די גוטיקע האַרמאָניע צווישן דעם ציוניסטישן ווערק אין ארץ-ישראל און דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט, פאָדערט זיך פון

דער אַרבעטער-באַוועגונג, זי זאָל ווערן דער דעצידירנדיקער כוח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די באַנייונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די פאַרשטאַרקונג פון איר כוח, דאָס אָפּהיטן פון פאַרקריפּלען איר אינהאַלט און אַראָפּגליטשן זיך פון וועג, דאָס צופּאַסן אירע מיטלען צו איר היסטאָרישן ציל, וועט פאַרווירקלעכט ווערן, נאָר ווען דער יידישער אַרבעטער – דער פאַרווירקלעכנדיקער כוח און דער טרעגער פון ווערק – וועט אויך ווערן דער דעצידירנדיקער און לייטנדיקער פאַקטאָר אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל טראָץ אַלע קריזיסן און וואַקלונגען איז ער נאָך פעיק פיל אויפצוטאָן אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

יז.

אונזער באַוועגונג אין חוץ-לאַרץ שטייט איצט פאַר אַ נייעם ווענדעפונקט. אונטער דער ווירקונג פון איחוד, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַנד, האָבן אויך די באַזונדערע טיילן פון אונזער באַוועגונג אין גלות זיך פאַראייניקט. ווערן דער לייטנדיקער און דעצידירנדיקער כוח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — איז דער ערשטער געבאָט, וועלכער שטייט אין איצטיקן מאָמענט פאַר אונזער פאַראייניקטער באַוועגונג. דעראָבערן אַ דעצידירנדיקע פּאָזיציע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הייסט דעראָבערן די פאַראָרימטע אַרבעטנדע מאַסן, און אין דער ערשטער ריי דעראָבערן די יוגנט. די פאַראייניקטע פאַרטיי אין חוץ-לאַרץ וועט זיין באַרופן צו איר אויפגאַבע און וועט פאַרווירקלעכן די האָפענונגען, וועלכע די א״י-דיקע אַרבעטער-באַוועגונג לייגט אויף איר אַרויף. אויב זי וועט פאַרשטיין צו ווערן אַ מאַסן-פאַרטיי, אויב די באַנייטע באַוועגונג, וועלכע וועט אַנטשטיין צומאָרגנס נאָכן איחוד, וועט ווערן אַ פאָלקס-באַוועגונג, וואָס איז אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך די פאָלקס-אַחריות און וואָס קען אָנפירן מיט אַן אַרבעט פון גרויסע מאַסן.

דער איחוד וועט נישט דערפילן זיין ציל, אויב ער וועט זיין נישט מער, ווי אַ צוזאַמענפאָרונג פון די צוויי עקזיסטירנדיקע פאַרטייען.

די טרייבנדיקע קראַפט אין דער באַוועגונג צום איחוד, וועלכע האָט אויפגעשטעלט די הסתדרות און די א״י-דיקע אַרבעטער-פאַרטיי און האָט פאַרוואַנדלט דעם אַרבעטער-ציבור אין אַ דעצידירנדיקן פאַקטאָר אין ישוב — איז נישט געווען די נייגונג צו אחדות און שלום, וואָס שטעקט אין אונזער עפנטלעכקייט. די טראַדיציע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט נישט איינגעפלאַנצט אין אונז אַזאַ נייגונג און האָט אונז נישט רייף געמאַכט צום איחוד. די קראַפט, וואָס האָט קאָנצענטרירט די א״י-אַרבעטער און געצוואונגען זיי בייצוקומען די אינערלעכע

אונטערשידן און צו שאַפן אַן איינהייטלעכן פאַרייניקטן ארבעטער-פראָנט — איז געווען די גרויסע זאָרג פאַרן גורל פון דער אונטערגענומענער זאַך און די דערפילונג פון דער שווערער אחריות, וועלכע ליגט אויף די אַרבעטער אין פאַרווירקלעכונגס-פּראָצעס פון ציוניזם.

דער יידישער ארבעטער אין ארץ-ישראל האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי צו דערפילן זיין היסטאָרישע אויפגאַבע, מוז ער ווערן אַ זאַ כּוח, וואָס זאָל אים רייף מאַכן צו דער שאַפונגס-און דעראָבערונגס-אַרבעט, וועלכע ליגט אויף אים אין אויפבוי-פּראָצעס פון לאַנד. די געשיכטע פון ארץ-ישראלדיקן ישוב האָט אויסגעלערנט דעם אַרבעטער נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע. ווען דער יידישער אַרבעטער איז דערשינען אויף דער אַרענע פון ישוב — מיט מער ווי 25 יאָר צוריק — האָט ער געפונען ארום זיך אַ פאַרלייקענונג און אַ פאַרפרעמדונג נישט בלויז צו זיך און זיין אַרבעט. נאָר צו אַלע ווערטן פון ציוניזם און פון ישוב. דער חלוצישער דור, וואָס איז געקומען פאַר אים, דער דור פון די ערשטע, האָט, חוץ וויניקע אויסנאַמען, אראָפּגעלאָזט די פאָן צוליב שוואַכקייט, יאוש, פאַרלייקענונג און כפירה. דער מיסערפאָלג פון די ערשטע האָט זיי נישט אָפּגעשראָקן, נאָר האָט נאָך מער געטריבן די אַרבעטער-פּיאָנערן צו אַ האַרטנעקיגן קאַמף און צו בלייבן אויף דער וואַך פון דעם אידעאַל, ווערק און וויזיע, וואָס האָט זיי געבראַנגט קיין ארץ-ישראל — און דער ישוב האָט זיך פאַרענדערט און זיך באַנייט פון פונדאַמענט ביז די שפּיצן, ווייל די יידישע אַרבעט האָט אַרויפגעלייגט אויף אים איר חותם.

אַן ענלעכע אויפגאַבע לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שטייט איצט פאַר אונזער באַוועגונג אין חוץ-לארץ.

ריכטיק, די אויפגאַבע, וועלכע עס דערפילט די אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד און די אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר אירע פאַרבינדעטע אין גלות, זענען נישט פולשטענדיק גלייך. אין חוץ-לארץ איז נישטאָ דער שאַפונגס-באָדן פון א״י-ווערק: די מעגלעכקייטן פון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע אויף דער אייגענער ערד. אָבער ס׳איז פאַראַן אין גלות אַן אַנדערער פּאָזיטיווער פאַקטאָר, וועלכער פעלט נאָך היינט אין א״י: עס זענען פאַראַן מאַסן, עס איז פאַראַן דאָס פאָלק. די דאָזיקע פיל-מיליאָניקע יידישע מאַסן, וואָס זענען צעשפּרייט אין גלות — זיי זענען דאָס ברייטע אַרבעטס-פעלד, וואָס אונזער באַוועגונג אין חוץ-לארץ פאַרמאָגט. די צוקונפט פון די מאַסן איז פאַרבונדן מיטן גורל פון דער יידישער אַרבעט אין א״י. זייער קאָלאָניזירונג און באַזעצונג אין לאַנד איז מעגלעך נאָר דורכן וועג, וועלכער איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן אַרבעטער-ציוניזם: דורך נאַציאָנאַלער ערד, מיט הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און פיזישער אַרבעט, הן אין די אייגענע ווירטשאַפטן און הן אין די ווירטשאַפטן פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע באַזיצלאָזע מאַסן וועלן זיך נישט איינפונדעווען אין ארץ-ישראל, אויב מען וועט זיי נישט איינשאַפן דורך פאָלקס-מיטלען ערד. די מאַסן וועלן זיך נישט פאַרוואָרצלען אין לאַנד, אויב די גאַנצע יידישע ווירטשאַפט, וועלכע

בויט זיך אויף, סיי דורך פריוואַטע, סיי דורך געזעלשאַפטלעכע מיטלען, וועט נישט געשטעלט ווערן אין רשות פון דער יידישער אַרבעט, דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער אין לאַנד — דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, פאַר נאַציאָנאַלן באָדן, פאַר נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, פאַר מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט — דאָס איז דער קאַמף פאַר דער צוקונפט פון די מאַסן, פאַר דער מעגלעכקייט פון זייער באַזעצונג אין ארץ-ישראל.

דער „אַלגעמיינער" ציוניזם, וועלכער לייקנט די דאָזיקע ווערטן, דער ציוניזם, וואָס איז געבויט אויף אייגן-נוץ און תאווה צו קלאַסן-הערשאַפט פון אַ בעל-הבתישער מינדערהייט, שטייט אין אַ ווידערשפּרוך צו די ווירקלעכע אינטערעסן פון די דאָזיקע פאָלקס-מאַסן און נישט ער קען זיין זייער אויסדרוק. דער „אַלגעמיינער" מאַנטל, אין וועלכן דער בעל-הבתישער ציוניזם הילט זיך איין, כּדי צו פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט, וועט אים נישט בייםטיין — אויב ס׳וועט אַנטשטיין יענער נייער פאָלקס-כּוח אין ציוניזם, וועלכער וועט וויסן זיך דורכצולייגן אַ וועג צו די ברייטע פאָלקס-מאַסן.

ספר-יחזקאל, כ״ח סיון תרצ״ב (הפועל הצעיר 34—40)

ט. דער אַרבעטער אין ציוניזם

(פאָרטראַג אויפן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר)

וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אונזער ציוניזם און צווישן דעם ציוניזם פון די איבריקע אָרגאַניזירטע גרופּן, וועלכע האָבן ביז איצט געבילדעט די מערהייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? וואָס איז דער אונטערשיד, אַ דאַנק וועלכן מיר באַקומען די רעכט און די מעגלעכקייט צו זיין די וועגווייזער און אָנפירער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און איבערצונעמען די לייטונג אין דער אָרגאַניזאַציע? דער אונטערשיד באַשטייט נישט דערין, וואָס מיר זענען סאָציאַליסטן און זיי זענען אָנהענגער פון דער עקספּלאָאַטאַציע-אָרדנונג און קלאַסן-געזעלשאַפט. דער פאַקט, וואָס מיר זענען הונדערט-פּראָצענטיקע סאָציאַליסטן, און וואָס אַנדערע זענען הונדערט-פּראָצענטיקע קעגנער פון סאָציאַליזם, — דער דאָזיקער פאַקט, אַבסטראַקט גענומען, קען נישט דינען אַלס פּריווילעגיע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער אונטערשיד ליגט, אַלזאָ, אין ציוניזם גופא. אונזער ציוניזם איז לויט זיין מהות און כאַראַקטער אַנדערש ווי דער ציוניזם פון די אַנדערע גרופּירונגען. די אַנדערשקייט דריקט זיך אויס אין צוויי זאַכן: א) פאַרווירקלעכונג, ב) אַרבעט.

דער ציוניזם פון די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער איז פון ערשטן טאָג

עד-היום נישט אַ פּראָגראַמאַטישער און דעקלאַראַטיווער, נישט בלויז אַ אידייען-און אָנשויאונג-ציוניזם, נאָר אַ ציוניזם פון אומאויפהערלעכער פאַר-ווירקלעכונג. ס'איז אַ ציוניזם, וואָס פאַרבינדט די אידיי מיט טאַט, די וועלט-אָנשויאונג מיט טאָג-טעגלעכקייט. ס'איז אַ ציוניזם, וואָס פאַרלאַנגט פון זיין אָנהענגער אַלץ, זיין גאַנצע צייט, זיין לעבן, זיין צוקונפט, זיין גורל, זיינע שטרעבונגען און אָנשטרענגונגען. און דאָס ווערט פאַרלאַנגט רעשטלאָז און אָן באַדינגונגען.

די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג איז אָנטשטאַנען דורך דעם בונט, וואָס די בעסטע יידישע יוגנט האָט מיט 28 יאָר צוריק דערקלערט קעגן דעם ציוניזם פון פּוסטער טעאָריע, פון אַבסטראַקטער פראַזע, קעגן דעם ציוניזם פון אַ קליינגלדיקער לאָזונג, וואָס פאַרפליכטעט צו גאָרנישט, צו קיין שום פאַרווירקלעכונגס-עול, צו קיין שום פּראַקטישער טאַט.

אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן מיט זעלבסטפאַרווירק-לעכונג, אָבער זי האָט זיך דערמיט נישט באַגנוגנט. די פּיאָנערן פון דער חלוצישער פאַרווירקלעכונג זענען געקומען קיין ארץ-ישראל נישט בלויז זיך אַליין צו ראַטעווען, נישט בלויז צו באַפרידיקן זייער טיפן מאָראַלישן פאַרלאַנג צו זיין אין אָרדנונג מיט זיך אַליין. זיי זענען געקומען אַלס שליחים פון פאָלק – כאָטש קיינער האָט זיי נישט געשיקט. נאָכמער: די, וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון פאָלק, די געשוואוירענע טוער פון חיבת-ציון און ציוניזם האָבן פאַרלייקנט די דאָזיקע שליחות און האָבן גע-וואָלט – אָפּט ווילן זיי עס נאָך איצט אויך – אָפּהאַלטן די עליה פון יענע חלוצים. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז אַדורכ-געדרונגען מיט אַ טיפער, אומאויפהערלעכער זאָרג פאַרן גורל פון ציוניסטישן ווערק, איז געווען אַ הויפּט-פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגע-מיינער ציוניסטישער שאַפונג, און מיט איר כסדרדיקן פאָדערן האָט זי פאַרשטאַרקט דעם פאַרווירקלעכונגס-ווילן אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

דאָס, וואָס עס שיידט אונטער די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג פון די איבריקע ציוניסטישע גרופּירונגען, איז: איר זאָרג, ווילן און איבערגעגעבנקייט צו דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. נישטאָ נאָך איין ציוניסטישע גרופּירונג, נאָך איין פּאַרטיי אין ציוניזם, – אַ חוץ פּערזאָנען, יחידי-סגולה, – וועלכע זאָל אַזוי זאָרגן פאַר דער ציוניסטישער פאַרווירק-לעכונג און אַזוי דורכפירן די דאָזיקע פאַרווירקלעכונג, ווי די ארץ-ישראל-דיקע אַרבעטער-באַוועגונג.

די ציווייטע זאַך, וואָס צייכנט אונז אויס – איז די אַ ר ב ע ט, טעאָרעטיש און פּראַקטיש. מיר זעען די אַרבעט אין צענטר פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, אין צענטר פונם ארץ-ישראל-אויפבוי, אין צענטר פון דער קאָלאָניזאַציע און עליה, אין צענטר פונם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און באַפרייונג. די אַרבעט איז די נשמה פונם ישוב און פון ציוניסטישן ווערק. די יידישע אַרבעט איז דער צעמענט, וואָס בינדט צוזאַ

דאָס פאָלק מיטן לאַנד, זי איז דער לעבנס-און צוקונפט-בונד, וואָס מיר שליסן פונדאָסנײַ מיט אונזער אַמאָליקן לאַנד. די אַרבעט איז די זיכערסטע און איינציקע גאַראַנטיע פאַר אונזער איינוואָרצלונג און פאַרפעסטיקונג אינם לאַנד, פון וועלכן מיר זענען געווען אָפּגעריסן במשך טויזנטער יאָרן. און ווידעראַמאָל: נישטאָ נאָך אַ ציוניסטישע גרופּירונג, נאָך אַ פּאַרטיי אין ציוניזם, — אַ חוץ פּערזאָנען, יחידי-סגולה, — וואָס זאָל זיין אַזוי געטריי דער אַרבעט, ווייניקסטנס, טעאָרעטיש און אידעאָלאָגיש, ווי די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג. זי האָט נישט בלויז אויסגעטראָגן און אויסגעפּאַרעמט דעם אַרבעטס-אידעאַל, זי האָט אים נישט בלויז אַריינגעבראַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, — נאָר זי פירט אים דורך פּראַקטיש ביי שווערע, כסדרדיקע אָנשטרענגונגען. די אַרבעטס-באַוועגונג אין ארץ-ישראל און אין ציוניזם האָט שוין הינטער זיך מער ווי אַ פערטל-יאָרהונדערט, און פונדעסטוועגן איז זי נאָך עד היום פאַראייניזאַמט און אַליין אינם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר די אַרבעטס-רעכט פונם ייד, וואָס קומט קיין ארץ-ישראל מיטן ווילן צו אַרבעטן. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג מוז נאָך אַלץ אַליין אויסטראָגן דעם קרבנותפולן קאַמף קעגן דער פאַרפרעמדקייט און דעם באָיקאָט מצד דעם יידישן אַרבעט-געבער.

די איבערצייגונג, אַז יידישע אַרבעט איז דער הויפּט-יסוד פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, — די דאָזיקע איבערצייגונג, וועלכע איז, אין פלוג, די אָפיציעלע איינשטעלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין קרייזן חוץ דעם אַרבעטער-לאַגער און חוץ איינצלנע פּערזאָנען אין אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען. קיין איין בירגערלעך-ציוניסטישע פּאַרטיי האָט נאָך עד-היום נישט דערוויזן פּראַקטיש איר אמתדיקע טרייהייט צום הויפּט-פּרינציפּ פון אַרבעט.

אָט דאָס זענען די צוויי קלאַסישע סימנים, וואָס צייכענען אויס די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס ציוניסטישע, אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס הייסט, אַז אויסער די סאָציאַלע אינהאַלטן און אייגנשאַפטן, וואָס שיידן אונטער די אַרבעטער-באַוועגונג פון די איבריקע ציוניסטישע גרופּירונגען, פאַרמאָגט אויך דער ציוניזם אירע גרונט-מעלות, וועלכע באַרעכטיקן און פאַרפליכטן זי אויסצופאָרעמען די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אין איר גייסט און פירן זי אין איר וועג.

די אַרבעטער-באַוועגונג האָט אויך ביז איצט דערפילט אַ גרויסע, איינפלוספולע פונקציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער ביז איצט האָט זי עס געטאָן בלויז אַלס איין פליגל — אַלס דער אַרבעטס-פליגל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איצט איז געקומען די צייט, — אונזער באַוועגונג זאָל אויפהערן זיין אַ פליגל אין ציוניזם, — נאָר זי זאָל נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול און די גאַנצע אחריות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַבסאָלוט און פולשטענדיק. דאָס איז דער איינציקער וועג צו ראַטעווען די ציוניסטישע באַוועגונג פון איר שוואַכקייט, אָפּהענטיקייט, וועגלאָזיקייט, פון

איר אינהאַלטלעכער און אידעאָלאָגישער פאַרקריפּלונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט זיין אַן אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און פון טרייהייט צו איר היסטאָרישן ציל נאָרדאַן, ווען די פאַרווירקלעכונג-און אַרבעט-ציוניסטן וועלן בילדן דעם רוב מנין און רוב בנין אירן.

אויף אונזער באַוועגונג ליגט איצט דער חוב פולשטענדיק זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו בילדן אַ מערהייט אויפן קאָנגרעס און אין דער אָרגאַניזאַציע און איבערנעמען די לייטונג. דאָס הייסט נישט, אַז מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַ – סאָציאַליסטישע, אָדער, אַז מיר דאַרפן אויפהערן זיין סאָציאַליסטן, אָדער ווערן קלענערע סאָציאַליסטן, ווי מיר זענען. מיר וועלן שוין אַנדערש נישט ווערן, ווי מיר זענען. מיר זענען הונדערט-פּראָצענטיקע ציוניסטן און הונדערט-פּראָצענטיקע סאָציאַליסטן, און מיר קענען נישט אַראָפּנעמען איין פּראָצענט פון אונזער ציוניזם אָדער סאָציאַליזם, פּונקט ווי מיר קענען נישט אַראָפּנעמען איין פּראָצענט פון אונזער עקזיסטענץ און פון דער נאַטור, וואָס רינגלט אונז אַרום און פילט אונז אויס.

אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט און קען נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. דער ציל און צוועק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז: פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, — נישט מער און נישט ווייניקער. פאַרשטייט זיך, אַז פּאַקטיש איז נישטאָ קיין ציוניזם אָן סאָציאַליזם, און ס׳זענען נישט פאַראַן קיין ציוניסטן אָן אַזאַ אָדער אַנדערער שטעלונג אין סאָציאַלע פראַגן. דער סאָציאַלער אינהאַלט פון ציוניזם קען זיין אַ נעגאַטיווער. אַ רעאַקציאָנערער, אַ געבויטער אויף שקלאַפעריי, עקספּלאָאַטאַציע און העסלעכקייט. ער קען אויך זיין אַ פּאָזיטיווער, אַ פּראָגרעסיווער, אַ פאַרבונדענער מיט פרייהייט, מיט געזעלשאַפטלעכער דערהויבונג, מיט עטישער שיינקייט. אַ ציוניזם אָן קיין שום סאָציאַלן אינהאַלט — נישט צו גוטן און נישט צו שלעכטן — איז נישט מער ווי אַ הוילע אַבסטראַקציע, אַ פּוסט וואָרט אָן אַ לעבעדיקן און ממשותדיקן אינהאַלט.

אַלע דיבורים וועגן אַ „מאָניסטישן” ציוניזם אין קעגנזאַץ צום „שעטנז”-ציוניזם זענען נישט מער ווי אָפּנאַרונג און פאַרפירעריי. דער פאַשיסטישער ציוניסט, וואָס פּרעדיקט „ בלוט, שמוץ און קנעכטשאַפט” און קעמפט קעגן די „מאַרקסיסטן און „לינקע” ; דער בירגערלעכער ציוניסט, וואָס וויל אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און אַ קלאַסן-געזעלשאַפט ; דער סאָציאַליסטישער ציוניסט, וואָס שטרעבט צו אַ פרייער אַרבעט-געזעלשאַפט און צו אַ סאָציאַליסטיש ארץ-ישראל, — זיי אַלע פּרעדיקן אַ שעטנז-ציוניזם. דער אונטערשיד איז נאָר אינם צוזאַמענשטעל פונם שעטנז-שטאָף. די פאַשיסטישע ציוניסטן גיבן-צו צום ציוניזם ווילדע אַרבעטער-שנאה, צעלאָזענעם שאָוויניזם און מענדרענצן פון פּערזענלעכער דיקטאַטור ; די

בורזשואַזע ציוניסטן פאַרבינדן זייער ציוניזם מיט דער ליבע צו געלט און מיט דער שטרעבונג צו אַ קלאַסן-הערשאַפט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער מינדערהייט איבער אָרימע און אַרבעטנדיקע פאָלקס-מאַסן; און די סאָציאַליסטישע ציוניסטן גיסן צונויף דעם ציוניזם מיט דער שטרעבונג פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט צו אַן אָרדנונג פון באַפרייטער אַרבעט, פעלקער-גלייכהייט און אייביקן שלום.

אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס גאַנצע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַלס פאָלקס-באַוועגונג — און האָט אַ ווערט, אַ כּוח און אַ צוקונפט נאָר אַלס אַזעלכע — זי האָט איין אויסגאַנג-פונקט: די עקזיסטענץ-פראַגע פונם יידישן פאָלק אין דער וועלט. די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס גאַנצע האָט אויך איין ציל-פונקט: קיבוץ-גליות אין אַ יידיש ארץ-ישראל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף דורכפירן דעם ציוניסטישן אידעאַל און דאָס ציוניסטישע ווערק, האָט פאַר זיך בלויז איין ציל און איין צוועק: פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם.

די אַרבעטער-באַוועגונג איז גלייכצייטיק ציוניסטיש און סאָציאַליסטיש — פונקט ווי די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג איז גלייכצייטיק ציוניסטיש און היטלעריסטיש, פונקט ווי דער מזרחי איז גלייכצייטיק ציוניסטיש און רעליגיעז, פונקט ווי די „אַלגעמיינע" זיינען גלייכצייטיק ציוניסטיש און בורזשואַז. —

אַלזאָ, די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע ווערט אויפגעפאָדערט צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן ציוניסטישן עול, איז בכּוח צו ווירקן, באַאיינפלוסן און אַנטשיידן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע, ווייל, בלייבנדיק געטריי איר סאָציאַליסטישער אידיי, זענען אירע ציוניסטישע טאַטן, איר וועג אין ציוניזם, איר ציוניסטיש פּראָגראַם — אַ פּראָדוקט פון דער ציוניסטישער לאָגיק; זיי זענען אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דער באַדערפעניש אין ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. ווען מיר וואָלטן אַפילו נישט געווען קיין סאָציאַליסטן, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט פאַר זיך די היסטאָרישע וויזיע פון אַ באַנייטער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז פריי פון יעטוועדער עקאָנאָמישער, געזעלשאַפטלעכער, נאַציאָנאַלער און געשלעכטלעכער עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג, — וואָלטן מיר צוליב געטרייִשאַפט צו דער פאָדערונג פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג געטאָן פונקט דאָס זעלבע, וואָס מיר טוען איצט; מיר וואָלטן געקעמפט פאַר דעם אַלעם, פאַר וואָס מיר קעמפן איצט — ווייל מיר זענען ציוניסטן.

איך האָב נישט בדעה דערמיט צו זאָגן, אַז דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם פאַר זיך גופא זענען פולשטענדיק און אַבסאָלוט אידענטיש. אויב מיר זאָלן נעמען דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליזם אַלס טעאָרעטישע קאָנצעפּציעס, זענען עס צוויי לגמרי פאַרשידענע זאַכן, סיי לויטן אידעאָלאָגישן אינהאַלט, סיי לויטן מענטשן-מאַטעריאַל. די ציוניסטישע קאָנצעפּציע שטעלט פעסט די לאַגע פון יידישן פאָלק אין גלות,

דעם מאנגל אין א באדן פאר זיין נארמאלער און זיכערער עקזיסטענץ; זי געפינט אויס די עקאנאמישע און קאלאניזאטארישע מעגלעכקייטן, וואס זענען פארבארגן אין ארץ־ישראל; זי רופט ארויס צום לעבן די ווילנס און שטרעבונגען פון יידישן פאלק אויפצובויען ארץ־ישראל און זיך דארט צו באזעצן. די סאציאליסטישע קאנצעפציע באשעפטיקט זיך מיט א לגמרי אנדער מין פראבלעמען — מיט פראבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעל־שאפט און אירע אינערלעכע קעגנזאצן, וועלכע שטעקן אין די פראדוקציע־פארהעלטנישן און אין דער וירטשאפטלעכער און עקאנאמישער סטרוקטור. די דאזיקע צוויי קאנצעפציעס זענען זיך קעגנזייטיק נישט סותר, אבער זיי קומען זיך נישט צונויף נישט אויפן טעארעטישן געביט, נישט אויפן געביט פון זייערע דורכפירער.

אויך אלס ארגאניזירטע באוועגונג שיידן זיך אונטער אײנער פון אנדערן, דער סאציאליזם און דער ציוניזם. דער סאציאליזם איז אן ארבעטער־באוועגונג פון אלע פעלקער; דער ציוניזם איז א יידישע באוועגונג פון אלע קלאסן אין יידישן פאלק. אויך אלס היסטארישע צילן איז נישטא קיין אידענטישקייט צווישן די צוויי באוועגונגען, נישט לויט זייער אינהאלט און נישט לויט דער צייט פון זייער פארווירקלעכונג. מיר קענען זיך פארשטעלן די פארווירקלעכונג פון ציוניזם, ווען אויף דער וועלט עקזיסטירט נאך די קאפיטאליסטישע ארדנונג, און פארקערט — ס׳קען געמאלט זיין, אז די סאציאלע וועלט־רעוואלוציע וועט קומען נאך איידער די פראגע פון יידישן פאלק וועט געלעזט ווערן אין ארץ־ישראל.

הייסט עס, אז אונזער ציוניזם און אונזער סאציאליזם זענען צוויי באזונדערע זאכן, וואס זענען אינהאלטלעך און וועזנטלעך פארשידן? בע־פינען מיר זיך דען אונטער צוויי פארשידענע הערשאפטן, צווישן וועלכע עס קענען זיך טרעפן קעגנזאצן און ווידערשפרוכן. און מיר דארפן פון צייט צו צייט דעצידירן, וועלכע איז די וויכטיקערע, אנטשיידנדיקע הערשאפט?

אין פלוג זעט טאקע אויס, ווי מיר וואלטן זיך געווען געפונען אין צוויי באזונדערע, פארשידענע קרייזן: אינם ציוניסטישן קרייז און אינם סאציאליסטישן קרייז. אבער דאס איז נישט מער ווי אן אפטישער טעות. אמת, אז עס עקזיסטירן די דאזיקע צוויי קרייזן, וועלכע זענען נישט אידענ־טיש און ווערן דעריבער מיט רעכט באטראכט אלס צוויי פארשידענע זאכן, אלס צוויי באזונדערע געביטן; אבער אונזער געפינען זיך אין די צוויי קרייזן איז נישט קיין טאנצן אויף צוויי חתונות. א מאל דא און א מאל דארט, — נאר א כסדרדיק געפינען זיך אויף איין געביט: אויף דעם געמיינזאמען געביט פון די צוויי קרייזן, וועלכע קרייצן זיך דורך הארט ביי אונזער פאזיציע. בלויז די ווייטערע וועגן פון די צוויי קרייזן, די וועגן וועלכע לויפן מחוץ דעם ספעקטאר, וואו מיר געפינען זיך, — זיי טיילן זיך פונאנדער.

אינדערעמתן געפינען מיר זיך דאך נישט בלויז אין צוויי קרייזן, נאר אין א סך קרייזן: אלס בירגער פון לאנד געפינען מיר זיך אינם

ארץ-ישראל-קרייז; אַלס יידן געפינען מיר זיך אינם קרייז פון פאָלק, וואָס שטרעבט צום היימלאַנד; אַלס אַרבעטער געפינען מיר זיך אינם קרייז פונם אַרבעטער-קלאַס; אַלס היינטצייטיקע מענטשן געפינען מיר זיך אינם קרייז פון דער מאָדערנער געשיכטע; אונזערע חברטעס געפינען זיך אינם קרייז פון דער אַרבעטער-פּראָווינצן-באַוועגונג — אָבער נישט געקוקט אויף דער פּילפּאַליקייט פון די קרייזן (און מען קען נאָך צוגעבן און צוגעבן) געפינען מיר זיך תּמיד אויף אונזער אָרט, און ערשט פון דעם דאָזיקן אָרט אָן און ווייטער, מחוץ אונז, נעמען זיך די קרייזן פונאַנדערטיילן און צעשיידן.

די אידענטישקייט פון אונזער ציוניזם און אונזער סאָציאַליזם ליגט נישט אין דער אָביעקטיווער אידענטישקייט, וועלכע עקזיסטירט כּלומרשט מחוץ אונז אינם ציוניזם און אינם סאָציאַליזם פאַר זיך גופא, — אַבסטראַקט גענומען. — אַזאַ אידענטישקייט איז נישט בנמצא. — די דערמאָנטע אידענטישקייט איז אַ רעזולטאַט פון דער אידענטישקייט צווישן די טרעגער פונם ציוניזם און סאָציאַליזם. עס איז די אידענטישקייט פונם ווילן און באַדערפעניש און שטרעבונגען און בענקשאַפטן און טעטיקייט פון די פאַרווירקלעכער פונם ציוניזם און סאָציאַליזם — פון די יידישע אַרבעטער.

פונם סאָציאַליזם אין אַלגעמיין, אַבסטראַקט, קען מען נישט אַרויסדרינגען אונזער טעטיקייט אין ארץ-ישראל. אַ סאָציאַליסט איז נישט מחויב דווקא צו קומען אין דעמדאָזיקן ווינקל לאַנד אַריין און שאַפן אין אָט דער נעבעכדיקער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט אַן אָרגאַניזירטע אַרבעטער-באַוועגונג. אָבער אַ יידישער סאָציאַליסט, וואָס פרעמדט זיך נישט אָפּ פון זיין פאָלק — און אַן אמתער סאָציאַליסט קען נישט און טאָר נישט זיך אָפּפרעמדן פון זיין פאָלק, — אַ יידישער סאָציאַליסט, וואָס ווילט זען זיין פאָלק אַלס זעלבסטשטענדיקן, גלייכבאַרעכטיקטן און גלייכמעכטיקן פאַקטאָר אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַ יידישער סאָציאַליסט, וואָס וויל די באַפרייונג פון זיין פאָלק און זיין אומוואַנדלונג אין אַ זעלבסטשטענדיק אַרבעטס-פאָלק — און יעדער אמתער סאָציאַליסט מוז עס ווען, — אַזאַ סאָציאַליסט איז מחויב צו טאָן די אַרבעט און פירן דעם קאַמף, וואָס מיר טוען און פירן אין ארץ-ישראל. און ער איז געצוואונגען דורך דער ארץ-ישראלדיקער און יידישער ווירקלעכקייט צו גיין אויף דעם וועג און זיך צו האַלטן ביי דער שיטה, ווי מיר טוען עס.

אַ בורזשואַזער ציוניסט מוז נישט דווקא ווערן אַ חלוץ און אַן אַרבעטער אין ארץ-ישראל און מיטמאַכן יענעמס קאַמף אין ישוב און אין

ציוניזם. אָבער דער ציוניסט, וואָס קען זיך נישט באַגנוגענען מיט ציוניסטישער חובבות און מיט זינגען „התקוה", דער ציוניסט, וואָס די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג איז פאַר אים אַ פּערזענלעכער לעבנס-ענין, דער ציוניסט, וואָס פילט אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט צו פאַרבינדן זיין אייגענעם גורל מיט דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, דער ייד, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין קאַפּיטאַלן און קען נישט בלייבן אין גלות, די יידישע יוגנט, וואָס דער באָדן אין גלות האָט זיך איר אַרויסגערוקט פון אונטער די פיס און וועלכע זעט נישט פאַר זיך קיין אַנדער תיקון און קיין אַנדער האָפנונג, ווי נאָר אַרבעט אין ארץ-ישראל, — זיי אַלע ווילן, אַפילו נישט הערנדיק און נישט וויסנדיק פון סאָציאַליזם, גיין קיין ארץ-ישראל און ווערן אַרבעטער. זיי ווילן בויען אַן אַרבעטס-קאָלאָניזאַציע, זיי ווילן טאָן דאָס, וואָס עס טוט דער אַרבעטער, זיי ווילן מיטמאַכן זיין קאַמף, — ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם.

אונזער קאַמף פאַר אַרבעט, פאַר חלוצישער עליה, פאַר אָרגאַניזירונגס-רעכט, פאַר געהעריקע אַרבעטס-באַדינגונגען, פאַר נאַציאָנאַלע פאָנדן און נאַציאָנאַלן באָדן, פאַר אַרבעטס-קאָלאָניזאַציע, פאַר מענטש- און בירגער-רעכט, פאַר אַן אַרבעטס-קולטור, פאַרן אָפּשאַפן די קלאַסן, וואָס צעשפּאַלטן דאָס פאָלק, פאַר אויפהויבן דעם ניווא פון אַראַבישן אַרבעטער, פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג מיטן אַראַבישן פאָלק, — דאָס אַלץ זענען רעזולטאַטן פון דער ציוניסטישער לאָגיק.

און אויב עמעצער וועט פרעגן: ווי קומט עס, אַז דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם, וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט לכתחילה, זאָלן אונז פאַרפליכטן ביידע גראָד צו איין-און-דערזעלבער זאַך? — איז די תשובה דאָן אַ פשוטע: סיי דער ציוניזם און סיי דער סאָציאַליזם זענען געשאַפן געוואָרן צוליב אונז — פאַר אונזער באַפרייונג און אויפלעבונג. ב יי ד ע פ ל י ס ן אַ ר ו י ס פ ו ן א ו נ ז ג ו פ א, פ ו ן א ו נ ז ע ר ג ע א יי נ י ק ט ן ו ו י ל ן, פ ו ן א ו נ ז ע ר ט י פ ע ל ע ב נ ס - ב אַ ד ע ר פ נ י ש. דאָס, וואָס מיר רופן ציוניזם און דאָס, וואָס מיר רופן סאָציאַליזם, זענען אויסן צו רעאַליזירן אונזער ווילן און אונזערע שטרעבונגען צו גאולה, צו באַפרייונג און אויפלעבונג.

ציוניסטישער סאָציאַליזם הייסט נישט אַ ציוניזם געמישט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין אָרגאַנישע שייכות צו אים. אַדרבה, דער ציוניסטישער סאָציאַליזם איז דערמיט אַנדערש פון די איבעריקע סאָרטן ציוניזם (בירגערלעכער, קלעריקאַלער, פאַשיסטישער א. ד. ג.), וואָס ער איז ריין פון יעדן מין פרעמדע צומיש-עלעמענטן. סאָציאַליסטישער ציוניזם איז דער טייטש: אַ פולקאָמער, פולשטענדיקער ציוניזם, וואָס שעפּט אויס דעם גאַנצן היסטאָרישן אינהאַלט פון דער יידישער באַפרייונג, אָן קיין שום באַדינגונגען און פשרות. דאָס איז אַ ציוניזם, וואָס באַגנוגענט זיך נישט מיט באַפרייען אַ טייל פונם פאָלק, — נאָר וואָס וויל אַ גאַנצע באַפרייונג פון

גאַנצן פאָלק. דאָס איז אַ ציוניזם, וואָס וויל, אַז ארץ-ישראל זאָל ווערן אַ היים נישט בלויז פאַר די געציילטע, וואָס באַזיצן פריווילעגיעס און מיטלען, — נאָר זי זאָל זיין אַ היים פאַר יעדן ייד, וואָס וועט אַהין קומען, — אַ היים, וואָס איז מפרנס, האַלט אויס און באַפרייט אַלע אירע בירגער, אָן אונטערשיד.

און אָט דער ציוניסטישער אמת, אָט די ציוניסטישע איבערגעגעבנקייט באַפעלט איצט דער אַרבעטער-באַוועגונג צו דעראָבערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, — דאָס הייסט, צו פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַן אַרבעטס-פעיקן, ווילנס-שטאַרקן און ציל-באַוואוסטן אינסטרומענט פאַר דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. דאָס איז אַ גורל-פראַגע סיי פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און סיי פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג. אָן דעם אַנטשיידנדיקן איינפלוס פונם טרעגער פון דער פאַרווירקלעכונג און אַרבעט — איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע עלול זיך צו צעפאַלן און פאַרחאַנדלט צו ווערן אין אַ שטערונג פאַרן ציוניסטישן ווערק.

די אַרבעטער-באַוועגונג וועט נישט האָבן אויסגעפירט איר שליחות בשלימות, אויב זי וועט נישט באַווייזן צו ווערן אַ פאָלקס-באַוועגונג. צווישן אונז און דעם פאָלק איז ביז איצט געווען אַ טאָפּלטע מחיצה. איין מחיצה, וואָס מיר האָבן געשאַפן, און נאָך איינע — געשאַפן דורך אַנדערע. אונזער באַוועגונג איז אין איר אָנהויב געווען אַ פּראָדוקט פונם בונט, וואָס די חלוצישע יוגנט האָט דערקלערט קעגן דעם צעקריפּלטן יידישן לעבנס-שטייגער, קעגן דער נעבעכדיקער גלות-עקזיסטענץ, קעגן דער נישטיקייט פון יידישן סאָציאַליזם, קעגן דער אימפּאָטענטקייט פון דעקלאַראַטיוון ציוניזם. די בונטאַרן האָבן זיך אַ ריס געטאָן און געקומען קיין ארץ-ישראל. דאָ האָבן זיי זייער גאַנץ לייב-און-לעבן אַריינגעטאָן אינם שאַפן דאָס ווערק, וואָס האָט געלייגט אַ יסוד פאַר אַ נייעם שטייגער, פאַר געזונטע עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן, פאַר אַ רייכן סאָציאַליסטישן אינהאַלט און אַ ריכטיקער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. געפינענדיק זיך אין אַ סביבה פון פאַרפרעמדקייט און פאַרשטענדנישלאָזיקייט פאַר זיין נייעם לעבנס-וועג, האָט דער ארץ-ישראלדיקער יידישער אַרבעטער זיך איינגעגרעניצט אין אַן ענגן קרייז און איז אינגאַנצן אַריין אין די ד׳ אמות פון זיין שאַפונג. ער איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, — וועלכע איז טראָץ איר נאַציאָנאַלן אינהאַלט און ווערט, געוואָרן בלויז אַ קלאַסן-ענין, ווייל די אַנדערע קלאַסן האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט און נאָך געשטערט. דער אַרבעטער, פון זיין זייט, האָט געווידמעט ווייניק אויפמערקזאַמקייט די גרויסע יידישע מאַסן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די גלות-לענדער, כאָטש פון די דאָזיקע מאַסן איז אָפּהענגיק דאָס ווערק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שאַפן. אַזוי אַרום האָבן אַ סך נישט דערזען דעם אמתן ווערט פונם אַרבעטס-אויפטו. די קלאַסן-פאָרם האָט פאַרשטעלט דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון אונזער באַוועגונג און איר שאַפונג.

די צווייטע מחיצה האָבן אַנדערע געשאַפן. די פאַלשע נביאים פון דעם פראַזעאָלאָגישן און אימפּאָטענטן ציוניזם האָבן פאָרגעשטעלט פאַרן

פאָלק די אַרבעט, שטרעבונגען און דערגרייכונגען פונם יידישן אַרבעטער אין אַ פאַלש ליכט. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פיינטלעכע באַציונגען צום חלוצישן אויפטו, וואָס שטייט אין צענטר פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. כמעט די גאַנצע יידישע פרעסע אין גלות און אַ טייל פון דער ארץ-ישראלדיקער פרעסע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַרבעט פון פאַלסיפיצירן די ציוניסטישע עפנטלעכע מיינונג.

אָט די צוויי מחיצות מוזן מיר צעשטערן, אויב מיר ווילן געטריי דינען דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי מיר האָבן געטריי געדינט דעם ציוניסטישן ווערק.

ווי אַזוי זאָלן מיר צוקומען צום פאָלק?

די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג האָט אין גלות אַרויסגערופן אַ טייערע באַוועגונג, וואָס איז ענלעך צו איר — די חלוצישע באַוועגונג. אויב אין ארץ-ישראל איז דער שטאָלץ פון ציוניזם — דער אַרבעטס-אויפטו, איז אין חוץ-לארץ די קרוין פון ציוניזם — די חלוצישע באַוועגונג. אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט ביי אַנדערע פעלקער, זענען געקומען צום בולטן אויסדרוק די גאַנצע לויטערקייט, די שיינקייט און הערויִשקייט פון ציוניזם. דאָס אַלטע יידישע פאָלק, וואָס איז אָפּגעוואוינט פון נאַטור און אַרבעט, וואָס זיין נאַציאָנאַלער ווילן איז אָפּגעשוואַכט און פאַרמאָגט נישט קיין אייגענעם כאַראַקטער און פרצוף; דאָס פאָלק, וואָס איז שוין, דאַכט זיך, צעפאַלן פון אַלטקייט, אַרומוואָגלענישן און באָדנלאָזיקייט, — האָט פלוצלינג צוריקבאַקומען די יוגנט-כוחות, האָט אַרויסגעגעבן אַ פרישן חלוצישן דור, אַ ווילן-שטאַרקן, אַרבעטס-דורשטיקן און היימאַט-שטרעבנדיקן דור, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שטערונגען און שטרויכלונגען, — אַ דור, וואָס מאַכט די פאָלקס-האָפנונג פאַר זיין אייגענער לעבנס-אויפגאַבע. אַ באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגט אַ ז ו י נ ס, האָט זיך נישט צו שעמען פאַר די שענסטע און גרעסטע באַוועגונגען אין דער מענטשהייט, און ווי מאָדנע: אַז איר וועט דורכבלעטערן די גאַנצע פופציק-יעריקע ציוניסטישע ליטעראַטור און פרעסע און איר וועט דאָרט זוכן די אידייען-פּאָטערס פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וועט איר — אַ חוץ אין דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-ליטעראַטור — גאָרנישט געפינען. איר וועט געפינען אויסדרוקן און געדאַנקען וועגן דעם אַרבעטס-אידעאַל, אָבער וועגן חלוצישן געדאַנק איז קיין סימן און קיין זכר נישטאָ אין דער גאַנצער ציוניסטישער ליטעראַטור מחוץ דער אַרבעטער-באַוועגונג.

די חלוצישע באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ אינערלעכער אויסשטראַלונג פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. דער ארץ-ישראלדיקער יידישער אַרבעטער האָט געשאַפן די דאָזיקע באַוועגונג, ער האָט אויסגעטראָגן און פעסטגעשטעלט איר אידעאָלאָגיע און אויסגעפאָרעמט איר כאַראַקטער און געשטאַלט. אָבער דער גורל פון דער חלוצישער באַוועגונג איז געווען פונקט אַזאַ ווי דער גורל פון איר שעפערין. אויך

די חלוצישע באַוועגונג האָט נאָך נישט באַפרוכפּערט לויט אירע מעגלעכ־קייטן די ציוניסטישע באַוועגונג. זי האָט נאָך נישט ווי געהעריק זי באַ־חירקט מיט איר מוח און כוח. אויך די חלוצישע באַוועגונג האָט זיך צו־פיל איינגעשרענקט אין איר ווינקל און אין אירע ד׳ אמות. און די דאָזיקע באַוועגונג, מיט אירע פאַרבינדעטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ציילט דאָך צענ־טליקער טויזנטער חברים פון דער בעסטער יידישער יוגנט; זי פאַרמאָגט דאָך אין זיך אַ סך מעגלעכקייטן פאַר דער געזונטמאַכונג און באַנייונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע פאָלקרעפּטיקע און אידעאַליס־טישע יוגנט, וואָס שטרעבט צו זעלבסטפאַרווירקלעכונג אין ארץ־ישראל, דאַרף און קען ווערן אַ באַפרוכפּערנדיקער און באַנייענדיקער כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי קען און דאַרף אויך ווערן די לעבעדיקע בריק צווישן די פאָלקס־מאַסן אין גלות, וואָס לייגן זייערע האָפענונגען אויף ארץ־ישראל — און צווישן די פאַרווירקלעכונגס־חלוצים, וועלכע האָבן געשאַפן דאָס ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־ווערק.

די חלוצישע יוגנט דאַרף אויסברייטערן איר טעטיקייטס־ראַם. זי דאַרף זיך נישט בלויז פאַרבאַרייטן און צוגרייטן צו אַרבעט אין ארץ־ישראל, נאָר זי דאַרף זיך אַקטיוו און ענערגיש באַטייליקן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין אַלע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע או־מעטום. די ציוניסטישע באַוועגונג אין גלות קען, פּונקט ווי דאָס ציוניסטישע ווערק אין ארץ־ישראל, געהאָלפן ווערן נאָר דורך די יוגנט־כוחות, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיטן פאַרווירקלעכונגס־און אַרבעט־ווילן, און וועלכע זענען פריי פון די פאָראורטיילן און פון דער בסיכישער און אידעאָלאָגישער אינערציע פונם ציוניסטישן „בעל־הבית״.

דער ציוניזם איז אין זיין מהות אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. מען קען זיך כמעט נישט פאָרשטעלן אַ טיפערע און גרינטלעכערע רעוואָלוציע, ווי די, וואָס דער ציוניזם וויל דורכפירן אין לעבן פון יידישן פאָלק. דאָס איז נישט קיין רעוואָלוציע קעגן אַ פּאָליטישן אָדער עקאָנאָמישן רעזשים, דאָס איז אַ רעוואָלוציע קעגן די פונדאַמענטן פונם פערזענלעכן לעבנס־אופן אין פאָלק. די עצם־ציוניסטישע אויפפאַסונג וועגן לעבן פון יידישן פאָלק און וועגן דער יידישער געשיכטע איז אין תוך אַ רעוואָלוציאָנערע. עס איז אַ פאַרלייקענונג פון אַ הונדערט־יעריקער טראַדיציע, — פון דער טראַדיציע פון אַ פּאַקטישן גלות־לעבן און פון ווילנלאָזע, אַבסטראַקטע בענקענישן נאָך אַ גאולה. אָנשטאָט אימפּאָטענטע און אָנבלוטיקע בענקענישן האָט דער ציוניזם געבראַכט — אַ ווילן צו פאַרווירקלעכונג, אָנשטאָט אַ באַדנלאָז גלות־לעבן — אָנשטרענגונגען פון שאַפן און אויפבוי אויף היימלענדישן באָדן; אָנשטאָט אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף פרעמדע קעסט, אָנשטאָט אַ מינדערהייט, וואָס לעבט אויף יענעמס גענאָד — אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, וואָס באַשטימט זיין גורל; אָנשטאָט אַ נעבעכדיקע עקזיסטענץ פון פאַרמיטלערישע לופט־מענטשן — אַ זעלבסטשטענדיק לעבן פון האָרעפאַשניקעס, וואָס זענען פאַרוואָרצלט אין באָדן און אין פּראָדוקטיווער ווירטשאַפט.

צו װעלן די כוחות פונם ציוניסטישן בעל-הבית, װאָס איז אַליין אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אָט דעם נעבעכדיקן לעבן, און װאָס איז אינגאַנצן דורכגעצדרונגען מיט דער גלותדיקער לעבנס-אויפפאַסונג, — צו װעלן, אַלזאָ, זיינע פּסיכישע און גייסטיקע כוחות קלעקן אויף מיטצוהעלפן אויפריכטיק און פאַרשטענדיק דעם דאָזיקן רעװאָלוציאָנערן אויפטו פון דער ציוניסטישער פאַרװירקלעכונג? צי לעבט דען נישט גייסטיק דער גאַנצער בירגערלעך-ציוניסטישער דור — אַ חוץ יחידי-סגולה — פון די שיריים פון זיין יוגנט-באַגייסטערונג? דערביי זענען די דאָזיקע שיריים נישטיקע, װאָרום זיי זענען שוין לאַנג פאַרװעלקט און האָבן פאַרלוירן דאָס ביסעלע חיות, װאָס זיי האָבן פאַרמאָגט מיט צװאַנציק-דרייסיק יאָר צוריק.

די גאַנצע פּסיכישע און מאָראַלישע ירידה פונם בירגערלעכן ציוניזם קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין זיין באַציונג צו די אַרבעטס-חלוצים אין ארץ-ישראל. אָנשטאָט זיי צו באַטראַכטן אַלס די פאַרװירקלעכער פון זיין טרוים, אַלס די דורכפירער פון זיין שטרעבונג, — קלאָגט זיך דער בירגערלעכער ציוניזם און איז ברוגז אויף זייער סאָציאַלן ריס, אויף זייער קלאַסן-קאַלאָריט. לויט דעם דאָזיקן ברוגז קומט אויס, אַז די חלוצים װאָלטן געװען געטרייער דעם ציוניזם און דעם באַפרייונגס-װערק אין ארץ-ישראל, װען זיי װאָלטן, פּונקט װי זייערע עלטערן אין גלות, אויך דאָ געװען קרעמער און הענדלער, גאַזאָ-פּאַרקױפער און פּאָמעראַנצן-ספּע-קולאַנטן, מעקלער פון פּלעצער און פּראָצענטניקעס; װען זיי װאָלטן אויך אין ארץ-ישראל געלעבט פון פרעמדער פּראַצע. דער גאַנצער געיאָמער פון דעם „אַלגעמיינעם" ציוניזם פאַרװאָס ער האָט נישט קיין פּאַרטײצוגג אין ארץ-ישראל, די אַלע צװייפלהאַפטע פּרואװן צו שאַפן „אַלגעמיינע" באַװעגונ-גען און „נאַציאָנאַלע" חלוצים -- שוין נישט רעדנדיק װעגן דער כוליגאַ-נעריע און פּראָחאָקאַציע פון רעװיזיאָניסטישן היטלעריזם — באַװייזן די גאַנצע טעמפּקייט און דעם מאַנגל אין ציוניסטישער פאַרשטענדניש מצד די טוער פונם „אַלגעמיינעם" ציוניזם. צי װעט דען די דאָזיקע „אַלגעמיין"-ציוניסטישע יוגנט, אויך װיפיל זי װעט זיין געטריי איר חלוצישער אויפ-גאַבע און אמת-ציוניסטישער מיסיע, ד. ה. אויף װיפיל זי װעט מיטהעלפן אַנטװיקלען דאָס אַרבעט-װערק אין לאַנד און זיך אַליין דערין באַטייליקן,— װעט זי דען מיט עפּעס-װאָס זיך אונטערשיידן פון די „לינקע" חלוצים און אַרבעטער, װעלכע די „אַלגעמיינע" ציוניסטן באַטראַכטן סתּם פאַר שונאים און פרעמדע?

די אַרבעטער-באַװעגונג האָט נישט קיין שום גרונט מיטצוהאַלטן די דאָזיקע טעמפּע און קורצזיכטיקע אויפפאַסונג. מיר װעלן נישט מאַכן קיין אונטערשיד צװישן אַ חלוץ און אַ חלוץ, צװישן אַן אַרבעטער און אַן אַרבעטער נאָר דערפאַר, װייל זיי געהערן צו פאַרשידענע פּאַרטייען און מאַרשירן אונטער פאַרשידענע פענער. די פראַגע, װאָס איז פאַר אונדז אָנטשיידנדיק, איז: װאָס איז דער לעבנס-אידעאַל פון דעם חלוץ, װאָ פאַר אַ לעבנס-װעג האָט זיך אויסגעקליבן דער אַרבעטער, אויף װאָס פאַר

אַ יסוד איז געבויט דער ציוניסטישער גלויבן פון דעם יוגנטלעכן; צי אַן עקספּלאָאַטאַציע־אָרדנונג, פעלקער־קריג און אַרבעטער־שנאה אָדער אַן אַר־בעטס־לעבן מיטן ציל צו באַפרייען דאָס פאָלק און אויפצובויען דאָס לאַנד, מיט אַן אויפריכטיקער זאָרג פאַר אַלע טיילן פונם ישוב, שטרעבנדיק צו גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, אָן קלאַסן־פּריווילעגיעס ?

יעדער יידישער יוגנטלעכער, וואָס שטרעבט צו אַרבעט אין ארץ־ישראל, יעדער חלוץ און יעדער אַרבעטער, — מעג ער האָבן וועלכע־נישט־איז אידעאָלאָגישע אָנשויונג — איז אַ ריכטיקער שותף צום ווערק און צו דער באַוועגונג פונם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער. און דאָס איז נישט דער־פאַר, ווייל אידעאָלאָגיעס און טעאָרעטישע ענינים האָבן קיין באַדייטונג נישט, נאָר דערפאַר, ווייל נישט זיי דעצידירן אין אַ באַוועגונג, וואָס באַזירט אויף פאַרווירקלעכונג. דאָס דעצידירנדיקע דאָ איז: טאַט און נישט וואָרט. דער נאָמען „אַלגעמיינער״ ציוניסט זאָגט איצט גאָרנישט. אַזוי טיטולירן זיך איצט, דאָס רוב, קלאַסן־ציוניסטן, וואָס דער פאָלקס־כּלל און דער ישוב־כּלל זענען, לויט זייער מיינונג, טאַקע זיי אַליין — די בעלי־בתּים. אָבער עס זענען נאָך אויך פאַראַן אַלגעמיינע ציוניסטן, ביי וועלכע דער נאָמען האָט נאָך נישט פאַרלוירן זיין אינהאַלט. פאַר די דאָזיקע אַלגעמיינע ציוניסטן איז די אַרבעטערשאַפט נישט קיין פרעמדער און פיינטלעכער עלע־מענט, — נאָר אַ עיקרדיקער און באַדייטונגספולער טייל צווישן די ציוניס־טישע כּוחות. ביים אויפקומענדיקן דור פונם אַלגעמיינעם ציוניזם זענען נישטאָ אַ סך אַזעלכע, אָבער צווישן דער אַלגעמיינער ציוניסטישער יוגנט איז די כּמותדיקע פּראָפּאָרץ אַ פאַרקערטע. די דאָזיקע יוגנט איז, נאַטיר־לעכערהייט, מסוגל צו זיין געטריי די פּרינציפּן פון ציוניזם, און צוליב דער דאָזיקער געטרייקייט איז פאַקטיש נישטאָ קיין באַדייטנדיקע קעגנזאַצן צווישן איר און דער אַרבעטערשאַפט. כאָטש די סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס זענען פאַרשידן. מאָביליזירנדיק די חלוצישע יוגנט אויף געזונט צו מאַכן און באַנייען די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלן מיר דעריבער אין דער דאָ־זיקער אַלגעמיינער יוגנט פּראַקטיש געפינען פאַרבינדעטע און חברים, כאָטש טעאָרעטיש וועלן מיר זיי טרעפן אין פאַרשידענע ציוניסטישע פּאַרטייען.

אין די מזרח־אייראָפּעישע און אין עטלעכע צענטראַל־אייראָפּעישע לענדער בילדעט, שוין ביים היינטיקן טאָג, די חלוצישע יוגנט דעם הויפּט־כּוח אין ציוניזם, דער „אַלגעמיינער״ בעל־הבתּישער ציוניזם אין די דאָזיקע לענדער צעפאַלט זיך און גייט אונטער. אויף די לעצטע דריי ציוניסטישע קאָנגרעסן, ביי וועלכע ס׳איז איינגעפירט געוואָרן דאָס נייע וואַל־סיסטעם לויטן איינהייטלעכן שקל, זענען די אַלגעמיינע ציוניסטן אַראָפּ פון אַ אַבסאָלוטער מערהייט מיט 54 פּראָצענט אויפן פופצעטן קאָנגרעס ביז 47 פּראָצענט אויפן זעכצעטן, און צום לעצט. ביים זיבעצעטן קאָנגרעס האָבן זיי שוין געהאַט נאָר 33 פּראָצענט.

דאַקעגן איז דער אַרבעטער־פליגל, וועלכער האָט ביים צוועלפטן קאָנ־גרעס — ביים ערשטן נאָכמלחמהדיקן קאָנגרעס — פאַרמאָגט בלויז 12

פראָצענט, אומאויפהערלעך געוואַקסן זייט עס האָבן זיך אָנגעהויבן וואַלן לויטן סיסטעם פון איינהייטלעכן שקל. אויפן פופצעגטן קאָנגרעס האָט ״פּער אַרבעטער-פליגל געהאַט 22 פּראָצענט פון אַלע דעלעגאַטן, אויפן זעכצעגטן קאָנגרעס — 26 פראָצענט, אויפן זיבצעגטן — 29 פראָצענט, נישט קיין סך ווייניקער פון די פאַרשידענע ״אַלגעמיינע״ ציוניסטן.

פּאַקטיש בילדן נישט די אַלגעמיינע ציוניסטן קיין איינהייטלעכע גאַנצקייט, און זיי וועלן עס אין דער נאָענטער צוקונפט אויך נישט ווערן. אין אַלגעמיינעם ציוניזם ווערן בולט צוויי קעגנערישע שטראָמען: דער בורזשואַזער קלאַסן-שטראָם, וועמענס קעגנערשאַפט צום אַרבעטער-קלאַס שטאַרקט זיך וואָס אַמאָל מער, און אין דערזעלבער מאָס פאַרלירט זיך זיין נאַציאָנאַלער אינהאַלט און ס׳פאַרשטאַרקט זיך זיין קעגנערשאַפט צו אַלע אייגנשאַפטן און פאָדערונגען פונם באמת אַלגעמיינעם ציוניזם; און אַ צווייטער שטראָם, וואָס היט איין די ערשטע טראַדיציע פון אַלגעמיינעם ציוניזם, צו זיין מער-ווייניקער פאַרבונדן מיטן אַרבעטנדיקן חלוציזם. אַזאַ דיפערענציאַציע לאָזט זיך אויך באַמערקן אין אַ געוויסער מאָס ביים ״מזרחי״, כאָטש די דאָזיקע פּאַרטיי איז אַ סך פעסטער און צוזאַמענגעשלאָסענער, ווי די ״אַלגעמיינע״. אויך ביים מזרחי וואַקסט אַ חלוצישע יוגנט, וואָס חעט אַרבעטן אין ארץ-ישראל און וועט, טראָץ דער רעליגיעז-פּאָליטישער מחיצה, קענען זיין אַ פאַרבינדעטער און שותף פון דעם אַרבעטער-כלל.

אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד מיט אַ יידישן מאַסן-ישוב — דער גרעכטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט, — וואו ס׳איז ביז לעצטענס נישט געווען קיין חלוצישע באַוועגונג. אָבער אויך דאָרטן ווערן דורך די פּאַר-געקומענע גרויסע ענדערונגען, באַזונדערס אין דער לאַגע פון די יידישע מאַסן, צוגעגרייט די באַדינגונגען פאַרן אויפקום פון אַ חלוצישער באַוועגונג. אויך פאַר די אַמעריקאַנער יידן הערט אויף ארץ-ישראל צו זיין אַ ענין פון בלויז נאַציאָנאַלער פילאַנטראָפּיע. עס הערט אויף צו זיין אַ ענין פון הילף פאַר די ליידנדיקע מזרח-אייראָפּעישע ברידער און עס ווערט אַ לעבנס- און צוקונפט-פראַגע פאַר די אַמעריקאַנער יידן זעלבסט. און די יוגנט איז אָן ספק דער עמפינדלעכסטער עלעמענט, וואָס רופט זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער ענדערונג. מיר זעען שוין טאַקע דעריבער וויכטיקע פּרי-שפּראָצונגען פון אַ חלוצישער יוגנט. זיי זענען אמת כמותדיק נישט קיין סך, אָבער לויטן איכות זענען עס שטאַנדהאַפטיקע און האָפנונגספולע אָנהויבן. און אויב אונזער באַוועגונג וועט דערהערן דעם רוף פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, און זי וועט ווידמען כוחות און מענטשן נישט בלויז פאַר אַגיטאַציע און געלט-זאַמלונג, נאָר אויך פאַר יוגנט-דערציערישער אַרבעט, איז פאַראַן אַ האָפנונג, אַז אויך דאָרט, אין אַמעריקע, וועט אויפשפּרודלען דער קוואַל פון חלוציזם. דאַן וועט די ציוניסטישע באַוועגונג אין דעם דאָזיקן וויכטיקן לאַנד באַקומען איינגאַנצן אַן אַנדער פּנים.

דער וויכטיקער וואַך-אָפּבייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז

גאָרנישט קיין אוממעגלעכע זאַך. עס הענגט אָפּ הויפּטזאַכלעך פון דער פעיקייט און פון די מיטלען צו מאָביליזירן די חלוצישע יוגנט. זיי צו-זאַמען מיטן ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער און מיטן הייפל אמתע ציוניסטן, ווי אוסישקין, גרינבוים און קורט בלומענפעלד, וועלן אַריינבלאָזן אַ נייע נשמה אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און וועלן זי גרייט מאַכן צו דערפילן איר אויפגאַבע אַלס פאָלקס-אינסטרומענט פאַר דער פאַרווירקלע-כונג פון ציוניזם.

דערצו איז אויך נויטיק אַ גרינטלעכע רעאָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ביי דער איצטיקער לאַגע איז די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט מער ווי אַ פיקציע, — וואָרום אין די באַזונדערע לענדער זענען נישטאָ קיין אָרגאַניזירטע און טעטיקע ציוניס-טישע אָרגאַניזאַציעס, און אָן לאַנד-פיליעס איז די וועלט-אָרגאַניזאַציע נישט מער, ווי אַ פוסטע ראַם.

די איינציקע, ווירקלעך-עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציע פון דער ציוניס-טישער אָרגאַניזאַציע — איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס, אָבער צוליבן פעלן פון אַ פּערמאַנענטן, טעטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן אָרגאַן, וועלכער זאָל דורכפירן און באַוואַכן די קאָנגרעס-באַשלוסן, ווערט דער קאָנגרעס, וואָס קומט זיך צונויף איין מאָל אין צוויי יאָר אויף אַ גאַנץ קורצער צייט, פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער שפּיל-אַרענע, אָן יעטוועדן שאַפנדיקן און פאַרפליכטנדיקן אינהאַלט. דער פּאַרלאַמענטאַרישער „ספּעקטאַקל" פון פּאַרטיי-קריג, דער אָנגריף פון דער אָפּאָזיציע אויף דער „מאַכט", די „פּאָ-ליטישע" וויכוחים, די „קאַבינעט"-קריזיסן, דאָס צונויפשטעלן די „רעגירונג" און די בודזשעט-אָפּשטימונגען, — דאָס אַלץ קען אפשר צופרידנשטעלן די „מלוכה"-לוסט פון די „ריינע ציוניסטן", אָבער אַ ריר טאָן פון אָרט די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג קענען נישט די דאָזיקע פּאַרלאַמענטאַרישע קונצן, וועלכע קומען פאָר אין אַ פוסטן חלל. דער קאָנגרעס פאַרמאָגט נישט קיין אָרגאַניזירטן כוח, וואָס זאָל שטיין צו זיין דיספּאָזיציע. די דורכן קאָנגרעס געוויילטע עקזעקוטיווע געניגט נישט. די אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג קען נישט געמאַכט ווערן דורך אַן עקזעקוטיווע, נאָר דורך אירע אָנהענגער איבער גאַנצן גלות. אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן כוח אין יעדן לאַנד באַזונדער, איז אַ פאָרבאַדינג פאַרן אַקטיוויזירן און פרוכטבאַר מאַכן די באַוועגונג.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַלס איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע אין וועלט-מאָסשטאַב מיט איינהייטלעכע פיליעס אין יעדן לאַנד באַזונדער. במשך דער צייט האָבן זיך אויסגעבילדעט פליגלען. די לאַנד-אָרגאַניזאַציע איז אויך נאָך דער שאַפונג פון די באַזונ-דערע פליגלען געבליבן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער הויפּט-קערן. אָבער אינ-צווישן איז די פונאַנדערגעטיילטקייט אַלץ מער און מער געוואַקסן. די פליגלען האָבן כמעט איינגעשלונגען די לאַנד-אָרגאַניזאַציע. אגב האָט זיך אויך געענדערט איר כאַראַקטער. פון אַ פיליע פון דער ציוניסטישער וועלט-

אָרגאַניזאַציע זענען די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין עטלעכע לענדער, באַזונדערס אין מזרח-אייראָפּע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע פּאַרטייען פונם בירגערלעכן ציוניזם. די ציוניסטישע באַוועגונג איז געוואָרן אַ מיטל צום ציל פאַר אַזעלכע טוער און קאַריעריסטן, וואָס זייער טעטיקייט האָט אין תוך נישט קיין שום שייכות און צוזאַמענהאַנג מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע. די וואַלן צו די פּאַרלאַמענטן און סיימען, צו די שטאָטראַטן און קהלות זענען געוואָרן דער עיקר, און דער גאַנצער ענין ציוניזם און ארץ-ישראל — אַ טפל און צוטשעפּעניש. דער נאָמען ציוניזם איז פאַלש אויסגענוצט געוואָרן דורך די לאָקאַלע פירער פון דער כלומרשטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער אַרבעטער-פליגל, וועלכער האָט קיין שייכות נישט געהאַט מיט דער בירגערלעכער פּאָליטישער פּאַרטיי, האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער ציוניסטישער לאַנד-אָרגאַניזאַציע. און כאָטש אין געוויסע לענדער איז דער ראַדיקער פליגל געווען דער הויפּט-און עיקר-כּוח אין אָרגאַניזירטן ציוניזם, — ווי עס פלעגט זיך אַרויסווייזן ביי די קאָנגרעס-וואַלן, — האָט ער נישט געהאַט קיין שום השפּעה און אָרט אין דער ציוניסטישער לאַנד-אָרגאַניזאַציע. ציוניזם סתם, אָן אַ באַגלייט-נאָמען, פלעגט מען אידענטיפיצירן מיטן בורזשואַזן ציוניזם. דאָס איז געשען אויך אין יענע לענדער, וואו דער ראַדיקער ציוניזם האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע באַדייטונג, זיין כּוח און וואָג.

מיטן איינפירן דעם איינהייטלעכן שקל איז באַזייטיקט געוואָרן אַ גרויסער פעלער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מאַנדאַטן צום קאָנגרעס האָבן אויפגעהערט צו זיין דאָס פּריוואַט-אייגנטום פון דער קערפּערשאַפט, וואָס קויפט אויס מער שקלים, — זיי זענען געוואָרן אַ וואַלענין פונם שקל-צאָלער. די דאָזיקע רעפאָרם פון איינהייטלעכן שקל דאַרף מען אויסברייטערן אויפן גאַנצן אָרגאַניזאַציאָנעלן שטח פון ציוניזם.

מען דאַרף שאַפן אַ איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין יעדן לאַנד.

די ציוניסטישע פּאַרטייען וועלן, פאַרשטייט זיך, בלייבן אויך אויף ווייטער. אָבער דער לאַנד-קערן פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע וועט נישט זיין די פּאַרטיי (דער „זאַנדער-פאַרבאַנד" אָדער „לאַנדעס-פאַרבאַנד", וואָס איז אויך אייגנטלעך אַ פּאַרטיי) נאָר דער צונויפנעם פון אַלע שקל-צאָלער אין געגעבענעם לאַנד אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און ריכטונג. פּונקט ווי צום קאָנגרעס ווילט יעדער שקל-צאָלער דירעקט — נאַטירלעך, יעדערער די קאַנדידאַטן פון זיין פּאַרטיי, — אַזוי וועט אויך יעדער שקל-צאָלער ווילן אין דער לאַנד-אָרגאַניזאַציע צום לאַנד-צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר וועט באַשטימען די ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנד און וועט אויסוויילן אַ לייטונג — אַ קאָאַליציע-לייטונג אָדער אַ איינהייטלעכע, אָפּהענגיק פונם כּוחות-צוזאַמענשטעל אויפן צוזאַמענפאָר, אַזוי ווי עס געשעט אויפן קאָנגרעס. די לייטונג וועט אָנפירן מיט דער גאַנצער ציוניסטישער און ארץ-

שראלדיקער טעטיקייט אין איר לאַנד, פאַרשטייט זיך, לויט די באַשלוסן פון קאָנגרעס און אונטער דער אויפזיכט פון דער עקזעקוטיווע פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע. דער טעטיקייטס-געביט פון דער לאַנד-לייטונג וועט זיין: ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פּאַלעסטינע-אַמט, די פאָנדן א. ד. ג. די לאַנד-אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטייט פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, קען זיך, נאַטירלעך, נישט באַשעפטיקן מיט דער „קעגנוואַרטס-אַרבעט", — זי בלייבט אויך ווייטער אַ ענין פון די פאַרשידענע פּאַרטייען. דער טעטיקייטס-קרייז און די קאָמפּעטענץ פון דער איינהייטלעכער לאַנד-אָרגאַניזאַציע איז אידענטיש מיטן טעטיקייטס-קרייז און מיט דער קאָמפּעטענץ פון ציוניסטישן קאָנגרעס.

די באַנייונג און געזונטמאַכונג פונם ציוניזם זענען אָבער אָפּהענגיק נישט בלויז פון אָרגאַניזאַציאָנעלע רעפאָרמען, — נאָר אויך פון אַן ענדערונג אין דער טעטיקייט-שיטה.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט געאַרבעט אָן אַ שיטה און אָן אַ פּלאַן. יעדער קאָנגרעס פלעגט באַשטימען אַ פּלאַן און אַ בודזשעט אויף איין יאָר, און אַזוי פלעגט אויך טאָן דער אַקציאָנס-קאָמיטעט אין אַ נישט-קאָנגרעס-יאָר. דאָס ציוניסטישע ווערק קען אָבער, סיי קאָלאָניזאַטאָריש, סיי פּאָליטיש, נישט אויסקומען אָן אַ פינאַנציעלן, קאָלאָניזאַטאָרישן און פּאָליטישן פּלאַן, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אויף אַ ריי יאָרן. דאָס מוז זיין, כדי צו קענען סיסטעמאַטיש און באַרעכנט פירן די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג פון שטאַפּל צו שטאַפּל, פון עטאַפּ צו עטאַפּ. אונזער פּאַרטיי-צענטער האָט נאָך פאַריאָרן אויסגעאַרבעט אַזאַ פּלאַן, סיי אויפן געביט פון עליה און קאָלאָניזאַציע, סיי אויפן פינאַנציעלן, ווי אויך אויפן פּאָליטישן געביט. מיר האָבן געפּרואווט קומען מיט דעם פּלאַן צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון אַקציאָנס-קאָמיטעט אויף זיין ,עצטער זיצונג אין לאָנדאָן — אָבער דער דאָזיקער אָרגאַן איז, פּונקט ווי דער קאָנגרעס גופא, נישט בכוח, ביי זיין איצטיקן מצב, צו זיין אַ ציוניסטישער אַרבעט-אינסטרומענט. אינם פּוסטן חלל, אין וועלכן עס קומט זיך צונויף און באַהאַנדלט די ענינים דער אַקציאָנס-קאָמיטעט, איז פאַרפאַלן געוואָרן אָן רעזולטאַטן אויך אונזער פּראָיעקט.

ווען מיר רעדן וועגן אַ פּלאַן פון ציוניסטישער טעטיקייט, וואָס אונזער באַוועגונג דאַרף פאָרלייגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, — שטעלט זיך אַ פראַגע: וואָסערע גרעניצן האָט דער פּלאַן? צי באַשרענקען מיר זיך מיט אַן אַרבעטס-פּלאַן, וועלכער איז געווידמעט דער עליה און דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע לויט די ביי אונז אָנגענומענע יסודות, און שוין, — אָדער אונזער פּלאַן נעמט אין אַכט די עליה- און קאָלאָניזאַציע-באַדערפנישן פון אַלע פאָלקס-קרייזן, סיי פונם אַרבעטער-קלאַס און סיי פון די אַנדערע קלאַסן. מיר דאַכט, אַז פון אונזער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון דעם אַ־בעטערס פּאָזיציע אין איר.

די פראגע איז: צי קען און דארף די ארבעטער-באוועגונג, זייענדיק אבסאלוט געטריי איר ספעציעלער מיסיע, זארגן פאר די אינטערעסן פון גאנצן פאלק, — נישט אין א סאציאליסטישער ארדנונג נאך דער סאציאלער רעוואלוציע, נאר שוין איצט ביי דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג און ביי א לאנגען אויפבוי-פראצעס, ווי עס איז דער פראצעס פון ציוניסטישער פאר-ווירקלעכונג? די פראגע קען אויך אזוי אוועקגעשטעלט ווערן: צי איז בויטיק, אז יעדער, וואס געהערט נישט צום ארבעטער-קלאס און איז נישט ארגאניזירט אין אים, זאל זיין א שונא פונם ארבעטער-קלאס און דער ארבעטער-קלאס זאל זיין געצוואונגען מיט אים צו קעמפן, — אדער אפשר איז א חוץ א בורזשואזער מינדערהייט פון ארבעטסגעבער און קא-פיטאליסטן, וואס אירע אינטערעסן זענען קעגן די ארבעטער-אינטערעסן, פאראן א מאסע הארעפאשניקעס. אביונים און האלב-ארבעטער, וועלכע זענען מסוגל צו זיין פארבינדעטע פון ארבעטער-קלאס? צי קען מאקע נישט די דאזיקע מאסע מיטהעלפן אים אין זיין קאמף פאר יידישער אר-בעט, פאר אויסבעסערן דעם ארבעט-מצב, פאר דעמאקראטישער געזעלשאפט-לעכקייט און בירגער-רעכט, פאר אלגעמיינער אומזיסטער דערציונג, פאר חלוצישער יוגנט-הכשרה, פאר א גערעכטער שטייערן-צעטיילונג אין די שטאט-ראטן און קהלות, פאר נאציאנאלן קאפיטאל און באדן, פאר ביליקערע דירות און ביליקן קרעדיט, פאר פאלקס-געזונט, פאר פארשפרייטן די שפראך און קולטור צווישן אלעמען א. אז. וו. א. וו.?

צי דארף דער ארבעטער-קלאס שטיין איינער אליין, זארגן בלויז פאר זיך און קעמפן קעגן יעדערן, וואס געפינט זיך מחוץ זיינע ראמען, — אדער אפשר דארף ער גאר אפזונדערן די בורזשואזע מינדערהייט און ארום זיך קאנצענטרירן די פאלקס-מאסן, אויפריכטיק זארגנדיק פאר זייערע אינטערעסן און באדערפנישן, און אזוי ארום מיטבאטייליקן די מערהייט פון פאלק אין זיינע שטרעבונגען, פאדערונגען, קאמפן און דערגרייכונגען? צי איז די ארבעטער-באוועגונג פארורטיילט צו פארבלייבן בלויז א קלאסן-באוועגונג, ד. ה. איינגעשלאסן און אפגעגרענעצט אין איר קלאסן-ראם, — אדער זי קען און דארף מיטן כוח פון דער סאציאלער רעוואלוציע ווערן דאס פאלק? מיר דאכט, אז דאס איז די צענטראלע פראגע, וואס שטייט אין אונזער עפאכע פאר דער ארבעטער-באוועגונג אין אלע לענדער. אין א ספעציעלער פארם שטייט די דאזיקע פראגע אויך פאר אונזער באוועגונג. און דער צוזאמענפאר דארף דערויף געבן אן ענטפער. פון דעם ענטפער איז אפהענגיק די פאזיציע פונם ארבעטער אינם ישוב און אין ציוניזם.

פאראן וויי ניק לענדער, וואו דער ארבעטער-קלאס אליין בילדעט די מערהייט פון פאלק. דער זיג פון ארבעטער-קלאס, סיי ביי א פארלאמענטא-רישער, סיי ביי א רעוואלוציאנערער טעטיקייט-שיטה, וועט סוף-כל-סוף זיין אפהענגיק פון זיין פעיקייט און מעגלעכקייט צו ווערן א מערהייט. א מינדערהייט קען פארכאפן די מאכט נאר דארטן, וואו די מערהייט איז נישט ארגאניזירט און נישט מאביליזירט. אזוינס האט, צוליב ספעציפישע

היסטאָרישע סיבות, געטראָפן לעגינען אין מאָסקווע און מוסאָלינין אין רוים. דער דאָזיקער וועג קען אָבער נישט ווערן דער וועג פון ארבעטער-קלאַס, ווייל נאָך די איבערקערענישן אין רוסלאַנד און אין איטאַליע האָט די בורזשואַזיע אין אַלע לענדער זיך אויסגעלערנט די תורה פון געוואַלט און דיקטאַטור, און זי האָט באַוויזן זיך געהעריק צו באַוואָפנען און מאָביליזירן. איצט, וועט ביי יעדן קומענדיקן צוזאַמענשטויס, אין פאַרלאַמענט אָדער אויסער אים, דעצידירן די מערהייט. סיי אויפן וועג פון דעמאָקראַטיע און סיי אויפן וועג פון דיקטאַטור איז דאָס באַקומען אַ מערהייט דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר ביים לעצטן חשבון. און אויב דאָס גילט לגבי אויפגעבויטע לענדער, וואָס רעגירן מיט צוואַנג-מיטלען, — איז עס אַוודאי און אַוודאי גילטיק לגבי אונזער באַוועגונג, וועלכע פאַרמאָגט נישט קיין מלוכהשע מאַכט-אָרגאַנען, נאָר שטיצט זיך אויף פּרייוויליקייט און אויף מאָראַלישע כּוחות (וואָס זענען, אמת, אַ רעזולטאַט פון לעבנס-אינטערעסן). אונזער באַוועגונג קען אַוודאי נישט אדורכפירן איר שליחות, נישט שטיצנדיק זיך אויפן ווילן פון דער מערהייט, פון דער מערהייט אין ישוב און אין ציוניזם.

דער אַרבעטער-קלאַס קען זיך נישט גלייכן צום בעל-הבתישן קלאַס. די „קלאַסן-ליניע“ פונם ארץ־ישׂראלדיקן יידישן אַרבעטער איז אין איר מהות און תוך אַ נאַציאָנאַלע; די „נאַציאָנאַלע“ ליניע פונם יידישן בעל-הבית אין ארץ-ישׂראל איז אין איר מהות און תוך אַ קלאַסנדיקע. דער אַרבעטער, וועלכער פירט אויס געטריי די שליחות פון פאָלק און פון ציוניזם, — ווערט געקרוינט דורך זיינע קעגנער מיט אַ קלאַסן-קרוין. דער בעל-הבית, וועלכער איז, צוליב זיינע שמאָלע קלאַסן-אינטערעסן, סותר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, — טוט זיך אָן אַ נאַציאָנאַלע קרוין. ווען מען באַנוצט לגבי ביידע קלאַסן איין נאָמען, ווען מען זאָגט: אַרבעטער-קלאַס און בעל-הבתישער קלאַס, — באַגייט מען שוין אַ טעות אין דער אויסטייטשונג פון וואָרט. די אמתע אידענטישקייט איז אין דעם פאַל נאָר אין וואָרט, אָבער נישט אין אינהאַלט. עפּעס אַנדערש איז דער אַרבעטער-קלאַס און עפּעס אַנדערש דער בעל-הבתישער. די קלאַסנדיקייט פונם בעל-הבית געפינט זיך אין אַ סתירה צום פאָלקס-כּלל, ד. ה. צום רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק. דאַקעגן דעם אַרבעטערס קלאַסנדיקייט געפינט זיך אין איינקלאַנג מיטן פאָלקס-כּלל, ד. ה. מיט דער אַבסאָלוטער מערהייט פון פאָלק. ווען דער בעל-הבית קומט צו דער דערמאָנטער סתירה, שטעלט זיך ביי אים אַ פראַגע: וואָס איז וויכטיקער, — דער פאָלקס-אינטערעס צי קלאַסן-אינטערעס? ביים אַרבעטער קען זיך אַזאַ פראַגע נישט שטעלן. זיין קלאַסן-אינטערעס און דער נאַציאָנאַלער אינטערעס אידענטיפיצירן זיך. וואָרום קלאַסן-אינטערעס מיינט נישט דער פּריוואַטער אינטערעס פונם איינצלנעם אַרבעטער, — אָט דער אינטערעס קען אַמאָל זיין אין סתירה סיי צום נאַציאָנאַלן, סיי צום קלאַסן-אינטערעס, — עס רעדט זיך וועגן דעם אינטערעס פון אַרבעטער-כּלל און דעם אינטערעס פון פאָלקס-כּלל.

צווישן אָט די צוויי איז נישטאָ קיין קעגנזאַץ און קיין סתירה.

עס קען נישט געמאָלט זיין אַ יידיש פאָלק אין זיין אויפגעבויט היימלאַנד אָן אַ קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו מעכטיקן אַרבעטער־קלאַס, אָבער עס קען זיך אויך נישט שאַפן קיין אַרבעטער־קלאַס אָן דער הילף פון פאָלק. דער פאַרבאַדינג דערצו איז אַ ערלעכע און טעטיקע ציוניסטישע באַוועגונג. און אַזאַ באַוועגונג, ווידער, וועט נישט זיין, כל־זמן די אַרבעטער־באַוועגונג וועט נישט ווערן אַ פאָלקס־באַוועגונג.

דער אַרבעטער קען נישט מוותר זיין אויף זיין רעכט און פליכט צו ווערן אַ מערהייט אין ישוב און אין ציוניזם, — ווייל עס איז אַ גורל־פראַגע פאַר אים, פאַרן ישוב און פאַרן ציוניזם. דער נאַציאָנאַלער „ברוגז“, ביי וועלכן ס'האַלט זיך דער „בונד“, איז קיינמאָל נישט געוועזן די שיטה פון ארץ־ישראלדיקן יידישן אַרבעטער. די קלאַסן־טעטיקייט און די נאַציאָנאַלע טעטיקייט האָבן זיך אין אונזער באַוועגונג צונויפגעפלאָכטן צוזאַמען, און אין דערדאָזיקער צונויפגעפלאָכטנקייט שטעקט דער סוד פונם כוח און פון די דערגרייכונגען פונם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די אויסברייטערונג פון דער טעטיקייט, זי זאָל ווערן אַ פ אָ ל ק ס־טעטיקייט אין ישוב און אין ציוניזם דאַרף נישט געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון דער ק ל אַ ס ן־טעטיקייט. כדי דער אַרבעטער זאָל זיין בכוח צו ווערן אַ שטאַרקער מיטהעלפער און ריכטיקער וועגווייזער פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן — איז נויטיק, ער זאָל זיין פעסט צוזאַמענגעשלאָסן, ווירטשאַפטלעך און אָרגאַניזאַציאָנעל, אין זיין קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, ווייל אָן דעם וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קראַפטלאָזן און באַדייטונגלאָזן מענטשן־שטויב.

נאָר אין פאַרבינדונג מיט די ברייטע פאָלקס־קרייזן וועט געלונגען דעם אַרבעטער צו באַזיגן זיינע שונאים, נאָר מיט דער הילף פון די דאָזיקע קרייזן וועט ער דורכפירן זיין שליחות אין לאַנד און אין פאָלק. אַזאַ פאַרבינדונג איז דרייפאַך נויטיק: דעם אַרבעטער־קלאַס, די פאָלקסמאַסן, דעם ישוב און ציוניזם.

תל־אביב, ד' חשוון תרצ"ב (דבר 2291).

י. אויספירן

א) די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — די לאַנד־מלוכהשע לעזונג פון דער יידישער פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם — פאַרלאַנגט נאַציאָנאַל־מלוכהשע מיטלען. דאָס יידישע, מלוכהלאָזע פאָלק קען די דאָזיקע מיטלען צונויפ־ברענגען נאָר דורך אַ מאָביליזירונג פון דער נאַציאָנאַלער פרייוויליקייט און דורכן שאַפן אָרגאַניזאַציאָנעלע, פינאַנציעלע און פּאָליטישע אָרגאַנען, וועלכע זאָלן באַזירן אויפן ווילן פון פאָלק און אויף זיינע היסטאָרישע באַדערפענישן. דאָס קען געשען, כאָטש אַזעלכע אָרגאַנען פאַרמאָגן נישט קיין צוואַנגס־כוח און מאַכט־מיטלען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז באַרופן צו זיין דער צענטראַלער אינסטרומענט אויף צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע פאָלק און מאָביליזירן זיינע מאָראַלישע, פּאָליטישע, פינאַנציעלע און פערסאָנאַלע כוחות און מיטלען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

קיין שום טיילווייזע אַקציע און אָרגאַניזירונג קען נישט פאַרטרעטן דאָס אָרט פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף זיין געבויט אויף פאָלקסטימלעכע פונדאַמענטן, און וועלכע דאַרף אין זיך אַריינגעמען אַלע פאָלקס־טיילן אָן קיין שום אויסנאַם.

ב. די אָפּגעשוואַכטקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איר אָנמעכטיקייט אַנטקעגנצוקומען די עליה־ און קאָלאָניזאַציע־באַדערפנישן ספּעציעל אין איצטיקן מאָמענט פון קאָלאָניזאַטאָרישער הויך־קאָניונקטור, ווען עס זענען באַזונדערס שטאַרק די עליה־שטרעבונגען און באַדערפנישן פון די יידישע מאַסן, — די דאָזיקע אָפּגעשוואַכטקייט און אָנמעכטיקייט זענען נישט קיין רעזולטאַט בלויז פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, ווי עקאָנאָמישער קריזיס, פּאָליטישע אומגליקן א. ד. ג., נאָר זיי קומען אין אַ גרויסער מאָס פון דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידעישער צעשפּליטערטקייט, פון דער פאַרקריפּלונג פונם „אַלגעמיינעם ציוניזם“, וועלכער האָט ביז איצט מיט זיך פאָרגעשטעלט די מערהייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ג. דער בעל־הבתישער ציוניזם, וועלכער הילט זיך נאָך עד־היום איין אין אַ טלית פון „אַלגעמיינעם ציוניזם“, ווייזט אַרויס וואָס אַמאָל מער זיין ענגען קלאַסן־כאַראַקטער. צוליב קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־פאַרלאַנגען פאַרלירט דער דאָזיקער ציוניזם יעטוועדן ממשותדיקן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און זאָגט זיך אָפּ, באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק, פון אַלע עיקר־פּרינציפּן און לעבנס־פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און פון ארץ־ישראלדיקן ישוב. דאָס געשעט תמיד, ווען די קלאַסן־אינטערעסן און פאַרלאַנגען פונם בעל־הבית שטויסן זיך צוזאַמען מיט די דערמאָנטע פּרינציפּן און פאָדערונגען.

ד. דער בעל־הבתישער ציוניזם מאַכט שלום, מערסטנטייל, מיטן באָיקאָט אויף יידישער אַרבעט, וואָס עקזיסטירט אין אַ טייל יידישע ווירטשאַפטן, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס. נאָכמער, — ער גיט מאָראַלישע, געזעלשאַפטלעכע און מאַטעריעלע שטיצע די קרייזן, וואָס פרעדיקן אָפן קעגן פולער יידישער אַרבעט אין דער גאַנצער יידישער ווירטשאַפט.

דער בעל־הבתישער ציוניזם גרייפט אָן די אַרבעטנדיקע עליה און די חלוצישע באַוועגונג און גראָבט אונטער אַזוי אַרום דעם פעסטן און געטרייען פאַרווירקלעכונגס־זייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער בעל־הבתישער ציוניזם באַציט זיך מיט גרינגשעצונג צו די נאַציאָנאַלע פאָנדן און קערט זיך אָפּ פון די קאָלאָניזאַציע־באַדערפנישן, פון די באָדן־און איינאָרדנונגס־פאָדערונגען פון די אָרימע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך איינצוואָרצלען אויף היימלענדישער ערד אָן דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און נאַציאָנאַלן באָדן.

דער בעל-הבתּישער ציוניזם העלפט-צו די צעשטערונגס-פּרואוון, וועלכע עס מאַכן די שונאים פון יידישן אַרבעטער, צו צעברעכן די אַרבעטער-אייניקייט, צו צעשפּליטערן זייער אָרגאַניזאַציע, צו העצן איין אַרבעטער קעגן צווייטן· ער העלפט אַזוי אַרום צו צעבּרעקלען די חלוצישע באַוועגונג און צו צעשטערן איר גאַנצקייט אייך אין גלות.

דער בעל-הבתּישער ציוניזם העלפט אונטער די, וואָס שיקאַנירן די בירגער-רעכט פון די אַרבעטנדיקע און פון די אָרימע פאָלקס-מאַסן אין די שטאָט-פאַרוואַלטונגען און אין די אינסטאַנצן פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָ-נאָמיע. ער העלפט, אָפן און פאַרשטעלט, די פּרואוון צו צעשפּליטערן די כנסת-ישראל מיט אירע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, כּדי צו שטאַרקן די קלאַסן-מאַכט פון אַ הייפל בעלי-בתּים אין שטאָט און אין קאָלאָניע.

ה. די באַדערפנישן און שטרעבונגען פון אַרבעטער-קלאַס ליגן אויף דער ליניע פון די באַדערפנישן און שטרעבונגען פונם פאָלקס-כּלל. מיט זיין טעטיקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט זיין שאַפונג און קאַמף אין ישוב פירט אויס דער יידישער אַרבעטער גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלע און קלאַסן-שליחות.

ו. דער יידישער אַרבעטער פירט אַ קאַמף: פאַר אייגפירן הונדערט פּראָצענטיקע יידישע אַרבעט אין אַלע צווייגן פון דער ארץ-ישראלדיקער יידישער ווירטשאַפט; פאַר אויסבעסערן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור פון יידישן פאָלק און פאַר אַריבערפירן די מאַסן צו אַ פּראָדוקטיוו אַרבעטס-לעבן אין ארץ-ישראל; פאַר נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און נאַציאָנאַלן באָדן, אַדאַנק וועלכע די אומבאַמיטלטע מאַסן זאָלן זיך קענען קאָלאָניזירן; פאַרן אָפּשאַפן די קלאַסן-פּריווילעגיעס; פאַר אַ גערעכטער פונאַנדערטיילונג פון שטייערן-יאָך; פאַר די אָרגאַניזאַציע-, אַרבעט-און בירגער-רעכט פון יעדן ייד אָן אונטערשיד; פאַר איינפלאַנצן די העברעישע שפּראַך און קולטור-אוצרות ביי דער גאַנצער יידישער יוגנט, ביי אַלע יידן אָן אויסנאַם; פאַר פאַרשטאַרקן די חלוצישע דערציונג פון יינגען דור און צוגרייטן אים צו די פאַרווירקלעכונג-אויפגאַבען אין ארץ-ישראל; פאַרן אָפּשאַפן די קלאַסן-וואָס צעשפּאַלטן דאָס פאָלק און העצן איין טייל קעגן אַנדערן; פאַר באַנייען דאָס לעבן פון דער יידישער נאַציע אויפן יסוד פון אַבסאָלוטער און פולער גלייכהייט פון אַלע אירע אָנגעהעריקע, — דער קאַמף פאַר אָט די אַלע זאַכן איז נישט בלויז קיין קלאַסן-קאַמף, נאָר אַ קאַמף פאַר די יסודות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַר די היסטאָרישע לעבנס-באַדערפנישן פון יידישן פאָלק אין אַלגעמיין.

ז. מען דאַרף געזונט מאַכן און באַנייען די ציוניסטישע באַוועגונג; מען דאַרף פאַרבאַרייטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, זי זאָל קענען דערפילן אירע פאַראַנטוואָרטלעכע און שווערע אויפגאַבן אויפן עליה-און קאָלאָניזאַציע-געביט און אויפן פּאָליטישן פראָנט; מען דאַרף שיצן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן און דערגרייכונגען אין דעם זיך פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם און אין ארץ-ישראלדיקן ישוב, — אָבער דאָס אַלץ פאַרלאַנגט אַ וואַך-אָפּבייט

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ נאַרפעסטיקונג פון אירע אָרגאַ-ניזאַציאָנעלע יסודות אין צענטר און אין די פּיליעס, ווי אויך אַ רעפאָרמירונג פון איר קאָלאָניזאַטאָרישער און פּאָליטישער טעטיקייט-שיטה.

ח. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט במשך העכער אַ פערטל-יאָרהונדערט געטריי און שטאַנדהאַפטיק געטראָגן דעם יאָך פונם ארץ-ישראל-ווערק, פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, — ווערט איצט אויפגעפאָדערט צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון דער ציוניס-טישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע. די ארץ-ישראלדיקע אַרבעטער-באַוועגונג דאַרף — צוזאַמען מיט די קרייזן און פערזאָנען פון אַנדערע ציוניסטישע לאַגערן, וועלכע זענען געבליבן געטריי די נאַציאָנאַל-פּאָלקסטימלעכע יסודות פון ציוניזם, — ראַטעווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון צעשפּליטערונג און אַנטאַרטונג.

דער גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אָפּהענגיק פון דער מעגלעכקייט און פעיקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג איבערצונעמען די פולע אחריות פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זי אָנצופירן. די אַרבעטער-פּאַרטייען און די חלוצישע יוגנט אין ארץ-ישראל און אין גלות דאַרפן מאָביליזירן אַלע זייערע כוחות, כדי צו בילדן אַ דעצידירנדיקן כוח און פּאַקטאָר אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע און אין די לאַנד-פּיליעס.

ט. דער קאָנגרעס און די ציוניסטישע וועלט-אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגן נישט ביים היינטיקן טאָג אין די באַזונדערע לענדער קיין טעטיקייטס-אינסטרומענט און קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. אָנשטאָט ציוניסטישע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן פּאַרטייען, וואָס פטרן זייער גאַנצע ענערגיע און קראַפט אויף קעגנזייטיקן אַרומרייסן זיך, און אין בעסטן פאַל — אויף לאָקאַלער פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די ציוניסטישע און ארץ-ישראל-טעטיקייט האָט כמעט נישט קיינעם, וואָס זאָל זיך מיט איר אינטערעסירן. כדי צו שאַפן אַזאַ אַרבעט-אינסטרומענט, אַ זאַמלפּונקט פאַר די צעריסענע ציוניסטישע לאַגערן, איז נויטיק צו בילדן אין יעדן לאַנד אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַני-זאַציע, אין וועלכער יעדער ציוניסט, יעדער שקל-צאָלער זאָל פּערזענלעך און דירעקט זיין באַטייליקט.

די דאָזיקע איינהייטלעכע לאַנד-אָרגאַניזאַציע און איר לייטונג, וואָס וועט געוויילט ווערן אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אָרטיקע ציוניסטישע שקל-צאָלער, וועלן זיך באַשעפטיקן מיט די אַלע טעטיקייטן — און אויס-שליסלעך מיט די טעטיקייטן, — וועגן וועלכע דער קאָנגרעס פאַרהאַנדלט און נעמט אָן באַשלוסן: ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַרבעט פאַר די פאָנדן, עליה-און הכשרה-אָרגאַניזירונג, מאָביליזירן קאַפּיטאַלן און מענטשן פאַרן ארץ-ישראל-אויפבוי א. ד. ג. די גאַנצע „קעגנוואַרטס-אַרבעט" וועט פאַרבלייבן, ווי פריער, ביי די ציוניסטישע פּאַרטייען, און די לאַנד-אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אַריין אַלעמען, וועט זיך דערין נישט מישן.

י. די ציוניסטישע טעטיקייט איז אַ טעטיקייט מיט אַ היסטאָרישן אויסבליק און זי טאָר דעריבער נישט געמאַכט ווערן, ווי ביז איצט, צופעליק, פון יאָר צו יאָר, „פון האַנט צום מויל”. דאָס ציוניסטישע ווערק פאַרלאַנגט אַ פלאַנמעסיקע טעטיקייט-שיטה אויף אַ באַשטימטער צאָל יאָרן. די שיטה דאַרף נעמען אין אַכט די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן אין ארץ-ישראל, די באַדערפנישן און כוחות פון פאָלק אין גלות, די פּאָליטישע אומשטאַנדן און אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין געגעבענעם פעריאָד.

די פּראָיעקטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין דער הינזיכט דורכן פּאַרטיי-צענטער, דאַרפן דורך דער פּאַרטיי פאַרפעסטיקט ווערן אין אַ קאָלאָניזאַטאָרישן, פינאַנציעלן און פּאָליטישן טעטיקייטס-פּלאַן אויף די נאָענטע פינף יאָר. עס דאַרף זיין אַ קלאָר פּראָגראַם וועגן אַ פּלאַנמעסיקער עליה און קאָלאָניזאַציע, וועגן אַ נאַציאָנאַלער אָדער רעגירונגס-הלואה. דער דאָזיקער טעטיקייטס-פּלאַן דאַרף זיין אַן אָביעקט פון פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען מיט די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן.

יא. דער ציוניסטישער טעטיקייטס-פּלאַן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג וועט זיך נישט באַגנוגענען מיט די געביטן פון דער חלוצישער עליה און קאָלאָניזאַציע — כאָטש דאָס דאַרף אויך אויף ווייטער בלייבן די אַקס פון דער ציוניסטישער טעטיקייט — נאָר ער וועט אַרומנעמען די באַדערפנישן פון די ברייטע פאָלקס-קרייזן, ער וועט דערמעגלעכן די פאָלקס-מאַסן קומען קיין ארץ-ישראל און זיך איינוואָרצלען אין לאַנד אויף געזונטע, פּראָדוקטיווע יסודות; דער דערמאָנטער פּלאַן וועט אויך אין זינען האָבן צוצוציען קיין ארץ-ישראל דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל מיטן באַדינג פון יידישער אַרבעט.

יב. די זעלבסט-אָרגאַניזירונג פונם אַרבעטער-קלאַס ווערט כסדר שטאַרקער, זיינע עקאָנאָמישע, קאָלאָניזאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין לאַנד פאַרפעסטיקן זיך, עס וואַקסט די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע באַוועגונג (די אַרבעטער-פּאַרטייען, די חלוצישע יוגנט, די ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל) אין גלות, — דעריבער טאַקע ליגט אויף אונז אַ חוב אויסצושטרעקן אַ ברודערלעכע האַנט די אַלע ברייטע פאָלקס-קרייזן, די אָרימע, אַרבעטנדיקע און פאַראָרימטע מאַסן. מיר דאַרפן זיי העלפן זיך אָרגאַניזירן. מיר דאַרפן זיי אויפריכטיק העלפן ביים שיצן זייערע לעבנס-אינטערעסן און זייערע מענטשלעכע און בירגער-רעכט, ביים אויפהויבן זייער קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן מצב, ביים געזונט מאַכן דעם יסוד פון זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. מיר דאַרפן מיטהעלפן זייער עליה קיין ארץ-ישראל און אַריבערפירן זיי צו אַן אַרבעט-לעבן און פאַרוואָרצלונג אויף ערד. מיר דאַרפן זיי אַריינציען אין קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס פאַר די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פאָלקסטימלעכע פּרינציפּן אינם ישוב און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער יידישער אַרבעטער, וועלכער באַטראַכט זיך אַלס שליח פון גאַנצן פאָלק און וועלכער טראָגט די פולע אחריות פאַרן גורל פון ציוניסטישן

וועדק, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פונם ישוב – איז באַרופן אַריינצונעמען אין זיין קאַמף און שאַפן, אין זיינע אָנשטרענגונגען און דעראָבערונגען, די באַדערפנישן פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן, ער דאַרף פאַר זיי זאָרגן און מיטהעלפן. און – אינם ווילן אַריינצוציען אין זיין קאַמף און אין זיינע שטרעבונגען די מערהייט פון פאָלק, וועט ער דערפילן זיין שליחות און פאַרווירקלעכן זיין היסטאָרישע וויזיע.

תל־אָביב, ו׳ כסלו תרצ״ג (הפועל הצעיר 11).

LIGA POMOCY PRACUJĄCYM w PALESTYNIE
Warszawa, Gęsia 14 P. K. O. 8734